STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00766

SEFER KADEYSHIM

Menasheh Unger

Permanent preservation of this book was made possible by
Vivian Segerman Guze
in memory of
Gertrude & Harry Segerman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר קדושים

רביים אויף קידוש־השם

פון זעלבן מחבר:

חסידות און לעבן
ניו־יאָרק, 1946

פשיסכע און קאָצק
פאַרלאַג „פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע",
בוענאָס־איירעס, 1949

גוט יום־טוב קינדער
ניו־יאָרק, 1950

מועדים לשמחה
הוצאת „שלמה", תל־אביב, 1953

די חסידישע וועלט
פאַרלאַג „חסידות", ניו־יאָרק, 1955

חסידות און יום־טוב
פאַרלאַג „חסידות", ניו־יאָרק, 1958

ר' ישראל בעל־שם טוב
פאַרלאַג „חסידות", ניו־יאָרק, 1963

וועט בקרוב דערשיינען:

ספר קדושים — אדמו"רים על קידוש־השם
פאַרלאַג „מוסד הרב קוק", ירושלים

מיין רבי'שע חיים
אויטאָ־ביאָגראַפיע

גייסטיקע גבורה און ווידערשטאַנד אין די געטאָס און טויטן־לאַגערן

▼

פון אייביקן קוואַל
אָפּשטאַם פון פאַרשידענע יידישע מנהגים

אַדרעס פון מחבר:
MENASHE UNGER
225 West 106th Street, New York, N. Y. 10025

מנשה אונגער

ספר קדושים

רביים אויף קידוש־השם

פארלאג
שולזינגער
ברידער

ניו־יאָרק, 1967

MENASHE UNGER

SEFER KEDOSHIM

Publication of this Book was made possible
with the aid of a subsidy from

American Academy for Jewish Research
The Gustav Wurzweiler Foundation, Inc.
The Board of Rabbis of Greater Philadelphia
Morris and Emma Schaver Foundation
David and Miriam Weisz, Caracas, Venezuela
Jacob and Sofia Mishkin, Caracas, Venezuela

Copyright 1967 *by*
Menashe Unger
New York, N. Y. 10025

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

Printed in U.S.A. by
Shulsinger Brothers, Inc.
21 East 4th Street, New York, N. Y. 10003

253

געהייליקט דעם אָנדענק

פון מיין ברודער, דעם זשאבנער רבי'ן, הרה"צ

ר' אלעזר אונזער זצ"ל

זיין רביצין, הרבנית

אָדעלע, ע"ה

מיט זייערע צוויי קינדער

מיין שוועסטער, הרבנית

פערל שפּיראָ, ע"ה

מיין שוועגערין, הרבנית

חיה'טשע אונגער, ע"ה

אלע זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם, הי"ד.

אינהאַלט

הקדמה IX

דער אוסטילער רבי ר' פינעלע טווערסקי........................ 1
דער אָזאָרעניצער רבי ר' יצחק טווערסקי........................ 6
דער אַליקער רבי ר' אלתר יוסף־דוד לאַנדאָ........................ 12
דער אַלעקסאַנדרער רבי ר' יצחק מנחם־מענדל דאַנציקער........... 16
דער אַנטעניער רבי ר' ישראל שלום־יוסף האַגער........................ 23
דער אָסטראָווצער רבי ר' יחזקאל'ע האַלמשטאָק........................ 31
דער אַפּאָלער רבי ר' ירמיה קאַליש........................ 38
דער באָבאָווער רבי ר' בן־ציון האַלבערשטאַם........................ 43
דער באָיאַנער רבי ר' אברהם־יעקב פרידמאַן........................ 53
דער באָיאַנער רבי ר' משה'לע פרידמאַן פון קראָקע........................ 58
דער באַרשער רבי ר' פנחס'ל האַגער........................ 63
דער בוקאָווסקער רבי ר' אַלטער־ראובן שפּיראָ........................ 68
דער בלאָזשעווער רבי ר' מאיר שפּיראָ........................ 72
דעם בעלזער רבי'נס ברודער ר' שלום רוקח........................ 79
דער ברעזענער רבי ר' נחום־יהושע הלוי פּעטשעניק........................ 84
דעם גערער רבי'נס ברודער ר' משה־בצלאל אַלטער........................ 91
דער גראָדזשיסקער רבי ר' אליעזר האָראָוויץ........................ 98
דער גראָדזשיסקער רבי ר' ישראל שפּיראָ........................ 103
דער דזשיקאָווער רבי ר' אַלטער'ל האָראָוויץ........................ 111
דער האָראָדענקער רבי ר' יחיאל־מיכל האַגער........................ 117
דער ווישעווער רבי ר' ברוכ'ל האַגער........................ 131
דער ווישקאָווער־ראַדזימינער רבי ר' יעקב־אריה מאָרגנשטערן........ 142
דער זאַלאָשיצער רבי ר' שם קלינגבערג........................ 149
דער זוואָלינער רבי ר' חיים־ירחמיאל טויב........................ 153
דער זשאבנער רבי ר' אלעזר אונגער........................ 158
רביים פון דער זשיכלינער דינאַסטיע........................ 166
דער זשעליכאָווער רבי ר' אברהם־שלום גאָלדבערג און זיין ברודער
דער ריקער רבי ר' אלימלך גאָלדבערג........................ 179
דער טאָמאַשאָווער־לאָדזשער רבי ר' שלמה־זלמן וועלטפריינד.......... 183
דער טלומאַטשער רבי ר' יצחק האַגער........................ 189
דער טריסקער רבי ר' נחום טווערסקי........................ 193
דער טשיכוויווער רבי ר' ישעיה'לע האַלבערשטאַם........................ 198
דער כענטשינער רבי ר' יהושע־העשל הלוי האָראָוויץ........................ 202

דער לובלינער רבי ר' שלמה'לע אייגער און זיין ברודער, דער רבי ר' עזריאל אייגער 206
דער לובלינער רבי ר' משה־מרדכי טווערסקי פון טריסק 210
דער לוויטשער־סקערניעוויצער רבי ר' דוב־בער קאַליש 214
דער ליסקער רבי ר' צבי־הירש פרידלענדער 221
דער ליקיווער רבי ר' יוסף־אהרן מאָרגנשטערן 226
דער מאַטיסאַלקער רבי ר' חזקיה פיש 230
דער מעזשיבעזשער רבי ר' אברהם־יהושע העשל 234
דער נאָוואָמינסקער רבי ר' יוסף פערלאָוו 238
דער סאָכאַטשאָווער רבי ר' דוד באָרנשטיין 252
דער סאָקאָלאָווער רבי ר' יצחק־זעליק מאָרגנשטערן 258
די סטאָלינער רביים: ר' משה'לע און ר' אהרעלע פערלאָוו 267
דער סלאָנימער רבי ר' שלמה־דוד־יהושע וויינבערג 275
דער סטריער־סאַמבאָרער רבי ר' ישעיה־אשר הכהן יאָלעס 282
דער סטריקאָווער־קינאָווער רבי ר' יעקב־יצחק דן לאנדוי 294
דער ספינקער רבי ר' יצחק־אייזיק ווייס 301
דער פיאַסעטשנער רבי ר' קלונימוס־קלמן שפּירא 311
דער פילצער רבי ר' חנוך גד יוסטמאַן 321
דער קאָברינער רבי ר' משה־אהרן ראַבינאָוויץ 326
דער קאָזשעניצער רבי ר' אהרעלע האַפּשטיין 333
דער קאָלאָשיצער רבי ר' חנה האַלבערשטאַם 341
דער קאָמאַרנער רבי ר' ברוך סאַפרין 347
דער קאָסאָניער רבי ר' ישראל־צבי הלוי ראָטנבערג 354
דער קאָסאָווער רבי ר' חיים האַגער 360
דער קארלינער רבי ר' אברהם־אלימלך פּערלאָוו 363
דער קוידענאָווער רבי ר' אלטערקע פערלאָוו 368
דער קרימילאָווער רבי ר' נתן־נחום הכהן ראַבינאָוויץ 380
דער ראַדאָמסקער רבי ר' שלמה־חנוך הכהן ראַבינאָוויטש 389
דער ראַדאָשיצער רבי ר' קלמיש פינקלער 396
דער ראַדזינער רבי ר' שמואל־שלמה ליינער 400
דער ראָוונער רבי ר' אהרן פעטשעניק 410
דער ראַצפירטער רבי ר' שלום־אליעזר האַלבערשטאַם 415
דער שידלאָווער רבי ר' אלימלך־אריה הכהן ראַבינאָוויטש 422
זוך־צעטל פון רביים 429
אלגעמיינער זוך־צעטל 436
ספרים, ביכער און פּעריאָדיקס 443

הקדמה

דאָס „ספר קדושים — רביים אויף קידוש־השם" איז אַ רעזול־טאַט פון אַן אַרבעט, וואָס דער מחבר האָט אָנגעהויבן מיט אַ פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, באַלד ווי ס'איז באַקאַנט געוואָרן אין דער וועלט אונדזער גרויס אומגליק — דער דריטער חורבן פון אונדזער פאָלק.

מאַטעריאַלן פאַרן „ספר קדושים" האָבן מיר גענומען פון פאַרשידענע מקורות: פון גבית־עדות פון דער שארית־הפליטה, וואָס דער מחבר האָט אַליין פאַרצייכנט, אָדער געקראָגן שריפט־לעכע דערקלערונגען; פון פאַרשידענע יזכור־ביכער און פנקס־ביכער, וואָס לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן אַרויסגעגעבן; פון הקדמות פון פאַרשידענע ספרים, וואָס זיינען נאָכאַמאָל איבערגעדרוקט געוואָרן און דאָרט געפינען זיך פרטים וואו און ווען דער רבי, דער מחבר פון ספר, איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

אויך איז דער מחבר, צוליב דער דאָזיקער אַרבעט, געווען דריי חדשים אין מדינת־ישראל, וואו ער האָט אויפגענומען גבית־עדות פון דער שארית־הפליטה. מיר האָבן זיך אויך באַנוצט מיט די אַרכיוו־מאַטעריאַלן פון „יד ושם" און פון „קיבוץ לוחמי הגיטאות" אין ישראל. מיר זיינען צוליב דעם אויך גע־ווען אין פוילן און קאָפּירט מאַטעריאַלן, וואָס געפינען זיך אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, און מיר האָבן זיך אויך באַנוצט מיט דער ביבליאָטעק פון דער ייוו"א אין ניו־יאָרק. אויך האָבן מיר זיך באַנוצט מיט אַ טאָג־בוך, אין כתב־יד, וואָס אַ ייד האָט געפירט פון ערשטן טאָג אָן, ווען די דייטשן זיינען באַפאַלן גאַליציע ביז צו דער באַפרייאונג, וואָס געפינט זיך אין אונדזער רשות.

די אַרבעט איז געווען אַ לאַנגע און אַ שווערע. פאַראַן רביים וואָס מיר האָבן געהאַלטן אַז זיי זיינען אומגעקומען אין וואַר־שעווער געטאָ, און מיר האָבן אויסגעפונען אַז זיי זיינען אומ־געקומען אין אַנדערע שטעט.

די מערסטע רביים זיינען אומגעקומען נישט אין זייערע וואוין־שטעט. די רביים, וואָס האָבן געוואוינט אין קלענערע שטעטלעך, זיינען אַנטלאָפן קיין לאָדזש און וואַרשע און געמיינט אַז אין די גרויסע שטעט וועלן זיי זיך קאָנען ראַטעווען; די וואָס

האָבן געוואוינט אין וואַרשע, זיינען געלאָפן אין קלענערע שטעט־לעך אַריין, געהאָפט דאָרט זיך צו ראַטעווען. אָבער אַ גרויסע צאָל רביים האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן זייערע וואוין־ערטער, זיי האָבן געוואָלט בלייבן מיט די יידן און אומקומען צוזאַמען מיט זיי.

מיר האָבן אין די ביאָגראַפיעס פון די רביים, וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם, אויך אָנגעגעבן זייער גזע און געבראַכט די שיטה וואָס יעדער רבישע גזע האָט אַריינגעבראַכט אין חסידות, אַזוי אַז דאָס „ספר קדושים" איז אין דער זעלבער צייט אויך אַ געשיכטע פון חסידות פאַר די לעצטע דורות אין פוילן, אוקראַינע, וואָלין, גאַליציע, אונגאַרן, בוקאָווינע און בעסאַראַביע.

ביי יעדן קאַפּיטל פון אַ רבי'ן, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, האָבן מיר אויך איבערגעגעבן וועגן דעם אומקום פון זיין משפחה, זיינע ברידער, זיינע קינדער און איידעמס, אַזוי אַז אינעם „ספר קדושים" ווערן דערמאָנט אַן ערך דריי הונדערט און זיבעציק רביים.

מיר האָבן אויך אָנגעגעבן די ספרים, וואָס די רביים, אָדער זייערע עלטערן האָבן אַרויסגעגעבן, און אויך וואָס חסידים האָבן אַרויסגעגעבן נאָך זייערע אומגעקומענע רביים אויף קידוש־השם. מיר גיבן אויך אָן די ספרים, ביכער און זשורנאַלן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַנוצט אין אונדזער אַרבעט. מיר גיבן אויך אָן די דיכטער, שריפטשטעלער און עסייאיסטן, וואָס האָבן געשריבן וועגן די רביים, וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם.

אינעם „ספר קדושים" ווילן מיר באַווייזן, אַז די מנהיגי החסידות — די גייסטיקע פירער פון די חסידים — האָבן ביז צו דער לעצטער רגע פון זייער אומקום אויף קידוש־השם אַריינ־געגעבן התחזקות די יידן. אויך געווען רביים, וואָס זיינען געווען פאַרטיזאַנער, ווי דער ראַדאָשיצער רבי; רביים וואָס האָבן גע־רופן צום אויפשטאַנד און געהייסן פאַרברענען די געטאָס, ווי דער ראַדזינער רבי; רביים וואָס האָבן נישט געוואָלט אויספירן די באַפעלן פון די דייטשן, ווי דער ראַדאָמסקער רבי; רביים וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט ראַטעווען אויפן חשבון פון אַנדע־רע יידן, ווי דער קוידענאָווער רבי, דער בוקאָווסקער רבי און אַ סך אַנדערע רביים.

מיר שטעלן זיך פאָר, אַז אינעם „ספר קדושים" זיינען מסתמא פאַראַן אַ צאָל אומפינקטלעכקייטן, אָבער דאָס איז

געוועז אומפֿאַרמיידלעך. די דייטשן האָבן גרינטלעך געוואָלט לייזן די יידן־פֿראַגע אין אייראָפּע און זיי האָבן פֿאַרניכטעט גאַנצע שטעט און שטעטלעך, אַזוי אַז אין געוויסע מקומות איז אפילו נישט פֿאַרבליבן קיין איין לעבעדיקער מענטש, וואָס זאָל קאָנען איבערגעבן גענויע פּרטים וועגן דעם אומקום פֿון זיין שטעטל און ווען און וואו דער רבי איז אומגעבראַכט געוואָרן.

מיר האָבן צום סוף פֿון „ספר קדושים" געגעבן אַ זוך־צעטל פֿון די רביים, וואָס ווערן דערמאָנט אינעם בוך, געשטעלט לויט די נעמען פֿון די שטעט און שטעטלעך, וואו די רביים האָבן גע־וואוינט, ווייל די מערסטע רביים זיינען נישט אָנגערופֿן געוואָרן ביי זייערע נעמען, בפּרט נישט ביי די פֿאַמיליע־נעמען. די נעמען פֿון די רבנים און די קינדער פֿון די רביים האָבן מיר געגעבן אין אַן אַלגעמיינעם זוך־צעטל, אי לויט די נעמען פֿון שטעט און אי לויט זייערע פֿאַמיליע־נעמען; דאַן האָבן מיר געגעבן אַ זוך־צעטל פֿון די ספרים, ביכער און פּעריאָדיקס, וואָס ווערן דערמאָנט אינעם „ספר קדושים".

צום סוף ווילן מיר דאַנקען אַלע אָרגאַניזאַציעס און פּריינט, וואָס האָבן דערמעגלעכט אַז דאָס דאָזיקע בוך: „ספר קדושים" זאָל קענען דערשיינען.

זאָל דאָס „ספר קדושים" זיין אַ דערמאָנונג, וואָס די דייטשן האָבן געטאָן צום יידישן פֿאָלק. לאָמיר האַלטן הייליק דעם אָנדענק פֿון די קדושים, וואָס זיינען אומגעקומען על קידוש־השם! לאָמיר געדענקען וואָס די דייטשן האָבן צו אונדז געטאָן! געדענקען און קיינמאָל זיי נישט מוחל זיין!...

דער אוסטילער רבי ר׳ פינעלע טווערסקי איז אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין משפחה

ר׳ פינעלע אוסטילער איז געווען אַן איידעם פון בעלזער רבי׳ן, ר׳ ישכר בער רוקח. — ער האָט דרייסיק יאָר געגעסן קעסט ביי זיין שווער. — בלויז איין טאָכטער זיינע האָט זיך געראַטעוועט.

דער רבי ר׳ פינעלע טווערסקי פון אוסטילע האָט געוואוינט אין פשעמישל, גאַליציע, אָבער גערופן האָט מען אים דער „אוסטילער רבי״, וויל ער איז אַ פינף יאָר געווען רב און רבי אין דעם קליינעם שטעטל אוסטילע, וואָלין.

דער אוסטילער רבי ר׳ פנחס האָט אין גאַליציע געהאַט חסידים וואָס ער האָט איבערגענומען פון זיין שווער דעם אַלטן בעלזער רבי׳ן, ר׳ ישכר בער רוקח.

גערופן האָט מען אים ר׳ פינעלע, פאַר ליבשאַפט. דרייסיק יאָר איז ער געזעסן אין בעלזער הויף, ביי זיין שווער, און כאָטש ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם גאַנצן דרך פון בעלז, איז ער אָבער נישט אָפּגעטראָטן פון זיין אייגענעם דרך. ער האָט געטראָגן מלבושים אַביסל אַנדערש פון בעלז, און אפילו דער אופן פון רעדן איז געווען אַן אַנדערער, ער האָט תמיד גערעדט בנעימות, געלאַסן. ער איז געווען אַן אָפּגעשלאָסענער, אַ פאַרמאַכטער אין זיך, און ער איז געזעסן טאָג און נאַכט און געלערנט.

דער רבי ר׳ פינעלע איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ מאָטעלע (מרדכי) טווערסקי פון ראַכמיסטריווקע־זלאַטאָפּאָלע.

דער רבי ר׳ מאָטעלע איז געווען אַן אייניקל פון רבי׳ן ר׳ יוחנ׳טשע פון ראַכמיסטריווקע, וועלכער איז געווען דער יינגסטער זון פון רבי׳ן ר׳ מאָטעלע פון טשערנאָביל.

⁘

דער רבי ר׳ יוחנ׳טשע איז געווען אַ ברודער פון די רביים ר׳ אהרן פון טשערנאָביל, ר׳ משה פון קאָריסטישעוו, ר׳ יעקב־ישראל פון טשערקאַס, ר׳ נחום פון מאַקאַראָוו, פון ר׳ אברהם — דעם טריסקער מגיד, פון ר׳ דוד פון טאַלנע און פון ר׳ יצחק פון סקווערע.

דער רבי ר׳ יוחנ׳טשע האָט מאריך ימים געווען און געלעבט לענגער

פון אַלע זיינע ברידער, זיינען אַ גרויסע צאָל חסידים פון זיין פאָטער און פון זיינע ברידער צו אים געפאָרן.

דעם רבי׳ן ר׳ יוחנ׳טשע האָט מען געהאַלטן פאַר אַ גרויסן עניו. די צדיקי הדור האָבן אים שטאַרק געליובט און אויך זיין פאָטער — האָבן חסידים דערציילט — האָט אויף אים געזאָגט, אַז זיין נשמה האָט אַ ניצוץ פון דער נשמה פון רבי יוחנן בן זכאי.

ווען איינער פון זיינע חסידים האָט וועגן דעם אַמאָל דערציילט דעם רבי׳ן ר׳ יוחנ׳טשע, האָט ער עס אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און האָט זיך צעשמייכלט, און געזאָגט: „פאַרוואָס פאַרשטייט איר נישט מיין פאָטער׳ס ווערטער? זיי זיינען דאָך גאַנץ פשוט. איך הייס יוחנן, מיין פאָטער איז אָן ספק געווען כולו זכאי, נו, איז מיין נאָמען טאַקע יוחנן בן זכאי״...

דער רבי ר׳ יוחנ׳טשע איז נפטר געוואָרן ד׳ ניסן, תרנ״ה (1895).

נאָך זיין פטירה איז זיין זון ר׳ נחום געוואָרן רבי אין ראַכמיסטריווקע און זיין עלטסטער זון, ר׳ מאָטעלע, איז געוואָרן רבי אין זלאַטאָפּאָלע און מען האָט אים גערופן דער ראַכמיסטריווקער־זלאַטאָפּאָלער רבי.

ביי דעם רבי׳ן ר׳ מאָטעלע פון זלאַטאָפּאָלע איז אין יאָר תר״ם (1880) געבוירן געוואָרן אַ זון ר׳ פּנחס. ער איז אויפגעצויגן געוואָרן אין הויז פון זיין זיידן ר׳ יוחנ׳טשע און ער האָט זיך אָפּגעלערנט די מידות פון עניוות פון זיין זיידן.

ר׳ פּנחסל האָט דערנאָך געלערנט ביי זיין פאָטער אין הויז. דער פאָטער האָט תמיד געזאָגט די חסידים, אַז זיין פּנחסל איז באַשאַפן געוואָרן צו זיין אַ גדול בישראל. ער איז פון קליינערהייט אָן געווען אַן אָפּגעשלאָסענער, ער האָט וויניק גערעדט מיט די חסידים, און מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער איז אַ גרויסער בעל־לשון אין לשון קודש.

חסידים דערציילן, אַז ווען ער איז נאָך געווען יונג האָט ער אַמאָל זיך שטאַרק אָנגענומען פאַר אַן אלמנה, וואָס איז אַריינגעקומען אין רבי׳שן הויף און האָט פאַרלאַנגט פון גבאי געלט, וואָס עס איז איר נישט געקומען.

האָט דער גבאי גע׳טענה׳ט צו ר׳ פּנחסל:

„זי איז דאָך נישט גערעכט! עס קומט דאָך איר גאָרנישט!״

האָט ר׳ פּנחסל געענטפערט:

„אין דער תורה שטייט: ׳כל אלמנה ויתום לא תענון, אם תענה אותו כי אם צעקות תצעק אלי שומע אשמע צעקתו׳, אַן אלמנה און יתום טאָר מען נישט פייניקן און אויב מען וועט זיי יאָ פייניקן וועלן זיי שרייען צום אייבערשטן, וועט דער אייבערשטער צוהערן זייער געשריי. איז דאָך אַ קשיא: און אויב אַ מענטש וואָס איז נישט קיין יתום וועט תפילה טאָן צום אייבערשטן וועט דער אייבערשטער נישט צוהערן זיין תפילה? דער רבונו־של־עולם איז דאָך אַ רחום וחנון!

„נאָר דער תירוץ איז — האָט ר׳ פּנחסל געענטפערט — ווען אַ מענטש

איז נישט קיין יתום און ער וועט מתפלל זיין צום אייבערשטן און שרייען, אַז מען האָט אים באַרויבט, וועט דער אייבערשטער זען צי ער האָט רעכט, צי זיינע טענות זיינען גערעכטע, און אויב ער איז נישט גערעכט, וועט דער אייבערשטער זיין תפילה נישט צוהערן, אָבער אַן אלמנה און יתום, אַז זיי וועלן שרייען צום אייבערשטן, וועט דער אייבערשטער צוהערן זייער געשריי ווען אַפילו זיי זיינען נישט גערעכט, ווייל דער אייבערשטער איז אַ דערבאַ־רעמדיקער. דעריבער — האָט ר׳ פנחסל אויסגעלאָזט — פאָלג מיך און גיב איר דאָס געלט וואָס זי בעט, — ווייל אויב זי וועט שרייען צום אייבערשטן, וואָס וועט דעמאָלט זיין?״ . . . [1]).

ר׳ פנחסל האָט ליב געהאַט יעדן יידן. מען האָט אים איינמאָל גע־פרעגט, — ווערט דערציילט, — פאַרוואָס זאָגן די חז״ל „גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה?״. עס איז גרעסער די מצוה פון הכנסת אורחים ווי מקבל צו זיין די שכינה. האָט ר׳ פנחסל געענטפערט:

„דאָ אין רוסלאַנד אין די קאַלטע ווינטערדיקע טעג קאָן מען דאָס בע־סער פאַרשטיין. ווען אַ ייד שטייט אין דרויסן פאַר דער טיר, און ס׳איז אַ גרויסע קעלט און שניי, קאָן ער זיך, חס־וחלילה, פאַרקילן פון קעלט, דע־ריבער דאַרף מען אים וואָס שנעלער אַריינגעמען אין שטוב, אָבער כביכול, וועט נישט געפרוירן ווערן פון קעלט״ . . . (דאָרט).

אין יאָר תר״ס (1900) האָט ר׳ פנחסל אין עלטער פון צוואַנציק יאָר חתונה געהאַט מיט דעם אַלטן בעלזער רבי׳נס טאָכטער. דער רבי ר׳ ישכר בער איז געווען דער דריטער דור פון דער גרויסער בעלזער דינאַסטיע.

∴

דער גרינדער פון דער בעלזער דינאַסטיע איז געווען דער רבי ר׳ שלום רוקח, אַ תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין און פון רבי׳ן ר׳ אורי׳לע סטרעליסקער, גערופן „דער שרף״.

אין יאָר תרע״ו (1816) איז דער רבי ר׳ שלום נפטר געוואָרן און זיין זון, ר׳ יהושע׳לע, איז געוואָרן רבי.

איבער פערציק יאָר האָט דער רבי ר׳ יהושע׳לע געפירט די רבי׳סטווע. עס זיינען געפאָרן קיין בעלז חסידים פון מזרח און מערב גאַליציע, פון פוילן און אונגאַרן.

בעלזער חסידות איז געווען אַ פרום־תמימות׳דיק חסידות. בעלזער חסידים פלעגן זיצן ביים רבי׳ן חדשים לאַנג, זיי זיינען געווען די „יושבים״. בעלזער חסידות האָט געקעמפט קעגן דער השכלה, און ווען דער רבי ר׳ יהושע׳לע איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרנ״ד (1894), איז זיין זון, ר׳ ישכר בער, געוואָרן רבי.

1) געבראַכט אין ספר „אלה אזכרה״, 2־טער באַנד, זייטן 183־184.

און ווען עס איז געפּראַוועט געוואָרן ר׳ פינעלעס חתונה אין בעלז, זיינען טויזנטער און טויזנטער חסידים געקומען צו דער חתונה. אויף אַלע באַן־סטאַנציעס זיינען צוגעקומען חסידים וואָס זיינען געפאָרן צו דער גרויסער חתונה קיין בעלז . . .

און דער חתן ר׳ פינעלע איז אַריינגעפאַלן עפּעס אין אַ גאַנץ אַנדער וועלט.

אין ראַכמיסטריווקע האָט מען געלערנט, אַז מען דאַרף זיין שטיל און צוריקגעצויגן, אַלץ דאַרף געטאָן ווערן בצניעות, און בעלז איז געווען פרום מיט קולות, מיט גרויס התלהבות. ביים דאַווענען האָבן בעלזער חסידים געברענט, געריסן פון די ווענט, און ראַכמיסטריווקע איז געווען איינגעהאַלטן, רואיק אין דרויסן און פייערדיק אינעווייניק.

אויך איז דער חתן, ר׳ פינעלע, געגאַנגען אָנגעטאָן אין ריינע זייבערע מלבושים, געקרייזלטע פּיאות, געגעדט שטיל, געוואויגן יעדעס וואָרט.

האָט מען געמיינט, אַז ר׳ פינעלע וועט זיך נישט איינלעבן אין בעלז. אָבער ווען ר׳ פינעלע איז צוויי יאָר נאָך דער חתונה, אין יאָר תרס״ב (1902), געקומען עסן קעסט אין בעלז, איז ער שוין געבליבן זיצן אין בעלזער הויף און געוואָרן אַ „תלמיד״ פון אַלטן בעלזער רבי׳ן.

בעלזער חסידים האָבן אָנגעהויבן ליב קריגן ר׳ פינעלען און דער אַלטער בעלזער רבי האָט גאָר שטאַרק געהאַלטן פון זיין איידעם . . .

דרייסיק יאָר איז ר׳ פינעלע געזעסן אין בעלזער הויף און אין זיך איינגעזאַפּט דאָס בעלזער חסידות, ער האָט געהערט זיין שווער׳ס תורות און האָט איבערגענומען זיין שווער׳ס הנהגות אין חסידות.

און די טויזנטער און טויזנטער חסידים וואָס זיינען געקומען אויף אַ שיינעם שבת און יום טוב קיין בעלז, זיינען אַריינגעגאַנגען זיך „געזעגענען״ אויך צו ר׳ פינעלען, דאָרט האָבן זיי געהערט איבערזאָגן די תורה וואָס זיין שווער האָט געזאָגט, און דאָרט האָט מען געהערט דערציילן מעשיות פון די בעלזער רביים . . .

ר׳ פינעלע איז געוואָרן דער „חוזר״ פון אַלטן בעלזער רבי׳ן. ער האָט געדענקט פון אויסווייניק אַ וועלט מיט תורות פון זיין שווער, און דערציילט חסידישע מעשיות, אָבער אַליין האָט ער גאָרנישט פאַרשריבן וואָס ער האָט געזאָגט. ער איז געווען צופיל עניו, ער זאָל פאַרצייכענען זיינע אייגענע חידושי תורה.

אין ספר שו״ת „אור המאיר״ פון לובלינער גאון, ר׳ מאיר שפּירא, דער גרינדער פון „ישיבת חכמי לובלין״, איז פאַראַן אַ תשובה צו ר׳ פינעלען (סימן מ״ה), וואָס ער פאַרענטפערט אַ קשיא פון אַלטן בעלזער רבי׳ן.

דער רבי ר׳ פינעלע איז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה מיטגעפאָרן מיט זיין שווער, דעם אַלטן בעלזער רבי׳ן, קיין ראַצפירט, אונגאַרן, און פון

דאָרט קיין מונקאַטש, און פון מונקאַטש קיין האָלאָשיץ. אומעטום האָט ר׳ פינעלע מיטגעוואַנדערט מיטן שווער און מיט זיין שווער׳ס גאַנצן הויף.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער אַלטער בעלזער רבי האָט צוריק אויפגעשטעלט אין בעלז זיין הויף, איז ר׳ פינעלע ווייטער געבליבן אין בעלז.

זיין פאָטער ר׳ מאָטעלע איז נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אַנטלאָפן פון אוקראַינע, און ער האָט נאָך לאַנגע וואַנדערונגען זיך באַזעצט אין ירושלים.

∴

און ווען דער אַלטער בעלזער רבי, ר׳ ישכר בער, איז נפטר געוואָרן (כ״ד חשון, תרפ״ז (1927), איז זיין זון ר׳ אהרעלע געוואָרן רבי (ער האָט זיך געראַטעוועט פון די דייטשע רוצחים בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה דורך אַ נס, און איז נפטר געוואָרן אין יאָר תשי״ז (1957) אין תל־אביב), און זיין שוואָגער ר׳ פינעלע איז געוואָרן רב און רבי אין אוסטילע, אַ שטעטל אין וואָלין, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ רב נאָךביים שווער׳ס לעבן.

פינף יאָר האָט ר׳ פינעלע געוואוינט אין אוסטילע. דערנאָך האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין פשעמישל (מיטל גאַליציע) און טויזנטער חסידים זיינען צו אים געפאָרן.

און ווען די דייטשן זייען אַריין קיין גאַליציע אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן זיי גלייך אָנגעהויבן אַרעסטירן פאַרשידענע יידישע פאַרשטייער.

די נאַציס האָבן אויך געזוכט דעם רבי׳ן ר׳ פינעלע, אָבער ר׳ פינעלע האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פשוט׳ן יידן און איז אַנטלאָפן פון פשעמישל קיין סאַמבאָר.

צוויי און אַ האַלב יאָר איז ר׳ פינעלע געזעסן אין סאַמבאָר און די נאַציס האָבן נישט געוואוסט ווער ער איז.

דער רבי ר׳ פינעלע האָט ווייטער אָנגעהאַלטן זיין דרך אין חסידות, אויף וויפיל ער האָט געקענט.

און ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע שחיטות פון די דייטשן אויף די יידן, האָבן די חסידים אים געוואָלט ראַטעווען, אָבער עס איז זיי דאָס נישט געלונגען, און י״ט אייר תש״ג (1943) איז דער רבי ר׳ פינעלע טווערסקי, צוזאַמען מיט זיין רביצין און זיינע זעקס קינדער, אומגעקומען אויף קידוש השם.

געראַטעוועט האָט זיך בלויז זיין איינציקע טאָכטער מיט זיין איידעם, דער סקווערער רבי, וועלכער וואוינט אין אַמעריקע.

דער אָזאַרעניצער רבי ר׳ יצחק טווערסקי

די דײַטשן האָבן געמאַכט אַ „ספּעקטאַקל“ מיטן רבי׳ן: זײ האָבן אים אָנגעטאָן אין אַ טלית, אים צוגעבונדן צו אַ בוים און די ייִדן זײַנען געשטאַנען אַרום אים. די דײַטשען האָבן בײַ אים געריסן די באָרד און די ייִדן האָבן געמוזט פּאַטשן בראַוואָ. דערנאָך האָבן די דײַטשן דערשאָסן דעם רבי׳ן. — ייִדן מאַכן הקפות שמחה־תורה אין אַ וואַגאָן וואָס פירט זײ צום טויט.

דאָס איז געווען אין הושענא־רבה, אין ראַדאָוויץ (בוקאָווינע), אין יאָר 1941. די דײַטשן האָבן צונויפגעטריבן פופצן טויזנט ייִדן פון שטאָט צום באַן־הויף. זײ זײַנען געגאַנגען פון הויז צו הויז און אַרויסגעטריבן די ייִדן פון די שטובן. בײַ דער באַן־סטאַנציע זײַנען געשטאַנען עטלעכע הונדערט וואַגאָנען.

דער אָזאַרעניצער רבי, ר׳ יצחק טווערסקי, הי״ד

„מען האָט אונז מיט געוואַלט אַהין אַרײַנגעשטופּט. די וואַגאָנען האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן. מיר האָבן געוואוסט אַז מיר פאָרן, אָבער וואוהין מען פירט אונז האָט קיינער ניט געוואוסט. מיר זײַנען געפאָרן אַ טאָג און אַ נאַכט און נאָך אַ טאָג. אין אונזער וואַגאָן איז געווען אַ קלײן ספר־תורהלע, וואָס אַ ייִד האָט מיטגענומען. אין וואַגאָן איז

געווען מורא׳דיק ענג, עס איז געווען פשוט נישט אויסצוהאַלטן. פּלוצלינג האָט אַ ייד אַ געשריי געגעבן: ‚יידן, עס איז דאָך היינט שמחת־תורה — לאָמיר מאַכן הקפות!׳

„און די יידן אין וואַגאָן האָבן גענומען די ספר־תורה און איינער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן ‚אנא ד׳ הושיעה נא׳. דער עולם האָט מיט גרויס געוויין נאָכגעזאָגט. און אַזוי האָט מען געגעבן די ספר־תורה צו יעדן יידן אין האַנט אַריין, און מיר האָבן געמאַכט הקפות אין דעם טויטן־צוג, וואָס האָט געפירט פופצן טויזנט יידן פון ראַדאָוויץ אומצוקומען אין טראַנסניסטריע״.

אָט די דאָזיקע „מגילת דמים״, די מגילה פון בלוט און טרערן, האָט מיר דערציילט דער יונגער רב ר׳ אהרן טווערסקי פון לאָס אַנדזשעלעס, וועלכער איז דער יינגסטער זון פון רבי׳ן און קדוש ר׳ יצחק׳ל טווערסקי, וואָס איז געווען רבי אין בעלץ, בעסאַראַביע, און איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, הי״ד.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן איז הרב ר׳ אהרן טווערסקי נאָך געווען זייער יונג.

ער איז געפאָרן קיין טשערנאָוויץ אָפּנעמען אַ ספר־תורה, וואָס זיין פאָטער, דער אָזאַרעניצער רבי אין בעלץ, בעסאַראַביע, האָט געלאָזט שרייבן.

דער אָזאַרעניצער רבי, ר׳ יצחק טווערסקי, איז געווען אַן אור־אייניקל פון טשערנאָבילער רבי׳ן ר׳ אהרן טווערסקי. דער לעצטער אָזאַ־רעניצער רבי ר׳ יצחק, איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ ברוך־מאיר פון אָזאַרעניץ (אַ טייל פון מאָהילעוו־פּאָדאָלסק — אַ טייך טיילט אָפּ צווישן די צוויי שטעט), וועלכער איז געווען אַ זון פון ר׳ נחום, וואָס איז געווען אַ זון פון ר׳ אהרן פון טשערנאָביל. ר׳ נחום איז נפטר געוואָרן בחיי אביו.

דער אָזאַרעניצער רבי, ר׳ יצחק טווערסקי, האָט געוואוינט אין בעלץ, בעסאַראַביע. ער איז געווען אַן איידעם פון אלעסקער רבי׳ן ר׳ ישראל אשכנזי, וואָס האָט געוואוינט אין באַרלאַד, רומעניע. מען האָט אים דאָרט גערופן דער באַרלאַדער רבי.

ר׳ יצחק׳ס ווייב האָט געהייסן מלכה־פריידע.

דער אָזאַרעניצער רבי ר׳ ברוך האָט געהאַט אַ גרויסן עולם חסידים. ער האָט זיך געפירט לויטן טשערנאָבילער דרך. ער האָט געגעבן קמיעות און האָט אויך פאַרשריבן רעצעפּטן אין לאַטיין. ער האָט געהאַט פיר קינ־דער: צוויי טעכטער און צוויי זין. איין טאָכטער, רבקה, און אַ זון, שמעון, זיינען אומגעקומען דורך די דייטשן. די אַנדערע טאָכטער, חנה׳לע, איז גע־ווען די פרוי פון הרב ד״ר שמעון שטיין פון ראַדאָוויץ (ער איז אומגעקומען דורך די רומענער, ה׳ תשרי, 1941, הי״ד). דער יונגער אהרן איז געפאָרן פון

טשערנאָוויץ צו זיין שוועסטער קיין ראַדאָוויץ און איז געוואָרן אָפּגע־שניטן פון זיינע עלטערן.

וואָס עס איז געשען מיט זיין פאָטער, דעם אָזאַרעניצער רבי׳ן אין בעלץ, האָט הרב אהרן טווערסקי זיך דערוואוסט פון אַנדערע יידן. זיי האָבן אים דערציילט, אַז ווען די דייטשן זיינען אַריין קיין בעסאַראַביע האָט, באַלד דעם ערשטן טאָג, בעלץ אָנגעהויבן צו ברענען. אויך דעם רבי׳נס הויז איז פאַרברענט געוואָרן. און דריי טעג שפּעטער האָבן די דייטשן צונויפגעטריבן אַלע יידן פון שטאָט צוזאַמען מיטן רבי׳ן און זיי אַוועקגעשיקט קיין טראַנסניסטריע.

אין בעלץ זיינען געווען אַ פּופציק טויזנט אידן. דעם רבי׳ן האָבן די דייטשן פאַרטריבן קיין אָבאַדאָווקאַ, אַ דאָרף אין טראַנסניסטריע.

די דייטשן, צוזאַמען מיט די רומענער, האָבן מורא׳דיק געמאַטערט די יידן און דעם בעלצער רבי׳ן, און י״ד כסלו, תש״א (1941) האָבן די דייטשן געמאַכט אַ „ספּעקטאַקל״ מיטן רבי׳ן...

די דייטשע מערדער האָבן צונויפגעטריבן די אידן, האָבן אַרויסגע־נומען דעם רבי׳ן און אים צוגעבונדן צו אַ בוים. דער רבי איז געווען איינגעהילט אין אַ טלית און די יידן זיינען געשטאַנען אַרום. די דייטשן האָבן געריסן ביים רבי׳ן די באָרד און פּיאות. און ווען דער רבי האָט פאַר יסורים אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ, אָדער עס האָט זיך אַרויסגעריסן אַן „אוי״ פון זיין מויל, האָבן די יידן געמוזט פּאַטשן בראַוואָ פאַר „פרייד״, וואָס מען פּייניקט דעם „ראַבינער״... אַזאַ באַפעל האָבן די דייטשע רוצחים געגעבן די יידן.

דערנאָך האָבן די דייטשן דערשאָסן דעם רבי׳ן, הי״ד.

אָט אַזוי איז דער רבי און קדוש, ר׳ יצחק טווערסקי, אומגעקומען אויף קידוש־השם אין אַ דאָרף אין טראַנסניסטריע.

לויט ווי אַ ייד, וועלכער איז על פּי נס געבליבן לעבן, האָט דערנאָך איבערגעגעבן, האָט דער רבי פאַר יציאת נשמה געבעטן די יידן, אַז אויב עמיצער פון זיי וועט בלייבן לעבן, זאָל ער לאָזן וויסן זיינע קינדער; אויב אויך פון זיי וועט עמיצער בלייבן לעבן, זאָלן זיי נאָך אים זאָגן קדיש. די קינדער, וואָס זיינען געבליבן לעבן, האַלטן הייליק די יאָרצייט פון זייער פאָטער, דעם אָזאַרעניצער רבי׳ן, הקדוש ר׳ יצחק טווערסקי, הי״ד.

דעם אָזאַרעניצער רבי׳נס ווייב און זייערע צוויי קינדער זיינען גע־שטאָרבן פון הונגער און פלעקן־טיפוס אין טראַנסניסטריע.

∴

הרב ר׳ אהרן טווערסקי, וואָס וואוינט איצט אין לאָס אַנדזשעלעס, איז דעמאָלט געפאָרן מיט די יידן, וואָס האָבן שמחת־תורה געמאַכט הקפות אין וואַגאָן. די צוויי הונדערט וואַגאָנען זיינען, נאָך פיר טעג פאָרן, אָנ־געקומען קיין אָטיק, לעבן מאָהילאָוו. אַ סך יידן זיינען געשטאָרבן פון הונגער און דאָרשט אין די וואַגאָנען.

אין אָטיק האָבן געוואוינט צוויי טויזנט יידן. די דייטשן האָבן זיי דערשאָסן און אַריינגעפירט אין שטאָט משוגעים. אָט אַזוי האָבן די פופצן טויזנט יידן פון ראַדאָוויץ פלוצלינג זיך געפונען אין אַ שטאָט פון בלויז משוגעים...

זעקס טעג זיינען די יידן דאָרט געווען, דערנאָך האָט מען זיי גע־טריבן מיט פליטן אויפן דניעסטער קיין מאָהילאָוו. די מאָהילאָווער יידן האָבן די דייטשן פריער אַרויסגעטריבן. די הייזער זיינען געווען אָפּגע־לאָזן און די דעכער איינגעפאַלן. די יידן האָבן אָבער געזוכט ווי ניַשט איז זיך איינצואָרדענען און זיי האָבן מקבר־געווען די טויטע.

איינמאָל האָט ר׳ אהרן טווערסקי געגראָבן אַ קבר פאַר אַ קדוש, האָט ער געפונען אַ קליין ספר־תורה׳לע. ער האָט דאָס ספר־תורה׳לע באַהאַלטן אין אַ בלעך און עס קובר־געווען אויף אַן אַנדער אָרט און זיך געגעבן אַ נדר, אַז אויב ער וועט בלייבן לעבן, וועט ער צוריקקומען צו דעם אָרט, אויפגראָבן דעם גרוב און אַרויסנעמען די ספר־תורה. „און השם־יתברך האָט מיך געלאָזט לעבן — דערציילט הרב ר׳ אהרן טווערסקי — און איך בין נאָך דער מלחמה געקומען קיין מאָהילאָוו, האָב אויפגעגראָבן דעם גרוב, אַרויסגענומען דאָס ספר־תורה׳לע, עס געבראַכט קיין ניו־יאָרק און עס אַריינגעגעבן אין דער ישיבת ר׳ יצחק אלחנן, וואו איך האָב געלערנט און געקראָגן סמיכה צו ווערן רב״.

∴

אויך דעם אָזאַרעניצער רבי׳נס טאָכטער, חנה׳לע, איז געטריבן געוואָרן מיט איר קליין קינד קיין אָזאַרעניץ. דאָרט האָט זי געטראָפן אַן אַלטן גוי. טראָגנדיק דאָס קינד אויף דער האַנט איז זי אַריין צום גוי און האָט אים געזאָגט, אַז זי איז דעם אָזאַרעניצער רבי׳נס טאָכטער. דער אַלטער גוי האָט געדענקט דעם רבי׳ן און ער האָט זיך צעוויינט. זי האָט אים דערציילט וועגן איר ביטערן מצב, אַז הרב ד״ר שמעון שטיין איז דער׳הרג׳עט געוואָרן, און זי איז געבליבן מיט איר דריי־חדשים׳דיק קינד, דוד׳ל. די רומענער האָבן איר מאַן, הרב שטיין, מורא׳דיק געשלאָגן און ער איז פון די קלעפּ געשטאָרבן אין טשערנאָוויצער שפּיטאָל.

דער גוי האָט אויף איר געקראָגן רחמנות און איר געהאָלפן. ער

האָט זי געלאָזט בלייבן אין שטאָט מיט איר קינד ביז איבער דער מלחמה. זי האָט געאַרבעט און זיך דערנערט מיט איר קינד.

אויך איר ברודער, הרב אהרן טווערסקי, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ יונג יינגל, איז געטריבן געוואָרן קיין מאָהילאָוו. דאָרט האָט ער געאַרבעט עבודת־פּרך און האָט נישט געגלויבט, אַז ער וועט קענען אויסהאַלטן.

די דייטשן האָבן אין טראַנסניסטריע געהאַט אַן אַנדערן סיסטעם ווי אַזוי אומצוברענגען די יידן. זיי האָבן דאָרט נישט געשאַפן קיין טויט־לאַגערן, אויך נישט קיין גאַז־אויוונס, נאָר מען האָט די אידן פּשוט אַריינגעטריבן אין גרויסע בלאָטעס און מען האָט זיי געלאָזט אויסגיין פאַר הונגער.

און אַזוי האָט מען געלעבט ביז עס איז געקומען דער טאָג פון ישועה.

אָבער ווען מען האָט אָנגעהויבן צו הערן די שיסערייען ביי דער שטאָט און מען האָט זיך גערעכנט, אַז די רויטע אַרמיי וועט היינט־מאָרגען אַריין אין שטאָט, איז פּלוצלינג צוגעפאָרן אַ טראָק צו דער אייזנגיסעריי און מען האָט אויף גיך אַרויסגענומען אַ גרויסע גרופּע יידן, צווישן זיי אויך דעם יונגן אהרן, און זיי אָפּגעפירט אין וואַלד אַריין.

דאָרט האָבן די דייטשן געגעבן אַ באַפעל די יידן זיי זאָלן גראָבן אַ גרוב. די דייטשע מערדער האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דער גרופּע יידן מיט מאַשין־געווער. די יידן האָבן שוין גוט געוואוסט וואָס דאָס מיינט. זיי האָבן אָנגעהויבן צו זאָגן פאַרשידענע תפילות, יעדער איינער האָט געשריגן „שמע ישראל" און זיך געגרייט אומצוקומען אויף קידוש־השם.

אָבער פּלוצלינג איז געקומען צופאָרן אַ דייטשער גענעראַל און האָט געגעבן אַ באַפעל צו די עס־עס־לייט, אַז מען זאָל צוריקפירן אַלע יידן. די יידן האָבן געמוזט שנעל אַריין אין טראָק און מען האָט זיי צוגעפירט צו דער באַן־סטאַנציע. דאָרט האָט מען געגעבן אַ באַפעל, אַז זיי זאָלן אָנלאָדענען קאַסטנס מיט געווער אין די וואַגאָנען אַריין.

בלויז צוליב אָט דעם צופאַל, וואָס די דייטשן האָבן געדאַרפט אויף שנעל אַרבעטס־הענט, איז דער יונגער אהרן טווערסקי, צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידן, געבליבן לעבן.

די יידן האָבן אַ גאַנצן טאָג אָנגעלאָדן קאַסטנס געווער אין די וואַגאָנען, און ווען דער צוג מיט דעם גענעראַל האָט ביינאַכט זיך גערירט פון דער באַן־סטאַנציע, האָט דער גענעראַל געשריגן צו די יידן, אַז זיי זיינען פריי און קענען אַנטלויפן...

און באַלד איז אַריין קיין מאָהילאָוו די רויטע אַרמיי, און די יידן, וואָס

זיינען געבליבן לעבן, זיינען באַפרייט געוואָרן און צווישן זיי אויך דער יונגער אהרן.

דער יונגער אהרן איז דערנאָך אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. ער האָט געלערנט אין ישיבת ר׳ יצחק אלחנן, געקראָגן סמיכה און איצט איז ער רב אין לאָס אַנדזשעלעס.

אויך הרב ר׳ אהרן טווערסקי׳ס שוועסטער, חנה׳לע, מיט איר קינד דוד׳ל, זיינען ניצול געוואָרן. זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע, און זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם רב ר׳ אפרים אשר הלוי ראָטענבערג, רב אין „קהלת נר ישראל“ אין לאָס אַנדזשעלעס.

דער אַליקער רבי, וועלכער איז אומגעקומען דורך די דייטשן צוזאַמען מיט 800 יידן

די דייטשן האָבן פאַרנאַרט די יידן און זיי פאַרגאַזט אין באַוועגלעכע אויטאָס.

דער שטאַם־פאַטער פון דער אַליקער רבי׳שער דינאַסטיע איז געווען דער רבי ר׳ הערש (צבי) לייב (אריה) לאַנדאַ, אַ זון פון ר׳ אברהם לאַנדאַ פון אַליקע (טייל רופן עס אַליק), וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון רבי׳ן ר׳ מעכעלע (יחיאל מיכל) פון זלאַטשעוו.

דער רבי ר׳ הערש־לייב לאַנדאַ איז געווען רבי אין אַליקע, נעבן ראָוונע, און האָט געהאַט אַ סך חסידים (ער איז נפטר געוואָרן י״א תשרי, תקע״ב (1812).

זיין זון, ר׳ יוסף־דוד, איז געווען זיין ממלא מקומו אין אַליקע און ער איז נפטר געוואָרן כ״ח אדר, תר״ט (1849).

דעם רבי׳ן ר׳ יוסף דוד׳ס זון, ר׳ מרדכי, איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ שמעון־שלמה פון סאַבאַרן, און ער איז געווען רבי אין אַליקע. ער איז נפטר געוואָרן י״א חשון, תרמ״ח (1848). ער האָט אַרויסגעגעבן אַ ספר „גדולת מרדכי״.

דער רבי ר׳ יוסף דוד האָט געהאַט נאָך אַ זון, ר׳ הערש לייב (צבי אריה), וועלכער איז געווען רבי אין פּעלשטין און איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרכ״ט (1869) אין צפת.

דער רבי ר׳ מרדכי לאַנדאַ האָט געהאַט אַ זון ר׳ שמעון שלמה, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ משה־הערש (צבי) פון סאַבאַרן. ער איז נפטר געוואָרן יונג, כ׳ תמוז, תרנ״ז (1897).

זיין רביצין פריידעלע האָט געהאַלטן די חסידים צוזאַמען ביז איר זון ר׳ יוחנ׳טשע וועט אויפוואַקסן און ווערן רבי.

⁂

פון רבי׳ן ר׳ הערש־לייב פון פעלשטין האָט זיך אָפּגעצווייגט אַן אַנדערע רבי׳שע דינאַסטיע, זיין זון ר׳ אהרן איז געווען רבי אין פעלשטין. ער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ אברהם פון סטרעטין. ער איז אויפגעצויגן געוואָרןביים ריזשינער רבי׳ן, ר׳ ישראל׳טשע, וואָס איז געווען זיינס אַ קרוב. ער האָט עולה געווען קיין ארץ ישראל און האָט זיך באַזעצט אין

צפת, וואו זיין פאָטער האָט געוואוינט. ער איז דאָרט נסתלק געוואָרן און איז נקבר געוואָרן אין דער מערה פון בעל „באר מים חיים״.

אויך דער צווייטער זון פון רבי׳ן ר׳ הערש־לייב פון פעלשטין האָט געוואוינט אין ארץ ישראל, ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרל״ח (1878) אין פעלשטין, ער איז יונגערהייט געפאָרן קיין ארץ ישראל. ווען ער איז געקומען צום טשאַרטקאָווער רבי׳ן, ר׳ דוד משה, זיך פּראָווען, האָט דער טשאַרטקאָווער רבי אים געקרוינט פאַר אַ רבי׳ן. ער איז דערנאָך צוריקגע־פאָרן אַלס רבי קיין ארץ ישראל. אָבער ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערש־טע וועלט־מלחמה, האָט ער פאַרלאָזט ארץ ישראל און איז צוריקגעפאָרן קיין גאַליציע. ער האָט זיך באַזעצט אין טורקע (מזרח־גאַליציע) און דאָרט נפטר געוואָרן כ״ג אדר, תרצ״ח (1938). עס האָט אים געפּלאַצט אַן אָדער בשעת׳ן דאַווענען מיט גרויס התלהבות.

.·.

דער רבי ר׳ שמעון־שלמה פון אַליקע, וואָס איז יונג נפטר געוואָרן, האָט געהאַט נאָך צוויי זין, ר׳ אלתר יוסף דוד און ר׳ הערש לייבעניו, וועל־כער וואוינט שוין אַן ערך פון אַ פערציק יאָר אין ברוקלין.

דער רבי ר׳ אלתר יוסף דוד איז געווען אַן איידעם פון אַנטיניער רבי׳ן ר׳ חיים האַגער. און אין זיין צווייטן זיווג איז ער געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ שמואל פון סלאָנים. ער איז געווען רבי פון יאָר תרנ״ז (1897). דער אַליקער רבי ר׳ אלתר יוסף דוד איז טראַגיש אומגעקומען אויף קידוש־השם דורך די דייטשן.

.·.

וועגן אומקום פון אַליקער רבי׳ן האָט אונדז איבערגעגעבן מר. סאָלאָ־מאָן צאַם פון טשעלסי, מאַסס., וועלכער איז געווען אַ פּאַרטיזאַן.

„דינסטיק, דעם 12טן אויגוסט, 1942, זיינען אָנגעקומען קיין אַליקע צען שווערע לאַסט־אויטאָס מיט אַ סך נאַצישע סאָלדאַטן. זיי זיינען פאַר־טאָג אַריין צום יידנראַט פון געטאָ און געמאָלדן, אַז ,אַלע יידן מוזן אַר־בעטן׳.

„די נאַציס זיינען געגאַנגען פון הויז צו הויז און געכאַפּט יידן. דאָס האָט אָנגעהאַלטן פון 8 פרי ביז 3 נאָכמיטיק.

„אַ צאָל יידן האָבן זיך באַהאַלטן אין בונקערס און אין אַנדערע באַ־העלטענישן. די יידן, וואָס די נאַציס האָבן געכאַפּט האָבן זיי אָפּגעפירט אין פירשט ראַדזשיווילס שלאָס (׳זאַמעק׳). צווישן די געכאַפּטע יידן האָט זיך אויך געפונען דער רבי ר׳ אלתר יוסף דוד.

„עלף אַזייגער האָבן די נאַצישע מערדער אַרויסגענומען פון פירשט

ראַדזשיווילס שלאָס זעכציק יונגע מענטשן און זיי אויפגעפּאָדערט צו מאַרשירן. זיי האָבן פון אונדז פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן זינגען רוסישע לידער...

„מיר האָבן געמוזט זינגען אין רוסיש ,קאַפּוטשאַיאַ מאָגוטשאַיאַ׳. אויב מיר האָבן נישט געזונגען הויך, האָבן די נאַציס אונדז געשלאָגן מכות רצח.

„אַזוי מאַרשירנדיק זיינען מיר אָנגעקומען אויפן בית־עלמין. דאָרט איז שוין געווען צוגעגרייט דרייסיק גראָב־אייזנס און מיר זיינען צעטיילט געוואָרן אין צוויי בריגאַדעס.

„דרייסיק האָבן שנעל געגראָבן דעם ברודער־קבר, אונטער אַ האָגל פון שמיץ און דרייסיק האָבן געררוט. דערנאָך האָבן די אַנדערע דרייסיק געגראָבן און די ערשטע האָבן גערוט. נאָך עטלעכע מאָל איבערטוישן, האָבן מיר געזען, אַז אונדזערע מינוטן זיינען געציילטע.

„נעבן מיר איז געשטאַנען דער העברעאישער לערער מ. אַפּסטייטיק, האָט ער גראָבנדיק געמורמלט ׳להתפזר!׳ ׳להמלט!׳ (זיך צו צעשפּרייטן, צו אַנטלויפן) . . .

„און אַרויסקומענדיק פון דעם ברודער־גרוב, וואָס מיר אַליין האָבן געגראָבן, זיינען מיר, אַ פינף־זעקס מענטשן, זיך צעלאָפן.

„עס איז געוואָרן אַ בהלה׳דיקע שיסעריי. איך בין מאָמענטאַל אומגע־פאַלן. מיין האַנט האָט געבלוטיקט. איך האָב פאַרבלוטיקט מיין פּנים. דער נאַצי, וואָס האָט מיך נאָכגעיאָגט האָט געמיינט, אַז איך בין טויט, און איז אַוועק — נאָכלויפנדיק נאָך די אַנדערע אַנטלאָפענע. אינצווישן בין איך אַריינגעקראָכן אין אַ קוסטע פון ווייַנפּערלעך.

„איך בין געלעגן שטיל און איך האָב געזען ווי דער גרויסער ברו־דער־קבר ווערט פאַרענדיקט. די נאַציס גיבן אַ באַפעל, אַז אַלע זאָלן אַריין אין גרויסן קבר און דאָרט זיינען אַלע גלייך דערשאָסן געוואָרן . . . עטלעכע מינוט שפּעטער איז אָנגעקומען דער ערשטער לאַסט־אויטאָ פון פירשט ראַדזשיווילס שלאָס.

„דער שווערער ריגל האָט זיך אויפגעהאַקט און אוקראַינער מיליץ האָבן אָנגעהויבן אַרויסשליידערן פונעם אויטאָ פאַרגאַזטע קרבנות, און זיי אַריינגעוואָרפן אין קבר אַריין.

„ליגנדיק שטום אין דער קוסטע, האָב איך דערזען, אַז דאָס איז נישט סתם אַ לאַסט־אויטאָ, נאָר אַ וואַנדערנדיקע גאַז־קאַמער.

„די יידן זיינען אַרויסגענומען געוואָרן פון שלאָס, מען האָט זיי אַריינ־געשטופּט אין אויטאָ, זיי האָבן די ערשטע רגע געמיינט, אַז מען פירט זיי אַוועק צו אַן אַרבעטס־פּלאַץ. אָבער ווען די טיר פון אויטאָ האָט זיך פאַר־מאַכט, האָט אָנגעהויבן צו גיין אַ טויטלעכער גאַז און אַלע יידן אין אויטאָ זיינען פאַרגאַזט געוואָרן.

„און איך האָב געזען, אַז באַלד איז אָנגעקומען אַ צווייטער לאַסט־אויטאָ, אַ דריטער, אַ פערטער, צוזאַמען צען לאַסט־אויטאָס . . .

„אַזוי אַרום האָבן די דייטשן, ימח שמם, פאַרגאַזט אין יענעם טאָג אַכט הונדערט קדושים און זיי באַגראָבן אין דעם גרויסן ברודער־קבר.

„די דייטשן האָבן פאַרנאַרט די יידן אין געטאָ, זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי כאַפּן בלויז מענער און אַז מען וועט זיי פירן קיין טראַכטנבראָד, אַ 22 מייל פון אַליקע. די פרויען האָבן געגלויבט אין דעם און זיי האָבן געגומען ברענגען צידה־לדרך. אַזוי האָט דעם אַליקער רבי׳נס טאָכטער, מלכה׳לע, גע־בראַכט דעם רבי׳ן זיין טלית און תפילין און אַ שטיקעלע ברויט.

„דער רבי האָט איר געזאָגט:

‚ישועת ד׳ כהרף עין׳, זיי געזונט, מיין טייער קינד!׳

„און די טאָכטער האָט געענטפערט:

‚פאָר געזונטערהייט און קום צוריק געזונט!׳

„און זי האָט נישט געוואוסט, אַז זי געזעגנט זיך מיט איר פאָטער, דעם רבי׳ן, צום לעצטן מאָל . . .

„די נאַציס זיינען געווען ‚גוטמוטיק׳ און האָבן דערלויבט די פרויען זיי זאָלן ברענגען זייערע מענער שפּייז און מלבושים, ווייל זיי האָבן אַזוי אַרום געוואָלט אָפּנאַרן די מענטשן און זיי פירן רואיק צו דעם מורא׳דיקן אומקום.

„צוזאַמען מיטן רבי׳ן און די גרויסע עדה יידן איז אין דעם זעלבן טאָג געכאַפּט געוואָרן דער צוויי־און־אַכציק־יאָריקער אַליקער רב און בעל מקובל ר׳ משה ראָטנבערג, הי״ד.

„איך בין געלעגן אין דער קוסטע אַ גאַנצן טאָג. שפּעט אין דער נאַכט האָט דער הימל אָנגעהויבן צו וויינען, עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ גאָס־רעגן.

„אין דער זעלבער נאַכט האָב איך איבערגעגעבן די אימה׳דיקע נייעס צום פאָרזיצער פון יידנראַט, האָט ער מיר געזאָגט מיט בלוטיקע טרערן:

„איך ווייס אַלץ בעסער פון דיר, דערשטיק דעם סוד ביז דעם לעצטן אָטעם, ווייל טאָמער וועלן מאָרגן נישט אַרויסגיין 9 אָפּטיילונגען צו זייער טעגלעכער אַרבעט, וועט דער געטאָ פון זיבן טויזנט נפשות אינגאַנצן ליק־ווידירט ווערן! . . .

„און נאָכדעם, ווי מיין וואונד האָט זיך צוגעהיילט, האָב איך אָנגעהויבן אַרויסגעבן צו יחידים די בלוטיקע סודות, און ווען מען איז געקומען מיך אַרעסטירן, האָט מען מיך שוין נישט געטראָפן — איך האָב שוין אָנגעפירט אין די וועלדער מיט צוויי און פערציק קעמפער קעגן די דייטשן, ימח שמם וזכרם!״ . . .

אויך דעם אַליקער רבי׳נס זון, ר׳ הערש לייבעניו פון לוצק, איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, באַלד ווי די נאַציס זיין אַריין קיין לוצק.

דער רבי ר׳ הערש לייבעניו איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ מרדכי יוסף משה פון סוליצאַ, נאָך ביים פאָטער׳ס לעבן איז ער געוואָרן רבי אין לוצק און די חסידים האָבן אים דאָרט אויפגעבויט אַ הויז.

ש. שיינער שרייבט אין „אונדזער וואָרט״ [1]), אַז „די דייטשן זיינען אַריין קיין לוצק דעם 25טן יולי, 1941, און זונטיק, דעם 29טן, האָט די פעלד־זשאַנדאַרמעריע צוזאַמענגענומען אַן ערך 27 מענער, יונג און אַלט, צווישן זיי דעם אַליקער רבי׳ן און יעקב וואַפּניאַרסקי, דער חזן פון דער אַליקער שול. פון די מענטשן איז קיין שפּור נישט געבליבן און מ׳ווייסט נישט וואו מ׳האָט זיי אומגעבראַכט״.

1) „אונדזער וואָרט״, פּאַריז 13טן דעצ. 1946, זייט 3.

אַלעקסאַנדערער רבי ר׳ יצחק מנחם מענדל דאַנציגער אומגעקומען אין טרעבלינקע

אַכצן יאָר איז ער געווען רבי אין אַלעקסאַנדער, נעבן לאָדזש. — ער איז אַנטלאָפן קיין וואַרשע און געאַרבעט פאַרשטעלט פאַר אַ שוסטער. — דער גרינדער פון דער אַלעקסאַנדער־חסידישער דינאַסטיע איז געווען ר׳ יחיאל דאַנציגער.

אין געטאָ אין וואַרשע איז געווען אַ שוך־פאַבריק, וואָס מען האָט גערופן שולצ׳ס „שאָפּ״.

אין „שאָפּ״ פון שולץ, וואָס איז געוואָרן אָנגעפירט פון אברהם הענדל, (היינט אין תל־אביב), האָבן געאַרבעט רביים, רבנים און סתם רעליגיעזע יידן.

דער אַלעקסאַנדערער רבי, ר׳ יצחק מנחם־מענדל דאַנציגער, הי״ד

אין דער דאָזיקער שיך־פאַבריק האָבן געאַרבעט די רביים: ר׳ משה בצלאל אַלטער, אַ ברודער פון גערער רבי׳ן, דער פּיאַסעטשנער רבי, ר׳ קלמן קלונימוס שפירא, וועלכער איז געווען דער מחבר פון ספר „חובת תלמידים״. ער האָט געשריבן העברעאיש אין מאָדערנעם סטיל. דער סאָס־

נאָוויצער רבי, ר׳ דוד האַלבערשטאַם (געווען אַ שוואָגער פון ראַדאָמסקער רבי׳ן), דער פּאָביאַניצער רבי, ר׳ אברהם־אַלטער, די ברידער יעקב־שמחה און אהרן ראַפּאָפּאָרט, און אַ צאָל אַנדערע רביים, רבנים און פרומע בעלי־בתים.

און צווישן די רביים איז אויך געווען דער אַלעקסאַנדערער רבי, ר׳ יצחק מנחם־מענדל דאַנציגער, וועלכער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע רביים.

∴

דער באַגרינדער פון דער אַלעקסאַנדער־חסידישער דינאַסטיע איז געווען דער רבי, ר׳ יחיאל דאַנציגער, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרנ״ד (1894).

דער רבי ר׳ יחיאל דאַנציגער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ שרגא פייוול פון גריצע, אַ תלמיד מובהק פון רבי׳ן ר׳ בונים פון פּשיסכע און פון אַלטן וואָרקער רבי׳ן ר׳ יצחק און אין נגלה איז ער געווען אַ תלמיד פון גאון ר׳ יעקב פון ליסע, דער מחבר פון ספר „חוות דעת״.

ר׳ יחיאל דאַנציגער האָט נישט געוואָלט ווערן קיין רבי, אָבער אין יאָר תרל״ו (1876), נאָכדעם ווי דער ביאַלער רבי, ר׳ בעריש איז נפטר געוואָרן, זיינען חסידים צו אים צוגעשטאַנען ער זאָל ווערן רבי. די רבנים־גאונים: ר׳ יהושע׳לע קוטנער, און זיין אײדעם, דער קאַלישער רב, ר׳ חיים אליעזר וואַקס, האָבן אַרויסגעגעבן אַ פּסק, אַז ער קאָן נישט אָפּזאָגן דעם פאַרלאַנג פון די חסידים און דאַרף ווערן רבי.

האָט דער אַלעקסאַנדערער רבי געבעטן זיין שוועסטער, זי זאָל גיין אויפן קבר פון זיין פאָטער און מתפלל זיין פאַר אים, אַז ער זאָל זוכה זיין תשובה צוטאָן...

דער אַלעקסאַנדערער רבי האָט געגעבן אַ תנאי זיינע חסידים, זיי זאָלן אים נישט רופן „רבי״ און זיי זאָלן אים נישט געבן קיין קוויטלעך. אויך אויף זיין קבר האָט ער אָנגעזאָגט אין זיין צוואה, אַז מען זאָל אים נישט שטעלן קיין אוהל, און אַז מען זאָל אויף דער מצבה נישט אָנשרייבן קיין טיטול, רבי, צדיק אָדער חסיד . . .

נאָך זיין פּטירה איז זיין זון ר׳ ירחמיאל ישראל יצחק געוואָרן רבי, וועלכער איז אָנגערופן געוואָרן אויף דעם נאָמען פון זיין ספר „ישמח ישראל״.

זעכצן יאָר האָט דער בעל „ישמח ישראל״ געפירט רבי׳סטווע. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בעל־צדקה. דער סאָכאַטשאָווער רבי האָט וועגן אים געזאָגט:

חסידים זאָגן, אַז וואָרקע איז געווען דער „עמוד גמילת חסדים״; ביאַלע — דער „עמוד התורה״; אין אַלעקסאַנדער — דער „עמוד העבודה״, און איך

זאָג, אַז דער אַלעקסאַנדערער רבי האָט געהאַט אַלע דריי עמודים צוזאַמען...

דער אַלעקסאַנדערער רבי האָט צעטיילט זיין גאַנץ געלט פאַר צדקה.[1]

דער ראַדזינער רבי ר׳ יעקב, האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט די נשמה פון „אור חיים" און ווען דער גאון ר׳ יהושע׳לע קוטנער איז געפאָרן מיט זיין איידעם, דעם בעל „נפש חיה", קיין ארץ־ישראל, האָט דער אַלעקסאַנדערער רבי מיט זיי מיטגעגעבן אַ גרויסע סומע געלט אויפצושטעלן אַ ציון אויפן קבר פון „אור חיים".

חסידים דערציילן, אַז נאָך דער פטירה פון אַלעקסאַנדערער רבי׳ן, ווען מען האָט שוין געהאַלטן ביים אַראָפּלאָזן דעם ארון אין קבר אַריין, איז פלוצים געקומען צו גיין אַ פרעמדער ייד און ער האָט איבערגעגעבן אַ קליין זעקעלע מיט ארץ־ישראל ערד און ער האָט געזאָגט: „איך האָב די ערד געבראַכט פון הייליקן לאַנד פון דעם ׳אור חיים׳ס׳ קבר און ער איז באַלד פאַרשוואונדן" . . .

דער אַלעקסאַנדערער רבי ר׳ ירחמיאל ישראל דאַנציגער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין קינדער און נאָך זיין פטירה (נפטר געוואָרן ראש־חודש חשון תרפ״ד 1924), איז געוואָרן רבי זיין ברודער שמואל צבי, וועלכער איז גערופן געוואָרן אויפן נאָמען פון זיין ספר, דער בעל „תפארת שמואל".

נאָך דער פטירה פון בעל „תפארת שמואל" איז געוואָרן רבי זיין זון ר׳ יצחק מנחם מענדל דאַנציגער, וועלכער האָט געאַרבעט בעת די נאַציס זייַנען אַריינגעקומען קיין פוילן אַלס שוסטער אין דער „שולץ־פאַבריק" אין וואַרשע.

∴

דער אַלעקסאַנדערער רבי ר׳ יצחק מנחם־מענדל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תר״מ (1880). ער איז אַלט געווען פערצן יאָר, ווען זיין זיידע, דער ערשטער אַלעקסאַנדערער רבי איז נפטר געוואָרן. ער האָט געלערנט ביי זיין פעטער דעם בעל „ישמח ישראל" און נאָך דער פטירה פון דעם „ישמח ישראל" ביים פאָטער דעם בעל „תפארת שמואל".

פערצן יאָר איז זיין פאָטער ר׳ שמואל צבי געווען רבי. ער איז אַלט געווען 44 יאָר, ווען זיין פאָטער איז נפטר געוואָרן, און ער איז געוואָרן רבי. זיין דרך אין חסידות איז געווען: עניוות און אהבת ישראל.

אכצן יאָר איז ער געווען רבי אין אַלעקסאַנדער, נעבן לאָדזש. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון תפילה בציבור. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ בריוו צו זיינע חסידים זיי זאָלן שאַפן ישיבות. ער האָט געהאַט אַ גרויסע ישיבה

1) אין ספר „ארזי הלבנון", פון הרב דוד ווייסבראָד הלחמי, זיינען אָפּגעדרוקט אַ צאָל בריוו פון אַלעקסאַנדערער רבי׳ן, וואָס גיבן אַ בילד ווי אַזוי דער אַלעקסאַנדערער רבי איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה.

אין אַלעקסאַנדער און אַ צווייטע ישיבה אין לאָדזש. עס פלעגן אויף אַ שבת קומען הונדערטער חסידים קיין אַלעקסאַנדער און אויף די ימים נוראים טויזנטער חסידים.

דער אַלעקסאַנדערער רבי האָט איינגעפירט, אַז יעדער זאָל יעדן טאָג געבן זעקס גראָשן צדקה. דאָס געלט איז יעדן חודש געשיקט געוואָרן צום רבי'ן און דער רבי האָט עס צעטיילט צו פאַרשידענע צדקה־אַנשטאַלטן. דער רבי איז תמיד געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, נאָר ביים דאַווענען האָט ער געהאַלטן דעם קאָפּ אין דער הויך.

דער אַלעקסאַנדערער רבי האָט געהאַט צען קינדער. און בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דער אַלעקסאַנדערער רבי געפאָרן קיין וואַרשע מיט זיין גאַנצער משפּחה.

∴

אַ חסיד פון אַלעקסאַנדערער רבי'ן, מיטן נאָמען יצחק פאַרבער, וואָס וואוינט היינט אין ניו־יאָרק האָט מיר צוגעשיקט פּרטים וועגן אומקום פון אַלעקסאַנדערער רבי'ן און זיינע קינדער:

דער לעצטער אַלעקסאַנדערער רבי האָט געהאַט 7 איידעמס: 1) ר' אַל־טער־חיים בוימגאַרטן, אַ זון פון גביר ר' שואל'קע בוימגאַרטן פון לאָדזש; 2) ר' אלימלך שאַפּיראָ, הויפּט רב; 3) ר' יעקעלע, אַ זון פון קרימאַלאָווער רבי'ן; 4) דעם פּילצער רבינ'ס זון; 5) ר' מענדעלע, אַ זון פון קאָמאַרנער רבי'ן (אַ שטיף־זון פון ראַדזימינער רבי'ן); 6) חיים, אַ זון פון אָסטראָווצער רבי'ן, און 7) דעם סלאָנימער רבי'ן, וועלכער איז אומגעקומען אין סלאָנים. ר' מענדעלע, דעם קאָמאַרנער רבינ'ס זון איז געשטאָרבן אין געטאָ אין וואַרשע און די זעקס איידעמס מיט די פרויען און קינדער, צוזאַמען מיט אַלעקסאַנדערער רבי'ן, זיינען געשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע, וואו זיי זיינען אַלע אומגעקומען אויף קידוש־השם.[2]

און אָט איז אַ טייל פון יצחק פאַרבער'ס גבית־עדות:

„דער אַלעקסאַנדערער רבי האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געקראָגן אַ סערטיפיקאַט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, אָבער ער האָט נישט געוואָלט אי־בערלאָזן די יידן און אַוועקפאָרן.

„דער פּיאַסעטשנער רבי האָט געאַרבעט אין שוסטער־פאַבריק ביים אַרויסגעבן די זוילן צו די שוסטערס און אויך אויסגעקערט די פּאָדלאָגע פון זיין אָפּטיילונג. איינמאָל האָב איך געזען, ווי דער פּיאַסעטשנער רבי איז

2) יצחק פאַרבער איז געווען אין וואַרשעווער געטאָ פון יאָר 1940 ביז צום אויפ־שטאַנד פון די יידן אין געטאָ אין יאָר 1943, און ער איז געבליבן לעבן צוזאַמען מיט זיין טאָכטער. ער האָט געאַרבעט אין דער שוסטער־פאַבריק אויף נאַוואָליפּיע גאַס. נומער 44, דאָרט האָבן געאַרבעט די אַלע רביים און רבי'אישע קינדער.

זייער מיד פון קערן די פּאַדלאָגע, בין איך צו אים צוגעלאָפן און ביי אים געוואָלט צונעמען דעם בעזים און אַליין קערן, האָב איך געזאָגט: ׳איך וועל משמש זיין אַ רבי׳ן אַזוי ווי מיין זיידע ר׳ אברהם האָט משמש געווען דעם רבי׳ן ר׳ יצחק וואורקער און אַנדערע רביים און מיין טאַטע ר׳ מענדל איז געווען משמש ביים ׳תפארת שמואל׳. האָט דער פּיאַסעטשנער רבי מיר געענטפערט: ׳דיין זיידע און דיין טאַטע האָבן משמש געווען רביים און דו ווילסט משמש זיין אַ פּראָסטן שוסטער׳...

„דעם לעצטן פּורים, 1943, זיינען מיר געווען באַהאַלטן אויף אַ בוידעם. עס איז דאָרט געווען דער קרימאַלאָווער רבי און זיין זון ר׳ אברהם׳עלע ראַבינאָוויץ, ווי אויך דעם בעל ׳תפארת שמואל׳ס׳ איידעם און אויךביידע זין פון ר׳ אברהם־חיים דאַנציגער, דעם אַלעקסאַנדערער רבי׳נס איידעם, ר׳ יחיאל דאַנציגער, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון מאָדזשיצער רבי׳ן. אַלע זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם“.

וועגן אַלעקסאַנדערער רבי׳נס אַרבעטן אין שולץ־פאַבריק, אַלס שוס־טער, דערציילט ר׳ אברהם הענדל[3]:

„איינמאָל האָבן די דייטשן געכאַפּט דעם אַלעקסאַנדערער רבי׳ן — און ער האָט זיך שוין געפונען אויפן „אומשלאַגס־פּלאַץ“. דאָס איז געווען אין חודש אלול תש״ב (1942), אין אַ פרייטיק, אַ צוויי וואָכן פאַר ראש השנה. איך בין געלאָפן צו דער באַן־סטאַנציע און האָב געזען דעם אַלעקסאַנ־דערער רבי׳ן אין אַ וואַגאָן.

„מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט מען אין שאָפּ אויסגעאַרבעט אַ ספּעציע־לע פּאָר שטיוול פאַר אַ דייטשן מערדער מיטן נאָמען אַנטעק, וועלכער איז געווען דער אויפזעער איבער די באַנען, וואָס האָבן געפירט די יידן פון וואַרשעווער געטאָ צו פאַרברענען זיי אין טרעבלינקע. איך בין צו אים צו־געגאַנגען און האָב פאַר אים געוויינט, ער זאָל דערלויבן אַרויסצונעמען דעם אַלעקסאַנדערער רבי׳ן. איך האָב אים געוויזן אַ „באַשטעטיקונגס־שיין“, אַז דער פאַכמענישער שוסטער דאַנציגער איז אומבאַדינגט נויטיק אויסצואַר־בעטן שטיוול.

„דער ׳עס־עס׳ אויפזעער האָט מיך געגעבן אַ שליידער אַנידער אויף דער ערד און מיט אַ קאַנטשיק מיט אייזערנע ריטער מיך געשמיסן איבער מיין גוף און פּנים. ער האָט ביי זיך געהאַט אַ רעוואָלווער, און ביז היינט פאַר־שטיי איך נישט פאַרוואָס ער האָט מיך נישט דערשאָסן אויפן אָרט.

„איך האָב דעם אַלעקסאַנדערער רבי׳ן נישט געקענט ראַטעווען, און דער רבי איז געשיקט געוואָרן מיט די טויזנטער יידן קיין טרעבלינקע און דאָרט אומגעקומען אויף קידוש השם, הי״ד. זיינע ליקוטי תורה געפינען זיך אין ספר ׳עקדת יצחק׳“.

3) אין רעליגיעזן זשורנאַל „בית־יעקב“, ישראל.

∴

ר׳ אברהם הענדל דערציילט, אַז נישט איינמאָל האָט ער ממש איינגע־שטעלט זיין לעבן און געלאָפן צווישן די וואַגאָנען, וואָס האָבן געפירט יידן פאַרברענט צו ווערן אין די טויט־לאַגערן. ער האָט געהאַט מיט זיך „באַ־פרייאונגס־שיינען" פאַר אַ צאָל יידן און אַזוי זיי אַרום זיי אַרויסגעראַטעוועט פון די טויט־וואַגאָנען. אָבער מען האָט נישט געטאָרט דערמאָנען דאָס וואָרט „רב" אָדער „רבי". ווי נאָר די דייטשע רוצחים האָבן געהערט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ רב אָדער רבי׳ן, האָבן זיי אים נישט געוואָלט באַפרייען, נאָך אים גלייך געשיקט פאַרברענט צו ווערן אין טרעבלינקע.

„איינמאָל בין איך געלאָפן צווישן די טויט־וואַגאָנען ראַטעווען יידן, האָב איך געהערט ווי אַ יונגערמאַן שרייט צו מיר: ׳ראַטעוועט מיך, איך בין דעם סטריקאָווער רבי׳נס אייניקל׳. איך בין גלייך צו צום אויפזעער פון דעם טויטן־צוג און האָב אים געבעטן ער זאָל אַרויסנעמען דעם דאָזיקן יונגנמאַן, און אַזוי ווי עס איז געווען אַן עת רצון, האָב איך געבעטן פאַר נאָך אַ יונגנמאַן, וואָס איך האָב אים ניט געקענט, מען זאָל אים באַפרייען. אָבער דער עס־עס אָפיציר האָט באַפרייט דעם פרעמדן יונגנמאַן און דעם סטריקאָווער רבינ׳ס אייניקל האָט ער נישט געוואָלט באַפרייען. ער האָט זיך צעשריגן ׳ראַבינער, ראַבינער!׳ ער האָט געהערט די ווערטער ׳איך בין דעם סטריקאָווער רבי׳נס אייניקל׳, און ווי נאָר ער האָט דערהערט דאָס וואָרט ׳רבי׳, איז שוין פאַר אים גענוג געווען ער זאָל דעם יונגנמאַן נישט באַפרייען, און ער איז געשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט טויזנטער קדושים פאַרברענט צו ווערן".

אָבער אפילו די, וואָס ר׳ אברהם הענדל האָט באַוויזן אָפצוראַטעווען, איז עס נאָר געווען אויף דערווייל. ווייל סוף כל סוף האָבן די דייטשן אומ־געבראַכט אַלע יידן, בפרט די רביים.

די יידן אין וואַרשעווער געטאָ זיינען די מערסטע פאַרברענט געוואָרן אין די טויטן־לאַגערן, אָדער געשטאָרבן פון הונגער און טיפוס עפידעמיע, ביז די נאָענט צו פופציק טויזנט יידן האָבן געמאַכט דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און געראַטעוועט דעם כבוד פון גאַנצן יידישן פאָלק . . .

דער אַנטעניער רבי און זיין גאַנצע משפחה אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן אין סטאַניסלאַוו

זיי האָבן זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער. — ווי אַזוי זייער באַהעלטעניש איז אַנטדעקט געוואָרן.

דער אַנטעניער רבי ר׳ ישראל שלום יוסף איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ חיים האַגער, וועלכער האָט אויפגעשטעלט אַ רבי׳שן הויף אין אַנטעניע.

זיין פאָטער, דער אַנטעניער רבי, ר׳ חיים, איז געווען דער צווייטער זון פון רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל פון וויזשניץ. ער איז געבוירן געוואָרן ל״ח בעומר, כ״ג אייר, תרכ״ג (1863), און מען האָט אים געגעבן אַ נאָמען נאָך זיין זיידן, דעם רבי׳ן ר׳ חיים פון קאָסעוו.

דער אַנטעניער רבי, ר׳ ישראל־שלום־יוסף האַגער, הי״ד

דער רבי ר׳ חיים אַנטעניער האָט שוין אין זיינע יונגע יאָרן גע׳שמ׳ט פאַר אַ גרויסן למדן, ער האָט געקראָגן אַ היתר הוראה פון פאַרשידענע גאונים פון זיין דור, ווי פון לעמבערגער רב, ר׳ יצחק אהרן, פון הארמילי־

ווער רב, ר׳ יעקב ווײדנפעלד, און דער גאון ר׳ יצחק שמעלקעס האָט אים שוין דעמאָלט געגרופן „נר ישראל״, „עטרת הגולה״ . . .

ווען ער איז אונטערגעוואַקסן איז ער געוואָרן אַן אײדעם פון בוהושער רבי׳ן, ר׳ יצחק פרידמאַן, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ שלום יוסף פון סאַדעגורע, אַ זון פון רבי׳ן ר׳ ישראלטשע פון ריזשין.

אין יאָר תרנ״ג (1893), ווען דער רבי ר׳ ברוכ׳ל וויזשניצער איז נפטר געוואָרן, איז זיין עלטסטער זון ר׳ ישראלטשע געוואָרן רבי אין וויזשניץ און זיין צווייטער זון, ר׳ חיים, איז געוואָרן רבי אין אַנטעניע (מזרח גאַלי־ציע).

צווישן זיינע חסידים זיינען געווען אַ סך לומדים און שאַרפע קעפּ.

דאָס שטעטל אַנטעניע ליגט צווישן קאָלאָמיי און סטאַניסלאַוו, די באַן־ליניע לעמבערג־יאַסי איז דורכגעגאַנגען דורכן שטעטל, וואו די ייִדן זיי־נען געווען פּויערים. דער נאָמען אַנטעניע שטאַמט פון אַ פּוילישן גוט־באַזיצער וואָס זיין נאָמען איז געווען אַנטאָני.

די חסידים האָבן אויפגעבויט אין אַנטעניע פאַרן רבי׳ן אַ גרויסן בית־המדרש און אַ הויז צו וואוינען.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, איז דער אַנטעניער רבי אַנטלאָפן קיין ווין. דאָרט האָט דער רבי געוואוינט פיר יאָר און נאָך דער מלחמה האָט דער רבי זיך אַריבערגעצויגן קיין סטאַניסלאַוו, ווייל זיין שטעטל אַנטעניע איז בעת דער מלחמה כמעט אינגאַנצן חרוב געוואָרן.

אָבער דער אַנטעניער רבי ר׳ חיים האַגער האָט אין סטאַניסלאַוו נישט לאַנג געוואוינט. עס זיינען אַריין די פּעטליוראַווצעס און דער רבי איז אַנט־לאָפן קיין בוקאָווינע. ער האָט זיך באַזעצט אין טשערנאָוויץ, דאָרט האָט ער געוואוינט אַ האַלב יאָר. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען קיין סטאַניס־לאַוו.

דער אַנטעניער רבי איז געוואָרן דער נשיא פון „כולל בוקאָווינע״ אין ארץ ישראל.

ביין און דרייסיק יאָר האָט דער אַנטעניער רבי ר׳ חיים האגער געפירט רביסטווע. ער האָט אַליין פאַרשריבן זיינע חדושי תורה און ווען ער איז אַלט געוואָרן פופציק יאָר האָט ער זיינע כתבים איבערגעגעבן צום רבי׳ן ר׳ יוסף פרידמאַן פון גוואָזדיץ, ער זאָל זיי צוגרייטן צום דרוק, און אַזוי אַרום זיינען זיי פאַרבליבן, ווייל די אָריגינעלע כתבים, וואָס עס האָט גע־ירשנ׳ט זיין זון דער אַנטעניער רבי ר׳ ישראל שלום יוסף, זיינען פאַר־ניכטעט געוואָרן דורך די דייטשן, בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דער אַנטעניער רבי ר׳ חיים האַגער איז אין יאָר תרצ״ב (1932) זייער קראַנק געוואָרן, מען האָט אים איבערגעפירט קיין קראָקע צו מאַכן אַן אָפּעראַציע, אָבער די אָפּעראַציע האָט זיך נישט איינגעגעבן און פרייטיק צו נאַכטס א׳ דחנוכה, תרצ״ב (1932), איז דער רבי נסתלק געוואָרן. דער

רבי איז איבערגעפירט געוואָרן קיין סטאַניסלאַוו און דאָרט איז ער נקבר געוואָרן.

זיין איינציקער זון ר׳ ישראל שלום יוסף איז געוואָרן זיין ממלא מקום אין סטאַניסלאַוו.

זיין צווייטער זון ר׳ מענדעלע איז נפטר געוואָרן ביים פאָטערס לעבן, ער האָט איבערגעלאָזט אַ זון און אַ טאָכטער. ר׳ מענדעלעס זון ר׳ יצחק איז געוואָרן רבי אין טלומאַטש.

די איידעמס פון רבי׳ן ר׳ חיים האגער זיינען געווען דער רבי ר׳ ישראל פון הוסיאַטין, דער רבי ר׳ יחיאל מיכל פון האָראָדענקע און דער רבי ר׳ אהרן פון טשערנאָוויץ.

ערשט לעצטנס האָבן צוויי ברידער, אַנטעניער חסידים, אַרויסגעגעבן די תורה׳ס פון אַנטעניער רבי׳ן אין נגלה און אין נסתר מיטן נאָמען „בימוקי חיים״ און „טל חיים״. עס איז אויך צוגעדרוקט געוואָרן אַ קונטרס „ישי ח״י״, תורה׳ס, וואָס זיין זון דער אַנטעניער רבי ר׳ ישראל שלום יוסף פון סטאַניסלאַוו האָט געזאָגט.[1]

לויט ווי עס גיט אָן מר. משה פלעשער פון ברוקלין, איינער פון די גע־ראַטעוועטע פון סטאַניסלאַוו, איז דער אַנטעניער רבי ר׳ ישראל שלום יוסף געווען באַהאַלטן אין אַ פאַרמאַסקירטן בונקער אין סטאַניסלאַוו. איינמאָל איז אַ געוויסע פרוי, וועלכע איז אויך געווען באַהאַלטן אין דעם דאָזיקן פאַרמאַסקירטן בונקער, אַרויסגעגאַנגען נאָך וואַסער, אָבער זי האָט נישט געקענט טרעפן דאָס אָרט צוריק. מען האָט זי געכאַפּט און אַזוי אַרום איז אויפגעדעקט געוואָרן דער דאָזיקער בונקער, וואו עס האָט זיך אויך געפונען דער רבי מיט זיין גאַנצער משפּחה. און די דייטשן, ימח שמם וזכרם, האָבן זיי אַלע דערשאָסן, הי״ד. איידער זיי האָבן דערשאָסן דעם רבי׳ן, האָבן זיי פאַרלאַנגט פון אים גאָלד און צירונג, און זיי האָבן דאָס אויך געקראָגן . . .

∴

מר. מאַקס פייער און יוסף הערמאַן, פון קאַליש (וואוינען איצט אין ניו־יאָרק), צוזאַמען מיט צבי לאַקריץ, וועלכער וואוינט איצט אין מדינת ישראל, זיינען געווען די לעצטע, וועלכע האָבן מקבר געווען דעם רבי׳ן אויפן סטאַניסלאַווער בית הקברות.

∴

1) דער אַנטעניער רבי ר׳ חיים האַגער איז אין זיווג שני געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ שרגא יאיר ראַבינאָוויץ פון ביאַלאָבורזיג, דער מחבר פון ספר „ארון עדות״ — אַן אייניקל פון „ייד הקדוש״, און אין זיווג שלישי איז ער געווען אַן איידעם פון אַלטן ראַזוואַדאָווער רבי׳ן ר׳ הערשעלע האָראָוויץ.

די רביצין זיינע איז געווען גנענדיל — אַ מלומדת, די פריערדיקע אַזשעראַווער רביצין. גנענדל איז געשטאָרבן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין סיביר, צוזאַמען מיט איר טאָכטער רבקה׳לע . . .

דער אַנטעניער רבי ר׳ ישראל שלום יוסף האַגער איז געווען אַן אײדעם פון זיין פעטער, דעם האָראָדענקער רבי׳ן ר׳ שמואל אבא, און פון צווייטן זיווג אַן אײדעם פון פּאָקשעניצער רבי׳ן ר׳ יחיאל האָראָוויץ, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל פון דזשיקאָוו, דער בעל „אמרי נועם״ אויף שו״ת און תורה. דעם אַנטעניער רבינס צווייטע פרוי האָט געהייסן דבורה־לאה.

דער רבי ר׳ ישראל שלום יוסף איז געווען אַ גרויסער למדן. ער האָט געהאַט אַ גרויסן עולם חסידים און האָט געפירט זיין רביסטווע ביז ער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשע מערדער, ימח שמם.

לײדער האָבן מיר נישט קיין גענויע ידיעות ווי אַזוי דער אַנטעניער רבי איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

לויט ווי עס האָבן מיר איבערגעגעבן אַנטעניער חסידים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט, איז דער רבי אומגעבראַכט געוואָרן אין יאָר תש״ד (1944). טייל זאָגן, אַז דאָס איז געווען י״ט אייר, ל״ד בעומר, און אַנדערע זאָגן: כ״ד אייר, ל״ט בעומר.

זיין רביצין, דבורה־לאה, די טאָכטער פון פּאָקשעניצער רבי׳ן, האָט צוזאַמען מיט די קינדער זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ גלח אין סטאַניסלאַוו. אָבער די נאַציס האָבן אַנטדעקט דעם בונקער און זיי אַלע דערשאָסן. אויך דער גלח איז אומגעבראַכט געוואָרן.

דער אַנטעניער רבי האָט איבערגעלאָזט אַ סך כתב־יד׳ן, וועלכע זיינען פאַרניכטעט געוואָרן דורך די דייטשע מערדער.

מען זאָגט, אַז ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסן כתב־יד מיט חידושים אויף עטלעכע מסכתות פון ש״ס, אָבער אויך דער דאָזיקער כתב־יד איז פאַרניכטעט געוואָרן.

בלויז אַכצן מאמרים, חידושים און תורה׳ס, וואָס זיינען פאַרבליבן ביי די צוויי ברידער ר׳ חיים און ר׳ ליטמאַן וועלצער, זיינען צוגעדרוקט געוואָרן צום ספר „נפש חיים״, מיטן נאָמען „נפש יש״י״.

צוזאַמען מיטן אנטעניער רבי׳ן איז אויך אומגעקומען אויף קידוש־השם זיין זון ר׳ ברוך, וועלכער איז געווען אַן אײדעם פון רבי׳ן ר׳ חיים פון קאָסעוו.

אויך זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצישע הענט דעם רבינ׳ס טעכטער צפורה און פעסיע לאה, הי״ד.

און לאָמיר דאָ ברענגען אַ חסידישע תורה, וואָס איז פאַרבליבן פון אַנטעניער רבינס תורה׳ס.

עס איז באַקאַנט די קשיא, וואָס די וועלט פרעגט: וואָס איז דער אונטערשיד אין דער הגדה צווישן חכם און רשע,ביידע פרעגן דאָך כמעט דאָס זעלבע, פאַרוואָס עס איז פסח און פאַרוואָס מען ריכט אָפּ דעם סדר?

נאָר ביים חכם ווערט געבראַכט דער שם, ווי עס שטייט: „מה העדות והחוקים והמשפטים אשר צוה ד׳ אלוקינו״. אָבער ביים רשע שטייט נישט דער נאָמען פון גאָט. דער רשע פרעגט נאָר: „מה העבודה הזאת לכם?״

האָט דער אַנטעניער רבי דערויף געזאָגט: עס שטייט אין קהלת (ב׳, י״ג) „יתרון החכמה מן הסכלות כיתרון האור מן החושך״ (די מעלה פון חכמה איבער נאַרישקייט איז אַזוי ווי די מעלה פון ליכטיקייט איבער פינצטערניש). ווען דער אייבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט שטייט ביי דער ליכטיקייט: „ויקרא אלוקים לאור יום״, דער אייבערשטער האָט אָנגערופן די ליכט — טאָג; אָבער ביי דער פינצטערניש שטייט „לחושך קרא לילה״, צו דער פינצטערניש האָט ער גערופן: נאַכט. זעען מיר, אַז ביי ליכט ווערט דערמאָנט דער נאָמען פון גאָט און ביי פינצטערניש נישט. אָט דאָס זאָגט דער פסוק: די מעלה פון חכמה איבער דער נאַרישקייט איז ווי ליכט איבער פינצטערניש. ביי דער ליכט ווערט דערמאָנט דער נאָמען פון אייבערשטן און ביי דער פינצטערניש נישט — דאָס זעלבע איז אויך דער חילוק צווישן דעם חכם און דעם רשע. דער חכם דערמאָנט דעם נאָמען פון אייבערשטן, און דער רשע נישט.

און דער רבי האָט צוגעגעבן, אַז די אותיות פון „חכם״ זיינען די ראשי תיבות: „כיתרון חכמה מכסילות״ (געבראַכט אין „נפש ישׂ״י).

∴

דער ערשטער אַנטעניער רבי, ר׳ חיים האַגער, האָט געהאַט נאָך אַ זון, ר׳ מנחם מענדל האַגער, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון זלאָטאָפאָליער רבי׳ן ר׳ דוד טווערסקי. צוליב דעם, וואָס דאָס פּאָרפּאָלק האָט נישט געהאַט קיין קינדער, האָבן זיי זיך געג׳גט און ער האָט נאָך אַמאָל חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון רבי׳ן ר׳ יצחק פון טיסמעניץ, אַן אייניקל פון בעש״ט. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ למדן, ער איז נסתלק געוואָרן נאָך ביים לעבן פון זיין פאָטער.

זיין זון, יצחק האַגער, איז געווען אַן איידעם פון ר׳ שלמה חיים פערלאָוו, רבי אין באָלעכאָוו.

ר׳ יצחק איז געווען רב אין טלומאַטש.

ר׳ מנחם מענדל׳ס טאָכטער, פעסיע לאה, איז געווען אַ שנור פון דעם באַרימטן שרייבער פון חסידות ר׳ אהרן מאַרקוס, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך אין דייטש „חסידיסמוס״.[2])

ר׳ מנחם מענדל׳ס קינדער, זיין זון יצחק און זיין טאָכטער פעסיע

2) אין יאָר תשי״ד (1953) איז דאָס בוך איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש דורך מ. שנפלד, הוצאת „נצח״, תל־אביב, 436 זייטן.

לאה, זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשע חיות צוזאַמען מיט זייער פעטער, דער אַנטעניער רבי.

דער ערשטער אַנטעניער רבי, ר׳ חיים האַגער, האָט געהאַט דריי איי־דעמס: דעם הוסיאַטינער רבי׳ן, דעם טשערנאָוויצער רבי׳ן און דעם האָ־ראָדענקער רבי׳ן.

דער הוסיאַטינער רבי ר׳ ישראל איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ מרדכי שרגא פון הוסיאַטין, וועלכער איז געווען אַ זון פון ריזשינער רבי׳ן ר׳ ישראלטשע.

דער הוסיאַטינער רבי ר׳ ישראל, איז אָנגערופן געוואָרן „דער זקן פון די רביים". ער איז געבוירן געוואָרן ט״ז כסלו תרי״ד (1854), דריי יאָר נאָך דער פטירה פון זיין זיידן, דעם ריזשינער רבי׳ן, און ער איז אָנגע־רופן געוואָרן אויפן נאָמען פון ריזשינער רבי׳ן.

אין יאָר תרנ״ד (1894), נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער, איז ער גע־וואָרן רבי אין הוסיאַטין.

דער הוסיאַטינער רבי האָט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה גע־וואוינט אין ווין. ער האָט דאָרטן אויפגעשטעלט אַ חסידיש הויף און אין יאָר תרצ״ז (1937) איז ער געפאָרן קיין ארץ ישראל און האָט זיך באַזעצט אין תל־אביב.

דער הוסיאַטינער רבי ר׳ ישראל, איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 95 יאָר, כ״ט כסלו תש״ט (1949), און ער איז נקבר געוואָרן אין טבריה נעבן דעם קבר פון רבי׳ן ר׳ מנחם מענדל פון וויטעבסק.

חסידים דערציילן, אַז אין זיין צוואה, וואָס ער האָט געשריבן כ״ט כסלו תרצ״ט, האָט ער אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל אים קובר זיין אין ירושלים אויפן הר הזיתים, און אויב מען וועט אים נישט קענען דאָרט קובר זיין, זאָל מען אים קובר זיין אָדער אין צפת אָדער אין טבריה. זיין איידעם, דער רבי ר׳ יעקב פון הוסיאַטין, האָט באַשלאָסן אים קובר צו זיין אין טבריה.

⁂

אויך אַן אייניקל פון אַלטן הוסיאַטינער רבי׳ן, ר׳ משה, געבוירן גע־וואָרן ב׳ אלול, תרמ״א (1881), איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן. ער איז אויפגעצויגן געוואָרן ביי זיין פעטער ר׳ ישראל פון הוסיאַטין. ער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ מנחם נחום פון טשערנאָוויץ. נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג איז ער קראַנק געוואָרן און אין יאָר תרפ״ה (1925) האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין קראָקע. נאָך דעם ווי עס איז נפטר געוואָרן דער לובלינער גאון ר׳ מאיר שפירא, איז ער געוואָרן דער גייסטיקער מנהיג פון דער „ישיבת חכמי לובלין". זיינע תורה׳ס און תשובות זיינען צונויפ־געזאַמלט געוואָרן אין ספר „דרכי משה".

ווי מען גיט איבער, האָבן די דייטשע רוצחים אים אַרייַנגעשטופּט צו־זאַמען מיט הונדערטער יידן אין וואַגאָנען, וואָס זייַנען געווען אָנגעפּילט מיט הייסן קאַלך און אַלע זייַנען אויף אַזאַ אופן אומגעקומען אויף קידוש־השם, הי״ד.[3]

∴

דער צווייטער איידעם פון אַלטן אַנטעניער רבי׳ן איז געווען דער רבי ר׳ אהרן פון טשערנאָוויץ, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ מנחם נחום פון באָיאַן־טשערנאָוויץ.

ווען זייַן פאָטער איז נפטר געוואָרן, האָבן די חסידים געוואָלט ער זאָל ווערן רבי, אָבער ער האָט די ערשטע צייַט זיך אָפּגעזאָגט דערפון.

ערשט נאָך דעם שטאַרקן דרוק פון די חסידים האָט ער מסכים געווען צו נעמען קוויטלעך.

ווי מען גיט איבער, איז ער פאַרשיקט געוואָרן דורך די נאַציס קיין טראַנסניסטריע און דאָרט איז ער אומגעקומען אויף קידוש־השם, הי״ד.

∴

דער דריטער איידעם פון אַנטעניער רבי׳ן איז געווען דער רבי ר׳ יחיאל מיכל האַגער פון האָראָדענקע, אַ זון פון רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל פון וויזשניץ.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער האָראָדענקער רבי אַנט־לאָפן קיין טשערנאָוויץ און דאָרט אויפגעשטעלט אַ רבישן הויף.

דער האָראָדענקער רבי איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן אין טראַנסניסטריע צוזאַמען מיט זייַן משפחה. מען נעמט אָן, אַז דער טאָג ווען דער רבי איז אומגעקומען אויף קידוש־השם איז געווען י״ג כסלו.

∴

דער דריטער זון פון רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל האַגער פון וויזשניץ איז געווען דער רבי ר׳ משה פון שאָץ. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרכ״ג (1863) אין וויזשניץ און איז אויפגעצויגן געוואָרן נאָך ביים זיידן, דעם אַלטן וויזשניצער רבי׳ן, דעם בעל „צמח צדיק״.

דער רבי ר׳ משה איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ אברהם יהושע העשל, אַ זון פון רבי׳ן ר׳ זושא, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ יצחק מאיר פון זשינקאָוו, אַן אייניקל פון אַלטן אַפּטער רבי׳ן, ר׳ אברהם יהושע העשל.

3) וועגן באָיאַנער רבי׳ן ר׳ משה שרייבן מיר אויספירלעכער אין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

דער רבי ר׳ משה איז געוואָרן רבי אין יאָר תרנ״ג (1893) אין שאָץ און ער האָט געהאַט אַ גרויסן עולם חסידים.

דער שאָצער רבי האָט גע׳שמ׳ט פאַר א גרויסן בעל מנגן. ער איז תמיד געווען מלא שמחה. חסידים דערציילן, אַז נאָךביים לעבן פון זיין פאָטער זיינען אים געשטאָרבן דריי זין מיט איין מאָל, און דאָך ווען עס איז געקומען שבת, איז ער אַריין אין בית־המדרש און האָט געדאַוונט מיט גרויס התלהבות און מיט גרויס שמחה . . . ער האָט געדאַוונט פאַרן עמוד און האָט געטאַנצט אַ צוויי שעה צייט, און בעת דעם טאַנצן האָבן געררונען טרערן פון זיינע אויגן, אַזוי, אַז די פאָדלאָגע איז געוואָרן נאַס פון די טרערן.

דער שאָצער רבי איז נפטר געוואָרן ט׳ אייר תרפ״ו (1926). זיין זון ר׳ יצחק מאיר איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן.

דער אַסטראָווצער רבי מיט זיינע זיבן קינדער זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם

דער אַסטראָווצער רבי ר' יחזקאל'ע איז אַנטלאָפן קיין צויזמיר. — ווי אַזוי ער איז אומגעבראַכט געוואָרן. — די קינה, וואָס זיין תלמיד האָט געשריבן.

דער אַסטראָווצער רבי, ר יחזקאל האַלמשטאָק, איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, צוזאַמען מיט זיין משפחה אין צויזמיר, עשרה בטבת תש"ג (1943).

דער רבי ר' יחזקאל'ע איז געווען אַ זון פון אַסטראָווצער רבי'ן ר' מאיר־יחיאל הלוי און אַן איידעם פון מעליצער רב און רבי'ן ר' נפתלי האָראָוויץ, אַן אייניקל פון ראָפּשיצער רבי'ן ר' נפתלי־צבי האָראָוויץ.



דער אַסטראָווצער רבי, ר' יחזקאל'ע האַלמשטאָק, הי"ד

דער ערשטער אַסטראָווצער רבי ר' מאיר־יחיאל האָט גע'שמ'ט אין דער גאַנצער חסידישער וועלט מיט זיין זיצן אין תענית פערציק יאָר נאָכאַנאַנד. ער האָט אויך גע'שמ'ט פאַר אַ גאון הדור. ער האָט אָנגעפירט מיט אַ גרויסער ישיבה. צו אים זיינען געקומען לערנען בלויז בחורים עלויים, ווייל דער אַסטראָווצער רבי האָט געלערנט גאָר שאַרף, געזאָגט פשט'לעך, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט פאַרוויקלטע חשבונות אין הלכות

מקוואות און הלכות זרעים און אין אַנדערע ענינים, וואו מען האָט געדאַרפט זיין אַ גרויסער בעל־חשבון.

אין זיין ספר „אור תורה" איז פאַראַן אַ תורה (פרשת בראשית), וואָס איז שטאַרק פאַרוויקלט און האָט שווערע חשבונות.

* *
*

דער אַלטער אָסטראָווצער רבי שטאַמט נישט פון קיין רבי׳שן יחוס, ער האָט געהאַט יחוס־עצמו.

דער פאָטער פון אַלטן אָסטראָווצער רבי׳ן איז געווען אַ בייגל־בעקער אין דעם שטעטל צובין, נעבן וואַרשע. ער האָט געהייסן ר׳ אברהם־יצחק. ער איז נישט געווען קיין גרויסער לערנער, אָבער דערפאַר זייער אַ פרו־מער ייד.

ר׳ אברהם־יצחק האָט קיין זין נישט געהאַט. זיין ווייב, חיה־ביילע די בייגל־בעקערין, האָט אָפּגעשלאָגן די טירן פון רבי׳ן ר׳ אשר׳ל פון פּשיסכע, ער זאָל פאַר איר מתפלל זיין, זי זאָל געהאָלפן ווערן און האָבן אַ בן־זכר, ער זאָל לאחר מאה ועשרים שנה נאָך זיי זאָגן קדיש.

איינמאָל האָט חיה־ביילע געגעבן דעם פּשיסכער רבי׳ן אַ קוויטל און זי האָט שטאַרק געוויינט. האָט דער רבי איר געגעבן אַ ברכה, אַז זי וועט האָבן אַ בן־זכר.

ווען חיה־ביילע איז אין אַ פּאָר חדשים אַרום ווידער געקומען צום רבי׳ן, און זי איז שוין דאַן געווען אין די הויכע חדשים, האָט זיך דער רבי ר׳ אשר׳ל פאַר איר אויפגעשטעלט און געזאָגט, אַז ער זעט ברוח־הקודש אַז זי וועט האָבן אַ זון וואָס וועט באַלייכטן די וועלט מיט זיין תורה און חכמה.

דער רבי ר׳ אשר׳ל האָט אויך אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל דאָס ניי־געבוירן קינד אַ נאָמען געבן מאיר־יחיאל.

דאָס איז געווען אין יאָר תרי״א (1851), ווען דער רבי ר׳ מאיר־יחיאל האָט דערזען די ליכטיקע וועלט אין דעם קליין שטעטעלע צובין...

ווען דער קליינער מאיר־יחיאל איז אונטערגעוואקסן, האָט ער שוין גע׳שמ׳ט פאַר דעם „עלוי פון צובין".

דער פאָטער האָט אים געשיקט לערנען צום גראָדזשיסקער רבי׳ן ר׳ אלימלך שפּירא, און אין גראָדזשיסקער רבי׳נס הויף האָט זיך דער עילוי ר׳ מאיר־יחיאל דערצויגן.

דער אָסטראָווצער רבי איז פריער געווען רב אין סקערניעוויץ, דער־נאָך איז ער געוואָרן רב אין אָסטראָווצע.

פערציק יאָר האָט דער אָסטראָווצער רבי געפאַסט. אין די יונגע יאָרן פלעגט ער פאַסטן דריי טעג רצופים, דערנאָך האָט ער געפאַסט יעדן טאָג, און בלויז עפּעס געגעסן ביינאַכט.

דער אָסטראָווצער רבי האָט שטאַרק געהאַלטן פון פּאַטאַליזם. דער מענטש איז אונטערוואָרפן דער גזירה, וואָס מען איז אויף אים גוזר אין הימל, און ער קען גאָרנישט טאָן זי מבטל צו מאַכן.

אין זיין ספר „אור תורה" רעדט ער אין אַ תורה (פרשת מקץ) באַרי־כות וועגן דעם, אַז דער מענטש קען נישט בייטן דאָס וואָס עס איז אים אָנגעשריבן געוואָרן אין הימל, און קיין שום תחבולות העלפן נישט. „יוסף'ס ברידער האָבן געזוכט תחבולות ווי אַזוי מבטל צו מאַכן יוסף'ס חלום, וואָס עס האָט זיך אים גע'חלומ'ט, אַז ער וועט הערשן איבער זיי. האָבן זיינע ברידער געמיינט, אַז דערמיט וואָס זיי וועלן אים פאַרקויפן פאַר אַ קנעכט קיין מצרים, וועלן זיי מבטל מאַכן דעם חלום. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. אדרבה, דערמיט וואָס זיי האָבן אים פאַרקויפט קיין מצרים, איז ער אַריינגענומען געוואָרן אין פרעה'ס הויף און ער איז גאָר געוואָרן אַ שני למלך..."

דער אָסטראָווצער רבי האָט זיך די ערשטע צייט אָפּגעגעבן בלויז מיט זיין ישיבה. און ווען דער גראָדזשיסקער רבי איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרנ"ב (1892) האָט אַ גרויסער עולם חסידים געוואָלט ער זאָל ווערן רבי.

תחילת האָט זיך דער אָסטראָווצער רב איינגע'עקשנ'ט און נישט גע־וואָלט ווערן קיין רבי, אָבער די חסידים זיינען פון אים נישט אָפּגעטראָטן און סוף־כל־סוף האָט ער מסכים געווען צו פירן די רבי'סטווע.

ס'רוב חסידים פון אָסטראָווצער רבי'ן זיינען געווען לומדים; ער האָט אָבער אויך געהאַט חסידים פשוטע, פרומע יידן.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער אָסטראָווצער רבי אַרעס־טירט געוואָרן פון דעם קאָמענדאַנט פון דער עסטרייכישער אַרמיי.

די מעשה איז אַזוי געווען: ווי נאָר דאָס עסטרייכישע מיליטער האָט פאַרנומען אָסטראָווצע, האָט דער קאָמענדאַנט פון דער אַרמיי געשיקט רופן דעם אָסטראָווצער רבי'ן און פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל ווירקן אויף די יידן זיי זאָלן שפּיאָנירן פאַר דער עסטרייכישער אַרמיי. דער רבי האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם באַפעל און מען האָט אים אַרעסטירט.

די חסידים האָבן איינגעלייגט וועלטן צו באַפרייען דעם רבי'ן. זיי האָבן מרעיש עולמות געווען, און ענדלעך גע'פועל'ט, אַז דער קאָמענדאַנט זאָל אַרויסלאָזן דעם רבי'ן. דער קאָמענדאַנט האָט אָבער זיי געשטעלט אַ תנאי: ער וועט באַפרייען דעם רבי'ן ערשט נאָכדעם ווי די יידן וועלן אָפּ־רייניקן די גאַסן.

אַז די יידן פון שטאָט האָבן דאָס דערהערט, האָבן יונג און אַלט, מענער און פרויען, זיך געאיילט אויסצופירן דעם קאָמענדאַנט'ס פאַרלאַנג, און אין משך פון עטלעכע שעה צייט זיינען אַלע גאַסן פון שטאָט אָפּגערייניקט געוואָרן, און דער אָסטראָווצער רבי איז באַפרייט געוואָרן.

נאָכדעם ווי די רוסן זיינען צוריק אַריין קיין אָסטראָווצע, איז דער

אַסטראָווצער רבי ווידער געווען אין סכנה אַרעסטירט צו ווערן, ווייל די פּאָליאַקן האָבן גע׳מסר׳ט די יידן, אַז זיי זיינען געווען פריינטלעך צו דער עסטרייכישער אַרמיי...

אָבער דער אַסטראָווצער רבי איז פון דער סכנה ניצול געוואָרן.

דער אַסטראָווצער רבי האָט פון זיין צווייטער פרוי, די רביצין רחל־מרים, געהאַט אַ זון, ר׳ יחזקאל׳ע, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אַ גדול בתורה, און ווען דער אַסטראָווצער רבי ר׳ מאיר־יחיאל איז נפטר געוואָרן (י״ט אדר, תרפ״ח—1928) איז זיין זון ר׳ יחזקאל׳ע געוואָרן רבי.

ר׳ יחזקאל׳ע איז נאָך זיין חתונה געוואָרן רב אין אינאַבלאַדז, דערנאָך אין נאַשעלסק, און נאָך זיין פאָטערס פּטירה איז ער אָנגענומען געוואָרן פאַר רב אין אַסטראָווצע און געוואָרן רבי. ר׳ יחזקאל׳ע האָט אויך אָנגעפירט מיט זיין פאָטערס ישיבה „בית מאיר״.

ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט פּוילן און זיי זיינען אַריין קיין אָסטראָווצע, האָט דער אַסטראָווצער רבי די ערשטע צייט ווייטער געלערנט זיינע שעורים יעדן טאָג.

די חסידים האָבן געוואָלט דעם רבי׳ן פאַרבאַהאַלטן אין אַ „בונקער״, אָבער דער אַסטראָווצער רבי האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך צוגרייטן, מען דאַרף קענען שטיין פאַרן נסיון און האָבן ריינע כוונות ווען מען וועט דאַרפן אומקומען אויף קידוש־השם.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רציחות אויף יידן און דער אַסטראָווצער רבי האָט געהערט יעדן טאָג ביטערע בשורות, ווי די נאַציס ברענגען אום גאַנצע יידישע קהילות, האָט ער דאָס נישט געקענט משיג זיין, ווי אַזוי לאָזט דאָס זיין פאָטער, וועלכער האָט פערציק יאָר געפאַסט רצופים, אַז מען זאָל אומברענגען גאַנצע יידישע קהילות אין פּוילן?

נישט אַנדערש, נאָר די טויערן פון הימל זיינען פאַרשלאָסן געוואָרן און דער פאָטער זיינער, דער אַלטער אַסטראָווצער רבי, ווייסט גאָרנישט וואָס עס געשעעט מיט דער עדה קדושה אין אַסטראָווצע און אין אַלע אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך. האָט דער אַסטראָווצער רבי גענומען אַ מנין יידן און ער איז אַרויף מיט זיי אויף דעם בית־הקברות. דאָרט האָט ער אַ גאַנצן טאָג געזאָגט תהלים; האָט געוויינט און געקלאָגט און אַריינגעלייגט אַ קוויטל אין זיין פאָטערס אוהל מיט די פּשוטע יידישע ווערטער:

„טאַטע! פאַרוואָס דערלאָזטו אַז מען זאָל אומברענגען די עדה קדושה פון אַסטראָווצע און אַלע יידן פון פּוילן? גיי פאַר דעם כסא־הכבוד און שריי און בעט רחמים פאַר די יידן, ווייל די סכנה איז זייער גרויס!״ [1])

די חסידים האָבן גע׳פּועל׳ט ביים אַסטראָווצער רבי׳ן ער זאָל אַוועק

1) איבערגעגעבן פון אַ גבית־עדות פון דוד אפּלבוים פון אַסטראָווצע, היינט אין סאַן פראַנציסקאָ, קאַליפאָרניע, פאַראייניקטע שטאַטן.

אין אַ פרעמדער שטאָט. דער אָסטראָווצער רבי איז אַוועק קיין צויזמיר, וואו ער איז געווען באַהאַלטן אין אַ „בונקער". ער האָט געהאַט בלויז אַ האַלבע באָרד. די נאַציס האָבן אים פריער געהאַט געכאַפּט, און אַזוי ווי זיי האָבן זיך דערוואוסט אַז ער איז אַ „ראַבינער", האָבן זיי געוואָלט אים ווײ־געטאָן, גע׳חוזק׳ט פון אים און האָבן אים אָפּגעשוירן איין זייט באָרד [2].

„איך פלעג אַלס פּאַרטיזאַן אָפט קומען קיין צויזמיר פאַרשטעלט פאַר אַ פּאָליאַק. איך בין געווען אין צויזמירער געטאָ, וואו דער אָסטראָווצער רבי איז געלעגן באַהאַלטן אין אַ ׳בונקער׳.

„איינמאָל האָט דער רבי מיך געבעטן איך זאָל אים ברענגען אַביסל וואַסער. איך האָב געבראַכט דעם רבי׳ן אַ טעפּעלע וואַסער. דער רבי האָט מיר געוואונטשן איך זאָל זיין פון די ׳שארית־הפליטה׳.

„דער אָסטראָווצער רבי האָט איידער ער האָט פאַרלאָזט אָסטראָווצע צונויפגענומען אַלע ספרי־תורה פון די שולן און בתי־מדרשים. ער איז אַרויס בסוד מיט אַ מנין יידן אויפן אַלטן בית־עלמין, אויסגעגראָבן אַ גרוב און אַלע ספרי־תורה באַהאַלטן". [3]

וועגן אומקום פון אָסטראָווצער רבי׳ן אויף קידוש־השם זיינען פאַראַן פאַרשידענע ווערסיעס.

אַן עד־ראיה, אהרן פרידנטאַל, דערציילט [4]:

„אין אָנהויב פון חודש טבת, תש״ג איז דערשינען אין דעם אַמט פונעם ׳יודנראַט׳ דער הויפּט פון דער געסטאַפּאָ און ער האָט פאַרלאַנגט, אַז ביז צוועלף אַזייגער בייטאָג זאָל מען אים צושטעלן דעם אָסטראָווצער רבי׳ן. אויב ניט, וועט ער זיך נוקם זיין אין אַלע יידן. די נאַציס האָבן גערופן דעם אָסטראָווצער רבי׳ן: ׳וואונדער־ראַבינער פאָן אָסטראָוויץ׳.

„דער דאָזיקער באַפעל האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע מבוכה צווישן די ׳יודנראַטלער׳. אַלע יידן האָבן געוואָלט ראַטעווען דעם רבי׳ן און אים אויסבאַהאַלטן. זיי האָבן געוואָלט געבן כאַבאַר און כופר־נפש. אָבער ווען דער אָסטראָווצער רבי האָט זיך דערוואוסט דערפון, האָט ער זיך אָנגעטאָן אין טלית און תפילין און ער האָט אָפּגעדאַווענט. דערנאָך איז ער געגאַנגען אין מקווה אַריין און ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ קיטל. דעמאָלט זיינען אָנגעקומען יידן און אים געוואָלט באַהאַלטן. אָבער דער רבי האָט געזאָגט, אַז מען טאָר ניט אײַנשטעלן קיין עדה פון טויזנט נפשות.

„אויב איך וועל אַנטלויפן — האָט דער רבי געזאָגט — וועלן די נאַציס נעמען נקמה אין די יידן. איז בעסער איך זאָל זיין דער קרבן הקהל.

„און ווען די דייטשע רוצחים זיינען געקומען, האָט דער רבי געזאָגט: ׳איך בין גרייט!׳

2) איבערגעגעבן פון דוד אַפּלבוים.

3) דערציילט פון זעלבן עד־ראיה.

4) „בית יעקב", אדר, תשכ״ג (1963).

„דעמאָלט זיינען געקומען צו לויפן צוואַנציק יידן און זיי האָבן געזאָגט צו די דייטשן, אַז זיי זיינען גרייט אָוועקצוגעבן זייערע לעבנס פאַרן רבי׳ן. זאָל מען זיי בעסער נעמען — האָבן זיי זיך געבעטן ביי די רוצחים — איידער דעם רבי׳ן. אָבער דער הויפּט פון דער געסטאַפּאָ האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט: ׳גוט, וועט איר צוזאַמען מיט דעם רבי׳ן געטויט ווערן!׳

„די נאַציס האָבן געפירט דעם רבי׳ן, צוזאַמען מיט די צוואַנציק יידן, אויף דעם מאַרק פאַר דער שול. ביי דער וואַנט פון דער שול האָבן זיי דעם רבי׳ן דערשאָסן. דערנאָך האָבן זיי באַפוילן די צוואַנציק יידן, אַז זיי זאָלן נעמען דעם הייליקן גוף פון רבי׳ן אויף דעם בית־עלמין און דאָרט אויסגראָבן אַ קבר פאַר דעם רבי׳ן. דערנאָך האָבן די נאַציס געהייסן די צוואַנציק יידן אויסגראָבן אַ קבר פאַר זיך אַליין, און זיי האָבן די דאָזיקע יידן דערשאָסן אין דעם אָפענעם קבר. הי״ד״.

לויט ווי ס׳איז איבערגעגעבן געוואָרן פון אַן אַנדערן יידן [5] איז דער אָסטראָווצער רבי געזעסן אין טלית און אין קיטל ווען די נאַציס זיינען אַריין אין שטוב. ער האָט צו זיי געזאָגט: „איך האָב שוין לאַנג געוואַרט אויף דעם זכות, איך בין גרייט!״

דער אָסטראָווצער רבי איז אומגעקומען, צוזאַמען מיט זיין רביצין ביילע־מרים און זיינע זיבן זין און איין טאָכטער, מיט זייערע ווייבער און קינדער. זיין עלטסטער זון ר׳ יעקב איז געווען ראש־בית־דין אין אָס־טראָווצע, און זיין צווייטער זון, ר׳ מלכ׳ל, איז געווען רב אין נאַשעלסק.

דער אָסטראָווצער רבי איז אַלט געווען 57 יאָר ווען ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, עשרה בטבת, תש״ג (1943), הי״ד.

אַ סך כתבים, חדושי תורה זיינען געווען אין אָסטראָווצער רבי׳נס הויף. דער אָסטראָווצער רבי אַליין האָט צוגעגרייט אַרויסצוגעבן אַ ספר „מראה יחזקאל״.

אָבער די מערסטע כתבים זיינען פאַרניכטעט געוואָרן.

דעם אָסטראָווצער רבי׳נס געטרייער תלמיד, ר׳ חיים־יצחק וואָלגע־לערנטער, האָט מחבר געווען אַ „הספד קינה״, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין רבי איז אומגעבראַכט געוואָרן.

דער תלמיד ר׳ חיים־יצחק וואָלגעלערנטער איז דעמאָלט געזעסן „שבעה״ אויף אַ בוידעם־שטיבל פון אַ שטאַל ביי אַ פוילישן פויער, נאָך זיין פאָטער און מוטער און שוועסטער, וואָס זיינען גע׳הרג׳עט געוואָרן דורך די דייטשן. פּלוצלינג האָט ער דערהערט די טרויעריקע ידיעה, אַז זיין רבי, ר׳ יחזקאל׳ע, איז אומגעקומען אויף קידוש־השם צוזאַמען מיט זיין

5) ביי אַן אסיפה פון דער אגודת ישראל אין ניו־יאָרק, אין יאָר 1946, געדרוקט אין „מאָרגן־זשורנאַל״, 3טן יוני, 1946.

גאַנצער משפּחה. האָט ער געשריבן אַ קינה אויף זיין רבי׳ן אין לשון־קודש, וואָס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן דורך זיין ברודער.

ר׳ חיים־יצחק וואָלגעלערנטער האָט איבערגעלעבט די גיהנום־יאָרן פון די דייטשן. אָבער ווען פּוילן איז באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי, איז ר׳ חיים־יצחק אַרויס פון זיין בוידעם־שטיבל, האָבן אים די פּאָליאַקן גע׳הרג׳עט...

זיין ברודער, דוד וואָלגעלערנטער, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן אין אַן אַנדערן „בונקער", איז אַרויף אויפן בוידעם־שטיבל און האָט געפונען די „קינה" וואָס ר׳ חיים־יצחק האָט אָנגעשריבן אויפן אָסטראָווצער רבי׳ן[6]).

די קינה איז געשריבן געוואָרן אין חודש שבט, תש״ג.

די אָנהויב־אותיות פון דער קינה זיינען — „רבנו יחזקאל הלוי בן לאדמו״ר הקדוש מאיר־יחיאל הלמשתוק מאוסטרובצה זצקלה״ה.

מיר גיבן די ערשטע פינף שורות פון דער קינה:

„רטוב ומתבוסס בדמי אבי, אמי ואחותי שניקטפו בימי קציר הדמים.
„בדד עטף באבלות כפולה לבבי הנקרע לגזרים,
„יושב אני בעלית רפת־בקר נחבא, במסתרים תבכה נפשי,
„נדהמתי פתאום מהרצח הנורא של רבינו ושבעת בניו ביום אחד עמו,
„וזאת הטורים האלה לזכרו הקדוש הקדשתי" [7]).

און אין דער קינה דערציילט דער תלמיד ר׳ חיים־יצחק וואָלגעלערנטער, אַז דער אָסטראָווצער רבי איז געזעסן ביים אָפּענעם זוהר איינגעהילט אין טלית. ער האָט שוין דעם דריטן טאָג געפאַסט, ווייל ער וויל געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע וואָס עגבערט אין זיין מח. עס שטייט דאָך אין דער תורה, אַז „אותו את בנו לא תשחטו ביום אחד", אַז מען טאָר נישט שעכטן אַ פאָטער מיט אַ זון אין איין טאָג — פאַרוואָס שעכט מען איצט טאַטעס מיט קינדער?...

ר׳ חיים־יצחק וואָלגעלערנטער האָט אין זיין בוידעם־שטיבל אויך פאַרשריבן די התנהגות פון אָסטראָווצער רבי׳ן און אויך „ספר הדמעות", וועגן אומקום פון זיין משפּחה.

6) געדרוקט אין ספר „מאיר עיני חכמים", אַרויסגעגעבן פון ראובן מאַנדלבוים, אין צוויי חלקים: תורות און שו״ת פון אַלטן אָסטראָווצער רבי׳ן. צום סוף פון ספר צוגעדרוקט אַ קונטרס: „קדשי יחזקאל", חדושי תורה פון רבי׳ן ר׳ יחזקאל׳ע אָסטראָווצער.

7) אין אַ פרייער איבערזעצונג: דורכגעווייקט און נאַס פון טרערן צוליב מיין פאָטער, מוטער און שוועסטער, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין די בלוטיקע טעג, איינזאַם, איינגעהילט אין אַ טאָפּלטער אבלות איז מיין האַרץ צעריסן אויף שטיקער, זיץ איך אויף אַ בוידעם־שטיבל פון אַ שטאַל באַהאַלטן און פאַרבאָרגן, וויינט מיין נשמה, איך בין געוואָרן צעבראָכן פון דעם מורא׳דיקן מאָרד פון אונזער רבי׳ן מיט זיינע זיבן זין, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין איין טאָג. די דאָזיקע שורות שרייב איך צו זיין הייליקן אָנדענק.

אַפּאַלער רבי הויכט־אויס זיין נשמה, ווען די נאַציס קומען אים אַרעסטירן

דער אַפּאַלער רבי, ר׳ ירמיהו קאַליש, איז געווען אַן אייניקל פון וואורקער רבי׳ן — ער האָט געוואוינט אין וואַרשע, ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט פוילן

אויך די רבי׳שע דינאַסטיע אַמשינאָוו־וואורקע האָט געגעבן איר חלק אויפן מזבח פון אומקום פון די זעקס מיליאָן קדושים. עס איז אומגעב־בראַכט געוואָרן אויף קידוש־השם דער אַפּאַלער רבי, ר׳ ירמיה קאַליש, וואָס איז געווען דער בן־זקונים פון אַמשינאָווער רבי׳ן, ר׳ יעקב־דוד קאַליש.

דער רבי ר׳ ירמיה קאַליש איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרל״ג (1873). זיין פאָטער, דער רבי ר׳ יעקב קאַליש פון אַמשינאָוו, איז געווען דער עלטסטער זון פון דעם וואורקער רבי׳ן, ר׳ יצחק, וואָס האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ גרויסן אוהב ישראל.

ר׳ ירמיה איז אינגאַנצן אַלט געווען פינף יאָר ווען זיין פאָטער, דער אַמשינאָווער רבי, איז נסתלק געוואָרן. האָט אים זיין ברודער, דער בכור ר׳ מנחם־מענדל פון אַמשינאָוו, גענומען צו זיך און אים אויפגעצויגן.

פון זיינע יונגע יאָרן אָן האָט דער אַפּאַלער רבי ר׳ ירמיה אַרויסגע־וויזן גרויס חריפות אין לערנען, האָט אים זיין ברודער געשיקט לערנען אין דער ישיבה פון גאון ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק אין בריסק.

דאָס איז דעמאָלט געווען אַ זעלטענער פאַל אין דער חסידישער וועלט: אַ רבי׳ש קינד, אַ זון פון אַ רבי׳ן און א ברודער פון אַ רבי׳ן, זאָל פאָרן לערנען אין אַ ישיבה, וואָס געהערט נישט צום חסידישן נוסח.

ר׳ ירמיה האָט געלערנט אין דער ישיבה אין בריסק ביז ער האָט געקראָגן סמיכה פון ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק אַליין. דערנאָך איז ער צו־ריקגעפאָרן צו זיין ברודער קיין אַמשינאָוו און איז באַלד אַ חתן געוואָרן מיט דער טאָכטער פון דעם רבי׳ן ר׳ אברהמ׳לע אייגער פון לובלין.

∴

ר׳ ירמיה האָט געגעסן קעסט עטלעכע יאָר ביים שווער אין לובלין, דערנאָך איז ער געוואָרן רב אין קליינעם שטעטל אָפּאָלע, נעבן לובלין.

זייענדיק רב אין אָפּאָלע האָט ער זיך דערוווּסט פון אַלע קהל׳שע ענינים. ער האָט געליטן גרויס דחקות און איז געזעסן יומם ולילה און האָט געלערנט. ביסלעכוויז האָבן חסידים אָנגעהויבן צו פאָרן צו אים,

און אַ שם איז אַרויס אין דער גאַנצער געגנט, אַז דער אַפּאָלער רבי גייט אין די דרכים פון זיין עלטער־זיידן, דעם וואורקער רבי׳ן.

בעת דער ער׳שטער וועלט־מלחמה האָט דער אַפּאָלער רבי אַ סך גע־האָלפן די יידן, וואָס זיינען געטריבן געוואָרן פון רוסישן מיליטער, און איינמאָל איז דער רבי אַליין אַרעסטירט געוואָרן דורך אַ רוסישן אָפיציר אַלס שפּיאָן פאַר די רעגירונגען פון עסטרייך און דייטשלאַנד.

דער אַפּאָלער רבי איז געזעסן אין תפיסה עטלעכע חדשים. עס האָט ניט גע׳פּועל׳ט דאָס השתדלות פון די יידן אין לובלין, אַז דער רבי איז אָפּגעזונדערט פון דער וועלט און אַז ער איז נישט קיין שפּיאָן. דער רבי איז געווען אין גרויס סכנה. האָבן די יידן זיך גענומען צום „אויסגעפּרואווטן" מיטל אין גלות — אויסלייז־געלט. דער רוסישער קאָ־מאַנדיר האָט „גענומען" און דער רבי איז באַפרייט געוואָרן פון תפיסה, אַ קראַנקער און צעבראָכענער.

דער אַפּאָלער רבי איז שוין מער נישט צוריקגעקומען אין זיין שטעטל אָפּאָלע, נאָר ער האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין וואַרשע און דאָרט האָט ער אויפגעשטעלט זיין רבי׳שן הויף.

חסידים זיינען געקומען פון וואַרשע און פון פאַרשידענע שטעט אַרום צום אַפּאָלער רבי׳ן.

דער אַפּאָלער רבי האָט געקראָגן אַ שם, אַז ער איז דער ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער פון פוילן.

דער אַפּאָלער רבי איז געגאַנגען אין דעם חסידישן דרך פון זיין גרויסן זיידן, ר׳ ישראל־יצחק קאַליש פון וואורקע (געבוירן אין יאָר תקל״ט—1779 און נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ח—1848), וואָס מען האָט אים גע־רופן „ר׳ יצחק וואורקער". זיין חסידישע שיטה איז געווען געבויט אויף אַלע דריי זיילן, אויף וועלכע די וועלט האַלט זיך: אויף תורה, עבודה און גמילות־חסדים, אָבער געשטעלט האָט מען דעם טראָפּ אויף גמילות־חסדים.

דער וואורקער רבי, וואָס איז געווען אַ חסיד פון רבי׳ן ר׳ בונם פון פּשיסכע און אַ חבר פון קאָצקער רבי׳ן, איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט דער קאָצקער שיטה, וואָס האָט געשטעלט אַלץ אויפן שפּיץ מעסער, אויף שאַרפקייט, מוח׳ישקייט און הוילער אמת.

דער וואורקער רבי האָט געזאָגט: פאַרוואָס האָט יצחק געבענטשט יעקב׳ן מיט דער ברכה, וואָס ער האָט געדאַרפט געבן עשו׳ן? נאָר דאָס איז געווען אַ ברכה לדורות צו לאָזן אונדז וויסן, אַז נישט בלויז ווען די בני ישראל וועלן זיך נוהג זיין ווי די זרע יעקב וועט ביי זיי מקוים ווערן די ברכה, נאָר אפילו ווען זיי וועלן זיך, חס ושלום, נוהג זיין ווי די בני־עשו, וועט אויך אויף זיי חל זיין יצחק׳ס ברכה...

דער וואורקער רבי איז געווען אַ גרויסער סניגור פאַר דעם גאַנצן

כלל ישראל. ער האָט געזאָגט: אַז אפילו דער קל שבקלים איז זיך מוסר־נפש אויף קידוש־השם, און אַז „ווען עס וואָלט נאָר געהערשט אחדות צווישן יידישן פאָלק, וואָלט געוואָרן ,יד אחד׳ — איין האַנט און די האַנט וואָלט געווען אַזוי לאַנג, אַז זי וואָלט דערגרייכט דעם כסא־הכבוד. און ווען זיי קענען דערגרייכן צום כסא־הכבוד, דעמאָלט וואָלט קיינער זיי קיין שום שלעכטס נישט געקאָנט טאָן״.

אין וואורקע האָט מען געזונגען אַ סך ניגונים, וואָס האָבן נאָך געשטאַמט פון פשיסכע און פון „חוזה״ פון לובלין. דעם וואורקער רבי׳נס זון, דער רבי ר׳ מענדעלע קאַליש, וואָס איז נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער געוואָרן רבי אין וואורקע, האָט מחבר געווען אַ ניגון מיט ווערטער, וואָס איז דערנאָך געזונגען געוואָרן אין די וואורקער הויפן.

די ווערטער פון ניגון גייען אַזוי [1]:

ווער עס האָט זיך באַהאַלטן אונטער מיין באַלקן,
איז אַ סימן, ער האָט ליב געהאַט דעם טאַטן דעם אַלטן.
נישט געדאַווגט, נישט געלערנט,
אַבי דעם אייבערשטן נישט דערצערנט;
נישט געדאַווגט, נישט געלערנט, אַבי דעם בורא עולם נישט דערצערנט.
לאָמיר נישט זאָרגן וואָס עס וועט זיין מאָרגן,
לאָמיר בעסער פאַררעכטן דעם קאַליע־געמאַכטן נעכטן.
בני היכלא דכסיפין...

∴

דער אָפּאלער רבי ר׳ ירמיה קאַליש איז געווען אין וואַרשע ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט פוילן אין אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

1) דער דאָזיקער נוסח ווערט אָנגעגעבן אין ג. שמנ׳ס ווערק „דאָס געזאַנג פון חסידות״, צווייטער טייל, זייט 84. אָבער מיר האָבן געהערט פון אַ וואורקער אייניקל די לעצטע סטראָפע אַזוי: „לאָמיר בעסער פאַררעכטן, וואָס מיר האָבן קאַליע געמאַכט נעכטן״).

מיר ווילן דאָ, אגב, פאַרצייכענען, אַז דאָס דאָזיקע ליד איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש פון דעם נאַציאָנאַלן דיכטער חיים־נחמן ביאַליק.

דאָס איז געווען אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען ביאַליק האָט איינגעפירט דעם „עונג־שבת״ אין תל־אביב און אין אַנדערע שטעט. איך בין דעמאָלט געווען איינער פון די „טיש־זיצערס״ ביים „עונג־שבת״, וואָס איז די ערשטע צייט געפראַוועט געוואָרן אין הרצליה־גימנאַזיע אין תל־אביב. האָב איך איינמאָל געזונגען דעם דאָזיקן וואורקער ניגון. דער חסידישער ניגון איז געפעלן געוואָרן ביאַליק׳ן, און ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז עס זיינען צום ניגון פאַראַן יידישע ווערטער, האָט ער מיר געבעטן איך זאָל אים זונטיק אַריינברענגען אויפגעשריבן די שורות. איך האָב געבראַכט די פריער־דערמאָנטע שורות צו ביאַליק׳ן אין שטוב אַריין. ביאַליק האָט זיי איבערגעזעצט אויף העברעאיש און דאָס חסידישע ליד איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם ערשטן אָדער צווייטן נומער פון „עלי עונג־שבת״, וואָס ר׳ בנימין האָט אין יענע יאָרן אַרויסגעגעבן אין ירושלים.

חסידים האָבן די ערשטע צייט באַלאַגערט דעם רבי׳נס הויז, געוואָלט וויסן וואָס מען זאָל טאָן. דער רבי ר׳ ירמיה האָט יעדן געגעבן עצות. איינעם האָט ער געהייסן אַנטלויפן, אַ צווייטן — זיך באַהאַלטן. און ווען חסידים האָבן געפרעגט דעם רבי׳ן וואָס ער אַליין וועט טאָן, האָט דער רבי געענטפערט: „אויף מיר וועלן די רוצחים קיין שליטה ניט האָבן!"...

באַלד האָבן זיך פאַרשפרייט צווישן די חסידים דעם רבי׳נס זאָג.

די נאַציס האָבן דעמאָלט דורכגעפירט פון צייט צו צייט אַקציעס אין געטאָ. זיי האָבן אַרומגערינגלט עטלעכע גאַסן און געגעבן אַ באַפעל, אַז יעדער ייד זאָל אַרויס פון זיין דירה אין הויף אַריין. דערנאָך האָט מען אַלע יידן צונויפגענומען און זיי אַוועקגעשיקט מכלומרשט אין די אַרבעטס־לאַגערן, אָבער אין דער אמת׳ן האָט מען זיי געשיקט אין די טויטן־לאַגערן פאַרברענט צו ווערן.

איינמאָל זיינען די „עס־עס" לייט באַפאַלן די פּאַוויע־גאַס אין געטאָ, וואו דער אַפּאלער רבי האָט געוואוינט. אַ באַפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, אַז אַלע יידן — מענער, פרויען און קינדער — מוזן גלייך פאַרלאָזן זייערע וואוינונגען און אַראָפּ אין הויף. ווער עס וועט נישט אויספירן דעם באַפעל, וועט באַלד דערשאָסן ווערן.

אַלע יידן זיינען אַראָפּ אין הויף.

די „עס־עס"־לייט זיינען דערנאָך געגאַנגען פון וואוינונג צו וואוינונג, און וואו זיי האָבן געפונען אַ באַהאַלטענעם ייד, האָבן זיי אים דערשאָסן.

עס האָבן זיך דערהערט אייניקע שאָסן פון אַן אַנדערער דירה.

די חסידים האָבן געבעטן דעם אַפּאלער רבי׳ן ער זאָל אויך אַראָפּ אין הויף. זיי האָבן געטראַכט, אפשר וועלן זיי געפינען יידן, וואָס וועלן דעם רבי׳ן אויסלייזן פון די רוצח׳ישע הענט.

אָבער דער רבי האָט געזאָגט: „איך האָב אייך מבטיח געווען, אַז די נאַציס וועלן איבער מיר קיין שליטה נישט האָבן און איך ווייס וואָס איך זאָג!"...

די יידן זיינען געשטאַנען אין הויף אין איין שרעק. זיי זיינען געווען זיכער, אַז אָט־אָט וועלן זיי הערן אַ שאָס פון רבי׳נס חדר. אָדער די „עס־עס"־לייט וועלן אַראָפּשלעפּן דעם רבי׳ן מיט געוואַלט אַ לעבעדיקן.

אָבער קיין שאָס האָט מען נישט דערהערט און דער רבי איז נישט אַראָפּגעקומען.

ערשט פאַרנאַכט, ווען די אַקציע איז שוין געווען פאַרענדיקט, האָבן חסידים זיך אַריינגעכאַפּט אין רבי׳נס דירה צו זען וואָס מיטן רבי׳ן איז געשען, און זיי האָבן דעם רבי׳ן געטראָפן זיצן מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ שוין מער נישט קיין לעבעדיקן אויף זיין שטול...

מען האָט זיך דערנאָך דערוואוסט, אַז ווי נאָר די נאַציס האָבן איבער־געטראָטן די שוועל פון רבי׳נס חדר, האָט דער רבי אויסגעהויכט זיין נשמה.

אַט אַזוי איז מקוים געוואָרן דעם רבינ׳ס זאָג, אַז די נאַציס וועלן איבער אים קיין שליטה נישט האָבן . . .

די חסידים האָבן אין דעם זעלבן פאַרנאַכט מקבר געווען דעם אָפּאָלער רבי׳ן. זיי האָבן אים אָנגעטאָן אין תכריכים, האָבן איינגעוויקלט זיין גוף אין זיין טלית און האָבן אים קובר געווען אין הויף פון זיין דירה אויף דער פּאַוויע גאַס און ביים קבר געזאָגט קדיש.

∴

אין דער וואורקער רבי׳שער דינאַסטיע זיינען געווען נאָך קרבנות. עס איז געווען אַ קרבן דער רבי ר׳ ישראל יצחק קאַליש, וועלכער איז געווען דער זון פון רבי׳ן ר׳ שמעון קאַליש פון סקערניעוויץ. ער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ חיים פון נאַדראַזין.

ווען די נאַציס זיינען אַריין קיין וואַרשע האָבן זיי אים געכאַפּט און אים פאַרשיקט אין די אַרבעטס־לאַגערן. ער איז פון דאָרט אַנטלאָפן און צוריק־געקומען קיין וואַרשע און דאָרט נפטר געוואָרן.

אויך דער צווייטער ברודער, דער רבי ר׳ דוד פון לויוויטש, איז אומ־געבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס. די נאַציס האָבן פאַרלאַנגט פופציק טויזנט דאָלער אויסלייז־געלט אַרויסצופירן דעם רבי׳ן מיט אַן עראָפּלאַן פון וואַרשע. די נאַציס האָבן געקראָגן אַ גרויסע סומע געלט און האָבן דעם רבי׳ן אַרויסגעפירט פון וואַרשע. אָבער אויפן וועג קיין איטאַליע האָט דער עראָפּלאַן געלאַנדעט אויף אַן אָרט אין פּוילן, און די דייטשע רוצחים האָבן דערמאָרדעט דעם רבי׳ן צוזאַמען מיט זיין פעטער׳ס זון, דעם רבי׳ן ר׳ אברהם פון ראַדאָמסק, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון דעם זאַוויער־טשער רב.

דער באָבאָווער רבי איז אומגעבראַכט געוואָרן אין זיינע שבת׳דיקע מלבושים

ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין דעם „שוואַרצן־פרייטיק“ אין לעמבערג. די אוקראַינער האָבן געקראָגן אַ דערלויבעניש צו מאַכן אַ בלוט־באָד אויף יידן, אין יאָר־טאָג ווען פּעטליוראַ איז דערשאָסן געוואָרן.

דער באָבאָווער רבי ר׳ בן־ציון האַלבערשטאַם איז געבראַכט געוואָרן אַ קרבן, דורך די דייטשע רוצחים אין לעמבערג, אין דעם גרויסן שחיטה־טאָג, פרייטיק ראש חודש אב, תש״א (1941).

דער באָבאָווער רבי ר׳ בן־ציון האַלבערשטאַם, הי״ד

די דייטשן האָבן אין דעם טאָג געגעבן אַ דערלויבעניש די אוקראַינער זיך צו טרינקען אין יידיש בלוט.

דאָס איז געווען דער טאָג פון דער יאָרצייט פון דעם פּאָגראָמשטשיק פּעטליוראַ, ווען דער יידישער העלד שלום שוואַרצבאַרד האָט אים דערשאָסן.

אין דעם דאָזיקן „שוואַרצן פרייטיק“, האָבן די אוקראַינער מיט דער הילף פון די דייטשן געמאַכט אַ מורא׳דיקן פּאָגראָם אויף די יידן אין לעמבערג.

דער באָבאָווער רבי איז געלעגן באַהאַלטן אין לעמבערג ביי זיינעם אַ חסיד אביגדור ברינער, אויף דער זשוקאָווסקי גאַס.

צוועלף טויזנט יידן זיינען דעמאָלט אַריינגעשטופּט געוואָרן אין די ענגע תפיסות אויף דער סאַפּיעהא גאַס אין לעמבערג.

מיט דעם באָבאָווער רבי'ן איז געווען באַהאַלטן זיין יינגסטער זון, משה אהרן, האָבן די דייטשן און די אוקראַינישע רוצחים אים ניט געזען. ער וואָלט זיך געווען געקענט אויסבאַהאַלטן און אפשר בלייבן לעבן, אָבער ער האָט ניט געוואָלט לאָזן דעם פאָטער גיין אַליין און ער איז מיט אים מיטגעגאַנגען אויף זיין לעצטן וועג.

פון אַן אַנדער הויז אויף דער זעלבער גאַס, ביי ר' איטשע לעזער, זיינען געלעגן באַהאַלטן דעם באָבאָווער רבי'נס דריי איידעמס, ר' יחזקאל האַלבערשטאַם, דער זון פון אַלטן טשיכוויוער רבי'ן פון קראָקע; משה סטעמפּעל, אַ זון פון גביר און געוועזענער דעפּוטאַט פון פּוילישן פּאַרלאַמענט, ר' פּיוויש סטעמפּעל פון קראָקע, און ר' שלמה רובין, זיינען זיי אויך געכאַפּט געוואָרן און פאַרשיקט אין תפיסה אַריין.

דריי טעג האָט מען דעם באָבאָווער רבי'ן געהאַלטן אין תפיסה, צוזאַמען מיט זיין זון און דריי איידעמס. מען האָט זיי מורא'דיק געפּייניקט צוזאַמען מיט אַלע יידן.

און מאָנטיק, ד' אב, זיינען אַלע יידן אַרויסגעפירט געוואָרן מיט לאַסט־אויטאָס פון דער תפיסה אין אַ וועלדל אַריין הינטער לעמבערג, וואָס האָט זיך געפונען אויפן יאַנאָווער וועג.

די יידן האָבן, נעבעך, אַליין געמוזט גראָבן זייערע אייגענע קברים. אַלע יידן האָבן געזאָגט ווידוי און זיי זיינען אַלע אומגעקומען אויף קידוש השם . . .

∴

באָבאָווער חסידות איז געווען אַ חידוש אין גאַליציע. באָבאָוו האָט אָנגעהויבן שטאַרק מקרב צו זיין די קינדער פון די חסידים. אין באָבאָוו האָט מען אָנגעהויבן פונדאַסניי — פון די קינדער, און פון זיי איז מען געקומען צו די עלטערע.

אין אַנדערע רבי'שע הויפן אין גאַליציע האָט מען געקוקט מיט שטוינונג אויף דעם נייעם דרך: אַזוי שטאַרק מקרב צו זיין קינדער און בחורים? אָבער מיט יאָרן שפּעטער האָט מען זיך אַרומגעזען, און מען האָט צוגעגעבן, אַז דער דרך איז געווען אַ ריכטיקער, און אַז ער האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטן.

בעת ביי אַנדערע רביים האָט מען געזען, על פי רוב, בלויז עלטערע חסידים, ווייל אַ טייל פון זייערע זין און איידעמס זיינען אַוועק אויף אַנדערע דרכים — געוואָרן טעטיק אין פאַרשידענע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס,

— האָבן קיין באָבאָוו געשטראָמט טויזנטער און טויזנטער קינדער, בחורים און יונגעלייט, און די קינדער האָבן אָפט מאָל געמאַכט די טאַטעס פאַר באָבאָווער חסידים . . .

באָבאָוו איז געווען אַ „מיזוג" פון ראָפּשיץ־דזשיקאָוו און סאַנז. אין באָ־באָוו האָט מען געלייגט שטאַרק דעם טראָפּ אויף נגינה. די ניגונים, וואָס דער פריערדיקער באָבאָווער רבי, ר' בן־ציון האַלבערשטאַם, האָט מחבר געווען, זיינען געוואָרן געזונגען אין גאַנץ גאַליציע.

די יונגע באָבאָווער חסידים'לעך — די בחורים האָבן פון יעדן יום־טוב וואָס זיי זיינען געווען ביים רבי'ן, אַהיימגעבראַכט אַ נייעם ניגון פון רבי'ן, און דער ניגון איז געזונגען געוואָרן באַלד ביים אַהיימפאָרן אויף יעדער באַן־סטאַנציע, און דערנאָך אין יעדן שטעטל אין דער באָבאָווער ישיבה און אין דער באָבאָווער קלויז, און שפּעטער, פון אַלע אַנדערע חסידים פון יעדער שטאָט און שטעטל אין גאַליציע.

דער כוח הנגינה און דער דרך צוצוציען חסידים דורך נגינה איז גע־נומען געוואָרן פון ראָפּשיץ, פון וועמען דער גרינדער פון דער באָבאָווער דינאַסטיע האָט געשטאַמט, און דער דרך פון גרינדן ישיבות איז גענומען געוואָרן פון סאַנז, וועמענס אייניקל דער באָבאָווער רבי איז געווען.

שווער זיינען געווען די יסורים פון באָבאָווער רבי'ן ר' בן־ציון האַל־בערשטאַם, ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט גאַליציע. ער האָט, צוזאַמען מיט אַ טייל פון זיין משפחה, געזוכט זיך צו ראַטעווען, אַנטלויפנדיק פון מערב־גאַליציע קיין לעמבערג, מזרח־גאַליציע, וואָס איז אין אָנהייב מלחמה, לויט אַן אָפּמאַך צווישן סאָוועטן־פאַרבאַנד און נאַצי־דייטשלאַנד, פאַרנומען גע־וואָרן פון דער רויטער אַרמיי. אָבער ווען די נאַציס האָבן אָנגעהויבן די מלחמה קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד און פאַרכאַפּט מזרח־גאַליציע, איז אויך דער באָבאָווער רבי פאַרפייניקט געוואָרן פון די דייטשן אין לעמבערג, און דאָרט אומגעקומען אויף קידוש השם.

. ˙ .

דער גרינדער פון דער באָבאָווער דינאַסטיע איז געווען דער רבי ר' שלמה האַלבערשטאַם, געבוירן אין יאָר תר"ז (1847), נפטר געוואָרן תרס"ה (1905), וועלכער איז געווען אַ זון פון ר' מאיר נתן, איינער פון די קינדער פון סאַנזער גאון און רבי'ן ר' חיים האַלבערשטאַם.

ר' מאיר נתן איז געווען אַן איידעם פון רבי'ן ר' אליעזר'ל האָראָוויץ פון דזשיקאָוו, אַ זון פון ראָפּשיצער רבי'ן, נפתלי צבי האָראָוויץ.

דער סאַנזער רבי, ר' חיים האַלבערשטאַם, גערופן אויך אויף דעם נאָמען פון זיינע ספרים: „דברי חיים" אויף שו"ת און תורה, איז געווען אַ תלמיד מובהק פון ראָפּשיצער רבי'ן, זיין זון ר' מאיר נתן האָט פון קינדוויז

אַן געשמ׳ט מיט זיין גאונישקייט אין לערנען און אין חסידות. און דער דזשיקאָווער רבי, ר׳ אליעזר׳ל, האָט אים גענומען פאַר אַ חתן פאַר זיין טאָכטערביילע.

אַ גרויסע אהבה האָט געהערשט צווישן די צוויי רביים, דעם דזשיקאָווער רבי׳ן ר׳ אליעזר׳ל און דעם סאַנזער רבי׳ן ר׳ חיים. איז דאָך געווען דער רבי ר׳ אליעזר׳ל, דער וואָס האָט געבראַכט דעם יונגן גאון ר׳ חיים, וועלכער איז דעמאָלט געווען רב אין רודניק, צום ערשטן מאָל צו זיין פאָטער, דעם ראָפּשיצער רבי׳ן, און פון דעמאָלט אָן, איז דער רודניקער רב, וואָס איז שפּעטער געוואָרן סאַנזער רב און רבי, געוואָרן אַן איבערגעגעבענער תלמיד פון ראָפּשיצער רבי׳ן.

דער שידוך צווישן די צוויי גרויסע רביים, דזשיקאָוו און סאַנז, האָט דעמאָלט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין דער גאַנצער חסידישער וועלט אין גאַליציע.

מען דערציילט, אַז ווען די צוויי מחותנים האָבן זיך באַגעגנט אויף דער חתונה, האָט דער סאַנזער רבי זיך געווענדט צו זיין מחותן דעם דזשיקאָווער רבי׳ן:

„מחותן טייערער, זעט, די האָר פון מיין באָרד און פּיאות ווערן שוין גרוי, און איך האָב נאָך נישט קיין תשובה געטאָן! . . .“

האָט דער דזשיקאָווער רבי געענטפערט:

„מיין מחותן טראַכט תמיד נאָר וועגן זיך, עס וואָלט שוין צייט געווען איר זאָלט אינזינען האָבן די וועלט, אַז אויך אַנדערע דאַרפן תשובה טאָן!“

ר׳ מאיר נתן האָט געגעסן קעסט אין דזשיקאָוו, און דאָרט איז געבוירן געוואָרן זיין זון ר׳ שלמה. נאָך אַ פּאָר יאָר עסן קעסט איז ר׳ מאיר נתן צוריקגעפאָרן צו זיין פאָטער קיין סאַנז.

ר׳ מאיר נתן האָט נישט מאריך ימים געווען. ער איז נפטר געוואָרן, ווען ער איז אינגאַנצן אַלט געווען צוואַנציק יאָר. עס האָט געבושעוועט די מגיפה אין סאַנז.

צווישן חסידים גייט וועגן דעם אַרום אַזאַ מסורה:

אין סאַנז איז אויסגעבראָכן אַ מגיפה. דער סאַנזער רבי מיט זיין בני בית האָבן פאַרלאָזט די שטאָט. איידער ער איז אַוועקגעפאָרן איז צו אים צוגעגאַנגען זיין זון ר׳ מאיר נתן און האָט אים געפרעגט: „טאַטע, אויף וועמען לאָזטו איבער די שטאָט?“

— „דו, מיין זון — האָט דער סאַנזער רבי געענטפערט — וועסט בלייבן אין שטאָט, און דו וועסט אויף איר מגין זיין“.

ר׳ מאיר נתן האָט אַוועקגעשיקט זיין ווייב ביילע, מיט זייער קליין קינד צו איר פאָטער, דעם דזשיקאָווער רבי׳ן, ער אַליין איז געבליבן אין סאַנז. ער איז באַלד דערנאָך קראַנק געוואָרן און נפטר געוואָרן. דאָס איז געווען ט״ו אב, און באַלד האָט זיך די מגיפה אָפּגעשטעלט.

ווען דער סאַנזער רבי איז דערנאָך צוריקגעקומען קיין סאַנז, און האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם גרויסן אומגליק, האָט ער אויף אים זייער געטרויערט, און ער האָט געזאָגט: „ווען ער וואָלט געבליבן לעבן, וואָלט ער געווען גרויס ווי איינער פון די תלמידים פון בעש״ט . . .״

∴

ר׳ מאיר נתנ׳ס אלמנה, די רביצין ביילע, איז געבליבן אין דזשיקאָוו ביי איר פאָטער דעם רבי׳ן ר׳ אליעזר׳ל, און דאָרט האָט זיך אויפגעצויגן איר זון דער יתום ר׳ שלמה, וועלכער האָט אין זיך איינגעזאַפּט דעם גאַנצן דרך פון ראָפּשיץ־דזשיקאָוו און ווען ער איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר האָט מען אים געטעדט אַ שידוך מיט דעם קאַמינקער רבי׳ן ר׳ יהושע, דעם זון פון רבי׳ן ר׳ שלום פון קאַמינקע.

אין יאָר תרכ״א (1861), איז דער דזשיקאָווער רבי, ר׳ אליעזר׳ל, נפטר געוואָרן, ר׳ שלמה איז דעמאָלט אַלט געווען 14 יאָר. צו פופצן יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט דעם קאַמינקער רבי׳נס טאָכטער, רבקה־הענע, און נאָך דער חתונה האָט ער צוויי יאָר געגעסן קעסט אין קאַמינקע.

זיין שווער, ר׳ יהושע קאַמינקער, איז געווען אַ חסיד פון רבי׳ן ר׳ אייזיקל זידיטשויווער. ווען דער קאַמינקער רבי האָט, צום ערשטן מאָל, געבראַכט זיין איידעם, ר׳ שלמה, קיין זידיטשויוו, האָט דער זידיטשויווער רבי געזאָגט: „איך וואונדער מיך זייער שטאַרק אויפן קאַמינקער רב, וואָס ער האָט מיך ביז איצט נישט מזכה געווען, איך זאָל קענען זען זיין איידעם״ . . .

בשעת׳ן דאַווענען אין בית־המדרש, האָט דער זידיטשויווער רבי נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון דעם יונגנמאַן, דערציילן חסידים.

חסידים דערציילן אויך, אַז דער באָבאָווער רבי פלעגט דערנאָך כסדר זאָגן:

„כ׳האָב געזען, אַז דער זידיטשויווער רבי טוט מעשים מיך צו כאַפּן איך זאָל זיין זיין חסיד. אָבער איך האָב זיך די גאַנצע צייט באַמיט איך זאָל נישט פאַרגעסן מיין זיידן, דעם סאַנזער רבי׳ן, און בלייבן זיין חסיד״.

אַט אַזוי האָט דער באָבאָווער רבי געהאַט אין זיך איינגעזאַפּט דעם ראָפּשיצער־דזשיקאָווער און סאַנזער דרך אין חסידות.

נאָך עסן צוויי יאָר קעסט אין קאַמינקע, איז ר׳ שלמה, אין יאָר תרכ״ד (1864), געוואָרן רב אין בוקאָווסק. ער איז דעמאָלט אינגאַנצן אַלט געווען 17 יאָר. פון בוקאָווסק פלעגט ר׳ שלמה אָפט קומען צו זיין זיידן קיין סאַנז. דער זיידע האָט אים זייער ליב געהאַט און זיך געשפּיגלט אין אים. ער האָט זיך מיט אים מפלפל געווען אין לערנען און אים געלערנט אַ דרך אין חסידות.

אין שאלות ותשובות ספר „דברי חיים״ (חלק ב׳ יורה דעה, סימן ל״ב),

איז פאַראַן אַ בריוו פון סאַנזער רבי׳ן צו זיין אייניקל ר׳ שלמה״ן אין וועלכן ער שרייבט אים אַן ענטפער אויף דעם בריוו, וואָס דאָס אייניקל האָט אים געשריבן, אַז ער זאָל אים מדריך זיין אין יידישקייט.

אָט וואָס דער סאַנזער רבי ענטפערט אים:

„איך בין שוין אַלט און איך פּסק׳ן מער נישט קיין הלכה למעשה, אָבער כדי דיך צו לערנען דעם אמת׳ן דרך וועל איך דיר שרייבן בקיצור . . .

„איך האָב געהייסן מעתיק זיין פאַר דיר, דאָס ספר וואָס איך האָב געענטפערט די גאונים קדושים אין פוילן הרב מפּיאַסק... מער האָב איך נישט קיין כוח צו שרייבן. זיי מתפלל פאַר מיר, ווייל איך בין זייער שוואַך. זאָל דער אייבערשטער מיר העלפן מיט אריכת ימים ושנים״... לסדר „אשר תפרה״, תרל״א (1871).

אין יאָר תרל״ה (1875), ווען ר׳ שלמה איז שוין געווען רב אין אָשפּיצין, האָט ער צוזאַמען מיט זיין פעטער׳ס זון, ר׳ משה האַלבערשטאַם פון באַדיאָוו, דעם זון פון גאָרליצער רבי׳ן ר׳ ברוך, אַרויסגעגעבן דאָס שו״ת ספר „דברי חיים״ פון זייער זיידן דעם סאַנזער רבי׳ן.

אַחוץ מיט זיין זיידן, דעם סאַנזער רבי׳ן, איז ר׳ שלמה געשטאַנען אין פאַרבינדונג אין לערנען מיט די גדולי הדור. מיט דעם גאון ר׳ יצחק אהרן איטינגא פון לעמבערג, וועלכער רופט אים אָן, ר׳ שלמה׳ן, „הרב הגאון״, מיט דעם גאון ר׳ יצחק שמעלקיש פון לעמבערג, וועלכער ענטפערט אים אַ תשובה פון יאָר תרמ״ו (1886), און רופט אים אָן „גאון און חריף״.

דער באָבאָווער רבי, ר׳ שלמה, איז געווען רב אין פיר קהילות אין גאַליציע: בוקאָווסק, אָשפּיצין, ווישניצע, (דאָרט האָט ער געגרינדעט די גרויסע ישיבה, וואו ער אַליין האָט איינמאָל אין וואָך געזאָגט אַ שיעור, און דאָנערשטיק ביינאַכט איז ער אויפגעווען מיט די בחורים אין בית המדרש אַ גאַנצע נאַכט), און אין באָבאָוו.

נאָכדעם ווי ער איז 14 יאָר געווען רב אין ווישניצע איז ער, אין יאָר תרנ״ב (1892), געוואָרן רב אין באָבאָוו און אויף דעם נאָמען פון דער שטאָט איז ער אָנגערופן געוואָרן „דער באָבאָווער רבי״.

ווען דער באָבאָווער רבי איז נאָך געווען רב אין ווישניצע האָט מען אים געבעטן ער זאָל זיך אַרויסזאָגן וועגן דער מחלוקת, וואָס האָט זיך דעמאָלט צעפלאַקערט אין סיגעט, אונגאַרן, וואָס אַ טייל פרומע יידן האָבן געוואָלט אויפנעמען אַן אייגענעם שוחט.

דער באָבאָווער רבי ענטפערט מיט אַ בריוו אין וועלכן ער בעט זיך, אַז מען זאָל ניט שפּאַלטן דאָס יידנטום, אַז מען זאָל איינשטילן דאָס פייער פון דער מחלוקה; אַז מען זאָל חס האָבן אויפן כבוד התורה און אויפן כבוד פון כלל ישראל און מען זאָל נישט צעטיילן דאָס הויז פון ישראל [1].

1) מלחמת מצוה, זייטן כ״ו—כ״ט.

דער באָבאָווער רבי ר׳ שלמה האָט יעדן שבת,ביים טיש, געזאָגט תורה. די תורות זיינען נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ ספר. אָבער אַ סך תורות גייען אַרום צווישן די חסידים בעל־פּה.

מיר וועלן דאָ בלויז, לשם דוגמא, איבערגעבן איין ווערטל פון באָ־באָווער רבי׳ן:

ווען דער באָבאָווער רבי, ר׳ שלמה, האָט געפירט אַ מחלוקה מיט די משכילים, האָט ער זיי אָנגערופן, לויטן לשון פון מדרש „לצני הדור״, און ער האָט געזאָגט אויפן פּסוק „אברהם הוליד את יצחק״ (אברהם האָט געבוירן יצחק׳ן — בראשית כ״ה, י״ט), זאָגט רש״י, ווייל די „לצני הדור האָבן גע־זאָגט, אַז פון אבימלכ׳ן איז שרה טראָגעדיק געוואָרן, וואָרין אַזוי פיל יאָרן איז זי געווען מיט אברהמ׳ען און זי איז פון אים נישט טראָגעדיק געוואָרן. וואָס האָט געטאָן דער איבערשטער? דאָס אויסזען פון יצחק איז געווען ענלעך צו דעם אויסזען פון אברהמ׳ען, האָבן אַלע עדות געזאָגט, אַז אברהם האָט געבוירן יצחק׳ן. איז דאָך אין פלוג קשה — האָט דער באָבאָווער רבי געזאָגט — פאַרוואָס רופט זיי אָן דער מדרש „לצני הדור?״ מען וואָלט דאָך זיי געדאַרפט אָנרופן „רשעי הדור״ נישט „לצני הדור״, זיי האָבן דאָך מוציא שם־רע געווען אויף אַן אשת איש, אויף אַ צדיקת ווי שרה, וואָס איז געווען דאָס ווייב פון אַ נביא, און זיי האָבן אויף איר געזאָגט, אַז זי איז טראָגעדיק געוואָרן פון אבימלכ׳ן? נאָר פון דאַנען איז געדרונגען אַז אַ „לץ״ איז ערגער פון אַ „רשע״ . . .

דער באָבאָווער רבי האָט געפירט אַ גרויסע ישיבה אין באָבאָוו און גע־האַט טויזנטער און טויזנטער חסידים. ער איז נפטר געוואָרן, אין עלטער פון אַכט און פופציק יאָר, א׳ תמוז, תרס״ה (1905). זיין ממלא מקומו איז גע־ווען זיין זון, דער באָבאָווער רבי ר׳ בן־ציון האַלבערשטאַם, וועלכער איז אומגעקומען אויף קידוש השם.

דער פריערדיקער באָבאָווער רב ר׳ בן־ציון האַלבערשטאַם איז געווען אַ גדול בתורה און אַ גרויסער בעל־מנגן. ער איז געווען איינער פון די גע־ציילטע רביים אין גאַליציע, וואָס האָט אַליין מחבר געווען ניגונים.

עטלעכע הונדערט ניגונים האָט דער באָבאָווער רבי פאַרפאַסט, וואָס זיינען דורך זיינע חסידים פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַלע שטעט און שטעט־לעך אין גאַליציע.

דער רבי ר׳ בן־ציון האַלבערשטאַם האָט געהאַט אַ הדרת־פּנים און ער האָט געהאַט אַ גרויסן צוציאונגס כוח צו אַלטע און יונגע חסידים און דער עיקר צו יונגע. די יונגע בחורימ׳לעך האָבן ממש געקלעפּט אָן אים, און זיי האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס דער רבי האָט געזאָגט.

אין באָבאָוו האָט מען אויך שטאַרק מקרב געווען די יונגע בחורימ׳לעך. מען האָט זיך אין זיי געשפּיגלט. זיי זיינען געווען דאָס שיינדל פון באָבאָוו.

זיי זיינען כמעט געזעסן אויבן אָןביים רבינ׳ס טיש און זיי זיינען געווען די „פּני״ . . .

דער באָבאָווער רבי האָט געהאַט אַ כוונה אין דעם. ער האָט געוואָלט צוריק אויפשטעלן אַ נייעם דור פון חסידות און ער האָט אָנגעהויבן פון „בראשית״, פון די סאַמע יינגסטע קינדער אָן.

און אין משך פון אַ צען־פופצן יאָר זיינען אויסגעוואַקסן באָבאָווער ישיבות אין פאַרשידענע שטעט אין גאַליציע און טויזנטער ישיבה־בחורים און יונגעלייטלעך האָבן געשטראָמט פון אַלע שטעט און שטעטלעך קיין באָבאָוו אויף שבת און אויף אַ רגל . . .

∴

דער פריערדיקער באָבאָווער רבי ר׳ בן־ציון האַלבערשטאַם איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרל״ד (1884). צוויי יאָר איידער עס איז נפטר געוואָרן זיין זיידע דער סאַנזער רבי, ר׳ חיים האַלבערשטאַם.

דער סאַנזער רבי האָט געהייסן, אַז מען זאָל אַ נאָמען געבן דאָס קינד בן־ציון.

אין באָבאָוו אַליין איז געווען אַ ישיבה „עץ חיים״, וואו עס האָבן געלערנט אַ דריי הונדערט בחורים און אין גאַנץ גאַליציע זיינען געווען דריי און פערציק ישיבות, צווישן זיי, אין קראָקע דריי ישיבות, אין אָשפּיצין — צוויי ישיבות, אין ביליץ, אין יאַסלע (געהאַט אַן אייגענעם בנין), אין טאַרנע, אין קשאַנאָוו, לימאַנאָוו און אין אַנדערע שטעט, וואו עס האָבן געלערנט אַ פּאָר טויזנט ישיבה־בחורים.

∴

ווען די דייטשן זיינען אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַריין קיין גאַליציע, איז דער באָבאָווער רבי צוערשט אַנטלאָפן קיין לוצק. ער האָט געהאָפט זיך צו ראַטעווען. פון לוצק איז דער באָבאָווער אַוועק קיין לעמבערג.

אין לעמבערג האָט דער באָבאָווער רבי געפילט די געפאַר, וואָס רוקט זיך אָן אויף די יידן. עס איז געווען אַ מעגלעכקייט אים אַרויסצוראַטעווען פון פוילן, אָבער ער האָט ניט געוואָלט אַליין אַוועק און איבערלאָזן די יידן אויף „הפקר״ . . .

און די דייטשן האָבן געבושעוועט אין לעמבערג. זיי האָבן יעדן טאָג געכאַפּט יידן און זיי פאַרשיקט אין די טויטן־לאַגערן.

און אין דעם טאָג ווען דער באָבאָווער רבי איז אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ גרויסער עדה יידן אין אַ וועלדל הינטער לעמבערג, האָבן זיך געראַטעוועט עטלעכע יידן; דאָקטוירים, שלאָסער און די, וואָס האָבן געדאַרפט צונויפנעמען די מלבושים פון די אומגעקומענע יידן.

און זיי האָבן איבערגעגעבן, אַז דער באָבאָווער רבי האָט פאַר זיין אומ־קומען אויף קידוש השם געזאָגט:

„צוליב וואָס זיך באַהאַלטן? קאָן מען דען זיך אויסבאַהאַלטן פון „חבלי משיח?״ . . .

מען האָט אויך איבערגעגעבן, אַז ווען די אוקראַינער, אָנגעפירט פון די דייטשע רוצחים, האָבן געכאַפּט דעם באָבאָווער רבי׳ן, האָט ער זיך בלויז געבעטן ביי זיי מען זאָל אים דערלויבן אָנטאָן די שבת׳דיקע מלבושים, און אַזוי, אין די שבת׳דיקע מלבושים און אין שטריימל איז דערנאָך דער באָבאָ־ווער רבי אַרויסגעפירט געוואָרן פון תפיסה אין וועלדל אַריין און אין די זעלבע שבת׳דיקע זיידענע זשופּיצע און שטריימל אויפן קאָפּ האָט דער באָבאָווער ר׳ בן־ציון האַלבערשטאַם אויסגעהויכט זיין נשמה . . .

.˙.

דער באָבאָווער רבי איז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אין ווין. ער איז אָבער נאָך דער מלחמה באַלד צוריקגעקומען קיין גאַליציע און צוריק אויפגעבויט זיין הויף און דאָס באָבאָווער חסידות.

דער באָבאָווער רבי האָט אַרויסגעשיקט בריוו צו זיינע חסידים וועגן ענינים פון חיזוק היהדות און חיזוק האמונה און אין דער צייט, ווען די נאַציס האָבן אָנגעהויבן צו בושעווען אין דייטשלאַנד און זיי האָבן אַרויס־געשיקט טויזנטער יידן פון דייטשלאַנד קיין פוילן און פוילן האָט זיי ניט געוואָלט צוריק אַריינלאָזן, זיינען טויזנטער און טויזנטער יידן געבליבן צווי־שן די גרענעצן אין „קיינעמ׳ס לאַנד״. האָט דער באָבאָווער רבי דעמאָלט אַרויסגעשיקט בריוו צו זיינע חסידים זיי זאָלן העלפן די אומגליקלעכע יידן . . .

דער באָבאָווער רבי האָט געזאָגט תורה ביי די טישן שבת, אָבער ער אַליין האָט קיין ספר ניט אַרויסגעגעבן.

די תלמידים זיינען האָבן פאַרצייכנט אַ טייל פון די תורות, וואָס זיי האָבן געהערט פון רבי׳ן און די תלמידים, וואָס זיינען געבליבן לעבן, האָבן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרויסגעגעבן אַ ספר „קדושת ציון״, תורות פון אַלטן באָבאָווער רבי׳ן . . .

אַחוץ דעם באָבאָווער רביג׳ס ייִנגסטן זון, משה אהרן און די דריי איי־דעמס, איז אויך פאַרשניטן געוואָרן דאָס יונגע לעבן פון באָבאָווער רביג׳ס זון, ר׳ חיים יהושע. ער איז פון לעמבערג פאַרשיקט געוואָרן דורך די רוסן קיין סיביר און דאָרט איז ער געשטאָרבן אין תפיסה אין קסילארדא. עס זיי־נען פון אים געבליבן צוויי קליינע קינדער.

געראַטעוועט האָט זיך, ממש על פי נס, דעם באָבאָווער רביג׳ס זון ר׳ שלמה, וועלכער איז דער היינטיקער באָבאָווער רבי אין ברוקלין, ניו־יאָרק, און אויך זיין מוטער מיט עטלעכע קינדער.

דער הייניקער באָבאָווער רבי האָט געפירט מיט זיך אויפן גאַנצן וועג, וואָס ער איז געלאָפן פון פוילן קיין טשעכאָסלאָוואַקיע, אַ רוקזאַק, וואָס אין אים איז געלעגן אַ צאָל כתב־יד׳ן. אַ כתב־יד פון רבי׳ן ר׳ משה פשעוואָר־סקער, צוויי כתב־יד׳ן פון רבי׳ן ר׳ אליעזר׳ל האָראָוויץ פון דזשיקאָוו, אַ שטעקן מיט אַ זילבערנעם קאָפּ פון אַלטן סאַנזער רבי׳ן, וואָס דער אַלטער באָבאָווער רבי איז מיט אים געגאַנגען בלויז צו אַ חופּה, און אַ ספר, אַ כתב־יד פון זיין פאָטער׳ס תורות, אָבער אויפן וועג, בשעת׳ן לויפן פון פייער — פון דעם דייטשן גיהנום — זיינען די אַלע כתב־יד׳ן פאַרלוירן געגאַנ־גען . . .

עס איז געווען אַ נס, וואָס דער הייניקער באָבאָווער רבי איז גראָד גע־ווען באַהאַלטן אין לעמבערג בשעת דעם גרויסן פּאָגראָם פון די דייטשן און אוקראַינער אין דעם „שוואַרצן פרייטיק״ ביי אַ חסיד, ר׳ יהושע גערסטעל און ער האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז זיין פאָטער מיט זיין ברודער און שוואָ־גערס זיינען געכאַפּט געוואָרן און אומגעבראַכט געוואָרן אויף קידוש השם . . .

אַכט און זעכציק יאָר איז אַלט געווען דער באָבאָווער רבי, ווען ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם און עס איז געשען אַ נס, וואָס זיין זון ר׳ שלמה׳לע, האָט זיך געראַטעוועט און דאָס פייערל פון באָבאָווער חסידות פלאַקערט ווייטער . . .

דער הייניקער באָבאָווער רבי האָט צוריק אויפגעשטעלט די באָבאָווער ישיבות אין ישראל און אין אַמעריקע. אין ירושלים איז פאַראַן אַ ישיבה אויפן נאָמען פון פריערדיקן באָבאָווער רבי׳ן, „בני ציון״, אין „בית חלקיה״ נעבן ירושלים, אויך איז פאַראַן אין נייעם באָבאָווער שיכון „קרית באָבאָוו״ אַ ישיבה „קדושת ציון״. אַזאַ ישיבה איז אויך פאַראַן אין ברוקלין, ניו־יאָרק.

דער באָיאַנער רבי פון לעמבערג אומגעקומען אויף קידוש־השם

דער באָיאַנער רבי, ר׳ אברהם־יעקב פרידמאַן, האָט געשטאַמט פון דער סאַדיגורער־ריזשינער דינאַסטיע.

יעדע רבי׳שע דינאַסטיע האָט געבראַכט קרבנות אויפן גרויסן מזבח פון יידישן פאָלק, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האָבן געשאָכטן די יידן און געוואָלט פאַרטיליקן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. אויך די רבי׳שע דינאַסטיע פון דער סאַדיגורער גזע האָט געבראַכט גרויסע קרבנות.

דער באָיאַנער רבי, ר׳ אברהם־יעקב פרידמאַן, הי״ד

און איינער אַזאַ קרבן איז געווען דער באָיאַנער רבי, ר׳ אברהם־יעקב פרידמאַן, וועלכער האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואוינט אין לעמבערג.

ס׳רוב רביים פון דער ריזשינער־סאַדיגורער דינאַסטיע האָבן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואוינט אין ווין.

ווען די רוסן זיינען אַריין קיין מזרח־גאַליציע און בוקאָווינע, זיינען די גרעסטע צאָל רביים פון דער ריזשינער־סאַדיגורער גזע אַנטלאָפן קיין

ווין און האָבן אויפגעשטעלט הויפן אין ערשטן, ניינטן און צוואַנציקסטן באַצירק.

איינער פון די רביים פון דער סאַדיגורער גזע איז געווען דער באָיאַ־נער רבי ר׳ יצחק פרידמאַן, אַ זון פון אַלטן סאַדיגורער רבי׳ן, ר׳ אברהם־יעקב, וועלכער איז געווען אַ זון פון ריזשינער רבי׳ן.

∴

דער רבי ר׳ אברהם־יעקב דער ערשטער, איז געווען אַ זון פון ריזשי־נער רבי׳ן ר׳ ישראל פרידמאַן. ער איז געבוירן געוואָרן ב׳ חשון, תש״פ (1820). ער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ אהרן פון קאַרלין, דער „בית אהרן״.

נאָך דער פּטירה פון ריזשינער רבי׳ן אין סאַדיגורע, ג׳ חשון, תרי״א (1851), אין זיין זון ר׳ אברהם־יעקב געוואָרן דער ממלא מקומו אין סאַ־דיגורע.

אויפן סאַדיגורער רבי׳ן ר׳ אברהם־יעקב איז געפאַלן דער גורל, בעת דער מחלוקה צווישן סאנז און דער ריזשינער גזע, אַז אַלע פיילן זאָלן געצילט ווערן אויף אים און אויף זיין הויף.

דער סאַדיגורער רבי האָט געפירט אַ מלכות׳דיק הויף. ער איז נפטר געוואָרן י״א אלול, תרמ״ג (1883).

נאָך זיין פּטירה איז זיין עלטסטער זון ר׳ ישראל געוואָרן רבי אין סאַ־דיגורע, און זיין צווייטער זון, ר׳ יצחק, האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין באָיאַן, בוקאָווינע און דאָרט געגרינדעט דעם רבי״שן הויף.

דער באָיאַנער רבי ר׳ יצחק איז געגאַנגען אין דרך פון זיין פאָטער, דעם סאַדיגורער רבי׳ן. ער איז געווען אָפּגעשלאָסן און גערעדט ווייניק.

די חסידים האָבן דעם באָיאַנער רבי׳ן גערופן „פּחד יצחק״, נישט אויפן נאָמען פון אַ ספר, וואָס דער רבי זאָל האָבן מחבר געווען, ווייל דער רבי האָט בכלל קיין ספרים נישט אַרויסגעגעבן (זיינע חיבורים זיינען גע־בליבן ביי די קינדער בכתב־יד), נאָר דעם נאָמען האָט ער געקראָגן צוליב דעם פּחד וואָס דער רבי האָט אָנגעוואָרפן אויף זיינע חסידים.

דער פּחד איז אָבער נישט געווען אַ פּחד פון יראה, נאָר אַ פּחד מאהבה.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די רוסן האָבן זיך דערנענ־טערט צו מזרח־גאַליציע און בוקאָווינע, איז אויך דער באָיאַנער רבי ר׳ יצחק אַנטלאָפן קיין ווין.

דער באָיאַנער רבי ר׳ יצחק פרידמאַן איז נפטר געוואָרן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין ווין, אין עלטער פון 69 יאָר (י״ז אדר, תרע״ז (1917).

די לוויה איז געווען אַ גאָר גרויסע. עס זיינען געקומען אַלע רביים וואָס האָבן דעמאָלט געוואוינט אין ווין, און טויזנטער און טויזנטער חסידים.

∴

דער באָיאַנער רבי האָט איבערגעלאָזט פיר קינדער, זיינען זיי אַלע געוואָרן רביים.

דער עלטסטער זון, ר׳ מנחם־נחום, האָט זיך באַזעצט אין טשערנאָוויץ. ער איז אָבער פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און געפאָרן קיין ווין צו אַ דאָק־טאָר און דאָרט נפטר געוואָרן י״ט אב, תרצ״ו (1936).

דער צווייטער זון, ר׳ ישראל פרידמאַן, האָט זיך באַזעצט אין לייפּ־ציג און דאָרט געוואָרן רבי. ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, איז דער רבי געפאָרן קיין ארץ־ישראל. ער האָט זיך באַזעצט אין תל־אביב און דאָרט נפטר געוואָרן.

דער יינגסטער זון פון באָיאַנער רבי׳ן, ר׳ מרדכי־שלמה, האָט זיך באַזעצט אין אַמעריקע און פירט אַ רבי׳ש הויף אין ניו־יאָרק.

און דער דריטער זון, ר׳ אברהם יעקב, האָט זיך באַזעצט סוף יאָר 1917, ווען די ערשטע וועלט מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, אין לעמבערג און דאָרט אויפגעשטעלט אַ רבי׳ש הויף.

∴

דער באָיאַנער רבי ר׳ אברהם־יעקב פרידמאַן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרמ״ו (1886) אין באָיאַן. ער איז פון זיווג ראשון געווען אַן איידעם פון אַ רבי׳ן פון דער ריזשינער דינאַסטיע און פון זיווג שני אַן איידעם פון לאָיעווער רבי׳ן, ר׳ מרדכי טווערסקי, וועלכער איז געווען אַ זון פון ר׳ נחום פון טשערנאָביל, אַ זון פון ר׳ אהרן פון טשערנאָביל, דער עלטסטער זון פון רבי׳ן ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער.

דער לאָיעווער רבי ר׳ מרדכי האָט געהאַט צען זין און טעכטער. דער באָיאַנער רבי איז געווען דער יינגסטער איידעם זיינער.

זיין שווער, דער לאָיעווער רבי, האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין איידעם, אָבער געגעסן קעסט האָט ר׳ אברהם־יעקב ביי זיין פאָטער אין באָיאַן. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אַוועק, צוזאַמען מיטן פאָטער און די אַנדערע זין קיין ווין.

דער באָיאַנער רבי, ר׳ אברהם־יעקב, האָט אין לעמבערג מער ניט אויפגעשטעלט אַ הויף אויפן סאַדיגורער שטייגער — אַ הויף וואָס איז גע־בויט געוואָרן ווי אַ פּאַלאַץ — נאָר ער האָט אויסגעבויט אַ הויז מיט אַ קלויז, און מען האָט דעם הויף גערופן די „באָיאַנער קלויז״...

אין דער „באָיאַנער קלויז״ פלעגן זיצן יושבים, ווי עס איז געווען איינגעפירט אין די רבישע הויפן אין גאַליציע.

ס׳רוב חסידים פון די רביים פון דער סאַדיגורער דינאַסטיע פלעגן זיך קלאַמערן אין באָיאַנער רבי׳ן אין לעמבערג.

דער קוויטל־שרייבער ביים באָיאַנער רבי׳ן אין לעמבערג איז געווען ר׳ שמעון זיידער. ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם. און דעם רבי׳נס גבאי ר׳ מרדכי ליסקאָווטער, איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ חסיד פונעם אַלטן דור...

דער באָיאַנער רבי פלעגט ביי די טישן זאָגן תורות און מען פלעגט זינגען חסידישע ניגונים.

אין דער „באָיאַנער קלויז" פלעגן זיצן אַ גרויסע צאָל חסידישע בחורים און לערנען.

דער באָיאַנער רבי איז געווען אַ שטאַרקער חובב ארץ־ישראל. ווען אַ חסיד איז געפאָרן זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל, איז עס פאַרן רבי׳ן געווען אַ גרויסע שמחה.

איינער פון באָיאַנער רבי׳נס חסידים האָט אויסגעבויט אַ הויז אין תל־אביב, האָט ער פאַרבעטן דעם באָיאַנער רבי׳ן פון לעמבערג ער זאָל קומען צום חנוכת־הבית.

דאָס איז געווען אין יאָר תרצ״ב (1932). דער באָיאַנער רבי איז געקו־מען קיין תל־אביב און דער באַזוך פון רבי׳ן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יום־טוב פאַר דער גרויסער צאָל באָיאַנער חסידים אין ירושלים און אין אַנדערע שטעט.

דער חזן יאָסעלע ראָזענבלאַט, וואָס איז דעמאָלט געווען אין ארץ־ישראל, האָט מקבל־פנים געווען דעם באָיאַנער רבי׳ן, צוזאַמען מיט די טויזנטער חסידים, מיט אַ ספּעציעלן זמר וואָס ער האָט פאַרפאַסט לכבוד דעם רבי׳נס אָנקומען קיין ארץ־ישראל.

אין דעם זעלבן יאָר איז דער באָיאַנער רבי, אין ל״ג־בעומר, אויך געווען אין מירון אויף רבי שמעון בר יוחאי׳ס קבר און מען האָט אים מכבד געווען מיט דער „הדלקה".

לויט דער מסורה געהער די „הדלקה" אויפן קבר פון רבי שמעון בר יוחאי אין מירון צו די קינדער פון באָיאַנער רבי׳ן, און יעדעס יאָר פלעגט דער באָיאַנער רבי לאָזן וויסן ווער איז מכבד מיט דער „הדלקה". און אין יענעם יאָר האָט דער באָיאַנער רבי אַליין דורכגעפירט די „הדלקה".

דער באָיאַנער רבי איז דערנאָך צוריקגעפאָרן קיין לעמבערג און אויף יעדן יום־טוב זיינען צו אים געקומען הונדערטער חסידים.

ווען די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט פּוילן און מערב־גאַליציע, איז מזרח־גאַליציע און די געגנט פון ווילנע אַריבער צו רוסלאַנד. און ווי נאָר די רוסן זיינען אַריין קיין לעמבערג, האָבן זיי גלייך איינגעשטעלט אַ סאָוועטישע אָרדענונג.

דער באיאנער רבי, פונקט ווי אַלע אַנדערע רביים, וואָס האָבן פון פריער געוואוינט אין לעמבערג, אָדער זיינען אַהין אַנטלאָפן פון די דייטשן פון מערב־גאַליציע, האָבן שוין מער קיין רביים נישט געטאָרט זיין. זיי האָבן געמוזט אָנגעבן דער רעגירונג אַז זיי זיינען אַרבעטער...

האָט דער באיאנער רבי אָנגעגעבן, אַז ער איז אַ פאַרזיכערונגס־אַגענט.

דאָס איז געווען אַ לייכטע אַרבעט. כדי צו פאַרזיכערן אַ מענטשן, האָט מען פאַר אים געדאַרפט איינצאָלן צען רובל אַ יאָר.

יעדער פאַרזיכערונגס־אַגענט האָט געדאַרפט צושטעלן הונדערט אַפּ־ליקאַציעס אַ חודש. זיינען טאַקע געווען אַ צאָל חסידים וואָס האָבן זיך פאַרזיכערט ביים באיאנער רבי'ן, און האָבן דעם רבי'ן געגעבן צו צען רובל, און פאַר אַנדערע האָט דער רבי אַליין באַצאָלט צו צען רובל פאַר אַ מענטשן און ער האָט אַריינגעשריבן נעמען פון אידן וואָס האָבן בכלל נישט געוואוינט אין לעמבערג.

אַזאַ פאַרזיכערונגס־אַגענט איז אויך געווען דער בלאָזשאָווער רבי, ר' ישראל'טשע שפּירא, וועלכער האָט דעמאָלט געוואוינט אין לעמבערג און זיך געראַטעוועט על־פי־נס (היינט איז ער רבי אין ברוקלין, ניו־יאָרק).

דערציילט דער בלאָזשאָווער רבי, אַז איינמאָל פאַר חנוכה האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז חנוכה־ביינאַכט, צום ערשטן חנוכה־ליכטל, קומט פאַר אַ גרויסער צוזאַמענפאָר אין לעמבערג פון אַלע פאַרזיכערונגס־אַגענטן.

האָבן די צוויי רביים נישט געוואוסט וואָס זיי זאָלן טאָן. האָבן זיי באַשלאָסן, אַז זיי וועלן, יעדער איינער באַזונדער, אַרויפגיין אין דעם הויפּט־אָפיס און זאָגן דעם רוסישן קאָמיסאַר, אַז זיי פילן זיך נישט געזונט.

אין אָפיס האָבן זיך בײדע רביים באַגעגנט, זיינען זיי שוין בײדע אַריין מיטן זעלבן „תירוץ", אַז זיי וועלן מאָרגן ביינאַכט נישט קענען קומען צו דער קאָנפערענץ, ווייל זיי זיינען נישט געזונט...

דער סאָוועטישער קאָמיסאַר, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ רוס, האָט אויסגעהערט די רייד פון בײדע „פאַרזיכערונגס־אַגענטן". ער איז דערנאָך אַריין אין אַ צווייטן צימער און באַלד צוריק אַרויסגעקומען און האָט אָנגעהויבן צו זיי רעדן אין יידיש:

„איך ווייס פאַרוואָס איר וועט בײדע מאָרגן זיין „פאַרקילט". ווייל מאָרגן ביינאַכט צינדט מען דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל"...

און ער האָט זיי דערנאָך געזאָגט, אַז ער איז דעם מעזריטשער שוחט'ס זון. און ער האָט בײדע רביים באַפרייט פון קומען צו דער קאָנפערענץ...

ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט לעמבערג, האָבן זיך באַלד אָנגע־הויבן די שחיטות אויף יידן, און אין איינער פון די מאַסן־שחיטות, ב' אלול, תש"ב (1942), איז דער באיאנער רבי געכאַפּט געוואָרן אין אַ בונ־קער, צוזאַמען מיט זיין פרוי חנה, און בײדע זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם.

דער באָיאַנער רבי איז אומגעקומען אויף קידוש־השם אין אַ נאַצי־לאַגער

דער רבי ר׳ משה׳ניו, אַן אייניקל פונעם הוסאַטינער רבי׳ן. — בעת דער נאַצישער אינוואַזיע האָט דער רבי זיך אויפגעהאַלטן אין טאַרנע. — די חסידים האָבן אים געוואָלט ראַטעווען.

דער באָיאַנער רבי, ר׳ משה׳ניו פרידמאַן, האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואוינט אין קראָקע, און ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט גאַליציע איז ער אַוועק קיין טאַרנע, פון דאָרט האָבן די דייטשן אים פאַרשיקט אינעם טויטן־לאַגער בעלזשיץ, וואו ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם צוזאַמען מיט צענדליקער טויזנטער יידן.



דער באָיאַנער רבי, ר׳ משה׳לע פרידמאַן פון קראָקע, הי״ד

דעם באָיאַנער רבי׳ן, ר׳ משה׳ניו פרידמאַן, האָט מען בלשון חיבה, פאַר גרויס ליבשאַפט צו אים, בלויז גערופן „דער רבי ר׳ משה׳ניו״.

דער באָיאַנער רבי ר׳ משה׳ניו איז געווען אַן אייניקל פון הוסאַטינער רבי׳ן ר׳ מרדכי שרגא, וועלכער איז געווען אַ זון פון ריזשינער רבי׳ן ר׳ ישראל.

זיין זיידע, דער הוסאַטינער רבי ר׳ מרדכי שרגא, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקפ״ז (1827), און ער איז נפטר געוואָרן אין ל״ג בעומר, י״ח אייר תרנ״ד (1894).

דעם רבי׳ן ר׳ משה׳ניו׳ס פאָטער, ר׳ שלום-יוסף, איז נישט געווען קיין רבי. ער איז נפטר געוואָרן נאָך בחיי אביו, ווען זיין פאָטער האָט נאָך גע-לעבט.

דער רבי ר׳ משה׳ניו איז געבוירן געוואָרן אין הוסאַטין אין יאָר תרמ״א (1891) און ער איז אינגאַנצן אַלט געווען צוויי יאָר, ווען זיין פאָ-טער איז נפטר געוואָרן. ער איז אויפגעצויגן געוואָרן ביים זיידן, דעם הו-סאַטינער רבי׳ן.

דער הוסאַטינער רבי האָט געהאַט אַן אייגענעם דרך אין חסידות. מען האָט דעם רבי׳ן זעלטן געזען. ער איז געזעסן אין זיין חדר מיוחד, און בלויז סוכות ביי די נענועים האָט מען געהערט ווי דער הוסאַטינער רבי שאָקלט מיטן לולב שעה׳נווייז...

נאָך זיין זיידנ׳ס פטירה איז ר׳ משה׳ניו אויפגעצויגן געוואָרן דורך זיין פעטער, דער רבי ר׳ ישראל פון הוסאַטין, וועלכער איז געוואָרן רבי אויפן אָרט פון זיין פאָטער.[1]

אין יאָר תרס״א (1901) האָט ר׳ משה׳ניו חתונה געהאַט מיט דער טאָכ-טער, מרים, פון רבי ר׳ מנחם-נחום פרידמאַן פון טשערנאָוויץ, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ יצחק פון באָיאַן. נאָך דער חתונה האָט ר׳ משה׳ניו געגעסן קעסט אין באָיאַן, און ער איז שוין געבליבן וואוינען אין באָיאַנער הויף.

דער רבי ר׳ משה׳ניו איז געווען אַ גרויסער למדן.

בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה זיינען אַ סך רביים און רבנים פון גאַליציע אַנטלאָפן קיין ווין.

ווין איז געוואָרן אַ צענטער פון תורה און חסידות, די מערב-גאַ-ליציאַנער רביים האָבן זיך באַזעצט אין צווייטן און ניינטן באַצירק און די ריזשינער אייניקלעך, דער טשאָרטקאָווער רבי, הוסאַטינער רבי, סאַדיגו-רער רבי און באָיאַנער רבי האָבן געוואוינט אין ערשטן באַצירק.

אין ווין זיינען בעת דער מלחמה אויך געווען די גאונים: דער בור-טשאַטשער רב, ר׳ מאיר אראַק, וועלכער איז דערנאָך געוואָרן רב אין טאַרנע, דער בראָדער רב, ר׳ אברהם-מנחם שטיינבערג, ר׳ יוסף ענגעל פון קראָקע, דער אַלטשטעטער רב, און אַ צאָל אַנדערע רבנים.

דער רבי ר׳ משה׳ניו האָט זיך געפירט ווי אַ „סאַדיגורער קינד״. ער האָט געהאַט אַ הדרת-פנים, גערעדט בנעימות׳דיק, מיט אַ ווייך קול, גע-גאַנגען אָנגעטאָן אין זייבערע מלבושים, אָבער ער איז נישט געווען קיין

1) ער איז נפטר געוואָרן אין תל-אביב, כ״ט כסלו, תש״ח (1948).

יושב־אוהל, ווי די אַנדערע סאַדעגורער קינדער. ער האָט זיך באַגעגנט מיט די גדולי ישראל און זיך מיט זיי מפלפל געווען אין לערנען.

אין יאָר תרע״ה (1915) איז דער באָיאַנער רבי נפטר געוואָרן אין ווין. טויזנטער און טויזנטער חסידים זיינען דעמאָלט געקומען צו דער לויה.

נאָך דעם באָיאַנער׳ס פּטירה איז ר׳ משה׳ניו געוואָרן רבי.

דאָס ערשטע קוויטל האָט אים געגעבן ר׳ מנחם פּעלזענבורג[2]). ר׳ משה האָט אין באָיאַן געהאַט אַ גרויסע ביבליאָטעק. זי איז אינגאַנצן חרוב געוואָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה דורך דעם רוסישן מיליטער. ר׳ משה׳ניו האָט זיך דערוואוסט, אַז ר׳ מנחם פּעלזענבורג האָט אַ סך אַלטע ספרים, האָט ער געשיקט אַ שליח אים בעטן ער זאָל אים אויסלייען אַ ספר — אַ יקר המציאות.

ר׳ מנחם פּעלזענבורג האָט אָבער נישט געוואָלט סתם באָרגן אַ ספר, האָט ער פריער געוואָלט זיך באַקענען מיט ר׳ משה׳ניו, זען ווער ער איז, צי ער קאָן אים אויסלייען דעם דאָזיקן ספר.

ווען ר׳ מנחם פּעלזענבורג איז געקומען צו ר׳ משה׳ניו, און ער האָט זיך מיט אים צעשמועסט, האָט ר׳ משה׳ניו אויף אים געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם, אַז פאַרן אַוועקגיין האָט ער אים געגעבן אַ קוויטל...

אַזוי אַרום איז ר׳ מנחם פּעלזענבורג געווען דער ערשטער חסיד וואָס האָט געגעבן ר׳ משה׳ניו אַ קוויטל...

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1925, האָט זיך ר׳ משה׳ניו באַזעצט אין קראָקע וואו ער איז געווען רבי. און כאָטש קראָקע איז געווען אַ שטאָט וואו דער רוב חסידים זיינען געווען פון באָבאָוו, גער און ראַדאָמסק, האָט מען דעם רבי׳ן ר׳ משה׳ניו שטאַרק מקרב געווען. מען האָט אינגאַנצן פאַרגעסן די גרויסע מחלוקת וואָס איז אַמאָל געפירט געוואָרן צווישן סאנז און סאַדעגורע און מען האָט זייער ליב געהאַט ר׳ משה׳ניו, וועלכער איז געווען אַ נוח לבריות און ער האָט צוגעצויגן יעדן איינעם צו זיך...

דער רבי ר׳ משה׳ניו האָט אין קראָקע זיך דורכגעשריבן אין לערנען מיט די גדולי הדור. זיבעצן פון זיינע שו״ת זיינען געדרוקט געוואָרן אין ספר „מראה יחזקאל״ פון ר׳ יחזקאל הויכבערג. און אין יאָר תרצ״ד (1934) ווען דער ריש־מתיבתא פון דער „ישיבת חכמי לובלין״, דער גאון ר׳ מאיר שפּירא, איז נפטר געוואָרן, איז דער רבי ר׳ משה׳ניו געוואָרן דער גייסטיקער מנהיג פון דער „ישיבת חכמי לובלין״.

דאָס איז געווען אַ גרויסע געשעעניש אין דער לומדישער און חסידישער וועלט אין יענער צייט. איין קלייניקייט! אַ סאַדעגורער אייניקל, אַ רבי זאָל ווערן דער מנהיג רוחני פון דער גרעסטער ישיבה אין פּוילן.

2) „אלה אזכרה״, כרך ב׳.

און ר׳ משה׳ניו האָט צוגעצויגן צו זיך די תלמידים פון דער לובלי־נער ישיבה. ער האָט זיי מדריך געווען, און די תלמידים וואָס האָבן זיך געראַטעוועט און געפינען זיך היינט אין מדינת ישראל און אין אַמעריקע, רעדן מיט אַ געוואַלדיקן יראת־הכבוד און ליבשאַפט וועגן דעם רבי׳ן ר׳ משה׳ניו. זיי פילן אַז ער האָט זיי געגעבן אַ הדרכה אין לערנען און אי־דישקייט.

ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט פּוילן, איז ר׳ משה׳ניו צוריקגעקומען קיין קראָקע, און אין יאָר 1941 איז ער אַוועק קיין טאַרנע.

אין טאַרנע האָט ער געוואוינט ביי ישראל מאַרקוס, דער זון פון ר׳ אהרן מאַרקוס, וועלכער האָט אָנגעשריבן דאָס ערשטע ספר וועגן חסידות אין דייטש [3]).

ר׳ משה׳ניוס חסידים האָבן זיך באַמיט צו ראַטעווען זייער רבי׳ן.

די חסידים אין אויסלאַנד האָבן זיך באַמיט אין דער שווייץ צו פאַר־שאַפן דעם רבי׳ן אַ פּאַספּאָרט, אַז ער איז אַ בירגער פון פּאַראַגוואַי. אַ צאָל יידן האָבן זיך אויף אַזעלכע פּאַספּאָרטן געראַטעוועט.

ר׳ חיים־ישראל אייז פון ציריך האָט געקראָגן אַזאַ פּאַספּאָרט אויך פאַרן רבי׳ן ר׳ משה׳ניו, אָבער עס איז שוין געווען צו־שפּעט.

די נאַציס האָבן מער ניט געוואָלט אַרויסלאָזן יידן אויף אַזעלכע פּאַספּאָרטן.

דער רבי ר׳ משה׳ניו פון באָיאַן איז פאַרטריבן געוואָרן קיין בעלזשיץ. דאָרט, אין בעלזשיץ, דערציילן די יידן, יחידים וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דייטשן גיהנום, אַז דער רבי ר׳ משה׳ניו האָט די חסידים מחזק געווען, ער האָט זיי געבעטן זיי זאָלן ביי זיך ניט פאַלן, זיי זאָלן מיט שטאָלץ און ווירדע איבערטראָגן די עינויים.

געווען טעג ווען מען האָט געקענט דעם רבי׳ן ר׳ משה׳ניו אויסבאַ־האַלטן פון די נאַציס, ער זאָל ניט אַזוי פיל ליידן, אָבער ער האָט ניט געוואָלט זיין קיין אויסנאַם. צוזאַמען מיט אַלע יידן אין בעלזשיץ האָט ער געליטן די יסורים און אויף אַ שטילן אופן. מען האָט קיינמאָל פון אים ניט געהערט קיין קרעכץ, אַלץ האָט ער אָנגענומען באהבה.

און ב׳ אלול, תש״ג (1943) איז דער רבי ר׳ משה׳ניו, אין עלטער פון זעכציק יאָר, אומגעקומען אויף קידוש־השם אין די גאַז־אויוונס אין בעל־זשיץ, צוזאַמען מיט טויזנטער און טויזנטער יידן.

יידן פון טאַרנע וואָס זיינען געבליבן לעבן גיבן איבער, אַז איידער דער רבי ר׳ משה׳ניו איז פאַרשיקט געוואָרן קיין בעלזשיץ, האָט ער באַ־

3) געוואָרן איבערגעזעצט אויף העברעאיש דורך מ. שנפלד, „החסידות״, הוצאת „נצח״, תל־אביב, 1953.

גראָבן אין קעלער פון הויז, וואו ער האָט געוואוינט, אַלע זיינע כתבים. אָבער נאָכדעם ווי די שטאָט איז באַפרייט געוואָרן האָט מען אין קעלער גאָרנישט געפונען.

די תורות און תשובות פון רבי׳ן ר׳ משה׳ניו באַיאַנער זיינען צונויפ־געזאַמלט געוואָרן אין ספר „דרכי משה״.[4])

לויט אַ בריוו וואָס איך האָב געקראָגן פון אַ יידן פון טאָרנע, איינער פון די שארית־הפליטה, איז ר׳ משה׳ניו אומגעקומען אין אַ לאַסט־וואַגאָן אָנגעפילט מיט קאַלך, ווען די דייטשן האָבן צען טויזנט יידן פון טאָרנע אַריינגעשטופּט אין לאַסט־וואַגאָנען, און אַלע זיינען אומגעקומען אויפן וועג קיין באָכניע.

4) ר׳ משה׳לע האָט געשריבן הגהות צום ספר מחשבת הקודש חלק א׳, לובלין תרצ״ו (1936) פון הרב ר׳ אברהם־מרדכי הערשבערג.

דער באַרשער רבי איז אומגעקומען אין אוישוויץ

דער באַרשער רבי, ר׳ אלתר מנחם־מענדל האגער, איז געווען אַן אייניקל פונעם וויזשניצער רבי׳ן ר׳ ברוך האַגער.

דער זעקסטער זון פון רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל פון וויזשניץ, איז געווען דער רבי ר׳ פנחס האַגער, וועלכער האָט געגרינדעט די באַרשער רבי׳שער דינאַסטיע.

דער רבי ר׳ פנחס׳ל איז געווען אַן איידעם פון זיין פעטער, דעם רבי׳ן שמואל רוקח פון סקוהל.



דער באַרשער רבי, ר׳ פנחס׳ל האַגער, הי״ד

נאָך דער פטירה פון רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל (כ׳ כסלו, ערב שבת, תרנ״ג (1893), האָבן די קינדער זיך צעטיילט מיט דער גייסטיקער ירושה: דער בכור, ר׳ ישראל׳טשע האַגער, איז געוואָרן רבי אין וויזשניץ, דער ממלא־מקום פון רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל, און דער זעקסטער זון זיינער, ר׳ פנחס׳ל, האָט אויפגעשטעלט אַ רבי׳שן הויף אין באַרשע און ער איז געוואָרן רבי פון טויזנטער און טויזנטער חסידים.

באַר׳שע איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר איינער פון די חשוב׳סטע קהילות אין דער געגנט פון מאַרמאַראָש.

דער רבי ר׳ פנחס׳ל איז נאָך געווען יונג, ווען ער איז געוואָרן רבי, און פערציק יאָר האָט ער געפירט די רביסטווע.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער באָרשער רבי אַוועק קיין ווישיווע און פון דאָרט איז ער, בערך אין יאָר תרפ״ז (1927), אַריבער קיין סיגעט און האָט שוין דאָרט געוואוינט ביז צו זיין פטירה.

דער באָרשער רבי איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ למדן, ער איז געווען אַ בקי אין ש״ס און אַ גרויסער בעל־מקובל.

אַזוי ווי זיין פאָטער און זיידע, איז ער אויך געווען אַ גרויסער בעל־צדקה.

חסידים דערציילן אויך מופתים וועגן באָרשער רבי׳ן. אַזוי ווערט געבראַכט אַ מעשה אין ספר „תפארת שבמלכות״ [1], וואָס מיר גיבען דאָ איבער אין יידיש.

די דאָזיקע מעשה האָט דערציילט דער רב ר׳ לייבוש בער אַלפּערט, רב אין וואסלאו, וועלכער איז געקומען קיין ישראל אין יאָר תשכ״א (1961), נאָכדעם ווי ער איז עטלעכע יאָר געזעסן אין דער רומענישער תפיסה:

„איך האָב געהאַט אַ קרוב, וואָס האָט געהייסן ר׳ יוסף יום־טוב ווירצבורגער. ער האָט געוואוינט אין בורסק, טראַנסילוואַניע.

אָט דער קרוב מיינער איז אַ סך יאָרן געווען קינדערלאָז. איינמאָל איז דער באָרשער רבי געקומען קיין בורסק, איז ער פאַרבעטן געוואָרן אין הויז פון ר׳ יוסף ווירצבורגער אויף אַ גלעזל טיי.

אַ סך חסידים זיינען געשטאַנען אַרום דעם רבי׳ן און זיי האָבן זיך מתנצל געווען פאַרן רבי׳ן, אַז דאָס פאַרפאַלק, ר׳ יוסף מיט זיין ווייב, ליידן שטאַרק דערפון, וואָס זיי האָבן נישט קיין קינדער.

— וואָס קאָן איך טאָן? — האָט דער דער רבי געפרעגט — פאַרוואָס גייען זיי נישט צו קיין דאָקטאָר?

— זיי זיינען שוין געווען ביי אַ צאָל דאָקטוירים — האָט אַ חסיד געענטפערט — די דאָקטוירים זאָגן, אַז דאָס פאַרפאַלק איז געזונט און זיי ווייסן נישט פאַרוואָס זיי האָבן ניט קיין קינדער.

האָט דער רבי צוגערופן ר׳ יוסף׳ן און האָט צו אים געזאָגט:

— האָב אין זין, אַז ראש־השנה פאַר תקיעת־שופר זאָלסטו זיך מזכיר זיין, און אויב דו וועסט נישט זיין ראש־השנה אין באָרשע, זע אַז אַ חסיד, דיינס אַ פריינט זאָל דיך מזכיר זיין.

און ווען דער וואסלאוער רב איז געפאָרן אויף ראש־השנה קיין באָרשע, האָט זיין קרוב, ר׳ יוסף, אים געבעטן, אַז פאַר תקיעת־שופר זאָל ער אים מזכיר זיין פאַרן רבי׳ן.

1) „תפארת שבמלכות״, פון יצחק אלפס, הוצאת „אריאל״, תל־אביב, תשכ״א (1961).

פאַר תקיעת־שופר איז געווען אַ גרויס געדרענג אין בית־המדרש. הונדערטער און טויזנטער חסידים האָבן זיך געשטופּט צו דער בימה, צו שטיין נאָענט צום רבי׳ן ביי תקיעת־שופר.

און פּלוצלינג איז דער רבי אַריינגעקומען אָנגעטאָן אין זיין קיטל און טלית, דעם שופר פאַרשטעקט אין גאַרטל, דעם טלית אַראָפּגעלאָזט איבער זיין פּנים און האַלבן קערפּער אַזוי, אַז מען האָט בלויז אַרויסגע־זען די שפּיצן פון רבי׳נס ווייסער באָרד.

דער רבי איז געגאַנגען מיט שווערע טריט צו דער בימה צו. די חסידים האָבן זיך געשטופּט און דאַן געמאַכט אַ וואַרע פאַרן רבי׳ן. עס איז געווען אַזאַ געדרענג, אַז אַ צאָל חסידים האָבן גע׳חלש׳ט פון ענגשאַפט.

און דאַך האָט דער וואסלאווער רב זיך אַדורכגעשטופּט דורכן עולם, איז צוגעגאַנגען צום רבי׳ן און אים געזאָגט:

— הייליקער רבי! איך בין מזכיר יוסף בן שרה לאה, ער זאָל האָבן אַ זרע של קיימא.

דער רבי האָט געגעבן אַ הייב־אויף דעם טלית, זיינע אויגן זיינען געווען באַגאָסן מיט טרערן. ער האָט אַ שאַרפן קוק געטאָן אויף דעם וואַס־לאווער רב און ער האָט אין דער שטיל אַ זאָג געגעבן:

— איך זאָג דיר צו, אַז ער וועט געהאָלפן ווערן!...

און באַלד האָט דער רבי אָנגעהויבן צו זאָגן „למנצח לבני קורח מזמור“...

„און תיכף נאָך ראש־השנה האָב איך געשריבן אַ בריוו צו מיין קרוב ר׳ יוסף ווירצבורגער וועגן דער ברכה, וואָס דער רבי האָט מיר פאַר אים געגעבן פאַר תקיעת־שופר, און דריי קינדער זיינען דערנאָך געבוירן גע־וואָרן צו ר׳ יוסף׳ן און זיין ווייב גיטל, וועלכע לעבט נאָך מיט אירע קינ־דער אין ירושלים“...

⁂

דער רבי האָט געזאָגט תורה יעדן שבת, אָבער די חסידים האָבן די תורות נישט פאַרשריבן. קען זיין, אַז זיין זון ר׳ אלתר מנחם מענדל האָט יאָ געהאַט אַ כתב־יד מיט זיין פאָטערס תורות, און ער איז פאַרניכטעט געוואָרן דורך די דייטשן.

אָבער איין תורה האָט איבערגעגעבן דער וואסלאווער רב.

פּורים ביי דער סעודה האָט דער רבי געזאָגט תורה און ער האָט גע־פרעגט: די גמרא זאָגט (מגילה, דף ט״ו, עמוד ב׳), אַז ווען אסתר איז געקומען צום בית־צלמים, האָט זי געזאָגט דעם פּסוק פון תהלים (כ״ב, א׳): „א־לי, א־לי, למה עזבתני“, פאַרוואָס האָט אסתר געזאָגט דווקא דעם דאָזיקן פּסוק?

נאָך די גמרא זאָגט (מגילה, דף י״ב, עמוד א׳): פאַרוואָס זיינען די

שונאי־ישראל באַשטראָפט געוואָרן אין יענעם דור (אין דער צייט פון המנ׳ען), ווייל זיי האָבן זיך געבוקט צום צלם, און די גמרא זאָגט דאָרט אויך, אַז די אידן האָבן דאָס געטאָן בלויז לפנים וועגן. דאָס וואָרט „א־לי״ איז די נוטריקון פון „אלקים ירא ללבב״ און „אדם יראה לעינים״ (דער אייבערשטער זעט וואָס עס טוט זיך ביים מענטשן אין האַרצן און דער מענטש זעט נאָר דאָס, וואָס זיינע אויגן זעען). און דאָס האָט אסתר געבעטן ביים אייבערשטן: „א־לי״, דו זעסט דאָך, וואָס עס טוט זיך ביים מענטשן אין האַרצן, ווייסטו דאָך, אַז די יידן האָבן זיך געבוקט צו דער עבודה־זרה בלויז לפנים־וועגן, דעריבער בעט איך דיך, האָב רחמנות אויף זיי און פאַרלענד זיי נישט...״

דער באָרשער רבי איז נפטר געוואָרן י״ג אדר, תש״א (1941).

דריי זין האָט דער באָרשער רבי געהאַט.

זיין עלטסטער זון, ר׳ אלתר מנחם מענדל, איז געווען רבי אין באָרשע. זיין צווייטער זון ר׳ חיים בן־ציון, און זיין דריטער זון, ר׳ יצחק־מאיר, זיינען געווען רביים אין סיגעט.

⁘

דער רבי ר׳ אלתר מנחם־מענדל, דער עלטסטער זון פון באָרשער רבי׳ן, איז געבוירן געוואָרן ד׳ כסלו, תרנ״ז (1897) אין וויזשניץ. נאָך בחייו פון זיין פאָטער (אין יאָר תרפ״א־1921) איז ער געוואָרן רב אין באָרשע.

דער רבי ר׳ אלתר מנחם מענדל האָט געגרינדעט אַ ישיבה אין באָר־שע, וואו ס׳האָבן געלערנט אַ סך תלמידים.

ווען זיין פאָטער, דער רבי ר׳ פנחס׳ל, איז נפטר געוואָרן, האָט באָרשע שוין געהערט צו רומעניע.

די צרות, וואָס די יידן זיינען אויסגעשטאַנען פון די רומענישע אַנטי־סעמיטן איז געווען אָן לשער.

שוין אין יאָר תר״ץ (1930) איז די שטאָט באָרשע אינגאַנצען אָפּגע־ברענט געוואָרן.

די שריפה איז נישט געווען קיין צופעליקע, נאָר אַן אויספּלאַנירטע.

אין באָרשע איז דער מאַרק־טאָג געווען אין פרייטאָג. די יידן האָבן, ווי תמיד, אויסגעלייגט זייערע סחורות אויף די שטעלעכלעך און האָבן גע־וואַרט, אַז די פּויערים זאָלן קומען פון די דערפער אין שטאָט אַריין איינ־קויפן וואָס זיי דאַרפן און פאַרקויפן זייערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָ־דוקטן. אָבער אַ מאָדנע זאַך, קיין איין פּויער איז אין דעם מאַרק־טאָג אין שטאָט אַריין נישט געקומען. דאָס איז געווען אַ גרויסע פּלא. די יידן האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקן און זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס עס איז געשען.

אָבער פּלוצלינג, אַ צוואַנציק מינוט נאָך ניין אינדערפרי, האָט אויס־

געבראָכן אַ פייער אין אַלע דריי זייטן פון דעם יידישען קוואַרטאַל. עס איז נישט דורך קיין שעה און גאַנץ באָרשע איז געשטאַנען אין פלאַמען. די יידישע הייזער האָבן געברענט.

די שטאָטישע פייערלעשער זיינען נישט געקומען לעשן דאָס פייער, אָבער דערפאַר איז אַ המון גויים געקומען אין דער ברענענדיקער געגנט און האָבן אָנגעהויבן צו ראַבעווען דאָס יידישע פאַרמעגן. אַנדערע קריסטן האָבן געגאָסן נאַפט אויף די יידישע דעכער און פאַרגרעסערט די שריפה.

דאָס יידישע באָרשע איז אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן. די יידן זיינען געבליבן בעירום וחוסר כל. זיי איז געבליבן בלויז דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף זייער לייב.

דער אַנטיסעמיטישער פירער דאַלינאַ, דער תלמיד פון דעם באַרימטן רומענישן אַנטיסעמיט קוזאַ, האָט נישט דערלאָזט, אַז די יידן זאָלן צוריק אויפבויען זייערע הייזער.

די גזירות אויף יידן האָבן זיך געמערט פון יאָר צו יאָר. אַ טייל פון דער מאַרמאַראָש־געגנט איז צוגעטיילט געוואָרן צו אונגאַרן, און דאָרט האָט געהערשט אַן אַנטיסעמיטישער מיליטערישער רעזשים, וואָס האָט פאַרביטערט דאָס לעבן פון די יידן.

און אָט אין דער דאָזיקער שווערער צייט האָט דער רבי ר׳ אלתר מנחם מענדל געפירט די ישיבה מיט גרויס מסירת־הנפש. ער איז אויך געווען דער מנהיג פון דער קהילה, ביז ער איז שווער קראַנק געוואָרן און איז איבערגעפירט געוואָרן קיין סעליטש, די צענטער־שטאָט פון יענער געגנט.

⁂

אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דער רבי ר׳ אלתר מנחם מענדל געווען אין סעליטש ביי זיין איידעם, דעם ספינקער רבי׳ן, ר׳ יוסף ווייס, וועלכער איז ניצול געוואָרן פון דייטשן גיהנום, און איצט רבי אין ברוקלין, ניו־יאָרק.

די אונגאַרישע זשאַנדאַרמען האָבן געזוכט דעם רבי׳ן ר׳ אלתר אים צו אַרעסטירן. דער רבי איז אין געהיים אַנטלאָפן צוריק קיין סערעט, און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין זון ר׳ יצחק איז צוגענומען געוואָרן פון די אונגאַרישע פאַשיסטן, איז ער צוריקגעקומען קיין סעליטש און געפּרוּווט ראַטעווען זיין זון פון די אונגאַרישע פאַשיסטישע הענט.

דער רבי ר׳ אלתר איז שוין פאַרבליבן אין סעליטש ביז עס איז דאָרט איינגעשטעלט געוואָרן אַ געטאָ.

און פּלוצלינג, ווען דער באָרשער רבי איז געווען זייער קראַנק איז ער צוגענומען געוואָרן צוזאַמען מיט זיין זון ר חיים און מיט אַ מחנה יידן, וועלכע זיינען פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ און דאָרט איז דער רבי ר׳ אלתר מנחם מענדל אומגעקומען אויף קידוש השם.

דער לעצטער בוקאָווסקער רבי אומגעקומען אויף קידוש־השם

ראובן שפּיראָ. — ער איז געווען רב אין פּעלשטין. — אומגעקומען אין אַ פאַרמאַכטן וואַגאָן.

דער בוקאָווסקער רבי, ר׳ אַלטער־ראובן שפּיראָ, איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, ווען ער איז פאַרשיקט געוואָרן פון סאַמבאָר אין אַ פאַר־מאַכטן וואַגאָן, אין אַ טויטן־צוג, וואָס איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון לעמבערג.

דער בוקאָווסקער רבי, ר׳ אַלטער־ראובן שפּיראָ, הי״ד, אַלס בחור

ר׳ אַלטער־ראובן שפּיראָ האָט געשטאַמט פון דער דינעווער דינאַסטיע, פון רבי׳ן הערש־אלימלך שפּיראָ, דער בעל „בני יששכר״, און מחבר פון אַ צאָל אַנדערע ספרים, ווי: „אגרא דכלה״, „אגרא דפרקא״, „דרך פקודיך״, „ריח דודאים״ און אַנדערע.

דער רבי הערש־אלימלך איז געווען רב אין ריבעטיטש, סטריזשאָוו, האלישיץ, דינעוו און מונקאַטש. ער איז געווען אַ תלמיד פון רבי׳ן ר׳ מענ־דעלע רימאַנאָווער און פון „חוזה״ פון לובלין. ער איז אויך געפאָרן צום

רבי׳ן ר׳ הערשעלע זידיטשויווער, צום רבי׳ן ר׳ אברהם־יהושע העשל פון אַפּט, דעם בעל „אוהב ישראל״, צום רבי׳ן ר׳ נפתלי־צבי האָראָוויץ פון ראָפּשיץ און צו אַנדערע רביים.

דער דינעווער רבי, דער בעל „בני יששכר״, איז נפטר געוואָרן ח״י טבת, תר״א (1841). ער האָט איבערגעלאָזט פיר זין: דעם רבי׳ן ר׳ דוד (געבוירן אין יאָר תקפ״ב—1822 און נפטר געוואָרן י״ט אדר, תרל״ד—1874), דער מחבר פון חסידישן ספר „צמח דוד״; ר׳ אלעזר פון לאַנצוט (נפטר געוואָרן י״ב אלול, תרכ״ה—1865); ר׳ משולם־זושא און ר׳ שמואל.

דער רבי ר׳ דוד איז געוואָרן רבי נאָך דער פּטירה פון זיין פאָטער, דעם בעל „בני יששכר״. ער האָט געהאַט אַ סך חסידים און זיין ספר „צמח דוד״ איז עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן.

דער רבי ר׳ דוד דינעווער האָט איבערגעלאָזט דריי זין און טעכטער. דער בכור, ר׳ ישעיהו־נפתלי הערץ, איז געווען רבי אין דינעוו און האָט מחבר געווען דאָס ספר „הנותן אמרי שפר״. ער איז נפטר געוואָרן ד׳ ניסן, תרמ״ה (1885). דער צווייטער זון איז געווען דער רבי ר׳ הערש־מלך (צבי־אלימלך) שפּיראָ, רב און רבי אין בלאָזשעוו און יאַוואָרניק. ער איז געווען דער עלטסטער איידעם פון רבי׳ן ר׳ משה האָראָוויץ זצ״ל פון ראָזוואַדאָוו. ער איז געפאָרן צום סאַנזער רבי׳ן, דעם בעל „דברי חיים״.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געוואוינט אין בודאַפּעסט, דערנאָך אין פּשעמישל און דאַן אין ריישע (זשעשאָוו) און דאָרט איז דער בלאָזשעווער רבי נפטר געוואָרן (ה׳ ניסן, תרפ״ד (1924). דער בלאָזשעווער רבי איז געווען אַ גדול בתורה און בעל־מקובל. זיין ספר „צבי לצדיק״ איז איצט איבערגעדרוקט געוואָרן פון זיין אייניקל, דער בלאָזשעווער רבי ר׳ ישראל שפּיראָ, וואָס וואוינט אין באָראָ פּאַרק, ברוקלין.

דער דריטער זון פון רבי׳ן ר׳ דוד דינעווער איז געווען דער רבי ר׳ מאיר־יהודה שפּיראָ פון בוקאָווסק.

דער רבי ר׳ מאיר־יהודה שפּיראָ איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ ישראל, וועלכער איז געווען אַן אייניקל פון רבי׳ן ר׳ מעכעלע זלאָטשעווער און אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ חיים קאָסעווער, דער גרינדער פון דער קאָסעווער רבי׳שער דינאַסטיע.

דער בוקאָווסקער רבי, ר׳ מאיר־יהודה שפּיראָ, האָט געהאַט אַ סך חסידים. ער האָט מחבר געווען דאָס ספר „אור למאיר״ אויף תורה, וואָס איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין יאָר תרע״ג (1913) אין פּשעמישל און איז אין יאָר תשט״ו (1915) נאָך אַמאָל איבערגעדרוקט געוואָרן פון זיין אייניקל, הרב צבי־אלימלך שפּיראָ, פון תל־אביב.

דער בוקאָווסקער רבי, ר׳ יהודה־מאיר שפּיראָ, איז נפטר געוואָרן ג׳ דחול־המועד סוכות, תרס״ט (1909).

דער בוקאָווסקער רבי האָט געהאַט אַ בן־יחיד און פיר טעכטער.

זיין בן־יחיד איז געווען דער רבי ר׳ דוד שפּיראָ פון בוקאָווסק, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ יהושוע׳לע האָראָוויץ פון דזשיקאָוו, דער מחבר פון ספר „עטרת ישועה״.

דער בוקאָווסקער רבי ר׳ דוד שפּיראָ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרל״ח (1878). זיין ערשטע פרוי, די רביצין בינה, איז געשטאָרבן אין דזשיקאָוו. דער רבי האָט נאָך אַמאָל חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פונעם סיגעטער רבי׳ן ר׳ חנניא־ליפּא טייטעלבוים, דעם בעל „קדושת יום־טוב״.

דער פריערדיקער בוקאָווסקער רבי, ר׳ דוד שפּיראָ

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער בוקאָווסקער רבי אַנטלאָפן קיין אונגאַרן. ער איז נפטר געוואָרן כ״ט שבט, תרפ״ד (1924).

דער בוקאָווסקער רבי ר׳ דוד שפּיראָ האָט איבערגעלאָזט פינף זין און דריי טעכטער.

זיין עלטסטער זון, ר׳ אלטער־ראובן שפּיראָ, איז געוואָרן נאָך זיין פאָטערס פטירה רבי אין סאַניק. ער איז געווען אַן איידעם פון זיין פעטער, ר׳ פנחס־יוסף קאַנער פון זגערזש.

דער בוקאָווסקער רבי ר׳ אַלטער־ראובן שפּיראָ איז געווען רב אין פעלשטין, מזרח־גאַליציע. ווען די נאַציס זיינען באַפאַלן פוילן, איז דער רבי אַנטלאָפן פון סאַניק קיין פעלשטין, דאַן קיין סאַמבאָר. זיין רביצין מיט די צוויי קינדער זיינען אומגעקומען אין פעלשטין. ווי חסידים דערציילן, האָט דער רבי כסדר מחזק געווען די יידן אין סאַמבאָרער געטאָ.

ווען די נאַציס האָבן, בעת אַן אַקציע, געכאַפּט דעם בוקאָווסקער רבי׳ן,

האָט דער „יודנראַט״ אים געוואָלט אַרויסנעמען. אָבער דער רבי האָט זיי געענטפערט, אַז אויב מען קאָן אים ראַטעווען, ס׳זאָל נישט שאָדן קיין אַנדערן ייד, איז ער מסכים; אויב אָבער דער „יודנראַט״ וועט דאַרפן אויף זיין אָרט כאַפּן אַ צווייטן ייד, כדי עס זאָל שטימען פּאַר די נאַציס די צאָל געכאַפּטע יידן, ווייל ער ניט מען זאָל אים אויף אַזאַ אופן ראַטעווען.

דער בוקאָווסקער רבי, ר׳ אַלטער־ראובן שפּיראָ איז צוזאַמען מיט טויזנט יידן אַוועקגעשיקט געוואָרן אין פּאַרמאַכטע וואַגאָנען אין דער ריכ־טונג פון לעמבערג און דאָרט איז דער רבי אומגעקומען אויף קידוש־השם ל״ג בעומר, אָדער ל״ד בעומר, תש״ב (דעם 21טן מאַי, 1942).

פון די אַכט קינדער פון בוקאָווסקער רבי׳ן ר׳ דוד זיינען געבליבן לעבן בלויז דער רב ר׳ צבי־אלימלך שפּיראָ פון תל־אביב, וועלכער איז געווען אַ צווילינג־ברודער פון בוקאָווסקער רבי׳ן ר׳ אלטער־ראובן, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, און אַ טאָכטער, רחל־מינע פּרעסער, וועלכע וואוינט אין ברוקלין, ניו־יאָרק.

בעת מיין באַזוך אין קראָקע, אין יאָר 1960, האָב איך אויפן בוידעם פון רמ״א׳ס שול געפונען אַ ספר מיט דער חתימה פון הרב ר׳ משה שפּיראָ, אַ ברודער פון בוקאָווסקער רבי׳ן, ר׳ אלטער־ראובן, וועלכער איז אויך אומגעקומען אויף קידוש־השם דורך די דייטשע מערדער. איך האָב דאָס ספר געקראָגן אַ מתנה פון דעם ראש־הקהל פון קראָקע, און איך האָב עס געבראַכט צו זיין שוועסטער רחל־מינע פּרעסער אין ברוקלין, עס זאָל איר בלייבן אַ זכר פון איר ברודער.

דער בלאָזשעווער רבי ר׳ מאיר שפּיראָ, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם

אײדער ער איז אומגעבראַכט געוואָרן האָט ער געגעבן צו באַהאַלטן די כתבים פון זײַן זיידן דעם אַלטן בלאָזשעווער רבי׳ן ר׳ הירש־אלימלך שפּיראָ און זײַנע אייגענע חדושי־תורה צו אַ פּאָליאַק. — דער פּאָליאַק האָט נאָך דער 2־טער וועלט־מלחמה געשריבן צו בלאָזשעווער חסידים אין אַמעריקע און די כתבים זײַנען אויסגעלייזט געוואָרן. — זיי זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אינעם ספר „צבי לצדיק“. — דער אָפּשטאַם פון דער דינעווער־בלאָזשעווער רבי׳שער דינאַסטיע.

דער בלאָזשעווער רבי ר׳ מאיר׳טשע שפּיראָ איז אומגעקומען אויף קידוש־השם אין בלאָזשעוו, גאַליציע, ער האָט פאַר זײַן אומקום באַוויזן צו באַהאַלטן ביי אַ גוי די כתבי־יד׳ן פון זײַן זיידן דעם בלאָזשעווער רבי׳ן ר׳ צבי־אלימלך שפּיראָ, און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זײַנען די כתבים געפונען געוואָרן.



דער בלאָזשעווער רבי, ר׳ מאיר׳טשע שפּיראָ, הי״ד

דער בלאָזשעווער רבי ר׳ מאיר איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ יהושע שפּיראָ, ריבעטיטשער רב און רבי, מחבר פון ספר „קרן יהושע“.

די בלאָזשעווער רבי׳שע דינאַסטיע שטאַמט פון רבי׳ן ר׳ הירש (צבי) אלימלך פון דינעוו, באַקאַנט מיטן נאָמען פון זיין ספר דער בעל „בני יששכר״, כאָטש ער האָט אַרויסגעגעבן נאָך אַ צאָל ספרים, ווי: „דרך פקודיך״, „אגרא דכלא״, „אגרא דפרקא״, „מגיד תעלומא״ און אַנדערע.

דער רבי ר׳ הירש־אלימלך, דער באַגרינדער פון דער דינעווער רבישער דינאַסטיע, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקמ״ד (1784), זיין פאָטער איז געווען ר׳ פסח יאַוואָרניקער. ווען זיין מוטער איז געווען מעוברת, איז זי געווען ביי איר פעטער, ביים רבי׳ן ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, האָט דער רבי אלימלך איר געזאָגט אַז זי וועט האָבן אַ זון וואָס וועט פאַרלייכטן די וועלט מיט זיין הייליקייט און תורה.

חסידים זאָגן, אַז דער רבי הירש־אלימלך דינעווער האָט געלערנט פיר און צוואַנציק שעורים פאַרן דאַווענען. ער איז געווען רב אין ריי־בעטיטש, האַלאַשיץ, מונקאַטש און דינעוו. אומעטום האָט ער מתקן געווען תקנות און דער עיקר וועגן חינוך און העלפן אָרעמעלייט.[1]

דער דינעווער רבי ר׳ הירש־אלימלך איז געווען אַ תלמיד פון רבי׳ן ר׳ יעקב־יצחק — דער „חוזה״ פון לובלין און פון רבי׳ן ר׳ מענדעלע פון רימאַנאָוו, אין אַלע זיינע ספרים ברענגט ער מאמרים פון זיינע רביים.

דער דינעווער רבי לערנט אין אַלע זיינע ספרים ריינע אמונה, אָן חקירות און פילאָזאָפיע. ער האָט געקעמפט מיט ברען קעגן דער השכלה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין זיין צייט צו פאַרשפרייטן אין גאַליציע.

דער דינעווער רבי ר׳ הירש־אלימלך שפּיראָ איז נפטר געוואָרן ח״י טבת תר״א (1841), ער האָט איבערגעלאָזט זין און טעכטער און צוויי פון זיינע זין זיינען געוואָרן רביים: דער רבי ר׳ אליעזר שפּיראָ פון לאַנצוט, וואָס פון אים איז אַרויסגעקומען די מונקאַטשער רבישע דינאַסטיע און דער רבי ר׳ דוד שפּיראָ, וואָס פון אים זיינען אַרויסגעקומען די דינעווער, ביי־קאָווסקער און בלאָזשעווער רבישע דינאַסטיעס.

דער רבי ר׳ דוד שפּיראָ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקפ״ב (1822), ער איז געווען אַ תלמיד פון רבי׳ן ר׳ שלום פון בעלז. ער איז נפטר געוואָרן י״ט אדר, תרל״ד (1874). ער האָט מחבר געווען דאָס ספר „צמח דוד״.

דער רבי ר׳ דוד דינעווער האָט געהאַט דריי זין: דעם רבי׳ן ר׳ ישעיהו־נפתלי הערץ, וועלכער איז געווען רבי אין דינעוו. ער איז נפטר געוואָרן ד׳ סיוון תרמ״ה (1885). ער האָט מחבר געווען דאָס ספר: „הנותן אמרי שפר״.

דער צווייטער זון פון רבי׳ן ר׳ דוד דינעווער איז געווען דער רבי ר׳ הירש־אלימלך זצ״ל פון בלאָזשעוו. ער האָט געגרינדעט די בלאָזשעווער

1) אַ טייל פון זיינע תקנות זיינען געדרוקט אין זיין ספר: „כלי הרואים״ און אין קונטרס: „תקנות תמכין דאורייתא״.

רבי׳שע דינאַסטיע, און דער דריטער זון איז געווען דער רבי ר׳ מאיר־יהודה פון בוקאָווסק, גרינדער פון דער בוקאָווסקער רבי׳שער דינאַסטיע. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרס״ט (1909). ער האָט מחבר געווען דאָס ספר „אור למאור״. זיין זון ר׳ דוד איז נאָך דער פטירה פון פאָטער געוואָרן רבי אין בוקאָווסק. ער איז נפטר געוואָרן כ״ט שבט, תרפ״ט (1929) אין סאַניק. נאָך זיין פטירה איז זיין זון ר׳ אלטער־ראובן געוואָרן רבי. ער איז אומ־געקומען אויף קידוש־השם, הי״ד.[2]

דער אַלטער בלאָזשעווער רבי

דער בלאָזשעווער רבי ר׳ צבי־אלימלך שפּירא זצ״ל איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ משה האָראָוויץ פון ראָזוואַדאָוו. ער איז געווען א גדול בתורה און אַ שאַרפער מוח. ער האָט פופציק יאָר געפירט די רביסטווע, און געהאַט טויזנטער חסידים. ער האָט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואוינט אין יאַווארניק און דאָרט איינגעשטעלט אַ רבישן הויף.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער בלאָזשעווער רבי מיט זיין משפחה געוואוינט אין בודאַפּעסט. צו אים פלעגן קומען רבנים און חסידים פון גאַנץ אונגאַרן, און צווישן זיי ר׳ אהרן ראָטה (ר׳ אהרעלע) פון בערג־סאַזע, וועלכער איז דערנאָך אַליין געוואָרן רבי. ער האָט אויפגעשטעלט אַ רבי׳שן הויף אין ירושלים.

2) וועגן ביקאָווסקער רבי׳ן ר׳ אלטער־ראובן שפּירא הי״ד און וועגן זיין אומקום האָבן מיר אַ באַזונדער קאַפּיטל.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער בלאָזשעווער רבי זיך באַזעצט צוערשט אין פּשעמישל, דערנאָך אין ריישע, וואו ער האָט אויפגעשטעלט זיין רבי׳שן הויף. ער איז נפטר געוואָרן ה׳ ניסן, תרפ״ד (1924).

דער בלאָזשעווער רבי ר׳ צבי־אלימלך האָט געשריבן תשובות אין הלכה, אַ טייל פון זיינע תשובות זיינען געדרוקט געוואָרן אין זיין ספר „צבי לצדיק״, וואָס זיין אייניקל, דער היינטיקער בלאָזשעווער רבי ר׳ ישראל שפּיראָ האָט אַרויסגעגעבן מיט זיינע הגהות.[3] אויך האָט דער היינטיקער בלאָזשעווער רבי אַרויסגעגעבן דאָס ספר „צבי לצדיק״ אויף מועדים און חדשי השנה, פון ניסן ביז תשרי.[4]

נאָך דער פּטירה פונעם אַלטן בלאָזשעווער רבי׳ן איז זיין זון ר׳ יהושע שפּיראָ, דער ריבעטיטשער רב געוואָרן רבי אין ריישע.

דעם בלאָזשעווער רבינ׳ס איידעם ר׳ ברכיה טייטלבוים פון אוהעל איז נפטר געוואָרן בחיו פון שווער אין בודאַפּעסט אין יאָר 1916. ער איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין אוהעל (אונגאַרן) און דאָרט געבראַכט געוואָרן צו קבורה.[5]

דער ריבעטיטשער רבי האָט געפירט רביסטווע בלויז אַכט יאָר. ער איז נפטר געוואָרן י״ד אדר, תרצ״ב (1932). זיין אייניקל ר׳ יוסף שפּיראָ דער זון פון בלאָזשעווער רבי׳ן ר׳ מאיר׳טשע האָט אַרויסגעגעבן זיין ספר „קרן יהושע״ אויף תורה אין יאָר תרצ״ג (1933) אין בילגוריי.

∴

דער ריבעטיטשער ר׳ יהושע שפּירא האָט געהאַט דריי זין: ר׳ מאיר׳טשע, וועלכער איז געווען רב און רבי אין בלאָזשעוו, ר׳ ישראל׳טשע, וועלכער איז געוואָרן זיין ממלא מקומו און ר׳ אליעזר, וועלכער איז געוואָרן רב און רבי אין ריבעטיטש.[6] ער איז געווען אַן איידעם פון

3) צוגעדרוקט אַ קונטרס „פּרי צדיק״ פון בלאָזשעווער רבי׳נס זון, דער ריבעטיטשער רבי ר׳ יהושע שפּיראָ. דאָס ספר „צבי לצדיק״ איז געדרוקט געוואָרן אין בילגוריי, 1936.

4) אַרויסגעגעבן אין קראָקע אין יאָר 1934־1935, פון די חדשים תשרי ביז אדר, האָט אַרויסגעגעבן דעם ריבעטיטשער רבי׳נס זון ר׳ אליעזר שפּיראָ, הי״ד.

5) זיינע קינדער ר׳ דוד׳ל, רבי פון פּשעמישל, ר׳ יהודה׳לע, רב אין יאַוואָרניק, און זיין איידעם ר׳ אשר־אלימלך שפּיראָ, רב אין ריקי (פּוילן), זיין זון ר׳ משה׳לע, זיינען אומגעקומען מיט זייערע משפּחות אויף קידוש־השם, הי״ד.

6) זיינע איידעמס זיינען געווען ר׳ מנשה׳לע האָראָוויץ, רבי אין ריישע, אַ זון פון ראָזוואַדאָווער רבי׳ן ר׳ הערשעלע האָראָוויץ, אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפּחה, הי״ד. ר׳ יצחק׳ל האַלבערשטאַם, אַ זון פון באַרדיוער רבי׳ן ר׳ משה, נפטר געוואָרן אין ברוקלין, ניו־יאָרק, דער סאַניקער רב ר׳ טוביה האָראָוויץ, אומגעקומען מיט

ראָזוואַדאָווער רבי׳ן ר׳ אפרים האָראָוויץ, און ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם מיט זיין מוטער צפורה און מיט זיין גאַנצער משפחה, אין דאָבראָמיל, הי״ד.

דער היינטיקער בלאָזשעווער רבי ר׳ ישראל איז געווען אַן איידעם פון זשאַבנער רבי׳ן ר׳ שלום־דוד אונגער זצ״ל. ער איז יונג געוואָרן רב אין פּראָכניק, גאַליציע. נאָך דער פּטירה פון זיין פאָטער האָט ער זיך באַזעצט אין איסטריק.7)

דער ריבעטיטשער רבי ר׳ יהושע שפּיראָ

דער רבי ר׳ מאיר (מאיר׳טשע) האָט געוואוינט אין בלאָזשעוו און דאָרט אויפגעשטעלט זיין רבישן הויף.

* *

מיר האָבן נישט קיין ידיעות ווען דער רבי ר׳ מאיר׳טשע שפּיראָ, הי״ד, איז אומגעקומען אויף קידוש־השים, אָבער ווען ער האָט געזען אַז די דייטשן וועלן אים אומברענגען, האָט ער גענומען דעם כתב־יד, וואָס ער האָט גע־

אַ טייל פון זיין משפחה, הי״ד, דער היינטיקער סטוטשינער רבי ר׳ יהודה׳לע האָראָוויץ אין ברוקלין, ניו־יאָרק, און דעם דעמביצער רב ר׳ הירש־אלימלך האָראָוויץ, אַ זון פון דעם דעמביצער רב ר׳ שמואל, וועלכער איז אומגעקומען מיט זיין משפחה אין חודש אלול, 1943, הי״ד.

7) דער בלאָזשעווער רבי ר׳ ישראל׳טשע וואוינט איצט אין ברוקלין, ניו־יאָרק. זיין רבי׳צין פערל, דעם זשאַבנער רבי׳ס טאָכטער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם צו־זאַמען מיט זייער טאָכטער, מינדעלע, איידעם ר׳ שאול ראַפּאָפּאָרט און זייער קינד.

האָט פון זיין זיידן דעם בלאָזשעווער רבי'ן און איז מיט אים אַריין צו זיין שכן, אַ גוי, און האָט צו אים געזאָגט:

„דאָ גיב איך דיר אַ פעקל כתבים, מיט אַן אַדרעס פון מיין שוועסטער אין אַמעריקע. אויב דו וועסט די כתים באַהאַלטן, וועסטו נאָך דער מלחמה קריגן פאַר זיי אַ גרויסן סכום געלט".

דער גוי האָט באַהאַלטן דאָס פעקל כתבים אין זיין קעלער. אין די כתבים זיינען אויך געווען חדושי תורה, וואָס דער רבי ר' מאיר האָט גע־שריבן.

דער לעצטער ריבעטיטשער רבי, ר' אליעזר שפּירא, הי"ד

דער רבי ר' מאיר'טשע שפּירא איז אומגעקומען אויף קידוש־השם צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפחה, הי"ד.

נאָך דער מלחמה האָט דער גוי געשריבן צו די חסידים אין אַמעריקע אַז ביי אים געפינען זיך מאַנוסקריפּטן, וואָס דער „ראַבין" מאיר שפּירא האָט ביי אים איבערגעלאָזן.

דעם ריבעטיטשער רבי'נס טאָכטער חנה האַלבערשטאַם, אין ניו־יאָרק, האָט זיך משתדל געווען אַז מ'זאָל די כתבים אויסלייזן פון פּאָליאַק פאַר אַ היפּשער סומע געלט. די כתבים זיינען געבראַכט געוואָרן קיין ניו־יאָרק און דער היינטיקער בלאָזשעווער רבי ר' ישראל'טשע שפּירא פון ברוקלין, ניו־יאָרק, האָט די כתבים אַרויסגעגעבן אין אַ ספר „צבי לצדיק",[8]

8) „צבי לצדיק" על חמישה חומשי תורה, חלק ראשון, הובא לדפוס ע"י נכדי הרב ישראל שפּירא מבלאָזיב, החונה כעת בברוקלין, נ. י. 297 זייטן.

תורות פון אַלטן בלאָזשעווער רבי׳ן ר׳ הירש (צבי) אלימלך שפּיראָ, תורות אויף די פּרשיות פון דער וואָך, וואָס דער אַלטער בלאָזשעווער רבי האָט געזאָגט שבת ביי די טישן.

צום ספר „צבי לצדיק״ איז צוגעדרוקט געוואָרן אַ קונטרס „זכרון מאיר״, תורות פון רבי׳ן ר׳ מאיר שפּיראָ,[9]) וואָס זיינען געפונען געוואָרן באַהאַלטן ביים פּאָליאַק. אויך איז צוגעדרוקט געוואָרן עטלעכע תורות פון בוקאָווסקער רבי׳ן ר׳ דוד שפּיראָ[10]) און אַ בריוו פון לעצטן בוקאָווסקער רבי׳ן ר׳ אַלטער־ראובן, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.[11])

אויך איז צום סוף פון ספר „צבי לצדיק״ צוגעדרוקט אַ תורה פון ריי־בעטיטשער רבי׳ן ר׳ אליעזר שפּיראָ, דעם בלאָזשעווער רבינ׳ס ברודער, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, הי״ד.

9) פון זייט 299 ביז 245.

10) פון זייט 246 ביז 350.

11) וועגן לעצטן בוקאָווסקער רבי׳ן און ווי אַזוי ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם שרייבן מיר באַזונדער. דער בריוו פון בוקאָווסקער רבי׳ן איז געשריבן געוואָרן צו דעם חסיד ר׳ יוסף־חיים טיסער, וועלכער איז בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַרוואָגלט געוואָרן קיין סיביר. אינעם בריוו שרייבט דער בוקאָווסקער רבי, אַז אין דער איצטיקער מאוימ׳דיקער צייט, ווען יידן זיינען געצוואונגען מחלל שבת צו זיין און זיי ווייסן אַפילו נישט ווען ס׳איז שבת און יום־טוב, רוט די שכינה צווישן זיי, און דאָס איז דער פּירוש פון מאמר, אין זוהר, סוף פּרשת קורח, אַז „מעולם לא זזה שכינה מישראל מכל שבתות ויו״ט ואפילו בשבתות דחול״ (די שכינה שיידט זיך נישט אָפּ פון יידן אין שבת און יום־טוב און אפילו אין די וואָכנדיקע שבתים). „שבתות דחול״ מיינט מען אפילו אין די שבתים וואָס די יידן זיינען געצוואונגען צו אַרבעטן אין די שבתים ווי אין דער וואָכן, רוט אויך די שכינה צווישן זיי.

דעם בעלזער רבי׳נס ברודער ר׳ שלום רוקח האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אין אַ וואַלד

דער בעלזער רבי ר׳ אהרעלע רוקח האָט פאַרלוירן פינף און פערציק נפשות פון זיין משפחה. — ער איז געראַטעוועט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין ברודער, און נפטר געוואָרן אין ישראל.

צווישן די גרויסע רבי׳שע הויפן אין גאַליציע האָט בעלז פאַרנומען דאָס גרעסטע אָרט.

בעלזער חסידים זיינען געווען אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין גאַליציע און אונגאַרן, און קיין בעלז פלעגן קומען אויף אַ ראש־השנה עט־לעכע טויזנט חסידים.



דער בעלזער רבי, ר׳ אהרעלע רוקח

דאָס וואָס גער איז געווען אין פוילן, איז בעלז געווען אין גאַליציע.

אין בעלזער בית המדרש פלעגן תמיד זיצן אַ פּאָר הונדערט „יושבים“־בחורים און חתונה־געהאַטע יונגעלייט. זיי פלעגן לערנען אין בעלז אַ גאַנץ יאָר און פלעגן אַהיימפאָרן בלויז אין די צוויי חדשים נאָך שבועות.

דער בעלזער בית־המדרש איז קיינמאָל נישט געווען קיין איין מינוט

לײדיק. װען די „יושבים״, װאָס האָבן געלערנט אַ גאַנצע נאַכט זײנען פאַר־טאָג אַהײמגעגאַנגען כאַפּן אַ דרימל, זײנען שױן אַרײנגעקומען עטלעכע הונדערט אַנדערע בחורים און יונגעלײט, װאָס זײנען אױפגעשטאַנען פאַר־טאָג און געקומען לערנען אין בית המדרש אַרײן . . .

בלױז דער בעלזער רבי אַלײן, ר׳ אהרעלע רוקח, האָט זיך על־פּי־נס געראַטעװעט און איז אין מיטן פון דער גרױסער צװײטער װעלט־מלחמה אָנגעקומען בשלום קײן ארץ־ישראל. אָבער ער האָט פאַרלױרן זײן גאַנצע משפּחה, די רבי׳צין, מיט דרײ זין און צװײ טעכטער, מיט די שנורן און אײדעמס און אײניקלעך, צוזאַמען אַ פינף און פערציק נפשות.

דאָס ערשטע אומגליק האָט געטראָפן דעם בעלזער רבי׳ן, ר׳ אהרעלע רוקח, באַלד נאָך דעם איבערפאַל פון די דײטשן אױף רוסלאַנד.

װי נאָר די דײטשן האָבן פאַרנומען די געגנטן פון מזרח־גאַליציע, איז דער בעלזער רבי מיט זײן גאַנץ הױזגעזינט אַנטלאָפן פון בעלז, צוערשט קײן סקוהל[1]) און פון דאָרט איז ער אַנטלאָפן, מיט זײן גאַנץ בני־בית, מקורבים און אַ צאָל „יושבים״ קײן פּרעמישלאַן.

אַנטלאָפן פון בעלז איז דער בעלזער רבי שמיני עצרת בײנאַכט.

נאָכדעם װי ער האָט געמאַכט די הקפות, האָט ער געהײסן זיך דער־לאַנגען „די גלות־מלבושים״ (די װאָכעדיקע קלײדער) און איז אַװעק מיט זײן גאַנץ הױזגעזינט פון בעלז קײן סקוהל און פון דאָרט קײן פּרעמישלאַן.

און װי נאָר די דײטשן זײנען אַרײן קײן פּרעמישלאַן, האָבן זײ אין דער זעלבער װאָך, אין אַ פרײטיק, אָנגעצונדן דעם גאַנצן ײדישן קװאַרטאַל, װאו עס האָט געװאױנט דער רב, דער דײן און װאו עס איז געשטאַנען די שול, דער בית־המדרש און די מקוה.

די דײטשן האָבן אַרומגערינגלט די גאַנצע געגנט מיט סאָלדאַטן, זײ צוהילף זײנען געקומען די אוקראַאינער, און מיט פּעסער בענזין האָט מען אָנגעצונדן אַלע גאַסן. די ײדן, װאָס זײנען אַנטלאָפן פון די ברענענדיקע הײזער, זײנען געכאַפּט געװאָרן אין לאַסט־אױטאָס און אַװעקגעפירט גע־װאָרן אין די טױטן־לאַגערן. די, װאָס האָבן נישט באַװיזן צו אַנטלױפן, זײנען פאַרברענט געװאָרן אין די הײזער.

און דעמאָלט האָט דער בעלזער רבי פאַרלױרן זײן עלטסטן זון, ר׳ משה׳לע רוקח, הי״ד.

דער בעלזער רבי אַלײן האָט זיך דעמאָלט געראַטעװעט, ממש װי דורך אַ נס. און װען ער האָט זיך דערװאוסט פון דעם אומגליק פון זײן זון, האָט ער געזאָגט צו דעם ניעפּאָלעמיצער רב: „איך האָב שױן אױך צושטײער געגעבן אַ קרבן״ . . .

1) דער בעלזער רבי איז געװען אַן אײדעם פון אַלטן סקוהלער רבי׳ן, ר׳ שמואל רוקח, אַ זון פון בעלזער רבי׳ן, ר׳ יהושע׳לע רוקח.

דעם בעלזער רבי׳נס זון, ר׳ משה׳לע, איז אומגעקומען אויף קידוש השם יום ו׳ פרשת חוקת, תש״א (1941).

אָבער דער בעלזער רבי האָט נישט בלויז געבראַכט דעם איין־און־איינציקן קרבן. ר׳ משה׳לע איז בלויז געווען דער ע ר ש ט ע ר קרבן.

ווייל אַ חוץ ר׳ משה׳לען האָט דער בעלזער רבי געבראַכט קרבנות זיין רביצין מלכה, דעם סקוהלער רבי׳ן ר׳ שמואל רוקח׳ס טאָכטער; זיין איידעם ר׳ ישעיה זישא, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ פינעלע פון אוסטילע,[2] צוזאַמען מיט זיין רבי׳צין, מיט זיבן קינדער.

אויך זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם דעם בעלזער רבי׳נס צווייטער איידעם, ר׳ שמואל פרענקעל, וועלכער איז געווען אַ גדול בתורה, אַ זון פון רבי׳ן ר׳ אברהמ׳על פרענקעל פון מונקאַטש. ר׳ שמואל איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין רבי׳צין און זיבן קינדער; דעם בעלזער רבי׳נס זון ר׳ ישראל, מיט זיין רבי׳צין און צוויי קינדער; דעם רבי׳נס זון ר׳ זונדל, מיט זיין ווייב און צוויי קינדער; דעם רבי׳נס איידעם, ר׳ ישראל, אַ זון פון קאַמינקער רבי, וועלכער איז געווען מרא־דאתרא אין קאַמינקע. ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם צוזאַמען מיט זיין רבי׳צין און איין קינד; דעם בעלזער רבי׳נס איידעם, ר׳ משה אליקים בריעה, צוזאַמען מיט זיין רבי׳צין און צוויי קינדער.

אויך זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם דעם בעלזער רבי׳נס שוואָגער, ר׳ יוחנן, וועלכער איז געווען רב אין רובאַשאָוו, צוזאַמען מיט זיין רבי׳צין. ער איז דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן אין אַ וואַלד נעבן רובאַשאָוו, צוזאַמען מיט עטלעכע הונדערט יידן, און דעם בעלזער רבי׳נס ברודער, ר׳ יהושע׳לע, וועלכער האָט געוואוינט אין יאַראָסלאַוו.

⁂

דער בעלזער רבי איז דורך זיינע חסידים געראַטעוועט געוואָרן פון פרעמישלאַן. חסידים האָבן באַצאָלט אַ פּאָליאַק צען טויזנט זלאָטעס, ער זאָל אין אַ טעקסי ברענגען דעם בעלזער רבי׳ן פון דער רוסישער זייט פרעמישלאַן קייןווישניץ, מערב־גאַליציע.

דער בעלזער רבי איז געפאָרן אין אַ טעקסי צוזאַמען מיט זיין ברודער ר׳ מאָטעלע, דער בילגורייער רב, און צוויי בעלזער גבאים, ר׳ דוד געצילס און ר׳ נחמן הירש.

די רייזע איז דורכגעגאַנגען בשלום, אָבער הינטער טאַרנע (טאַרנאָוו) האָט זיך די טעקסי איבערגעקערט, און דער בעלזער רבי צוזאַמען מיט זיין ברודער און די צוויי גבאים זיינען שטאַרק פאַרוואונדעט געוואָרן.

2) דער רבי ר׳ פינעלע איז אויך אומגעקומען אויף קידוש־השם. וועגן אים האָבן מיר אַ באַזונדער קאַפּיטל.

אויך דער שאָפער איז פאַרוואונדעט געוואָרן. ער האָט אָבער מיט אַלע כוחות געעפנט די טיר פון דעם איבערגעקערטן אויטאָמאָביל און דער בעלזער רבי איז אַרויסגענומען געוואָרן פון דער טעקסי.

אין דער זעלבער נאַכט האָבן די צוויי גבאים אָנגעקלאַפּט אין הויז פון אַ יידן, וואָס האָט געוואוינט הינטער טאַרנע און געבעטן הילף. ווען דער ייד האָט זיך דערוואוסט, אַז אין דרויסן געפינט זיך דער בעלזער רבי, האָט ער איינגעשטעלט זיין לעבן און האָט דעם בעלזער רבי׳ן אַריינגענומען אין הויז אַריין. ער האָט גלייך געשיקט אַ שליח־מיוחד צו אַ בעלזער חסיד, ר׳ שמואל געלבוואַקס פון ביאַלע־ביליץ, וועלכער האָט דעמאָלט שוין גע־וואוינט אין טאַרנע, און ר׳ שמואל געלבוואַקס איז געקומען צו לויפן מיט אַ יידישן דאָקטאָר. מען האָט פאַרבאַנדאַזשירט דעם רבי׳נס וואונדן און מען האָט געבראַכט פון ווישניץ אַן אַנדערע טעקסי און דער רבי איז אָנ־געקומען בשלום קיין ווישניץ . . .

⁂

נאָך אַ ברודער פון בעלזער רבי׳ן, דער אַפּטער רב ר׳ שלום רוקח, איז אומגעקומען אין די וועלדער אין סטרי, אין עלטער פון צוויי און פער־ציק יאָר.

דער אַפּטער רב האָט געוואָלט אַנטלויפן פון די דייטשן קיין אונגאַרן. ער האָט זיך באַהאַלטן אין סטרי אין אַ בונקער און פון דאָרט איז ער אַוועק אין די וועלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן ביז איבער דער אונגאַרישער גרענעץ.

דער אַפּטער רב האָט געשיקט שליחים קיין מונקאַטש, אונגארן, וואו עס האָבן געוואוינט אַ סך בעלזער חסידים, זיי זאָלן אים ראַטעווען. די חסידים האָבן געהאַט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן אים צו ראַטעווען, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. די גרויסע פרעסט און די קעלטן אין וואַלד און נישט האָבן וואָס צו עסן, האָט אויסגעמאַטערט דעם אַפּטער רב, און ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אין וואַלד. דאָס איז געווען אין חודש כסלו תש״ד (1944).

אַ פויער האָט געטראָפן ליגן אַ מת אין וואַלד, איז ער אַוועק קיין סטרי און האָט דאָס איבערגעגעבן די יידן. זיינען צוויי יידן אַרויס אין וואַלד און האָבן דערקענט, אַז דאָס איז דער אַפּטער רב, און זיי האָבן דאָרט אין וואַלד אים קובר געווען אונטער אַ בוים.

דער בעלזער רבי, וועלכער איז דעמאָלט שוין געווען אין אונגאַרן, האָט זיך דערוואוסט פון דעם גרויסן אומגליק, און זיך געזעצט שבעה.

פינף און פערציק נפשות האָט דער בעלזער רבי, ר׳ אהרעלע רוקח, פאַרלוירן. ער האָט געבראַכט דעם ערשטן קרבן ר׳ משה׳לען, באַלד אין

אָנהייב פון דער מלחמה און ער האָט צוגעגעבן נאָך פיר און פערציק נפשות אויפן מזבח פון קידוש־השם . . .

ערשט אין חודש שבט, תש״ד (1944), איז דער בעלזער רבי אָנגעקומען, אַ קראַנקער און צעבראָכענער, קיין ארץ־ישראל.[3]

און שבת פאַרנאַכט, כ׳ אב, תשי״ז (1957), איז דער בעלזער רבי, ר׳ אהרעלע רוקח, נפטר געוואָרן פון אַ בלוט־שטורץ אין מוח, אין שפּיטאָל „שערי צדק״ אין ירושלים.

די לוויה איז פאָרגעקומען צומאָרגנס, זונטיק. ער איז נטמן געוואָרן אויפן „הר המנוחות״, אין ירושלים.

∴

דאָס בעלזער חסידות, וואָס האָט זיך געצויגן פיר דורות, פון ר׳ שלום רוקח, דער גרינדער פון דער בעלזער דינאַסטיע; זיין זון, ר׳ יהושע רוקח; זיין זון, ר׳ ישכר דוב בער רוקח און זיין זון, ר׳ אהרעלע רוקח, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס יראת שמים און לומדות. אָט די צוויי ענינים זיינען געווען די הויפּט־עיקרים פון בעלזער חסידות . . . און נאָך דער הסתלקות פון בעלזער רבי׳ן, זיינען די בעלזער חסידים געבליבן פאַר׳יתומ׳ט.

אָבער בעלזער חסידים ציען וייטער דעם המשך. די גאָלדענע קייט פון בעלזער חסידות איז נישט איבערגעריסן געוואָרן.

דעם בעלזער רבי׳נס ברודער, ר׳ מאָטעלע,[4] האָט זיך אויך געראַטעוועט צוזאַמען מיטן בעלזער רבי׳ן. זיין רביצין שבע׳לע, דעם קאָברינער רבי׳נס טאָכטער, איז אומגעקומען אויף קידוש־השם. ר׳ מאָטעלע האָט אין ישראל נאָכאַמאָל חתונה געהאַט. ער האָט איבערגעלאָזט אַ זון בערעלע, וועלכער איז געקרוינט געוואָרן פון די בעלזער חסידים אַלס בעלזער רבי.

3) וועגן דער הצלה פון בעלזער רבי׳ן קיין ארץ־ישראל, איז אַרויס אַ ספר „דברי חן״ פון נתן אורטנר, תל־אביב, 1963.

4) ר׳ מאָטעלע (מרדכי), איז געווען רב אין בילגורייַ, ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרס״ב (1902), איז ער נפטר געוואָרן אין תל־אביב, כ״ד חשון תש״י (1949)

דער ברעזענער רבי זאָגט ווידוי מיט יידן ביי די קברים וואָס זיי אַליין האָבן געגראָבן

פיר גרויסע ברודער־קברים זיינען פאַראַן הינטער סאַרנע, דאָרט ליגן באַגראָבן זעכצן טויזנט יידן, פון די שטעטלעך: סאַרנע, דאָמבראָוויץ, בערעזניץ, וואולקיטנע, ברעזענע און אַנד. שטעטלעך, וואָס די נאַציס האָבן זיי צונויפגעטריבן י״ב אלול, תש״ב (1942), זיי געהאַלטן צוויי טעג אויף אַ פרייען פעלד הינטער סאַרנע און דערנאָך זיי געהייסן גראָבן פיר גרויסע קברים, זיי אויסגעטאָן נאַקעט, און זיי געטריבן אין די גריבער אַריין און דאָרט זיי אַלע דערשאָסן.

צווישן די אומגעקומענע זעכצן טויזנט קדושים, זיינען פאַראַן אַ צאָל רבנים און דער ברעזענער רבי, ר׳ נחום־יהושע הלוי פּעטשעניק, וועלכער האָט נישט געוואָלט אַנטלויפן פון ברעזענע און איבערלאָזן זיין עדה יידן אַליין, נאָר ער איז מיט זיי מיטגעגאַנגען דעם גאַנצן גיהנום־וועג. ער האָט זיי געטרייסט ביז צו דער לעצטער רגע, ער האָט זיי מעורר געווען זיי זאָלן אַנטלויפן אין די וועלדער אַריין, ווערן פּאַרטיזאַנען, און אַליין האָט ער זיך נישט געוואָלט ראַטעווען, נאָר בלייבן מיט זיינע חסידים.

ווען עס איז געקומען דער טאָג פון אומקום, פון דער גרויסער עקידה, האָט דער ברעזענער רבי זיך געשטעלט בראש פון דער זעכצן טויזנט קעפּיקער מחנה, ער האָט מיט זיי אַלע געזאָגט ווידוי און זיי געטרייסט ביז דער לעצטער רגע, ווען זיי אַלע האָבן צוזאַמען מיט אים אויסגעהויכט זייערע הייליקע נשמות און אומגעקומען אויף קידוש השם מיט איין גרויסן „שמע ישראל״.

∴

דער רבי ר׳ נחום־יהושע הלוי פּעטשעניק איז געווען רב און רבי אין דאָמבראָוויץ, אַ שטעטל ביי סאַרנע־ראָוונע אין וואָלין. ער האָט געשטאַמט פון דער ברעזענער רבי׳שער דינאַסטיע, און געצויגן זיין רבי׳אישן יחוס פון ר׳ דוד דער „סטעפּינער מגיד״, און פון דער טשערנאָבילער גזע.

דער סטעפּינער מגיד, ר׳ דוד, איז געווען אַ תלמיד פון גרויסן מגיד ר׳ דוב בער פון מעזריטש. און ער איז געווען, אינעם צווייטן זיווג, אַן איידעם פון זלאָטשאָווער מגיד, ר׳ יחיאל־מעכל.

דער סטעפּינער מגיד איז געווען פאַררעכנט צווישן דער „חבריא קדושה״ פון מעזריטשער מגיד, און אין „דגל מחנה אפרים״ ווערן געבראַכט תורות פון אים, וואָס פון זיי ווערן מיר געוואָר, אַז ער איז אויך געווען איינער פון די תלמידים פון בעל שם־טוב.

דער סטעפּינער מגיד, ר׳ דוד, איז געווען אַ זון פון ר׳ יהודה הלוי, און ער איז געווען דער פינפטער דור פון דעם גרויסן גאון, ר׳ דוד הלוי, דעם בעל ה„טורי זהב״.

דער סטעפּינער מגיד, ר׳ דוד הלוי, איז נפטר געוואָרן מוצאי יום־כפור תק״ע (1809).

נאָך זיין פּטירה איז זיין זון ר׳ מעכעלע געוואָרן רב און רבי אין ברעזענע. דער רבי ר׳ מעכעלע איז פאַרבעטן געוואָרן פון גראַף מאַלינסקי ער זאָל קומען זיך באַזעצן אין ברעזענע.

אין יענער צייט האָט דאָס חסידות זיך שוין געהאַט פאַרשפּרייט אין פאַרשידענע געגענטן, און דאָרט, וואו עס האָט געוואוינט אַ רבי, האָט דאָס שטעטל „אויפגעלעבט״. עס זיינען געקומען חסידים צום רבי׳ן און די שטעטלדיקע איינוואוינער האָבן געהאַט פּרנסה. האָבן פּריצים געזוכט רביים זיי זאָלן זיך באַזעצן אין זייערע שטעטלעך.

אויך צום רבי׳ן ר׳ מעכעלע, וועלכער האָט געוואוינט אין סטאָלין, אין הויז פון זיין שווער ר׳ לייב, זיינען געקומען שליחים פון גראַף מאַלינסקי, אַרום דעם יאָר ת״ר (1840) און האָבן אים פאַרבעטן ער זאָל קומען וואוינען אין ברעזענע און דערפאַר גיט אים דער גראַף אַ מתנה אַ גרויס הויז.

האָט זיך דער רבי ר׳ מעכעלע פּעטשעניק באַזעצט אין ברעזענע.

פון וואַנען עס קומט צום רבי׳ן ר׳ מעכעלע דער פאַמיליע־נאָמען „פּעטשעניק״, איז וועגן דעם פאַראַן אַזאַ מסורה צווישן דעם רבינס משפּחה.

אין יענער צייט האָט מען אָנגעהויבן געבן יידן פאַמיליע נעמען אין רוסלאַנד. איז אַריינגעקומען צום רבי׳ן ר׳ מעכעלע אין הויז אַריין אַ רע־גירונגס באַאַמטער צוזאַמען מיטן סאָלטיס (בירגער מייסטער) און האָט גע־פרעגט דעם רבי׳ן ר׳ מעכעלע וואָס פאַראַ פאַמיליע נאָמען ער וויל האָבן. און אַזוי ווי דער רבי ר׳ מעכעלע איז געווען שטאַרק פאַרטאָן אין זיין התלהבות׳דיקן זאָגן תהלים, האָט ער גאָר נישט באַמערקט ווי די באַאַמטע זיינען צו אים אַריינגעקומען, רופט זיך אָן דער סאָלטיס: ער איז דאָך אַ „פּעטשענע״ (אַ געברענטער, געבאַקענער ייד), האָט דער רעגירונגס באַאַמ־טער פאַרשריבן זיין פאַמיליע־נאָמען „פּעטשעניק״.[1]

דער רבי ר׳ מעכעלע ברעזענער איז נפטר געוואָרן ט״ו כסלו, תר״ט (1848).

1) געהערט פון דעם מזרחי־פירער אין ישראל, הרב ר׳ אהרן פּעטשעניק, וועל־כער שטאַמט פון דער דאָזיקער גזע. זיין פאָטער איז געווען דער ברעזענער רבי, ר׳ נחום־יהושע הלוי פון דאָמבראָוויץ, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש השם, הי״ד. הרב ר׳ אהרן פּעטשעניק האָט פאַרעפנטלעכט אַן אויספירלעכע אַרבעט וועגן דער ברע־זענער גזע אין יאָרבוך „שנה בשנה״, תשכ״ז (1966), הוצאת „הכל שלמה״, ירושלים, זייטן 379—396.

נאָך זיין פּטירה איז געוואָרן רבי זיין זון ר׳ יצחק (איציקל) פּעטשעניק, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ אהרן טשערנאָבילער.

דער טשערנאָבילער רבי ר׳ אהרן האָט געהאַט צוויי טעכטער, פּערעלע און פייגעלע. האָט ער גענומען פאַר דעם ערשטן איידעם דעם ברעזנער רבי׳ן ר׳ איציקל, און פאַר דעם צווייטן איידעם דעם טשאַרטקאָווער רבי׳ן ר׳ דוד משה.

דער רבי ר׳ איציקל האָט אין זיינע יונגע יאָרן שוין גע׳שמ׳ט פאַר אַן עילוי, האָט דער טשערנאָבילער רבי אים געוואָלט פאַר אַן איידעם.

זיין פאָטער, דער רבי ר׳ מעכעלע, איז אָבער געווען אַ גרויסער אָרע־מאַן. דערציילט מען, אַז ווען עס איז געקומען די זמן־חתונה, איז דער ברעזענער רבי ר׳ מעכעלע אַרויסגעפאָרן אין אַ בויד און אַן אויסגעדאַרט פערדל פון ברעזענע קיין טשערנאָביל. אין דער בויד איז געזעסן דער ברעזענער רבי, זיין ווייב די רביצין, און דער חתן. פאַר דער שטאָט טשער־נאָביל, זיינען אַנטקעגנגעפאָרן אַ גרויסער עולם חסידים, מקבל פּנים זיין דעם חתן און מחותן, און אַזוי ווי דער מחותן איז געזעסן אין אַן אַלטער בויד, האָבן זיי אים נישט באַמערקט, די חסידים זיינען צוריקגעקומען קיין טשערנאָביל טרויעריקע — דער חתן און מחותן זיינען נישט געקומען . . .

אינצווישן איז אָנגעקומען דער ברעזענער רבי מיטן חתן קיין טשער־נאָביל, און זיינען פאַרפאָרן אין אַן אכסניה, וואָס איז פאַר זיי צוגעגרייט געוואָרן פון פריער.

אין טשערנאָביל איז שוין דעמאָלט געווען אַ רייכער רבי׳שער הויף, און אַז די חסידים האָבן זיך דערוואוסט, אַז דער מחותן איז געקומען צו־פאָרן אין אַזאַ אָרעמער בויד, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייען, אַז דער מחותן איז אַ גרויסער אָרעמאַן, און מען זאָל אָפּלאָזן דעם שידוך. די טשערנאָבילער רביצין איז אַריין צום רבי׳ן און האָט געהייסן אָפּלאָזן דעם שידוך.

האָט דער טשערנאָבילער רבי אַ געשריי געגעבן: „מיט וועמען זיינען מיר זיך משדך, מיט פערד, צי מיט מענטשן — דער חתן איז אַ גרויסער עילוי!״ און די חופּה איז געשטעלט געוואָרן.

דער רבי ר׳ איציקל איז נפטר געוואָרן ט״ז אלול, תרכ״ה (1865). האָט זיך די רביסטווע צעטיילט, די גרעסטע צאָל חסידים האָבן געקרוינט פאַר אַ רבי׳ן זיין בכור ר׳ יוסף און אַן אַנדערער טייל האָט אָנגעהויבן צו פאָרן צום רבי׳ן ר׳ איציקלס איידעם ר׳ חיים טויבמאַן, וואָס האָט אויך געוואוינט אין ברעזנע.

דער רבי ר׳ יוסף איז נפטר געוואָרן יונג, מוצאי שמחת תורה תר״ל (1869), איז זיין זון דער בכור ר׳ אברהם־שמואל געוואָרן רבי.

ר׳ שמואל איז אַלט געווען אינגאַנצן זיבעצן יאָר ווען ער איז געוואָרן רבי.

דער רבי ר׳ שמואל איז געווען אַ פופציק יאָר רבי אין ברעזנע. ער

איז געווען דער שווער פון אַלטן בעלזער רבי'ן ר' ישכר בער רוקח. ער איז נפטר געוואָרן י"א טבת, תרע"ח (1917) שוין נאָך דער באָלשעוויסטי־שער רעוואָלוציע.

וועגן רבי'ן ר' שמואל שרייבט אַן עד־ראיה, אַז „ער איז געווען ווי אַ גוטער טאַטע צו זיינע חסידים, וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט אין דער גאַנצער געגנט און האָבן דערגרייכט ביז פּינסק און לונינעץ . . . דער רבי ר' שמואל איז געווען אַ קליינער, מיט ברייטע פּלייצעס און צוויי אויגן — צוויי קוילן־פייער, דורכדרינגענדיק און קלוג. ער האָט געהאַט אַ לאַנגע ווייסלעך־גאָלדענע באָרד, געטראָגן אַ זיידענע אָדער אַטלאַסענע קאַפּאָטע, ווייסע הויזן, דאָס אַלץ האָט אים צוגעגעבן כבוד. שמחת תורה זיינען די ברעזענער חסידים געגאַנגען אין רבינס הויז, דאָרט האָט געזונגען דעם רבי'נס קאַפּעליע. חנוכה זיינען צום רבי'ן געקומען אַלע יידן, סוחרים און בעלי מלאכות, יעדער איינער האָט געגעבן וויפל ער האָט געקאָנט און מער ווי ער האָט געקאָנט חנוכה־געלט דעם רבי'ן; זיי האָבן הנאה געהאַט פון „מעוז צור ישועתי" וואָס איז געזונגען געוואָרן לויטן ברעזענער נוסח . . . ווען דער רבי איז קראַנק געוואָרן, האָט מען גאַנצע טעג געזאָגט תהלים. די לעצטע נאַכט האָט קיין ברעזענער ייד נישט צוגעמאַכט קיין אויג . . . אַ גאַנץ יאָר האָט ברעזענע געטרויערט אויף דער הסתלקות פונעם רבי'ן".[2])

דער רבי ר' אברהם שמואל הלוי פּעטשעניק האָט געהאַט דריי זין, דער בכור, ר' יצחק, איז געבליבן רבי אין ברעזענע. ער איז נפטר געוואָרן כ"ג סיון תרצ"ט (1939). דער צווייטער זון ר' יוסף איז געווען רבי אין סאַרנע, ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תר"פ (1920), און דער ייִנגסטער זון, ר' נחום־יהושע, איז פריער געווען רב אין דאָמבראָוויץ, ביי סאַרנע.

ר' נחום יהושע איז געווען אַן איידעם פון ר' אלטער מרדכי ספרד פון אָסטראָה. ער האָט געקראָגן סמיכה פון דעם בריסקער גאון ר' חיים סאָ־לאָווייטשיק. ער האָט פופצן יאָר געגעסן קעסט ביי זיין שווער, און ער איז דערנאָך געוואָרן רב און רבי אין דאָמבראָוויץ. מען האָט אים גערופן דער „ברעזענער רבי".

דער רבי ר' נחום־יהושע איז געווען רב־הכולל איבער אַכט קהלות: סאַרנע, בערעזשערץ, קלעסלאָוו, אַנטאָנאָווקע און אַנדערע שטעט. ער איז געווען באַרימט אַלס כלל טוער און ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער אגודת הרבנים אין פּוילן. ער איז אין די לעצטע יאָרן אויך געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון ישוב ארץ־ישראל און ער האָט אפילו אונטערגעשריבן דעם קול קורא פאַר דער רעליגיעזער אָפּטייל (מחלקת החרדים), וואָס דער קרן קימת האָט געגרינדעט.

2) ד"ר ג. בייגיל, „עיירתי ברזנה", תל־אביב, 1954, זייט 143, אויך 53. זאב רבי־נוביץ „החסידות הליטאית", מוסד ביאליק, ירושלים 1961, זייטן 149־150.

דער ברעזנער רבי איז געווען אַ גרויסער בעל מנגן, איינער פון זיינע ניגונים איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין נחמיה ווינאַווער׳ס בוך „אנטאָלאָגיע פון יידישער מוזיק״, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער יידישער אַגענטור אין ניו־יאָרק.

ווען די נאַציס זיינען אַריין קיין דאָמבראָוויץ, און זיי האָבן געמאַכט אַ געטאָ, האָבן די פויערים געוואָלט אַרויסראַטעווען דעם רבי׳ן, פאַר וועמען זיי האָבן גרויס דרך ארץ געהאַט, אָבער דער רבי האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן די יידן אין שטאָט, און ער איז מיט זיי געבליבן אין געטאָ.

דער רבי האָט מעורר געווען די אַנדערע יידן זיי זאָלן אַנטלויפן פון געטאָ און ווערן פּאַרטיזאַנער. ער האָט געהייסן די יידן אַריין אין די וועלדער און קעמפן קעגן די נאַציס. ער אַליין אָבער האָט געוואָלט בלייבן מיט די יידן . . .

אין דער נאַכט פאַר י״ב אלול, תש״ב (1942), איז געקומען אַן אוקראַינער צום רבי׳ן און אים בסוד געזאָגט, אַז די נאַציס גרייטן צו אַ גרויסע מאַסן־שחיטה אויף די יידן. ער האָט געוואָלט ראַטעווען דעם רבי׳ן. דער רבי האָט וועגן דער צוגעגרייטער מאַסן־שחיטה דערציילט די יידן, און זיי געראָטן זיי זאָלן גלייך פאַרלאָזן דעם געטאָ.

אַ צאָל יידן האָבן זיך צוגעהערט צו דער עצה פון רבי׳ן און זיי זיינען געוואָרן פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער, און אַ דאַנק דעם זיינען זיי געבליבן לעבן.

און י״ב אלול, פאַרטאָג, איז די גאַנצע שטאָט אַרומגערינגלט געוואָרן פון געסטאַפּאָ־לייט און אוקראַינער פּאָליציאַנטן. מען האָט אַרויסגענומען אַלע יידן פון געטאָ און זיי געפירט אויף אַ ליידיקן פעלד, הינטער סאַרנע. דער רבי איז געגאַנגען בראש פון דער מחנה יידן.

די נאַציס האָבן אָפּגעצוימט דאָס פעלד מיט שטעכנדיקע דראָטן און אין משך פון דריי טעג האָט מען כסדר געבראַכט יידן פון די פאַרשיידענע, דערבייאיקע שטעטלעך.

די נאַציס האָבן געזאָגט, אַז ווען זיי וועלן צונויפנעמען אַלע יידן, וועלן זיי זיי פאַרטיילן אין פאַרשידענע אַרבעטס־פּלעצער, אָבער די יידן האָבן דערזען, אַז מען האָט זיי אַריינגעכאַפּט אין אַ פאַסטקע, און די געוואַגטע, העלדישע יונגעלייט, וועלכע האָבן געהאַט מיטגעפירט מיט זיך, אין געהיים, שערעלעך און צוואַנגעלעך, האָבן אָנגעהויבן דורכצושערן די דראָטענע צוימען. זיי זיינען בשעת מעשה געפאַלן פון די נאַצישע קוילן. נאָך זיי זיינען אָבער געקומען אַנדערע. מען האָט אויפגעריסן די דראָטן, געשאַפן דורכרייסן, די ערטער זיינען געווען אָנגעהויפט מיט טויטע קערפּערס, און איבער זיי זיינען געלאָפן מענטשן, און אויף אַזאַ אופן האָבן זיך געראַטעוועט עטלעכע צענדליק יידן.

מיט צוויי טעג שפּעטער, י״ד אלול, אינדערפרי, ווען מען האָט געזען

אַנקומען נאַצישע סאָלדאַטן מיט מאַשין־געווער, האָט מען שוין פאַרשטאַנען, אַז עס דערנעענטערט זיך דער סוף. האָט דער רבי ר׳ נחום יהושע צונויפ־געבומען אַלע רבנים וואָס זיינען געווען אויפן אָפּגעצוימטן פעלד, צווישן זיי הרב ר׳ חיים משה העכטמאַן, הרב ר׳ אהרן קונדע פון סאַרנע; הרב ר׳ יעקב זאַלצמאַן, פון דאָמבראָוויץ; הרב ר׳ אהרן שמש; הרב ר׳ משה פון בערעזשניץ, הרב ר׳ משה יצחק, פון סעכאָוו; זיין אייגענעם זון, הרב ר׳ יצחק׳ל פון אַנטאָנאָווקע. זיי אַלע האָבן זיך איינגעהילט אין זייערע טליתים און אָנגעטאָן די קיטלען, און דער רבי האָט צוזאַמען מיט זיי און אַלע זעכצן טויזנט יידן געזאָגט הויך אויף אַ קול ווידוי.

אַן עד ראיה, הערשל גרינבערג, פון ראַקיטנע, וועלכער האָט זיך על־פּי נס געראַטעוועט,[3]) האָט דערציילט, וואָס ס׳איז ווייטער געשען:

די נאַציס האָבן געגעבן אַ באַפעל, אַז די יידן זאָלן אַליין אויסגראָבן פיר גרויסע גריבער, זיי האָבן מורא׳דיק געשלאָגן די יידן און באַפוילן, אַז אַלע מוזן אויסטאָן די מלבושים. זיי האָבן אויסגעקליבן עטלעכע יידן זיי זאָלן צונויפנעמען די אָנגעוואָרפענע מלבושים און זיי אַרויפלייגן אויף אַ וואָגן. (הערשל גרינבערג האָט זיך געראַטעוועט אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ וואָגן אונטער אַ באַרג מלבושים. און ביינאַכט, נאָך דער שחיטה, ווען מען האָט צוריקגעפירט די וועגענער אין שטאָט אַריין, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון דעם וואָגן און אַנטלאָפן צו די פּאַרטיזאַנען אין די וועלדער אַריין). הערשל גרינבערג איז צוגעגאַנגען צום רבי׳ן און האָט ביי אים צוגענומען די מלבושים, און די לעצטע ווערטער פון רבי׳ן זיינען גע־ווען: „הערשל, ראַטעווע דיך און געדענק צו בלייבן אַ איד". דער רבי האָט זיך געבעטן ביי הערשלען ער זאָל אים דערלויבן אַריינצוגיין אין גרוב אַריין אין טלית קטן און יאַרמולקע, אַ נאַצי האָט דאָס דערזען, האָט ער אָנ־געהויבן מורא׳דיק צו שלאָגן דעם רבי׳ן און אַ ריטשקע בלוט האָט זיך גע־צויגן פון דעם אָרט וואו דער רבי איז געגאַנגען אין גרוב אַריין . . .

דערנאָך ווען אַלע זעכצן טויזנט יידן זיינען שוין געלעגן אין פיר גרויסע גריבער, האָבן די נאַציס מיט זייערע מאַשין־ביקסן געשאָסן אין די גריבער אַריין, און עס האָבן זיך דערהערט די מורא׳דיקע געשרייען „שמע ישראל" . . .

זעכצן טויזנט יידן זיינען אויף אַזאַ אכזריות׳דיקן אופן אומגעקומען דורך די דייטשן, און צווישן זיי דער ברעזנער־דאָמבראָוויצער רבי ר׳ נחום יהושע, צוזאַמען מיט זיין רביצין הינדע־פּערל, און זייער זון ר׳ יצחק מיט זיין רביצין בת־שבע און דריי קינדערלעך און אַ טאָכטער פריידל און צו־זאַמען מיט זיי אַ גרויסע צאָל רבנים. השם ינקם דמם.

דער שרייבער מענדל מאַן דערציילט וועגן ברעזענער רבינס טאָכטער,

3) ער געפינט זיך איצט אין ישראל.

אַז זי האָט ביים אָפענעם קבר געזאָגט: „ווי די זון קאָן זיך נישט פאַרלעשן, אַזוי וועט אונדזער פאָלק נישט אונטערגיין און איר אומווירדיקע דייטשן וועט פאַר אייערע פאַרברעכנס באַצאָלן!" אַ קויל האָט איר אונטערגעשניטן און די שיינע יידישע טאָכטער איז געפאַלן ווי אַ זאַנג אונטערן שניטערס קאָסע...[4]

∴

דער רבי ר׳ יצחק האָט געהאַט נאָך אַ זון, ר׳ מעכעלע פעטשעניק, וועלכער איז געבליבן רבי אין ברעזענע נאָך זיין פאָטערס פטירה און איז דאָרט אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין מוטער, חיה־שרה, די טאָכטער פון לאַיעווער רבי׳ן, ר׳ מרדכי טווערסקי, מיט זיין פרוי און קינדער און מיט דער גאַנצער פאַמיליע.

ר׳ מעכעלע פעטשעניק האָט הינטער זיך געהאַט אַ שטורמיש לעבן. ער האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה חתונה געהאַט מיט אַ רבי׳שער טאָכטער פון גאַליציע, אַ גרויסע מלומדת, אַ תלמידה פון דעם באַרימטן שרייבער מאַקס בראָד אין פראַג. ר׳ מעכעלע און זיין פרוי זיינען אַוועק קיין ארץ־ישראל אין די אָנהויב צוואַנציקער יאָרן. ער האָט שטודירט און פאַרענדיקט דעם לערער־סעמינאַר פון מזרחי אין ירושלים, דאַן געלערנט אין העברעאישן אוניווערזיטעט. ער איז פלוצלינג קראַנק געוואָרן און געמוזט מיט זיין פאַמיליע, אין יאָר 1929, צוריקפאָרן קיין ברעזענע. ער איז געוואָרן רב און רבי אין קאַרלין, ביי פינסק; און שפעטער זיך צוריקגעקערט קיין ברעזענע, וואו ער האָט פאַרנומען דעם פלאַץ פון זיין פאָטער, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1939, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין דער צייט פון דער פאַרניכטונגס־אַקציע אין ברעזענע, י״ג אלול, תש״ב (1942) זיינען זיי אַלע אומגעקומען על קידוש השם. ר׳ מעכעלע פיטשעניק איז געוועזן אַ נאָענטער חבר און פריינט פון דעם באַרימטן רבי־חלוץ אין ארץ־ישראל, ר׳ ישעיה׳לע שפּיראָ.[5]

4) מענדל מאַן, „דאָס יידישע פאָלק — פאָלק פון העלדן און מאַרטירער", „דער נייער מאָמענט", רעגענבורג, נומ׳ 15, 22־טן נאָוו., 1946, זייט 3.

5) די ידיעות האָט מיר איבערגעגעבן הרב ר׳ אהרן פעטשעניק אין אַ בריוו פון ירושלים.

דעם גערער רבי׳נס ברודער, ר׳ משה בצלאל אומגעקומען אין טרעבלינקע

ער איז געזעסן אין גער און געווען אַ חסיד פון גערער רבי׳ן. — דער גערער רבי האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה אַז נאָך זיין פטירה זאָל ר׳ משה בצלאל ווערן רבי.

גערער חסידות אין פוילן איז געגאַנגען אין זעלבן דרך, וואָס חב״ד׳ער חסידות בנוגע דער „התנשאות״. עס איז נישט צעפּיצלט געוואָרן. בלויז איינער פון דעם רבי׳נ׳ס קינדער איז נאָך דער פטירה פונעם רבי׳ן געוואָרן א מנהיג, די אַנדערע קינדער זיינען געוואָרן רבנים אָדער סוחרים און זיי זיינען אַלע געוואָרן חסידים פון זייער ברודער, וואָס איז געקרוינט געוואָרן פאַרן רבי׳ן.

דערמיט האָט „גער״ אָנגעהאַלטן דאָס גאַנצקייט פון דער רבי׳שער דינאַסטיע. אין קעגנזאַץ פון אַנדערע רבי׳שע דינאַסטיעס, ווי טשערנאָביל, ריזשין, ראָפּשיץ און נאָך אַ סך אַנדערע, וואָס נאָך דער פטירה פונעם גרינדער פון דער דינאַסטיע זיינען אַלע קינדער געוואָרן רביים אין פאַרשידענע שטעט, האָבן געשאַפן אייגענע דינאַסטיעס און די חסידים פון אַלטן רבי׳ן האָבן זיך צעטיילט און האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן צו איינעם פון די קינדער, וואָס איז געוואָרן רבי.

∴

דער גרינדער פון דער גערער דינאַסטיע איז געווען דער רבי ר׳ איטשע־מאיר, דער בעל „חידושי הרי״ם״, אַ שוואָגער פון אַלטן קאָצקער רבי׳ן, ר׳ מענדעלע, וועלכער איז געוואָרן רבי נאָך דער פטירה פון קאָצקער רבי׳ן.

דרייצן קינדער האָט דער גערער רבי געהאַט און אַלע זיינען אים געשטאָרבן ביי זיין לעבן.

און ווען עס איז געשטאָרבן זיין ייִנגסטער זון, ר׳ אברהם מרדכי, האָט די מוטער זייער שטאַרק געוויינט. האָט צו איר געזאָגט איר מאַן, ר׳ איטשע מאיר:

„וואָס וויינסטו, אונדזער צער וועט ווערן אַ נחמה פאַר אַנדערע יידן; ווען עס וועט זיך, חס ושלום, טרעפן אַן אומגליק ביי אַ ייד, וועט ער זיך טרייסטן און זאָגן: ׳פאַרוואָס זאָל איך וויינען, וואָס עס איז ביי מיר געשטאָרבן אַ קינד, ר׳ איטשע מאיר האָט דאָך געהאַט דרייצן קינדער און אַלע זיינען זיי אים געשטאָרבן ביי זיין לעבן׳ ״...

זיבן יאָר איז ר׳ איטשע מאיר געווען רבי אין גער און נאָך זיין פּטירה איז זיין אייניקל, ר׳ יהודה־לייב, דער זון פון ר׳ אברהם מרדכי, געוואָרן רבי.

דער גערער רבי ר׳ יהודה־לייב איז געווען באַרימט אין דער חסידישער וועלט לויטן נאָמען פון זיין ספר, דער בעל „שפת אמת״, פּונקט אַזוי ווי זיין זיידע, דער ערשטער גערער רבי, איז אָנגערופן געוואָרן אויפן נאָמען פון זיין ספר, דער בעל „חידושי הרי״ם״.

ר׳ יהודה לייב איז געוואָרן רבי ערשט פיר יאָר שפּעטער נאָך דעם ווי זיין זיידע דער „חידושי הרי״ם״ איז נסתלק געוואָרן. אין דער צווישן־צייט האָט דער אַלעקסאַנדערער רבי, ר׳ חנוך העניך הכהן איבערגענומען די גע־רער חסידים.



דער פריערדיקער גערער רבי, ר׳ אברהם־מרדכי אַלטער

דער ערשטער גערער רבי, ר׳ איטשע מאיר, דער בעל „חידושי הרי״ם״, איז נסתלק געוואָרן כ״ג אדר, תרכ״ו (1866), און מיט פיר יאָר שפּעטער איז נפטר געוואָרן דער אַלעקסאַנדערער רבי, ר׳ חנוך העניך הכהן (י״ח אדר, תר״ל—1870). ערשט דערנאָך איז ר׳ יהודה־לייב געקרוינט געוואָרן פאַר דעם רבי׳ן פון די גערער חסידים, ווען ער איז אינגאַנצן אַלט געווען 22 יאָר.

דאָס גערער חסידות האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אַ סך שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. דאָס שטעטעלע גער איז געוואָרן אַ שם־דבר אין פּוילן און דער „שפת אמת״ האָט צוגעצויגן אַ סך רבנים און לומדים.

זעקס קינדער האָט דער „שפת אמת״ געהאַט. זיין עלטסטער זון, ר׳ אברהם מרדכי, איז געוואָרן נאָך דער פּטירה פון זיין פאָטער דער ממלא מקום אין גער. זיין צווייטער זון האָט געהייסן ר׳ משה בצלאל. זיין דריטער זון ר׳ נחמיה, איז געווען רב אין לאָדזש. זיין פערטער זון, ר׳ מנחם מענדל פון פּאַביאַנעץ איז דערנאָך געוואָרן רב אין קאַליש. זיינע צוויי איידעמס זיינען געווען: ר׳ יעקב מאיר בידערמאַן, איינער פון די גדולים פון די וואַרשעווער רבנים, און דער צווייטער איידעם, ר׳ חנוך הערש הכהן, אַן אייניקל פון אַלעקסאַנדערער רבי׳ן, איז געווען רב אין בענדין.

דער צווייטער זון פון „שפת אמת״, ר׳ משה בצלאל, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרכ״א (1861). ער איז אַלט געווען פינף און דרייסיק יאָר ווען זיין פאָטער, דער „שפת אמת״, איז נפטר געוואָרן. און ווען זיין עלטסטער ברודער, ר׳ אברהם מרדכי, איז געוואָרן רבי אין גער, איז ער נישט אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט צו ווערן רב, אַזוי ווי זיינע ייִנגערע צוויי ברידער און שוואָגערס, נאָר ער איז געבליבן וואוינען אין גער און דאָרט געזעסן און געלערנט.

זיין התנהגות איז געווען אַזוי:

צוויי אַזייגער פאַרטאָג האָט ער זיך אויפגעהויבן און האָט געלערנט ביז אינדערפרי, ווען ער האָט זיך געשטעלט דאַווענען. נאָכן דאַווענען האָט ער שנעל אָפּגעגעסן פרישטיק און דערנאָך האָט ער זיך פאַרבונדן די אויגן מיט אַ פאַטשיילע און האָט געכאַפּט אַ דרימל, וואָס האָט געדויערט אינגאַנצן אַ פינף־צען מינוט.

נאָכן קורצן דרימל האָט ער זיך ווידער אַוועקגעזעצט לערנען און געלערנט זיינע פאַרשידענע שיעורים ביז מיטיק־צייט. נאָכן מיטיק האָט ער זיך נאָך אַמאָל פאַרבונדן די אויגן מיט דער פאַטשיילע און געשלאָפן אַ צען מינוט און דערנאָך האָט ער געלערנט ביז חצות. ער איז דאַן געשלאָפן אַ צוויי שעה און צוויי אַזייגער פאַרטאָג האָט ער אויפסניי אָנגעהויבן לערנען זיינע שיעורים.

זעקס און דרייסיק יאָר איז ר׳ משה בצלאל אַלט געווען ווען דער אַלטער גערער רבי, זיין פאָטער דער „שפת אמת״, איז נפטר געוואָרן און פינף און דרייסיק יאָר איז ער געווען ביי זיין ברודער, דעם פריערדיקן גערער רבי׳ן.

ר׳ משה בצלאל איז געזעסן אין גער און האָט טאָג און נאַכט געלערנט. ער האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ גרויסן מתמיד. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גאון, אַ חוץ די ספרים וואָס זיינען געווען אין גערער בית המדרש האָט ער זיך אויך באַנוצט מיט דער גרויסער ביבליאָטעק וואָס דער גערער רבי האָט געהאַט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גרויסער צאָל יקרי־מציאות, כתב־יד׳ן און אַלטע דרוקן.

ר׳ משה־בצלאל׳ן האָט מען געהאַלטן פאַר אַ שאַרפן קאָפּ, פאַר אַן עומד

בדעתו, לויטן קאָצקער דרך, ווי עס האָט געזאָגט דער קאָצקער רבי, בעת ער האָט אָנגעהויבן צו פירן זיין רביסטווע אין טאָמאַשאָוו: אַז „דאָס האַרץ זאָל ציבראָכין (צעבראָכן) ווערן,ביידע פלייצעס זאָלין (זאָלן) צעפעכניקט ווערן, הימל און ערד זאָלן ציריבן (צעריבן) ווערן אין (און) פין (פון) זייניקע נישט אַוועקצוגיין״.[1]

דער דרך פון ר׳ משה בצלאל איז אויך געווען אַזוי ווי דער אַלטער גערער רבי האָט געטייטשט דעם מאמר חז״ל „איז געקומען חבקוק און ער האָט געשטעלט די אמונה אויף איין זאַך: „צדיק באמונתו יחיה״, האָט דער אַלטער רבי געזאָגט: אמונה איז דער טייטש „צוגעצויגן״ פונעם לשון „ויהי אומן את הדסה״ מען מוז זיין אַזוי פעסט צוגעצויגן צו דער קדושה, אַז עס זאָל נישט בלייבן אין האַרץ קיין איין האָר קנאה, קיין איין האָר כבוד״.

ר׳ משה בצלאל האָט זיך נוהג געווען ווי אַ חסיד צו זיין ברודער. די איינציקע כבודים, וואָס ער האָט געקראָגן אין גער זיינען געווען: ער איז געווען דער בעל־תקיעה ביים רבי׳ן ראש־השנה און ער איז געזעסן דער ערשטער ביים רבי׳נס טיש.

דער גערער רבי ר׳ אברהם מרדכי אַלטער האָט אין זיין צוואה געשריבן, אַז ער וויל אַז נאָך זיין פטירה זאָל זיין ברודער ר׳ משה־בצלאל ווערן דער מנהיג הרוחני פון די גערער חסידים.

די צוואה איז געשריבן געוואָרן ז׳ טבת, תרצ״ו (1936) אין ירושלים.

אָט איז דער נוסח פון דער צוואה.[2]

„והנה העדה צריכה מנהיג — נגמר ונמנה אצלי להשאיר ההנהגה ביד אחי ר׳ משה בצלאל שליט״א, הוא קשור אצלי בלבי ורוחי ונשמתי. הוא ימשיך את לבכם לאבינו שבשמים . . . וימשיך חסד וברכה והצלחה מן השמים לטוב לכם כל הימים״ . . .

אין יידיש: „אַזוי ווי די עדה דאַרף האָבן אַ מנהיג, איז ביי מיר נגמר געוואָרן איבערצולאָזן די הנהגה אין די הענט פון מיין ברודער ר׳ משה בצלאל שליט״א, וואָס איז צוגעבונדן צו מיין האַרץ, צו מיין גייסט און נשמה, ער זאָל אייך מדריך זיין און צוציען אייערע הערצער צו אונדזער פאָטער אין הימל . . . און ער זאָל אַראָפּציען חסד און ברכה און הצלחה פון הימל, ס׳זאָל אייך גוט זיין אייער גאַנץ לעבן״.

צווישן די כתבים, וואָס זיינען פאַרבליבן פון גערער רבי׳ן אין ירושלים,

1) ציטירט פון אַ בריוו, וואָס ר׳ יעקב־יצחק פון וואָלאַצלאַוועק, איינער פון די קאָצקער חסידים, האָט געשריבן אין זיין קוויטל ווען ער איז צום ערשטן מאָל געקומען צום פריערדיקן גערער רבי׳ן אין יאָר תרס״ה (1905), נאָכדעם ווי דער „שפת אמת״ איז נפטר געוואָרן.

2) געדרוקט אין ספר „הרבי זצ״ל מגור״, הוצאת „שערים״, תל־אביב, תש״י (1949), זייט 82.

איז אויך פאַראַן אַ קוויטל, וואָס ר׳ משה בצלאל האָט געגעבן דעם גערער רבי׳ן, וואָס איז פול מיט ענוות.

∴

ווען די דייטשן האָבן באַלד אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַריינגעדרונגען קיין פוילן, איז דער גערער רבי אַוועק פון גער קיין וואַרשע. מיט אים איז אויך מיטגעפאָרן זיין ברודער, ר׳ משה בצלאל.

די דייטשע קאַנאָנען האָבן באַשאָסן וואַרשע. אַ קויל איז אַריין אין הויז אויף דער וואַליצאוו גאַס נומער 10, וואו דער גערער רבי האָט געוואוינט,



ר׳ משה־בצלאל־אַלטער, אַ זון פון בעל „שפת אמת״, הי״ד

און האָט גע׳הרג׳עט ר׳ משה בצלאל׳ס עלטסטן זון, ר׳ איטשע מאיר, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון גערער רבי׳ן, און אויך דעם גערער רבינ׳ס משמש, ר׳ בונם לייבל, איז גע׳הרג׳עט געוואָרן.[3]

דאָס איז געווען צוויי טעג נאָך יום־כיפור (1939). ס׳איז דעמאָלט גע־

3) אויך דעם גערער רבי׳נס אַנדערע ברידער און שוואָגער זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם צוזאַמען מיטן פוילישן יידנטום.

דעם רבי׳נס ברודער ר׳ נחמיה׳לע, רב אין לאָדזש, איז אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפחה, הי״ד.

דעם גערער רבי׳נס שוואָגער ר׳ יעקב מאיר בידערמאַן, מיט זיין רבי׳צין, אסתר, מיט זיין איידעם און שנור זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן, הי״ד.

אין וואַרשע איז אויך אומגעקומען דעם גערער רבי׳נס עלטסטער זון, ר׳ מאיר מיט זיינע צוויי זין און טאָכטער, הי״ד.

ווען אַ גרויס געפּאַר אַרויסצוגיין אויף דער גאַס, האָט מען די צוויי הרוגים נישט געקאָנט קובר זיין אויפן יידישן בית־הקברות, נאָר מ׳האָט אויסגע־גראָבן אַ קבר אין הויף פון הויז אויף דער וואָליצאַוו גאַס נומער 10, וואו דער גערער רבי האָט געוואוינט, און דאָרט זיי קובר געווען.

ר׳ משה בצלאל איז געשטאַנען ביים קבר פון זיין זון פאַר׳אַבל׳ט, ער האָט געזאָגט קדיש און ער האָט נישט מתרעם געווען כלפּי מעלה...

סוכות זיינען די דייטשן שוין געווען אין וואַרשע און עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ גיהנום־לעבן פאַר די יידן...

גערער חסידים אין וואַרשעווער געטאָ האָבן זיך משתדל געווען אים אויסצובאַהאַלטן, אָבער ער האָט ניט געוואָלט, אַז מען זאָל אים אויסטיילן פון די אַנדערע יידן. ער האָט געוואָלט זיין מיט אַלע יידן צוזאַמען.

אויך ר׳ משה בצלאל, אַזוי ווי זיין ברודער, דער פריערדיקער גערער רבי, האָט שטאַרק ליב געהאַט ארץ־ישראל. ער האָט משתוקק געווען צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און ער האָט טאַקע געהאָפט, אַז די מלחמה וועט זיך וואָס שנעלער פאַרענדיקן און ער וועט זוכה זיין עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל צו לעבן ווייטער צוזאַמען מיט זיין ברודער, דער גערער רבי׳ן.

חסידים האָבן זיך משתדל געווען, אַז דער גערער רבי זאָל אַרויספאָרן פון פּוילן, מען האָט געקאָנט אויך מיטנעמען ר׳ משה בצלאל׳ן, אָבער ער האָט נישט געוואָלט זיך אָפּרייסן פון די פּוילישע יידן. דעם גערער רבי׳ן, דעם ראש, דעם מנהיג פון צענדליקער טויזנטער חסידים, האָט מען גע־מוזט ראַטעווען. די חסידים האָבן געזאָגט, אַז מען טאָר דעם רבי׳ן נישט איבערלאָזן אין פּוילן אונטער די נאַציס, אָבער ר׳ משה בצלאל איז געבליבן אין וואַרשע.

ער איז דערנאָך אַריין צוזאַמען מיט אַלע יידן אין וואַרשעווער געטאָ.

ר׳ משה בצלאל האָט מורא׳דיק געליטן אין וואַרשעווער געטאָ. זיין אייני־קע טרייסט און נחמה איז געווען ווען ער האָט זיך דערוואוסט, דורך גע־היימע וועגן, אַז דער פריערדיקער גערער רבי, זיין ברודער, איז בשלום אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל.

אין תשעה באב, תש״ב (1942), האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַרויסשיקן די וואַרשעווער יידן אין די גאַז־קאַמערן, קיין טרעבלינקע און אוישוויץ, זיי צו פאַרברענען.

בלויז די יידן, וואָס זיינען נאָך געווען אַרבעטס־פעאיק, האָט מען געקאָנט אויס׳פּועל׳ן ביי די נאַצישע חיות, זיי צו לאָזן לעבן.

האָבן חסידים זיך משתדל געווען צו לאָזן לעבן אויך ר׳ משה בצלאל׳ן, און זיי האָבן אויסגע׳פּועל׳ט, אַז ער זאָל אַרבעטן אין דער שיך פאַבריק „שולץ״, וואָס האָט זיך געפונען אין וואַרשעווער געטאָ.

די יידישע אָנפירער פון דער שולץ־פאַבריק האָבן געוואוסט ווער ר׳ משה בצלאל איז, האָבן זיי אים בעסער באַהאַנדלט אין דער פאַבריק.

ר' משה בצלאל האָט נישט געדאַרפט אַרבעטן, מאַכן שיך פאַר די נאַצישע מערדער, ער איז געזעסן און געלערנט און ווען די אָנפירער פון דער פאַבריק האָבן געוואוסט, אַז עס דאַרפן אָנקומען די דייטשע אינספּעקציעס, האָבן זיי אָנגעזוצט ר' משה בצלאל'ן אויף דעם שוסטער בענקל, ער האָט מכלומרשט געהאַקט אַ טשוועקל אין אַ זויל פון אַ שוך און ווי נאָר די דייטשן זיינען אַרויס פון דער פאַבריק, איז ר' משה בצלאל צוריק אַוועק אין זיין ווינקעלע און האָט געלערנט.

אָבער די דייטשן האָבן געלאָזט לעבן די דאָזיקע יידן בלויז פאַר אַ שטיקל צייט, זייער פּלאַן איז שוין געווען אויסגעאַרבעט פון פריער, צו פאַרלענדן אַלע יידן, צוערשט אַרויסצוציען דאָס חיות פון די יונגע יידן, זיי זאָלן אַרבעטן פאַר דער דייטשער מלחמה אינדוסטריע און דערנאָך זאָל מען זיי שיקן אין די גאַז־אויוונס אַריין.

איינמאָל ווען דער גאון ר' משה בצלאל איז געזעסן און געלערנט, זיינען פּלוצים נאַצישע מערדער באַפאַלן די פאַבריק. זיי האָבן אים געכאַפּט צוזאַמען מיט נאָך אַ צאָל יידן און זיי אַלע פאַרשיקט קיין טרעבלינקע.

די גערער חסידים האָבן זיך ממש מוסר נפש געווען און האָבן אַרויסגעראַטעוועט ר' משה בצלאל פון די גאַז־אויוונס, און ר' משה בצלאל איז צוריק געבראַכט געוואָרן אין אַ טויטן־וואַגן קיין וואַרשע.

ר' משה בצלאל איז דערנאָך אַריין אין קליינעם געטאָ אין וואַרשע.

עס זיינען שוין דעמאָלט געווען בלויז אַ פערציק־פופציק טויזנט יידן אין וואַרשע, אַלע זיינען אַרומגעגאַנגען שטאַרק פאַר'יאוש'ט, אָבער ר' משה בצלאל האָט זיי געטרייסט.

חסידים זיינען געקומען פרעגן שאלות וועגן דברים העומדים ברומו של עולם, זיי האָבן זיך געוואָלט דערגרונטעווען וואָס ס'קומט פאַר מיט די יידן, פאַרוואָס עס איז פאַראַן אַזאַ הסתרת פּנים פון דעם רבונו של עולם און ער דערלאָזט, אַז יידן זאָלן געשאָכטן ווערן נאָך ערגער ווי בהמות און חיות.

יידן האָבן געוואָלט וויסן, צי מען מעג באַגיין זעלבסטמאָרד, כדי נישט אַריינצופאַלן אין די נאַצישע הענט. עס זיינען געווען שאלות, צי מען מעג זיך אָקעגנשטעלן די נאַצים ווען מען ווייסט, אַז ווען מען וועט הרג'ענען אין נאַצי, וועלן דערנאָך די נאַצים נעמען נקמה אין צענדליקער יידן.

נאָך און נאָך אַזעלכע שאלות האָט מען געפרעגט דעם גאון ר' משה בצלאל און ער האָט זיי געטרייסט און האָט זיי אַריינגעגעבן התחזקות ביז ר' משה בצלאל איז נאָכאַמאָל געכאַפּט געוואָרן אין יאָר תש"ג (1943) פון די נאַצישע רוצחים און ער איז געפירט געוואָרן צו דער שחיטה צוזאַמען מיט אַ גרויסער עדה יידן קיין טרעבלינקע.

דער קדוש ר' משה בצלאל איז געבראַכט געוואָרן אויף דער עקידה אין עלטער פון 74 יאָר, הי"ד.

גראָדזשיסקער רבי ר׳ אליעזר האָראָוויץ איז אומגעקומען מיטן געשריי ״שמע ישראל״

דער גראָדזשיסקער רבי ר׳ אליעזר האָראָוויץ איז געווען דער זון פון פּלאַנטשער רבי׳ן, ר׳ אברהם־חיים האָראָוויץ. — ער האָט געוואוינט אין טאַרנע. — די דייטשן נעמען אים אַרויס פון אַ בונקער און דערשיסן אים אין הויף. — זיין געשריי „שמע ישראל״ האָט אָפּגעהילכט אין אַלע הייזער אַרום.

דער גראָדזשיסקער רבי ר׳ אליעזר האָראָוויץ, וואָס האָט געוואוינט אין טאַרנע, איז געווען פון די ערשטע רביים אין שטאָט, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

זיין געשריי „שמע ישראל״ איידער די דייטשן האָבן אים דערשאָסן האָט געמאַכט אויפציטערן די גאַנצע יידישע געגנט.

דער גראָדזשיסקער רבי, ר׳ אליעזר האָראָוויץ, הי״ד

דער גראָדזשיסקער רבי ר׳ אליעזר האָראָוויץ, איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ אברהם חיים האָראָוויץ פון פּלאַנטש, וואָס האָט געוואוינט אין ראַדאָמישל (מערב־גאַליציע) און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אין ריישע.

ר׳ אליעזר איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרמ״א (1881). ער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ מאיר־יהודה שפּירא פון בוקאָווסק.

דער פלאַנטשער רבי ר׳ אברהם־חיים איז געווען אַ זון פון ראָזוואַדאָווער רבי׳ן ר׳ משה האָראָוויץ, זצ״ל. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תר״י (1850). ער האָט נאָך געקענט זיין זיידן דעם רבי׳ן ר׳ אליעזר פון דזשיקעוו, וועלכער איז געווען אַ זון פון ראָפּשיצער רבי׳ן ר׳ נפתלי־צבי האָראָוויץ, אָבער ער האָט נישט געקאָנט זיין זיידן פון דער מוטערס צד, דעם סיגעטער רבי׳ן ר׳ יקותיאל־יהודה טייטלבוים פון סיגעט, דעם בעל „ייטב לב״, כאָטש ער האָט כסדר גערעדט פון אים.

דער פלאַנטשער רבי, ר׳ אברהם־חיים האָראָוויץ

דער פלאַנטשער רבי ר׳ אברהם־חיים איז געווען אַן איידעם פון ר׳ בצלאל פילזנער, אַ ייד אַ גביר. ער האָט חתונה געהאַט צו דרייצן יאָר. ער האָט געגעסן קעסט אין ראָזוואַדאָוו ווי לאַנג זיין פאָטער, דער ראָזוואַדאָווער רבי ר׳ משה זצ״ל האָט געלעבט. דער ראָזוואַדאָווער רבי ר׳ משה זצ״ל איז נפטר געוואָרן י׳ סיוון תרנ״ד (1894) און ר׳ אברהם־חיים איז געוואָרן רב און רבי אין פלאַנטש, קאָנגרעס פוילן. ער האָט זיך דערנאָך באַזעצט אין ראַדאָמישל. ער איז געווען אַ גדול בתורה, און ער האָט צוזאַמען געלערנט אַ שיעור מיט זיין שוואָגער דעם זשאַבנער רבי׳ן ר׳ שלום־דוד אונגער זצ״ל, בעת ער האָט געגעסן קעסט ביים ראָזוואַדאָווער רבי׳ן.

דער פלאַנטשער רבי איז געווען אַן איש תמים און פול מיט האַרץ. ער האָט געהאַט אַ מתיקות׳דיק קול, און פרייטיק צונאַכטס ביים טיש פלעגט

ער אַליין זינגען זמירות. זיין זינגען „מה ידידות" און בפרט „מעיין עולם הבא", פלעגט אַרויסרופן גרויס התעוררות ביי די חסידים.

פרייטיק צונאַכטס ביים טיש, פאַרן זאָגן תורה, פלעגט ער ברומען אין דער שטיל אַ ניגונ׳דל. זיין פּנים פלעגט אָנגעצונדן ווערן און ווען ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן תורה, פלעגט ער זיך פאַרהאַקן אין די ווערטער, אַזוי אַז ס׳איז שווער געווען צו פאַרשטיין די תורה. ס׳איז אָבער געווען אַ געטרייער חסיד ר׳ חיים פעפער, וואָס האָט געקאָנט אויפכאַפּן די קלאַנגען און די האַלבע ווערטער פון פּלאַנטשער רבי׳ן און ער האָט די תורה דער־נאָך איבערגע׳חזר׳ט פאַר די חסידים.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער פּלאַנטשער רבי געפּליכ־טעט מיט זיין בני־בית קיין בודאַפּעסט, אונגאַרן, און נאָך דער מלחמה האָט ער זיך באַזעצט אין ריישע און דאָרט אויפגעשטעלט זיין רבישן הויף.

דער פּלאַנטשער רבי איז נפטר געוואָרן ערב ראש חודש חשון, תרע"ט (1919).

דער פּלאַנטשער רבי האָט געהאַט דריי זין: ר׳ דוד, פּשעצלעווער רב, וועלכער איז געווען דערנאָך רבי אין ריישע (ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם), ר׳ שלמה, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ יחיאל, קאָפּשעוויניצער רבי׳ן (ער איז נפטר געוואָרן יונג) און ר׳ אליעזר, וועלכער איז געווען רב און רבי אין גראָדזשיסק און האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואוינט אין טאָרנע, אויך האָט ער געהאַט דריי טעכטער. איין איידעם איז געווען דער סאַטמאַרער רבי ר׳ יואליש טייטיילבוים (זיין ווייב מיט די קינדער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן).

דער גראָדזשיסקער רבי ר׳ אליעזר האָט חתונה געהאַט, ווען ער איז אַלט געווען זעכצן יאָר. ער האָט געגעסן קעסט ביי זיין שווער, דעם בו־קאָווסקער רבי׳ן.

אין יאָר תרס"ט (1909), ווען דער בוקאָווסקער רבי איז נפטר געוואָרן, איז ר׳ אליעזר געוואָרן רב אין גראָדזשיסק, אַ שטעטל אין מערב־גאַליציע, נעבן טאָרנע (טאַרנאָוו).

דער גראָדזשיסקער רבי ר׳ אליעזר האָט אין טאָרנע געוואוינט אויף דער גראַבאָווסקאַ גאַס, אַביסל ווייט פון צענטער פון שטאָט און דאָרט האָט ער געפירט רביסטווע.

דער גראָדזשיסקער רבי האָט געהאַט צוויי זין און דריי טעכטער: ר׳ משה, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון ר׳ יוסף האָראָוויץ פון קראָקע (ער איז יונגערהייט נפטר געוואָרן), ר׳ דוד, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון ר׳ מרדכי־זאב האַלבערשטאַם, רב אין גריבאָוו, די טאָכטער הענע, וועלכע איז געווען דאָס ווייב פון ר׳ משה טייטלבוים פון קראָקע, די טאָכטער

אַלטע־חיה, וועלכע איז געווען די רביצין פון ראַזוואַדאָווער רב און רבי׳ן ר׳ משה׳לע האָראָוויץ (זיי זיינען מיט זייער בני בית אומגעקומען אויף קידוש־השם), און די טאָכטער רבקה, וועלכע איז געווען די פרוי פון הרב ר׳ דוב־בער פערשטמאַן, דער רעדאַקטאָר פון „דאָס אידישע וואָרט" אין זאַמאָשטש־וואַרשע.

⁂

ווען די דייטשן זיינען אַריין קיין טאַרנע, האָבן זיי אַרויסגעגעבן גזירות אויף יידן, איינע שווערער פון דער צווייטער, כדי צו פאַרביטערן דאָס לעבן פון די יידן.

אין יענער שרעקלעכער צייט האָבן די דייטשן געזוכט אומצובּרענגען די גייסטיקע מנהיגים פון די יידן — די רביים — דערנאָך וועט שוין פאַר זיי זיין לייכטער צו שיקן אַלע יידן פון טאַרנע אין די גאַז־קאַמערן אין אוישוויץ.

האָבן די רביים געזוכט וואו זיך צו באַהאַלטן.

דער גראַדזשיסקער רבי איז געלעגן באַהאַלטן אין אַ בונקער אויף דער לעמבערגער גאַס נומער 10, וואו ס׳האָט געוואוינט זיין געשוועסטער־קינד דער זשאַבנער רבי ר׳ אלעזר אונגער, הי״ד.

„די דייטשן האָבן זיך אַריינגעריסן אין הויף און האָבן אַנטדעקט דעם בונקער. זיי האָבן אַריינגעוואָרפן אַ גאַז־באָמבע אין דעם בונקער און דער גראַדזשיסקער רבי האָט געמוזט אַרויסגיין פון בונקער".

לויט ווי עס גיט איבער אין אַ בריוו מרדכי עבערשטאַרק, איינער פון די שארית־הפליטה פון טאַרנע, וועלכער וואוינט איצט אין אַנטווערפּן, בעלגיע, איז דאָס געווען אין ראש־השנה, אָבער ער מאַכט אַ טעות אין דער דאַטע. דאָס איז געווען י׳ כסלו תש״ג (1942).

„דער גראַדזשיסקער רבי איז אַרויס פון בונקער. ער האָט געהאַט זיין באָרד און פּיאות. כאָטש די דייטשן האָבן געהאַט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז אַלע יידן מוזן זיך אָפּשערן די באָרד און פּיאות.

„די דייטשן האָבן דעם גראַדזשיסקער רבי׳ן צוגעשטעלט צו דער וואַנט און האָבן אים געזאָגט אַז אין צען מינוט ווערט ער דערשאָסן, אויב ער האָט עפּעס אַ וואונטש זאָל ער עס זאָגן.

„דער גראַדזשיסקער רבי האָט געבעטן מען זאָל אים ברענגען דאָס כאַלאַטל, וואָס ער האָט בירושה פון זיין פאָטער, דעם פּלאָנטשער רבי׳ן און זיין טלית. דער גראַדזשיסקער רבי האָט אָנגעטאָן זיין פאָטערס כאַלאַטל און דעם טלית, און ווען ער האָט דערזען אַז די דייטשן צילן אויף אים מיט די רעוואָלווערן, האָט ער אַ געשריי געטאָן „שמע ישראל", וואָס

ס׳האָט אָפּגעהילכט אין אַלע אַרומיקע הייזער און אין אַלע בונקערס, וואו יידן זיינען געווען באַהאַלטן.

„אין דעם טאָג האָבן די דייטשן דערשאָסן 3,500 יידן, אין די שטובן, אויף די הייף און אויף די שטיגן.

„ביים איבערפירן די מתים אויפן בית־החיים, האָט איין חסיד גענומען דעם הייליקן גוף פון קדוש, דעם גראָדזשיסקער רבי׳ן און האָט אים געבראַכט צו קבר ישראל.

„אָט מיטן התלהבות׳דיקן געשריי „שמע ישראל״ איז דער גראָדזשיסקער רבי אומגעקומען אויף קידוש־השם, הי״ד״.

גראַדזשיסקער רבי מיט זיינע חסידים גייען צום טויט מיטן געזאַנג „אני מאמין"

דער גראַדזשיסקער רבי ר׳ ישראל שפּירא. — ער האָט געשטאַמט פון דער קאָזשעניצער־מאָגעלניצער גזע. — זיין דרך אין חסידות. — ער איז אומגעבראַכט געוואָרן אין טרעבלינקע.

יידן האָבן אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד קעגן די דייטשע מערדער אויף פאַרשידענע אופנים. זיי זיינען געווען פאַרטיזאַנער, זיי האָבן געקעמפט אין די געטאָס, און די מערסטע יידן, וואָס זיינען פאַרנאַרט געוואָרן אין די טויטן־לאַגערן אַריין, האָבן נישט פאַרלוירן זייער מענטשלעכע ווירדע און דעם צלם אלוקים. זיי האָבן געהאַט בטחון ביז צו דער לעצטער רגע.

דער גראַדזשיסקער רבי, ר׳ ישראל שפּיראָ, הי״ד

אַ גרויסע עדה יידן זיינען קיין טרעבלינקע געבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיטן גראַדזשיסקער רבי׳ן, ר׳ ישראל שפּירא, און דער רבי האָט פאַר די טויערן פון די גאַז־קאַמערן אין טרעבלינקע פאַר זיי געהאַלטן אַ דרשה און מיט זיי געזונגען „אני מאמין", וואָס איז איצט געוואָרן פאַר די יידן אין דער וועלט דער אָנדענק־הימן פון אונדזער דריטן חורבן.

∴

דער גראָדזשיסקער רבי ר׳ ישראל שפּירא, האָט געשטאַמט פון קאָזשעניצער מגיד, און פון „שרף״ פון מאָגעלניצע.

דער סדר היוחסין גייט אַזוי:

דער קאָזשעניצער מגיד, ר׳ ישראל (האָפּשטיין), האָט געהאַט אַן איינציקע טאָכטער, פּערעלע. זי האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ גרויסער צדיקת. איר מאַן איז געווען דער גריצער רב, ר׳ עזרא זעליק. אַ חסידישע מסורה איז פאַראַן, אַז אַזוי ווי עס האָט זיך איר נישט געפירט מיט קינדער (זיי זיינען אַלע יונגערהייט געשטאָרבן), האָט דער קאָזשעניצער מגיד פאַר אַ סגולה איר געלאָזט מאַכן אַ פּריצישן סאַק־פּאַלטאָ, מיט צוועלף פּריצישע קנעפּ, צו זעקס אין דער ריי, אַזוי ווי עס איז דעמאָלט געווען די מאָדע ביי די פּריצי־טעס, און דאָס האָט געהאָלפן.

דער קאָזשעניצער מגיד האָט אויך מיטגענומען זיין טאָכטער פּערעלע צום רבי׳ן ר׳ אלימלך פון ליזשענסק און דער רבי ר׳ אלימלך האָט מרמז געווען, אַז זי וועט ברענגען אַ גרויס ליכט אויף דער וועלט . . . [1]

און נאָך דער פּטירה פון רבי׳ן אלימלך פון ליזשענסק, האָט פּערעלע געהאַט אַ קינד און מען האָט אים נאָמען געגעבן חיים מאיר יחיאל, וואָס איז דערנאָך אָנגערופן געוואָרן אין דער חסידישער וועלט: דער „שרף״ . . .

פון געבורט אָן האָט דער קאָזשעניצער מגיד געהאַלטן ביי זיך אין שטוב דאָס אייניקל, זיך מיט אים געצאַצקעט און אים מדריך געווען אין יידישקייט. און ווען ר׳ חיים מאיר איז אויסגעוואָקסן, האָט זיך דער קאָזשעניצער משדך געווען מיטן רבי׳ן ר׳ אלימלך ליזשענסקערס אַן אייניקל, מיט דער טאָכטער פון כמעלניקער רב, ר׳ אליעזר.

שוין אַלס יינגל איז דער „שרף״ געפאָרן צום „חוזה״ פון לובלין, צום „אוהב ישראל״ — ר׳ אברהם יהושע העשל פון אַפּט, און שוין דעמאָלט האָט מען געזאָגט, אַז ער וועט זיין אַ מנהיג ביי יידן.

זיין מוטער פּערעלע האָט זיך אַליין געפירט מעשה רבי, זי האָט גע־טראָגן אַ טלית קטן אונטער אַ לאַנגער זיידענער שובע, און מיט אַ זיידענעם גאַרטל פאַרבונדן, זיך גע׳טובל׳ט יעדן טאָג פאַרן דאַווענען, געפאַסט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, געדאַווענט איינגעהילט אין אַ גרויסן טלית און גע־לייגט תפילין און איר געוויין ביים דאַווענען איז געגאַנגען עד לב השמים.[2]

דער קאָזשעניצער מגיד האָט פון איר שטאַרק געהאַלטן און פלעגט הייסן זיינע חסידים זיי זאָלן זיך ביי איר מזכיר זיין און איבערלאָזן פדיונות.

אַזוי ווי איר פאָטער, דער קאָזשעניצער מגיד, איז זי אויך געווען שטאַרק אָנגעזען ביי די פּוילישע פּריצים און זיי פלעגן איר שיקן אויף יום־טוב כיבודים און מתנות.

1) זע משה פיינקינד: „גוטע יידן אין פוילן״, זייטן 251־252.
2) דאָרט: זייט 252.

איר מאַן, דער גריצער רב, איז קיין רבי נישט געווען, אָבער זייער זון, דער „שרף" איז געוואָרן אַ גרויסער רבי אין מאָגעלניצע.

צום „שרף" זיינען געפאָרן די באַרימטע רביים: ר' אלעזר פון קאָזשעניץ, ר' עמנואל פשעדבאָרזשער, ר' ישראל יצחק ראַדאָשיצער, דער „תפארת שלמה" פון ראַדאָמסק, ר' בעריש וואָלבזשער, ר' סיני ראַדאָמער, און אַנדערע רביים.

דער „שרף" האָט אויך געהאַט אַ גרויסן עולם חסידים, און זיין דרך אין חסידות איז געווען שמחה.

דער „שרף" האָט געהאַט אַ מנהג פורים צו מאַכן אַ „פידקע". דאָס איז געווען אַזאַ מין פורים־שפּיל, וואָס דער רבי אַליין האָט געשפּילט. דער שפּיל איז געגאַנגען אַזוי:

דער „שרף" האָט פון אַן אַרבל פון זיינער אַ בעקעשע געמאַכט אַ מיצל מיט אַ הויכן שפּיץ, ער האָט עס פורים אין דער פרי אָנגעטאָן אויפן קאָפּ, און עס האָט אים דערגרייכט איבער די אויגן.

דער רבי האָט זיך געשטעלט אין מיטן בית־המדרש, דאָרט וואו עס שטייט דער באַלעמער. די חסידים זיינען געשטאַנען אַרום, זיי האָבן געמאַכט אַן עיגול און געזונגען און געטאַנצט אַרום דעם רבי'ן.

אינמיטן טאַנצן האָט דער „שרף" אַראָפּגעכאַפּט דעם „שפּיצהוט" פון קאָפּ און אים אַ וואָרף געטאָן צווישן עולם, און ווער עס האָט די זכיה געהאַט אַז דאָס מיצל איז צו אים געפאַלן, דער איז געווען בטוח, אַז ער וועט געהאָלפן ווערן.

דעם דאָזיקן שפּיל האָט דער „שרף" אָנגערופן „פידקע",[3] און די חסידים וואָס האָבן זיך געוואָלט באַטייליקן אין „פידקע שפּיל" האָבן געמוזט אַריינוואַרפן אין קאָן אַ בלאַנקן דרייער.

ביים וואַרפן דאָס מיצל פלעגט דער „שרף" שרייען אויפן גאַנצן קול:

„יידן בעט, אַז די „פידקע" זאָל היינט געראָטן!" . . .

דאָס געלט וואָס די חסידים האָבן אַריינגעוואָרפן איז געגאַנגען פאַר דער פורים סעודה . . . און פאַר צדקת רבי מאיר בעל הנס, פון וועלכן דער „שרף" איז געווען דער נשיא צוזאַמען מיטן רבי'ן ר' יצחק פון וואורקע.

∴

פון „שרף" זיינען פאַרבליבן אַ צאָל שאַרפע תורות, צווישן זיי אַ וואָרט וואָס איז חל געווען אויף זיין אייגן אייניקל, דעם גראַדזשיסקער רבי'ן, וועלכער איז אומגעקומען אויף קידוש השם.

דער שרף האָט געזאָגט: „די וועלט פרעגט, וואָס איז דער רעש, וואָס אברהם אבינו האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַלך־אויוון אַריין? וויפיל

3) משה פיינקינד מיינט, אַז עס קומט אפשר פון וואָרט „פדיון".

צדיקים האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַרן אייבערשטן און מען רעש'ט גאָר נישט מיט זיי?

„נאָר דער שטן איז געקומען צו אברהם אבינו, טאַקע מיט אַזאַ פאָר־שלאַג: אויף דיר איז דאָך מוטל געוואָרן מפרסם צו זיין, אַז עס איז פאַראַן בלויז איין גאָט אויף דער וועלט. איז אויב דו וועסט פאַרברענט ווערן ווער וועט דאָס טאָן? טאָ, בוק זיך בעסער צום אָפּגאָט און דערנאָך וועסטו מפרסם זיין אויף דער וועלט וועגן אחדות הבורא, אַז עס איז דאָ איין באַשעפער אויף דער וועלט.

„אָבער אברהם אבינו האָט זיך נישט געלאָזט איבעררייידן פון דעם שטן און ער האָט געזאָגט:

„איך דאַרף זיך מוסר נפש זיין פאַרן אייבערשטן, איי, ווער וועט מפרסם זיין אויף דער וועלט, אַז עס איז פאַראַן בלויז איין גאָט? וועט דער אייבערש־טער באַשאַפן אַן אַנדערן אברהם, וואָס ער וועט אויספירן זיין שליחות און מפרסם זיין זיין נאָמען אויף דער וועלט.

„און אָט דאָס איז די גרויסקייט פון אברהם אבינו — האָט דער מאָגעל־ניצער רבי אויסגעלאָזט — וואָס ער האָט מבלבל געווען דעם שטן און ער האָט מקדש השם געווען אָן שום חשבונות".

דער „שרף" איז נפטר געוואָרן אין וואַרשע ט"ז אדר, תר"ט (1849) און ער איז דאָרט געקומען צו קבורה.

די רבי'סטווע פון מאָגעלניצער רבי'ן איז צעטיילט געוואָרן צווישן זיינע צוויי זין: ר' יעקעלע (יעקב יצחק), דער רב פון בלענדאָוו, מחבר פון ספר „אמת ליעקב" איז געוואָרן ממלא מקומו אין מאָגעלניצע. ער איז נפטר געוואָרן כ"ד סיון, תרמ"ב (1882). און ר' אלימלך פון גראָדזשיסק, וועלכער איז געווען אַן אײדעם פון רבי'ן ר' ישראל פון ריזשין.

דער גראָדזשיסקער רבי ר' ישראל האָט מחבר געווען די ספרים: „אמרי אלימלך" און „דבר אלימלך".

זיין דרך אין חסידות איז געווען זיך צו דערווייטערן פון דער שלעכ־טער מידה פון גאווה. דאָס האָט ער זיך אָפּגעלערנט פון זיין פאָטער דעם „שרף".

דער בעל „אמרי אלימלך" איז נפטר געוואָרן א' ניסן תרנ"ב (1892). זיין ממלא מקומו איז געוואָרן זיין זון ר' חיים מאיר יחיאל, וועלכער איז געווען אַן אײדעם פון רבי'ן ר' יצחק פון בוהוש.

דער רבי ר' חיים מאיר יחיאל שפּירא פון גראָדזשיסק האָט נישט מאריך ימים געווען. ער איז זייער יונג נפטר געוואָרן און זיין ממלא מקומו איז געווען דער רבי ר' ישראל שפּירא פון גראָדזשיסק, וועלכער איז אומ־געקומען אויף קידוש השם אין טרעבלינקע.

⁂

דער רבי ר׳ ישראל שפּיראָ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרל״ד (1874). ער איז געווען אַ קינד ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבן, און ער איז אויפגעצויגן געוואָרן אין הויף פון זיין זיידן, זיין מוטער׳ס פאָטער, דער בוהושער רבי, אָבער דעם עיקר דרך אין חסידות האָט ער געקראָגן פון זיין פאָטער׳ס פאָטער, פון רבי׳ן ר׳ אלימלך פון גראָדזשיסק. דער רבי ר׳ ישראל האָט אין זיך געהאַט אַ מיזוג פון ביידע רבי׳שע הויפן, פון דער מלכות׳דיקייט פון ריזשין און פון פאַלקסטימלעכקייט פון קאָזשעניץ. דער גראָדזשיסקער רבי האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ גרויסן בעל מנגן. ער האָט געהאַט אַ מתיקות׳דיק קול און האָט מחבר געווען אַ סך חסידי׳שע ניגונים.

דער רבי ר׳ ישראל איז אינגאַנצן אַלט געווען אַכצן יאָר ווען זיין זיידע, דער גראָדזשיסקער רבי ר׳ אלימלך, איז נסתלק געוואָרן.

דאָס גראָדזשיסקער חסידות איז געווען אַ חסידות פאַר פּשוט׳ע בעלי־בתים, דאָרפס־יידן און אויך לומדי תורה און רבנים. ווען די אַלע טויזנטער חסידים זיינען געבליבן אָן אַ יורש, האָבן די חסידים זיך צע־טיילט. אַ צאָל חסידים האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן צום אַלטן אָסטראָווצער רבי׳ן, אַנדערע ווידער זיינען געפאָרן צום גראָדזשיסקער רבינ׳ס אייניקל, דער קאָזשעניצער רבי, ר׳ ירחמיאל משה.[4] און אַ גרויסער עולם האָט גע־קרוינט דעם אכצן יאָריקן יונגערמאַן ר׳ ישראל שפּיראָ פאַר אַ רבי׳ן אין גראָדזשיסק.

דער גראָדזשיסקער רבי, ר׳ ישראל איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ אשר פון סטאָלין. דער גראָדזשיסקער רבי האָט צוגעצויגן דעם עולם חסידים מיט זיינע תורות און דער עיקר מיט זיין נגינה און מיט זיין אצילות׳דיקייט און אין דער זעלבער צייט מיט זיין פּשטות.

מער פון צוואַנציק יאָר האָט דער רבי געפירט זיין רבי׳סטווע אין גראָדזשיסק, אָבער ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה האָט דער רבי זיך אַריבערגעצויגן קיין וואַרשע און דאָרט אויפגעשטעלט זיין רבי׳שן הויף.

דער רבי האָט אָנגעהויבן צו פירן אַן אייגענעם דרך אין חסידות, וואָס איז נישט געווען אַזוי פּאָפּולער צווישן די חסידים אין פּוילן. ער האָט בעסער געוואָלט האָבן אַן אָרגאַניזירטן חינוך, ווי פּריוואַטע חדרים, וואָס יעדער מלמד האָט פאַר זיך אַליין געמאַכט.

דעם רבי׳נס תורות האָבן די חסידים געלאָזט דרוקן אין וואַרשע אין אַ ספר מיטן נאָמען „אמונת ישראל״.[5]

4) עס איז געבליבן נאָך אַ קינד פון רבי׳ן ר׳ אלימלך, ר׳ קלונימוס קלמן פון פּיאַ־סעטשנע, וועלכער איז דערנאָך געוואָרן אַ גרויסער רבי. ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם. וועגן אים שרייבן מיר באַזונדער.

5) דאָס ספר איז נאָכאַמאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין ירושלים, דורך די גראָדזשיסקער חסידים נאָך דעם חורבן אין אייראָפּע.

פון די תורות, וואָס דער גראַדזשיסקער רבי האָט געזאָגט קאָן מען זען, אַז דער רבי האָט געלערנט די חסידים מידות טובות. דער רבי האָט געזאָלטן, אַז מעלות טובות זיינען שוין פאַראַן ביי יידן, נאָר מידות טובות, דאָס איז פאַראַן ווייניק. און צווישן די מידות טובות דאַרף זיין די מידה פון צדקה און מסירת הנפש׳דיקייט צו העלפן אַ צווייטן יידן.

ווער עס האָט געקאָנט דעם געדריקטן עקאָנאָמישן מצב פון די יידן אין פוילן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער קאָן פאַרשטיין ווי וויכ־טיק עס איז געווען מעורר צו זיין יידן, אַז זיי זאָלן האַלטן פון דער מצוה פון צדקה און מסירת הנפש׳דיקייט צו העלפן יידן, ווייל אָן דער דאָזיקער פרייוויליקער סאָציאַלער הילף, וואָלטן אַ סך יידן אויסגעגאַנגען פון הונגער.

און נאָך האָט דער רבי געלערנט די חסידים, אַז מען זאָל זיין בשמחה און קעמפן קעגן עצבות. „די מלחמה פון עמלק מיט די יידן האַלט אָן אין יעדן דור״, זאָגט דער רבי אין אַ תורה — „און דאָס איז די מלחמה פון יצר הרע, וואָס וויל דעם יידן אַריינוואַרפן אין מרה שחורה און אין יאוש, דעריבער דאַרף דער ייד זיך דערוויטערן דערפון און דווקא תמיד זיין בשמחה״ . . .

דער רבי האָט אויף דעם געטייטשט דעם פסוק ביי קריעת ים־סוף, דער רבונו של עולם האָט געזאָגט: „מה תצעק אלי, דבר אל בני ישראל״. . .

בדרך משל: מיט אַ טרעגער, וועלכער קאָן נישט טראָגן, נאָר אַזאַ און אַזאַ באַשטימטע משא, וויל מען אים געבן אַ גרעסערע משא, זאָגט ער, אַז ער איז ניט בכוח זי צו טראָגן, אָבער ווען עס ברעכט אויס אַ שרפה אין זיין הויז, וועט דער טרעגער טראָגן די שווערסטע משאות אויף די פּליי־צעס, אַבי אָפּצוראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך אָפּראַטעווען. דאָס זעלבע האָט דער אייבערשטער געזאָגט צו די יידן, ווען זיי זיינען געשטאַנען ביים ים־סוף, און הינטער זיי זיינען געשטאַנען די מצריים: „איצט קענט איר נישט שאַצן אייערע כוחות מיט דער זעלבער מאָס וואָס אין אַ נאָרמאַלער צייט, איצט איז אָן עת צרה, דאַרף יעדער איינער טאָן איבער זיינע כוחות זיך מציל צו זיין״ . . .

. . .

אַכט און פערציק יאָר איז ר׳ ישראל געווען רבי אין פוילן. און ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט וואַרשע, איז דער רבי געבליבן אין געטאָ און די ערשטע צייט נאָך געפירט די רבי׳סטווע אין געטאָ.

גראַדזשיסקער חסידים אין אויסלאַנד האָבן זיך באמיט צו ראַטעווען דעם רבי׳ן.

„מיט גרויס מי — גיט איבער דער גראַדזשיסקער חסיד, אלימלך ליפשיץ פון דעטראָיט [6]) — איז געלונגען די חסידים אַרויסצוקריגן פאַרן

6) אין „מאָרגן זשורנאַל״, ניו־יאָרק, דעם 5טן מאַי, 1948.

רבי׳ן די נייטיקע פּאַפּירן, דער רבי זאָל זיך קענען ראַטעווען, אָבער דער רבי האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיינע חסידים. ער איז געבליבן אין וואַר־שע און געלעבט אין געטאָ . . .

און ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן צו שיקן טראַנספּאָרטן יידן צו דעם פאַרניכטונגס־לאַגער אין טרעבלינקע, האָט דער גראַדזשיסקער רבי זיך נישט באַמיט אויסצובאַהאַלטן, נאָר ער איז געגאַנגען מיט זיינע ברידער אין די טויט־וואַגאָנען און איז געשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

די חסידים האָבן זיך באַמיט אויך אין טרעבלינקע אים צו ראַטעווען צוזאַמען מיט זיין רבי׳צין. די חסידים האָבן אַריבערגעפירט דעם רבי׳ן מיט דער רבי׳צין אין דעם „קליינעם לאַגער״ נעבן די גאַז־אויוונס.

דאָרט האָבן די דייטשן געהאַלטן די יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין פאַרניכטונגס־לאַגער און די חסידים האָבן געהאָפט, אַז אויף אַזאַ אופן וועט זיך זיי איינגעבן אָפּצוראַטעווען דעם רבי׳ן מיט דער רביצין.

אַזוי האָט דער רבי געלעבט אַ שטיקל צייט אין טויטן־לאַגער אין טרעבלינקע, ביז די דייטשע מערדער האָבן באַשלאָסן אומצוברענגען אויך די יידן וואָס געפינען זיך אין דעם קליינעם לאַגער . . .

און אין אַ פרימאָרגן האָבן די דייטשע חיות צונויפגעטריבן אַלע יידן פון קליינעם לאַגער און צווישן זיי אויך דעם רבי׳ן.

בלויז די וואָס האָבן אויסגעזען גאָר געזונט און שטאַרק זיינען אַרויס־גענומען געוואָרן פון „אַפּעל״ און די אַנדערע האָבן שוין געוואוסט, אַז זייער סוף איז נאָענט.

האָט אַ חסיד דערזען דעם גראַדזשיסקער רבי׳ן, האָט ער אָנגעהויבן צו אים צו שרייען:

— וואָס זאָגט איצט דער רבי?

דער גראַדזשיסקער רבי, וואָס האָט באַטראַכט די גאַנצע איצטיקע וועלט ווי זי וואָלט געווען איינגעהילט אין אַ מאַנטל פון חבלי משיח, האָט געגלויבט, אַז אויך דער דאָזיקער גרויסער חורבן איז אַ טייל פון חבלי משיח און ער האָט געזאָגט: „יידן דאַרפן אָננעמען דעם גזר דין באהבה״.

און איינער פון די געראַטעוועטע יידן פון טרעבלינקע, וואָס איז גע־ווען אַן עד ראיה ווי אַזוי דער גראַדזשיסקער רבי האָט געשטאַרקט די יידן אין די לעצטע מינוטן פאַרן אומקום, האָט איבערגעגעבן פּרטים דעם הרב הראשי פון מדינת ישראל, הרב יצחק אייזיק הלוי הערצאָג.

הרב הערצאָג האָט אין זומער תש״ו (1946), נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, געמאַכט אַ רייזע איבער די יידישע פּליטים־לאַגערן און ער האָט די גבית עדות אויפגענומען פון דעם עד ראיה וואָס האָט זיך על־פּי־נס גע־ראַטעוועט פון דעם טויטן־לאַגער אין טרעבלינקע.

און אָט וואָס דער געראַטעוועטער ייד האָט דערציילט:

ווען מען האָט אַריינגעבראַכט די יידן אין דעם טויטן־לאַגער אין

טרעבלינקע זיי צו פאַרברענען, האָבן זיך טויזנטער יידן געווענדט צום גראָדזשיסקער רבי'ן און אים געפרעגט: „וואָס זאָגט דער רבי איצט?"
האָט דער רבי געענטפערט:

„הערט אויס ברידער און שוועסטער, קינדער פון געטלעכן פאָלק, מיר דאַרפן נישט מהרהר זיין נאָך דעם אייבערשטנס מעשים. אויב עס איז אויף אונדז נגזר געוואָרן, אַז מיר זאָלן זיין די קרבנות פון חבלי־משיח, אין דער איצטיקער צייט פון דער גאולה און פאַרברענט צו ווערן אין די פלאַמען — איז וואויל צו אונדז וואָס מיר האָבן דערצו זוכה געווען. און דאָס וואָס די חז"ל זאָגן 'יצא ולא אחמניה' — זאָל ער קומען און מיר זאָלן נישט זיין דערביי — איז די כוונה געווען אידער מיר האָבן דערגרייכט צו דער דאָזיקער תקופה. אָבער מיר, וואָס האָבן שוין דערגרייכט די דאָזיקע שטופע, דאַרפן מיר זיך פרייען, וואָס מיר האָבן זוכה געווען, וואָס אונדזער אַש וועט רייניקן דאָס גאַנצע פאָלק ישראל. איך בעט אייך דערפאַר, אַז איר זאָלט נישט פאַלן ביי זיך, איר זאָלט נישט וויינען, ווען איר וועט אַריינגיין אין פייער־אויוון. אדרבה, איר זאָלט זיין בשמחה און אַזוי ווי רבי עקיבא אין זיין צייט, זאָלט איר נסתלק ווערן מיטן 'שמע ישראל' און מיט 'אחד'".

די טויזנטער יידן האָבן מקיים געווען די ווערטער פון רבי'ן און זיי האָבן אָנגעהויבן צו זינגען „אני מאמין" און צוזאַמען מיטן רבי'ן אויסגעהויכט זייערע נשמות.[7] דאָס איז געווען אין חודש אלול, תש"ב (1942).

7) די ווערטער פון עד ראיה זיינען פאַרצייכנט געוואָרן פון הרב הראשי, הרב הערצאָג, און זיי זיינען אָפּגעדרוקט אין ספר „אמונת ישראל" פון גראָדזשיסקער רבי'ן, וואָס איז איבערגעדרוקט געוואָרן דורך זיין זון דעם היינטיקן גראָדזשיסקער רבי, ר' אברהם אלימלך שפּיראָ אין ירושלים, אַרויסגעגעבן פון „התאחדות עולמית של חסידי גראָדזשיסק", חלק שני, ירושלים, תשכ"ה (1965).

דער דזשיקאָווער רבי ר׳ אַלטערל האָראָוויץ אומגעקומען אויף קידוש־השם

דער רבי ר׳ אַלטערל האָראָוויץ האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואוינט אין טאַרנע. — ער איז אומגעבראַכט געוואָרן אין קראָקע.

דער רבי ר׳ אַלטערל האָראָוויץ פון דזשיקאָוו איז געווען דער לעצטער רבי פון דער דזשיקאָווער־ראָפּשיצער דינאַסטיע.

געוואוינט האָט דער דזשיקאָווער רבי נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אין טאַרנע, אָבער גערופן האָט מען אים ווייטער דער דזשיקאָווער רבי, און אומגעקומען אויף קידוש־השם איז דער דזשיקאָווער רבי דורך די דייטשן אין קראָקע.

דער דזשיקאָווער רבי, ר׳ אַלטער׳ל האָראָוויץ, הי״ד

דזשיקאָוו (טאַרנאָבזשעג, אויך גערופן דזשיקעוו) איז געווען אַ שטעטל אין מערב־גאַליציע, וואָס איז געלעגן ביי דער גרענעץ פון קאָנגרעס־פּוילן, אויף דער רעכטער זייט ווייסל.

דער ייִדישער ישוב אין דזשיקאָוו איז געווען איבער אַ פינף הונדערט יאָר אַלט.

דזשיקאָוו איז געווען באַקאַנט אין דער חסידישער וועלט. נאָכדעם ווי דער ראָפּשיצער רבי, ר׳ נפתלי הערש האָראָוויץ, איז נפטר געוואָרן (י״א אייר, תקפ״ז — 1827), איז זיין זון, ר׳ אליעזר׳ל, געוואָרן רבי אין דזשיקאָוו.

פון דעמאָלט אָן איז דזשיקאָוו געוואָרן דער המשך פון ראָפּשיצער חסידות, און פיר דורות זיינען דאָרט געווען רביים, ביז עס איז געקומען די אַכזריות׳דיקע האַק פון די דייטשע מערדער און האָט איבערגעהאַקט דעם ראָפּשיצער־דזשיקאָווער בוים — און די דזשיקאָווער רבי׳שע דינאַסטיע איז אונטערגעגאַנגען.

דער רבי ר׳ אליעזר׳ל דזשיקאָווער האָט גאָרנישט געוואָלט האָבן קיין גרויסן עולם חסידים. ער האָט מרחק געווען די חסידים, און ער האָט נישט דערלאָזט, אַז מען זאָל פון אים דערציילן אַ מופת.

איינמאָל האָט דער רבי ר׳ אליעזר׳ל, אין אַ תורה, געטייטשט: „וזכני לקבל שבתות... מתוך מיעוט עוונות״ — מיעוט עוונות, מיינט מען צו האָבן ווייניק חסידים, וויל די חסידים רעדן זיך דאָך איין, אַז זיי זיינען פול מיט זינד — אַז מען האָט ווייניק חסידים, האָט מען ווייניק עוונות...

דער רבי ר׳ אליעזר׳ל האָט נישט געוואָלט, אַז זיינע תורות זאָלן אַרויסגעגעבן ווערן אין אַ ספר [1]. דער דזשיקאָווער רבי ר׳ אליעזר׳ל האָט געגעבן אַ טעם בדרך הלצה:

„איך וויל נישט, אַז אַ ייד זאָל זיך גוט אָנעסן פּריטיק־צו־נאַכטס ביי דער סעודה און איינרעדן זיך, אַז ער איז אַ חסיד, דערנאָך וועט ער נעמען פאַרן שלאָף מיין ספר אין בעט אַריין, אין אים אַריינצוקוקן. איך וויל נישט שלאָפן מיט אַזאַ יידן אין איין בעט״...

און כאָטש דער רבי ר׳ אליעזר׳ל האָט נישט געהאַלטן פון מופתים, און ער האָט געזאָגט, אַז פון זינט עס איז נפטר געוואָרן דער „חוזה״ פון לובלין, איז אונטערגעגאַנגען דאָס באַוויזן מופתים און האָבן רוח־הקודש, האָבן אָבער חסידים פון אים דערציילט אַ מעשה, וואָס איז אַ מין רוח־הקודש.

דער רבי ר׳ אליעזר׳ל האָט געהאַט אַ מנהג, אַז ראש־השנה, ווען ער האָט עולה געווען צו דער תורה, האָט ער געמאַכט אַ „מי שברך״ אַלע צדיקי־הדור. ער אַליין פלעגט ערב ראש־השנה אויפשרייבן אויף אַ פּאַפּיר די רשימה פון די רביים, און ער האָט תמיד געשטעלט דעם ריזשינער רבי׳ן דעם ערשטן אין דער רשימה. דער שמש פלעגט די נעמען אויס־רופן בעת דער דזשיקאָווער רבי האָט געהאַט די עליה.

1) אויך דער ראָפּשיצער רבי האָט נישט געלאָזט זיינע תורות אָפּדרוקן. ערשט נאָך דער פּטירה פון ראָפּשיצער רבי׳ן האָט זיין תלמיד, דער סאַנזער רבי, דער גאון ר׳ חיים האַלבערשטאַם, מתיר געווען, אַז מען זאָל דרוקן דאָס ספר „זרע קודש״ פון ראָפּשיצער רבי׳ן.

אין יאָר תרי"א (1851) האָט דער דזשיקאָווער רבי געהייסן שטעלן אין אָנהייב פון דער רשימה דעם נאָמען פון סאַנזער רבי'ן, „ר' חיים בן מרים", און נישט געשטעלט אין אָנהייב פון דער רשימה דעם נאָמען „ר' ישראל בן חנה", דעם נאָמען פון ריזשינער רבי'ן.

און ראש־השנה ביי דער עליה האָט ער נישט געהייסן מאַכן קיין „מי שברך" דעם ריזשינער רבי'ן. חסידים האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם טעם, און אין דעם זעלבן יאָר, ג' חשון, איז דער ריזשינער רבי נפטר געוואָרן.

האָבן חסידים געזאָגט, אַז דער רבי ר' אליעזר'ל האָט געזען ברוח־הקודש, אַז דער ריזשינער רבי וועט נישט מוציא שנתו זיין...

גע'שמ'ט האָט אויך די מעשה פון רבי'ן ר' אליעזר'ל, ווען ער האָט אין יאָר תר"ך (1860) געשוואוירן אין דער סוכה, אַז משיח וועט אינעם דאָזיקן יאָר נישט קומען.

עס האָט זיך אין יענעם יאָר געהאַט פאַרשפּרייט די אמונה ביי יידן, אַז משיח וועט קומען אין יאָר כת"ר. מען האָט דערויף געפונען אַ רמז אין זוהר. האָט דער רבי ר' אליעזר'ל סוכות ביינאַכט ביים טיש אין אַ תורה, מיט גרויס התלהבות געזאָגט: „רבונו של עולם, מיר בעטן דיך: 'הרחמן הוא יזכנו לישב בסוכת עורו של לויתן' — דו, דערבאַרעמדיקער באַשעפער, זאָלסט אונז מזכה זיין צו זיצן אין דער סוכה פון דער הויט פון לויתן, און דאָך שווער איך, אַז משיח וועט היי־יאָר נישט קומען!"...

דער רבי ר' אליעזר'ל האָט נאָך סוכות מסביר געווען זיין זון, פאַר־וואָס ער האָט געשוואוירן, אַז משיח וועט אין יענעם יאָר נישט קומען:

„איך האָב מורא געהאַט, אַז די אמונה, אַז משיח וועט היי־יאָר קומען, האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן המון, אַז טאָמער, חס־ושלום, קומט ער נישט, וועט זיך שטאַרקן די כפירה. האָב איך געשוואוירן, אַז משיח וועט נישט קומען. קומט ער נישט, וועט מען דאָך וויסן פון מיין שבועה; וועט ער טאָקע יאָ קומען היי־יאָר, נו, זאָל ער קומען און איך זאָל באַדיי בלייבן אַ ליגנער"...

דער רבי ר' אליעזר'ל איז נפטר געוואָרן ג' חשון תרכ"א (1861). ער האָט איבערגעלאָזט פיר זין, וואָס צוויי פון זיי האָבן געגרינדעט אייגענע רבישע דינאַסטיעס, וואָס האָבן געהאַט טויזנטער חסידים. זיי זיינען געווען: דער רבי ר' מאיר'ל זצ"ל, דער בכור, וועלכער איז געוואָרן רבי אין דזשיקאָוו, און זיין צווייטער זון, דער רבי ר' משה האָראָוויץ זצ"ל, פון ראָזוואַדאָוו, נפטר געוואָרן י' סיון תרנ"ד (1894).[2]

∴

2) די אַנדערע צוויי זין זיינען געווען דער רבי ר' ראובן פון דעמביץ און ר' ישראל פון באַראַנאָוו.

דער רבי ר׳ מאיר׳ל דזשיקאָווער איז געגאַנגען אין דרך פון זיין פאָטער און זיידן. ער האָט אין זיך פאַראייניקט צדקות און גאונות. זיין שו״ת־ספר „אמרי נועם״ איז באַקאַנט אין דער לומדישער וועלט [3].

פון רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל איז אויך אַרויס דאָס ספר „אמרי נועם״ אויף תורה. די תורות זיינען פול מיט גימטריאות, לויטן דרך פון „ברית כהונת עולם״.

דערמיט וואָס דער רבי ר׳ מאיר׳ל האָט יאָ געלאָזט דרוקן זיינע חיבור־רים, האָט ער אָפּגעווייכט פון דעם מנהג פון זיין פאָטער און זיידן, וועלכע האָבן אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זייערע חידושים נישט דרוקן.

דער בעל „אמרי נועם״ האָט געהאַט אַ מנהג, אַז יעדן חנוכה ביינאַכט האָט ער געשפּילט מיט זיינע קינדער אין דריידל, און אין דעם יאָר ווען ער איז נפטר געוואָרן — דערציילן די חסידים — האָט דער רבי ר׳ מאיר׳ל אויך געשפּילט מיט די קינדער אין דריידל, אָבער בשעת דעם שפּילן איז דאָס דריידל כסדר געפאַלן אויפן אות „נון״. דריי מאָל האָט דער רבי ר׳ מאיר׳ל געדרייט דאָס דריידל און אַלע דריי מאָל איז עס געפאַלן אויפן אות „נון״. האָט דער בעל „אמרי נועם״ אַן עצבות׳דיקער גלייך אויפגעהערט צו שפּילן. די חסידים האָבן נישט געוואוסט די סיבה, און אין דעם זעלבן יאָר, ה׳ תמוז תרל״ח (1878) איז דער רבי ר׳ מאיר׳ל נפטר געוואָרן אין קאַרלסבאַד (די „נון״ האָט געזאָלט זיין אַ רמז אויף „נפטר״).

דער בעל „אמרי נועם״ איז געבראַכט געוואָרן פון קאַרלסבאַד קיין דזשיקאָוו און ער איז נקבר געוואָרן אין אוהל פון זיין פאָטער — דעם רבי׳ן ר׳ אליעזר׳ל.

.·.

נאָך דער פטירה פון „אמרי נועם״ איז זיין זון, ר׳ יהושע׳לע געוואָרן דער ממלא מקומו.

דער רבי ר׳ יהושע׳לע איז געווען מפורסם אין דער וועלט מיט זיין גאונות און חריפות. ער איז אויך באַקאַנט מיטן נאָמען פון זיין ספר „עטרת ישועה״. ער האָט אויך מחבר געווען דאָס ספר „עמק הלכה״ און אַנדערע ספרים.

דער בעל „עטרת ישועה״ האָט ניט שטאַרק געהאַלטן פון דער עסטרייכישער מלוכה, וואָס איז געווען צונויפגעשטוקעוועט פון פאַרשידענע פעלקער: פון אונגאַרן, טשעכן, פּאָליאַקן, באָסניער און אַנדערע פעלקער. ער

3) מיין פאָטער, דער זשאַבנער רבי ר׳ שלום דוד זצ״ל, אַן אייניקל פון רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל און איידעם פון רבי׳ן ר׳ משה פון ראָזוואַדאָוו, האָט אַרויסגעגעבן הגהות אויפן ערשטן חלק פון שו״ת „אמרי נועם״ אין עלטער פון עטלעכע און דרייסיק יאָר, און מיין פעטער, דער סאָקאָלאָווער רבי, ר׳ יהודא זצ״ל, האָט אַרויסגעגעבן דעם צווייטן חלק „אמרי נועם״ מיט זיינע הגהות.

האָט די עסטרייכיש־אונגאַרישע מלוכה פאַרגליכן צו ר׳ זיינוול ראָפּשי־צער׳ס תפילין־זעקעלע.

ר׳ זיינוול ראָפּשיצער איז געווען דער ווערטל־זאָגער אין ראָפּשיצער רבינ׳ס הויף. איינמאָל האָט ר׳ זייבוול פאַרלוירן זיין טלית־און־תפילין־זעקעלע.

מאַכט צו אים דער ראָפּשיצער רבי: „זיינוול, וואָס ביסטו אַזוי פאַר־זאָרגט? בסך־הכל האָסטו מער נישט פאַרלוירן ווי בלויז דאָס תפילין־זעקעלע, וואָרים דער טלית, וועסטו דאָך אַליין מודה זיין, אַז ער איז געווען אַ ׳טערקישער׳[4], די תפילין, ווידער, זיינען דאָך, איין פּאָר, רש״י׳ס תפילין, און די צווייטע פּאָר, רבינו תמ׳ס תפילין; דיין אייגנס איז געווען בלויז דאָס תפילין־זעקעלע״...

דאָס זעלבע איז אויך מיט דער עסטרייכיש־אונגאַרישער מלוכה — האָט דער דזשיקאָווער רב אויסגעלאָזט — פון דער גאַנצער מלוכה וועט מער ניט פאַרבלייבן ווי דאָס „תפילין־זעקעלע״ — וויען מיט דער קליינער עסטרייכישער פּראָווינץ.

אָט אַזוי האָט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה פאָראויסגעזען דער דזשיקאָווער רבי, אַז די עסטרייכיש־אונגאַרישע אימפּעריע וועט זיך צע־פאַלן ווי אַ קאָרטן־הייזל און פון דער גרויסער מלוכה וועט מער נישט פאַרבלייבן ווי וויען מיט דער פּראָווינץ עסטרייך.

דער דזשיקאָווער רבי ר׳ יהושע׳לע, דער בעל „עטרת ישועה״, איז נפטר געוואָרן י״א טבת תרע״ב (1912), און נאָך זיין פּטירה איז זיין זון, ר׳ אַלטער׳ל, געוואָרן רבי.

⁂

דער רבי ר׳ אַלטער׳ל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרל״ט (1879). ער איז געווען אַ בן־יחיד און אַ שוואַכער, מיט אַ סך קראַנקייטן, אָבער מיט דער צייט האָט ער גובר געווען אַלע חולאת׳ן.

דער דזשיקאָווער רבי ר׳ אַלטער׳ל האָט יונג חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון זיין פעטער, דער רבי ר׳ ישראל׳טשע האַגער פון וויזשניץ, וואָס האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַן אוהב ישראל.

ר׳ אַלטער׳ל האָט געגעסן קעסט אין וויזשניץ און דערנאָך איז ער צוריקגעקומען קיין דזשיקאָוו און אויפגענומען געוואָרן אַלס „יונגער רב״.

דער רבי ר׳ אַלטער׳ל דזשיקאָווער איז געווען שטאַרק באַליבט ביי די חסידים, ווייל ער איז בטבע געווען אַ מזג טוב. ער האָט פרייטיק־צו־נאַכטס געפירט דעם טיש, לויטן דזשיקאָווער־ראָפּשיצער דרך, ביז פאַרטאָג, און הגם ער אַליין איז נישט געווען קיין גרויסער בעל־מנגן, איז אָבער

4) חסידים האָבן געטראָגן טליתים, געמאַכט אין טערקיי און מען האָט זיי גערופן „טערקישע טליתים״.

תמיד געווען אַ חסידישע קאַפּעליע, וואָס האָט געזונגען ראָפּשיצער־דזשי־קאָווער חסידישע ניגונים.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער דזשיקאָווער רבי גע־וואוינט אין טאַרנע, אויפן האַלץ־פּלאַץ. אויף אַ ראש־השנה פּלעגן קומען צופאָרן הונדערטער און הונדערטער חסידים פון גאַליציע און חסידישע גבירים פון אַנטווערפּען און לאָנדאָן.

ווען די דייטשע האָרדעס זיינען אַריין קיין גאַליציע, איז דער דזשיקאָ־ווער רבי אַנטלאָפן קיין קראָקע. ער האָט געהאָפט, אַז דאָרט וועט ער זיך קענען אויסבאַהאַלטן. ער איז דאָרט געווען אין געטאָ, ביז די דייטשע רוצחים האָבן אים געכאַפּט. דער דזשיקאָווער רבי איז אומגעקומען אויף קידוש־השם דורך די דייטשן, ה׳ אדר תש״ג (1943), צוזאַמען מיט זיין רביצין, דעם וויזשניצער רבינ׳ס טאָכטער.

אויך זיין זון ר׳ מענדעלע, וועלכער איז געווען רב אין דזשיקאָוו, איז געווען אַ צייט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין פּלאַשאָוו, נעבן קראָקע. ער איז דערנאָך איבערגעפירט געוואָרן אין אַ צווייטן לאַגער קיין מאַט־הויזען, און פון די כסדר׳דיקע פּייניקונגען איז ער זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן און ער איז דאָרט פון הונגער און בויט נפטר געוואָרן אין שמחת־תורה תש״ד (1944).

זיין ווייב, די יונגע רביצין, האָבן די דייטשן אַוועקגעפירט קיין דאַנציג און צוזאַמען מיט אַנדערע הונדערטער יידישע פרויען האָבן די דייטשן זי דערטרונקען אין אַ טייך.

אויך דעם דזשיקאָווער רבינ׳ס אַנדערע צוויי זין, ר׳ מאיר׳ל און ר׳ יעקעלע, זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן.

געראַטעוועט האָבן זיך, ווי דורך אַ נס, דעם דזשיקאָווער רבינ׳ס טאָכטער, דבורה׳לע האָראָוויץ־אַבראַמאָוויטש [5] און דעם דזשיקאָווער רבינ׳ס אַ זון, ר׳ יהודה׳לע, וועלכער וואוינט אין ירושלים. ער וואָלט גע־קענט ממשיך זיין די דזשיקאָווער רבישע דינאַסטיע, ער וויל אָבער ניט זיין קיין רבי.

5) זי האָט אין אַ סעריע אַרטיקלען אין דער צייטונג „טאָג״, ניו־יאָרק, באַשריבן אויספירלעך ווי אַזוי זי האָט זיך געראַטעוועט מיט איר קינד.

האַרדענקער רבי ר׳ יחיאל מיכל האַגער מיט זיין משפחה אומגעקומען אין טראַנסניסטריע

אויך דער באַיאַנער־טשערנאָוויצער רבי ר׳ אהרן פרידמאַן איז דאָרט אומגעקומען.

די דייטשן מיט זייערע פאַשיסטישע אַרויסהעלפער האָבן געהאַט פאַרשי־דענע אכזריות׳דיקע מיטלען ווי אַזוי אויסצו׳הרג׳ענען די זעקס מיליאָן יידן.

אין פוילן זיינען געווען טויטן־לאַגערן. אין אוקראַינע האָט מען אויס־געגראָבן גרויסע גריבער נעבן די שטעט און דאָרט דערשאָסן די יידן אָדער לעבעדיקערהייט זיי באַגראָבן, ווי אין באַבי־יאַר (קיעוו). אין טייל ערטער האָט מען אָוועקגעשטעלט וואַגאָנען און געהייסן די יידן אַריינגיין נעמען אַ „שפריץ״ און דאָרט זיינען זיי פאַרגאַזט געוואָרן.

אין רומעניע האָט מען די יידן פון בוקאָווינע און בעסאַראַביע פאַר־שיקט קיין טראַנסניסטריע אין זומפן און דאָרט זיינען די מערסטע יידן פשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער, קעלט, טיפוס־קראַנקייטן און אַנדערע עפידעמיעס, וואָס האָבן געבושעוועט צווישן די פאַרוואָגלטע יידן.

אין אַ בוך, וואָס „יד ושם״ אין ירושלים, די צענטראַלע אינסטיטוציע צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די זעקס מיליאָן קדושים, האָט אַרויסגע־געבן, ווערן אויסגערעכנט פינף און צוואַנציק טויזנט ערטער אין פופצן לענדער, וואו יידן זיינען אויסגע׳הרג׳עט געוואָרן.

יידן האָבן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געוואוינט אין העכער 33,000 ערטער, און אומגעקומען זיינען זיי אין 25,000 ערטער.

און צווישן די צענדליקער טויזנטער קדושים וואָס זיינען אומגעקומען אין טראַנסניסטריע, איז אויך געווען דער האַראָדענקער רבי, ר׳ יחיאל־מיכל האַגער, וועלכער איז געווען דער יינגסטער זון פון רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל האַגער פון וויזשניץ.

אויך דער באַיאַנער־טשערנאָוויצער רבי, ר׳ אהרן פרידמאַן, וועלכער האָט געוואוינט אין טשערנאָוויץ, איז דאָרט אומגעקומען.

וואָס פאַר אַ לאַנד איז געווען טראַנסניסטריע ?

דאַרף מען אויפמישן אַ בלעטל פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דעם 22־טן יוני 1941 האָט רומעניע דערקלערט מלחמה דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. סוף יולי האָבן די דייטש־רומענישע אַרמייען שוין געהאַט פאַר־

נומען בעסאַראַביע און צפון־בוקאָווינע, וואָס רומעניע האָט אין יוני 1940 אָפּגעגעבן דעם סאָוועטן פאַרבאַנד. מאַרשאַל אַנטאָנעסקו איז מיט זיינע חיילות אַריבער דעם דניעסטער און אַריין קיין דרום־אוקראַינע. זיי האָבן גיך פאַרנומען פּאָדאָליע, די כערסאָנער פּראָווינץ, ווי אויך אָדעס. דעם 19־טן אויגוסט 1941 איז געשלאָסן געוואָרן אַ פּאַקט צווישן נאַציזשן דייטשלאַנד און פאַשיסטישן רומעניע און אויפן סמך פון דעם פּאַקט האָט די רומענישע רעגירונג דעם 17־טן אָקטאָבער, פּראָקלאַמירט, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן די פּראָווינץ טראַנסניסטריע, דאָס הייסט דאָס לאַנד איבער דעם דניעסטער. די גרענעצן פון דער דאָזיקער פּראָווינץ האָבן זיך געצויגן פון ניקאָלאַיעוו ביים שוואַרצן ים, לענגאויס דעם טייך בוג, איבער וואָזנעסענסק, קאָנסטאַנטינאָווקע, נאַאיוואַראַן און באַר, ביז מאָהילעוו ביים דניעסטער, צוזאַמען אַ שטח פון 16,000 קוואַדראַט מייל. פאַר דער הויפּטשטאָט פון דער דאָזיקער פּראָווינץ איז באַשטימט געוואָרן אָדעס.[1]

אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1942 זיינען פינף טויזנט יידן פון טשערנאָוויץ און דאָראָהאָי פאַרשיקט געוואָרן קיין טראַנסניסטריע. אין דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט זיינען אויך געווען דער האָראָדענקער רבי, דער באָיאַנער רבי ר׳ אהרן פרידמאַן, און אַ סך רבי׳שע קינדער פון דער וויזשניץ־קאָסאָווער רבי׳שער דינאַסטיע.

בלויז אַ פינף הונדערט יידן זיינען פון דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט געבליבן לעבן און צווישן זיי הרב ר׳ אברהם יהושע האַגער, דער זון פון זאַלעשטשיקער רבי׳ן, ר׳ שרגא פייוויש, וועלכער איז געווען אַ זון פון וויזשניצער רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל האַגער.

הרב ר׳ אברהם יהושע האַגער, איינער פון דער שארית הפליטה,[2] האָט מיר איבערגעגעבן פּרטים ווי אַזוי דער האָראָדענקער רבי און דער באָיאַנער רבי פון טשערנאָוויץ זיינען אומגעקומען אין טראַנסניסטריע.

דער האָראָדענקער רבי, ר׳ יחיאל האַגער, איז געווען אַן אײדעם פון זיין ברודער ר׳ חיים האַגער פון אַנטעניע. ער איז געוואָרן רבי אין האָראָדענקע, אין יאָר תרנ״ג (1893) אויפן אָרט פון זיין ברודער ר׳ שמואל אבא, וועלכער איז נפטר געוואָרן צוויי יאָר נאָך דער פּטירה פון זיין פאָטער, דעם רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל פון וויזשניץ.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער האָראָדענקער

1) געוויער וועגן טראַנסניסטריע זע יוסף שעכטמאַנ׳ס אַרבעט אין די „ייוו״אָ בלעטער״, באַנד 27, זייטן 37־57. אָט די פּראָווינץ טראַנסניסטריע האָבן די דייטשן צוזאַמען מיט די רומענישע פאַשיסטן אויסגעקליבן צו מאַכן זי פאַר דעם בית הקברות פאַר הונדערטער טויזנטער יידן. אין משך פון די יאָרן 1941־1942 זיינען 185 טויזנט יידן פאַרשיקט געוואָרן פון בעסאַראַביע און בוקאָווינע קיין טראַנסניסטריע.

2) וואוינט איצט אין ניו־יאָרק.

רבי ר׳ יחיאל מיכל האַגער, אַנטלאָפן קיין וויען, דערנאָך האָט ער זיך באַזעצט אין טשערנאָוויץ און דאָרט געפירט רבי׳סטווע.

דער האָראָדענקער רבי האָט געהאַט דריי קינדער, ר׳ ברוך האַגער, וועלכער איז פריער געווען רב אין קיצמאַן, בוקאָווינע, דערנאָך איז ער געוואָרן דיין אין טשערנאָוויץ,[3] און צוויי טעכטער.

דער האָראָדענקער רבי האָט געהאַט אַ סך חסידים אין בוקאָווינע. ער פלעגט שבת זאָגן תורה און מען האָט ביי אים אַ סך געזונגען, לויטן וויזשניץ־קאָסאָווער נוסח.

און סוכות פון יאָר תש״ב (1942) איז דער האָראָדענקער רבי שוין געווען אין געטאָ פון טשערנאָוויץ.

דער האָראָדענקער רבי, ר׳ יחיאל־מיכל האַגער, הי״ד

דער האָראָדענקער רבי האָט זיך אין געטאָ אַריבערגעצויגן אין הויז פון זאַלעשטשיקער רבי׳ן, וואו עס האָבן געוואוינט די זאַלעשטשיקער רבי׳צין און איר זון, ר׳ אברהם יהושע האַגער. דאָרט אין הויז איז אויך געווען דעם רבי׳נס שול.

דער האָראָדענקער רבי האָט שמחת תורה געמאַכט די הקפות אין שול, אָבער אָנשטאָט געזאַנג און פרייד איז געווען טרויער און געוויין.

מען האָט מער נישט געמאַכט די הקפות מיט די ספרי תורה אין די

3) ער איז געווען אַן איידעם פון זיין פעטער, דעם זאַלעשטשיקער רבי׳ן, ר׳ שרגא פייוויש האַגער.

הענט, נאָר מען האָט אַוועקגעלייגט די ספרי תורה אויפן באַלעמער און בלויז דער האָראָדענקער רבי איז געגאַנגען מיט אַ קליין תורה׳לע, וואָס ער האָט געהאַט בירושה פון זיינע זיידעס.

און באַלד נאָך סוכות האָט מען געטריבן די יידן פון געטאָ קיין טראַנסניסטריע. די פאַשיסטן האָבן אַריינגעוואָרפן די יידן אין וואַגאָנען זיי צו פירן קיין טראַנסניסטריע.

דער רב, ר׳ אברהם יהושע האַגער, האָט זיך געקענט אַרויסדרייען פון טראַנספּאָרט, ווייל ער האָט געהאַט אַ פּוילישן פּאַספּאָרט און דעמאָלט האָט מען פאַרשיקט נאָר בוקאָווינער און בעסאַראַבער בירגער.[4]) אין טשערנאָוויץ איז דאָן אַ פּוילישער בירגער געווען פריי פון איבערגעשיקט צו ווערן קיין טראַנסניסטריע. אָבער דער רב, ר׳ אברהם יהושע האַגער, איז פרייוויליק געגאַנגען, ווייל מען האָט גענומען זיין מוטער, רחל, וועלכע איז געווען אַ טאָכטער פון קאָסאָווער רבי׳ן ר׳ משה׳לע האַגער און די אלמנה פון זאַלעשטשיקער רבי׳ן.

איבער פינף טויזנט יידן, מענער, פרויען און קינדער, האָט מען דער־מאָלט אַריינגעשטופּט אין די וואַגאָנען פאַר בהמות. נאָך צען שעה פאָרן האָט מען אַלע געהייסן אויסשטייגן און זיי אָנגעהויבן צו טרייבן צופוס קיין טראַנסניסטריע.

צווישן די פינף טויזנט יידן איז אויך געווען דער באָיאַנער רבי, ר׳ אהרן פרידמאַן, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ מנחם נחום פריד־מאַן, גערופן: דער באָיאַנער־טשערנאָוויצער רבי.

ווען ר׳ מנחם נחום איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרצ״ו (1936), האָבן די חסידים אים געוואָלט קרוינען פאַר אַ רבי׳ן. ער האָט זיך די ערשטע צייט אָפּגעזאָגט פון פירן רבי׳סטווע, אָבער דערנאָך האָט ער מסכים געווען און איז געוואָרן רבי.

אין דעם טראַנספּאָרט איז אויך געווען דעם באָיאַנער־טשערנאָוויצער רבי׳נס ברודער, ר׳ מאָטעלע (ר׳ מרדכי פרידמאַן פון באָיאַן), וועלכער איז געווען אַן אײדעם פון וויזשניצער רבי׳ן, ר׳ ישראל׳טשע האַגער.

דער באָיאַנער רבי ר׳ מנחם נחום פרידמאַן איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ יצחק פרידמאַן פון באָיאַן, וואָס איז געווען אַ זון פון סאַדעגורער רבי׳ן ר׳ אברהם יעקב, אַ זון פון ריזשינער רבי׳ן ר׳ ישראל פרידמאַן.

ביי דעם באָיאַנער רבי׳ן ר׳ אהרן האָט זיך געפונען אַ קליין ספר תורה׳לע בירושה פון ריזשינער רבי׳ן ר׳ ישראל. דער ריזשינער רבי פלעגט מיט דעם קליינעם תורה׳לע מאַכן הקפות.

4) אין אונגאַרן האָבן די נאַציס געטאָן פאַרקערט: זיי האָבן פריער פאַרשיקט די יידן, וואָס זיינען געווען פּוילישע בירגער און זיי אומגעבראַכט אין די טויטן־לאַגערן און דערנאָך ערשט אונגאַרישע יידן.

ווען דער באָיאַנער רבי ר׳ אהרן האָט געקראָגן דעם באַפעל, אַז ער מוז פאָרן מיטן טראַנספּאָרט, האָט ער געזאָגט צום רב, ר׳ אברהם יהושע האַגער, אַז ער פילט אַז ער וועט ניט איבערלעבן די נסיעה, ווייל ער איז געווען קראַנק אויף די אויגן און אויך געליטן פון צוקער־קראַנקייט, וויל ער געבן דעם רב ר׳ אברהם יהושע דאָס קליינע ספר תורה׳לע.

דער רב ר׳ אברהם יהושע האַגער האָט זיך אויפגעבייט אַ קליין טאָר־בעלע און האָט דערין אַריינגעלייגט דאָס קליינע ספר תורה׳לע און עס גע־טראָגן מיט זיך קיין טראַנסניסטריע.

הרב ר׳ אברהם יהושע האָט אויך מיטגענומען אַ קליין סידור׳ל פון זיין פאָטער און אין די טעוועלעך אַריינגעלייגט אַ בריוו פון אַפּטער רבי׳ן, ר׳ אברהם יהושע העשל און אַ בריוול מיט דער חתימה פון זיין זיידן, דעם וויזשניצער רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל.

אין משך פון די דריי יאָר, וואָס הרב ר׳ אברהם יהושע האַגער איז געווען אין טראַנסניסטריע, האָט ער זיך אויף קיין איין רגע נישט געשיידט מיט די צוויי בריוולעך, האָט ער מיר איבערגעגעבן.

און וואָס איז געשען מיט דעם ריזשינער רבינ׳ס ספר תורה׳לע?

די רומענער האָבן עס צוגענומען.

און אָט וואָס הרב האַגער האָט מיר דערציילט:

„מען האָט אונדז געטריבן אַ חודש צייט איבער פעלדער און וועלדער. מיר האָבן קיין ישוב נישט געטאָרט אָנקוקן. מען האָט אונדז קיין עסן נישט געגעבן, מיר האָבן זיך געמוזט שפּייזן דערפון וואָס יעדער איינער האָט מיטגענומען מיט זיך. אָבער קיינער האָט נישט געקענט מיטנעמען שפּייז אויף אַ חודש צייט, איז מען פשוט געשטאָרבן פון הונגער״.

אויפן וועג האָט מען דעם טראַנספּאָרט צעטיילט אויף צוויי, אַ העלפט האָט מען געטריבן קיין מאָהילעוו און אַ העלפט קיין יאַמפּאָלע.

דער האָראָדענקער רבי, די באָיאַנער רביים און דער רב ר׳ אברהם יהושע זיינען געטריבן געוואָרן קיין יאַמפּאָלע.

די יידן זיינען געלעגן ביינאַכט אין די פעלדער אין שניי. יעדע נאַכט זיינען געשטאָרבן אַ דרייסיק מענטשן. מען האָט זיי קובר געווען אויפן אָרט, געזאָגט קדיש און אין דער פרי האָבן די רומענישע פאַשיסטן ווייטער גע־טריבן די אויסגעמאַטערטע יידן.

די רומענישע פאַשיסטן האָבן מוראדיק געשלאָגן די יידן ווען זיי האָבן זיי געטראָפן דאַווענען.

די רומענישע שומרים האָבן געזאָגט, אַז די יידן זיינען מתפלל פאַר סטאַלינען.

הרב אברהם יהושע האַגער האָט דערציילט: אַ ייד האָט געדאַוונט אין אַ פּוסט פעלד. עס איז געווען אַ גרויסע זאַווערוכע, ווינט און שניי. דער ייד האָט זיך איינגעוויקלט אין טלית און תפילין און פאַרנאַכט־צו,

ווען מען האָט דעם טראַנספּאָרט געלאָזט אָפּרוען, האָט ער זיך אָוועקגע־שטעלט זאָגן די ברכות אויף אַ קול, מיט גרויס מתיקות און התלהבות.

הרב ר׳ אברהם יהושע האַגער ווייסט נישט ווער דער ייד איז גע־ווען. ער געדענקט נאָר, אַז ער האָט געהערט פונדערווייטנס אַ געשריי פון אַ יידענע: „מלך, וואו ביזטו?"

דאָס איז געווען דעם ייד׳ס פרוי, וואָס האָט אים פאַרלוירן אין דער גרויסער זאַווערוכע...

דער ייד האָט געדאַווענט וואָס אַמאָל שוואַכער און שוואַכער און זיין פרוי האָט כסדר געשריגן העכער און העכער: „מלך, וואו ביזטו?"

און דאָס קול פון דעם יידן איז געוואָרן דינער און דינער, און ווען די פרוי זיינע איז צו אים ענדלעך צוגעקומען, איז זיין נשמה שוין געהאַט אויסגעגאַנגען אין מיטן דאַווענען...

די יידן האָבן געגראָבן אַ קבר און האָבן דעם קדוש ר׳ מלך מקבר געווען און געזאָגט קדיש, און פאַרטאָג האָבן די רומענישע פאַשיסטן וויי־טער געטריבן די מחנה אויסגעהונגערטע יידן אויף פוסטע פעלדער.

אַ גרופּע פון אַ 2,500 יידן זיינען געטריבן געוואָרן קיין יאַמפּאָלע. אויפן וועג זיינען איבער אַ העלפט אויסגעשטאָרבן און בלויז עטלעכע הונדערט זיינען אָנגעקומען אין דעם שטעטל ווערכאָווקע. דאָרט זיינען זיי געווען דריי יאָר ביז זייער באַפרייאונג דורך דער רויטער אַרמיי.

די רומענישע פאַשיסטן האָבן די יידן נישט געלאָזט טאָן קיין שום אַרבעט, זיי האָבן געדאַרפט אַרומגיין פוסט און פּאַסט, כדי זיי זאָלן נישט קענען פאַרדינען אויף עסן און אַזוי אַרום שנעלער אויסגיין פון הונגער.

די יידן, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין ווערכאָווקע,[4א] האָבן גע־דאַרפט לעבן אויפן חסד פון די אוקראַינישע פּויערים, וואָס האָבן זיך אַמאָל אויף זיי מרחם געווען און זיי געגעבן עטלעכע קאַרטאָפל.

אַנדערע יידן, וואָס האָבן געהאַט באַהאַלטן שטיקלעך צירונג, האָבן דאָס אָוועקגעגעבן די פּויערים פאַר ברויט און קאַרטאָפל.

צווישן די פאַרטריבענע זיינען אויך געווען אַ גרויסע צאָל יתומים.

ד״ר יוסף שעכטמאַן גיט־אָן,[5] אַז אין טראַנסניסטריע זיינען געווען אַן ערך פון אַכט טויזנט יתומים, פון זיי איבער 5,000 קיילעכדיקע יתומים.

ד״ר שעכטמאַן רעכנט אויס די צאָל יתומים אין די יתומים־הייזער אין מאָהילעוו, שאַרגאָראָד און טרעפּאָווע און ער שרייבט, אַז: „בדרך־כלל האָבן די קינדער קיין שום שול־בילדונג נישט באַקומען. אַ ווענדונג פון באַלטע, מען זאָל דערלויבן עפענען אַ שול, איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן".

ווען עס איז געקומען אַ קאָמיסיע פון "יידן צענטראַלע" פון בוקאַ־

4א) אויף יידיש ווערכיווקע.

5) אין זיין אַרבעט איבער טראַנסניסטריע, אין די „ייוואָ־בלעטער", באַנד 27.

רעסט צו באַזוכן די יתומים הייזער, האָבן זיי דערנאָך אין אַ באַריכט אי־בערגעגעבן, אַז „ס׳רוב פון די 900 יתומים, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין דריי יתומים־הייזער אין מאָהילעוו, זיינען געווען בפועל ממש אָן אָנטועכץ. ווען די קאָמיסיע האָט זיי געזען, זיינען זיי אַלע צוליב דעם גע־לעגן אין די בעטן, צו פיר ביז זעקס אין אַ בעט״.

אָבער די קאָמיסיע האָט אָפּנים ניט באַזוכט די יידן אין דעם פּאַרוואָר־פּענעם העק ווערכאָווקע, וואו מען האָט עטלעכע הונדערט יידן פון טשער־נאָוויץ געלאָזט אויף הפקר, זיי זאָלן דאָרט אויסגיין פאַר הונגער און קעלט און אומקומען פון טיפוס און אַנדערע קראַנקייטן.

אָבער די יידן אין ווערכאָווקע האָבן אַליין אָרגאַניזירט זייער אָרים לעבן. זיי האָבן געהאַט אַ חברה קדישא, וואָס איז, לײדער, געווען זייער טע־טיק, ווייל יעדן טאָג זיינען געווען עטלעכע צענדליק מתים און עס איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ חדר פאַר אַ 70־80 קינדער.

אַ טייל פון די קינדער זיינען געווען קיילעכדיקע יתומים.

ווען מען האָט געהאַלטן ביים אָרגאַניזירן אַ שול, האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויכוח וואָס מען זאָל לערנען אין דער שול. טייל האָבן געוואָלט, אַז מען זאָל מיט די קינדער לערנען רומעניש, אַזוי, אַז נאָך דער מלחמה זאָלן די קינדער קענען רעדן רומעניש, ווען זיי וועלן צוריקקומען קיין רומעניע. אָבער אַן אַנדער גרופּע האָט גע׳טענה׳ט, אַז „דערווייל לעבן מיר איצט אין אוקראַינע און מיר האָפן און דערוואַרטן, אַז די רויטע אַרמיי זאָל אונדז באַפרייען, און ווען די אוקראַינער און די רוסן וועלן זיך דערוויסן, אַז מען לערנט מיט די קינדער רומעניש, וועט מען אונדז אויס׳הרג׳ענען. דאַרף מען לערנען מיט די קינדער רוסיש״.

האָט מען זיך געאייניקט, אַז מען זאָל לערנען מיט די קינדער נישט רומעניש און נישט רוסיש, נאָר יידיש און העברעאיש.

כדי צו צאָלן די לערער און די מלמדים שכר לימוד, האָט מען אין חדר איינגעאָרדנט אַ „פאָרשטעלונג״, אַ מין שפּיל.[6] די קינדער האָבן געזונגען אַ דרייסיק יידישע און העברעאישע לידער, און טייל קינדער האָבן אַרויס־געוויזן אַ גרויסן אַקטיאָרישן טאַלאַנט.

אָבער פון דער הכנסה פון דער „פאָרשטעלונג״ האָט מען נאָך נישט גע־קענט אויסהאַלטן די מלמדים. האָט מען אָפּגעשפּאָרט דעם ביסן פון מויל און געגעבן די מלמדים און לערער זייער געהאַלט.

עס איז אויך אין געהיים אָנגעקומען שטיצע פון טשערנאָוויץ. די שטיצע איז געקומען פון רבי׳ן ר׳ אליעזר׳קע האַגער, דעם וויזשניצער רבינ׳ס זון.[7]

6) לויט אַ „גבית עדות״ פון הרב ר׳ אברהם יהושע העשל האַגער.

7) איז נפטר געוואָרן אין תל־אביב, ב׳ אלול תש״ו (1946).

געלערנט מיט די קינדער האָט מען פון אויסנווייניק, ווייל אינעם גאַנצן שטעטל איז געווען בלויז איין צעריסן חומש׳ל און עטלעכע בלעטלעך פון אַ סידור׳ל.

∴

דער ווילן צום לעבן איז געווען אַזוי גרויס, אַז אונטער די דאָזיקע שווידערלעכע באַדינגונגען האָבן יונגעלייט חתונה געהאַט, און אין משך פון די דריי יאָר, וואָס די יידן זיינען דאָרט געווען פאַרוואָרפן, זיינען אויך גע־בוירן געוואָרן עטלעכע קינדער.

ווען עס איז געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע יינגל, האָבן די יידן געזוכט אַ מוהל־מעסער מל צו זיין דאָס קינד. אָבער אין גאַנץ ווערכאָווקע איז נישט געווען קיין מוהל־מעסערל. האָט מען אָפּגעקויפט ביי אַ פּויער אַ ראַזיר־מעסער, עס גוט אָפּגעשאַרפט און דערמיט מל געווען דאָס קינד לויטן יידישן דין.

צווישן די יידן איז אויך געווען אַ געהיימע גרופּע פּאַרטיזאַנער. הרב האַגער ווייסט נישט ווער זיי זיינען געווען. ער ווייסט נאָר אַז זיי זיינען פאַרשוואונדן פון ווערכאָווקע און אַוועק אין די וועלדער.

— פאַרוואָס זיינען נישט אויך אַנדערע יידן אַוועק פון שטעטל אין די וועלדער? — פרעג איך הרב האַגער.

— ווייל עס זיינען געווען צוויי־ערליי אוקראַינער. די אוקראַינער, ווע־מענס קינדער האָבן געדינט אין דער רויטער אַרמיי, האָבן געשטיצט די יידן, פּלעגן אַפילו ברענגען אַמאָל עטלעכע קאַרטאָפל, און זיי האָבן גע־האַנדלט מיט די יידן. אָבער די אַנדערע אוקראַינער זיינען געווען אַנטיסע־מיטן און געהאָלפן די נאַציס, אַזוי, אַז ווען אַ ייד איז אַרויס פון שטעטל, האָט ער נישט אַזוי שטאַרק מורא געהאַט פאַר די דייטשן און פאַשיסטישע רומענער, ווי פאַר די היימישע פּויערים, אַז זיי וועלן אים הרג׳ענען.

און דאָך זיינען פאַרגעקומען פּאַרטיזאַנישע אָנפאַלן אויף די דייטשן.

און איינמאָל, פאַר שבועות, האָט אַ יידישע פּאַרטיזאַנער גרופּע דער־הרג׳עט אַ דייטשן אָפיציר.

די דייטשן האָבן אויסגעפונען, אַז די גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער קו־מען פון ווערכאָווקע. זיינען די דייטשן פלוצלינג פאַרטאָג אָנגעקומען קיין ווערכאָווקע, האָבן אַרומגערינגלט דאָס שטעטל פון אַלע זייטן, האָבן אָנגעצונדן די עק־הייזער פון אַלע פיר זייטן פון ווערכאָווקע און זיך אָנגעהויבן צו רוקן אויף די בייכער אין שטעטל אַריין און געשאָסן מיט מאַשין־ביקסן.

„מיר האָבן זיך געלייגט אויף דער ערד — דערציילט הרב האַגער — די קוילן זאָלן פליען איבער אונדזערע קעפּ. אַזוי האָבן מסתמא אויך אַנ־דערע געטאָן. דאָך זיינען געווען קרבנות“.

אָבער עס איז פלוצלינג אָנגעקומען אַ מאַיאָר פון דער רומענישער אַר־

מיי און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו די דייטשע „עס־עס" לייט, אַז זיי זאָלן אָפּשטעלן דאָס שיסן.

„די יידן געהערן צו אונדז און מיר וועלן זיי שוין אומברענגען — האָט דער רומענישער מאַיאָר געזאָגט — איר האָט קיין שום רעכט נישט זיי צו שיסן. טראַנסניסטריע געהערט צו אונדז און מיר וועלן די יידן פאַרניכטן אויף אונדזער אופן" . . .

די דייטשן האָבן אָבער נישט געוואָלט אָוועקגיין מיט „ליידיקע הענט", האָבן זיי פאַרלאַנגט גאָלד און זילבער אויסלייז־געלט.

די יידן האָבן געגעבן די דייטשע מערדער גאָלדענע רינגלעך און זייגערלעך, וואָס עס איז זיי נאָך פאַרבליבן, און די דייטשן זיינען אַוועקגעפאָרן אויף זייערע מאָטאָרציקלען.

אָבער די דייטשע מאַכט האָט נישט געוואָלט, אַז די רומענער זאָלן וויטער שיקן יידן קיין טראַנסניסטריע.

עס איז פאַראַן אַ דאָקומענט פון דעם אַרכי־נאַצי אייכמאַן, אין וועלכן ער פאַרלאַנגט, אַז די רומענער זאָלן אָפּשטעלן דעם נישט־אָרגאַניזירטן גירוש פון רומענישע יידן קיין טראַנסניסטריע. [8] דער בריוו איז דאַטירט: בערלין, דעם 14־טן אַפּריל, 1942. „אייכמאַן איז קעגן דעם מען זאָל שיקן יידן קיין טראַנסניסטריע", נישט דערפאַר, ווייל ער איז געווען, חס ושלום, אַ פריינט פון יידן, נאָר ווייל די ניט־אָרגאַניזירטע גירושים און דאָס לאָזן זיי אויסשטאַרבן פון הונגער און מגיפות „וועט אויך פאַרשפרייטן מגיפות צווישן דער דייטשער אַרמיי און וועט אויך אָנשטעקן די אָרטיקע איינוואוינער" . . .

אייכמאַן האָט געהאַט זיין אייגענעם פּלאַן ווי אַזוי שנעלער און ווירקזאַמער אומצוברענגען די יידן; זיי צו שיקן אין די גאַז־קאַמערן און אין די טויטן־לאַגערן, און אַזוי אַרום וועט עס גאָרנישט שאַטן דער דייטשער אַרמיי און די אָרטיקע איינוואוינער . . .

— און מיר האָבן אין שאָטן פון טויט — דערציילט הרב האָגער — אויך געפּראַוועט דעם סדר און געהאַט מצות.

— פונוואַנען האָט איר געקראָגן מעל אויף מצות?

— איך האָב געהאַט אַ פעלץ, וואָס איך האָב מיטגענומען פון טשערנאָוויץ און אים געטראָגן אויף מיין לייב. אַ מלבוש איז דעמאָלט ווערט געווען אַ פּוד גאָלד, בין איך אַוועק צו אַ פּויער און האָב אים אַוועקגעגעבן מיין פעלץ און דערפאַר געקראָגן פון אים אַ פּוד ווייץ.

— איך בין אַוועק צו אַ סטאָליער און געלאָזט מאַכן וואַלגערהעלצער. דעם ווייץ האָבן מיר „צעמאָלן" אויף אַ בלעך מיט שפּיציקע נעגל, דאָס איז

8) פאַרעפנטלעכט אין „הפתרון הסופי"—תעודות על השמדת יהודי אירופה, בידי הנאצים, בית לוחמי הגיטאות ע"ש יצחק קצנלסון למורשת השואה והמרד, הוצאת הקיבוץ המאוחד, תשכ"א, זייטן 82־83.

געווען אַזאַ מין „מיל״, וואָס מיר האָבן אַליין דערפונדן. און געבאַקן האָבן מיר אין דעם שטאַטישן אויוון. ווייל די יידן האָבן געהאַט אויפגעשטעלט אַן אויוון און דאָרט האָט מען געבאַקן ברויט פאַר די פּויערים, האָט מען אָפּגע־דונגען דעם אויוון אויף אַ טאָג, אים געגליט און גע׳כשר׳ט די וואַלגערהעל־צער און די כלים און מען האָט געבאַקן מצות.

כמעט אַלע יידן האָבן געקראָגן אַ מצה אָדער צוויי אויף פּסח, און די אַנדערע טעג פּסח האָט מען געגעסן קאַרטאָפל.

.·.

— אַזוי האָבן יידן געלעבט דריי יאָר אין דעם שטעטל ווערכאָווקע.

— ווען מען האָט אונדזער מחנה צעטיילט, זיינען מיר געווען אַ צוויי טויזנט פינף הונדערט נפשות. אָנגעקומען קיין ווערכאָווקע זיינען מיר בלויז אַן ערך 1,200 נפשות, די אַנדערע זיינען אומגעקומען אויפן וועג.

— און פון די 1,200 נפשות זיינען געבליבן לעבן, ווען די רויטע אַרמיי האָט אונדז באַפרייט, בלויז נאָענט צו אַ 500 נפשות.

.·.

אויפן וועג קיין טראַנסניסטריע איז דער האָראָדענקער רבי געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ גרויסער קוטשמע, האָט ער געלייגט די תפילין של ראש אונטער דער קוטשמע, כדי די רומענישע זשאַנדאַרן זאָלן עס ניט באַמערקן.

אָבער איינמאָל האָט אַ זשאַנדאַרם דערזען אַז דער רבי לייגט תפילין, איז ער צוגעלאָפן צו אים און האָט אים אָנגעהויבן צו שלאָגן איבערן קאָפּ מכות רצח. הרב ר׳ אברהם יהושע האָט איינגעשטעלט זיין לעבן ער זאָל אַרויסראַטעווען דעם רבי׳ן פון די רוצח׳ישע הענט . . .

דער רבי האָט פאַרלוירן די ברילן און האָט גאָר נישט געזען, הרב ר׳ אברהם יהושע האָט זיך מוסר נפש געווען און האָט געזוכט די ברילן אין שניי און זיי געפונען . . .

און אויפן צווייטן טאָג האָט דער רבי און אויך אַנדערע יידן ווידער גע־לייגט תפילין . . .[9]

.·.

די רומענישע פאַשיסטן האָבן געטריבן די יידן ביז זיי זיינען אָנגעקומען היבטערן שטעטל אָבאָדאָווקע.

דאָרט האָבן די רומענער דערלויבט די יידן זיי זאָלן אַריין אין אַ פערד־שטאַל. אין שטעטל האָט מען נישט געטאָרט אַריינגיין. דאָרט זיינען טויזנ־טער יידן געלעגן אין די בלאָטעס. די פאַרטריבענע יידן האָבן דאָרט גע־

9) פון גבית עדות פון הרב האַגער.

טראָפן יידן פון בעסאַראַביע. די רומענישע רעגירונג האָט אין ערשטן טראַנספּאָרט קיין טראַנסניסטריע פאַרשיקט 1,500 יידן פון קעשעניעוו און דערנאָך זיינען כסדר געגאַנגען טראַנספּאָרטן מיט יידן פון בעסאַראַביע קיין טראַנסניסטריע און בוקאָווינע אַזוי, אַז דעם 13טן אויגוסט 1942, איז מודיע די „קראַקאַוער צייטונג", אַז אין טראַנסניסטריע זיינען שוין געווען 185,000 יידן. דערנאָך זיינען צוגעקומען נאָך טויזנטער און טויזנטער יידן און לויט ווי עס גיט אָן יוסף שעכטמאַן [10] זיינען מינדעסטנס 200 טויזנט יידן פאַר־שיקט געוואָרן קיין טראַנסניסטריע.

און פּלוצלונג האָט מען אין פערד־שטאַל געמאַכט אַ גרינטלעכע אונ־טערזוכונג ביי יעדן יידן, צי ער האָט באַהאַלטן גאָלד און זילבער.

האָבן די רומענישע זשאַנדאַרן געפונען ביי דעם רב, ר' אברהם יהושע האַגער, דאָס קליינע ספר תורה'לע פון ריזשינער רבי'ן, וואָס ער האָט באַ־קומען פון באַיאַנער־טשערנאָוויצער רבי'ן, ר' אהרן פרידמאַן, און ער האָט עס געטראָגן די גאַנצע צייט אין אַ קליין זעקעלע אָנגעהאַנגען הינטער זיין קאַפּאָטע.

די רומענישע פאַשיסטישע זשאַנדאַרן האָבן צוגענומען דאָס ספר־תורה'לע.

אין דער מחנה פון די פאַרוואָגלטע יידן איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה. עפּעס האָבן זיי געגלויבט, אַז דאָס ספר תורה'לע איז זייער שמירה . . .

האָבן זיך עטלעכע יידן איינגעשטעלט דאָס לעבן און זיינען געגאַנגען צום רומענישן מאַיאָר בעטן ער זאָל צוריקגעבן דאָס ספר תורה'לע.

און דער מאַיאָר האָט צו זיי געזאָגט:

„נאַרישע יידן, וואָס איר זענט, וואָס דאַרפט איר אַ ספר תורה? איר וועט אַלע סיי ווי אומקומען. מען וועט אייך אַזוי לאַנג פירן אין די זומפּן ביז איר וועט אַלע אויסגיין" . . .

ערשט איצט האָבן די יידן פאַרשטאַנען וואָס די כוונה פון די רומענער זיינען געווען, אַז מען פירט זיי אָן אַ ציל, און אַז די איינציקע כוונה איז — די יידן אַזוי לאַנג אויסצומאַטערן, ביז אַלע וועלן אומקומען . . .

און די יידן זיינען געוואָרן מרה־שחורה'דיק. אין פערד־שטאַל זיינען יעדן טאָג געשטאָרבן מענטשן, זיי זיינען געלעגן צוזאַמען מיט די לעבע־דיקע, וואָס האָבן געוואַרט אויפן טויט . .

נעבן דער שטאַל איז געווען אַ גרויסע גרוב, און יעדן טאָג האָבן די רומענישע פאַשיסטן אַריינגעוואָרפן די מתים. די גרוב איז געווען טיף און ווען הרב ר' אברהם יהושע האַגער איז נאָך דער באַפרייאונג צוריקגע־קומען צו דער גרוב, הינטער אבאַדאָווקע, האָט ער דאָרט געטראָפן עטלעכע לעבנגעבליבענע יידן, האָבן זיי אים געזאָגט, אַז אין דער גרוב זיינען באַ־

10) „ייוו"אָ־בלעטער", באַנד 27.

גראָבן געוואָרן צוועלף טויזנט יידן, וואָס זיינען דאָרט אומגעקומען . . .

אין דעם פערד־שטאַל איז אויך געלעגן דער באַיאַנער־טשערנאָוויצער רבי, ר׳ אהרן פרידמאַן. ער איז קראַנק געוואָרן אויף פלעקן־טיפוס און ער האָט אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה י״ג, אָדער י״ד חשון, תש״ב (1942).

אויך זיין רבי׳צין העניע, דעם אַנטעניער רבי׳נס טאָכטער, איז דאָרט אומגעקומען.

הרב ר׳ אברהם יהושע האָגער האָט זיי דאָרט געשטעלט אַ מצבה.

פון אָבאָדאָווקע האָט מען די לעבנגעבליבענע יידן געטריבן קיין ווערכאָווקע. דאָרט האָט מען די יידן צוערשט אַריינגעטריבן אין אַן אַלטער הילצערנער שול. דאָס איז געווען שבת פאַרנאַכט. די יידן זיינען געלעגן אין דער ווייבערשער שול, זיי האָבן אַראָפּגעקוקט אין דער שול אַריין און זיי האָבן געזען, אַז אויף דער פּאָדלאָגע וואַלגערן זיך צעריסענע ספרי תורות אויסגעמישט מיט שטיינער און אָפּפאַל.

די יידן זיינען אַראָפּ אין שול און האָבן אויפגעהויבן די „ריינקייטן“. זיי האָבן די ספרי תורות אַריינגעשטעלט אין ארון־קודש, אָבער מיט אַ טאָג שפּעטער האָבן די רומענישע נאַציס צענומען די שול. לויט ווי די יידן פון ווערכאָווקע האָבן געזאָגט, איז די שול אַלט געווען אַ זיבן הונדערט יאָר . . .

אין ווערכאָווקע איז שוין געווען אַ יידישער ישוב. עס זיינען דאָרט געווען אַ פּאָר צענדליק יידן. די רומענער האָבן די פאַרטריבענע יידן פון טשערנאָוויץ דערלויבט זיך איינצוקוואַרטירן ביי פּריוואַטע מענטשן.

אָבער דער גאַנצער יידישער ישוב איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער „וועלט“ און די רומענער האָבן געוואָלט אויסהונגערן ביז צום טויט די יידן פון בוקאָווינע צוזאַמען מיט די יידן פון ווערכאָווקע.

דער האָראָדענקער רבי איז אין ווערכאָווקע קראַנק געוואָרן אויף טיפוס צוזאַמען מיט זיין זון ר׳ ברוך.

עס איז נישט געווען קיין מעדיצינען, און כאָטש עס זיינען צווישן די פאַרטריבענע געווען אַ צאָל דאָקטוירים, האָבן זיי גאָר נישט געקאָנט העלפן, ווייל די נאַציס און די רומענישע פאַשיסטן האָבן נישט געוואָלט געבן קיין מעדיקאַמענטן און איז ווער קראַנק געוואָרן, האָט מען געהאָט די איינציקע האָפענונג, אַז פון הימל וועט קומען די ישועה, קיין מעדיצינען האָט מען נישט געקאָנט באַקומען.

ר׳ ברוך איז נפטר געוואָרן י״ג כסלו תש״ב (1942).

און מיט אַכצן שעה שפּעטער, דינסטיק, פינף אַזייגער פאַרנאַכט, י״ג כסלו, איז אויך ר׳ ברוכ׳ס פאָטער, דער האָראָדענקער רבי, ר׳ יחיאל מיכל האָגער נסתלק געוואָרן.

און זעט די גרויסקייט און הייליקייט פון יידן.

כאָטש מען האָט געליטן הונגער און קיין גראָשן איז נישט געווען ביי

דער נשמה, האָבן יידן געגעבן די לעצטע מטבעות, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט צו אַ בעל־הבית פון שטעטל ער זאָל אויפקאָכן טעפּ הייס וואַסער, כדי מען זאָל מטהר זיין דעם האָראָדענקער רבי׳ן לויטן יידישן דין און דער האָראָדענקער רבי איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן יידישן בית החיים אין ווערכאָווקע.

אויך די האָראָדענקער רבי׳צין, בלומה רייזל, די טאָכטער פון אַנטע־ניער רבי׳ן, ר׳ חיים האַגער, האָט געלעבט בלויז נאָך דריי טעג, און זי איז אויסגעגאַנגען י״ז כסלו, תש״ב.

הרב ר׳ אברהם יהושע האַגער האָט צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידן גע־קאַטשעט אַ גרויסן שטיין, וואָס זיי האָבן געפונען אין אַ פעלד, אים אַריבער־געשלעפּט אויפן בית הקברות און אויפן שטיין אויסגעקריצט די נעמען פון האָראָדענקער רבי׳ן, דעם נאָמען פון זיין זון ר׳ ברוך, וועלכע ליגן צוזאַמען, און זיי געשטעלט איין מצבה. [11]

די האָראָדענקער רבי׳צין איז באַגראָבן געוואָרן באַזונדער און אויך אויף איר קבר האָט הרב ר׳ אברהם יהושע האַגער געשטעלט אַ מצבה.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז אויך די זאַלעשטשיקער רבי׳צין, הרב ר׳ אברהם יהושע האַגערס מוטער, נפטר געוואָרן. דאָס איז געווען כ״ח כסלו, תש״ב.

און אויך אויף איר קבר האָט איר זון הרב האַגער געשטעלט אַ מצבה.

דאָרט איז אויך אומגעקומען די רבי׳צין שיינדעלע, די טאָכטער פון וויזשניצער רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל האַגער (איר מאַן איז געווען ר׳ שלום יוסף פון טשערנאָוויץ). און הרב האַגער האָט אויך אויף איר קבר געשטעלט אַ מצבה.

אויך דער באַיאַנער רבי ר׳ מאָטעלע איז אומגעקומען אין ווערכאָווקע. זיין פּטירה איז געווען י״ז טבת, תש״ב. זיין רבי׳צין, די טאָכטער פון וויזש־ניצער רבי׳ן ר׳ ישראל׳טשע האַגער, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם טראַנס־ניסטריע גיהנום, איז נאָך דער באַפרייאונג געפאָרן מיט אַ מעפּילים־שיף קיין ארץ־ישראל. די שיף איז געזונקען געוואָרן דורך די נאַציס, און די רבי׳צין איז דערטרונקען געוואָרן צוזאַמען מיט עטלעכע הונדער יידן . . .

אויך שיינדעלעס זון, ר׳ אברהם יעקב איז געשטאָרבן אין ווערכאָווקע בעת דער מגיפה, כ״א כסלו, תש״ב.

אָט אַזוי זיינען גאַנצע רבי׳שע משפחות אומגעקומען אויף קידוש השם אין די טראַנסניסטריע־זומפּן צוזאַמען מיט צענדליקער טויזנטער יידן, הי״ד.

„די רויטע אַרמיי האָט אונדז באַפרייט אין מערץ 1944 — דערציילט הרב האַגער — מיר האָבן געהאַט אַן אמת׳ע שמחה, ווייל עטלעכע טעג

11) וועגן אומקום פון ר׳ ברוך האַגער, דעם האָראָדענקער רבי׳נס זון, געפינט זיך אין „דרכנו״, בוקאַרעסט, נומער ג׳, אין אַן אַרטיקל פון הרב מימוני. דאָרט ווערט אָנ־געגעבן אַז ער איז אויסגעגאַנגען אין ווערכאָווקע, נעבן בערשאַד, י״ג כסלו תש״ב (1942) צוזאַמען מיטן פאָטער.

פריער, איידער די רויטע אַרמיי איז אַריין, איז געווען אַ שרעק, אַז די אוקראַינישע שומרים מיט די רומעניש זשאַנדאַרן, וועלן אַלע יידן אויסשעכטן. אָבער ווען די רוסישע ארמיי האָט זיך דערנענטערט צו אונדזער שטעטל, האָבן די אוקראַינער נאַציס שוין מורא געהאַט פאַר זייער אייגן לעבן. די רויטע אַרמיי איז געגאַנגען צו שנעל, זיינען די אוקראַינישע נאַציס פריער אַנטלאָפן. אויך די רומענישע קאָמאַנדע איז אַנטלאָפן און מיר זיינען געבליבן אויף הפקר ביז די רויטע אַרמיי האָט אונדז באַפרייט".

און אַ טאָג נאָך דער באַפרייאונג האָט הרב ר' אברהם יהושע האגער צוזאמען מיט אַ גרופע יידן, אויפגעשטעלט מצבות אויף די קברים פון זיינע קרובים, די רבי'שע קינדער, וואָס זיינען אומגעקומען אין טראַנסניסטריע.

נייע מצבות האָט הרב האָגער אַליין אויפגעשטעלט אויף די קברים פון די רביים פון האָראָדענקע, באַיאַן־טשערנאָוויץ און אויף די קברים פון זייערע רבי'צינס און זייערע קינדער.[11א]

.·.

און פון די איבער 200 טויזנט יידן, וואָס זיינען פאַרשיקט געוואָרן קיין טראַנסניסטריע, זיינען געבליבן לעבן אַרום 61,000 יידן. אַזוי האָט אָנגעגעבן אַ באַריכט דער פולקאָווניק ראַדולעסקו ביי אַ זיצונג מיט מאַרשאַל אַנטאָנעסקו.[12]

יאָ, די יידן האָבן זיך נישט געלאָזט אויסשעכטן ווי שאָף אויך אין טראַנסניסטריע. זיי האָבן נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון די יידן אין וואַרשעווער געטאָ און זיי האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד.

אַ קאָלומנע פון טויזנט יידן, וואָס זיינען „רעקוויזירט" געוואָרן דורך דייטשע אינזשענערן צו צוואַנגס־אַרבעט ביי שאָסייען, האָבן געשטעלט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און „אויף ביידע זייטן זיינען געפאַלן קרבנות".[13]

און לויט אינפאָרמאַציעס, וואָס זיינען באַקאַנט געוואָרן אַ סך שפּעטער אין מאָסקווע, זיינען אַזעלכע אויפשטאַנדן פאָרגעקומען אויך אין די שטעט סמאָטרישטש, הוסיאַטין, סטאַראַיאַ־אושיצאַ און דינעוויץ.

11א) וועגן האָראָדענקער רבי'ן ר' יחיאל־מיכל האָגער, הי"ד, האָט ד"ר שלמה ביקל אַן עסיי: „דער אוהב ישראל", וועגן שמואל־אבא, דער זון פון ר' פּנחס סופר, וועלכער איז געווען גבאי ביים האָראָדענקער רבי'ן, אין זיין בוך: „עסייען פון יידישן טרויער", ניו־יאָרק, 1948.

12) שעכטמאַן אין פריער־דערמאָנטן אַרטיקל.

13) זאָגט אַ באַריכט פון דער נייעס־אַגענטור „אנא".

דערווישעווער רבי ר׳ ברוכ׳ל אומגעקומען אין אוישוויץ

ער האָט מציל געווען הונדערטער יידן און איז אַליין אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשע מערדער. — זיין פאָטער, דער רבי ר׳ מענדעלע, איז געווען אַ זון פון וויזשניצער רבי׳ן ר׳ ישראל. ער האָט אויפגעשטעלט אַ ישיבה אין ווישעווע.

י״ג טבת תש״א (1941), אינמיטן דער גרויסער וועלט־שחיטה, פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז נפטר געוואָרן דער רבי ר׳ מענדל (מנחם) האַגער, רב און רבי אין ווישעווע, וואו ער האָט פאַרנומען דאָס כסא הרבנות פון יאָר תרפ״ה (1925).

דער ווישעווער רבי ר׳ ברוך האַגער, הי״ד (לינקס)

דער ווישעווער רבי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרמ״ה (1885) אין דעם דאָרף בעדוויליאַ, דאָרט וואו דער וויזשניצער רבי האָט געהאַט דאָס ערשטע כסא רבנות. בעדוויליא איז אין דעם קרייז פון מאַרמאַראָש. דער וויזשניצער רבי ר׳ ישראלניו, האָט זיין קינד אַ נאָמען געגעבן נאָך דעם קינד׳ס עלטער־זיידן, ר׳ מנחם מענדל פון קאָסאָוו, דעם בעל „צמח צדק״, וועלכער האָט געגרינדעט די קאָסאָווער־וויזשניצער רבישע דינאַסטיע.

שוין אין די יונגע יאָרן האָט ר׳ מענדעלע אַרויסגעוויזן גרויס בקיאות און חריפות אין לערנען. מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער האָט דעם שאַרפן מוח אין לערנען פון זיין זיידן דעם דזשיקאָווער רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל (האָראָוויץ) דעם בעל „אמרי נועם״. (דער וויזשניצער רבי ר׳ ישראלניו איז געווען אַן אײדעם פון דזשיקאָווער רבי׳ן).

דער ווישעווער רבי איז מוסמך געוואָרן פאַר הוראה פון דעם בערזשאַ־נער גאון ר׳ שלום־מרדכי שוואַדראָן און פונעם טשערנאָוויצער רב ר׳ בנימין אריה ווייס.

צו זיבעצן יאָר האָט ר׳ מענדעלע חתונה געהאַט מיט זיין פעטער׳ס טאָכטער — דער רבי ר׳ מרדכי כאַדאָראָוו, וועלכער איז געווען אַן אײדעם פון רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל פון וויזשניץ. נאָך ביים לעבן פון זיין פאָטער, אין יאָר תר״ע (1910) איז ר׳ מענדעלע געוואָרן יונגער רב אין וויזשניץ. מען דערציילט, אַז איינמאָל האָט מען דעם וויזשניצער רבי׳ן איבערגעזאָגט אַ דרשה וואָס זיין זון ר׳ מענדעלע האָט געהאַלטן, האָט דער וויזשניצער רבי געזאָגט: „ווייס איך דען נישט, אַז מיין זון האָט אַלע מעלות טובות, אָבער איין חסרון האָט ער וואָס ער קאָן אים נישט פאַרריכטן, דאָס איז: וואָס ער איז מיין זון״...

און איינמאָל איז דער וויזשניצער רבי געשטאַנען פאַר דעם ספרים־שאַנק אין זיין בית המדרש, האָט ער געזאָגט: „ביי מיר שטייט ש״ס אין דער שאַנק און ביי מיין זון געפינט זיך ש״ס אין קאָפּ״...

דער ווישעווער רבי ר׳ מענדעלע האָט געגרינדעט די גרויסע ישיבה „בית ישראל״ אין וויזשניץ, וועלכע האָט עקזיסטירט ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז אַנטלאָפן צוזאַמען מיט זיין פאָ־טער און דער גאַנצער וויזשניצער משפחה קיין גרויסוואַרדיין, אונגאַרן.

אין יאָר תרפ״א (1921) איז דער רבי ר׳ מענדעלע אויפגענומען געוואָרן פאַר רב אין ווישעווע.

דער רבי ר׳ מענדעלע איז געווען דער פינפטער רב אין ווישעווע, וועלכע איז געווען איינע פון די פיר גרויסע קהילות אין מאַרמאַראָש.

ווישעווע האָט געהאַט גרויסע רבנים און אנשי שם. דער ערשטער רב איז געווען ר׳ חנוך זונדל, וועלכער איז געווען 22 יאָר רב אין שטאָט פון די יאָרן תקפ״ה ביז תר״ז. אויף זיינע עלטערע יאָרן איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל און איז נפטר געוואָרן אין צפת. ער איז געווען אַ תלמיד פון סיגעטער רב, ר׳ מנחם שטערן, און ער ווערט דערמאָנט אין שו״ת ספר „בית שלמה״, אורח חיים, סימן ס״ה.

דער צווייטער רב איז געווען ר׳ יוסף יוזפא, אַ תלמיד פון ר׳ משולם איגרא פון טיסמעניץ און אַ חסיד פון ר׳ מנחם מענדל פון קאָסעוו.

דער דריטער רב איז געווען ר׳ שמואל שמעלקא גינצלער, דער מחבר פון ספר „משיב נפש״ אויף תורה, ער איז נאָך געפאָרן צום אוהעלער רבי׳ן,

ר׳ משה טייטלבוים, דעם בעל „ישמח משה״ און ער איז געווען אַ תלמיד פון לעמבערגער גאון, דעם בעל „שואל ומשיב״. 45 יאָר איז ער געווען ווי־שעווער רב. ער האָט אויך אָנגעפירט מיט דער ישיבה אין שטאָט.

דער פערטער רב איז געווען ר׳ אליעזר דוד גרינוואַלד, דער מחבר פון ספר „קרן לדוד״ אויף תורה און שו״ת „קרן לדוד״. שפּעטער איז ער גע־וואָרן רב אין סאַטמאַר [1]

און דער פינפטער רב איז געווען דער רבי ר׳ מענדעלע האַגער.

דער ווישיווער רבי, ר׳ מענדעלע האַגער

ר׳ מענדעלע איז אויפגענומען געוואָרן פאַר רב אין ווישעווע אין יאָר תרפ״א (1921). דער קבלת פנים אין שטאָט איז געווען גאָר אַ גרויסער, דער וויזשניצער רבי איז געקומען מיט טויזנטער חסידים קיין ווישעווע אין אַ ספּעציעלן צוג און הונדערטער חסידים זיינען געקומען צופאָרן אויף שבת מיט וועגענער און פורן.

די ערשטע דרשה האָט דער ווישעווער רב געהאַלטן אין שול אויף דעם ענין: „קדושה ראשונה קידשה לשעתה וקידשה לעתיד לבוא״. ער האָט געזאָגט אַ גרויסן פלפול און געוואָרפן מיט מאמרי חז״ל פון ש״ס בבלי און ש״ס ירושלמי.[2]

1) זע „מצבת קודש״, פון הרב יקותיאל יהודה גרינוואַלד, זייט 25, הערה 58, אויך די הקדמה צום ספר „משיב לנפש״ פון הרב גינצלער, ווי אויך דאָס ספר „מספרות ישראל באונגריה״ פון נפתלי בן מנחם, זייט 283.

2) „המודיע״, תשכ״א.

דער ווישעווער רב האָט אויפגעשטעלט אַ גרויסע ישיבה אין שטאָט. עס האָבן דאָרט געלערנט איבער 300 תלמידים. ער אַליין האָט געזאָגט אַ שיעור פאַר די תלמידים און ער פלעגט יעדן פרייטיק פאַרהערן די תלמידים. שבת האָט ער געדאַוונט פאַרן עמוד און געפירט „טישן", ער האָט געזאָגט תורה. ער איז געווען אַ גרויסער בעל מנגן און האָט געזונגען די סקאַרבאָווע וויזשניצער ניגונים און וואָלעכלעך.

די ווישעווער ישיבה האָט געהאַט אַן אייגענע קיך. עס איז אָפּגעשאַפּט געוואָרן דאָס „עסן טעג" פאַר די ישיבה בחורים.

דער ווישעווער רבי האָט אויסגעבויט אַ הויז פאַר די ישיבה בחורים צו שלאָפן און ער איז צוליב דעם אַרומגעפאָרן אין פאַרשידענע לענדער אין אייראָפּע. ער איז אויך געווען אין אַמעריקע כדי צו קריגן די נויטיקע געלט־מיטלען צו קענען אויפבויען און אויסהאַלטן דעם בנין פאַר דער ישיבה און פאַר די ישיבה בחורים.

דער ווישעווער רבי איז געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר תרפ"ח (1928). ער האָט געהאַט אַ מנהג, אַז ווען ער האָט געהאַלטן אַ דרשה איז ער צוגעגאַנגען צום אָרון־קודש, האָט געגעבן אַ קוש דעם פּרוכת, האָט געזאָגט „לשם יחוד", האָט פאַרמאַכט די אויגן און ער האָט אַזוי געהאַלטן פאַר־מאַכט די אויגן אין משך פון דער גאַנצער צייט פון דער דרשה, וואָס האָט געדויערט, על פי רוב, דריי־פיר שעה. אַמאָל פלעגט ער וויינען בעת דער דרשה, אָבער די אויגן האָט ער קיינמאָל נישט געעפנט . . .

חסידים האָבן געזאָגט, אַז דאָס האָט ער מקבל געווען פון זיין פאָטער, ווייל דער דרך פון די צדיקי וויזשניץ איז געווען נישט צו האַלטן דרשות, אָבער אין אונגאַרן האָט יעדער רב געדאַרפט זאָגן אַ דרשה. האָט דער פאָ־טער אים אָנגעזאָגט, אַז ווען ער וועט האַלטן אַ דרשה, זאָל ער זי זאָגן מיט פאַרמאַכטע אויגן; ער זאָל נישט קריגן קיין שמץ פון גאוה, ווען ער וועט זען ווי אַזאַ גרויסער עולם שטייט שעה'ן־לאַנג און הערט זיך צו צו זיין דרשה . . .

די ישיבה אין ווישעווע האָט אַרויסגעגעבן אַ סך תלמידי חכמים. דער רבי אַליין פלעגט יעדן פרייטיק פאַרהערן די ישיבה־בחורים, ער פלעגט אויפשטיין פיר פאַרטאָג און אַליין איינהייצן דעם אויוון אין בית המדרש, כדי ווען די ישיבה בחורים וועלן אַריינקומען אין בית־המדרש אַריין לער־נען פאַרטאָג, זאָלן זיי שוין האָבן אַ וואַרעמען אויוון . . .

אַחוץ דעם וואָס דער ווישעווער רבי האָט אָנגעפירט מיט דער ישיבה איז ער אויך געווען דער נשיא פון קופּת ר' מאיר בעל הנס פון „כולל וויזשניץ".

און אַזוי ווי אין דער וואָכן איז ר' מענדעלע געווען רב און ראש ישיבה אין שטאָט, איז ער שבת געוואָרן רבי פאַר טויזנטער חסידים וואָס זיינען געקומען קיין ווישעווע.

דער ווישעוועער רבי האָט געפירט טישן פרייטיק צו נאַכטס ביז פאַר־טאָג. ער פלעגט זאָגן: „ווי קאָן מען גיין שלאָפן? אַ ייד איז דאָך אַ ׳שומר שבת׳ און אַ ׳שומר טאָר נישט שלאָפן״...

ווען דער וויזשניצער רבי ר׳ ישראלניו איז נסתלק געוואָרן כ׳ סיון תרצ״ו (1936) איז דער ווישעוועער רב נישט געווען ביי דער לוויה, ווייל ער איז געווען ווייט אַוועק פון גראָססוואַרדיין.

חסידים דערציילן מופתים פון ווישעוועער רבי׳ן. צוויי מופתים ווערן געבראַכט אין ספר „תפארת שבמלכות״, פון יצחק אלפסי (זייטן 259־269).

איין מופת איז ווי אַזוי דער ווישעוועער רבי האָט מיט זיין פּעלץ גע־ראַטעוועט צוויי קליינע קינדער, וואָס ער האָט געפונען אויף אַ פאַרלאָזטן וועג אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג פאַרנדיק קיין ווישעווע.

אַ חוץ דעם רבי׳ן ר׳ מענדעלע׳ס ישיבה, האָט ווישעווע אַ שטיקל צייט געהאַט נאָך אַ ישיבה, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון ר׳ יעקב גאָט־ליב (שפּעטער געוואָרן רב אין מישקאָלץ).

ווישעווע האָט אויך געהאַט אַ שוחט, ר׳ משה אליעזר, וועלכער איז נאָך ביי זיין לעבן געוואָרן אַ שטיק לעגענדע און מען האָט וועגן אים גע־רעדט ווי וועגן אַ גוטן יידן.

אין ווישעווע האָבן אויפגעשלאָגן זייערע געצעלטן די פאָלגנדיקע רביים: דער ראַכעוועער רבי, דער געכניער רבי, און דער באָרשער רבי, ר׳ פּנחסל, אַ ברודער פון וויזשניצער רבי׳ן ר׳ ישאלניו.

ווישעווע האָט מען אָנגערופן „ירושלים דמאַרמאַראָש״. דאָס שטעטל איז געלעגן אין אַ טאָל אַרומגערינגלט מיט בערג. מען האָט אויפן שטעטל געזאָגט: „ווישעווע הרים סביב לה״.

דער דרך הלימוד אין דער ישיבה איז געווען: עוסק צו זיין „הלכה למעשה״, צו לערנען יורה דעה מיטן „פּרי מגדים״ אויף יעדן סעיף. די ווישעוועער ישיבה־בחורים זיינען געווען באַוואוסט פאַר בעלי הוראה.

דער ווישעוועער רבי האָט אויך ליב געהאַט צו זאָגן אַ ווערטל אַ ישיבה בחור, ווי עס איז געווען דער דרך פון ראָפּשיץ־דזשיקאָוו.

איינמאָל, האָט מיר איבערגעגעבן הרב פּראָפעסאָר דוד ווייס, וועל־כער האָט שוין אַלס עלף־יאָריק יינגל גע׳שמ׳ט פאַר אַן עלוי אין סיגעט (ער האָט דעמאָלט געקענט צוויי הונדערט בלאַט גמרא פון אויסנווייניק), אַז ער איז אַמאָל געקומען צו זיין פעטער קיין ווישעווע, האָט אים דער ווי־שעוועער רבי פאַרהערט אין לערנען און דערנאָך האָט ער אים געפרעגט: „פאַרוואָס איז פאַראַן אין רמב״ם אַ ׳הלכות תשובה׳ און אין שולחן ערוך נישט?״ דער עלף־יאָריקער עלוי איז געבליבן שטיין פאַרטראַכט און דער רבי האָט געענטפערט: „ווייל דער שולחן ערוך איז געשטעלט אויף הלכות,

וואָס איז נוגע אונדזער צייט, און „הלכות תשובה״ איז אין אונדזערע צייטן נישט קיין פּראַקטישער ענין״ . . .[3]

די קינדער פון וויזשניצער רבי׳ן ר׳ ישראלניו האָבן זיך איינגעטיילט מיט די חפצים וואָס עס זיינען פאַרבליבן. דער וויזשעווער רבי ר׳ מענדעלע האָט געקראָגן דעם זילבערנעם קערה־טעלער צום סדר און אַנדערע זיל־בערנע חפצים; דער צווייטער זון, ר׳ חיים מאיר, וועלכער איז איצט רבי אין בני־ברק, האָט געקראָגן רש״י׳ס תפילין, וואָס עס האָט געשריבן די פרשיות ר׳ משה סופר און די גאָלדענע מנורה מיט צוויי כתרי תורה און דעם טלית פון ראש השנה; דער רבי ר׳ אליעזר׳ל — דעם קיטל, וואָס

דער וויזשניצער רבי, ר׳ ישראלניו האַגער

האָט געשטאַמט פון רבי׳ן ר׳ מענדעלע פון קאָסעוו און דאָס טאַבאַק־פּוש־קעלע פון רבי׳ן ר׳ מרדכי פון נעזשכיז, און דער רבי ר׳ ברוכ׳ל — דעם קאַפּטאַן, וואָס דער וויזשניצער רבי איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין ראש השנה, די ספר תורה, וואָס די הענטלעך זיינען געווען באַגילדעט און דעם „חובת הלבבות״, וואָס דער וויזשניצער רבי האָט אים געלערנט יעדן טאָג . . .

די יידן אין וויזשעווע האָבן געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות פון זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה. צוערשט האָט דאָס שטעטל געהערט צו עסטרייך־אונגאַרן, דערנאָך צו אונגאַרן. שפּעטער איז דאָס שטעטל און די

3) דער אמת איז, אַז אין שולחן ערוך, הלכות יום כפור, איז יאָ פאַראַן הלכות וועגן תשובה, אָבער קיין ספּעציעלער אָפּטייל הלכות תשובה, ווי אין רמב״ם, איז אין שולחן ערוך נישט פאַראַן.

געגנט אַרום צוגעטיילט געוואָרן צו רומעניע. דאַן, אין יאָר 1940, ווידער די אונגאַרן, וואָס האָבן מיט דער הילף פון די דייטשן פאַרכאַפּט ווישעווע מיט דער גאַנצער סביבה אַרום.

די אונגאַרן האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש צו אונטערדריקן די יידישע קהילה. זיי האָבן פאַרענדיקט דאָס אומברענגען די יידן אין ווישעווע דעם ערשטן טאָג שבועות, תש״ד (1944), ווען די יידן אין ווישעווע זיינען געשיקט געוואָרן אין טויטן־לאַגער אוישוויץ פאַרברענט צו ווערן.

∴

„ווי נאָר די אונגארן זיינען אין יאָר 1940 אַריין אין מאַרמאַראָש און פאַרנומען ווישעווע, האָבן זיי אָנגעהויבן צו מאָרדן יידן.[4]) זייערע אַרויסהעלפער זיינען געווען די „ציפּצן״, דאָס איז אַן עטנישע גרופּע געמישט פון דייטשן און אוקראַאינער. זייער שפּראַך איז „ציפּיש״ — אַ דיאַ־לעקט פון דייטש און אוקראַאיניש.

אין די ערשטע עטלעכע וואָכן ווי נאָר די אונגאַרן זיינען אַריין אין שטאָט, האָבן די „ציפּצן״ אַריינגעבראַכט צו דער אונגאַרישער מילי־טערישער מאַכט צוויי הונדערט און עטלעכע און פערציק מסירות אויף די יידן.

די אונגאַרן האָבן גלייך אַרעסטירט פיל יידישע פּערזענלעכקייטן. נאָך יעדער מסירה האָט מען געלאָזט רופן דעם ווישעווער רב, ר׳ מענדעלע, צו דער מיליטערישער קאָמאַנדאָ, אָדער „אָרטס קאָמאַנדאָ״ און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג באַגלייט מיט נגישות און בזיונות.

מיט דער דאָזיקער שמוציקער אַרבעט האָט אָנגעפירט דער קרייז־ריכטער, דער מנובל קאָדישפאַלווא, ימח שמו, וועלכער איז געווען אַ אונגאַרישער נאַצי.

דער ווישעווער רבי איז פאַר צרות קראַנק געוואָרן. מען האָט אים געפירט קיין קלויזענבורג און דאָרט איז ער נסתלק געוואָרן י״ג טבת תש״א (1941). מען האָט דעם ארון געבראַכט אַהים קיין ווישעווע.

צו דער לוויה איז געגאַנגען קינד און קייט. אין סאַלאַש — דאָס הייסט אין גרויסן בית המדרש פון דער ישיבה, האָט מען געמאַכט אַ הספּד. עס האָט אים מספּיד געווען דער סיגעטער רב, ר׳ יקותיאל יהודה טייטל־בוים, הי״ד, מיט אַ געוויין האָט ער אויסגעשריגן: „כי לקח ממנו מנחם משיב נפש״ . . .

נאָכן הספּד האָט די ווישעווער קהילה געגעבן אַ כתב רבנות זיין עלטסטן זון, ר׳ ברוכ׳ל, הי״ד, און מ׳האָט ווינענדיקערהייט געוואונטשן

4) לויט אַ גבית עדות פון אַ ווישעווער ייד, וואָס איז געבליבן לעבן.

„מזל טוב". די ביטשקיווער קהילה האָט געגעבן אַ כתב רבנות צו זיין יינגערן זון, ר' מאיר'ל שליט"א, וועלכער וואוינט איצט אין תל־אביב, און ווידער האָט יעדער געוואונטשן „מזל טוב". ערשט דערנאָך איז די לוויה געגאַנגען פון דער ווינער גאַס, אין דער יידישער גאַס, פאַרביי די גרויסע שול, פאַרביי די חברה „עץ חיים" און תלמוד תורה, און דאַן ווייטער אַרויף אין דער גאַס, פאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז וואו דער ווישעווער רבי האָט געוואוינט אַ סך יאָרן, פון דער יידישער גאַס האָט מען דעם ארון געטראָגן צום הויכן באַרג, וואָס איז געווען דער בית הקברות.

צו די שלושים איז געווען אַ סיום משניות אין בית המדרש פון דער ישיבה, ווידער איז געווען ביטער טרויעריק אויפן האַרצן, און אַ טרויער האָט זיך געפילט אין בית המדרש, וואו דער רבי און רב האָט געלערנט מיט זיינע הונדערטער תלמידים, געפירט די שיינע „טישן" אין די שבתים און ימים טובים, אַז עס איז געקומען צום זאָגן תורה ביים סיום, האָבן די צוויי זין געזאָגט תורה, איינער פון זיי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פסוק „ה' יברך עת עמו בשלום", האָט ער געזאָגט אין נאָמען פון זייער גרויסן זיידן ר' ישראלניו, אַז „בשלו"ם" איז די ראשי תיבות פון „מי שבא לכאן ותלמודו בידו".

אויך איז דעמאָלט ביים סיום נאָכגעזאָגט געוואָרן אין נאָמען פון וויזשניצער רבי'ן, אַז די אותיות פון „שלו"ם" זיינען די ראשי תיבות פון „והושיענו מהרה למען שמך". יידן פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך דעמאָלט זייער געגוויטיקט אין אַ ישועה.

אין בית־המדרש פון דער ישיבה איז געווען אַ שיין געשניצטער ארון־קודש, וואָס ס'האָט אים געמאַכט דער טישלער ישראל פּאַלטין, הי"ד.

נעבן דעם ישיבה־בנין איז געווען אַ גרויסער גאָרטן מיט פאַרשיי־דענע פרוכט־ביימער. אין אָט־דעם גאָרטן האָט דער רבי געלאָזט אויסבויען באַקוועמע בענק מיט שטענדערס, און אין שיינע זומער־טעג האָבן די בחורים געלערנט אין גאָרטן אונטערן שאָטן פון די ביימער. אין אַ ווינקל פון גאָרטן איז געווען אויפגעבויט אַן אַלטאַנע, אין וועלכער ס'איז געווען אַ טיש מיט בענקלעך. דאָרט איז געזעסן דער רבי און האָט פאַרגעלערנט די שיעורים, אָדער פאַרהערט די בחורים.

די ישיבה האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ חודש זשורנאַל „דגל התורה" פאַר הלכה, פלפול, אגדה און שאלות, אונטער דער רעדאַקציע פון הרב יחזקאל ווידמאַן, רב פון געכניע און דער ישיבה־בחור אהרן מגיד.

∴

די משפחה פונעם רבי'ן האָט געגעבן צו באַהאַלטן צו אַ גוי אין ווישע־

ווע די זילבערנע חפצים פון רבי׳שן הויף און די כתב־יד׳ן פון אַלטן ווי־שעווער רבי׳ן ר׳ מענדעלע.

נאָך דער מלחמה האָט דער גוי צוריקגעגעבן די כתב־יד׳ן, אָבער די זילבערנע חפצים האָט ער צוגענומען . . .

די כתב־יד׳ן ווערן צוגעגרייט צום דרוק אין תל־אביב און זיי וועלן בקרוב פאַרעפנטלעכט ווערן.

פון די תורות, וואָס די תלמידים און די חסידים האָבן פאַרשריבן, האָבן מיר אָפּגעקליבן עטלעכע חסידישע ווערטלעך און תורות מען זאָל זען דעם דרך פון ווישעווער רבי׳ן.

אויפן פסוק: „וירא ישראל... ויאמר מי אלה״ (בראשית, מ״ח, ח׳) זאָגט רש״י: „שאינם ראויים לברכה״ — יעקב האָט געזען יוסף׳ס קינדער, אַז זיי זיינען אויפגעצויגן געוואָרן אין דער מצרישער קולטור, גייען אָנגעטאָן ווי מצריים, האָט ער געפרעגט יוסף׳ן: פאַרוואָס האָסטו דערצויגן די קינ־דער זיי זאָלן נישט ראוי זיין צו קיין ברכה? האָט זיך יוסף פאַרענטפערט: „בני הם״ — זיי זיינען דאָ געבוירן געוואָרן דעריבער זעען זיי שוין אויס ווי מצריים; אָבער יעקב אבינו האָט זיך נישט צופרידנגעשטעלט מיט דעם דאָזיקן ענטפער און ער האָט צו אים געזאָגט: „קחם נא אל י ;״ ווען זיי וועלן דערצויגן ווערן ווי יידן, וועל איך דעמאָלט זיי בענטשן״ . . .

אויפן פסוק: „וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ״ (שמות א׳ י״ב) זאָגט דערויף דער מדרש: פרעה האָט געזאָגט: „הבה נתחכמה לו פן ירבה״, האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט „כן ירבה״; דאָס מיינט, פרעה האָט געוואָלט אַריינברענגען אין די הערצער פון די יידן אַ ספק, דעם „טאָמער״, דעם „פּן״, אָבער דער אייבערשטער האָט געוואָלט איינפלאַנצן אין די הערצער פון די יידן דעם בטחון — האָט ער געזאָגט „כן ירבה...״

אויפן פסוק: „אמור ואמרת״ (ויקרא כ״א, א׳) זאָגט רש״י: „להזהיר גדולים על הקטנים״ — מיינט מען, אַז די גדולים, די צדיקים, וואָס זיינען שוין בעולם העליון, זאָלן מזהיר זיין די קטנים, אַז זיי זאָלן נישט פאַר־געסן אין די יידן . . .

אויף דער מצווה פון צדקה איז ניט פאַראַן קיין ברכה, ווייל עס איז פאַראַן אַ „גורם נוסף״ — אַ נותן און אַ מקבל; אַ געבער און אַ נעמער. אָבער פאַרוואָס האָט מען פאָרט נישט מתקן געווען קיין ברכה אויף אַזאַ חשוב׳ער מצווה? נאָר דער אמת איז, האָט דער רבי ר׳ מענדעלע געזאָגט, אַז ביי דער מצווה פון צדקה שטייט „כי בגלל זה יברכך ד׳״ (דברים ט״ו, י׳). דער אייבערשטער אַליין מאַכט די ברכה . . .

∴

דער ווישעווער רבי ר׳ ברוכ׳ל, דעם רבי׳ן ר׳ מענדעלעס זון, איז געבוירן געוואָרן ערב ראש חודש ניסן תרס״ח (1908); ער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ הערש פון מישלעניץ, אַ זון פון ר׳ יצחק טוביה פון סאַנז, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון סאַנזער גאון און רבי׳ן ר׳ חיים האַלבערשטאַם, דער בעל „דברי חיים״.

ווען ר׳ ברוכ׳ל איז געוואָרן רב אין ווישעווע, האָט ער געהאַלטן אַ דרשה אין שול און ער האָט גערעדט וועגן די אומגליקן, וואָס קומען אויף יידן אין מאַרמאַראָש.

דער ווישעווער רב און רבי ר׳ ברוכ׳ל האָט זיך אַריינגעוואָרפן צו העלפן די יידן, וואָס זיינען יעדן טאָג געכאַפּט געוואָרן פון דער אונגאַריי־שער פּאָליציי, אָנגעפירט פון דעם צורר היהודים קאַדישפּאַלוואַ.

די אונגאַרן פלעגן אַרעסטירן ביינאַכט; זיי האָבן געכאַפּט אַ בעקער, אַ דאָקטאָר, אַ נגיד און אַ מלמד, כדי צו צעטומלען די יידן זיי זאָלן נישט וויסן ווער עס וועט זיין דער נעקסטער קרבן... דאָס איז געטאָן געוואָרן מיטן צוועק צו באַזייטיקן וויכטיגע מענטשן און מנהיגים אין פאַל עס וועט אויסברעכן אַ ווידערשטאַנד.

די ערשטע צייט האָט דער שונא־ישראל קאַדישפּאַלוואַ געשוינט יידן, וואָס זיינען געווען אונגאַרישע בירגער. האָט דער רבי ר׳ ברוכ׳ל זיך אַריינגעוואָרפן בלב ונפש צו ראַטעווען וואָס מער יידן; בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען פאַרברענט געוואָרן די מעטריקע־ביכער, האָט דער רבי געקאָנט אויסשטעלן פאַלשע געבורט־שיינען פאַר יידן, אַז זיי זיינען אונגאַרישע בירגער. דערנאָך האָט מען געמאַכט פאַלשע פּאַפּירן פאַר יעדן יידן, אָבער דער אכזר קאַדישפּאַלוואַ האָט געוואוסט, אַז די יידן מאַכן פאַל־שע פּאַפּירן. די ערשטע צייט האָט ער געשוויגן, אַרויסגעכאַפּט בלויז איינצלנע קרבנות, דערנאָך האָט ער ביינאַכט אַרעסטירט דעם רבי׳ן, מען האָט אים אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט; און אויפן צווייטן טאָג האָט מען אים איבערגעשיקט קיין טאַלאַנז האַז. געהייסן האָט עס, אַז דער רבי איז אַרעסטירט געוואָרן, ווייל מען איז אים חושד אין ק אָ מ ו־נ י ז ם; אַז ער איז אַ קאָמוניסט, און ווי נאָר עס וועט זיך אַרויסשטעלן אַז די מסירה איז אַ פאַלשע, וועט מען אים גלייך באַפרייען, האָבן די אונ־גאַרישע באַאַמטע אין ווישעווע געזאָגט.

דאָס איז אַלץ געטאָן געוואָרן מיט אַן אויסגערעכנטן פּלאַן, כדי צו באַרואיקן די יידן, זיי זאָלן נישט אַנטלויפן, מען זאָל זיי קאָנען אַרעסטירן ביסלעכווייז, אָן רעש, און זיי זאָלן זיך לאָזן פירן צו דער שחיטה ווי שטילע לעמעלעך...

ווען די אונגאַרישע רוצחים זאָגן אויס דעם אמת, אַז דער רבי איז אַרעסטירט געוואָרן, ווייל ער האָט געמאַכט פאַלשע אונגאַרישע פּאַפּירן, וואָלטן די יידן, וואָס האָבן געהאַט אַזעלכע פּאַפּירן, אַנטלאָפן אין די דער־

פער אַריין, אָדער אַריבער קיין רומעניע, און דאָס האָבן די נאַציס, צוזאַמען מיט די אונגאַרישע פאַשיסטן, נישט געוואָלט . . .

דער ווישעווער רבי איז פון אינטערנירונגס־לאַגער טאַלאַנז־האַז אַריבערגעשיקט געוואָרן קיין קאַניזשא; און די אונגאַרישע פאַשיסטן האָבן אַלץ געטרייסט די משפחה פון רבי׳ן און די חסידים, אַז ווי נאָר מען וועט אַריבערשיקן די פּ אַ פּ י ר ן , וועט דער רבי באַלד באַפרייט ווערן.

די רבי׳צין זיינע, שיינדעלע, איז די גאַנצע צייט געווען לעבן רבי׳ן ביים אינטערנירונגס־לאַגער אויף דער פריי, זי האָט דעם רבי׳ן כסדר אַריינגעשיקט כשר׳ע פעקלעך עסן.

און ווען היטלער איז אָ פּ י צ י ע ל אַריין קיין אונגאַרן, האָט די רבי׳צין אויסגעפּועל׳ט, אַז מען זאָל דעם רבי׳ן אַריבערפירן אין דעם יידישן שפּיטאָל אין בודאַפּעסט, דאָרט האָט זי איבערגעקויפט דעם אונגאַרישן שומר און אויף אונגאַרישע אַרישע פּאַפּירן איז דער רבי אַרויסגעשמוגלט געוואָרן פון שפּיטאָל און איבערגעפירט געוואָרן קיין גרויסוואַרדיין, וואו זיין פעטער, דער רבי ר׳ חיים־מאיר׳ל — היינט אין בני־ברק — האָט געוואוינט. דאָרט האָט מען אים פאַרשאַפט רומעניש פאַפּירן און פאַרשטעלט פאַר אַ פּויער, איז דער רבי, מיט נאָך הונדערט יידן, צוגעקומען צו דער רומענישער גרענעץ, אָבער ביי דער גרענעץ האָבן נאַציס זיי געכאַפּט און דער רבי איז נאָכאַמאָל אַרעסטירט געוואָרן און ער איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין גרויסוואַרדיין אין געטאָ אַריין (דער רבי ר׳ חיים־מאיר׳ל מיט זיין משפחה און דעם ווישעווער רבי׳נס ברודער זיינען יאָ אַריבער די גרענעץ און זיי זיינען טאַקע ניצול געוואָרן).

דער רבי האָט זיך באַהאַלטן אין אַ בונקער אין געטאָ, צוזאַמען מיט נאָך אַכט יידן, אָבער דער בונקער איז אַנטדעקט געוואָרן און דער רבי איז פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ, און אומגעקומען אין אַ טויטן־לאַגער אין עלטער פון 36 יאָר.

לויט ווי די ווישעווער חסידים דערציילן, איז דער רבי ר׳ ברוכ׳ל אומגעקומען אויף קידוש השם, הי״ד, כ״ט כסלו תש״ד (1944).

פון דער ווישעווער רבי׳נס משפחה איז אומגעקומען אין אוישוויץ די אַלטע ווישעווער רבי׳צין, מרים, מיט איר אייניקל מענדעלע; אַ זון פון רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל; דעם ווישעווער רבי׳נס טאָכטער צפורה איז אויך פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ, אָבער זי איז ניצול געוואָרן, היינט וואוינט זי אין ניו־יאָרק, זי איז די פרוי פון פּראָפ. הרב דוד ווייס, וועלכער איז אַ יונגער גאון.

דעם רבי ר׳ ברוכ׳לס רבי׳צין מיט אַ זון, נפתלי, האָבן זיך געראַטעוועט, ווען זיי זיינען אַריבער די אונגאַרישע גרענעץ קיין רומעניע.

דער ווישקאָווער־ראַדזימינער רבי איז אומגעקומען מיט זיינע אַכט זין אויף קידוש השם

דער ווישקאָווער־ראַדזימינער רבי איז געקומען אויף דער חתונה פון זיין אייניקל קיין וואַרשע, און אינצווישן זיינען די דייטשן איבערגעפאַלן פוילן און ער איז שוין דאָרט געבליבן. אויך זיין ברודער, דער לאָמאַזער־שעדליצער רבי איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

דער קאָצקער רבי ר׳ מענדעלע,[1] וועלכער האָט מיט זיין שאַרפקייט און אייגנאַרטיקן דרך אין חסידות אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער חסידישער וועלט אין פוילן, האָט איבערגעלאָזט קינדער און תלמידים, וועלכע האָבן ממשיך געווען זיין דרך.

די קאָצקער דינאַסטיע האָט זיך צעצווייגט אין פאַרשידענע צווייגן און אָפּצווייגן דורך די קינדער און תלמידים.

כאָטש די תלמידים פון קאָצקער רבי׳ן זיינען ממשיך דעם קאָצקער דרך אַלס אדמו״רים ביזן היינטיקן טאָג, איז די גאָלדענע קייט פון קאָצקער רבי׳ן כמעט אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן, און עס איז נישט געבליבן קיין רבי פון דער קאָצקער גזע.

דער לעצטער רבי פון דער קאָצקער רבי׳שער דינאַסטיע איז געווען דער רבי ר׳ יעקב־אריה מאָרגענשטערן פון ראַדזימין, וועלכער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם צוזאַמען מיט זיינע אַכט זין, השם ינקום דמם.

דער רבי ר׳ יעקב אריה איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ הערשעלע (צבי הירש) פון לאָמאַז, וועלכער איז געווען דער דריטער זון פון קאָצקער רבי׳ן ר׳ מענדעלע, דעם באַגרינדער פון דער קאָצקער דינאַסטיע. דער רבי ר׳ הערשעלע איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרי״ב (1852), מ׳האָט אים געגעבן אַ נאָמען נאָך זיין זיידן ר׳ הערשעלע דישקעס פון אָפּאַטשנע. ער איז אויפ־געצויגן געוואָרן ביי זיין זיידן, דעם אַלטן קאָצקער רבי׳ן. ער פלעגט יעדן שבת אין דער פרי אַריינגיין צום קאָצקער רבי׳ן ער זאָל אים פאַרהערן, וואָס ער האָט אין דער פאַרגאַנגענער וואָך געלערנט אין חדר. אין דער איינציקער שעה האָט דער קאָצקער רבי פאַרהערט אַלע זיינע אייניקלעך און זיי געגעבן קיכלעך.

איינמאָל, האָט דער רבי ר׳ הערשעלע דערציילט, אַז ווען ער איז גע־

1) געבוירן אין יאָר תקמ״ז (1787), נפטר געוואָרן כ״ב שבט, תרי״ט (1859).

ווען אַ קליין ייִנגל האָט אים דער זיידע, דער קאָצקער רבי, פֿאַרהערט די סדרה „ויגש", האָט ער אים געפֿרעגט, פֿאַרוואָס עס שטייט „ויגש אליו יהודה" — פֿאַרוואָס האָט אייגנטלעך יהודה צו אים גענענט?

„ווייל פֿון דערווייטנס הערט מען נישט אַזוי גוט", האָט דאָס אייניקל געענטפֿערט.

האָט דער קאָצקער צוגערופֿן זיין שטוב־מענטש ר' הערשעלע טאָמאַ־שאָווער, און האָט צו אים געזאָגט: „הערש, הערש! דו הערסט וואָס דאָס ייִנגל זאָגט? — פֿון דערווייטנס הערט מען נישט, דאַרף מען גענענען!"

ווען הערשעלע איז אַלט געוואָרן 14 יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט איטע העניע'ן, די טאָכטער פֿון רבי'ן ר' שלמה, וועלכער איז געווען אַ זון פֿון דעם באַוואוסטן רבי'ן ר' יעקב אריה פֿון ראַדזימין.

דער רבי ר' יעקב אריה פֿון ראַדזימין, וועמען מען האָט גערופֿן „דער רבי ר' יעקעלע ראַדזימינער", איז נאָך געפֿאָרן צום „ייד הקדוש" און צום רבי'ן ר' בונם פֿון פּשיסכע, צוזאַמען מיטן קאָצקער רבי'ן.

די חתונה איז געפֿראַוועט געוואָרן אין יאָר תרכ"ז (1867), נישט אין קאָצק, נישט אין ראַדזימין, נאָר אין קאַלושין. נאָך דער חתונה האָט ר' הערשעלע געוואוינט אין קאַלושין, נעבן ראַדזימין, און זיין עלטער־שווער האָט אים געצאָלט פֿאַר די קעסט.

אין יאָר תרל"ג (1873), ווען דער רבי ר' דוד קאָצקער איז נפֿטר געוואָרן, איז ר' הערשעלע געוואָרן רבי פֿון אַ טייל חסידים, כאָטש ער איז אינגאַנצן אַלט געווען איין־און־צוואַנציק יאָר. אָבער אַזוי ווי זיין ברודער, ר' ישראל, איז געבליבן וואוינען אין קאָצק און דאָרט געוואָרן רבי, האָט ר' הערשעלע צוערשט געפֿירט די רביסטווע אין ראַדזימין, דאָרט האָט אים זיין עלטער־שווער אָפּגעגעבן אַ ברייוחדיקע דירה. דערנאָך האָט ער זיך באַזעצט אין דערבייאיקן שטעטל לאָמאַז. מיט יאָרן שפּעטער האָט דער רבי זיך אַריבערגעצויגן קיין פּראַגע, אַ פֿאָרשטאָט פֿון וואַרשע, דערנאָך קיין וואַרשע. דאָרט האָט ער געוואוינט ביז ער איז נפֿטר געוואָרן, אָבער גערופֿן האָט מען אים דער „לאָמאַזער רבי" און זיינע חסידים „לאָמאַזער חסידים".

דער לאָמאַזער רבי האָט געפֿירט די רביסטווע לויטן „קאָצקער דרך", אָבער ער האָט אויך געפֿראַוועט מופֿתים, וואָס דאָס האָט ער איבערגענומען פֿון זיין עלטער־שווער, פֿון רבי'ן ר' יעקעלע ראַדזימינער.

דער רבי ר' הערשעלע האָט זיינע לעצטע יאָרן געוואוינט אין וואַר־שע, ער איז נסתלק געוואָרן ג' אלול, תרפ"ו (1926), אין עלטער פֿון פֿיר־און־זיבעציק יאָר. אין דער לוויה האָבן זיך באַטייליקט טויזנטער חסידים, און זיין קבר איז אויפֿן וואַרשעווער בית הקברות, אויף דער גענשאַ גאַס. אויפֿן קבר איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַן אוהל.

נאָך דער פּטירה פֿון לאָמאַזער רבי'ן האָבן זיך די חסידים צעטיילט אין צוויי מחנות: אַ טייל חסידים האָבן געקרוינט פֿאַר זייער רבי'ן דעם

לאַמאַזער רבי׳נס עלטסטן זון ר׳ יעקב־אריה, און אַ טייל חסידים — זיין ברודער, ר׳ אברהם פנחס.

∴

דער רבי ר׳ יעקב אריה איז נאָך ביים פאָטער׳ס לעבן געוואָרן רב אין דעם קליינעם שטעטל ווישקאָוו.

חסידים פון דער געגנט האָבן שטאַרק פון אים געהאַלטן און זיינען צו אים געפאָרן בעת דער פאָטער האָט נאָך געלעבט.

דער רבי ר׳ יעקב אריה איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ מנחם מענדיל קאַליש פון אַמשינאָוו, וועלכער איז געווען אַן אייניקל פון אַלטן וואורקער רבי׳ן, וואָס האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ גרויסן אוהב ישראל.

חסידים האָבן געזאָגט, אַז דער ווישקאָווער רבי האָט אין זיך פון איין זייט די שאַרפקייט און פּקחות פון זיין זיידן, דעם קאָצקער רבי׳ן, און פון דער צווייטער זייט, די ווייכקייט און וואַרעמקייט פון וואורקער רבי׳ן.

ביידע מידות אין חסידות — די קאָצקער שאַרפקייט און וואורקער ליב־שאַפט צו יידן האָבן זיך געהאַט פאַראייניקט אינעם ווישקאָווער רבי׳ן, האָט מען ביי די טישן געהערט די שאַרפע קאָצקער תורות, און ווען מען איז אַריינגעקומען אין רבי׳נס פּראַווע־שטיבל מיט אַ קוויטל, האָט מען דערפילט די איבערגעבנקייט פון רבי׳ן צו יעדן חסיד באַזונדער. קאָצק־וואורקע האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין ווישקאָוו.

דער ווישקאָווער רבי האָט געהאַט אַ סך חסידים אין לאָדזש, און יעדעס יאָר פלעגט דער ווישקאָווער רבי קומען קיין לאָדזש אויף אַ שבת.

אין לאָדזש איז דער ווישקאָווער רבי איינגעשטאַנען ביי זיין חסיד, ר׳ זושא הענדעלעס.

דער דאָזיקער ר׳ זושא האָט געדרוקט דאָס ספר „תורת כהן", פון ר׳ זושא פון פלאָצק. און דער רבי ר׳ יעקב אריה פון ווישקאָוו האָט אים גע־געבן אַ הסכמה צו דרוקן דאָס ספר.

אין יאָר תרצ״ב (1932) איז נפטר געוואָרן דער ראַדזימינער רבי, ר׳ אהרן מנחם מענדל גוטערמאַן, וועלכער איז געווען אַ פעטער פון די צוויי רביים: פון דעם ווישקאָווער רבי׳ן און פון לאַמאַזער־שעדליצער רבי׳ן (דער ראַדזימינער רבי איז געווען אַ ברודער פון זייער מוטער).

דער ראַדזימינער רבי האָט ניט געהאַט קיין קינדער, זיינען די חסידים געבליבן אָן אַ רבי׳ן. זיי האָבן ניט געהאַט קיין יורש, וואָס מען זאָל אים קאָנען קרוינען פאַר אַ רבי׳ן, און אַזוי ווי דער רבי ר׳ יעקב־אריה איז גע־ווען אַן אייניקל פון אַלטן ראַדזימינער רבי׳ן, האָבן די ראַדזימינער חסידים אים געבעטן ער זאָל ווערן רבי אין ראַדזימין, אָבער אויך די יידן פון וויש־קאָוו האָבן אים געבעטן ער זאָל נישט פאַרלאָזן זייער שטאָט. דער וויש־קאָווער רבי האָט אַ שטיקל צייט נישט געוואוסט, וועלכע חסידים נאָכ־

צוגעבן, דאָך האָבן גובר געווען די ראַדזימינער חסידים, און דער ווישקאָ־ווער רבי האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין ראַדזימין און פון דעמאָלט אָן איז ער אָנגערופן געוואָרן דער ווישקאָווער־ראַדזימינער רבי. אין ווישקאָוו געבליבן אַן אַ רב, האָבן זיי זיך געווענדט צום רבי'ן ר' יעקב־אריה'ס זון, ר' דוד שלמה, ער זאָל ווערן זייער רב. ר' דוד שלמה האָט געשמ'ט פאַר אַ גדול בתורה און ער איז אויפן פאַרלאַנג פון די ווישקאָווער יידן געוואָרן רב אין ווישקאָוו.

אויך די עלטערע זין פון ראַדזימינער רבי'ן זיינען געווען רבנים אין פוילן. זיין עלטסטער זון, ר' ישראל יצחק, איז געווען רב אין סעראָצק. דער צווייטער זון, ר' מרדכי, איז געווען רב אין סקאַרזשיסק. זיין זון ר' אלימלך יהודה איז געווען אַן איידעם פון רבי'ן ר' יוסף פון אַמשינאָוו. זיין זון ר' בעריש איז געווען אַן איידעם פון וואָלאָמינער רבי'ן, ר' ירחמיאל. זיין זון ר' בנימין איז געווען דער איידעם פון סאָקאָלאָווער רבי'ן און זיין זון ר' משה איז געווען אַן איידעם פון גראָכאָווער רבי'ן.

דעם ווישקאָווער־ראַדזימינער רבי'נס זון ר' אלימלך יהודה, האָט געוואוינט אין וואַרשע אויף דער מילע גאַס נומער 9.

ר' אלימלך יהודה'ן האָט מען גערופן ר' מלך.

ר' מלך האָט געדאַרפט חתונה מאַכן אַ טאָכטער אין וואַרשע אויף דער מוראַנאָווסקער גאַס נומער 34. צו דער חתונה אין וואַרשע איז געקומען דער ראַדזימינער רבי מיט אַלע זיינע זין.

אינצווישן זיינען די דייטשן באַפאַלן פוילן און מען האָט די רבנ'ישע חתונה שוין געפראַוועט מיט פאַרהאַנגענע פענצטער, מען זאָל נישט זען קיין שיין פון ליכט אינדרויסן.

די גאַנצע רבנישע משפחה איז שוין פאַרבליבן אין וואַרשע, ווייל קיי־נער פון זיי האָט מער נישט געקאָנט צוריקפאָרן אַהיים.

דער ראַדזימינער רבי מיט זיינע קינדער זיינען פאַרבליבן אין הויז פון זיין זון ר' מלך אויף מילע גאַס נומער 9.[2]

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די שחיטות פון די דייטשן אויף די יידן האָבן זיך געמערט, האָט דער ראַדזימינער רבי אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן מאמר צו זיינע חסידים, מיט אַ רוף, זיי זאָלן זיך מתחזק זיין אין עבודת הבורא און זיי זאָלן נישט פאַלן אין זייער אמונה.[3]

דער דאָזיקער מאמר איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַלע שטעט און

2) לויט דער אינפאָרמאַציע וואָס עס האָט מיר איבערגעגעבן מר. מ. לובלין פון קענסינגטאָן, מערילענד, אַמעריקע, וועלכער האָט געוואוינט אינעם זעלבן הויז, אָדער הויף, אויף דער מילע גאַס נומער 9.

3) אָנגעגעבן אין ספר „הרבי מקוצק, וששים גבורים סביב לו", הוצאת „נצח", תל־אביב, 1959, זייט 676.

שטעטלעך אין פוילן און האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם צווישן אַלע חסידים אין פוילן.

דער ווישקאָווער־ראַדזימינער רבי ר׳ יעקב־אריה מאָרגענשטערן איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, צוזאַמען מיט זיינע אַכט קינדער. געבליבן לעבן איז בלויז דעם ווישקאָווער־ראַדזימינער רבי׳נס איינציקע טאָכטער, די רביצין איטע־טויבע קאַליש, די ווייב פון רבי׳ן ר׳ מאיר קאַליש שליט״א פון אַמשינאָוו.

∴

אויך דעם ווישקאָווער־ראַדזימינער רבי׳נס ברודער — דער לאָמאַזער־שעדליצער רבי ר׳ אברהם־פנחס — איז אומגעקומען אויף קידוש־השם דורך די דייטשן.

דער רבי ר׳ אברהם־פנחס מאָרגענשטערן איז געבוירן געוואָרן אין לאָמאַז אין יאָר תרל״ו (1876).

נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער, האָבן אַ טייל לאָמאַזער חסידים אים געקרוינט פאַר אַ רבי׳ן, בפרט די לאָמאַזער חסידים אין ביאַלע.

און אַ צען טעג פאַר ראש השנה האָבן די לאָמאַזער חסידים פון ביאַלע פאַרבעטן דעם רבי׳ן ר׳ אברהם פנחס אויף די ימים נוראים קיין ביאַלע.

די לאָמאַזער חסידים, די וואָס האָבן געוואָלט ממשיך זיין דעם קאָצקער דרך אין חסידות, זיינען געוואָרן חסידים פון רבי׳ן ר׳ אברהם פנחס.

עס זיינען אויך געוואָרן זיינע חסידים די לאָמאַזער חסידים פון יאַנאָוו, לוקאָוו, פאַרצעוו און פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך.

און חסידים זאָגן, אַז שוין דעם ערשטן שבת, וואָס דער רבי האָט גע־פּראָוועט טיש, האָבן זיי דערפילט, אַז עס איז אַ „קאָצקער טיש״.

חסידים זיינען געזעסן ביים טיש פול מיט אימה און פחד. מען האָט מורא געהאַט אַרויסצולאָזן דעם הויך פון מויל.

חסידים האָבן זיך באַלד דעם ערשטן שבת געשטופּט צום רבינ׳ס טיש, ווי אַמאָל ביים לאָמאַזער רבי׳ן.

די צוויי גבאים: די צוויי ברידער, ר׳ לייבל מאַנעס און ר׳ ברוך פון קאָלנע, האָבן גערופן די חשוב׳ע חסידים צום רבי׳נס טיש. מען האָט זיי געגעבן בעכערלעך ווייַן, זיי זאָלן טרינקען „לחיים״ צום רבי׳ן.

דער לאָמאַזער־שעדליצער רבי איז אָנגעקומען קיין ביאַלע אויף שבת פאַר סליחות.

מוצאי־שבת האָט מען געוואַרט מיט זאָגן סליחות ביז פאַרטאָג.

עס זיינען געקומען חסידים אויף שבת פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך און אויך מוצאי שבת זיינען אָנגעקומען חסידים פון דער סביבה אַרום, צו זיין ביים רבי׳נס ערשטע סליחות.

עס איז שוין געווען צוויי אַזייגער פאַרטאָג און דער רבי איז נאָך אַלץ

בישט אַריינגעקומען צו סליחות, ווייל ער האָט געוואָרט אויף זיין ברודער ר׳ איצעלע, וואָס איז געקומען מיט זיינע קינדער אין דער זעלבער נאַכט פון לאָדזש.

ערשט דריי אַזייגער פאַרטאָג איז דער רבי ר׳ אברהם פנחס אַריינגעקומען צו סליחות.

פאַרן עמוד האָט געזאָגט די ערשטע סליחות זיין חסיד ר׳ שמואל רובינשטיין.

דער לאַמאַזער־שעדליצער רבי איז געווען אין ביאַלע ביז איבער סוכות. נאָך סוכות איז דער רבי צוריקגעפאָרן קיין שעדליץ, און צום לאַמאַזער־שעדליצער רבי׳ן זיינען געקומען טויזנטער חסידים פון אַלע אַרומיקע שטעט און שטעטלעך.

דער לאַמאַזער־שעדליצער רבי האָט ביי די טישן געזאָגט תורות, וואָס זיינען געווען לויטן קאָצקער נוסח, — קורץ און שאַרף.

אָט זיינען עטלעכע פון זיי:

ביי חנה, ווען זי האָט געבעטן צו גאָט, שטייט: „וחנה היא מדברת על לבה״ (שמואל א׳, קאַפּיטל א׳, פסוק י״ג) — און חנה האָט גערעדט אין איר האַרצן.

ווייטער שטייט: „כי מרוב שיחי וכעסי דברתי עד הנה״ (דאָרט, פסוק ט״ז) — וואָרין פון מיין גרויסן קלאָג און מיין ערגערניש האָב איך גערעדט ביז אַהער — האָט דער רבי געזאָגט: צוערשט האָט חנה גערעדט פאַר גרויס ערגערניש וועגן ענינים וואָס זיינען נוגע איר פּערזענלעך, אָבער דאָס איז געווען „עד הנה״ — ביז אַהער. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן צו רעדן „על לבה״, וואָס איז העכער פון איר האַרץ, העכער פון אירע פּערזענלעכע ענינים. איר כוונה איז שוין מער נישט געווען אַ פּערזענלעכע — דעמאָלט האָט עלי הכהן צו איר געזאָגט, אַז דער אייבערשטער האָט זיך צוגעהערט צו איר פאַרלאַנג . . .

∴

אין די ראש השנה׳דיקע תפילות זאָגן מיר: „כי דורשיך לעולם לא יכשלו ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך״, — אין פלוג איז דאָך דאָס אַנדערש פון דער ווירקלעכקייט, ווייל מיר זעען דאָך באַשיינפּערלעך, אַז די, וואָס דינען דעם אייבערשטן פאַלן יאָ און זיי ווערן געשטרויכלט. נאָר די כוונה איז — האָט דער רבי געזאָגט — אַז זייער געפאַלנקייט איז נישט אויף תמיד „לעולם לא יכשלו״, ווייל זיי שטייען צוריק־אויף און זייער כבוד שיינט צוריק.

און איינמאָל ערב יום־כפור האָט דער רבי געזאָגט: די גמרא זאָגט אין יומא (דף פ״ו, עמוד ב׳): „גדולה תשובה שדוחה את לא תעשה שבתורה״, תשובה איז אַזוי גרויס, אַז זי איז דוחה אַ לא תעשה פון דער תורה.

פרעגט די וועלט אַ באַרימטע קשיא: וואָס פאַראַ רבותא איז דאָ? עס איז דאָך אַן אָנגענומענער כלל, אַז יעדע מצוות עשה איז דוחה אַ לא תעשה פון דער תורה?

נאָר דער תירוץ איז, אַז יעדע מצוות עשה איז טאַקע דוחה אַ לא תעשה פון דער תורה, אָבער דער לאו בלייבט אַ לאו און עס איז אין אים קיין שום מצווה נישט פאַראַן. אָבער אַז מען זאָל קענען מעלה זיין דעם לאו, ער זאָל אַליין קומען צו דער מדרגה פון א מצוה, און מען זאָל זיך נאָך מיט איר יחוס'ן, דאָס קאָן נאָר טאָן די מצוה פון תשובה, ווייל מיר ווייסן, אַז ווען מען טוט תשובה, ווערן פאַרוואַנדלט די „זדונות" אין "זכויות" — די עבירות אין מצוות . . .

⁂

דער לאַמאַזער־שעדליצער רבי האָט זיך דערנאָך אַריבערגעצויגן קיין וואַרשע, וואו עס האָבן געוואוינט די גרעסטע צאָל לאַמאַזער חסידים.

אין וואַרשע האָט ער געוואוינט אויף דער זאַמענהאָף גאַס נומער 7. דאָרט האָט ער אויך אויסגעבויט אַ בית־המדרש און אויף אַ שיינעם שבת און רגל פלעגן הונדערטער חסידים קומען צום רבי'ן קיין וואַרשע.

ווען עס איז נפטר געוואָרן זיין פעטער (זיין מוטער'ס ברודער) דער רבי ר' אהרן מנחם מענדל גוטערמאַן פון ראַדזימין, וועלכער איז אויך געווען אַ גרויסער עושר און ער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין יורשים, איז די ירושה צעטיילט געוואָרן צווישן די צוויי זין פון זיין שוועסטער: צו דעם ווישקאָווער רבי'ן און דעם לאַמאַזער־שעדליצער רבי'ן.

⁂

אַזוי האָט דער רבי געפירט רביסטווע אין וואַרשע ביז די נאַציס זיינען אַריין קיין פוילן. ער האָט געליטן פון די דייטשן גליך מיט אַלע יידן אין וואַרשע.

און בעת אַן „אויסזידלונג" פון די וואַרשעווער יידן אין די טויטן־לאַגערן אַריין, איז אויך דער לאַמאַזער־שעדליצער רבי אומגעקומען אויף קידוש השם.[4]

4) וועגן לאַמאַזאַר־שעדליצער רבי'ן געפינט זיך אין פריער־דערמאָנטן ספר, זייטן 677־681.

דער זאַלאָשיצער רבי ר׳ שם פון קראָקע אומגעקומען אין טויטן־לאַגער אין פּלאַשאָוו

דער רבי ר׳ שם איז געווען אַן אייניקל פון רבי׳ן ר׳ אייזיקל קאָמאַרנער. — די דייטשן האָבן אים דערשאָסן אין פּלאַשאָוו. — זיין לעצטע בקשה פאַרן טויט. — זיין זון האָט אַרויסגעגעבן אַ ספר, פון די כתבים, וואָס זיינען פון אים פאַרבליבן.

דער זאַלאָשיצער רבי, ר׳ שם קלינגבערג, האָט געוואוינט אין קראָקע. חסידים האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ בעל־מופת און פאַר אַ גרויסן מקובל.

פינף און דרייסיק יאָר האָט ר׳ שם געפירט זיין רבי׳סטווע אין קראָקע, און ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם אין טויטן־לאַגער פּלאַשאָוו, ביי קראָקע.



דער זאַלאָשיצער רבי, ר׳ שם קלינגבערג פון קראָקע, הי״ד

ר׳ שם קלינגבערג, דער זאַלאָשיצער רבי, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרל״ב (1872). זיין פאָטער איז געווען דער רבי ר׳ אברהם מרדכי פון זאַלאָשיץ, וועלכער איז געווען אַן אייניקל פון דער טאָכטער הינדע שרה, פון רבי׳ן ר׳ אייזיקל (יצחק) סאַפרין פון קאָמארנע, מזרח־גאַליציע.

דער רבי ר׳ אברהם מרדכי האָט געלערנט קבלה ביי זיין זיידן, דעם קאָמאַרנער רבי׳ן ר׳ אייזיקל (יצחק) סאַפרין.

ר׳ שם איז געווען אַ קליין ייִנגל, ווען זיין עלטער־זיידע, ר׳ אייזיקל קאָמאַרנער איז נסתלק געוואָרן, ט׳ אייר ביינאַכט, תרל״ד (1874).

נאָך ר׳ אייזיקל׳ס פטירה איז זיין זון, ר׳ אליעזר צבי, געוואָרן רבי אין קאָמאַרנע, און ר׳ שמ׳ס פאָטער, ר׳ אברהם מרדכי, איז אַוועק פון קאָ־מאַרנע און האָט זיך באַזעצט אין זאַלאָשיץ, פּוילן, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו רוסלאַנד.

די יידן אין זאַלאָשיץ האָבן געקרוינט ר׳ אברהם מרדכי׳ן פאַר אַ רבי׳ן. ס׳האָבן אָנגעהויבן צו אים צו פאָרן יידן פון דער סביבה און ס׳איז צו אים אויך געפאָרן אַ טייל קאָמאַרנער חסידים.

אָבער דער רבי ר׳ אברהם מרדכי האָט לאַנג נישט געוואוינט אין פּוילן, ווייל די רוסישע רעגירונג האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע עסטרייכישע בירגער מוזן פאַרלאָזן פּוילן. אַ צאָל רבנים, וואָס האָבן געשטאַמט פון גאַליציע און געהאַט רבנות־שטעלעס אין פּוילן, האָבן דעמאָלט געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

דער זאַלאָשיצער רבי האָט זיך דערנאָך באַזעצט אין קראָקע און דאָרטן אויפגעבויט אַ רבי׳ש הויף.

דער רבי ר׳ שם האָט געלערנט ביי זיין פאָטער קבלה, לויט דעם קאָ־מאַרנער נוסח [1].

וועגן רבי׳ן ר׳ שמ׳ען האָט מען פון זיין קינדהייט אָן גערעדט מיט גרויס יראת הכבוד. חסידים האָבן געזאָגט, אַז ר׳ שם האָט קיינמאָל נישט גערעדט קיין דברים בטלים און האָט נישט מפסיק געווען פון לערנען תורה, חסידות און קבלה, און איז ווייניק געשלאָפן, נאָר יומם ולילה געזעסן און געלערנט.

ווען ר׳ שם איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, האָט מען פון אים גע־שמועסט ווי וועגן אַ גרויסן בעל־מקובל.

ווען ר׳ שם איז אַלט געוואָרן פינף און דרייסיק יאָר, איז זיין פאָטער, דער רבי ר׳ אברהם מרדכי, נסתלק געוואָרן און ר׳ שם איז געקרוינט געוואָרן פון די חסידים פאַר זייער רבי׳ן.

ר׳ שם איז געווען זייער אָנגעזען אין דער חסידישער וועלט. ער איז באַטראַכט געוואָרן פון די רבנים פון גאַליציע פאַר אַ בעל מקובל און די חסידים האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בעל מופת.

ר׳ שם האָט זיך משדך געווען מיט פאַרשידענע רביים פון גאַליציע און פּוילן.

חסידים דערציילן, אַז דער רבי ר׳ שם האָט מחבר געווען אַ גרויס ספר אויף קבלה. ער האָט געוואָלט דאָס חיבור אָפּדרוקן, אָבער ווען ער האָט עס געוויזן זיין מחותן, דעם גערער רבי׳ן, האָט דער גערער רבי אים גע־

1) די רביים פון דער קאָמאַרנער גזע זיינען געווען גרויסע מקובלים.

זאָגט: „לא איכשר דרא" — דער דור איז נאָך נישט ראוי, אַז דאָס ספר זאָל געדרוקט ווערן, און ר' שם האָט דאָס ספר מער נישט געדרוקט.

שבת זיינען צום רבי'נס טיש געקומען חסידים פון קראָקע און אויף אַ „שיינעם שבת" און יום טוב זיינען געקומען אויך חסידים פון דער פרעמד.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען גאַליציע איז פאַראייניקט געוואָרן מיט פוילן, זיינען אויך געקומען קיין קראָקע חסידים פון פוילן.

דער זאַלאָשיצער רבי האָט ביים טיש געזאָגט תורה על דרך הקבלה, וואָס נישט אַלע חסידים האָבן פאַרשטאַנען.

אַט אַזוי האָט דער זאַלאָשיצער רבי געפירט אַ רחבות'דיק רבי'ש הויף ביז עס איז געקומען דער דריטער חורבן אויף די יידן אין פוילן.

ווען די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט קראָקע, איז דער רבי ר' שם, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יידן פון קראָקע, אַוועקגעפירט געוואָרן אין דעם טויטן־לאַגער אין פּלאַשאָוו.

זיין זון, ר' משה קלינגבערג, דערציילט אין ספר „אהלי שם" [2] (פון רבי'ן ר' שם, אויף תורה און מועדים, געדרוקט אין ירושלים אין יאָר תשכ"א), אַז ער האָט זיך אַריינגע'גנב'עט קיין פּלאַשאָוו, כדי צו זיין מיט זיין פאָטער צוזאַמען.

און אַט וואָס ער גיט איבער:

„איך האָב זיך אַריינגע'גנב'עט קיין פּלאַשאָוו און בין געוועזן ביי מיין פאָטער שבת. מיין פאָטער האָט געזאָגט תורה ביי שלוש סעודות, אַז דוד המלך האָט געזאָגט: „עד אבא אל מקדשי א־ל אבינה לאחריתם" (תהלים ע"ג, י"ז — ביז איך בין געקומען אין די הייליקטימער פון גאָט, האָב איך פאַרשטאַנען זייער סוף). דאָס מיינט, אַז ווען משיח וועט קומען און דער בית־המקדש וועט אויפגעבויט ווערן, דעמאָלט וועל איך אפשר פאַרשטיין דעם סוד פון דער הנהגה העליונה אין אונדזער צייט און דעם מיין פון די רציחות און שחיטות. מער האָט מיין פאָטער נישט געוואָלט רעדן וועגן דעם שוידערלעכן מצב און ער האָט זיך געהיטן ער זאָל נישט מהרהר זיין וועגן די גזירות פון הימל. ער האָט אַלץ מקבל געווען באהבה"...

וועגן ר' שמ'ס לעצטע מינוטן דערציילן עדי־ראיה, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט, אַט וואָס:

אין דער „סעלעקציע", וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט אין דעם טאָג פון כ"ח ניסן, תש"ג (1943), האָבן די מערדער אַרויסגענומען דעם רבי'ן

2) פון רבי'ן ר' שם אויף תורה און מועדים, געדרוקט אין ירושלים אין יאָר תשכ"א. דאָס ספר „אהלי שם", איז בלויז אַ קליינע זאַמלונג פון תורה'ס פון רבי'ן ר' שם, וואָס ס'איז געלונגען זיין זון ר' משה צו ראַטעווען, ווייל כמעט אַלע כתב־יד'ן זיינען פאַרברענט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים.

ר׳ שם צוזאַמען מיט אַ צאָל אַנדערע רבנים און זיי געבראַכט אויפן אומ־קום־פּלאַץ אין פּלאַשאָוו.

דער רבי ר׳ שם האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום צעטומלטקייט. ער איז געבליבן שטיין רואיק און ער האָט זיך צוגעגרייט צו דער גרויסער רגע אומצוקומען אויף קידוש השם . . .

דער רבי ר׳ שם האָט זיך געווענדט צו דעם „עס־עס" מערדער און האָט געזאָגט:

„מיין לעצטער פאַרלאַנג איז, מען זאָל מיר געבן מיין טלית־קטן, איך זאָל קענען זאָגן ווידוי" . . .

דער נאַצי איז געוואָרן מלא רציחה און האָט געשריגן: „אַזאַ יידישע חוצפּה!"

אָבער דאָס געשריי פון רבי׳ן האָט אָפּגעציטערט אין דער לופט, און אַפילו דער אכזריות׳דיקער „קאַפּאָ" האָט מיט אַמאָל „רחמנות" געקראָגן אויפן רבי׳ן און איז צוגעגאַנגען צום נאַצי און האָט אים געבעטן ער זאָל נאָכגעבן דעם רבינ׳ס בקשה.

ענדלעך האָט דער נאַצי באַוויליקט, אַז דער רבי זאָל אָנטאָן זיין טלית־קטן.

דער רבי ר׳ שם האָט אָנגעטאָן דעם טלית קטן, האָט פאַרשטעלט זיינע אויגן מיט זיין האַנט און האָט אַ געשריי געגעבן:

„יהי רצון, איך זאָל זוכה זיין צו זיין די כפּרה פאַר אַלע יידן!" . . .

אַן אָפּהילך פון ביקסן־שאָסן האָט זיך דערהערט אין דער לופט און דער רבי ר׳ שם איז געפאַלן מיט דעם לעצטן געשריי: „שמע ישראל" . . .

אָט אַזוי איז דער רבי ר׳ שם אומגעקומען אויף קידוש השם.

אויך דעם זאַלאָשיצער׳ס עלטערער ברודער, דער רבי ר׳ זיידע משה חיים קלינגבערג, וועלכער האָט געוואוינט אין קאַשישאָוויטש, נעבן קראָקע, איז אומגעקומען אויף קידוש־השם צוזאַמען מיט זיין משפחה, הי"ד.

דער זוואָלינער רבי ר׳ חיים ירחמיאל טויב איז אומגעקומען אין טרעבלינקע

דער אָפּשטאַם פון דער זוואָלינער רבי׳שער גזע. — ער איז געווען אַ גרויסער בעל־מנגן. — ער האָט געאַרבעט פאַרשטעלטערהייט אין דער שולץ־פאַבריק אין וואַרשע.

איינער פון די רביים אין פוילן, וואָס האָט געשטעלט דעם עיקר דרך אין חסידות אויף נגינה, איז געווען דער זוואָלינער רבי, ר׳ חיים ירחמיאל טויב, וועלכער האָט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געוואוינט אין וואַרשע און איז צוזאַמען מיט זיין משפחה פאַרברענט געוואָרן אין טרעבלינקע.

דער זוואָלינער רבי ר׳ חיים ירחמיאל טויב האָט געשטאַמט פון דער גזע פון רבי׳ן ר׳ יחזקאל פון קוזמיר.

דער רבי ר׳ יחזקאל פון קוזמיר איז געווען אַ תלמיד פון „חוזה" פון לובלין. ער האָט געהאַלטן, אַז דער כוח פון חסידות ליגט ביי די איצטיקע דורות אין נגינה. ניט מיט אַ חסידישער תורה וועט מען קאָנען צוציען דעם המון צום דרך פון חסידות, נאָר דורך אַ ניגון . . .

דער רבי ר׳ יחזקאל פון קוזמיר איז געווען דער זון פון ר׳ צבי הירש, וועלכער האָט מחבר געווען אַ שיר אויף שבת, על פי קבלה, וואָס ווערט אָנגערופן „חבצלת בשרון" און די אָנהייב אותיות פון די ערשטע שורות פון דעם פזמון זיינען: „אני צבי הירש בן שלמה זלמן יצ״ו".

דער דאָזיקער שיר איז קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן. דער פריער־דיקער מאָדזשיצער רבי, ר׳ שאול ידידיה אלעזר, וואָס איז אַן אייניקל פון רבי׳ן ר׳ יחזקאל פון קוזמיר, האָט מחבר געווען אַ פירוש אויף דעם דאָזיקן פזמון, אָבער אין אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן זיינען אריין קיין אָטוואָצק, איז דער רבי שנעל אַנטלאָפן קיין ווילנע. ער איז דורך שאַנכאַי געקומען קיין אַמעריקע, און איז נפטר געוואָרן אין ארץ־ישראל ט״ז כסלו תש״ח (1948) און ער האָט איבערגעלאָזט אַ סך פון זיינע כתבים אין אָטוואָצק און צווישן זיי אויך דעם פזמון מיטן פירוש.

אָבער אַן אַנדער אייניקל פון רבי׳ן ר׳ יחזקאל׳ע קוזמיר, הרב ר׳ משה טויב פון כפר עטא, אין ישראל, האָט געהאַט אַ קאָפּיע פונעם פזמון און דער פזמון איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ספר „נגינה וחסידות בבית קוזמיר", פון מ. ש. גשורי.[1]

1) ירושלים, תשי״ב, זייט 35.

דעם רבי׳ן ר׳ יחזקאל׳ע קוזמיר׳ס פאטער, ר׳ צבי הירש, האט מען גערופן „החסיד הנסתר״. ער איז געווען א זון פון ר׳ שלמה זלמן, איינער פון די תלמידים פון בעש״ט.

חסידים דערציילן, אז איינמאל איז דער בעש״ט אריינגעקומען אין בית המדרש אריין און ער האט געזען זיינע תלמידים טאנצן, אבער ר׳ שלמה זלמן איז געשטאנען פון דער ווייטנס פאר׳צער׳ט. איז צו אים צוגעגאנגען דער בעש״ט און ער האט אים געפרעגט פארוואס ער טאנצט נישט מיט די חסידים, האט ר׳ שלמה זלמן געענטפערט: „ווי אזוי קאן איך זיך משמח זיין, אז איך האב ניט קיין קינדער?״

האט דער בעש״ט אים געזאגט:

„טאנץ מיט חיות, וועסטו האבן חיות . . .״

האט ר׳ שלמה זלמן אין דעם געזען א רמז, אז דער בעש״ט ווינטשט אים אז ער וועט האבן קינדער און אז ער זאל זיי א נאמען געבן נאך חיות.

און אין דעם זעלבן יאר איז ר׳ שלמה זלמנ׳ס וויב נפקד געווארן און זי האט געהאט א זון, און ר׳ שלמה זלמן האט אים א נאמען געגעבן צבי־הירש, א נאמען פון א חיה, אזוי ווי דער בעש״ט האט מרמז געווען, און ער האט דערנאך געהאט נאך צוויי זין, און ער האט זיי געגעבן די נעמען: דוב־בער און זאב־וואלף, נעמען פון חיות.

∴

דער רב ר׳ יחזקאל קוזמיר איז נפטר געווארן י״ז שבט, תרט״ז (1856).

דער רבי ר׳ יחזקאל קוזמיר איז געווען דער פאטער פון די דריי רבי׳אישע דינאסטיעס, וואס זיינע קינדער און אייניקלעך האבן געגרינדעט אין פוילן — קוזמירער, זוואלינער און מאדזשיצער דינאסטיעס.

און יעדער רבי פון די דאזיקע דריי דינאסטיעס האט געשטעלט דעם טראפ אויף נגינה; אלע זיינען זיי געווען גרויסע בעלי־מנגנים. דער מאדזשיצער רבי האט אויך געשאפן א צאל חסידישע ניגונים, וואס ווערן געזונגען פון אלע חסידים אין אמעריקע און אין ארץ־ישראל.

∴

נאך דער פטירה פון קוזמירער רבי׳ן ר׳ יחזקאל׳ע, איז געווארן רבי זיין זון, ר׳ שמואל אליהו פון זוואלין. ער איז נפטר געווארן כ״ו אייר, תרמ״ח (1888).

און נאך זיין פטירה איז געווארן רבי אין זוואלין זיין עלטסטער זון, ר׳ משה־אהרן (געבוירן געווארן אין יאר תקצ״ז—1837, און נפטר געווארן ד׳ ניסן, תרע״ח—1918).

און דער ממלא־מקום פון ר׳ משה־אהרן איז געווען — ר׳ חיים־ירחמיאל, וועלכער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

דער רבי ר׳ חיים ירחמיאל טויב איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרל״ט (1879). ער איז געווען אַ גרויסער בעל מנגן. ער פלעגט מחבר זיין אַ סך ניגונים, וואָס זיינען געזונגען געוואָרן אין פאַרשיידענע חסידים־שטיבלעך אין פוילן.

דער זוואָלינער רבי, ר׳ חיים ירחמיאל, האָט געפּראַוועט התבודדות. ער פלעגט זיין אָפּגעזונדערט פון די חסידים און טאָג־און־נאַכט לערנען זיינע שיעורים.

ער האָט יונג חתונה געהאַט מיט דער רביצין חיה אַלטע, די טאָכטער פון רבי׳ן ר׳ פּנחס ראַבינאָוויץ פון קינצק, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ נתן דוד פון שידלאָווצע, אַן אייניקל פון „יהודי הקדוש״.

פינף יאָר האָט ר׳ חיים ירחמיאל געגעסן קעסט אין הויז פון זיין שווער, ביים קינצקער רבי׳ן.

ר׳ חיים ירחמיאל האָט אויך געלערנט אַ שיעור ביי דעם קינצקער רב, ר׳ יואב יהושע ווייגנגאַרטן, דער מחבר פון ספר „חלקת יואב״.

ווען ער האָט נאָך געגעסן קעסט אין קינצק, האָט ער שוין גע׳שמ׳ט פאַר אַ גרויסן בעל מנגן, און אין דעם שבת, וואָס ער האָט געדאַוונט פאַרן עמוד, זיינען אַלע יידן פון שטאָט געקומען דאַוונען אין רבינס בית המדרש אריין, כדי צו הערן די חסידישע ניגונים פון ר׳ חיים ירחמיאל׳ן.

ר׳ חיים ירחמיאל האָט אָבער נישט געוואָלט דאַוונען פאַרן עמוד אין די ימים נוראים, ווייל ער האָט נישט געוואָלט פּוגע בכבוד זיין אין דעם שטענדיקן בעל־תפילה, וואָס איז געווען ביים קינצקער רבי׳ן. ער האָט בלויז געזאָגט די סליחות פאַרן עמוד.

נאָך דער פּטירה פון זיין שווער, דעם קינצקער רבי׳ן, האָט ר׳ חיים ירחמיאל זיך אַריבערגעצויגן קיין זוואָלין, וואו זיין פאָטער האָט געוואוינט.

ר׳ חיים ירחמיאל פלעגט זיין דער שטענדיקער בעל־תפילה ביי זיין פאָטער אין הויף.

איינמאָל איז אויסגעבראָכן אַ שריפה אין זוואָלין און דער פאָטער זיי־נער איז אַרויס בעירום ובחוסר כל. האָט דער פאָטער זיך אַריבערגעקליבן קיין נאָווידוואָר, נעבן וואַרשע, און זיין בכור, ר׳ חיים ירחמיאל, איז גע־בליבן וואוינען אין זוואָלין.

ווען דער זוואָלינער רבי, ר׳ משה אהרן, האָט פאַרלאָזט זוואָלין, האָבן די יידן אין שטאָט אים געפרעגט:

„רבי, אויף וועמען לאָזט איר אונדז איבער?״

האָט דער זוואָלינער רבי זיי געענטפערט:

„איך לאָז אייך איבער מיין זון, וואָס איז פּונקט אַזוי גרויס ווי איך״.

דערמיט, האָבן די זוואָלינער חסידים געזאָגט, האָט דער פאָטער מסמיך געווען זיין זון נאָך בחייו, ער זאָל ווערן אַ רבי...

אזוי האָט אַנגעהויבן ר׳ חיים ירחמיאל פּראָווען רביסטווע אין זוואָלין, נאָך ביים לעבן פון זיין פאָטער.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, איז ר׳ חיים ירחמיאל אַוועק קיין וואַרשע, כדי ער זאָל זיין נאָענט צו זיין פאָטער, וואָס האָט געוואוינט אין נאָווידוואָר, נעבן וואַרשע.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די מלאָווער חסידים געבעטן ר׳ חיים ירחמיאל׳ן, ער זאָל זיך באַזעצן אין זייער שטאָט און ער האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין מלאָווע.

און נאָך דער פּטירה פון זיין פאָטער, האָט ר׳ חיים ירחמיאל זיך באַזעצט אין וואַרשע, און האָט געוואוינט אויף דער פּאַוויאַ גאַס, נומער 16.

דער זוואָלינער רבי האָט געהאַט חסידים־שטיבלעך אין וואַרשע, פּראַגע, פּלאָצק, סטאַשעוו, אין די שטעטלעך אַרום ראַדאָם, און אין פאַרשידענע אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן.

דער פאָרשער פון חסידישע מוזיק, מ. ש. גשורי, באַשרייבט דעם זוואָלינער רבי׳ן אין זיין פריער־דערמאָנטן ספר (ז״ז 43־47). ער גיט איבער, אַז דער זוואָלינער רבי האָט פאַרפאַסט ניגונים, וואָס האָבן געהאַט צוואַנציק פּאָלן. ער פלעגט אויך פאַרפאַסן מאַרשן, וואָס האָבן געהאַט צו אַ צען פּאָלן. בעת פירן אַ ספר־תורה פון זיינס אַ חסיד אין וואַרשע, האָט ער געזונגען נייע ניגונים אַ דריי שעה צייט . . .[2])

אין ראש־השנה פלעגט דער זוואָלינער רבי אַליין דאַווענען פאַרן עמוד. ער האָט אַליין געבלאָזן שופר. ער פלעגט שטיין אויף דער בימה מיט זיבן שופרות, וואָס ער האָט געהאַט בירושה פון זיינע זיידעס — פון די רביים פון קוזמיר, זוואָלין, קינצק, שידלאָווצע און פשיסכע — און ער פלעגט מעורר זיין די מתפללים מיט זיינע גרויסע בכיות.

אַ יאָר פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט דער זוואָלינער רבי געזאָגט צו זיינע חסידים, אַז „שווערע וואָלקנס רוקן זיך אָן אויפן יידישן פאָלק, דעריבער דאַרפן אַלע מתפלל זיין ׳זכרנו לחיים׳ ״ . . .

און ווען די דייטשן זיינען אַריין קיין וואַרשע און האָבן אָנגעהויבן צו פּייניקן די יידן, זיינען חסידישע יונגעלייט געקומען פרעגן אַן עצה ביי דעם זוואָלינער רבי׳ן, צי זיי מעגן אַנטלויפן אויף דער סאָוויעטישער זייט, ווייל דאָרט וועלן זיי דאַרפן מחלל שבת זיין און עסן טריפות. האָט דער זוואָלינער רבי זיי מתיר געווען צו אַנטלויפן, ווייל עס איז פּקוח נפש . . .

אָבער דער זוואָלינער רבי אַליין האָט נישט געוואָלט אַנטלויפן פון וואַרשע. איבערלאָזן די יידן און זיך אַליין ראַטעווען.

ווען די דייטשן האָבן געשאַפן די געטאָ אין וואַרשע, איז דער זוואָלי־

2 מ. ש. גשורי: „נגינה בבית קוזמיר״, ירושלים, תשי״ב (1952), זייטן 43־47. אויך „אלה אזכרה״, 3־טער באַנד, זייטן 249־256.

נער רבי אַריין אין געטאָ, צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפחה . . . און ביי די פאַרשיידענע אויסזידלונגען איז אויך זיין משפחה געווען צווישן די קרבנות.

צוערשט איז געכאַפּט געוואָרן זיין פרוי, די רביצין חיה־אַלטע; דער־נאָך, זיין זון, דער בכור, ר' שמואל יצחק, מיט זיין משפחה; דערנאָך, זיין איידעם, ר' בן־ציון סאָקאָלאָווער; דערנאָך זיין איידעם, דער רב ר' אלימלך ליפשיץ, מיט זיין גאַנצער משפחה; דערנאָך, זיין יונגער זון, ר' פנחס אליהו; און דערנאָך זיינע אַנדערע קינדער. אַלע זיינען זיי פאַרשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע און דאָרט פאַרברענט געוואָרן.

דער זוואָלינער רבי אַליין האָט זיך אָפּגעשוירן די באָרד און האָט געאַרבעט אין דער שולץ שוך־פאַבריק פאַרשטעלטערהייט צוזאַמען מיט דעם פּיאַסעטשנער רבי'ן ר' קלמיש שפּירא און אַנדערע רביים.

אין זומער תש״ב (1942) איז דער זוואָלינער רבי פאַרשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע און דאָרט אומגעבראַכט געוואָרן.

דריי און זעכציק יאָר איז דער זוואָלינער רבי אַלט געווען ווען ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

דער זשאַבנער רבי ר׳ אלעזר אונגער אומגעקומען אויף קידוש־השם

וויַ די דייטשן האָבן אים געפּייניקט. — די דייטשן האָבן אים געשלעפּט צו דער אַרבעט. — ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון טאַרנע צוזאַמען מיט צען טויזנט יידן. — ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם אין אַ וואַגאָן פון קאַלך.

דער זשאַבנער רבי ר׳ אלעזר אונגער, איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ שלום־דוד אונגער זצ״ל.

די זשאַבנער רבישע דינאַסטיע ציט זיך פון רבי׳ן ר׳ מרדכי־דוד אונגער, זצ״ל, פון דאָמבראָווע (מערב־גאַליציע), וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון רבי׳ן ר׳ יעקב־יצחק האָראָוויץ, גערופן דער „חוזה״ פון לובלין.

די זשאַבנער רבישע גזע איז געווען פאַרצוויַיגט מיט די באַגרינדער פון חסידות אין פּוילן און גאַליציע. דער זשאַבנער רבי איז געווען אַן אָפּשטאַמער פון רבי׳ן ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, פון רבי׳ן ר׳ ישראל — דעם קאָזשעניצער מגיד, פון ראָפּשיצער רבי׳ן ר׳ נפתלי צבי האָראָוויץ, און דער זשאַבנער רבי ר׳ יעקב־יצחק זצ״ל איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל האָראָוויץ פון דזשיקעוו, וועלכער איז געווען איינער פון די גדולי ישראל.

דער דזשיקעווער רבי ר׳ מאיר׳ל זצ״ל האָט מחבר געווען די ספרים „אמרי נועם״ אויף תורה און שאלות ותשובות.

דער זשאַבנער רבי ר׳ שלום־דוד זצ״ל האָט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואוינט אין טאַרנע.

דאָרט האָט אויך געוואוינט זיין זון, דער זשאַבנער רבי ר׳ אלעזר אונגער, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

∴

ווי נאָר די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט טאַרנע, האָבן זיי אָנגעהויבן צו ליקווידירן די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך. זיי האָבן אַרויסגעשיקט די יידן פון דאָמבראָווע, סטוטשין, זשאַבנע, בריגעל, און אַנדערע שטעטלעך. אַ גרויסע צאָל יידן האָבן די דייטשן דער׳הרג׳עט אויפן אָרט און די אַנדערע אַריינגעשטופּט אינעם געטאָ, וואָס די דייטשן האָבן געשאַפן אין טאַרנע.

און באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן די אַקציעס אין טאָרנע גופא.

דעם 9טן סעפּטעמבער, 1939 האָבן די דייטשן, לכבוד זייער אָנדענק־טאָג, פון פּוטש, וואָס זיי האָבן דורכגעפירט, געפייערט זייער שוואַרצן יום־טוב, מיט פאַרברענען אַלע שולן, בתי־מדרשים און קלויזן אין טאָרנע.

די דייטשן האָבן פאַרברענט אין דעם דאָזיקן טאָג די „אַלטע שול", וואָס איז געבויט געוואָרן אין יאָר 1582,[1]) דעם בית־המדרש נעבן דער שול, דעם טעמפּל, דבורה מענקע'ס שול, די שול אויף דער סטרושינע גאַס, די „גרויסע קלויז", די פאַרשידענע חסידישע קלויזן, די שול אויף דער גראַבאָווע, די „טרעגער־שול" אויף דער גראַבאָווסקי, און אַלע שולן אויף דער יידישער גאַס, צוזאַמען מיט די ספרי־תורות און טויזנטער און טויזנטער ספרים.

ווען די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז די יידן מוזן פאַרלאָזן זייערע וואוינונגען און אַריין אין געטאָ, האָט דער ראַבינאַט אין טאָרנע אַרויסגעגעבן אַ קול־קורא, אַז יעדער ייד זאָל פאַסטן און אויב איינער קאָן נישט פאַסטן, זאָל ער געבן אויסליז־געלט, צו שטיצן די אָרעמע יידן.

דער ערשטער מורא'דיקער, אכזריות'דיקער אַקט פון די דייטשן, וואָס האָט געמאַכט אויפציטערן אַלע יידן אין שטאָט, איז געווען דאָס אַרויסנעמען אַ צען טויזנט יידן און זיי אויסשטעלן אויפן מאַרק־פּלאַץ. זיי האָבן אַלע געדאַרפט קניען און דערנאָך זיינען זיי דערשאָסן געוואָרן. בלוט האָט גערונען אין די רינשטאָקן. דער דייטשער מערדער, דער אָנפירער פון דער מאַסן־שחיטה, האָט אַרויסגענומען זיינע צוויי קינדער זיי זאָלן זען ווי אַזוי מען שיסט יידן . . .

און פאַרנאַכט, ווען די צען טויזנט קדושים זיינען געלעגן דערשאָסענע, האָט דער דייטשער קאָמאַנדיר זיך געהייסן געבן אַ בעקן־וואַסער און אַ ריין האַנטעך. ער האָט זיך אָפּגעוואַשן די הענט פון „יידן־בלוט" און איז מיט די קינדער אַוועקגעפאָרן צו אַ קאָנצערט . . .

אין יענער שרעקלעכער צייט האָבן די רביים געזוכט אַן אָרט וואו זיך צו באַהאַלטן.

די רביים האָבן געוואוסט אַז זייערע נעמען געפינען זיך די ערשטע אויף דער ליסטע פון די געשטאַפּאָ זיי אומצוברענגען.

חסידים זיינען אַריין צום זשאַבנער רבי'ן און האָבן אים געבעטן ער זאָל אַוועק פון טאָרנע, ער זאָל אַריינפאָרן קיין זשאַבנע, וואו ס'איז פאַר אים צוגעגרייט געוואָרן אַ זיכערער בונקער. עס איז אויך באַזאָרגט

1) בעת מיין באַזוך אין טאָרנע אין יאָר 1960, האָב איך געטראָפן שטיין בלויז דעם באַלעמער פון דער „אַלטער שול", וואָס איז געווען פון געפלאָכטענעם אייזן, אַלס אַ מאָנומענט, אַרומגערינגלט מיט אַ גערטנדל, וואָס די שטאָט־פאַרוואַלטונג אין טאָרנע האָט אויפגעשטעלט.

געוואָרן, אַז ער מיט זיין גאַנצער משפחה זאָלן דאָרט קאָנען לעבן עד יעבור הזעם . . .

אָבער דער זשאַבנער רבי האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן די עדה יידן אין טאַרנע.

..

און יעדן טאָג זיינען אַרויס נייע גזירות אויף יידן. די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן כסדר נייע באַפעלן אויף די יידן אַלץ כדי זיי צו דערנידעריקן און זיי צו אַטראַפירן, עס זאָל דערנאָך לייכטער זיין זיי צו שיקן אין די טויטן־לאַגערן אַריין.

אַזוי איז אַרויס אַ באַפעל אַז יידן מוזן טראָגן אָרעם־בענדער, אַ צווייט מאָל, אַז יידן מוזן זיך אָפּשערן באָרד און פיאות.

ביז דעמאָלט האָט דער זשאַבנער רבי ר׳ אלעזר נאָך געהאַט אַ באָרד און פיאות. ער איז אָפטמאָל אין דער גאַס געגאַנגען פאַרבונדן דאָס פנים, מען זאָל מיינען, אַז ער האָט צאָן־ווייטיק. אָבער ווען עס איז אַרויס דער באַפעל פון די דייטשן, אַז מען מוז זיך אָפּשערן די באָרד און פיאות, זיינען חסידים אַריין צום רבי׳ן און אים געבעטן ער זאָל חס זיין אויף זיין לעבן און זאָל זיך אויך לאָזן אָפּשערן די באָרד און פיאות.

דער זשאַבנער רבי האָט געהאַט אין טאַרנע אַ געטרייען חסיד ר׳ שמעון־יעקב פרידמאַן, האָט דער רבי געבעטן ר׳ יעקב־שמעונ׳ען ער זאָל אים אָפּשערן די באָרד און פיאות, אָבער דער חסיד האָט דאָס נישט געקאָנט טאָן . . .

האָט דער זשאַבנער רבי געבעטן זיין גבאי ר׳ איטשע איינהאָרן, אַז ער זאָל אים אָפּשערן די באָרד און פיאות . . .

דער גבאי ר׳ איטשע איז געווען גבאי ביים פריערדיקן זשאַבנער רבי׳ן ר׳ שלום־דוד אונגער זצ״ל. ער האָט געשטאַמט פון ראָזוואַדאָוו, און זיין פאָטער ר׳ יוסף איז געווען איינער פון די גבאים ביים אַלטן ראָזוואַ־דאָווער רבי׳ן ר׳ משה האָראָוויץ זצ״ל.

ווען דער ראָזוואַדאָווער רבי׳נס איידעם ר׳ שלום־דוד זצ״ל, האָט געגעסן קעסט ביי זיין שווער, האָט דער ראָזוואַדאָווער רבי געבעטן דאָס יונגע בחור׳ל, איטשע, ער זאָל זיין זיין איידעמס משמש.

נאָכן פאַרענדיקן עסן קעסט אין ראָזוואַדאָוו, האָט דער זשאַבנער רבי שוין געהאַט צוויי קינדער, דעם בכור ר׳ אלעזר און די טאָכטער פערל,[2] האָט זיך דער זשאַבנער רבי אַריבערגעצויגן קיין זשאַבנע און דאָרט גע־

2) זי איז געווען די רבי׳צין פון היינטיקן בלאָזשעווער רבי׳ן ר׳ ישראל׳טשע שפּירא פון ברוקלין, ניו־יאָרק. זי איז אומגעקומען אויף קידוש־השם אין גאַז־קאַמער פון בעלזשיץ, ז׳ חשוון 1942.

וואָרן רב און רבי אויפן אָרט פון זיין פאָטער ר׳ יעקב־יצחק אונגער זצ״ל. האָט דער שווער זיינער, דער ראָזוואַדאָווער רבי, מיטגעגעבן דעם משמש ר׳ איטשע פאַר אַ גבאי.

ר׳ איטשע האָט חתונה געהאַט אין זשאַבנע און איז געוואָרן דער משמש בקודש אינעם זשאַבנער הויף. ער איז אַלע יאָרן געווען דער הויפט־גבאי ביים זשאַבנער רבי׳ן.

אין אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער זשאַבנער רבי, ר׳ שלום־דוד איז מיט זיין גאַנץ בני־בית אַנטלאָפן פון די רוסן קיין ווין, וואו ער האָט געהאַט אַ סך חסידים און אַן אייגענע קלויז, האָט ער אויך מיטגענומען ר׳ איטשע גבאי.



דער אַלטער זשאַבנער רבי, ר׳ שלום־דוד אונגער זצ״ל

אַזוי איז ר׳ איטשע גבאי כל־ימיו געווען צוגעבונדן צום זשאַבנער רבי׳ן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער זשאַבנער רבי ר׳ שלום־דוד זצ״ל זיך באַזעצט אין טאַרנע.

∴

דער זשאַבנער רבי ר׳ שלום־דוד זצ״ל האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ גאון. צו פינף־און־דרייסיק יאָר האָט ער געשריבן הגהות אויף זיין זיידנס ספר: „שאלות ותשובות אמרי נועם״, חלק ראשון פון רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל האָראָוויץ זצ״ל פון דזשיקעוו, נישט אָנגעבנדיק זיין נאָמען.

אויך האָט דער זשאַבנער רבי אין יאָר 1911 אַרויסגעגעבן זיין שאלות ותשובות ספר „יד שלום" אָן זיין נאָמען.[3]

דער אַלטער זשאַבנער רבי זצ"ל איז נסתלק געוואָרן אין ווין ב' דר"ח אלול, תרפ"ג (1923). דער ארון איז געבראַכט געוואָרן מיט אַ ספּעציעלן צוג קיין זשאַבנע און ער איז באַהאַלטן געוואָרן אינעם אוהל פון זיין פאָטער.

די חסידים האָבן געקרוינט זיין עלטסטן זון ר' אלעזר[4] פאַרן רבי'ן און דער גבאי ר' איטשע איז געבליבן גבאי ביים רבי'ן ר' אלעזר אין טאָרנע.

* * *

דער אַלטער ר' איטשע גבאי האָט געדאַרפט אָפּשערן דעם זשאַבנער רבי'ן ר' אלעזר די באָרד און פּיאות, ווען די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן דעם באַפעל אַז אַלע יידן מוזן זיך אָפּשערן באָרד און פּיאות.

דער גבאי ר' איטשע האָט זיך פאַרמאַכט מיטן רבי'ן אין אַ באַזונדער שטיבל און דער גבאי האָט אָנגעהויבן אָפּצושערן דעם זשאַבנער רבי'ן די באָרד און פּיאות. ביים שערן איז דער גבאי געפאַלן אין חלשות און די חסידים האָבן אים געמוזט אָפּמינטערן . . .

דער זשאַבנער רבי האָט די ערשטע צייט אונטער די דייטשן געפירט טישן כמעט יעדן שבת אין געהיים.

* * *

ווען די נאַציס האָבן אָנגעהויבן די מלחמה קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט זייער רציחה קעגן די יידן שוין מער נישט געהאַט קיין גרענעץ. זיי האָבן יעדן טאָג געכאַפּט יידן צו דער אַרבעט, און ביי דער אַרבעט זיי אַזוי שטאַרק געשלאָגן, אַז אַ סך פון די יידן זיינען שוין מער נישט צוריק־געקומען . . .

און איינמאָל זיינען דייטשע סאָלדאַטן אַריין צום זשאַבנער רבי'ן אין שטוב און האָבן געכאַפּט דעם רבי'ן, ער זאָל מיט זיי מיטגיין צו דער אַרבעט.

אין שטוב איז געווען ר' איטשע גבאי, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען אַ ייד אַ זקן. האָט ער נישט געוואָלט לאָזן דעם רבי'ן גיין אַליין,

3) געדרוקט אין טאָלטשאָווע, אונגאַרן, תרע"א (1911). „יד" באַטרעפט „דוד", אַזוי אַז אין דעם נאָמען פון ספר איז זיין נאָמען. דאָס ספר „יד־שלום" ווערט איצט איבערגעדרוקט אין ניו־יאָרק.

4) דעם זשאַבנער רבי'נס צווייטער זון, ר' ישראל'קע זצ"ל, איז געוואָרן רב און רבי אין זשאַבנע. ער איז נפטר געוואָרן אין ניו־יאָרק ראש חודש כסלו, 1936. זיין רביצין חיה'טשע, דעם סאַנזער רב'ס, ר' אריה־לייב האַלבערשטאַמ'ס טאָכטער, איז אומ־געקומען צוזאַמען מיט זיין בני־בית דורך די דייטשן, הי"ד.

ער האָט געוואָלט מיטגיין מיטן רבי׳ן, צו פאַרלייכטערן דעם רבי׳ן ביי דער אַרבעט.

איז ר׳ איטשע גבאי צוגעלאָפן צו די דייטשע סאָלדאַטן און זיך געבעטן:

„נעמט מיך אויך מיט!"

די דייטשע סאָלדאַטן האָבן נישט פאַרשטאַנען די כוונה און האָבן פאַר׳חידוש׳ט געקוקט איינער אויפן צווייטן:

„דאָס ערשטע מאָל, ווי אַ שמוציקער יודע בעט זיך מען זאָל אים נעמען צו דער אַרבעט . . . דו מוזט זיין זיין פאָטער, דערפאַר ווערסטו טאַקע נישט מיטגיין — האָבן זיי זיך צעלאַכט אויף אַ קול — דו ווערסט קרעפּירן דאָ אויפן אָרט און נישט ביי דער אַרבעט! . . ."

— ניין, איך בין נישט זיין פאָטער — האָט ר׳ איטשע גבאי זיך צעוויינט — איך בין בלויז דער גבאי! — און ער איז געפאַלן צו די פיס פון רבי׳ן און האָט זיך צעהעשעט אויף אַ קול — אַ גבאי קען נישט לעבן אָן אַ רבי׳ן. איך וויל מיטגיין מיטן רבי׳ן!

און די דייטשע מערדער האָבן „רחמנות" געהאַט אויף ר׳ איטשע גבאי און האָבן אים אויך מיטגענומען צו דער אַרבעט . . .

ביי דער אַרבעט האָבן די דייטשע רוצחים אַזוי מערדערלעך צע־מזיק׳ט דעם רבי׳ן און דעם אַלטן ר׳ איטשע גבאי, אַז ביידע זיינען געוואָרן זייער קראַנק פון די קלעפּ.

∴

אין טאַרנע איז געווען אַ זקן — ר׳ יחיאל־מאיר׳ל, וועלכער האָט געדאַוונט ביים רבי׳ן ר׳ ישראל־יאָסעלע אונגער זצ״ל. ער האָט אויף זיך גענומען די הייליקע עובדא מקבר צו זיין די טויטע. אין שטאָט האָט געהערשט אַ מורא׳דיקע טיפוס־עפּידעמיע, זיינען אַ סך יידן געשטאָרבן. אויך האָט די געשטאַפּאָ דערשאָסן יידן אויף די הויפן, וואו זיי האָבן גע־וואוינט און זיי פלעגן אַרויסרופן מיטגלידער פון דער חברה קדישא זיי זאָלן מקבר זיין די טויטע. די מיטגלידער פון דער חברה קדישא האָבן מורא געהאַט צו קומען אין הויף אַריין. אָבער דער זקן ר׳ יחיאל־מאיר׳ל האָט זיך מער פאַר גאָרנישט געשראָקן. ווען די געשטאַפּאָ רוצחים גאמעל־מאַן, פאַן האַלטקע און גרונאַוו, זיינען געקומען אין געטאָ נאָך פרישע קרבנות, האָט דער זקן יחיאל־מאיר׳ל נישט מורא געהאַט צו לויפן אין דער קיך פאַר אָרימע כדי אַהיימצוברענגען אַ לעפל געקעכטס פאַר זיינס אַ קראַנקן שכן . . .

און אין עטלעכע טעג אַרום, נאָכדעם ווי דער גבאי ר׳ איטשע איז פרייוויליק געגאַנגען צו דער אַרבעט צוזאַמען מיט זיין רבי׳ן, איז ער

נפטר געוואָרן און מיט זיין קבורה האָט זיך מתעסק געווען דער זקן ר' יחיאל־מאיר'ל.

∴

וועגן אומקום פון זשאַבנער רבי'ן ר' אלעזר, הי"ד, אויף קידוש־השם דערציילט אין אַ בריוו אַ טאַרנער ייד מ. עבערשטאַרק, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט אין אַנטווערפּן, בעלגיע.



דער זשאַבנער רבי ר' אליעזר־אונגער (רעכטס), הי"ד, מיט זיין שוואָגער דער בלאָזשעווער רבי ר' ישראל'טשע שפּיראָ, שליט"א

מ. עבערשטאַרק'ס פאָטער איז געווען אַ זשאַבנער חסיד. ער שרייבט אַז „שוין אין נאָוועמבער 1939 האָבן די דייטשן געכאַפּט אייער ברודער דעם זשאַבנער רבי'ן צו דער אַרבעט. זיי האָבן אים געפירט איבער דער קראָקאָווער גאַס. זיי האָבן פון אים געמאַכט אַ פּורים־שפּיל און האָבן אים מורא'דיק געשלאָגן. איך געדענק אויך ווי אייער ברודער ר' אלעזר איז דעם 2־טן סעפּטעמבער 1943 געגאַנגען צו דער אויסזידלונג צופוס צום באַנהויף מיט נאָך צען טויזנט יידן. די דייטשן האָבן די יידן אַריינ־געשטופּט אין לאַסט־וואַגאָנען, הונדערט און זעכציק מענטשן אין איין לאַסט־וואַגאָן.

„אויפן וועג איז דעם זשאַבנער רבי'ן אַראָפּגעפאַלן זיין קאַפּעליוש. ער האָט אים געוואָלט אויפהויבן, אָבער די דייטשן האָבן אים שרעקלעך געשלאָגן און נישט געלאָזט אים אויפהויבן זיין קאַפּעליוש.

„דער זשאַבנער רבי איז געגאַנגען צוגעדעקט מיטביידע הענט זיין קאָפּ, ער זאָל נישט גיין בגלוי־ראש און בלוט האָט גערונען פון זיין קאָפּ און פּנים . . .

„די דייטשן האָבן אָנגעפילט די לאַסט־וואַגאָנען מיט 40 סענטי־מעטער קאַלך, אַזוי אַז ווען דער צוג מיט די לאַסט־וואַגאָנען איז אָנגעקו־מען קיין באָכנע, האָבן שוין אַלע געהאַט אויסגעהויכט זייערע הייליקע נשמות. בלויז דריי קליינע קינדער זיינען געבליבן לעבן" . . .

אָט אויף אַזאַ אכזריות'דיקן אופן איז דער זשאַבנער רבי ר' אלעזר אונגער, הי"ד אומגעקומען אויף קידוש־השם, צוזאַמען מיט זיין רביצין, אַדעלע, וועלכע איז געווען די טאָכטער פון קראָסנער רבי'ן ר' אהרעלע טווערסקי מיט זיין טאָכטער לאה'טשע און זייער עלף יאָריק יינגעלע מאָטעלע (מרדכי־דוד), הי"ד.

געבליבן לעבן איז בלויז זיין טאָכטער גיטעלע, וואָס האָט זיך גע־ראַטעוועט פון דעם טויטן־לאַגער אין אוישוויץ, און זיין עלטסטע טאָכטער מלכה'לע (פון זיין ערשטער פרוי), וואָס איז נאָך פאַר דער 2־טער וועלט־מלחמה אַוועק קיין ארץ־ישראל.

רביים פון זשיכלינער רבי׳שער דינאַסטיע זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם

דער זשיכלינער רבי ר׳ מנחם ידידיה איז נפטר געוואָרן אין זשיכלינער געטאָ. — זיין זון ר׳ שמואל אברהם אבא איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן. — דער זשיכלינער רבי ר׳ סעדיה חנוך פון לאָדזש איז פאַר־שיקט געוואָרן פון וואַרשעווער געטאָ אין אַ טויטן־לאַגער און דאָרט אומגעקומען.

די יידן אין פוילן האָבן די ערשטע צייט אונטער דעם נאַצי־רעזשים, טראָץ די ענויים קשים, געפּרוּאווט ווייטער פירן אַ נאָרמאַל מענטשלעך לעבן.



דער זשיכלינער רבי, ר׳ סעדיה־חנוך זשיכלינסקי, הי״ד

און דאָס אַליין איז געווען אַ מין פּאַסיווער ווידערשטאַנד קעגן די דייטשע מערדער.

זיינען דאָך די דייטשן אויסן געווען, באַלד ביי זייער אַריינמאַרש קיין פוילן, צו דעמאָראַליזירן דאָס יידישע פאָלק, האָבן זיי דאָך געהאַט אויס־געאַרבעט אַ פּלאַן אין בערלין נאָך פאַר זייער אָנצינדן די וועלט, אומצו־ברענגען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און, אַז דאָס שלאַכטהויז זאָל זיין פוילן,

דאָרט וואו עס האָבן געלעבט דריי מיליאָן יידן, איז דעריבער פּאַר די דייטשן געווען גוואַלדיק וויכטיק צו דעמאָראַליזירן די יידישע מאַסן, צו־ערשט אומצוברענגען די גייסטיקע, פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פירער פון די יידן, דערנאָך וועט שוין זיין לייכטער די רעזיגנירטע יידישע פאָלקס־מאַסן צו פירן צו דער גרויסער שחיטה אין די שלאַכטהייזער אַריין, וואָס די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט אין אוישוויץ, טרעבלינקע, בעלזיץ, כעלמנאָ און אין אַ צאָל אַנדערע שטעט.

דאַרף דעריבער באַטראַכט ווערן יעדער קעגן־אַקציע פון די יידן, אויף וואָס פּאַראַ געביט עס זאָל נישט זיין, וואָס האָט נאָר געטראָגן דעם כאַראַקטער פון וועלן ווייטער אָנפירן אַ נאָרמאַל לעבן און נישט לאָזן זיך טעראָריזירן, ווי אַן אויסדרוק פון גייסטיקן ווידערשטאַנד קעגן דער דייטשער מאָרד־מאַשין.

און ווי אַזוי די יידן האָבן אין די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן ווייטער אָנגעפירט מיט זייער אייגנאַרטיקן לעבן, קאָן דינען אַלס ביישפּיל דער פאַל, ווי אַזוי חסידים האָבן אין אַ שטעטל געקרוינט אַ נייעם רבי׳ן, בעת זיי אַלע זיינען שוין געזעסן פאַרשלאָסן אין געטאָ.

דער אַלטער רבי איז נפטר געוואָרן און די חסידים האָבן נישט געוואָלט בלייבן אָן אַ גייסטיקן מנהיג, האָבן זיי אויפגענומען דעם זון פאַר אַ רבי׳ן, פּונקט אַזוי ווי מען האָט דאָס געטאָן אין די „אַמאָליקע גוטע יאָרן" אין פּוילן, איידער די נאַציסטישע האָרדעס האָבן פאַרכאַפּט דאָס לאַנד.

געווען איז דער דאָזיקער פאַל אין זשיכלין, אַ שטעטל אין פּוילן.

∴

די זשיכלינער רבישע דינאַסטיע האָט זיך געצויגן פיר דורות.

דער ערשטער זשיכלינער רבי איז געווען ר׳ שמואל אבא, וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון רבי׳ן ר׳ פישעלע (ר׳ אפרים שפירא) סטריקאָווער און, ווי זשיכלינער חסידים דערציילן, האָט דער רבי ר׳ פישעלע סטריקאָווער אַליין אים מסמיך געווען צו ווערן רבי.

דער רבי ר׳ פישעלע סטריקאָווער האָט געהערט צו די ערשטע רביים אין פּוילן. ער האָט געשטאַמט פון פּאָדאָליע. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון סגופים און תעניתים. ער איז געווען אַ יושב־אוהל און, ווי חסידים האָבן דערציילט, האָט ער נישט געוואוסט פון אַ צורת־מטבע.

דער סטריקאָווער רבי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תק״ג (1743) אין דער שטאָט ביעלאָצערקאָוו. זיין פאָטער, ר׳ יוסף לייב, איז געווען אַ תלמיד פון רבי׳ן ר׳ יעקב יוסף פּולנאה, איינער פון די הויפּט תלמידים פון בעש״ט, און מחבר פון באַוואוסטן חסידישן ספר „תולדות יעקב יוסף".

ר׳ יוסף לייב איז געווען בלויז רב אין ביעלאַצערקאָוו, נישט קיין רבי. ער האָט אָבער געקראָגן דעם טיטל „חסיד״ צוליב זיין פרומקייט.

צוליב די האַידאַמאַקישע שחיטות און הריגות, וואָס זיינען אין יענער צייט פאָרגעקומען אויף יידן אין יענער געגנט, אונטער דער אָנפירונג פון גאָנטאַ און זשעלעזניאַקן (1768), איז ר׳ יוסף לייב אַנטלאָפן קיין באַלטאַ און דאָרט געוואָרן אַ מגיד.

די שטאָט באַלטאַ איז פאַרנומען געוואָרן פון די טערקן און דערנאָך פון די פאַליאַקן. אַ סך יידן זיינען דעמאָלט אַנטלאָפן קיין טערקיי, אָבער ר׳ יוסף לייב האָט נישט געוואָלט אַוועק קיין טערקיי, און ער האָט אָנגעהויבן צו וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט אין פוילן און געהאַלטן דרשות, ביז ער איז אָנגעקומען קיין בזשעזשין און דאָרט איז ער אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ מגיד און פאַר אַ מלמד צו לערנען מיט דערוואַקסענע בחורים.

זיין זון, ר׳ פישעלע, איז שוין פון די יונגע יאָרן אָן געפאָרן צום רבי׳ן ר׳ בער פון מעזריטש און דערנאָך צו דעם מעזריטשער מגיד׳ס תלמיד — דעם רבי׳ן ר׳ אלימלך פון ליזשענסק.

ווען ר׳ יוסף לייב האָט זיך באַזעצט אין בזשעזשין, איז אַהין אויך גע־קומען זיין זון ר׳ פישעלע. ער האָט דאָרט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט און באַלד דערנאָך האָט אים די שטאָט סטריקאָוו אויפגענומען פאַר אַ רב.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט ר׳ פישעלע אויך אָנגעהויבן צו פירן רבי׳סטווע, חסידים זיינען געפאָרן צו אים, האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ בעל־מופת און מען האָט אים גערופן „בוצינא קדישא״.

דער רבי ר׳ פישעלע האָט געהאַט אייגענע מנהגים, וואָס זיינען נישט אין דרך און מהות פון חסידות. אַזוי, למשל, האָט ער זיך נוהג געווען, אַז ער האָט קיין שום חסיד נישט געגעבן שלום מיט דער הוילער האַנט, נאָר איינ־געהילט אין אַ פאַטשיילע.

בלויז איין מאָל האָט דער רבי ר׳ פישעלע געגעבן שלום מיט דער הוילער האַנט. דאָס איז געווען, ווען צו אים איז געקומען דער רבי ר׳ בונם פון פשיסכע, צוזאַמען מיטן רבי׳ן ר׳ העניך פון אַלעקסאַנדער. ער האָט זיי ביידן געגעבן שלום מיט זיין הוילער האַנט.

אַ שטאַרקער מקורב ביים רבי׳ן ר׳ פישעלע איז געווען דער רבי ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער.

אָבער פלוצלינג האָט דער רבי ר׳ פישעלע זיך פאַרמאַכט אין זיין חדר מיוחד און קיינעם צו זיך נישט צוגעלאָזט.

חסידים זאָגן, אַז ער האָט עס געטאָן, ווייל ער האָט אַמאָל אָנגעוואָונ־טשן אַ חסיד, אַז ער וועט נתעשר ווערן, און זיין ברכה איז נישט מקויים געוואָרן. האָט ער זיך פאַרמאַכט און מער נישט געוואָלט זיין אַ רבי. ערשט ווען דער רבי ר׳ בונם איז צו אים געקומען און מיט אים געהאַט אַ לאַנגן

שמועס, האָט דער רבי ר׳ פישעלע צוריק מסכים געווען צו עפענען די טיר און פראַווען חסידות.

חסידים דערציילן, אַז ווען נאַפּאָלעאָן איז מיט זיין אַרמיי געגאַנגען אויף מאָסקווע, איז ער אַריין צום רבי׳ן ר׳ פישעלע סטריקאָווער, ער זאָל אים געבן אַ ברכה, אַז זיין אַרמיי זאָל זיגן.[1]

דער רבי ר׳ פישעלע סטריקאָווער איז נפטר געוואָרן י״ז טבת תקפ״ה (1825).

∴

נאָך ר׳ פישעלע סטריקאָווער׳ס פּטירה איז זיין תלמיד ר׳ שמואל־אבא געוואָרן רבי אין זשיכלין.

דער רבי ר׳ שמואל־אבא איז געבוירן געוואָרן י״ט כסלו, תק״ע (1810) אין לוויטש, זיין פאָטער ר׳ זעליק איז געווען אַ חסיד פון רבי׳ן ר׳ פישעלע סטריקאָווער.

דער זשיכלינער רבי האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ בעל־מופת און ער האָט אויף זיך געהאַט אַ מחלוקה מצד די קאָצקער און פשיסכער חסידים, וועלכע האָבן נישט שטאַרק געהאַלטן פון מופתים.

דער זשיכלינער רבי האָט אין זיינע תורות תמיד גערעדט אויפן רוסישן צאַר און בעת דעם פּוילישן אויפשטאַנד („פּאָווסטאַניע״) אין יאָר 1831, האָט ער מעורר געווען זיינע חסידים זיי זאָלן העלפן די פּאָליאַקן.

און ווען די רוסישע רעגירונג האָט אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד, און טויזנטער מענטשן זיינען אַריינגעשליידערט געוואָרן אין תפיסות, און אַ סך פון זיי זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרן, האָבן די קעגנער פון זשיכלינער רבי׳ן, די משכילים און די מתנגדים, גע׳מסר׳ט דעם זשיכלינער רבי׳ן, אַז ער האָט געהאַלטן מיט די „פּאָווסטאַנצעס״.

אָט וואָס עס איז געשטאַנען אין דער מסירה:

„מיט אַ צייט צוריק איז געקומען אין דער שטאָט זשיכלין אַ מענטש, וואָס האָט זיך געגעבן אַ טיטול „רבי״. ער האָט אויסגעטראַכט אַ נייע רעליגיע און ער ציט צו זיך צו אַ סך יידן. ער האָט געשאַפן אַ געהיימען בונד צו מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן צאַר לטובת פּוילן. ער אַליין איז אַ געהיימער שליח פון די פּוילישע „פּאָווסטאַנצעס״, און בעת דעם אויפשטאַנד, יאַנואַר, 1831, האָט ער נישט בלויז אַליין זיך באַטייליקט אין דער „פּאָווסטאַניע״, נאָר ער האָט אויך אויפגעפאָדערט זיינע אָנהענגער, וועלכע רופן זיך „חסידים״, אָנטייל צו נעמען אינעם אויפשטאַנד קעגן אונדזער ליבן צאַר״.

אין דער מסירה ווערט אויך אָנגעגעבן, אַז דער זשיכלינער רבי האָט מחבר געווען אַ סך ספרים, וואו ער רעדט קעגן צאַר און קעגן דער רוסישער רעגירונג.

1) זע: משה פיינקינד „גוטע יידן אין פּוילן״, זייט 133.

אין אַן ערב שבת אין יאָר תר״ה (1845) איז דער זשיכלינער רבי אַרעסטירט געוואָרן. דער רוסישער קאָמיסאַר מיט אַ צאָל פּאָליציאַנטן האָבן געשמידט דעם רבי׳ן אין קייטן און אים געוואָלט אַוועקפירן קיין לונטשיץ, אָבער די חסידים האָבן אויסגע׳פועל׳ט, אַז מען זאָל דעם רבי׳ן לאָזן אין בית־המדרש ביז מוצאי־שבת.

די פּאָליציי האָט גאַנץ שבת באַוואַכט דעם רבי׳נס בית־המדרש און מוצאי־שבת איז דער רבי אַ געשמידטער אין קייטן, אָפּגעפירט געוואָרן אין לונטשיצער תפיסה.

די צאַרישע היטער האָבן אויך צוגענומען אַלע ספרים פון רבי׳נס הויף און זיי אַוועקגעפירט קיין לונטשיץ.[2]

דער זשיכלינער רבי איז געזעסן עטלעכע וואָכן אין תפיסה. חסידים האָבן זיך משתדל געווען אין וואַרשע און אינעם זעלבן יאָר, אַ טאָג פאַרן בענטשן דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל, איז דער זשיכלינער רבי באַפרייט גע־וואָרן פון תפיסה.

דער רוסישער קאָמאַנדיר האָט דערנאָך אין אַ שמועס מיטן זשיכלינער רבי׳ן אים געזאָגט, אַז דער רבי האָט אַ רעכט צו לאָזן אַרעסטירן די, וואָס האָבן אים פאַלש גע׳מסר׳ט, אָבער דער זשיכלינער רבי האָט געענטפערט, אַז ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן מתפלל געווען צום אייבערשטן ער זאָל אים אויסהיטן פון וועלן נעמען נקמה פון זיינע קעגנער. און איצט דאַנקט ער דעם רבונו־של־עולם, וואָס ער קאָן מקיים זיין די מצווה פון נישט נוקם צו זיין זיך אין זיינע שונאים . . .

דער רבי ר׳ שמואל אבא איז נפטר געוואָרן כ״ו אלול תרל״ט (1879) און נאָך זיין הסתלקות איז זיין זון, ר׳ משה נתנאל זשיכלינסקי געוואָרן רבי אין זשיכלין.

דער רבי ר׳ משה נתנאל איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ חיים הערש פון זאַוויכוואָסט.

דער רבי ר׳ משה נתנאל איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרע״ב (1912).

נאָך זיין הסתלקות, זיינען געוואָרן זיינע צוויי זין רביים. דער בכור ר׳ מנחם ידידיה איז געוואָרן רב און רבי אין זשיכלין און זיין יינגערער זון ר׳ חנוך סעדיה איז געוואָרן רבי פון אַ צאָל זשיכלינער חסידים.

⁂

2) לויט ווי עס ווערט אָנגעגעבן אין ספר „להבת אש״, זייט 237, וואָס דעם זשיכלינער רבי׳נס אייניקל, הרב ר׳ מאיר זשיכלינסקי, האָט אַרויסגעגעבן אין לאָדזש אין יאָר תרצ״ה (1935), זיינען ביי דעם זשיכלינער רבי׳ן דערנאָך געווען ספרים מיטן רוסישן צענזאָר־זיגל, וואָס באַווייזט, אַז דער צענזאָר האָט אַלע ספרים גענוי דורכגע־קוקט.

דער רבי ר׳ מנחם ידידיה זשיכלינסקי איז געווען אַן אײדעם פון רב ר׳ ישעיה שפּירא, אַ זון פון קלענדאָווער רבי׳ן, וואָס האָט געשטאַמט פון דעם קאָזשניצער מגיד׳ס רבי׳שער דינאַסטיע.

זיין רבי׳צין האָט געהייסן רייזעלע און זי האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ גרויסער צדיקת.

ווען די דייטשן זיינען אַריין קיין זשיכלין אַ טאָג נאָך ראש השנה (דעם 17טן סעפּטעמבער 1939), האָבן זיי זיך באַלד אָנגעהויבן צו איזדיעקעווען קעגן די יידן. זיי האָבן גלייך דעם ערשטן טאָג, אָן אַ פאַרוואָס, דערשאָסן צוויי יידן, ר׳ אליעזר מאָרגענטאַלער און מנחם מענדל אורבאַך.

דאָס זיינען געווען די צוויי ערשטע קרבנות וואָס זיינען געפאַלן דורך די דייטשע רוצחים.

די יידן האָבן ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס די דייטשן ווייזן אַרויס אַזאַ אכזריות׳דיקייט קעגן די יידן, זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס איז בלויז געווען אַ צופאַל. זיי האָבן באַוויינט די צוויי אומשולדיקע קרבנות און האָבן געמיינט, אַז די דייטשן וועלן לאָזן די אַנדערע יידן במנוחה. אָבער דערנאָך, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו מערן די צרות און די פּייניקונגען, האָבן די זעקס הונדערט יידישע נפשות וואָס זשיכלין האָט דעמאָלט פאַרמאָגט, מקנא געווען די צוויי יידישע קדושים וואָס זיינען געפאַלן דעם ערשטן טאָג פון דעם נאַצישן אַריינמאַרש, ווייל זיי זיינען באַפרייט געוואָרן פון אַלע אוממענטשלעכע ענויים און דערצו האָבן זיי נאָך זוכה געווען צו קומען צו קבר ישראל, בעת די אַנדערע יידן זיינען פאַרברענט געוואָרן אין די גאַז־אויוונס און מען ווייסט אַפילו נישט, וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

און באַלד נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן זיך איינגעפונדעוועט אין זשיכלין האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן איין גזירה נאָך דער צווייטער, איין גזירה שווערער פון דער אַנדערער.

צוערשט האָט מען די יידן געטריבן צו דער אַרבעט ביי דער באַן. מען האָט געשלאָגן די יידן פאַר יעדער מינדעסטער זאַך. ווען אַ ייד האָט אַזוי שנעל נישט אויפגעהויבן אַ הילצערנע שוועל, אָדער אַ באַן־שינע, האָבן די דייטשע אויפזעער אים געשלאָגן מכות־רצח. דערנאָך איז אַרויס די גזירה פון די געלע אַרעמבענדער וואָס די יידן האָבן געדאַרפט טראָגן. שפּעטער האָבן די דייטשן אָנגעהויבן צונויפטרייבן יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, פון גאָמבין, קוטנע, גאָסטינין קיין זשיכלין און דערנאָך האָבן די דייטשן געשאָפן אַ געטאָ פאַר אַלע יידן.

דער אַלטער זשיכלינער רבי, ר׳ מנחם ידידיה, האָט שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן די צרות און ליידן פון די יידן און ער איז חול־המועד פסח, 1940, נפטר געוואָרן, זייענדיק אַלט אַ זיבעציק יאָר.

די חסידים האָבן נאָך באַוויזן קובר צו זיין דעם אַלטן רבי׳ן אין אוהל,

וואו עס ליגן זיין זיידע און פאָטער, דער ערשטער זשיכלינער רבי, ר׳ שמואל אברהם אבא, און דער צווייטער זשיכלינער רבי, ר׳ משה נתנאל.

און באַלד נאָכדעם ווי די קינדער האָבן געזאָגט קדיש, האָבן חסידים אויפן אוהל אויסגערופן „מזל טוב״ און געקרוינט דעם בכור, ר׳ שמואל אברהם אבא, פאַר אַ רבי׳ן. חסידים האָבן זיך געשטופּט און געגעבן דעם רבי׳ן אויפן בית הקברות צום ערשטן מאָל אַ קוויטל און דער רבי מיט די חסידים זיינען צוריק אַריין אין יידישן געטאָ אין זשיכלין . . .

אָט אַזוי האָבן די יידן אין זשיכלין באַוויזן, אַז זיי ווילן טראָגן אַלע עינוּיים קשים אָנהאַלטן זייער יידישקייט און זייער שטייגער לעבן.

דער זשיכלינער רבי, ר׳ שמואל אברהם אבא, האָט נאָך באַוויזן די ערשטע פאָר וואָכן צו פירן טישן אין געטאָ און זאָגן תורה.

אָבער וואָס אַמאָל האָבן זיך אָנגעהויבן צו מערן די פּייניקונגען. און פּלוצלינג האָבן די נאַציס אַרויסגעגעבן אַ גזירה, אַז אַלע יידן מוזן זיך אָפּ־שערן די בערד.

אַ נאַצי איז אויך אַריין צום זשיכלינער רבי׳ן אין הויף און האָט פאַר־לאַנגט, אַז דער רבי זאָל זיך אָפּשערן די באָרד. דער רבי האָט זיך מיט ביי־דע הענט צוגעהאַלטן דאָס פּנים. דער נאַצי איז געוואָרן מורא׳דיק אין כעס, ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די שער און האָט געוואָלט מיט געוואַלט אָפּ־שערן דעם רבי׳ן די באָרד. אָבער דאָ, דערציילן יידן וואָס זיינען על־פּי נס געבליבן לעבן, איז עפּעס געשען אַ מורא׳דיקע זאַך, דער נאַצי האָט זיך מיטאַמאָל שטאַרק דערשראָקן און די שער איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט און דער נאַצי איז אַ טויט־בלאַסער אַנטלאָפן . . .

און אין יאָר 1942 האָבן די נאַציס געהאַט באַשלאָסן, אַז עס איז שוין געקומען די צייט, אַז מען דאַרף אינגאַנצן ליקווידירן די יידן. זיי האָבן שוין געהאַט אויפגעשטעלט שלאַכטהייזער אין פאַרשידענע פּונקטן אין פּוילן און האָבן באַשטימט ווי אַזוי די יידן פון פאַרשידענע געגנטן דאַרפן פאַרגאַזט ווערן.

דער גורל פון די זשיכלינער יידן איז אויסגעפאַלן אומצוקומען אויף קידוש־השם אין כעלמנאָ, ביי פּויזן.

אָבער וויפיל מיר ווייסן שוין וואָס פאַראַ חיות די דייטשן זיינען, ווערן מיר אַלץ מער געוואויר מיט וואָס פאַראַ געמיינע מיטלען דאָס דייטשע „הערן פאָלק״ האָט זיך באַנוצט.

עטלעכע טעג פאַר פּורים, אין יאָר 1942, איז אַרויס אַ באַפעל, אַז מען גייט ליקווידירן דעם געטאָ אין זשיכלין און אַלע יידן וועלן איבערגעפירט ווערן קיין קרושנעוויץ.

די דייטשן האָבן אַרויפגעלייגט אויף די יידן אַ „קאָפּ־שטייער״, יעדער ייד האָט געדאַרפט באַצאָלן אַ געוויסע סומע פאַר טראַנספּאָרטאַציע פון זשיכלין קיין קרושנעוויץ . . .

און חסידים דערציילן: עטלעכע טעג פאַר פורים האָט דער זשיכלינער רבי, ר' שמואל אברהם אבא, דערציילט זיינע חסידים, אַז ער האָט געהאַט אַ חלום, אַז זיין פאָטער, דער אַלטער זשיכלינער רבי, איז אים געקומען צו חלום און האָט אים געזאָגט, אַז עס קומען אָן מורא'דיקע גזירות אויף יידן, אַז אַלע טויערן אין הימל זיינען פאַרשלאָסן און אַז די יידן דאַרפן תשובה טאָן, פאַסטן און בעטן דעם אייבערשטן, אפשר וועט מען מבטל מאַכן די שווערע גזירה.[3])

און אין אסתר־תענית זיינען די נאַציס אַריין צום זשיכלינער רבי'ן אין הויז, זיי האָבן אים אַרויסגעפירט אינעם הויף און אים דאָרט אויפן אָרט דערשאָסן.

און אין פורים (דעם 15טן מערץ) האָט מען אַלע יידן פון זשיכלין „אויסגעזידלט" פאַר זייער אייגן־געלט קיין קרושנעוויץ. דאָרט האָט מען די יידן אַריינגעפירט אין דער קירכע און יעדן טאָג האָט מען אַרויסגעשלעפט אַ גרופּע יידן קיין כעלמנאָ און זיי דאָרט פאַרגאַזט אין די גאַז־אויוונס . . .

* * *

דער זשיכלינער רבי וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש השם איז אַלט געווען אַ פופציק יאָר. ער איז געווען אַן איידעם פון סטאַשעווער רבי'ן, ר' אלעזר ווייסבלום, וועלכער האָט געשטאַמט פון די רבי'שע גזע'ס: פון רבי'ן ר' אלימלך פון ליזשענסק, פון „ייד הקדוש" פון פשיסכע און פון „גוטן ייד" פון נײַ־שטאָט.

דער זשיכלינער רבי האָט געהאַט פיר קינדער, דריי זין און איין טאָכטער. דער עלטסטער זון האָט געהייסן מרדכי אפרים, דער צווייטער זון, אביגדור ברוך און דער דריטער זון, אָשר, און איין טאָכטער, אסתר לאה, וואָס האָט זיך געראַטעוועט.

בעת דער „אויסזידלונג" אין פורים האָט מען אויך פאַרשיקט קיין קרושנעוויץ די אַלטע רבי'צין רייזעלע, איר שנור רודעלע און אירע צוויי זין, אביגדור ברוך און בצלאל אשר און זייערע משפחות, און אויך דעם אַלטן רבי'נס ברודער, ר' יצחק יעקב טוביה.

דעם רבי'נס עלטסטער זון, ר' מרדכי אפרים, איז געווען אין לאָסק, און אַהין איז אויך געקומען דעם רבי'נס טאָכטער אסתר־לאה.

דעם זשיכלינער רבי'נס זון און טאָכטער האָבן נאָך געלעבט אין לאָסק ביז דעם 26טן אויגוסט 1942. דערנאָך איז אויך אויף די לאָסקער יידן געפאַלן דער מורא'דיקער גורל, געשיקט צו ווערן קיין כעלמנאָ, פאַרגאַזט צו

3) דאָס האָט מיר אויך דערציילט דעם רבי'נס טאָכטער, אסתר־לאה ציגלער, וועלכע האָט זיך געראַטעוועט און געפינט זיך היינט אין אַמעריקע. זי איז אַ פאַרמערקע אין ווײַנלאַנד, נ. דזש.

ווערן. און צווישן זיי איז אויך אומגעקומען ר׳ מרדכי אפרים מיט זיין משפחה.

דעם רבי׳נס טאָכטער אסתר לאה האָט מען צוזאַמען מיט אַ זיבן הונ־דערט יידן פון לאַסק פאַרשיקט קיין לאָדזש אין יידישן געטאָ אַריין, זיי זאָלן דאָרט טאָן שקלאַפן־אַרבעט פאַר די נאַציס.

צוויי יאָר האָט דעם רבי׳נס טאָכטער אסתר לאה געאַרבעט אַלס שקלאַ־פין אין לאָדזש.

און אין אויגוסט 1944 האָט מען זי מיט אַ גרופּע מיידלעך פאַרשיקט קיין אוישוויץ, פאַרברענט צו ווערן.

צען וואָכן איז אסתר לאה געווען אין אוישוויץ. זי איז כסדר געווען אַ „קאַנדידאַטקע״ פאַרגאַזט צו ווערן, דעריבער האָבן די דייטשן אַפילו נישט געוואָלט אויסברענען אַ נומער אויף איר האַנט. און פרייטיק־צו־נאַכטס פון שבת־בראשית האָט מען זי אַריינגעשטופּט אין אַ באַראַק צוזאַמען מיט נאָך הונדערט און עטלעכע און צוואַנציק מיידלעך, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן אינדערפרי פאַרברענט צו ווערן.

שבת אינדערפרי איז נאָכאַמאָל אַריינגעקומען דער טרויעריק־באַרימ־טער ד״ר מענגעלע, און ער האָט ווידעראַמאָל געמאַכט אַ „סעלעקציע״, און דאָס מיידל אסתר לאה מיט נאָך 18 מיידלעך זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון באַראַק.

אסתר לאה איז געווען זיכער, אַז מען פירט זי צו פאַרגאַזן און זי איז שוין געווען צופרידן וואָס זי וועט שוין סוף־כל־סוף קענען זיין מיט איר פאָטער און יידן צוזאַמען — האָט זי מיר געזאָגט — אָבער פּלוצלינג, ווען זי איז שוין געטריבן געוואָרן פון די דייטשע מערדער מיט זייערע הינט, שנעלער אַריינצולויפן אין די גאַז־אויוונס, האָט מען זי מיט נאָך עטלעכע מיידלעך צוגענומען און זיי אַרויסגעפירט פון די רייען און זיי אַריינגע־זעצט אין אַ לאַסט־אויטאָ . . .

און אַזוי איז אסתר לאה געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

דער לאַסט־אויטאָ איז געפירט געוואָרן קיין עסטרייך, אין דעם מאַט־האַוזען לאַגער אַריין, און די אַנדערע מיידלעך וואָס זיינען געבליבן אין באַראַק, זיינען, נעבעך, אין שבת־בראשית 1944 פאַרברענט געוואָרן אין אוישוויץ.

די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט באַפרייט דעם זשיכלינער רבי׳נס טאָכ־טער און זי איז געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע.

די טאָכטער פון זשיכלינער רבי׳ן ר׳ מנחם ידידיה איז די איינציקע, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון דער גאַנצער זשיכלינער רבי׳נס הויז.

.·.

דער ייִנגערער זון פון אַלטן זשיכלינער רבי׳ן משה נתנאל, דער רבי ר׳ סעדיה חנוך, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרמ״ה (1885). ער האָט די ערשטע צייט געוואוינט אין סטריקאָוו, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געוואוינט אין לאָדזש.

דער זשיכלינער רבי ר׳ סעדיה חנוך האָט די ערשטע צייט אין לאָדזש געהאַט אַ צאָל קעגנער. חסידים פון אַנדערע רביים האָבן אים גע׳רודפ׳ט, ווייל זיי האָבן נישט גורס געווען זיין דרך אין חסידות פון באַווייזן מופתים. מען האָט דעם זשיכלינער רבי׳ן חושד געווען, אַז ער באַנוצט זיך צופיל מיט קבלה־מעשית (פּראַקטישע קבלה).

חסידים פון אַנדערע רביים האָבן געהאַלטן פון זשיכלינער רבי׳ן, אַז ער איז אַ גדול בתורה און אַ גרויסער בעל־מקובל, אָבער זיי האָבן געזאָגט, אַז אין אונדזערע צייטן טאָר מען זיך נישט באַנוצן צופיל מיט קבלה.

האָט דער זשיכלינער רבי אויף זיך געהאַט אַ גרויסע מחלוקה.

אָבער מיט דער צייט האָבן חסידים פון די אַנדערע רביים אָנגעהויבן צו ווערן זיינע פריינט, ווייל דער זשיכלינער רבי האָט מיט זיין פּערזענ־לעכקייט צוגעצויגן צו זיך אַ סך תלמידי־חכמים און עלוים, וואָס האָבן ביי אים געלערנט.

דער זשיכלינער רבי האָט זיך דורכגעשריבן אין לערנען מיט די גדולי־הדור און מיט דעם גערער רבי׳ן. ער איז אויך געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן אָסטראָווצער גאון און רבי ר׳ יחיאל מאיר הלוי, מיט וועמען ער פלעגט זיך באַגעגענען אין די קור־ערטער.

דער זשיכלינער רבי האָט געהאַט אַ מנהג, אַז ער פלעגט נישט אויסטאָן זיינע מלבושים משבת לשבת. ער פלעגט בכלל ווייניק שלאָפן און גאָר ווייניק עסן.

צווישן זיינע חסידים־עלוים איז געווען ר׳ משה אָקאָנאָווסקי, וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ מאיר שפּיראָ פון לובלין, און ער איז געווען דער ערשטער תלמיד, וועמען דער לובלינער רב האָט געמאַכט פאַר ראש ישיבה אין דער ישיבת חכמי לובלין.

ר׳ משה אָקאָנאָווסקי איז אינגאַנצן אַלט געווען 20 יאָר ווען ער איז געוואָרן ראש־ישיבה, און ער האָט געזאָגט אויפן זשיכלינער רבי׳ן, אַז דאָס וואָס די וועלט ווייסט פון זיין גרויסקייט אין לערנען איז בלויז „מקצת מן המקצת״ פון זשיכלינער רבי׳נס גרויס לומדות.[4]

אָבער אַ חוץ זיין גרויס לומדות איז דער זשיכלינער רבי אויך געווען אַ גרויסער בעל־מקובל און ער איז געווען אַ בקי אין די פאַרשידענע קבלה־ספרים.

אַ מנהג האָט געהאַט דער זשיכלינער רבי, אַז שבת ביים טיש, בשעת׳ן

4) „אלה אזכרה״, כרך ב׳, זייט 165.

זאָגן תורה, האָט ער געזאָגט פון אויסווייניק גאַנצע בלעטער זוהר און פון די קבלה־ספרים פון אר״י הקדוש און פון זיינע תלמידים.

ער האָט אויך געהאַט אַ מנהג, אַז ראש השנה פאַר תקיעת שופר האָט ער געזאָגט הויך פאַרן עולם אַ מאמר פון קבלה־ספר „פרי עץ חיים״, פון ר׳ חיים וויטאַל.

און ווען ער איז שוין געווען אין די עלטערע יאָרן און ער האָט זיך געפילט שוואַך, האָט ער געבעטן זיינעם אַ חסיד ער זאָל ביי אים שטיין אויף דער בימה מיט אַן אָפענעם „פרי עץ חיים״ אין דער האַנט און ער זאָל נאָכ־קוקן אין ספר צי ער מאַכט נישט קיין גרייז.

איינמאָל, ראש השנה פאַר תקיעת שופר, איז דער זשיכלינער רבי גע־שטאַנען אויף דער בימה און געזאָגט פון אויסווייניק אַ מאמר פון „פרי עץ חיים״. נעבן אים איז געשטאַנען אַ יונגער חסיד מיטן אָפענעם „פרי עץ חיים״ אין דער האַנט. פּלוצלינג האָט דער יונגער חסיד אָפּגעשטעלט דעם רבי׳ן און אים אָנגעוויזן, אַז אין ספר שטייט אַנדערש ווי דער רבי האָט געזאָגט.

איז געוואָרן אַ רעש צווישן עולם חסידים. דער רבי האָט זיך, חס ושלום, טועה געווען און ער געדענקט שוין מער נישט דעם „פרי עץ חיים״ פון אויסווייניק. אָבער דער רבי האָט זיך נישט צוגעהערט צום חסיד און ווייטער געזאָגט דעם מאמר פון אויסווייניק, און נישט געוואָלט אויסבעסערן דעם גרייז, וואָס ער זאָל האָבן געמאַכט.

אַ טאָג נאָך ראש השנה האָבן חסידים נאָכגעקוקט אין „פרי עץ חיים״ און זיי האָבן אויסגעפונען, אַז אין אַן אַנדער אויסגאַבע פון „פרי עץ חיים״ — אין אַ פאַרבעסערטער אויסגאַבע — שטייט טאַקע אַזוי ווי דער זשיכלינער רבי האָט געזאָגט, און אין דעם ספר, וואָס דער חסיד האָט גע־האַלטן ביי תקיעת־שופר, איז פאַראַן אַ גרייז אין נוסח . . .

דעם רבי׳נס נוסח איז געווען דער ריכטיקער . . .

∴

דער זשיכלינער רבי פלעגט געווינלעך אויף ימים נוראים פאָרן קיין וולאָצלאַוועק, וואו ער האָט געהאַט אַ סך חסידים.

איינמאָל איז ער געווען יום־כיפור אין לאָדזש, האָט ער געזאָגט פאַרן עמוד כל־נדרי. ער האָט געדאַוונט פאַרן עמוד שחרית, מוסף און נעילה, ער האָט געזאָגט חסידות פאַרן עולם און זיי מעורר געווען צו תשובה. ער איז אויך געווען דער בעל־קורא, און זיין דאַוונען נעילה האָט געדויערט זייער לאַנג. נאָך נעילה האָט מען געדאַוונט מעריב. מען האָט דערנאָך מחדש גע־ווען די לבנה און דער עולם האָט גענומען עפּעס טועם זיין נאָכן לאַנגן תענית. אָבער דער רבי האָט גאָרנישט געגעסן, נאָר ער האָט אַרויסגענומען די מסכת סוכה און אָנגעהויבן צו לערנען די גמרא, און ערשט שפּעט אין

דער נאַכט האָט ער עפּעס פאַרזוכט פון די מאכלים, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן טיש.

דער זשיכלינער הויף אין לאָדזש איז געווען אָפן פאַר די חסידים. דער זשיכלינער רבי האָט אויך געזאָרגט פאַר די פאַרשיידענע ישיבה בחורים אין שטאָט, וואָס האָבן ביי אים געגעסן.

שבת, ביי שלוש סעודות, האָט דער זשיכלינער רבי געהאַט אַ מנהג, אַז ער האָט געזאָגט די תפילה וועגן „בני חיי ומזוני", וואָס זיין זיידע, דער רבי ר' שמואל אבא, האָט מחבר געווען.[5]

אָבער דער זשיכלינער רבי איז נישט בלויז געווען אַ רבי וואָס האָט עוסק געווען אין לערנען און קבלה. ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט טאָג־טעגלעכע ענינים און געזוכט צו פאַרשטאַרקן יידישקייט אין פּוילן.

באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז לאָדזש געוואָרן דער צענטער פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין פּוילן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן סימנים פון חלול שבת. יידן האָבן אָנגעהויבן צו האַלטן אָפן זייערע קלייטן שבת.

האָט דער זשיכלינער רבי אָרגאַניזירט די חברה „שמירת שבת" אין לאָדזש.

צוערשט האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער „שומרי שבת" אָרגאַניזאַציע בלויז דעם זשיכלינער רבי'נס חסידים, אָבער שפּעטער זיינען צוגעשטאַנען צו זיין אָרגאַניזאַציע פאַרשידענע בעלי־בתים פון שטאָט.

צו העלפן דעם זשיכלינער רבי'ן אין זיין אַרבעט זיינען צוגעשטאַנען די רבנים פון לאָדזש. אַ שטאַרקן רושם האָט געמאַכט אין שטאָט, ווען דער גערער רבי אַליין איז ספּעציעל געקומען קיין לאָדזש, כדי צו העלפן דעם זשיכלינער רבי'ן אין אָרגאַניזירן די „שמירת שבת" אָרגאַניזאַציע.

אַ סך אַרבעט האָט דער זשיכלינער רבי אַריינגעלייגט אין דער דאָזיקער חברה. — און זי האָט געהאַט אַ ווירקונג. די גרויסע אינדוסטריעלע שטאָט לאָדזש, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן די „מאַנטשעסטער פון פּוילן", האָט געטראָגן דעם חותם פון אַ יידישער שטאָט. די יידישע סוחרים האָבן געהאַלטן פאַרמאַכט די געשעפטן אום שבת.

ווען עס איז, אין יאָר 1931, פאָרגעקומען אין בערלין דער וועלט־צוזאַמענפאָר וועגן „שמירת שבת", האָט זיך דער זשיכלינער רבי באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ.

דער זשיכלינער רבי איז אויך געווען איינער פון די אָנהענגער פון דער אגודת ישראל. ער איז געווען אַ גרויסער רעדנער און ער פלעגט מיט זיינע דרשות מעורר זיין די צוהערער צו פאַרשטאַרקן יידישקייט אין פּוילן.

5) זי איז געדרוקט אין ספר „להבת אש" פון הרב ר' מאיר זשיכלינסקי, געדרוקט אין לאָדזש אין יאָר תרצ"ז (1937).

נאָענט צו פערציק יאָר איז דער זשיכלינער רבי געווען דער גייסטי־קער מנהיג פון טויזנטער חסידים, און ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט לאָדזש איז דער זשיכלינער רבי אַוועק קיין וואַרשע.

דער רבי האָט די ערשטע צייט געוואוינט אויף דער נאָוואָליפּקי גאַס, נומער 55, און באַלד איז זיין הויז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רבישן הויף וואוהין הונדערטער חסידים זיינען געקומען צום רבי׳ן פרעגן אַן עצה און שעפּן בטחון אין דער מאוימ׳דיקער צייט.

דער זשיכלינער רבי האָט אָבער ניט געוואָלט פאַלן די חסידים צו לאַסט, האָט ער זיך אַריבערגעצויגן אין אַ קליינער דירה אויף דער גזשי־באָווסקאַ גאַס, נעבן הויז פון דער וואַרשעווער קהילה. דאָרט האָט דער זשיכלינער רבי געוואוינט צוזאַמען מיט זיינע צוויי זין, ר׳ משה נתנאל און ר׳ מאיר, מיט זייערע משפחות.

ר׳ משה נתנאל איז געווען אַ למדן און אַ בעל מידות טובות און ר׳ מאיר איז געווען אַ גרויסער חריף און אַ בקי אין דער געשיכטע פון חסידות און אין איר ביבליאָגראַפיע.

די דייטשן האָבן באַלד ביי דער ערשטער „אויסזידלונג” פון דער וואַרשעווער געטאָ פאַרשיקט אין טויטן־לאַגער דעם זשיכלינער רבי׳ן מיט זיינע צוויי זין.

באַלד נאָכדעם זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ זיין רבי׳צין און זיין איינציקע טאָכטער, מיט איר מאַן, ר׳ ראובן טשאַרנירא, אַן איניקל פון ראַדאָשיצער רבי׳ן, צוזאַמען מיט זייער יונגער טאָכטער.

אויך דעם רבי׳נס יינגערער ברודער, ר׳ יהושע׳לע, אַ באַוואוסטער עסקן און נדבן, איז פאַרשיקט געוואָרן פון לאָדזשער געטאָ אין אַ טויטן־לאַגער.

אַט אַזוי האָבן די דייטשן פאַרטיליקט אַ באַרימטע רבי׳שע דינאַסטיע, וואָס האָט עקזיסטירט איבער הונדערט יאָר אין פוילן.

דער זשעליכאָווער רבי און זיין ברודער, דער ריקער רבי, זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם

צוזאַמען מיט זיי זיינען אויך אומגעבראַכט געוואָרן זייערע משפחות.

זשעליכאָוו איז געווען אַ באַקאַנטע חסידישע שטאָט אין פוילן. אין זשעלי־כאָוו איז געווען די גרויסע חסידישע פערזענלעכקייט, דער מליץ יושר פאַר די יידן, ר׳ לוי יצחק, וועלכער איז דערנאָך געוואָרן רב אין באַרדיטשעוו.

און אין זשעליכאָוו האָט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געוואוינט דער רבי ר׳ אברהם שלום גאָלדבערג, וועלכער האָט געשטאַמט פון דורות צדיקים ביזן „ייד הקדוש״.

זיין זיידע, ר׳ משה׳לע, איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה און ווען ער איז נפטר געוואָרן, איז זיין זון ר׳ יהושע׳לע געוואָרן רבי.

דער באַרימטער יידישער שרייבער י. מ. ווייסנבערג, האָט וועגן דער קבורה פון רבי׳ן ר׳ משה׳לע און דאָס קרוינען פאַר אַ רבי׳ן דעם רבי׳ן ר׳ יהושע׳לע, קינסטלעריש באַאַרבעט אין זיין דערציילונג „מזל־טוב״.

נאָך דער פטירה פון רבי׳ן ר׳ יהושע׳לע, איז זיין זון ר׳ אברהם שלום געוואָרן רבי אין זשעליכאָוו.

אויך זיינע ברידער — ר׳ אלימלך גאָלדבערג איז געוואָרן רבי אין ריקי און אויך דער צווייטער ברודער, ר׳ יעקעלע, איז געוואָרן אַ רבי.

אין זשעליכאָוו איז אויך געווען אַ רב, ר׳ יצחק דוד הכהן. ווען די נאַציס זיינען אַריין קיין זשעליכאָוו, האָט דער רב מורא׳דיק געליטן הונ־גער. דער „יודענראַט״ האָט אַפילו נישט געטראַכט אויסצוהאַלטן דעם רב מיט זיין בני־בית. די קינדער זיינען אַרומגעגאַנגען אין שטאָט בעטלען אַ שטיקל ברויט. דער רב אַליין איז געלעגן געשוואָלן פאַר הונגער.

סוף תמוז, תש״א (1941) איז דער רב קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און ער איז נפטר געוואָרן אויף זיין בעט. זשעליכאָווער יידן האָבן דאָס גע־האַלטן פאַר אַ גרויסער זכיה, וואָס דער רב האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אויף זיין אייגן בעט און איז געקומען צו קבורת ישראל אויפן בית הקברות אין זשעליכאָוו.

דער רב, ר׳ יצחק דוד הכהן האָט פאַר זיין פטירה איבערגעלאָזט אַ צוואה, אַז מען זאָל אים נישט קובר זיין ביז מען וועט פריער נישט אָפּצאָלן אַלע חובות זיינע.

ער האָט זיך געבאָרגט ביי יידן געלט, די ערשטע צייט ווען די נאַציס זיינען אַריין אין שטאָט. דער רב האָט געגלויבט, צוזאַמען מיט אַלע יידן, אַז די מלחמה וועט שנעל קומען צו אַ ענד, און די קהילה וועט אים שפּע־טער אָפּצאָלן שכירות, וועט ער קאָנען אָפּצאָלן די חובות. די נאַציס אָבער האָבן צעטריבן די קהילה און אויף זייער אָרט איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער „יודענראַט", וואָס ס'רוב פון זיי זיינען געווען אונטערוועלט מענטשן, און זיי האָבן אויפגעהערט צו צאָלן דעם רב זיין וואָכן־געלט.

האָט דער זשעליכאָווער רב אָנגעזאָגט אין זיין צוואה אַז מען זאָל אים נישט קובר זיין ביז מען וועט פריער נישט אָפּצאָלן זייבע חובות. האָט מען געזעצט אַ בית־דין צו געפינען אַן עצה.

אין בית־דין איז אַריין דער קאָזשעניצער רבי, וואָס איז אַנטלאָפן פון וואַרשע קיין זשעליכאָוו און געגלויבט, אַז דאָ וועט ער זיך ראַטעווען; דער זשעליכאָווער רבי און דער קאָצקער רבי, וואָס איז דעמאָלט געווען אין זשעליכאָוו.

דאָס בית־דין האָט גערופן פאַרשידענע בעלי־בתים פון שטאָט, זיי אַליין האָבן געגעבן די לעצטע פּאָר גראָשן און מען האָט צונויפגענומען דעם סכום, וואָס דער רב איז שולדיק געווען. מען האָט באַצאָלט די בעלי־חובות און דער זשעליכאָווער רב איז געקומען צו קבר ישראל אויפן זשעליכאָווער בית־עלמין.

* *
*

חול המועד סוכות תש"ב (1942) האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע אין זשעליכאָוו. די נאַציס האָבן אַרומגערינגלט דעם גאַנצן געטאָ. ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָט מען געהערט שיסן פון אַלע זייטן און אַלע גאַסן זיינען געווען פול מיט דייטשע סאָלדאַטן, פּוילישע פּאָליציי, און צווישן זיי אויך יידישע „אָרדענונגס־דינער". זיי אַלע האָבן אַלאַרמירט די יידישע באַפעלקערונג צו פאַרלאָזן זייערע הייזער און אַרויס צום זאַמלפּונקט אויפן אַלטן בית־עולם.

דער זשעליכאָווער רבי ר' אברהם שלום האָט באַשלאָסן נישט אַרויס־צוגיין, נאָר זיך באַהאַלטן אין אַ בונקער. זיין ברודער, דער ריקער רבי ר' אלימלך, האָט גע'טענה'ט, אַז עס וועט גאָר נישט העלפן דאָס באַהאַלטן זיך, אַז די דייטשן וועלן סיי ווי אַלע יידן פאַרניכטן, אָבער אַליין זיך איבערגעבן אין די הענט פון די רוצחים, האָט ער געזאָגט, דאַרף מען נישט. איז דער ריקער רבי, ר' אלימלך, געבליבן זיצן צוזאַמען מיט זיין רביצין און זייערע צוויי טעכטער, אינעם זשעליכאָווער רבינ'ס הויז, נאָר זייער עלטסטער זון, ר' משה, איז אַוועק אין בונקער מיט זיין פעטער, דעם זשע־ליכאָווער רבי'ן ר' אברהם שלום.

די דייטשע „עס־עס״־לייט זיינען אַריין צום ריקער רבי׳ן אין שטוב און אים געטראָפן זיצן אָנגעטאָן אין קיטל און טלית.

אין שטוב איז געווען זיין רביצין חנה׳לע, זייערע צוויי טעכטער, רייזעלע און ריווּעלע און דאָס יינגסטע יינגעלע יהושוע׳לע. די דייטשע רוצחים האָבן געגעבן אַ באַפעל, אַלע זאָלן אַרויס פון הויז. דער ריקער רבי איז אַרויס אויפן הויף אַ שטאָלצער, זאָגנדיק די גאַנצע צייט תהלים, און ביים געשריי „שמע ישראל״ איז ער אומגעקומען פון אַ שאָס פון אַ דייטשן אכזר. עס זיינען באַלד נאָך אים אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן די רביצין און אַלע זייערע קינדער.

די יידישע פּאָליציי האָט זייערע הייליקע קערפּערס צוזאַמענגענומען און אָפּגעפירט אויפן יידישן בית־עולם און זיי דאָרט קובר געווען.

אינעם בונקער פון זשעליכאָווער רבי׳ן איז אויך געווען זיין עלטסטע טאָכטער, עטעלע, און זיין ברודער׳ס זון אשר, אויך עטלעכע באַלעבאַטישע יידן, צוזאַמען אַן אַכט נפשות.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט די דייטשע פּאָליציי אַנטדעקט דעם בונקער. דער זשעליכאָווער רבי ר׳ אברהם שלום האָט צו די רוצחים געהאַט איין בקשה: מען זאָל אים פירן אויפן יידישן בית־עלמין. זיין פאַרלאַנג איז דערפילט געוואָרן. אויפן יידישן בית־הקברות איז דער זשעליכאָווער רבי אומגעקומען אויף קידוש־השם צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יידן. אַלע צוזאַמען האָט מען זיי קובר געווען אין איין ברודער־קבר.

ווי עס גיט איבער משה שיפּמאַן אין דעם „יזכור־בוך זשעליכאָוו״, איז דער זשעליכאָווער רבי, אין יוני 1942, געלעגן אויפן בוידעם פון פּיני שוחט. דער רבי האָט געוואוסט אַז ער וועט נישט דערלעבן די באַפרייאונג. ער האָט געזאָגט אַז „צו אונדז אין קבר אַריין וועט מען אַריינשרייען אַז די רוסן זיינען דאָ״. ער האָט געהאַלטן אַז אַליין דאַרף אַ ייד זיך נישט איבערגעבן אין די הענט פון די נאַציס.

דער זשעליכאָווער רבי,—דערציילט שיפּמאַן דאָרט,—האָט באַקומען אַ בריוו פון קאָסאָווע, דער נאָענטסטער פּלאַץ צו טרעבלינקע, אַז מען האָט אומגעבראַכט אַלע זייערע נאָענטסטע. דער בריוו איז געווען געשריבן אין אַ פאַרשטעלטער פאָרם, מען האָט זיך אָבער אָנגעשטויסן וואָס אין בריוו איז געשטאַנען. די יידן וואָס זיינען געלעגן באַהאַלטן אויפן בוידעם זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ יאוש־שטימונג. זיי האָבן געפרעגט דעם רבי׳ן צו וואָס זיך באַהאַלטן, ווען אַלע יידן ווערן אומגעבראַכט?

דער זשעליכאָווער רבי האָט געענטפערט: „מען מוז זיך באַהאַלטן, אפשר וועט איין ייד בלייבן לעבן. יעדער ייד וואָס בלייבט לעבן איז מקדש השם ברבים, ער איז אַ גיבור, ווייל ער וויל נישט נאָכגעבן די נאַציס און נישט אויסלעשן זיין טייער לעבן!״ . . .

∴

דעם זשעליכאָווער רבינ׳ס צוויי זין, שלמה׳לע און יהושע׳לע, זיינען געשיקט געוואָרן אין אַן אַרבעטס־לאַגער, אין דער ווילגע, ביי דער ווייסל.

די יידן אין ווילגער לאַגער האָבן זיך נאָך סוכות דערוואוסט אַז דער זשעליכאָווער רבי איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, האָט מען געמאַכט אַ מנין אין באַראַק און דעם רבינ׳ס יידע זין האָבן געזאָגט קדיש.

דעם זשעליכאָווער רבינ׳ס זון, ר׳ יהושע׳לע, איז דערנאָך געשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע. ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן און ער איז צעשניטן געוואָרן פון די רעדער פון לויפנדיקן צוג . . .

דעם צווייטן זון, ר׳ שלמה׳לע, איז יאָ געלונגען אַראָפּצושפּרינגען פון לויפנדיקן צוג, ער איז אָבער געכאַפּט געוואָרן פון די פּאָליאַקן און די דייטשן האָבן אים דערשאָסן אין אַ דאָרף נעבן טרעבלינקע.

אָט אַזוי זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם דער זשעליכאָווער רבי מיט זיין ברודער, דער ריקער רבי מיט זייערע משפּחות דורך די דייטשן, הי״ד.

דער טאָמאַשאָווער־לאָדזשער רבי ר׳ שלמה־זלמן אומגעקומען אין וואַרשע

ער לאָזט זיך נישט אָפּשערן די באָרד. — ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין רביצין, זייערע זיבן זין און איידעם.

דער רבי ר׳ שלמה זלמן וועלטפרייד פון טאָמאַשאָוו־לאָדזש, האָט געשטאַמט פון דער פּזשעדבוזשער רבי׳שער דינאַסטיע אין פּוילן.

דער גרינדער פון דער פּזשעדבוזשער דינאַסטיע איז געווען דער רבי ר׳ ישעיה׳לע, וועלכער איז געווען איינער פון די אַכצן תלמידים פון רבי׳ן ר׳ יעקב יצחק האָראָוויץ (גערופן דער „חוזה״ פון לובלין), וועלכע זיינען נאָך דער פּטירה פון „חוזה״ אַליין געוואָרן רביים.

דער רבי ר׳ ישעיה׳לע איז געבוירן געוואָרן אין לאַסק, לעבן לאָדזש. ער האָט געשטאַמט פון אַ גרויסער מיוחס׳דיקער רבנישער משפּחה אין פּוילן. זיין עלטער־זיידע, ר׳ מאיר געץ, אַ גרויסער למדן, איז געווען רב אין לאַסק און אין פּיעטריקאָוו. זיין פאָטער, ר׳ מאיר, איז יונגערהייט געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק אים אַ בן יחיד.

דער אָרימער יתום ר׳ ישעיה׳לע האָט געלערנט ביים לאַסקער רב ר׳ פּנחס זעליג, וועלכער ווערט אָנגערופן אויפן נאָמען פון זיין ספר, וואָס ער האָט מחבר געווען: „עטרת פּז״, אַ פּירוש אויפן רא״ש, סדר נשים.

ר׳ ישעיה׳לע האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַן עילוי און ווען ער איז קוים פערצן יאָר אַלט געווען האָט אים אַ פּזשעדבוזשער בעל הבית גענומען פאַר אַן איידעם, בתנאי ער זאָל ווייטער זיצן און לערנען תורה לשמה.[1]

ר׳ ישעיה׳לע האָט געלערנט ביי ר׳ אריה לייב האַלפּערין פון פּזשעדבוזש. ער האָט זיך באַקענט מיטן זון פון דאָרטיקן מגיד, ר׳ יעקב יצחק, וועמען מען האָט דערנאָך גערופן: דער „ייד הקדוש״ פון פּשיסכע.

דיביידע יונגעלייט זיינען אַוועק לערנען קיין ליסע אין דער ישיבה פון ר׳ דוד טעווועלע. דערנאָך זיינען זיי געוואָרן חסידים פון „חוזה״ פון לובלין.

∴

ר׳ ישעיה׳לע איז געווען אַ גרויסער מתמיד. מען דערציילט, אַז איידער ער איז געוואָרן רב אין פּזשעדבוזש האָט ער פאַרענדיקט די ארבעה טורים

1) וועגן דער פּזשעדבורזשער גזע אין בוך „גוטע יידן אין פּוילן״, פון משה פיינקינד.

און ער האָט געמאכט אַ סעודה אין בית המדרש. ער האָט דערנאָך איינגע־דרימלט אויפן טיש פון בית המדרש, איז צו אים געקומען אין חלום ר׳ נתן נטע, וועלכער איז געווען רב אין שטאָט מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק, און האָט אים געזאָגט: „ווייל דו האָסט געלערנט מיט אַזאַ התמדה, גיב איך דיר איבער דאָס רבנות אין שטאָט אַלס אַ מתנה״.

און אין דער פרי זיינען צו ר׳ ישעיה׳לען געקומען די ראשי הקהל פון שטאָט און האָבן אים געבראַכט אַ כתב רבנות, און אַזוי איז ר׳ ישעיה׳לע אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין פּשעדבוזש.

דער „חוזה״ פון לובלין האָט שטאַרק מקרב געווען זיין תלמיד ר׳ ישעיהלען. מען דערציילט, אַז איינמאָל האָט מען געבראַכט אַ שאלה אין שטוב פון „חוזה״, האָט דער „חוזה״ געזאָגט, אַז מען זאָל די שאלה פרעגן ר׳ ישעיה׳לען, ווייל ער איז אַ למדן און אַ בעל־הוראה.

ר׳ ישעיה׳לע האָט גע׳פסקנ׳ט להתיר. אין הויז איז דעמאָלט אויך גע־ווען דער „ייד הקדוש״, האָט ער אויך מסכים געווען מיט ר׳ ישעיה׳לען און האָט די שאלה מתיר געווען.

אין לובלין איז אין יענער צייט געווען רב דער גאון ר׳ עזריאל האָראָוויץ, וועמען מען האָט גערופן: דער „אייזערנער קאָפּ״. ער איז גע־ווען אַ גרויסער מתנגד פון „חוזה״. ווען ער האָט געהערט וועגן דער שאלה און דעם פסק פון ר׳ ישעיה׳לען, האָט ער געזאָגט, אַז אים דוכט זיך, אַז ר׳ ישעיה׳לע האָט זיך טועה געווען און ער האָט גלייך געשיקט רופן ר׳ ישעיה׳לען ער זאָל קומען צו אים אין הויז אַריין זיך מתווכח זיין וועגן דער שאלה.

ר׳ ישעיה׳לע האָט זיך געשראָקן צו גיין, אָבער דער „חוזה״ האָט אים באַפוילן, אַז ער זאָל גיין און אים געזאָגט, אַז ער זאָל מיטנעמען דעם „ייד הקדוש״.

צוויי טעג האָט אָנגעהאַלטן דער לומדישער וויכוח אין הויז פון „איי־זערנעם קאָפּ״, ביז דער „ייד הקדוש״ האָט אויפגעוויזן מיט פאַרשידענע ראיות, אַז ר׳ ישעיה׳לע האָט רעכט געהאַט מיט זיין פסק, און דער „איי־זערנער קאָפּ״ האָט מסכים געווען מיט זיי.

פון דעמאָלט אָן איז געוואָקסן דאָס חשיבות פון „חוזה״ אין די אויגן פון „אייזערנעם קאָפּ״. „אויב ער האָט אַזעלכע תלמידים — האָט דער ׳אייזערנער קאָפּ׳ געזאָגט — מוז אויך דער רבי אַליין זיין אַן אָדם גדול״...

נאָך דער פטירה פונעם „חוזה״ (תקע״ה—1815) זיינען אַכצן תלמידים זיינע געוואָרן רביים. צווישן זיי אויך ר׳ ישעיה׳לע.

ר׳ ישעיה׳לעס תלמידים זיינען געווען די רביים: ר׳ משה לעלעווער, ר׳ דוד׳ל לעלעווער׳ס זון; ר׳ יאָסעלע ניישטעטער, דער זון פון „מאור ושמש״; ר׳ אהרן קראָקאָווער, ר׳ משה ראַדאָמסקער און אַנדערע רביים.

ר׳ ישעיה׳לע האָט געלעבט פון שכירות, וואָס די שטאָט האָט אים גע־

געבן אַלס רב, און די פּדיונות, וואָס ער האָט געקראָגן פון די חסידים, האָט ער צעטיילט צו אָרימעלייט.

אין פּזשעדבוזש האָט מען דערציילט אַ מעשה, אַז דייטשן זיינען געקומען און האָבן אויפגעבויט אַ טוך־פאַבריק. אַ צאָל יידן זיינען רייך געוואָרן, אָבער דער פּזשעדבוזשער רב און רבי ר׳ ישעיה׳לע האָט זיך דערוואוסט, אַז עטלעכע יידישע מיידלעך חבר׳ן זיך מיט די דייטשן, האָט ער פאַרשאָלטן די פאַבריק. ער האָט געזאָגט אַז ער איז בטוח אַז די פאַבריק וועט נישט האָבן קיין קיום, און ביז דעם דריטן חורבן האָבן יידן אין שטאָט אַנגעוויזן אויף איינגעפאַלענע מויערן, באַוואַקסן מיט גראָז און מאָך און די יידן האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז די טוך־פאַבריק, וואָס איז איינגעפאַלן . . .

דער רבי ר׳ ישעיה׳לע האָט געהאַט דעם פאַמיליע־נאָמען „וועלטפריינד״. מען זאָגט, אַז ער אַליין האָט זיך אויסגעקליבן דעם דאָזיקן פאַמיליע־נאָמען.

און די וועלט האָט זיך טאַקע געפרייט מיט אים. ער האָט נישט געהאַט קיין מתנגדים, ווי אַנדערע גוטע יידן אין זיין צייט.

אין דעם דאָרף ווידאַמע, אויף דער אַנדערער זייט פּזשעדבוזש, הינטער דער פּיליצע, האָט זיך באַזעצט ר׳ יעקעלע, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו פירן רביסטווע.

חסידים האָבן געוואָלט רודף׳ן דעם רבי׳ן ר׳ יעקעלע, אָבער דער רבי ר׳ ישעיה׳לע האָט דאָס נישט דערלאָזט: „אדרבה — האָט ער געזאָגט — זאָל זיין נאָך אַ ייד, וואָס וויל מיט זיינע תפילות העלפן יידן״ . . .

דער רבי ר׳ ישעיה׳לע איז נפטר געוואָרן ד׳ אלול תקצ״א (1831) אין עלטער פון אַן ערך פינף און זיבעציק יאָר.

אויף זיין קבר איז געשטאַנען אַן אוהל און חסידים פלעגן קומען אויף דער יאָרצייט לייגן קוויטלעך און מתפלל זיין.

דער רבי ר׳ ישעיה׳לע האָט געהאַט אַן איינציקן זון, ר׳ עמנואל, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ ישראל, אַ זון פון „חוזה״ פון לובלין.

נאָך דער פּטירה פון פּזשעדבוזשער רבי׳ן איז געוואָרן רבי ר׳ משה לעלעווער, דער זון פון רבי׳ן ר׳ דוד׳ל לעלעווער, ווייל ר׳ עמנואל איז נאָך געווען צו יונג, ער זאָל איבערנעמען די רביסטווע. אָבער ווען דער רבי ר׳ משה לעלעווער איז געפאָרן וואוינען אין ארץ־ישראל, איז ר׳ עמנואל געוואָרן רבי.

אין עלטער פון 63 יאָר איז דער רבי ר׳ עמנואל נפטר געוואָרן אין וואַרשע כ״ז שבט, תרכ״ה (1865) און דאָרט געקומען צו קבורה. זיין אוהל האָט זיך געפונען אויפן וואַרשעווער בית־עולם, נישט ווייט פונעם „אוהל״ פון „מיטעלן וואורקער״ רבי׳ן ר׳ מענדעלע קאַליש.

נאָך דער פּטירה פון רבי׳ן ר׳ עמנואל איז זיין זון ר׳ אברהם משה געוואָרן רבי.

דער רבי ר׳ אברהם משה האָט די ערשטע צייט געוואוינט אין שטעטל סולעיאָוו, לעבן פּיעטריקאָוו. אין יאָר 1872 האָט מען געמאַכט אויף אים אַ בלוט־בלבול.

אַ קריסטלעך קינד איז ערב פּסח פאַרלוירן געוואָרן, איז דער המון באַפאַלן דעם רבינ׳ס הויז, פּסח ביינאַכט צום סדר, זיי האָבן געמאַכט אַ חורבן אין שטוב, צענומען ממש די ווענט, כדי צו געפינען דאָס קערפּערל פון דעם טויטן קינד, וואָס דער „ראַבין" האָט געשאַכטן, כדי צו האָבן „בלוט אויף מצות" . . . אָבער זיי האָבן גאָרנישט געפונען אין הויז . . .

און צומאָרגנס האָט זיך דאָס קינד אָפּגעזוכט. עס האָט געהאַט פאַר־בלאָנדזשעט אין וואַלד און האָט נישט געקענט געפינען דעם וועג אַהיים . . .

דער רבי ר׳ אברהם משה האָט דערנאָך פאַרלאָזט דאָס שטעטל סור־לעיאָוו און ער האָט זיך באַזעצט אין פּזשעדבוזש. אָבער צוליב אַ מחלוקה אין שטאָט איז דער רבי אַוועק פון דאָרט און ער האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין ראָספּשע, אַ שטעטל לעבן פּיעטריקאָוו. פון דעמאָלט אָן איז ער אָנ־גערופן געוואָרן „דער ראָספּשער רבי".

דער ראָספּשער רבי האָט געהאַט אַ סך יסורים אין זיין לעבן. אין רבי׳שן הויז פלעגט אַריינקומען אַ שבת־גוי׳ע איינהייצן דעם אויוון. די רביצין פלעגט תמיד מכבד זיין די שבת־גוי׳ע מיט אַ גלעזעלע בראָנפן, אָבער איינמאָל האָט די רביצין געמאַכט אַ טעות און אַנשטאָט בראָנפן, האָט זי איר געגעבן אַ גלעזעלע יאָלעק, אַ סם, מיט וועלכן מען האָט אין יענער צייט געפּוצט דאָס קופּער. די גוי׳ע איז באַלד געשטאָרבן.

דער המון גויים איז באַפאַלן דעם רבינס הויז און עס פּאַגראָמירט.

די פּאָליציי האָט געמאַכט אַן אויספאָרשונג. אָבער די יידן איז געלונ־גען איינצושטילן דעם כעס פון די קריסטן און די אויספאָרשונג האָט באַ־וויזן, אַז די רביצין האָט געמאַכט אַ טעות.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען באַנדיטן מיט געווער אין די הענט באַפאַלן דעם רבינ׳ס הויז און געזוכט געלט. דער רבי האָט דערנאָך פאַרלאָזט ראָספּשע און זיך באַזעצט אין פּיעטריקאָוו.

די יידן פון פּזשעדבוזש, וואָס האָבן געפירט אַ מחלוקה מיטן רבי׳ן, האָבן חרטה געקראָגן. זיי האָבן מפייס געווען דעם רבי׳ן און האָבן אים געבעטן ער זאָל זיך צוריק באַזעצן אין פּזשעדבוזש.

דער רבי ר׳ אברהם משה וועלטפרייד איז נפטר געוואָרן כ״ב אלול, תרע״ח (1918) אין עלטער פון 78 יאָר.

כאָטש דער רבי האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל אים נישט קובר זיין אין אוהל פון זיין זיידן, האָט מען אָבער נאָך דער פּטירה געזעצט אַ בית דין,

וואָס האָט גע׳פסק׳נט, אַז אים קומט הייליק דאָס אָרט, און מען האָט אים קובר געווען אין אוהל.

נאָך דער פטירה פון רבי׳ן ר׳ אברהם משה איז זיין זון ר׳ שלמה זלמן וועלטפרייד געוואָרן רבי.

ר׳ שלמה־זלמן איז געבוירן געוואָרן בערך אין יאָר תר״ל (1870). ער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ פּנחס׳ל פון קינצק, וואָס האָט געשטאַמט פון „ייד הקדוש״ פון פשיסכע.

די אַנדערע קינדער פון ראָספשער רבי׳ן זיינען געווען: ר׳ עמנואל פון פּאַביאַניץ, ר׳ ישעיה פון קאַליש און ר׳ ישראל פון ראַדאָמסק.

דער בכור פון ראָספשער רבי׳ן ר׳ עמנואל, האָט זיך צוערשט באַזעצט אין פּאַביאַניץ און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געוואוינט אין לאָדזש אויף דער שרודמייסקאַ גאַס, נומער 44. ער איז געווען אַן איידעם פון דזשיקאָווער רבי׳ן ר׳ יהושע׳לע האָראָוויץ, דער בעל „עטרת יהושע״. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געוואוינט אין לאָדזש. ער איז נפטר געוואָרן אין חודש אדר תרצ״ט (1939) און איז געקומען צו קבורה אויפן לאָדזשער בית עלמין לעבן דעם קבר פון ראַדאָשיצער רבי׳ן. חסידים האָבן האַרט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געשטעלט אַן אוהל אויף זיין קבר.

דער רבי ר׳ שלמה זלמן האָט אָנגעהויבן צו פירן רביסטווע נאָך ביי זיין פאָטער׳ס לעבן, ווייל דער פאָטער איז געווען קראַנק און שוואַך און ער האָט געהייסן זיינע חסידים זיי זאָלן אַריינגיין זיך פּראַווען ביי זיין זון.

דער רבי ר׳ שלמה זלמן האָט די ערשטע צייט נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער געוואוינט אין טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק. אין יאָר תרצ״ה (1935) האָט דער רבי זיך אַריבערגעצויגן קיין לאָדזש. ער האָט געוואוינט אויף פּאָלודניאָוואַ גאַס נומער 28.

הרב ר׳ ישעיהו קעניגסבערג, אַ לאָדזשער איינוואוינער, איצט ראש ישיבה אין ווינטראָפּ, מאַס., דערציילט ווי אַזוי ער האָט געזען, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה דעם טאָמאַשאָווער־לאָדזשער רבי׳ן ר׳ שלמה זלמן וועלטפרייד.[2]

„דינסטיק ביינאַכט, דעם 5טן סעפּטעמבער, 1939 זיינען די יידן אַנט־לאָפן פון לאָדזש קיין בזשעזשין. איך בין דעמאָלט אַריין צום רבי׳ן אים פרעגן וואָס צו טאָן. דער רבי האָט געזאָגט, אַז ער וועט נישט פאַרלאָזן לאָדזש. ׳דער זכות פון מיין פאָטער וועט אויף אונדז מגין זיין׳. ער האָט געוויינט מיט דמעות שליש. אַ גאַנצן ווינטער איז דער רבי יעדן טאָג געגאַנגען אין מקוה אַריין. איך פלעג אים באַגלייטן. ער האָט נאָך דער־מאָלט געהאַט די באָרד און איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין זיין פאָטער׳ס פעלץ,

2) „אלה אזכרה״, באַנד 5, זייטן 232־233.

וואָס ער האָט געקראָגן בירושה. ווען איך האָב אים איינמאָל געזאָגט, אַז ער זאָל נישט גיין אין מקוה אַריין, ווייל די נאַציס כאַפּן יידן, האָט דער רבי געענטפערט: ,כל זמן איך טראָג דעם טאַטנ׳ס פּעלץ, וועט מיר קיין שלעכטס נישט געשען׳.

„ווען די חסידים האָבן געטראַכט אַן עצה ווי אַזוי דעם רבי׳ן אַריבער־צופירן קיין וואַרשע, האָט דער רבי זיך אויסגערעדט איין תנאי, אַז מען זאָל אים נישט אָפּשערן די באָרד״.

און הרב קעניגסבערג דערציילט, אַז ווען ער איז געווען אין טשעכאַ־נאָוו, האָט ער גערעדט מיטן רבינ׳ס זון, ר׳ נתן, אַז מען זאָל דעם רבי׳ן מיט דער רביצין אַריבערפירן קיין וואַרשע. דאָס איז געווען אין יאָר 1940. עס האָט געקאָסט אַ סך געלט. דער רבי מיט דער רביצין זיינען געבראַכט געוואָרן בשלום קיין וואַרשע, וואָס מען האָט דעמאָלט געהאַלטן פאַר אַ זיכער אָרט.

∴

וועגן אומקום פון רבי׳ן ר׳ שלמה זלמן וועלטפרייד זיינען פאַראַן צוויי ווערסיעס. איין ווערסיע איז אַז דער רבי איז נפטר געוואָרן אין וואַרשע־ווער געטאָ. לויט אַ צווייטער ווערסיע איז דער רבי מיט דער רביצין אומ־געבראַכט געוואָרן אויף קידוש־השם דורך די דייטשן, בשעת דער „אויס־זידלונג״ אין יאָר 1942.

דער טאָמאַשאָווער־לאָדזשער רבי ר׳ שלמה זלמן וועלטפרייד האָט גע־האַט זיבן זין און איין איידעם, און אַלע זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם.

דייטשן טרייבן טלומאַטשער רבי'ן צום טויט און צווינגען אים זינגען מיט די חסידים אין זייער לעצטן גאַנג

דער טלומאַטשער רבי, ר' יצחק האַגער, האָט געזונגען איבער די גאַסן אין טלומאַטש „שיר השירים" ווען מען האָט אים מיט די יידן געטריבן פאַרברענט צו ווערן אין בעלזשעץ. — ווי אַזוי דער בורשטינער רבי איז אומגעקומען אין סטאַניסלאַוו.

וועגן אומקום פון טלומאַטשער רב און רבי'ן ר' יצחק האַגער, האָבן מיר אַ שריפטלעכע גבית עדות פון משה פלעשער, וועלכער איז איינער פון דער שארית הפליטה און וואוינט אין ברוקלין, ניו־יאָרק.

מר. משה פלעשער דערציילט:

„איך אַליין האָב געוואוינט אין טלומאַטש, נעבן סטאַניסלאַוו (מזרח־גאַליציע). אַליין געלעבט אין געטאָ פון טלומאַטש, אַ קורצע צייט אין סטאַניסלאַוו און אויך פיר וואָכן אין טיסמעניץ, נעבן סטאַניסלאַוו. האָב אויך אַ צען חדשים געלעבט אין גוטשאטיק, וואו עס איז קיין געטאָ ניט גע־ווען און אויך חדשים אין די וועלדער, און אַ קורצע צייט אויך מיט די פּאַרטיזאַנער.

„ביי אונדז אין שטאָט איז געווען מרא דאתרא, ר' יצחק האַגער ז"ל, וועלכער איז געווען אַן אייניקל פון אָנטיניער רבי'ן, ר' חיים האַגער, און אַן איידעם פון באָלעכאָווער רבי'ן, ר' שלמה חיים פּערלאָוו.

„הרב ר' יצחק האַגער איז געווען אַן ערך צען יאָר רב ביי אונדז אין שטאָט ביז מען האָט ליקווידירט אונדזער קהילה קדושה טלומאַטש. זיין זון האָט געהייסן מענדעלע. ווען מען האָט אים פאַרנומען האָט ער געמוזט אַלט זיין צען יאָר.

„אַזוי ווי יעדער איינער האָט געמוזט אַרבעטן אין געטאָ, האָט אונדזער רבי ז"ל זיך פאַרנומען מיט קברי־מתים. און אין יענער צייט זיינען, נעבעך, כמעט יעדן טאָג מענטשן געשטאָרבן פאַר הונגער און אַ סך זיינען אומגע־בראַכט געוואָרן דורך די דייטשן, ימח שמם.

„צוזאַמען מיטן רב האָט זיך אויך מטפּל געווען אין דער דאָזיקער הייליקער מצוה אַ ייד, אויף וועמען מען קאָן זאָגן, אַז ער איז געווען אַ חד בדרא, ר' ישראל צבי העלער, האָט ער געהייסן. ער האָט אַלע יאָרן זיך אָפּגעגעבן מיט עוסקי הצבור, באַזאָרגט אַ סך אָרימע מענטשן, וואָס זיי האָבן נאָר געדאַרפט. אַליין איז ער געווען אַ בורשטינער חסיד און יעדעס

יאָר פּרשת ויחי, פלעגט ער פאָרן אויף שבת צום רבי'ן קיין סטאַניסלאַוו.

„דער רב, צוזאַמען מיט ר' ישראל צבי העלער, האָבן ביז צום ליקווי־דירן דאָס געטאָ, אַכטונג געגעבן אויפן בית־החיים ביי אונדז אין שטאָט.

„ווען מען האָט אַרעסטירט הרב ר' יצחק האַגער און מען האָט אים געפירט פון דער שטאָט־תפיסה צוזאַמען מיט נאָך יידן איבער די גאַסן צו דער באַן, האָט אַ פּוילישער שטאָט באַאַמטער מיטן נאָמען בענדעראָוו־סקי, ימח שמו וזכרו, באַפוילן דעם רב מיט די יידן זיי זאָלן זינגען. דאָס איז געווען אין חודש אָקטאָבער 1942.

„דער רבי ר' יצחק האַגער האָט אויפן גאַנצן וועג געמוזט זינגען. ער האָט געזונגען 'שיר השירים' און אַזוי איז ער מיט נאָך יידן געגאַנגען זיין לעצטן וועג צו דער באַן־סטאַנציע, דאָרט האָט מען זיי מיט דער באַן גע־שיקט קיין סטאַניסלאַוו און פון דאָרט קיין בעלזשעץ, נעבן ראַוואַ רוסקאַ. דאָרט זיינען זיי אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן אויף קידוש השם.

„דער דאָזיקער פּוילישער באַאַמטער בענדראָווסקי האָט אומב'רחמנות־דיק דערשאָסן אַ סך יידן.

„אַ קורצע צייט איידער די יידישע שטאָט איז ליקווידירט געוואָרן, איז דער זעלבער מערדער אַריינגעקומען צו מיין פעטער אין הויז און האָט געוואָלט אים מיטנעמען מיט זיך. מיין פעטער ר' מענדל הויפמאַן איז שוין געווען אַ ייד אַ זקן, ער האָט געהאַט מיט זיך די תכריכים, האָט ער געבעטן בענדראָווסקי'ן, ער זאָל אים אויפן אָרט דערשיסן, אָבער דאָס האָט ער אים נישט געוואָלט צוליב טאָן. נאָר ער האָט אים מיטגענומען מיט זיך, אים געפּייניקט און דערנאָך ערשט איז מיין פעטער אומגעקומען אויף קידוש השם . . .

⁂

„ביי אונדז אין טלולאַטש האָט אויך געוואוינט דער רבי ר' אלימלך לאַם, וועמען מען האָט גערופן 'דער ארץ־ישראל־רבי'. ער האָט זיך באַ־זעצט ביי אונדז אין שטאָט אין יאָר 1930. ער איז געווען זייער אַ טייערער מענטש.

„דער 'ארץ־ישראל־רבי' האָט געטראָגן נאָר ווייסע מלבושים. ער פלעגט לייגן צוויי פּאָר תפילין מיטאַמאָל. ער איז נפטר געוואָרן עטלעכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט איבערגעלאָזט זיין רבי'צין, וועלכע איז געווען אַ גרויסע מיוחסת. זי איז געווען אַ געשוועסטער־קינד פון לעצטן בעלזער רבי'ן.

„די דייטשן האָבן פאַרנומען די רבי'צין די ערשטע וואָך נאָך פּסח, 1942, קיין סטאַניסלאַוו, און דאָרט איז די רביצין אומגעקומען אין דער רודאָלפ'ס מיל, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע הונדערט יידן, הי"ד.

„דער רבי ר' אלימלך, דער 'ארץ־ישראל־רבי', האָט איבערגעלאָזט אַ זון, ר' חיים לאַם. ער איז געווען אַ געלערנטער מענטש און אַ גרויסער

רעדנער. ער פלעגט האַלטן רעפעראַטן וועגן פאַרשידענע ענינים אין יהדות און די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ פלעגט קומען הערן. ער האָט געהערט צו דער מזרחי און ער האָט קאַנדידירט צום ציוניסטישן קאָנגרעס אויף דער מזרחי־ליסטע. ער האָט אָרגאַניזירט אין טלומאַטש אַ „חדר הכללי״, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

„די דייטשן האָבן אים פאַרנומען ערב שבועות, 1942, צוזאַמען מיט נאָך הונדערט און פופציק יידן. מען האָט זיי געשיקט קיין לעמבערג אין דעם טרויעריק באַוואוסטן „יאַנאָווסקי־לאַגער״. דאָרט איז ער געווען אַ קורצע צייט. פון דאָרט האָט מען אים געשיקט קיין וויניקע, נעבן לעמבערג. ער האָט דאָרט געאַרבעט אַ קורצע צייט און ער איז דאָרט אומגעקומען אויף קידוש השם, הי״ד. ער האָט איבערגעלאָזט זיין פרוי, אַן אייניקל פון דעם דראָהאָביטשער רבי׳ן, און אַ קליין קינד.

„אויפן בית־החיים אין טלומאַטש ליגט אויך דער קדוש ר׳ יצחק׳ל פון סטאַניסלאַוו, וועלכער איז געווען אַ זון פון בורשטינער רבי׳ן, ר׳ משה׳לע בראַנדווין.

„דער רבי ר׳ משה׳לע איז געווען אַ זון פון ר׳ אליעזר (לייזער) בראַנד־ווין פון אופאַליע, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי ר׳ נחום בראַנדווין. דער רבי ר׳ נחום, וועלכן מען האָט גערופן דער ׳בורשטינער רבי׳, האָט געוואוינט אין סטאַניסלאַוו. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרכ״ט (1869). ער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ שמעלקע פון סערעט. פון יאָר 1918 האָט ער געוואוינט אין סטאַניסלאַוו.

„דעם רבי׳ן ר׳ משה׳ס זון, ר׳ יצחק, האָט אויך געוואוינט אין סטאַניס־לאַוו. ווען די נאַציס האָבן פאַרנומען די שטאָט און די דייטשן האָבן גע־נומען די יידן צו שקלאַפן־אַרבעט, איז ר׳ יצחק׳ל באַשטימט געוואָרן איינ־צוקויפן פאַר די דייטשן אַלט־אייזן און שמאַטעס. ער האָט געקראָגן אַ „בלעכל״ אַז ער מעג פאָרן אויף די באַנען.

„איינמאָל איז ר׳ יצחק׳ל געפאָרן פון בוטשאַטש קיין סטאַניסלאַוו, זיינען אַרויף דייטשן אויפן צוג און כאָטש ר׳ יצחק׳ל האָט געהאַט גוטע פאַפירן, אַז ער מעג פאָרן אויף דער באַן, האָבן די דייטשן אים אַראָפּגענו־מען פון צוג אויף דער סטאַנציע פלאַהיטשע, וואָס איז זיבן קילאָמעטער פון טלומאַטש, זיי האָבן אים געבראַכט אויפן בית־החיים אין טלומאַטש און אים דאָרט דערשאָסן. דאָס איז געווען אין אָנהויב יאָר 1943.

„זיין פאָטער ר׳ משה׳לע איז געווען אַ באַוואוסטער רבי אין סטאַניס־לאַוו. ער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ שלמה מאיר פון סאַסעוו און ביי אים געלערנט קבלה. אין יאָר 1932 האָט מען אין ניזשניוו אויפגע־שטעלט אַ בורשטינער שולכל, איז דער רבי געקומען צום חנוכת־הבית און עס זיינען דאָרט אויך געקומען הונדערטער חסידים פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך״.

ווי עס האָט מיר איבערגעגעבן מר. מאַקס פייער פון סטאַניסלאַוו, איינער פון די שארית הפליטה, וואָס וואוינט איצט אין בראָנקס, ניו־יאָרק, האָט ער מיט נאָך עטלעכע יידן מקבר געווען דעם בורשטינער רבי׳ן ר׳ משה׳לע, זיי האָבן אים געפונען אַ דערשטיקטן אין „רודאָלפ׳ס מיל״ אין סטאַניסלאַוו. זיי האָבן געבראַכט אַ טלית און אים אין טלית מקבר געווען.

∴

דער רבי ר׳ לייזערל, דער פאָטער פון דעם רבי׳ן ר׳ משה׳לע בראַנד־וויין, האָט איבערגעלעבט דעם גרויסן פאָגראָם אין סטאַניסלאַוו, הושענא רבה, אין יאָר 1942. אין דעם דאָזיקן טאָג זיינען אומגעקומען צוועלף הונ־דערט יידן [1]. דער רבי איז נפטר געוואָרן אין אָנהויב 1943. עס האָבן אים נאָך מספיד געווען הרב משה הורוויץ און הרב אַלטשאָד פון קאָראַפּיעץ.

אַ דריטל פון דער יידישער קהילה אין טלומאַטש האָבן די נאַציס אומגעבראַכט אויף אַ שוידערלעכן אופן. זיי האָבן פשוט פאַרנאַרט די יידן און צוגעזאָגט, אַז מען שיקט זיי מיט זייערע משפחות קיין סטאַניסלאַוו אויף אַרבעט. עס איז פאָרגעקומען אַ רעגיסטראַציע. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז מען האָט אַלע פאַרשיקט אין דער „רודאָלפ׳ס מיל״, וואו די יידן זיינען אַלע אומגעקומען אויף קידוש השם.

1) זע פּראָפעסאָר דוב סדן און מנחם געלערנטער אין ספר „ערים ואמהות בישראל״, הוצאת מוסד הרב קוק, זייט 368.

דער רבי ר׳ נחום טווערסקי איז פאַרברענט געוואָרן דורך די דייטשן אין טריסק

די טריסקער רביים האָבן געשטאַמט פון דער טשערנאָבילער דינאַסטיע,
דער רבי ר׳ אברהם טווערסקי. — דער טריסקער מגיד.

רביים פון דעם טריסקער מגיד׳ס גזע זיינען געווען קרבנות פון דער „ברוינער ערן־ראַסע״, — די דייטשע מערדער.

די טריסקער רבי׳שע דינאַסטיע ציט איר רבי׳שן יחוס פון רבי׳ן ר׳ מאָטעלע פון טשערנאָביל.

אַכט זין האָט דער רבי ר׳ מאָטעלע (ר׳ מרדכי טווערסקי) פון טשער־נאָביל געהאַט און אַלע אַכט קינדער זיינען געוואָרן רביים.

דער רבי ר׳ נחום טווערסקי, הי״ד

דער רבי ר׳ מאָטעלע איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ נחום פון טשער־נאָביל, וועלכער איז געווען איינער פון די תלמידים פון בעש״ט און אַ תלמיד מובהק פון מגיד, ר׳ דוב־בער פון מעזריטש.

דער רבי ר׳ מאָטעלע איז געווען אַן איידעם פון „גרויסן ר׳ אהרן״ פון קאַרלין. ער איז געווען אַ בעל־מופת. ער האָט אויסגעבויט אַ גרויסן הויף און געפאָרן מעשה פריץ, מיט פיר פערד באַשפּיץ.

נאָך דער פּטירה פון רבי׳ן ר׳ מאָטעלע (כ׳ איּיר, תקצ״ז (1837) [1]) האָבן זיך די זין צעשפּרייט איבער גאַנץ אוקראַינע און יעדער איינער האָט געשאַפן אַ הויף פאַר זיך.

בלויז דער פינפטער זון, ר׳ אברהם, גערופן דער „טריסקער מגיד״, האָט זיך באַזעצט אין טריסק און אַזוי אַרום אַריינגעבראַכט טשערנאָבילער חסידות קיין פוילן.

דער טריסקער מגיד האָט געהאַט אַ סך חסידים אין פוילן, צווישן זיי רבנים און רביים. (אויך מיין פאָטער זצ״ל איז אין די יונגע יאָרן געווען אַ חסיד פון טריסקער מגיד).

דער טריסקער מגיד האָט געזאָגט תורה פול מיט גימטריאות און נוטריקון. ער האָט מחבר געווען דאָס ספר „מגן אברהם״ אויף תורה.

גרויסע רדיפות האָט דער טריסקער מגיד געהאַט אויסצושטיין פון די משכילים. איינער פון זיי אברהם קופּערבאַנד, אַ מסור, האָט גע׳מסר׳ט אַ צאָל רביים, צווישן זיי אויך דעם טריסקער מגיד.

די ערשטע מסירה פון אברהם קופּערבאַנד איז געווען קעגן דעם ריזשינער רבי׳ן ר׳ ישראל׳טשע. ער האָט גע׳מסר׳ט צו דער רוסישער רעגירונג, אַז ער האָט זיך דערוואוסט בסוד סודות, אַז די יידן קלייבן זיך אַראָפּצוּוואַרפן דעם רוסישן צאַר און אַרויפזעצן אויף זיין אָרט דעם ריזשינער רבי׳ן, וועלכער האָט שוין דעמאָלט געוואוינט אין סאַדיגורע, אַז וועגן דעם איז שוין געווען ביים ריזשינער דער שר משה מאָנטעפיאָרע און ער האָט צוגעזאָגט דעם ריזשינער רבי׳ן אים אונטערצושטיצן אין דעם דאָזיקן שריט. אויך די פוילישע פּריצים זיינען דערפאַר, אַז דער ריזשינער רבי זאָל ווערן קעניג ביי די יידן.[2])

די רוסישע רעגירונג האָט די ערשטע מסירה פון דעם מסור קופּערבאַנד נישט גענומען אין באַטראַכט, אָבער קופּערבאַנד האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט און ער האָט אַריינגעשיקט אַ צווייטע מסירה, אין וועלכער ער האָט דערציילט, אַז ער האָט זיך דערוואוסט בסוד סודות, אַז די יידן גרייטן זיך אַראָפּצוּוואַרפן דעם צאַר און אַז ערב פסח וועלן פאַרקומען געהיימע אסיפות אין די רבי׳שע הויפן: ביים טריסקער מגיד, ביי זיין ברודער דעם רבי׳ן ר׳ דוד׳ל טאַלנער, וועלכער האָט דעמאָלט געוואוינט אין וואַסילקאָוו, אין הויף פון זייער ברודער, דעם רבי ר׳ נחום פון מאַקאַראָוו, ווי אויך אין הויז פון רבי׳ן ר׳ יעקב־יוסף ספרד פון אָסטראָה.

די צאַרישע רעגירונג האָט געמאַכט אַ זוכונג אין הויז פון רבי׳ן ר׳ יעקב־יוסף ספרד אין אָסטראָה. מען האָט ביי אים געפונען אַ בריוו מיט אַ

1) זיין ספר איז „ליקוטי תורה״.

2) שאול גינזבורג: היסטאָרישע ווערק, ערשטער באַנד, קאַפּיטל: פאַרצייטיקע מוסרים.

געהיימער שריפט אין אַ ספר'ל. די פּאָליציי האָט גלייך אַרעסטירט אַלע יידן, וואָס זיי האָבן געטראָפן ביים רבי'ן אין הויז. זיי האָבן געשיקט נאָכן ראַבינער בערגער ער זאָל איבערלייענען דעם געהיימען בריוו. האָט ראַבינער בערגער געזאָגט, אַז דער בריוו איז געשריבן מיט העברעאישע אותיות, אָבער דעם אינהאַלט קען ער נישט פאַרשטיין. האָט דער מסור קופּערבאַנד געזאָגט אַז ער קאָן איבערלייענען דעם בריוו, אַז דער בריוו איז פון ריזשינער רבי'ן פון סאַדיגורע און ער שרייבט, אַז ער „וועט מיט גאָט'ס הילף ווערן קייזער". אויך איז צווישן די פאַרנומענע כתב־יד'ן פאַראַן אַ תפילה פון טריסקער מגיד, געשיקט צום אָסטראָהער רבי'ן, וואָס מען דאַרף זאָגן, כדי צו האָבן אַ בייעם קייזער. אויך אַ ידיעה, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי מענטשן, וואָס ווילן צו הונדערט טויזנט רובל „אָפּצוראַמען דעם צאַר מיט זיין גאַנצער פאַמיליע", און אַז עס זיינען פאַראַן איבער 80 אונטערשריפטן פון פריצים, נאָר מען זאָל זיך אויף דעם אַלעם נישט פאַרלאָזן, נאָר מען זאָל מתפלל זיין און זאָגן די תפילה און באַנוצן די סגולה, וואָס ער האָט צוגעשיקט.

הגם לויט ווי דער מסור קופּערבאַנד האָט אָנגעגעבן, איז אויפן בריוו געווען אונטערגעשריבן „אברהם ראַבינאָוויטש פון טריסק", בעת דעם טריסקער מגיד'ס פאַמיליע־נאָמען איז געווען טווערסקי, האָט די צאַרישע מאַכט אַרעסטירט אי דעם טריסקער מגיד, און אי דעם רב, ר' אברהם ראַבינאָוויטש פון טריסק.

עס זיינען אויך אַרעסטירט געוואָרן 50 יידן און הונדערטער יידן זיינען צוגעצויגן געוואָרן צו דער אָנקלאַגע.

די אַרעסטן האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורעם צווישן אַלע יידן. מען האָט זיך אָנגעהויבן משתדל זיין מען זאָל באַפרייען דעם טריסקער מגיד און אַלע אַנדערע אַרעסטירטע יידן. מען האָט אויפגעוויזן, אַז דער בריוו איז אַ געפעלשטער, אַז דער מסור אַליין האָט דעם בריוו אונטערגעוואָרפן, וואָרים פון וואַנען האָט דער פאָלקאָוניק געוואוסט צו זוכן אַ געהיימען בריוו אין אַ ספר'ל ? . . .

דער סוף איז געווען, אַז נאָך לאַנגע מאַטערנישן איז דער טריסקער מגיד צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אַרעסטירטע יידן באַפרייט געוואָרן און דער מסור קופּערבאַנד איז אַרעסטירט געוואָרן און אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר אַ פאַלשער מסירה. ער האָט געקראָגן אַ האַרבע שטראָף, אָבער מען האָט די שטראָף אויף אים נישט אויסגעפירט.

∴

דער טריסקער מגיד האָט געהאַט דריי זין, וועלכע זיינען אַלע געווען רביים. דער בכור איז געווען ר' מנחם־נחום פון בריסק (נפטר געוואָרן

ביים לעבן פון טריסקער מגיד, ד׳ שבט, תרמ״ז—1887). דער רבי ר׳ מאָטעלע פון קוזמיר (נפטר געוואָרן אין תמוז, תרע״ז—1917).[3]

דער דריטער זון איז געווען דער רבי ר׳ יעקב־לייבעניו פון טריסק, וועלכער איז נפטר געוואָרן כ״ח אייר, תרע״ב (1912) אין הרוביעשאָוו.

דער טריסקער מגיד האָט אַריינגעבראַכט דאָס טשערנאָבילער חסידות קיין פוילן און די קינדער האָבן ממשיך געווען דעם טשערנאָבילער דרך אין וואָלין און פוילן.

דער רבי ר׳ יעקב־לייבעניו האָט געהאַט פיר זין, וועלכע זיינען געווען רביים, איין זון ר׳ משה־מרדכי איז געווען רבי אין לובלין. ער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס אין דעם וואַלד קרעמפיץ אין יאָר תש״ג (1943). דער צווייטער זון ר׳ דוד־אהרן איז געווען רבי אין זאַריק. דער דריטער זון ר׳ נחום איז געווען רבי אין וואַרשע, און דער פערטער זון ר׳ וועלוועלע — אין קאָוועל.

דער טריסקער מגיד האָט זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט די אייניקלעך, אָבער איידער ר׳ נחום איז געוואָרן בר־מצוה איז זיין זיידע נסתלק געוואָרן.

* *
*

דער רבי ר׳ נחום איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרל״ד (1874). ער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ מאָטעלע פון שפּיקאָוו, וואָס איז געווען אַן אייניקל פון רבי׳ן ר׳ יצחק׳ל פון סקווער, אַ ברודער פון טריסקער מגיד.

דער רבי ר׳ נחום האָט אַ שטיק צייט געוואוינט ביי זיין שווער אין שפּיקאָוו. זיין רביצין חיה׳קע האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ קלוגע און גרויסע מלומדת׳טע.[4]

דער רבי ר׳ נחום האָט נישט געהאַט קיין שלום־בית, און די רביצין איז זיך צעגאַנגען מיטן רבי׳ן. די רביצין האָט צוגענומען די קינדער און זיי דערצויגן לויט איר וועלט־אויפפאַסונג. דער רבי איז געבליבן וואוינען אין טריסק. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו וואַנדערן פון אָרט צו אָרט, וואו עס האָבן געוואוינט טריסקער חסידים.

ר׳ נחום האָט זיך דערנאָך באַזעצט אין וואַרשע. ער האָט געוואוינט אויף מילע גאַס און דאָרט האָט ער געפירט זיין רביסטווע. ער פלעגט פון

3) ער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ אָשר פון סטאָלין און האָט נישט געהאַט קיין קינדער. ער האָט געוואוינט אין פאַרשידענע שטעט, אין: וולאָדאַווקא, דאָמבראָוויץ, כעלם, לובלין, קוזמיר און קעלץ, וואו ער איז נפטר געוואָרן. ער האָט מחבר געווען דאָס ספר „מאמר מרדכי״.

4) זי האָט דערנאָך געוואוינט אין ניו־יאָרק. איר זון, דער באַוואוסטער העברעיש־יידישער שריפטשטעלער יוחנן טווערסקי, פון תל־אביב, האָט פאַרעפנטלעכט דעם ערשטן טייל זכרונות וועגן זיין מוטער און פאָטער אין דער באַנייטער „רשומות״, כרך ה׳, תל־אביב, תשי״ג.

צייט צו צייט פאָרן אין אַ שטעטל אַריין, וואו עס זיינען געווען טריסקער חסידים.

דער רבי ר׳ נחום האָט איבערגענומען אַ טייל פון דעם עולם פון זיין פאָטער ר׳ יעקב־לייבעלע.

ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט פוילן, איז דער רבי ר׳ נחום אַוועק פון וואַרשע קיין טריסק. ער האָט געטראַכט אַז אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע, וואו ער האָט געוואוינט, קענען אים קינד און קייט און ער וועט זיך נישט קענען אויסבאַהאַלטן, אָבער אין טריסק וועט ער אפשר ניצול ווערן.

דער רבי ר׳ נחום איז צוריק געקומען קיין טריסק און אויפגעלעבט, אויף אַ קורצער צייט, דעם „טריסקער הויף" פון זיין זיידן און פאָטער.

קיין טריסק זיינען געקומען אַ סך יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון זייערע היים־שטעט, וואו די דייטשע מערדער האָבן געבושעוועט.

און אָנהייב זומער, תש״ב (1942) זיינען עס־עס־לייט אַריין אין רבי׳נס הויף, זיי האָבן אַרויסגענומען דעם רבי׳ן ר׳ נחום צוזאַמען מיט זיינע מקורבים און די דייטשע ערן־ראַסע האָט זיי אַלעמען פאַרברענט, הי״ד.[5]

5) לויט ווי עס גיט איבער זיין ברודערס זון, הרב ר׳ אברהם טווערסקי, פון ניו־יאָרק, איז דער רבי ר׳ נחום אומגעקומען אין וואַרשע.

דער אַכציק־יאָריקער טשיכוויווער רבי ר׳ ישעיה׳לע האַלבערשטאַם איז אומגעקומען אין נאַצי־לאַגער אין באָכניע

ער איז געווען דער יינגסטער זון פון אַלטן סאַנדזער רבי׳ן ר׳ חיים האַלבערשטאַם. דער אַלטער רבי האָט נישט געוואָלט מען זאָל אים ראַטעווען.

דער טשיכוויווער רבי, ר׳ ישעיה׳לע האַלבערשטאַם, איז געווען דער בן־זקונים פונעם אַלטן סאַנדזער רבי׳ן ר׳ חיים האַלבערשטאַם. דער דרך־ארץ פאַרן רבי׳ן ר׳ ישעיה׳לען איז געווען זייער גרויס. מיט זיינס אַ וואָרט האָט

דער טשיכוויווער רבי, ר׳ ישעיה׳לע האַלבערשטאַם, הי״ד

מען זיך גערעכנט אין אַלע רבי׳שע הויפן, און חסידים פון אַנדערע רביים האָבן נישט געוואָגט צו זיין קעגן דעם סאַנדזער רבי׳נס קינד.

חסידים האָבן דערציילט, אַז דער סאַנדזער רבי האָט געזאָגט אַז ער גיט איבער זיין כוח, פועל ישועות צו זיין, צו זיין זון ר׳ ישעיה׳לען . . . זיינע חסידים, אפילו פון אַנדערע רביים, זיינען געקומען צום טשיכוויווער רבי׳ן.

דער רבי ר׳ ישעיה׳לע איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרכ״ד (1864), ווען ר׳ חיים סאַנדזער איז שוין געווען אַ זקן, און זיין נאָמען האָט שוין געשמ׳ט אין גאַנץ גאַליציע און פּוילן מיט זיין גאונ׳ישקייט און חסידות.

צוועלף יאָר איז ר׳ ישעיה׳לע אַלט געווען ווען דער סאַנדזער רבי, דער בעל „דברי חיים״, איז נסתלק געוואָרן אין יאָר תרל״ו (1876).

אַחוץ די דערוואַקסענע קינדער האָט דער סאַנדזער רבי איבערגעלאָזט פיר קליינע יתומים: נחמה׳לע, וועלכע איז געווען די רביצין פון רבי׳ן ר׳ טוביה רובין פון סאַנדז; ר׳ שלום-אליעזר, וועלכער איז געווען רבי אין ראַצפירט (אונגאַרן); ר׳ ישעיה׳לע, רבי אין קראָקע; און גיטל, וועלכע איז געווען אַ קינד פון פינף יאָר. זי איז דערנאָך געווען די רביצין פון רבי׳ן ר׳ בצלאל פון גלינע.

נאָך דער פּטירה פון סאַנדזער רבי׳ן איז דער יתום ר׳ ישעיה׳לע אויפגעצויגן געוואָרן ביי זיינע ברידער-רביים, דער שינאַווער רבי ר׳ יחזקאלע און דער גאָרליצער רבי ר׳ ברוך.

ווען ר׳ ישעיה׳לע איז אַלט געוואָרןניינצן יאָר, איז ער אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין טשיכוויוו. ער האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן דאָס כסא-הרבנות און האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין קראָקע.

זיין ברודער, דער שינאַווער רבי, וועלכער ווערט אָנגערופן אויפן נאָמען פון זיין ספר „דברי יחזקאל״, האָט זיין יינגסטן ברודער, ר׳ ישעיה׳לען, שטאַרק מקרב געווען. שינאַווער חסידים אין קראָקע האָבן אָנגעהויבן אַריינצוקומען דאַווענען צו ר׳ ישעיה׳לען און ר׳ ישעיה׳לע האָט אויפגעשטעלט אַן אייגענע קלויז און אַ רבי׳שן הויף...

אין משך פון יאָרן זיינען ר׳ ישעיה׳לעס עלטערע ברידער נסתלק געוואָרן. דער שינאַווער רבי, דעם סאַנדזער רבי׳נס עלטסטער זון, איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 86 יאָר, אין יאָר תרנ״ט (1899); דער גאָרליצער רבי, ר׳ ברוך, איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרס״ו (1906); דער קשאַנאָווער רבי, ר׳ דוד האַלבערשטאַם, איז נפטר געוואָרן מיט אַ יאָר שפּעטער. אין יאָר תרס״ד (1904) איז נפטר געוואָרן דעם סאַנדזער רבי׳נס זון, ר׳ אהרן האַלבערשטאַם, אין עלטער פון אַכציק יאָר. ר׳ ישעיה׳לע איז געווען דער איינציקער סאַנדזער רבי׳נס זון, וואָס האָט געלעבט אין גאַליציע.

∵

דער סאַנדזער רבי, ר׳ חיים האַלבערשטאַם, איז געווען אַ גרויסער בעל-צדקה. ער פלעגט פאַרלאַנגען פון רייכע חסידים געלט פאַר אַן אָרעמען יידן. דער סאַנדזער רבי האָט זיך אַמאָל אין פּורים איינגע׳עקשנ׳ט און געזאָגט, אַז ער וועט נישט גיין לייענען די מגילה, ביז ער וועט נישט

פריער קריגן דעם סכום געלט, וואָס ער דאַרף האָבן פאַר אַ יידענע, אַן אלמנה, זי זאָל קענען געבן אַ נדן פאַר איר טאָכטער.

אויך דער רבי ר׳ ישעיה׳לע איז געווען אַ מזג־טוב און געטאָן אַ סך פאַר צדקה־עניים.

דער טשיכויוועער רבי איז געווען זיין גאַנץ לעבן אַ חלוש. ווען ער איז געקומען אויף דער עלטער, האָבן אים די קינדער געבעטן, אַז ער זאָל נישט אויפזיין אַזוי שפּעט ביינאַכט און לערנען; אַז ער זאָל פרייטיק־צו־נאַכטס נישט פירן דעם טיש ביז פאַרטאָג, אָבער ער האָט זיך צו זיי נישט צוגעהערט.

ווען עס האָט אים איינמאָל עמיצער פון זיינע ברידער׳ס קינדער געפרעגט: פאַרוואָס ער וויל זיך נישט סומך־זיין אויף דעם וואָס ער איז אַ זון פון דעם סאַנדזער רבי׳ן, האָט ר׳ ישעיה׳לע געענטפערט: „די תורה דערציילט אונז, אַז אברהם אבינו האָט געגראָבן אַ ברונעם, און די תורה דערציילט אונז, אַז יצחק האָט געגראָבן אַ ברונעם, בלויז יעקב אבינו האָט קיין ברונעם נישט געגראָבן. פאַרוואָס? ווייל אַ פאָטער און אַ זון מוזן אַליין גראָבן ברונעמער, אָבער דאָס אייניקל קען זיך שוין פאַרלאָזן אויף די מעשי־אבות... דו — האָט דער רבי ר׳ ישעיה׳לע געזאָגט צו זיין ברודער׳ס זון — קענסט זיך שוין סומך־זיין אויפן זיידן דיינעם (אויפן אַלטן סאַנדזער רבי׳ן), אָבער איך מוז אַליין אַרבעטן איבער זיך״ [1]...

⁂

ווען די דייטשן זיינען אַריין קיין קראָקע, איז דער טשיכויוועער רבי געווען אין קראָקעווער געטאָ צוזאַמען מיט אַלע יידן.

דער רבי ר׳ ישעיה׳לע האָט יעדן חסיד געהייסן אַנטלויפן פון די נאַציס. „ווער עס קען זיך ראַטעווען״ — האָט ער געזאָגט — „דאַרף זיך וואָס שנעלער ראַטעווען״.

אַ צאָל חסידים האָבן זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון רבי׳ן און זיי זיינען אַנטלאָפן — ווער אין די וועלדער און ווער אין די בערג — און געזוכט זיך אַריבערצושוואַרצן די גרעניץ קיין אונגאַרן...

די לאַגע אין קראָקאָווער געטאָ איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג מורא׳דיקער. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן צו ליקווידירן דאָס געטאָ און זיי האָבן אַ סך יידן געשיקט אין דעם לאַגער קיין פּלאַשאָוו און פון דאָרט קיין אוישוויץ. דעמאָלט איז דער רבי ר׳ ישעיה׳לע אַוועק פון קראָקע קיין באָכניע.

1) „אלה אזכרה״, באַנד 4, זייט 165.

אין באָכניער געטאָ האָט זיך אויך געפונען דער בעלזער רבי. פון באָכניע איז אָנגעגאַנגען אין געהיים אַ „שמוגל" פון מענטשן קיין טשעכאָ־סלאָוואקיע און אונגאַרן. די לאַגע פון די יידן אין יענע לענדער איז ממש געווען אַ גן־עדן לגבי דער ביטערער לאַגע פון די יידן אין גאַליציע און פוילן.

אַ גרופּע חסידים האָבן זיך מוסר־נפש געווען און האָבן געדונגען אַ קריסט ער זאָל אַריבערפירן דעם בעלזער רבי'ן קיין אונגאַרן. די חסידים האָבן געוואָלט, אַז אויך דער רבי ר' ישעיה'לע זאָל מיטפאָרן. אָבער ער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין בני־בית און פאָרן אַליין, און דער קריסט האָט נישט געוואָלט אַריבערשמוגלען די גרעניץ אַזאַ גרויסע משפחה. ער האָט געוואָלט מיטנעמען מיט זיך בלויז דעם טשיכּויווער רבי'ן אַליין.

איז דער בעלזער רבי מיט זיין ברודער, דער בילגורייער רב ר' מאָ־טעלע, אַוועק פון באָכניע אין געהיים און אַריבער קיין אונגאַרן, און דער טשיכּויווער רבי איז געבליבן אין באָכניע.

די דייטשן האָבן יעדן טאָג אַרויסגענומען יידן אין די טויזנטער און זיי געשיקט אין די גאַז־קאַמערן קיין אוישוויץ.

די דייטשן האָבן זיך דערוואוסט, אַז אין באָכניע געפינט זיך דער רבי ר' ישעיה'לע, האָבן זיי געזוכט אין אים זיך נוקם צו זיין. דאָס איז געווען אין זומער פון יאָר תש"ג (1943). די נאַציס האָבן אין יענע פּאָר חדשים אומגעבראַכט איבער אַ האַלב מיליאָן יידן אין פוילן.

און איינמאָל ביינאַכט האָבן די דייטשן זיך דערוואוסט פון דער באַ־העלטעניש פון טשיכּויווער רבי'ן. זיי זיינען אַריין און געפונען דעם רבי'ן ר' ישעיה'לע צוזאַמען מיטן וויעלעפּאָלער רבי'ן, ר' מאיר פרענקל. די צוויי רביים זיינען געווען איינגעהילט אין זייערע טליתים, ווען די דייטשן האָבן זיי געכאַפּט. די דייטשן האָבן די צוויי רביים אַרויסגעשלעפּט אין מיטן מאַרק און דאָרט זיי אומגעבראַכט אויף קידוש־השם. דער טשיכּויווער רבי, ר' ישעיה'לע האַלבערשטאַם, איז אַלט געווען בערך אַכציק יאָר, ווען ער איז אומגעקומען על קידוש־השם [2].

פאַרנאַכט זיינען די אומגליקלעכע יידן אַרויס פון באָכניער געטאָ און האָבן צונויפגענומען די גופים פון די קדושים און זיי געבראַכט צו קבר־ישראל.

2) לויט ווי ס'ווערט אָנגעגעבן אין „ספר האדמו"רים" פון יצחק אלפסי, זייט 90 איז ר' ישעיה'לע אומגעבראַכט געוואָרן כ"א תמוז.

כּענטשינער רבי איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דײַטשן

דער נײַנציק־יעריקער כּענטשינער רבי, ר׳ יהושע־העשל, איז דערשאָסן געוואָרן, ווען ער האָט נישט געלאָזט אַ דײַטשער סאָלדאַט זאָל אָנרירן זײַן באָרד. — ער איז דערשאָסן געוואָרן אין אַ צוג וואָס האָט געפירט יידן אין אַ טויטן־לאַגער פאַרברענט צו ווערן.

צווישן די זעקס מיליאָן יידן, וואָס זײַנען אומגעקומען אויף קידוש־השם דורך די דײַטשע מערדער, איז אויך געווען דער כּענטשינער רבי ר׳ יהושע־העשל הלוי האָראָוויץ־שטערנפעלד פון אָלקוש.

נאָענט צו נײַנציק יאָר איז דער כּענטשינער רבי אַלט געווען ווען די דײַטשע חיות האָבן פאַרכאַפּט אָלקוש. דער רבי איז אָנגערופן געוואָרן דער „זקן האדמו״רים״ — דער עלטסטער פון די רביים — און ער האָט געפירט רבי׳סטווע אַ 25 יאָר.

דער כּענטשינער רבי איז געווען אײַנגעטונקען אין רבי׳שן יחוס. ער האָט געהאַט אַ הדרת־פּנים און זײַנע חסידים האָבן געגלייבט אַז ער וועט זיי פירן מקבל־פּנים צו זײַן משיח׳ן.

דער רבי ר׳ יהושע־העשל פון כּענטשין איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ חיים־שמואל הלוי פון כּענטשין, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ יאָסעלע (ר׳ יוסף־ברוך) פון נײַשטאַט, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן „דער גוטער ייד פון נײַשטאַט״.

דער רבי ר׳ יהושע־העשל איז אויפגעצויגן געוואָרן אין הויז פון זײַן זיידן, דעם „גוטן ייד פון נײַשטאַט״. ער איז שוין געווען נאָענט צו אַ בר־מצוה בחור, ווען דער „גוטער ייד פון נײַשטאַט״ איז נפטר געוואָרן [1].

נאָך דער פּטירה פון זײַן זיידן האָבן אַ טייל חסידים געקרוינט פאַר אַ רבי׳ן דעם „גוטן יידנס״ איידעם, ר׳ חיים־שמואל.

דער כּענטשינער רבי ר׳ חיים־שמואל איז באַרימט געווען אין פּוילן פאַר אַ מופת־הדור. ער פלעגט צוואַנציק שעה אַ טאָג זיצן און לערנען. ער פלעגט צוליב דעם תּמיד פאַרשפּעטיקן דעם זמן־תּפילה, און כּדי ער זאָל האָבן אַ מנין, האָט ער בײַ זיך אין הויף אויסגעהאַלטן „עשרה בטלנים״ זיי זאָלן דאַווענען מיט אים צוזאַמען.

1) ר׳ יוסף־ברוך — דער „גוטער ייד״ פון נײַשטאַט — איז נפטר געוואָרן י׳ אדר, תּרכ״ז (1867).

דער רבי ר׳ חיים־שמואל האָט יעדן חודש אויסגעלערנט גאַנץ משניות. פאַרן דאַווענען האָט ער קיינמאָל נישט גערעדט קיין דברי־חול. חסידים פלעגן אָפּזיצן טעג און וואָכן ביז דער רבי האָט זיי געפּראַוועט.

שבת האָט דער רבי געפירט טיש זייער שפּעט. ער האָט נישט געזאָגט קיין תורה אַזוי ווי עס האָבן זיך נוהג געווען די רביים.

דער כענטשינער רבי איז געווען אַ גרויסער אוהב־ישראל און אוהב־ארץ־ישראל. אויף זיין טיש זיינען תמיד געשטאַנען פאַרשידענע צדקה־פּושקעס און צווישען זיי איז געווען פאַר ארץ־ישראל. חסידים, וואָס זיינען געקומען זיך פּראַווען, האָבן אַריינגעוואָרפן געלט אין די צדקה־פּושקעס, און בפרט אין דער גרויסער פּושקע, וואָס איז געווען פאַר די אָרעמע לייט אין ארץ־ישראל.

און אין יעדן יומא דפגרא האָט דער רבי אויסגעליידיקט די גרויסע צדקה־פּושקע און האָט דאָס געלט געשיקט קיין ארץ־ישראל.

דער כענטשינער רבי האָט אויך געהאַט אַ מנהג, אַז ער האָט געמאַכט שבת קידוש נאָר איבער ארץ־ישראל־וויין.

אויך האָט ער זיך נוהג געווען, אַז ער האָט אָנגעשטעלט זיין זייגער לויט דעם זייגער פון ארץ־ישראל, וואָס האָט זיך גערעכנט מיט דער צייט פון זון־אויפגאַנג לויט קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

דער כענטשינער רבי, ר׳ חיים־שמואל, איז תמיד געווען דורכגענומען מיט דעם געדאַנק פון ביאת־המשיח, און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך נוהג געווען יעדן טאָג נאָכן דאַווענען צו בלאָזן שופר. דאָס האָבן געדאַרפט זיין הכנות צו דערלעבען אָנטקעגנצוגיין משיח׳ן...

דער רבי ר׳ חיים־שמואל איז נפטר געוואָרן י״ח טבת, תרע״ו (1916).

ער האָט געהאַט דריי זין: ר׳ אליעזר, ר׳ שלום פון כענטשין און ר׳ יהושע־העשל.

נאָך דער פּטירה פון רבי׳ן ר׳ חיים־שמואל איז געוואָרן רבי זיין בכור ר׳ אליעזר, אָבער ער האָט געפירט די רבי׳סטווע בלויז אַ צוויי יאָר צייט. ווען ער איז נפטר געוואָרן [2]), איז זיין צווייטער ברודער, ר׳ שלום, געוואָרן רבי, אָבער אויך ער איז מיט אַ יאָר שפּעטער נפטר געוואָרן [3]). איז דערנאָך געקרוינט געוואָרן אַלס רבי דער יינגסטער זון, ר׳ יהושע־העשל, וועלכער האָט געוואוינט אין אָלקוש.

כענטשין איז אַ שטעטל נאָענט פון קעלץ. אַהין פלעגן קומען חסידים, פּשוט׳ע יידן, בעלי־מלאכות, שניידערס און שוסטערס און אויך לומדים, רבנים און גבירים. יעדער ייד האָט זיך געפילט היימיש אין כענטשינער הויף.

2) נפטר געוואָרן אין קעלץ ח׳ ניסן, תרע״ט (1919).
3) נפטר געוואָרן י״ח חשון, תר״פ (1920).

דעם רבי׳נס תורות האָבן געקענט נאָכזאָגן פשוט׳ע יידן, אַזוי גוט ווי לומדים. בכלל האָט דער כענטשינער רבי נישט געהאַלטן פון שאַרפן פלפול און פשט׳לעך. ער האָט געלערנט „אויפן אָרט״, און על־פּי רוב מעיין־געווען אין די ראשונים, אין תלמוד בבלי און ירושלמי. מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט עטלעכע מאָל אויסגעלערנט גאַנץ ש״ס.

דער רבי ר׳ יהושע־העשל האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ מתמיד. חסידים דערציילן, אַז ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל און אויפגעצויגן געוואָרן אין הויז פון זיין זיידן, דעם „גוטן ייד פון ניישטאָט״, איז ער אַמאָל געזעסן אין בית־המדרש און האָט געלערנט שפּעט אין דער נאַכט. דער שמש האָט נישט באַמערקט, אַז ערגעץ אין אַ ווינקל זיצט אַ ייִנגל און לערנט, האָט ער פאַרשלאָסן דעם בית־המדרש.

אין רבי׳נס הויף האָט מען אַרומגעזוכט דעם קליינעם יהושע־העשלען און מען האָט אים אין ערגעץ נישט געקענט געפינען. און דאָרט אין בית־המדרש איז זיך געזעסן ביי אַ לעמפּל דאָס ייִנגל יהושע־העשל פאַרטיפט אין לערנען און ער האָט גאָר נישט געפילט, אַז אין בית־המדרש איז קאַלט און אַז עס איז שוין אַזוי שפּעט...

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען אַרומגעזוכט דאָס ייִנגל יהושע־העשל אין ניישטאָט און מען האָט אים אין ערגעץ נישט געקענט געפינען. אין רבי׳נס הויף איז געווען אַ גרויסע יללה. מען האָט באַוויינט און באַקלאָגט דעם רבי׳נס אייניקל, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן... און אינדערפרי, ווען דער שמש האָט אויפגעעפנט די טיר פון בית־המדרש, אָנצוהייצן דעם אויוון, האָט ער געטראָפן זיצן דאָס ייִנגל אַ האַלב־פאַרפרוירענעם פאַרטיפט אין לערנען...

ווען דער שמש איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט אים געזאָגט ער זאָל גלייך אַהיימלויפן, ווייל אין רבי׳נס הויף טוט זיך חושך, מען ווייסט ניט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען, האָט דאָס ייִנגל ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס די בהלה איז אַזוי גרויס. ער האָט גאָר נישט געוואוסט, אַז עס איז שוין דורכגעגאַנגען די נאַכט, אַז ער איז געזעסן כמעט אַ גאַנצן מעת־לעת אין בית־המדרש און געלערנט. האָט ער גלייך פאַרמאַכט די גמרא און איז אַהיימגעגאַנגען זאָגן דער מוטער און דעם זיידן, דעם „גוטן ייד פון ניישטאָט״, אַז ער לעבט, אַז ער האָט זיך בלויז אַביסל פאַרטיפט אין לערנען. דעריבער האָט ער נישט געוואוסט אַז די נאַכט איז דורכגעלאָפן...

אַזאַ מתמיד איז דער רבי ר׳ יהושע־העשל געווען זיין גאַנץ לעבן.

∴

ווען די דייטשע מערדער האָבן פאַרכאַפּט פּוילן און זיינען אַריין אין אַלקוש, האָבן זיי אָנגעהויבן צו פּייניקן יידן אַזוי ווי אין אַנדערע שטעט.

הונדערטער חסידים זיינען דאַן געלאָפן קיין אָלקוש. זיי האָבן געוואָלט זיין מיטן רבי׳ן צוזאַמען.

די ערשטע צייט האָט דער כענטשינער רבי געטרייסט די חסידים און האָט זיי אַריינגעגעבן התחזקות, אָבער וואָס אַמאָל האָבן זיך די פייניקונגען אויף די יידן פאַרשטאַרקט.

חסידים האָבן זיך דערוואוסט, אַז די דייטשע עס־עס־לייט זוכן אַרום דעם רבי׳ן און ווילן אים פאַרשיקן אין טויטן־לאַגער, זיינען זיי אַריינגעלאָפן צום רבי׳ן און אים געבעטן ער זאָל זיך אָפּשערן די באָרד, אפשר וועלן אים די דייטשן נישט דערקענען.

דער „זקן פון די רביים״, וועלכער איז שוין געווען קרוב ניינציק יאָר אַלט, האָט אָנגענומען זיין גרייז־גרויע לאַנגע באָרד מיט זיינעביידע הענט און ער האָט געזאָגט:

„מיין לעבן לאַנג האָב איך יעדע האָר וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון דער באָרד באַהאַלטן אין אַ גמרא אָדער אין אַן אַנדער ספר, און איצט ווילט איר, אַז איך זאָל מיט מיינע אייגענע הענט אָפּשערן די באָרד? היה לא יהיה! דאָס וועט ניט זיין! אויב עס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין הימל אַז איך האָרף אומקומען, וויל איך אַוועקגיין פון דער וועלט, ווי אַ ייד מיט דער צורה פון אַ ייד, מיט מיין באָרד און פיאות . . .״

די חסידים האָבן די ערשטע צייט אויסבאַהאַלטן דעם רבי׳ן פון די דייטשע רוצחים, אָבער די „אויסזידלונגען״ זיינען אָנגעגאַנגען און צוזאַמען מיט די יידן פון אָלקוש און מיט די מיליאָנען יידן וואָס זיינען אומגעקומען דורך די דייטשע רוצחים, איז אויך אומגעקומען אויף קידוש־השם דער „זקן פון די רביים״ אין פוילן, דער רבי יהושע־העשל פון כענטשין...

יידן וואָס זיינען געווען עדות בעת דער רבי איז אומגעקומען דערציילן, אַז דער רבי איז אַריין אין טויטן־וואַגאָן צוהאַלטנדיק מיט זיינע הענט די לאַנגע גרייז־גרויע באָרד און פיאות. אַ דייטשער סאָלדאַט האָט אים דערזען, האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער באָרד און זי אָנגעהויבן צו רייסן. דער ניינ־ציק־יאָריקער כענטשינער רבי האָט געגעבן אַ געשריי מיט אַלע כוחות: „ריר זיך נישט צו מיט דיינע טמא׳דיקע הענט צו מיין באָרד! . . .״

דער דייטשער סאָלדאַט האָט זיך די ערשטע רגע שטאַרק דערשראָקן פון דעם רבי׳נס געשריי, אָבער ער האָט דערנאָך אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָל־ווער און דערשאָסן דעם רבי׳ן. מען האָט נאָר געהערט ווי דער רבי האָט געגעבן אַ געשריי: „שמע ישראל!״

ר' שלמהלע אייגער און זיין ברודער ר' עזריאל אומגעקומען אין לובלין

דער אָפּשטאַם פון רבי'ן ר' שלמה'לע אייגער. — ער איז אומגעבראַכט געוואָרן אין יאָר 1940, זיין ברודער דער רבי ר' עזריאל איז געשטאָרבן פאַר יסורים.

לובלין האָט געשמ'ט פאַר אַ עיר ואם בישראל. לובלין איז געווען דאָס „וויגעלע" פון חסידות אין פוילן.

דער „חוזה" פון לובלין, דער רבי ר' יעקב־יצחק האראָוויץ, איז געווען דער עמוד־האש, וואָס כמעט אַלע רביים אין פוילן האָבן זיך ביי אים געוואַרעמט — זיינען געווען זיינע תלמידים.

לובלין האָט, צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, אויך געהאַט אַ שם אין פוילן און אין דער גאַנצער וועלט פאַר אַ מקום של תורה. דאָרט איז געווען די „ישיבת חכמי לובלין", וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון דעם גאון און מנהיג הרוחני, הרב ר' מאיר שפּירא.

אין לובלין האָבן אויך „געקיניגט" צווישן די צוויי וועלט־מלחמות די רבי'שע אייגער־דינאַסטיע.

צוויי ברידער, רביים פון דער אייגער־משפחה, האָבן געוואוינט אין לובלין, זיי זיינען געווען די קינדער פון רבי'ן ר' אברהמ'עלע אייגער.[1])

דער רבי ר' שלמה'לע אייגער, דער עלטסטער זון פון ר' אברהמ'עלע אייגער און זיין ברודער ר' אלתר עזריאל־מאיר אייגער.

דער רבי ר' שלמה'לע אייגער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תר"ל (1870). ער איז געווען מפורסם פאַר אַ גרויסן עניו. מען האָט אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ רב אין שטאָט, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון.

און ווען זיין פאָטער, דער רבי ר' אברהמ'עלע אייגער, דער מחבר פון „שבט יהודה", איז נפטר געוואָרן כ"ט טבת, תרע"ד (1914), האָט ר' שלמה אייגער נישט געוואָלט נעמען קיין קוויטלעך און פדיונות. ער איז אָבער געוואָרן רבי „בגוואַלט". די חסידים זיינען צוגעשטאַנען צו אים און אים געמאַכט פאַר אַ רבי'ן.

דער רבי ר' שלמה'לע אייגער איז געוואָרן רבי אין יאָר תרע"ה (1915), נאָך דער פּטירה פון זיין פאָטער. און ווען דער גאון ר' מאיר שפירא איז

1) די משפחה אייגער האָט געשריבן זייער נאָמען „איגער" מיטן איין יוד.

נפטר געוואָרן, איז ר׳ שלמה׳לע אייגער באַשטימט געוואָרן אַלס מנהל פון דער ישיבה.

און כאָטש ר׳ שלמה׳לע אייגער איז ווייטער געווען רבי, פלעגט ער יעדן טאָג קומען אין דער ישיבה אַריין פאַרהערן די תלמידים, מיט די שמועסן אין לערנען און זיי געבן אַ הדרכה אין יידישקייט.

דער רבי ר׳ שלמה׳לע אייגער האָט געטאָן די הייליקע אַרבעט שלא על מנת לקבל פרס.

געדאַוונט האָט דער רבי ר׳ שלמה אייגער אין זיין בית המדרש און געפירט טישן האָט ער אין זיין פאָטער׳ס הויז, אויף דער שיקאָראַ גאַס נומער 40.



דער לובלינער רבי, ר׳ שלמה אייגער, הי״ד

טויזנטער און טויזנטער חסידים האָט ר׳ שלמה׳לע אייגער געהאַט, ער האָט פאַרקערפּערט אין זיך תורה און חסידות צוזאַמען. ער האָט געהאַט די גאונ׳ישקייט פון זיין עלטער זיידן, ר׳ עקיבא אייגער, און דעם דרך החסידות פון זיין פאָטער — דער רבי ר׳ אברהמ׳עלע אייגער...

⁂

ווען די דייטשן זיינען אַריין קיין לובלין איז דער רבי ר׳ שלמה׳לע אייגער אַנטלאָפן קיין וואַרשע.ליידער האָט זיך אונז נישט איינגעגעבן צו קריגן פּרטים וועגן לעבן פון רבי׳ן אין וואַרשעווער געטאָ. מיר האָבן נאָר אויסגעפונען, אַז דער רבי ר׳ שלמה׳לע אייגער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם אין חודש תמוז, ת״ש (1940) הי״ד.

אויך זיין ברודער, ר׳ אלתר עזריאל־מאיר אייגער, איז געווען רבי אין לובלין. אויך ער איז געפייניקט געוואָרן פון די דייטשן. ער האָט אָבער די זכיה געהאַט אויסצוהויכן זיין נשמה אויף זיין בעט און צו קומען צו קבר ישראל.

ר׳ אלתר עזריאל־מאיר אייגער האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ גדול בישראל און פוסק. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל קונטרסים אין הלכה.

צווישן די קונטרסים, וואָס זיינען באַרימט געוואָרן אין דער לומדישער וועלט, איז זיין ספר׳ל „הצעת תקנה נחוצה״, געדרוקט אין יאָר תרפ״ט (1929) און דער קונטרס „תקנת רבים״, געדרוקט אין וואַרשע אין יאָר תר״צ (1930). דאָרט פאַרלאַנגט דער רבי ר׳ עזריאל־מאיר אייגער, אַז עס זאָל איינגעפירט ווערן פאַר די סוחרים צו מאַכן אַ יערלעכן היתר־עסקא, כדי אויסצוהיטן יעדן יידן פון דער עבירה פון באָרגן און אַנטלייען געלט אויף פראָצענט.

דער רבי ר׳ אלתר־עזריאל־מאיר אייגער, הי״ד

אין דער הקדמה צום קונטרס, שרייבט דער רבי, אַז ער אַליין איז אַמאָל געווען אַ סוחר, ווייסט ער ווי שווער עס איז זיך אויסצוהיטן פון דער עבירה פון נעמען פראָצענט . . .

דער רבי ר׳ אלתר עזריאל־מאיר אייגער האָט די „תקנה״ געשיקט צו אַ צאָל רבנים און אַלע האָבן מסכים געווען מיט אים. צווישן זיי זיינען געווען דער גאון ר׳ מאיר אראק פון טאַרנע, דער גאון ר׳ יחזקאל פון קאַליש, דער בראָדער רב, ר׳ אברהם־מנחם שטיינבערג און אַנדערע.

דער רבי ר׳ אלתר עזריאל־מאיר אייגער האָט געהאַט זיין בית המדרש אויף דער קאָוואַלסקי גאַס, נומער 4, וואָס איז פריער באַקאַנט געווען מיטן נאָמען: „פייגעלע אברהמ׳ס הויז״.

∴

אין סעפטעמבער 1939 זיינען די דייטשן אַריין קיין לובלין, האָט די פאַרצווייגטע רבי׳שע משפחה אייגער שטאַרק געליטן פון די דייטשן, און דער רבי איז פאַר גרויס יסורים קראַנק געוואָרן.

דער רבי איז נפטר געוואָרן אויף זיין בעט, ה׳ תמוז תש״א (1941) און ער איז געקומען צו קבר ישראל אויפן יידישן בית־עלמין אין לובלין.

די דייטשן האָבן געפּייניקט דעם רבי׳ן ר׳ משה מרדכי אין לובלין אײדער זײ האָבן אים אומגעבראַכט

דער רבי ר׳ משה מרדכי טווערסקי איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ יעקב לייבעניו פון טריסק. — ווי אַזוי ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

דעם רבי׳ן ר׳ יעקב לייבעניו׳ס ערשטער זון, ר׳ משה־מרדכי טווערסקי, פון טריסק, האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואוינט אין לובלין.



דער רבי ר׳ משה־מרדכי טווערסקי פון לובלין, הי״ד

דער רבי האָט געהאַט אין לובלין אַ געטרייען חסיד, דעם גביר ר׳ יצחק גיטלס. האָט דער גביר אַריינגענומען דעם רבי׳ן מיט זיין גאַנצער משפחה צו זיך אין הויז. דערנאָך האָט ער אים איבערגעגעבן זיין דירה אויף דער לעווערטאָווסקי גאַס, און ער אַליין האָט זיך אַריבערגעצויגן אויף דער קאָוואַלסקי גאַס.

כאָטש דער טריסקער רבי האָט קיין חסידים פון פריער אין שטאָט נישט געהאַט, האָט ער צוגעצויגן אַ סך בעלי־בתים פון שטאָט. עס זיינען

אויך געקומען חסידים פון ווארשע, לאדזש, ביאליסטאָק און פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן.

דער רבי ר׳ משה׳לע האָט געהאַט אַ מתיקות׳דיק קול. זיין זיבעגן פּריטיק צו נאַכטס „שלום עליכם" האָט געהאַט אַ שם אין לובלין און אין די אַרומיקע שטעטלעך.

דער טריסקער רבי האָט אויך געהאַט אַ מנהג, אַז ער פלעגט זאָגן דעם „רבונו־של־עולם" אין דער ספירה, שעה׳ן לאַנג. ער פלעגט אויך בענטשן קינדער. מאַמעס פלעגן קומען מיט זייערע קינדער, געבן דעם רבי׳ן אַ קוויטל און אַ פּדיון און בעטן, אַז דער רבי זאָל געבן אַ ברכה די קינדער. דער רבי פלעגט אַרויפלייגן זיינע הענט אויפן קעפּל פון קינד און אים בענטשן . . .

דער טריסקער רבי האָט איבערגענומען דאָס גרויסע בית־המדרש פון ר׳ בער ראַט, אויף דער לעווערטאָווסקי גאַס נומער 27. דאָס בית־המדרש איז דערנאָך אָנגערופן געוואָרן „דעם טריסקער רבי׳נס בית־המדרש".

שמחת תורה, ביי די הקפות פלעגן די חסידים שטיין אין בית המדרש קאָפּ אויף קאָפּ, זיי האָבן געזונגען און צוגעפּאַטשט מיט די הענט, בעת דער רבי האָט געטאַנצט מיט דער תורה שעה׳ן לאַנג.

דעם טריסקער רבינ׳ס קינדער האָבן געהאַט אויך וועלטלעכע ידיעות, און ווי עס גיט איבער מ. צוקערמאַן,[1] איז איינער פון רבי׳נס קינדער, ר׳ יוחנן, וועלכער איז געווען רב אין הרוביעשאָוו, געווען אַ דיכטער. ער האָט אין געהיים געשריבן לידער, און צוקערמאַן פלעגט די לידער פאַרעפנטלעכן אונטער אַ פּסעוודאָנים.

ווען די נאַציס זיינען אַריין קיין הרוביעשאָוו איז ר׳ יוחנן אַוועק צו אַ חסיד, אַ גוט־באַזיצער, און געוואָלט זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן, די נאַציס האָבן אים אָבער געפונען און דאָרט אויפן אָרט דערשאָסן, הי״ד.

. .
.

די נאַציס אין לובלין האָבן מורא׳דיק געפּייניקט דעם טריסקער רבי׳ן ר׳ משה׳לע טווערסקי.

זיי האָבן אים געצוואונגען צו וואַשן דעם דיל אין בית המדרש, אָנ־געטאָן אין טלית, און ווען די נאַציס האָבן אָנגעהויבן צו שיקן די יידן צו פאַרברענען אין מיידאַנעק, האָבן זיי אויך געכאַפּט דעם טריסקער רבי׳ן מיט זיין גאַנצער משפחה און זיי האָבן אים געהאַלטן אין הויף, צוזאַמען מיט אַ גרויסער צאָל יידן, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרשיקט ווערן אין טויטן־לאַגער.

1) אין „אנציקלופדיה של גלויות", באַנד 5, זייט 554.

מ. צוקערמאַן דערציילט,[2] אַז ווען ער איז אין יאָר 1945 צוריקגעקומען קיין לובלין, איז ער אַריין אין רבי׳נס הויף געוואויר צו ווערן וואָס מיטן רבי׳ן איז געשען. ער האָט דאָרט געטראָפן די גוי׳ע, וועלכע איז געווען די „שבת־גוי׳ע" אינעם רבי׳נס הויף. האָט די גוי׳ע דערציילט, אַז זי האָט נישט געקאָנט צוקוקן ווי די דייטשן האָבן געפייניקט „נאַש ראַבין" (אונדזער רב), דעם טריסקער רבי׳ן, האָט זי געוואָלט דעם רבי׳ן דערלאַנגען אַ שעפּל־וואַסער. האָט עס דערזען אַן „עס־עס"־מאַן, האָט ער אויסגעגאָסן דאָס וואַסער און מיטן שעפּל אַזוי געשלאָגן די גוי׳ע איבערן פּנים, אַז עס איז איר געבליבן סימנים אויפן פּנים אויף איר גאַנץ לעבן.

לויט ווי יצחק אלפסי גיט איבער,[3] איז דער טריסקער רבי אומגעקומען אויף קידוש־השם, צוזאַמען מיט דער רביצין און טאָכטער גיטעלע, ח׳ אייר, תש״ג (1943) אין דעם וואַלד קעמפּניץ, הי״ד.

פון דעם טריסקער רבי׳נס קינדער, פיר זין, צוויי טעכטער, איידעמס, שנירן און אייניקלעך, זיינען געבליבן לעבן בלויז צוויי זין און אַ טאָכטער. די חדושי תורה פון טריסקער רבי׳ן, ר׳ משה־מרדכי, זיינען געדרוקט געוואָרן אונטערן נאָמען „אוהל משה", צום סוף פון ספר „ספר היחוס מטשרנוביל", וואָס ס׳האָט אַרויסגעגעבן זיין זון אהרן טווערסקי, רב אין גאָרשקאָ, נעבן לובלין.[4]) און צום סוף פון ספר „פרי יהושע" (צווייטע אויפלאַגע), וואָס זיין איידעם ר׳ מנחם צבי אייכענשטיין, רב הכולל פון סט. לואיס, האָט אַרויסגעגעבן.

לויט ווי עס גיט איבער הרב ר׳ אברהם טווערסקי פון ניו־יאָרק, אַ זון פון רבי׳ן ר׳ משה־מרדכי טווערסקי, וועלכער האָט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געוואוינט אין לאָנדאָן, האָט ער, צוזאַמען מיט זיין ברודער הרב ר׳ ברוך טווערסקי, איבערגעשיקט דורכן פּוילישן הילפס־קאָמיטעט אין לאָנדאָן דריי טויזנט דאָלאַר צום ביוראָ פון קאָמיטעט אין זשענעווע, שווייץ, צו אַראַנזשירן מיט אַ דייטשן עס־עס אָפיציר אין פּוילן, ער זאָל פאָרן קיין לובלין און ברענגען אין דער שווייץ דעם רבי׳ן ר׳ משה־מרדכי׳ן. אַזוי ווי די שווייץ האָט דעמאָלט נישט געוואָלט אַריינלאָזן פּליטים פון פּוילן, אויב זיי האָבן נישט געהאַט קיין וויזע צו פאָרן פון דאָרט אין אַן אַנדער לאַנד אַריין, האָט ר׳ משה־מרדכי׳ס איידעם, הרב מנחם־צבי אייכנשטיין פון סט. לואיס, אַרויסגעשיקט אַ קאָנטראַקט אויף אַ רבנות־שטעלע פאַר זיין שווער אין סט. לואיס, און אויף דעם סמך וואָלט די שווייצאַרישע

2) דאָרט.

3) דאָרט, זייט 228.

4) ער איז געווען אַן איידעם ביי זיין פעטער, דער רבי ר׳ וועלוועלע טווערסקי, אין קאָוועל און דאָרט אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין שווער, הי״ד

רעגירונג געווען דערלויבט דעם רבי'ן ר' משה־מרדכי'ן אַריינצוקומען, ווייל ער וואָלט אין דער שווייץ געווען געקראָגן אַן אַמעריקאַנער וויזע.

דער דייטשער עס־עס אָפיציר איז געקומען קיין לובלין אַריבערצופירן דעם רבי'ן ר' משה־מרדכי'ן מיט זיין בני־בית אין דער שווייץ.

אָבער דער רבי ר' משה־מרדכי האָט געזאָגט, אַז ער וועט בשום אופן נישט פאַרלאָזן פוילן. ער האָט איבערגעשיקט אַ בריוו צום הילפס־קאָמיטעט אין זשענעווע אין וועלכן ער שרייבט:

„ווען אַ שיף האַלט ביים זינקען, איז די אויפגאַבע פון קאַפּיטאַן פון דער שיף צוערשט צו ראַטעווען די פּאַסאַזשירן און דערנאָך זיך אַליין, אָבער נישט פאַרקערט... איך וויל טיילן מיין גורל צוזאַמען מיט די יידן אין פוילן!"...

אַ טאָג פאַרן אומקום אויף קידוש־השם, האָט דער רבי ר' משה־מרדכי געזאָגט אַ תורה צו זיינס אַ חסיד, וואָס האָט זיך געראַטעוועט, אַז פרשת שופטים (דברים כ', א') הייבט זיך אָן מיט „כי תצא למלחמה על אויביך" (ווען דו וועסט אַרויסגיין אין אַ מלחמה אויף דיין פיינט), און די פרשה ענדיקט זיך מיט „עגלה ערופה", אַז ווען מען האָט געפונען אַ טויטן אין פעלד און מען ווייסט נישט ווער ס'האָט אים גע'הרג'עט, זאָגן די זקני העיר „ידינו לא שפכו את הדם הזה"... (אונזערע הענט האָבן נישט פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט). די ווייטערדיקע פרשה „כי תצא" (דברים כ"א, א') הייבט זיך ווידער אָן מיט „כי תצא למלחמה על אויביך... פאַרוואָס איז אַריינגעשטעלט געוואָרן דער ענין פון „עגלה ערופה" צווישן די צוויי פרשיות? ווייל אין מלחמה־צייט איז געוויינלעך אַ מענטשלעך לעבן הפקר, בפרט נאָך ווען מ'לעבט אין דער איצטיקער מאוימ'דיקער צייט, וואָלט מען שוין מער נישט געהאַט קיין באַציאונג צו אַ מענטשלעך לעבן און זוכן אים צו ראַטעווען. דעריבער האָט די תורה אַריינגעשטעלט דעם ענין פון „עגלה ערופה" צווישן די צוויי מלחמות אונדז צו לערנען, אַז אפילו צווישן איין מלחמה וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט און די צווייטע אין וועלכער מיר לעבן איצט דאַרף מען ראַטעווען יעדן יידן. און ווען עס קומט אום אַ ייד דאַרפן די זקני העיר זאָגן „ידינו לא שפכו את הדם הזה".

און מיט אַ טאָג שפּעטער איז דער טריסקער רבי ר' משה־מרדכי, צוזאַמען מיט זיין בני־בית, אומגעקומען אויף קידוש־השם, הי"ד.

דעם לוויטשער־סקעניעוויצער רבי'ן האָבן די דייטשן אומגעבראַכט מיט זיין גאַנצער משפחה

דער לוויוויטשער־סקערניעוויצער רבי ר׳ דוב־בער קאַליש איז געווען אַ זון פון סקערניעוויצער רבי'ן ר׳ שמעון. — ער האָט געגרינדעט אַ ישיבה אין לוויוויטש. — די נאַציס האָבן צוגעזאָגט אַז פאַר פופציק טויזנט דאָלאַר וועלן זיי ראַטעווען דעם רבי'ן. זיי האָבן אים אַרויסגע־נומען מיט אַן עראָפּלאַן און אים מיט זיין גאַנצער משפּחה גע'הרג'עט אויפן וועג.

דער רבי ר׳ דוב־בער פון סקערניעוויץ־לוויוויטש איז געווען דער יינגסטער זון פון רבי'ן ר׳ שמעון קאַליש פון סקערניעוויץ. ער האָט געשטאַמט פון דער װאָרקער רבי'שער גזע. ער איז געווען דער יינגסטער זון פון רבי'ן ר׳ מנחם מענדל פון וואורקע. דער רבי ר׳ שמעון איז נפטר געוואָרן כ׳ תשרי תרפ״ז (1927) און די מערסטע חסידים האָבן געמאַכט פאַר זיין ממלא מקום זיין עלטסטן זון ר׳ מנחם מענדל, אָבער נאָך צוויי יאָר זיין רבי איז ער פלוצלינג נפטר געוואָרן (י״ח אדר תרפ״ט — 1929), און אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער, האָבן די מערסטע חסידים געקרוינט פאַר זייער רבי'ן דעם רבינ'ס ברודער ר׳ דוב־בער קאַליש, וואָס האָט דעמאָלט גע־וואוינט אין לוויוויטש, לעבן קוטנע. דערפאַר איז ר׳ דוב־בער גערופן גע־וואָרן דער סקערניעוויצער־לוויוויטשער רבי.

דער רבי ר׳ דוב־בער קאַליש האָט אויפגעשטעלט אַ ישיבה אין לווי־וויטש און האָט זי גערופן אויפן נאָמען פון זיין פאָטער „שם משמעון״.

⁘

דער סקערניעוויצער־לוויוויטשער רבי ר׳ דוב־בער איז געווען גאָר שאַרף אין זיינע רייד. אַזוי ווערט דערציילט, אַז איינמאָל האָט אים אַ חסיד פון זיין פאָטער געפרעגט:

„ווי קומט דאָס, וואָס איר, דער יינגסטער זון פון אונדזער רבי'ן ר׳ שמעון, זאָלט ווערן רבי?״

האָט דער רבי ר׳ דוב־בער געענטפערט:

„ביי אונדז איז שוין אַזאַ מנהג, אַז דער יינגסטער זון איז דער מבחר פון די קינדער. מיין זיידע, ר׳ מנחם־מענדל פון וואורקע, איז געווען דער

יינגסטער זון פון „אַלטן" וואורקער רבי'ן און מיין טאַטע, ר' שמעון זצ"ל, איז געווען דער יינגסטער זון פון רבי'ן ר' מענדעלע פון וואורקע. און אויך איך האָב גע'ירשנ'ט מיין פאָטער'ס שטול. איך בין טאַקע נישט דער מבחר פון זיינע קינדער, אָבער דער יינגסטער בין איך".

.:.

נאָכדעם ווי די חסידים פון זיין ברודער האָבן אים געקרוינט פאַר זייער רבי, איז די שטאָט לוויוויטש געוואָרן אַ צענטער פון חסידות.

דער רבי האָט געזאָרגט פאַר יעדן ישיבה־בחור באַזונדער און ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ תורה־זשורנאַל.

בדרך כלל איז נישט געווען שטאַרק אָנגענומען צווישן די חסידים אין פוילן צו גרינדן ישיבות. ערשט אין אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט האָבן רביים אָנגעהויבן צו שאַפן ישיבות, וואו די קינדער פון זייערע חסידים האָבן געלערנט ביים רבי'ן, אָדער אין רבי'נס ישיבה אין אַן אַנדער שטאָט.

אין די דאָזיקע ישיבות האָט מען געלערנט הלכה און חסידות, אָבער אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל פאַר די ישיבה־בחורים דאָס איז שוין געווען עפּעס נייעס.

און דער סקערניעוויצער־לוויוויטשער רבי האָט געבראַכן די טראַדיציע און האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ תורה־זשורנאַל טאַקע מיטן נאָמען פון דער ישיבה: „שם משמעון".

דער דאָזיקער זשורנאַל איז געווען געווידמעט פאַר הלכה, חסידות און אגדה. אינעם תורה־זשורנאַל זיינען אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן די תורה'ס וואָס דער סקערניעוויצער־לוויוויטשער רבי האָט געזאָגט שבת און יום־טוב ביי די „טישן".

.:.

דער וואורקער דרך אין חסידות איז געווען באַקאַנט מיט אהבת ישראל ביז מסירת נפש ממש.

דער לוויוויטשער רבי איז געגאַנגען אין דעם דאָזיקן וואורקער־סקערניעוויצער דרך. ער האָט געהאַלטן, אַז אַלע חסידים דאַרפן געהערן צו דער „חברייא" און טאָמער איז אַ חסיד נישט געקומען אַזוי אָפט צום רבי'ן, האָט דער רבי גלייך זיך אָנגעפרעגט ביי די אַנדערע חסידים פאַרוואָס דער און דער חסיד איז נישט געקומען אויף יום טוב.

איינמאָל האָט אַ חסיד געפרעגט דעם רבי'ן:

„וואָס גייט עס דעם רבי'ן אַזוי אין לעבן, אַז דער חסיד זאָל קומען אויף יום טוב, דער רבי האָט דאָך געהאַט אַ גאַר גרויסן עולם?"

האָט דער סקערניעוויצער־לוויוויטשער רבי געענטפערט:

„אויפן פסוק פון דער תורה: 'ומשה היה רועה צאן' און אַז משה איז

געווען אַ פּאַסטוך פון שאָף, זאָגט דער מדרש, אַז משה רבינו איז נאָכגע־לאָפן נאָך אַ ציגעלע, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט פון דער סטאַדע שאָף ביז ער האָט דאָס שעפּעלע צוריקגעבראַכט צו דער סטאַדע.

„פרעגט זיך די פראַגע: בעת משה איז נאָכגעלאָפן נאָכן איינציקן ציגעלע האָט ער דאָך געשטעלט אין סכנה די גאַנצע סטאַדע שאָף?

„נאָר וויזט אויס, אַז משה רבינו האָט געוואוסט, אַז אויב איין ציגעלע פאַרלאָזט די סטאַדע, קען דאָס גורם זיין, אַז די גאַנצע סטאַדע זאָל זיך צעפאַלן. נישט דאָס ציגעלע איז שולדיק געווען וואָס עס האָט פאַרבלאָנדזשעט, נאָר דער פאַסטוך"...

דער סקערניעוויצער־לויוויטשער רבי איז געווען אַ גרויסער מלמד־זכות אויף די יידן, אַזוי ווי זיינע זיידעס, די וואורקער רביים.

באַקאַנט איז דאָס וואָרט פון אַלטן וואורקער רבי'ן, וואָס ער האָט געזאָגט אויפן פּיוט אין דער ראש השנה'דיקער תפילה: „אל תבוא במשפט עמנו, כי לא יצדק לפניך כל חי" — זאָלסט נישט קומען צום משפט מיט אונדז, ווייל קיין לעבעדיקער קען נישט זיין גערעכט פאַר דיר. איז דער פשט: מיר בעטן דעם איבערשטן „זאָלסט אונדז נישט משפט'ן באַזונדער, די יידן אַליין, נאָר דו זאָלסט אונדז משפט'ן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פעלקער. אַקעגן די אומות העולם, די גויים, וועלן מיר תמיד אַרויסקומען די גערעכטע"...

אין די תורה־העפטן „שם משמעון" זיינען פאַראַן זייער אינטערעסאַנטע תורה'ס פונעם סקערניעוויצער־לויוויטשער רבי'ן, וואָס וואַרפן אַ בליק אויף זיין באַציאונג צו יידן, וואָס זיינען נישט געווען קיין שטאַרקע שומרי תורה ומצוות.

דער רבי האָט געזאָגט:

„פאַרוואָס האָט יצחק אבינו געבענטשט יעקב'ן ווען ער איז געווען פאַרשטעלט פאַר עשו'ן? צו לערנען די קומענדיקע דורות, אַז אפילו ווען אַ ייד פירט זיך אויף ווי אַן עשו, איז ער אויך ראוי מקבל צו זיין אַלע ברכות פון יצחק אבינו"...

∴

דער לויוויטשער רבי האָט געהאַלטן, אַז דער עיקר אמונה ביי אַ ייד איז בטחון.

איינמאָל איז צום רבי'ן געקומען אַ ייד, וואָס איז געוואָרן אַ „יורד" — פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן, און געבעטן דעם רבי'ן ער זאָל פאַר אים מתפלל זיין.

דער רבי האָט געלייענט דאָס קוויטל און האָט געזאָגט:

— האָב בטחון און דו וועסט אויפגעריכט ווערן.

— רבי, אפשר זאָל איך קויפן אַ לאָטעריע־צעטל און האָבן בטחון

אין אייבערשטן, אַז ער וועט מיר העלפן, אַז איך וועל געווינען דאָס גרויסע געווינס?

— אויב דו ביזט זיך סומך אויפן רבונו של עולם, אַז ער קען דיר העלפן, דאַרפסטו אויך האָבן בטחון, אַז ער ווייסט ווי אַזוי דיר צו העלפן אָן אַ לאָטעריע־צעטל.

און אַ צווייט מאָל — דערציילן חסידים — איז געקומען צום רבי׳ן אַ ייד און זיך פאַר אים באַקלאָגט:

„רבי, איך זיץ אַ גאַנצן טאָג אין מיין געוועלבל און האָב בטחון, אַז דער אייבערשטער וועט מיר צושיקן קונים, די פויערים, וואָס קומען פון דאָרף אין שטאָט אַריין, אָבער צום סוף זיץ איך אָפּ גאַנצע טעג און קיין קונה באַוויזט זיך נישט אין דער טיר״...

האָט דער רבי אים געענטפערט:

„דו זיצסט אין געוועלבל און האָפסט, אַז עס וועלן קומען דאָרפישע גויים, האָסטו דאָך בטחון אין די פויערים און דו ביזט זיך נישט סומך אויפן אייבערשטן, וואָס פאַר אַ טענה האָסטו צום רבונו של עולם?״...

אָט אַזוי האָט דער רבי ר׳ דוב־בער קאַליש געלערנט מיט די חסידים אַ פרק בטחון אין אייבערשטן.

דער דרך פון סקערניעוויצער־לויוויטשער רבי׳ן איז געווען, אַז מען דאַרף העלפן יעדן ייד, וואָס קומט נאָך הילף, בפרט אין רוחניות׳דיקע ענינים.

איינמאָל האָט דער רבי אין אַ תורה ביים טיש געזאָגט:

„די חז״ל זאָגן, אַז פורים זיינען מיר מחויב צו געבן צדקה יעדן, וואָס שטרעקט אויס אַ האַנט, ווי עס ווערט געבראַכט: ׳כל הפורש יד נותנים לו׳ — ווער עס שטרעקט אויס אַ האַנט גיט מען אים. דאָס איז נאָר וועגן צדקה־ענינים, אָבער ווען אַ מענטש שטעלט אויף זיין האַרץ — זיינען מיר מחויב אים צו העלפן אַ גאַנץ גייענדיק יאָר״...

דער רבי ר׳ דוב־בער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף וואָס ווייניקער רעדן.

זיין זיידע, דער רבי ר׳ מענדעלע, האָט געהאַט איינגעפירט, אַז ער פלעגט זיצן אַ גאַנצע נאַכט מיט זיינע חסידים און שוויגן. די דאָזיקע נאַכט האָט געהייסן ביי די חסידים „די שוויגענדיקע נאַכט״.

דער רבי פלעגט אַריינקומען אין חסידים־שטיבל. עס איז דאָרט געווען אַ צאָל געהויבענע חסידים און אין שטיבל האָט געהערשט אַ פול־שטענדיקע שטילקייט. דער רבי האָט נישט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט און די חסידים זיינען געזעסן מלא אימה ופחד און האָבן געשוויגן. זיי האָבן שוויינדיקע געקוקט אויפן רבי׳ן, און פאַרטאָג, ווען דער רבי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול, האָט ער געזאָגט: „וואויל איז צו

דעם מענטש, וואָס ווייסט, אַז 'אחד' איז דער פשט 'אחד' — דער איין־און־איינציקער".

און מער האָט דער רבי נישט גערעדט קיין וואָרט.

די דאָזיקע „שווייגענדיקע נאַכט" איז געווען ביי די חסידים מער אָנגעלייגט ווי דער רבי וואָלט געווען מיט זיי גערעדט דברי תורה.

און נאָך האָט דער רבי ר' מענדעלע וואורקער געזאָגט:

„אין וואורקע דינט מען דעם אייבערשטן במחשבה, מיט שתיקה".

דער וואורקער רבי האָט דערויף געפונען אַ רמז אין אַ פּסוק פון דער תורה.

עס שטייט: „וישלח יעקב מלאכים לפניו אל עשו אחיו ארצה שעיר". פאַרוואָס שטייט „ארצה" און נישט „לארץ"? זאָגט רש"י: „כל תיבה שצריכה 'למד' בתחילתה, הטיל לה הכתוב 'הא' בסופה" — יעדעס וואָרט, וואָס דאַרף האָבן אַ „למד" פון אָנהויב, שטעלט מען אַ „הא" צום סוף, ווי אָנשטאָט „לארץ" — „ארצה".

האָט דער וואורקער רבי געפרעגט: וואָס איז די נפקא־מינה צי מען שטעלט אַ „למד" פון אָנהויב, צי אַ „הא" צום סוף? נאָר דערפון לערנען מיר אָפּ, אַז כל־זמן אַ מענטש קען זיך איינהאַלטן ער זאָל נישט אַרויס־זאָגן אַפילו בלויז איין אות — זאָל ער עס טאָן...

דער רבי ר' מענדעלע וואורקער האָט געזאָגט: די גרעסטע מידה פון אַ יידן איז צו קענען „שווייגנדיק שרייען"...

דער רבי ר' דוב־בער פלעגט זינגען מיט די חסידים אַלטע, „סקאַר־באָווע" וואורקער ניגונים מיט יידישע ווערטער.

אַזוי פלעגט מען אין לויוויטש זינגען דאָס חסידישע ליד:

„דעם אייבערשטן מוז מען דינען,
מען דאַרף דינען, מען מוז דינען,
נאָר מיט שמחה און נחת,
הגואל ממות ופודה משחת".

און די חסידים האָבן געענטפערט:

„דעם אייבערשטן דאַרף מען דינען,
מיר ווילן אים דינען,
ווייל ער האָט אונז אויסגעווילט
מיר זאָלן אים דינען".

און דער רבי האָט ווייטער געזונגען:

„אים דאַרפן מיר דינען, מען מוז אים דינען,
נאָר נישט ווי אַ גולם, הדן יחידי לבאי עולם".

אַזוי האָט מען געזונגען לויטן אלף־בית דעם גאַנצן פּיוט פון די ימים נוראים: „האוחז ביד".

„אַ ייד — האָט דער סקערניעוויצער־לוּוויטשער רבי געלערנט זיינע חסידים — דאַרף וויסן ווי אַזוי צו זינגען און אפילו ווי צו וויינען. דאָס געזאַנג און דאָס געוויין פון אַ ייד דאַרפן זיין אַנדערש פון יעדן אַנדערן מענטש".

און דער רבי האָט נאָכגעזאָגט אַ וואָרט פון אַלטן וואורקער רבי׳ן:

ווען פרעה׳ס טאָכטער האָט געזען משהן ליגן אין דער תיבה אויפן טייך, שטייט: „ותראהו... והנה נער בוכה" (און זי האָט געזען, אַז דאָס קינד האָט געוויינט). וואָלט דאָך, לכאורה, געדאַרפט שטיין: „ותשמע והנה נער בוכה" (און זי האָט געהערט ווי דאָס קינד האָט געוויינט). נאָר דער פשט איז, אַז ווען זי האָט געזען, אַז דאָס קינד וויינט אין האַרצן, אָן אַ קול, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דאָס געוויין קומט פון אַ יידיש האַרץ, ווייל אַזוי וויינט אַ יידיש קינד. האָט זי דערנאָך געזאָגט: „מילדי העברים זה" — דאָס איז אַ יידיש קינד, ווייל: „ער האָט שטילשוויגנדיק געוויינט"...

⁂

ווען די נאַציס זיינען אַריין קיין פוילן, איז דער רבי געבליבן אין לוּוויטש. די ישיבה איז אָפיציעל פאַרמאַכט געוואָרן, אָבער אַ סך ישיבה־בחורים און חסידים זיינען געבליבן מיטן רבי׳ן.

מיר האָבן ווייניק ידיעות ווי אַזוי דער סקערניעוויצער־לוּוויטשער רבי, ר׳ דוב־בער קאַליש, איז אומגעקומען אויף קידוש־השם [1].

אין „ספר האַדמורי״ם [2] ווערט אָנגעגעבן, אַז די נאַציס האָבן צוגע־זאָגט די חסידים, אַז זיי וועלן ראַטעווען דעם רבי׳ן, אויב מען וועט זיי געבן 50 טויזנט דאָלאַר. מען האָט זיי געגעבן די סומע געלט און די נאַציס האָבן אַרויסגעפירט דעם רבי׳ן פון לוּוויטש מיט אַן עראָפּלאַן. אָבער אויפן וועג האָבן זיי אָפּגעשטעלט דעם עראָפּלאַן און האָבן דערהרג׳עט דעם רבי׳ן צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפחה, ווי אויך זיין פעטערס זון, ר׳ אברהם פון ראַדאָמסק [3].

אויך דעם רבי׳ן ר׳ דוב־בער׳ס ברודער, דער רבי ר׳ ישראל־יצחק פון סקערניעוויץ, איז נפטר געוואָרן אין וואַרשע אונטער די נאַציס (ב׳

1) אין „אלה אזכרה", באַנד 3, איז געדרוקט אַן אַרטיקל וועגן סקערניעוויצער לוּוויטשער רבי׳ן אָבער ווייניק פרטים וועגן זיין אומקום.

2) „ספר האדמורי״ם" פון יצחק אלפסי, תל־אביב, הוצאת „אריאל", 1961, ז. 87.

3) אין „ספר האדמו״רים" ווערט אָנגעגעבן אַז דער רבי ר׳ דוב־בער איז געווען אַן איידעם פונעם רב ר׳ אברהם פון זאַוויערטשע, וועלכער איז געווען אַ חסיד פון זיין פאָטער ר׳ שמעון.

חשון, תש״ב (1941). דער רבי ר׳ ישראל־יצחק איז געווען אַן אידעם פון רבי׳ן ר׳ חיים פון נאַדראַזין.

ווען די נאַציס זיינען אַריין קיין פוילן, איז דער סקערניעוויצער רבי, ר׳ ישראל־יצחק קאליש, אַנטלאָפן פון שטאָט. די נאַציס האָבן אים געכאַפּט און אים געשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דייטשלאַנד, פון דאָרט איז ער געשיקט געוואָרן קיין וואַרשע און אין וואַרשע איז דער רבי נפטר געוואָרן.

דער ליסקער רבי אומגעקומען אין אוישוויץ

ער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס געטאָ. — זיין זון שיקט אַן אונגאַרישן אָפיציר אים צו ראַטעווען, אָבער ער וויל נישט אַרויס פון געטאָ.

די דייטשן האָבן נאָך פאַרן אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה גע־האָט אויסגעאַרבעט אַ גענויעם פּלאַן ווי אַזוי אומצוברענגען דאָס יידישע פאָלק. זיי האָבן געהאַט ליסטעס פון גייסטיקע מנהיגים פון די יידן און יידי־שע אינטעלעקטואַלן, אַזוי, אַז ווי נאָר די דייטשן זיינען אַריינגעקומען אין אַ שטאָט, האָבן זיי גלייך געוואוסט וואו עס וואוינען די יידישע פירער, און זיי אַרעסטירט, אָדער געפאָדערט, אַז זיי זאָלן ווערן זייערע אַרויסהעלפער.

דער ליסקער רבי, ר׳ צבי־הירש פרידלענדער, הי״ד

און אַזוי איז אויך געווען ווען די דייטשן זיינען אַריין קיין אונגאַרן און האָבן פאַרכאַפּט ליסקע, האָבן זיי גלייך אַרעסטירט דעם ליסקער רבי׳ן, ר׳ הערשעלע פרידלענדער, וועלכער איז געווען אַ בעל־הלכה און בעל־מקובל, מחבר פון דעם ספר „שער הישר״ אויף תהילים, און נאָך פינף חיבורים אויף סוגיות, שו״ת און חסידישע תורות, וועלכע זיינען געבליבן אין כתב־יד.

דער רבי ר׳ הערשעלע ליסקער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ חיים ליסקער, וועלכער איז געווען אַ זון פון ר׳ משה פרידלענדער, רב אין קליין־וואַרדיין און אַן איידעם פונעם ערשטן ר׳ הערשעלע ליסקער.

. .
.

די ליסקער רבי׳שע דינאַסטיע ציט די גייסטיקע יניקה פון רבי׳ן ר׳ משה טייטלבוים פון אוהעל.

דער אַלטער רבי, ר׳ הערשעלע ליסקער האָט געצויגן זיין יחוס פון ר׳ יהודה החסיד. אויף זיין פאָטער, ר׳ אהרן, האָט מען געזאָגט, אַז ער איז איינער פון די פאַרבאָרגענע „למד־וואָוו״־צדיקים . . . זיין מוטער שרה האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ גרויסער צדיקת. זי האָט געהאַט אַ הייליקע עובדא — צו באַקן ברויט פאַר די אָרעמע ישיבה בחורים, און עס צעטיילט צווישן די ישיבה־בחורים פון אוהעל.

אַ מסורה איז פאַראַן ביי די אונגאַרישע חסידים, אַז דערפאַר האָט זי זוכה געווען צו אַ זון, וואָס זאָל זיין אַ גאון און אַ צדיק, ווייל דער רבי ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו, וואָס איז אַמאָל געווען אין אונגאַרן, האָט איר געגעבן אַ ברכה, אַז זי וועט האָבן אַ זון וואָס וועט פאַרלייכטן די גאַנצע וועלט . . .

דער ערשטער ר׳ הערשעלע ליסקער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקס״ח (1808) אין אַ דאָרף נעבן אוהעל. ווען ער איז אינגאַנצן אַלט גע־ווען 8 יאָר איז זיין פאָטער נפטר געוואָרן, און זיין מוטער, שרה, איז גע־בליבן אַן אָרעמע אלמנה. זי האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין אוהעל, און אַזוי ווי איר ייִנגל הערשעלע האָט שוין דעמאָלט גע׳שמ׳ט פאַר אַן עילוי, האָט אים דער אוהעלער רבי, ר׳ משה טייטלבוים, גענומען צו זיך אין הויז אַריין, און דער רבי אַליין האָט געלערנט מיט אים, צוזאַמען מיט זיין איי־ניקל, ר׳ יקותיאל יהודה, דער שפּעטערדיקער סיגעטער רבי, אַ שיעור.

אַזוי האָט זיך ר׳ הערשעלע אויפגעצויגן אין הויף פון אוהעלער רבי׳ן, און נאָך זיין חתונה איז ר׳ הערשעלע געוואָרן רב אין ליסקע.

און נאָך דער פטירה פון אוהעלער רבי׳ן, ר׳ משה טייטלבוים, איז אויך זיין תלמיד ר׳ הערשעלע ליסקער געוואָרן רבי.

די גרעסטע רביים פון זיין דור האָבן שטאַרק געהאַלטן פון רבי׳ן ר׳ הערשעלע. חסידים דערציילן, אַז איינמאָל איז ר׳ הערשעלע ליסקער גע־קומען צום רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל פרעמישלאַנער אויף שבת. מוצאי שבת, ביים געזעגענען די חסידים, נעמט דער רבי ר׳ מאיר׳ל אַרויס אַ קוויטל פון דער קעשענע פון זיין כאַלאַטל און זאָגט צו ר׳ הערשעלען:

„אַ ייד האָט מיר געגעבן אַ קוויטל, וויל מאיר, אַז הערשעלע זאָל עס לייענען״.

און דער רבי ר׳ מאיר׳ל פרעמישלאַנער האָט דאָס קוויטל געגעבן ר׳ הערשעלען. חסידים זיינען געשטאַנען אַרום דעם טיש און זיי האָבן געוואָלט זען וואָס דער רבי ר׳ הערשעלע וועט טאָן.

ר׳ הערשעלע האָט גענומען דאָס קוויטל און געלייענט, און דער רבי ר׳ מאיר׳ל האָט בשעת מעשה קיין אויג פון אים נישט אַראָפּגעלאָזט.

ווען ר׳ הערשעלע האָט שוין געהאַט דורכגעלייענט דאָס קוויטל זאָגט צו אים ר׳ מאיר׳ל פרעמישלאַנער:

„מאיר זעט, אַז הערשעלע קאָן לייענען אַ קוויטל. ער איז אַ בעל רוח הקודש״ . . .

אַזוי אַרום האָט ר׳ מאיר׳ל פרעמישלאַנער מסמיך געווען ר׳ הערשעלע ליסקער און ער איז געוואָרן אַ רבי פון טויזנטער חסידים.

דער רבי ר׳ הערשעלע ליסקער איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה. ער פלעגט אַלע זיינע פּדיונות וואָס ער האָט באַקומען פון די חסידים צע־טיילן אַרעמעלייט.

איינמאָל איז זיין רביצין קריינטשע צו אים אַריינגעקומען מיט אַ טענה, פאַרוואָס ער גיט אַוועק דאָס גאַנצע געלט וואָס עס באַקומט פון די חסידים, האָט דער רבי ר׳ הערשעלע איר געענטפערט:

„ווילסטו דען איך זאָל דיר געבן געלט, וואָס געהערט נישט צו מיר? אַלע געלטער וואָס איך באַקום זיינען נישט מיינע. איך בין בלויז אַ גבאי של צדקה, אַוועקצוגעבן דאָס געלט אַרעמעלייט״.

דער רבי ר׳ הערשעלע האָט מחבר געווען די ספרים: „אך פרי תבואה״ אויף תורה [1]) און דאָס ספר „הישר והטוב״, דרושים און חידושים.[2])

ביידע ספרים זיינען געדרוקט געוואָרן דורך זיין אייניקל, ר׳ זאב וואָלף.

אויך איז געדרוקט געוואָרן אַ ספר׳ל, „דרכי הישר והטוב״, מעשיות וועגן רבי׳ן ר׳ הערשעלע ליסקער.

אויפן ספר „אך פרי תבואה״ איז פאַראַן אַ הסכמה פון סאַנדזער רבי׳ן, ר׳ חיים האַלבערשטאַם פון יאָר תרל״ז (1877).

ר׳ הערשעלע ליסקער פלעגט זאָגן: „איך האָב פיינט די ׳וועלט׳־מצוות און די ׳וועלט׳־עבירות. די ׳וועלט׳ זאָגט: ׳אַ מצוה יענעם אויס־צערייסן׳, אָדער: ׳אַן עבירה יענעם אַ טובה צו טאָן׳. אָט די דאָזיקע ׳מצוות׳ און די דאָזיקע ׳עבירות׳ האָב איך פיינט״...

דער רבי ר׳ הערשעלע ליסקער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרל״ד (1874). און נאָך זיין פּטירה איז זיין איידעם, ר׳ חיים פרידלענדער, גע־וואָרן רבי.

1) געדרוקט אין מונקאַטש אין יאָר 1875.
2) געדרוקט אין מונקאַטש, אין יאָר 1880.

דער רבי ר׳ חיים, איז נפטר געוואָרן ט׳ אייר, תרס״ד (1904). ער האָט מחבר געווען די ספרים „טל חיים וברכה״ און „טל חיים״ אויף תורה.

נאָך זיין פטירה איז זיין זון ר׳ הערשעלע געוואָרן רבי.

דער רבי ר׳ הערשעלע ליסקער דער צווייטער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרל״ז (1877). ער איז געווען רב און מאַד און אין גאוואָ.

דער רבי ר׳ הערשעלע ליסקער איז געווען אַ גדול בישראל און ער האָט געפירט אַ ישיבה אין ליסקע. ער האָט אויך גע׳שמ׳ט פאַר אַ גרויסן בעל מופת.

ווען די נאַציס זיינען אין מערץ 1944 אַריין קיין ליסקע, איז דער רבי ר׳ הערשעלע ליסקער שוין געווען אַ זקן פון 76 יאָר.

זיין עלטסטער זון, ר׳ שלמה, וועלכער האָט דעמאָלט געוואוינט אין בודאַפּעסט האָט געשיקט אַ שליח מיוחד צו ראַטעווען זיין פאָטער.

אין ליסקע איז שוין דעמאָלט געווען אַ געטאָ, און קיין ייד האָט דאָרט נישט געקענט אַריינקומען, האָט זיין זון געשיקט קיין ליסקע אַן אונגאַרישן אָפיציר, ער זאָל אַרויסנעמען דעם אַלטן ליסקער רבי׳ן, ר׳ הערשעלע, פון געטאָ און אים אַריבערפירן קיין בודאַפּעסט.

דאָרט אין בודאַפּעסט האָבן זיך יידן געפילט אַביסל פרייער. דאָרט האָבן די נאַציס נישט אַזוי געבושעוועט ווי אין די קלענערע שטעטלעך.

אָבער דער אַלטער ליסקער רבי האָט נישט געוואָלט אַרויס פון געטאָ, נאָר בלייבן מיט די יידן.

די נאַציס האָבן דערנאָך אַריבערגעפירט די יידן פון ליסקער געטאָ קיין אוהעל. דער ליסקער רבינס עלטסטער זון, ר׳ שלמה, האָט נאָכאַמאָל געפּרואווט ראַטעווען זיין פאָטער, און ער האָט ווידער געשיקט אַ שליח, אַן אונגאַרישן אָפיציר, ער זאָל בסוד אַרויסנעמען דעם ליסקער רבי׳ן מיט זיינע קינדער פון אוהעלער געטאָ, אָבער דער ליסקער רבי האָט ווידער זיך אָפּ־געזאָגט צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ.

חסידים וואָס זיינען געווען מיטן ליסקער רבי׳ן צוזאַמען אין אוהעלער געטאָ, און זיינען געבליבן לעבן, דערציילן, אַז זיי האָבן נישט איינמאָל גע־הערט דעם ליסקער רבי׳ן זאָגן:

„ס׳טוט מיר ווי ס׳האַרץ, פאַרוואָס מיר זיינען נידון לשריפה!״...

אין יענער צייט האָבן די נאַציס שוין אָנגעהויבן אַרויסצוקומען אָפן מיט זייערע מערדערישע פּלענער. און פּלוצלינג זיינען אַ גרופּע עס־עס־לייט אַריין אין אוהעלער געטאָ און האָבן אַרויסגענומען דעם ליסקער רבי׳ן און אים אָפּגעשוירן די באָרד.

חסידים דערציילן, אַז דער ליסקער רבי האָט בשעת מעשה געוויינט ווי אַ קינד ...

בלויז פיר וואָכן איז דער ליסקער רבי געווען אין אוהעלער געטאָ.

די נאַציס האָבן געשיקט יעדע פאָר טעג טראַנספּאָרטן יידן קיין

אוישוויץ פאַרברענט צו ווערן אויף קידוש־השם, און אין איין טראַנספּאָרט איז אויך געווען דער ליסקער רבי מיט זיין גאַנץ בני־בית. צוזאַמען אַ צוואַנציק נפשות.

דאָס איז געווען אין אַ דאָנערשטיק. אין זעלבן וואַגאָן וואו דער ליסקער רבי איז געווען איז אויך געווען אַ חסיד פון ליסקער רבי'ן, ר' ברוך, וועלכער האָט זיך על פּי נס געראַטעוועט. האָט ר' ברוך דערציילט, אַז אַ גבאי האָט מיטגענומען אַ פלעשל וויין אין וואַגאָן אַריין, דער רבי זאָל האָבן אויף קידוש און הבדלה.

האָט דער ליסקער רבי געזאָגט צו ר' ברוכ'ן: „צעטייל דעם וויין צווישן די קינדער, ווייל מען וועט שוין נישט דאַרפן קיין וויין אויף הבדלה" . . .

און כ"ז אייר תש"ד (1944), איז דער ליסקער רבי ר' הערשעלע מיט זיין משפחה, אַ צוואַנציק נפשות, פאַרברענט געוואָרן אויף קידוש־השם, צו־זאַמען מיט אַנדערע יידן אין אוישוויץ.

אַזוי איז דער ליסקער רבי צוזאַמען מיט זיינע דריי זין מיט זייערע פרויען און אייניקלעך, אומגעקומען אויף קידוש־השם.

ליקיווער רבי ר׳ יוסף־אהרן מאָרגנשטערן אומגעקומען אויף קידוש־השם

ער האָט געשטאַמט פון דער קאָצקער גזע. — זיין דרך אין חסידות.

צווישן די רביים פון דער קאָצקער גזע, וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם הי״ד, איז אויך געווען דער ליקיווער רבי, ר׳ יוסף־אהרן מאָרגנשטערן, וועלכער האָט געשטאַמט פון דער גזע פון אַלטן קאָצקער רבי׳ן ר׳ מענדעלע.

דער רבי ר׳ יוסף־אהרן איז געווען אַ זון פון ליקיווער רבי׳ן, ר׳ צבי־הירש, מחבר פון ספר „עטרת צבי״.



דער ליקיווער רבי, ר׳ צבי־הירש מאָרגנשטערן

דער רבי ר׳ צבי־הירש איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרי״ח (1858) און איז נפטר געוואָרן כ״ט שבט, תר״פ (1920). ער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ חיים־ישראל פון פילאַוו, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ דוד פון קאָצק, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ מענדעלע פון קאָצק.

דער רבי ר׳ יוסף־אהרן איז געבוירן געוואָרן אין ליקיווע אין יאָר 1891. ער איז געוואָרן רבי אין יאָר 1920, נאָך דער פּטירה פון זיין פאָטער, דעם רבי׳ן ר׳ צבי־הירש.

פון זינט 1933 האָט דער רבי ר׳ יוסף־אהרן געוואוינט אין וואַרשע.

זיין דרך אין חסידות איז געווען אַ קאָצקער. דער ליקיווער רבי האָט געהאַט אַ סך חסידים, וואָס ער האָט איבערגענומען פון זיין פאָטער און אויך פון קאָצק און פון פּילאָוו.



דער ליקיווער רבי, ר׳ יוסף־אהרן מאָרגנשטערן, הי״ד

לויט ווי די חסידים גיבן איבער, איז דער דרך פון ליקיווער רבי׳ן געווען: וואָס ווייניקער צו עסן, נאָר בלויז כדי דאָס חיות צו דערהאַלטן. דער רבי פלעגט עסן נאָר איינמאָל אין טאָג, און אפילו אין די שבתים און ימים טובים האָט ער געגעסן בלויז בשר עוף און קיינמאָל נישט קיין בשר בהמה.

דער רבי פלעגט ווייניק שלאָפן און יעדן טאָג איז ער געגאַנגען אין מקוה, אפילו ווינטער אין די גרעסטע קעלטן האָט ער נישט פאַרפעלט צו גיין אין מקוה. דער רבי פלעגט תמיד זיצן על תורה ועבודה. אין קאָצק פלעגט מען זאָגן: די צייט פון עסן — ווען מען איז יונג, די צייט פון שלאָפן — אחר מאה ועשרים שנה, אין קבר. ווען דער גוף ווערט ברוי־

דיק, וואַשט מען אים מיט וואַסער, ווען מוח און האַרץ ווערן פאַראומרייניקט, דאַרף מען זיי מטהר זיין מיט תורה ועבודה...

נישט אויף גשמיות איז דער קיום העולם — האָט דער רבי געזאָגט — עס זיינען פאַרהאַן העכערע און הייליקערע וועלטן, ווי עס שטייט „ברוך אלוקינו שבראנו לכבודו", ניט „לכבודנו", פאַר אונזער כבוד'ס וועגן...

„לוחות ושברי לוחות מנחות בארון" — דעם ייד'ס צעבראָכנקייט ליגט אין ארון פאַרן אייבערשטנס כבוד־וועגן...

דער ליקיווער רבי פלעגט זאָגן תורה ביי די טישן, בפרט ביי שלוש־סעודות. ווען ער האָט גערעדט באריכות, פלעגט ער אָפט נאָכזאָגן און ברענגען ראיות פון די ספרים פון מהר"ל מפראג.

דעם רבי'נס הויז איז תמיד געווען אָפן פאַר אורחים און משולחים. זיי פלעגן דאָרט אָפּזיין חדשים־לאַנג און נישט איינמאָל פלעגן זיין בני־בית הונגערן אין די שבתים, ווייל ס'זיינען אין די לעצטע מינוטן ערב־שבת אָנגעקומען מער אורחים און חסידים, ווי מען האָט אָנגעגרייט...

דער ליקיווער רבי איז געגאַנגען אין דרך פון קאָצק און געקעמפט פאַרן אמת.

צו דער בר־מצוה פון זיין זון, ר' מנחם־מענדל [1] האָט ער די תפילין נישט באַשטעלט ביי ר' אלטער־ברוך סאַראַטאָווו, וועלכער איז געווען גבאי אין זיין בית־המדרש, נאָר ביי אַן אַנדערן סופר, אַן אַלטן קאָצקער חסיד, וואָס איז געפאָרן צו אַ צווייטן רבי'ן. אויף דער פראַגע פון דער רביצין, פאַרוואָס ער טוט דאָס, עס וועט דאָך אַרויסרופן גרויס תרעומות ביי די חסידים, האָט ער געענטפערט: „מ'זאָגט, אַז ר' אלטער־ברוכ'ס זיווג איז נישט געקומען דורך אַ שדכן און דער אַלטער קאָצקער חסיד, ביי וועמען איך האָב באַשטעלט די תפילין, איז אַ גרויסער צדיק" . . .

דער ליקיווער רבי איז געווען אַ חבר אין ועד פון די שומרי שבת אין וואַרשע. ער פלעגט צוזאַמען מיט אַנדערע רביים אַרומגיין פרייטיק פאַרנאַכט אויף די נאַלעווקעס, גענשע, שווינטע־יורסקע גאַסן, נישט צו דערלאָזן, אַז די יידישע געשעפטן זאָלן זיין אָפן אום שבת. זייער אָפט פלעגן די קרעמער זיך איינ'עקשנ'ען און נישט וועלן פאַרמאַכן די געשעפטן, איז דער ליקיווער רבי נישט אַוועק פון דאָרט. ווען די קרעמער האָבן אים געפרעגט, ווי לאַנג דער רבי האָט בדעה דאָ צו שטיין, האָט דער רבי געענטפערט: „ביז איר וועט אונז שלאָגן, ווייל עס שטייט 'הוכיח תוכיח את עמיתך' — זאָגן די חז"ל 'עד הכאה'" (ביז צו קריגן געשלאָגן). נישט וועלנדיק שלאָגן דעם רבי'ן, האָבן טייל קרעמער פאַרמאַכט די קראָמען.

דער ליקיווער רבי איז געווען אַ רודף־שלום. ער פלעגט שטרעבן צו מאַכן שלום מיט די אַלטע קעגנער פון קאָצק. ווי באַוואוסט, פלעגן די

1) אומגעקומען אויף קידוש־השם.

ראַדזינער און די קאָצקער חסידים נישט לעבן בשלום. די מחלוקה האָט זיך געצויגן פון זינט דער רבי ר׳ מרדכי־יוסף איזשביצער, דער באַגרינ־דער פון דער ראַדזינער דינאַסטיע, האָט זיך אָפּגעריסן פון קאָצק[2] אָבער דער ליקיוועער רבי איז געווען אַ נאָענטער פריינט און חבר פון לעצטן ראַדזינער רבי׳ן, וועלכער האָט אַ צייט געוואוינט אין וואַרשע, און זיי האָבן געלעבט ווי ידידים. און ווען דער ליקיוועער רבי האָט חתונה געמאַכט זיין עלטסטע טאָכטער צום רב ר׳ חיים־ברוך געלערנטער, אַ זון פון בריס־קער רב, איז דער ראַדזינער רבי געווען דער מסדר־קידושין, כאָטש אויף דער חתונה האָבן זיך געפונען אַ סך אַנדערע רביים און רבנים...

חסידים דערציילן, אַז דער זיידע פון חתן, דער קלימענטאָווער רב, ר׳ שמחה געלערנטער, הי״ד, איז געקומען צו דער חתונה און ער האָט בשעת געבן שלום דעם ליקיוועער רבי׳ן צו אים געזאָגט בזה הלשון: „איך הייס שמחה, בין געקומען צו דער ׳שמחה׳ און איך בין מלא ׳שמחה׳, ווייל כ׳בין אַן אייניקל פון דער ראָפּשיצער און אָזשעראָווער גזע, וועלכע זיינען געווען מתנגדים פון קאָצקער דרך און מן השמים איז באַשערט, אַז מיר זאָלן זיך משדך זיין״...

דער ליקיוועער רבי און די רביצין מיט דריי קינדער זיינען אומגעקומען אין יאָר 1942 אויף קידוש־השם, הי״ד.

אייניקע קינדער פון ליקיוועער רבי׳ן איז געלונגען ניצול צו ווערן און זיי געפינען זיך אין אַמעריקע.

∴

דער ליקיוועער רבי האָט געהאַט זעקס ברידער און דריי שוועסטער, זיי זיינען געווען: דער לודמירער רב, ר׳ יעקב־דוד, ר׳ מנחם־מענדל, אַן אידעם פון דעם גאון ר׳ יוסף ענגיל פון ראַדאָמישלע, ער האָט געוואוינט אין ווין, ר׳ אברהם־מאיר, וואָס איז געווען דאַזאָר אין דער וואַרשעווער קהילה[3] ר׳ מרדכי פון לוקאָוו, דער וולאָדאַווער רב, ר׳ משה־ברוך און דער יינגסטער ברודער, וועלכער וואוינט אין מדינת ישראל פון זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה און ער האָט געביטן זיין פאַמיליע־נאָמען פון מאָרגנשטערן אויף „שחר״.

דעם רבי׳נס דריי שוועסטער, אַחוץ איינע, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם.

2) אין בוך „פשיסכע און קאָצק״ פון מנשה אונגער ווערט דערציילט באריכות אין וואָס די מחלוקה איז באַשטאַנען.

3) זיין בן־יחיד האָט איבערגעלעבט אוישוויץ און ער וואוינט אין אַמעריקע.

דער מאַטיסאַלקער רבי זאָגט אָן נקמה צו נעמען אין די דייטשן

דער רבי ר׳ יחזקיה פיש האָט געשטאַמט פון ר׳ יעקב פיש, וואָס איז געווען אַ חסיד פון קאַלעווער רבי׳ן. — ער איז אומגעקומען אין אוישוויץ.

צווישן די רביים, וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם אין אוישוויץ, איז אויך געווען דער רבי ר׳ חזקיה פיש, פון מאַטיסאַלקע, אונגאַרן. ער האָט אָנגעשריבן אַ שם און יחוד, וואָס מען דאַרף זאָגן, ווען מען איז זיך מוסר נפש און מען קומט־אום אויף קידוש־השם.

דער רבי ר׳ יחזקיה האָט געטרייסט די יידן וואָס זיינען מיט אים צוזאַמען געפאָרן אין איין וואַגאָן קיין אוישוויץ.

כ״ה אייר, תש״ד (1944) זיינען אַלע יידן פון מאַטיסאַלקע געשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ. האָט דער רבי צו די יידן געזאָגט: „מאָרגן וועלן מיר זיך זען מיטן טאַטן״.

דאָס איז געווען מוצאי־שבת, און אויפן צווייטן טאָג איז ער שוין פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט טויזנטער און טויזנטער יידן.

דער מאַטיסאַלקער רבי איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין רביצין און זיינע זין און איידעמס, בלויז איין זון זיינער איז געבליבן לעבן.

∴

דער רבי ר׳ יחזקיה פיש איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרמ״ה (1885) אין טיעגלאַש. ער איז געווען דער זון פון רבי׳ן, ר׳ אהרן־ישעיה פיש, וועלכער האָט געשטאַמט פון דעם חסיד ר׳ יעקב פיש, וואָס איז געווען אַ מקורב פון קאַליווער רבי׳ן, ר׳ אייזיקל טויב.

צווישן די אונגאַרישע חסידים גייען אַרום פאַרשידענע מעשיות וועגן ר׳ יעקב פיש, און הרב י. י. גרינוואַלד פון קאָלאָמבוס, אָהייאָ, ברענגט אין זיינע ספרים אַ צאָל מעשיות וועגן אים.

דער מאַטיסאַלקער רבי האָט יונגערהייט געלערנט ביי זיין פאָטער און דערנאָך אין פאַרשידענע ישיבות. ער איז געווען אַן איידעם פון ר׳ ישראל וואַלדמאַן פון באַרשע, וועלכער איז געווען אַן אייניקל פון רבי׳ן ר׳ הערשעלע זידיטשויוער און פון רבי׳ן ר׳ צבי־אלימלך פון דינעוו.

נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער, י׳ טבת, תרפ״ז (1927), איז ר׳ יחזקיה געוואָרן רבי אין מאַטיסאַלקע. זיינע זין און איידעמס זיינען געווען רבנים

אין פאַרשידענע שטעט אין אונגאַרן. זיין עלטסטער זון, ר׳ יעקב, איז געשטאָרבן ווען ער איז אינגאַנצן אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, און זיין צווייטער זון, ר׳ צבי־אביגדור, איז געווען רב אין ניר־אַדאַד. זיין דריטער זון, ר׳ ברוך־אברהם, איז געווען אַן איידעם פון ר׳ משה טייטלבוים, רב אין טעיטש. זיין איידעם ר׳ ברוך־אברהם ריזל איז געווען רב אין האדאס, דאָרט וואו זיין עלטער־שווער איז געווען רב, און ער האָט דאָרט געפירט אַ גרויסע ישיבה. זיין צווייטער איידעם, ר׳ חיים־אריה יאַקאָבאָוויטש, איז געווען רב אין פאביאַנהאַזאַ, און ער האָט אָנגעפירט מיט דער ישיבה אין מאַטיסאַלקע.

⁖

דער מאַטיסאַלקער רבי, צוזאַמען מיט זיין רביצין, רחל־פּערל, און צוזאַמען מיט אַלע זיינע זין און איידעמס, טעכטער, שנירן און אייניקלעך זיינען פאַרברענט געוואָרן אויפן מזבח אין אוישוויץ.

⁖

ר׳ יחזקיה פיש האָט געשטאַמט פון דער גזע פון ר׳ יעקב פיש, וועלכער איז געווען ראש־הקהל אין קאַלעוו, אונגאַרן. אין יאָר תקמ״ה (1785) איז אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין קאַלעוו דער רבי ר׳ אייזיק טויב, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט דאָס חסידות קיין אונגאַרן, צוזאַמען מיט דעם אוהעלער רבי׳ן ר׳ משה טייטלבוים.

אין דעם פנקס פון דער קאַלעווער קהילה איז געווען אַ בריוו, וואָס דער קאַלעווער רבי האָט געשריבן צו דער קהילה, אין וועלכן ער פאַרלאַנגט אַ הוספה אויף זיינע שכירות, דריי גילדן אַ וואָך, ווייל ער איז קראַנק און דאַרף האָבן געלט אויף דאָקטוירים און רפואות.

אין דעם זעלבן פנקס איז אויך פאַראַן אַן ענטפער, וואָס ר׳ יעקב האָט געשריבן צום קאַלעווער רב, אַז די קהילה האָט באַשטימט אים צו געבן אַ הוספה פון 300 גילדן אַ יאָר.

צווישן די פאַרשידענע מעשיות, וואָס ווערן דערציילט וועגן ר׳ יעקב פיש, ווערט אויך דערציילט, אַז ווען דער רבי ר׳ אייזיק איז געפאָרן צו די רביים קיין ניקלשבורג און ליזשענסק, האָט ר׳ יעקב פיש די גאַנצע צייט אויסגעהאַלטן ר׳ אייזיק׳ס ווייב, און ווען ר׳ אייזיק איז צוריקגעקומען און מען האָט אים פאַרגעשלאָגן, אַז ער זאָל ווערן רב אין שטאָט האָט ער דאָס רבנות נישט געוואָלט אָננעמען. האָט צו אים ר׳ יעקב געזאָגט: „איך האָב אויסגעהאַלטן אייער ווייב, און איך האָב איר דאָס געלט געגעבן בתורת הלוואה, וועט איר ווערן רב, שענק איך אייך דעם חוב, אויב נישט, וועט איר מוזן מיר אָפּצאָלן דאָס גאַנצע געלט, וואָס איך האָב אייער פרוי געליגען״. דעמאָלט האָט ר׳ אייזיק מסכים געווען צו ווערן רב אין קאַלעוו.

ר׳ יעקב פיש איז נישט געווען קיין רב. מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט צוליב אַ ברכה פון קאַלעווער רב מאריך ימים געווען און ער האָט געלעבט הונדערט און דרייצן יאָר.

אויך זיין זון איז נישט געווען קיין רב, אָבער זיין איניקל, ר׳ אהרן־ישעיה, איז געוואָרן רב און רבי.

ר׳ אהרן־ישעיה איז געווען רב אין האַדאַס, ער איז געפאָרן צום רבי׳ן ר׳ אליעזר־צבי קאָמאַרנער און צו אַנדערע רביים. ער האָט מחבר געווען אַ ספר „קדושת אהרן״, וואָס איז געבליבן אין כתב־יד און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך זיין איניקל אין יאָר תרצ״ח (1918).

*
* *

דער רבי ר׳ יחזקיה איז געווען אַ גדול בתורה. מען האָט אים אויך געהאַלטן פאַר אַ בעל־מקובל. ער איז געפאָרן צום קאָמאַרנער רבי׳ן, אָבער אין זיינע תורות האָט ער נישט אַריינגעמישט קיין קבלה און ער האָט געזאָגט: „איך האָב געלערנט קבלה נישט כדי איך זאָל זיך מיט דעם באַווייזן פאַר די חסידים״.

באַלד ווי ס׳איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה האָט דער מאַטיסאַלקער רבי אין יעדער תורה גערעדט וועגן ענין פון „מסירת נפש״, ווי אַזוי יעדער ייד דאַרף זיך צוגרייטן צו זיין מוכן אַפילו פאַרברענט צו ווערן פאַרן אייבערשטן.

דער מאַטיסאַלקער רבי איז געווען זייער אַ שוואַכער און קראַנקער, און ווען זיין איידעם, ר׳ צבי־אביגדור, האָט אין תרצ״ח געדרוקט דאָס ספר פון זיין עלטער־שווער, דעם „קדושת אהרן״, האָט דער מאַטיסאַלקער רבי געשריבן אין דער הקדמה, אַז אייגנטלעך וואָלט ער אַליין געדאַרפט דרוקן דאָס ספר פון זיין פאָטער, אָבער „צוליב שוואַכקייט און די גרויסע יסורים און צרות, וואָס איך האָב געהאַט, האָב איך דאָס נישט געקענט טאָן״.

אין אסרו־חג פסח פון יאָר תש״ד (1944), זיינען געבראַכט געוואָרן אַ גרויסע צאָל יידן פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך קיין מאַטיסאַלקע. זיי זיינען אַלע אַריינגעשטופּט געוואָרן אין אַ געטאָ. דאָס געטאָ איז געווען קליין און האָט אַזוי פיל יידן נישט געקענט אַריינגעמען. צווישן זיי האָבן זיך געפונען אַ צאָל רבנים, רביים, ראשי ישיבות, קהלה־פרנסים און אַלטע לייט און קינדער.

דער מאַטיסאַלקער רבי האָט געגלויבט באמונה שלימה אַז די אַלע יסורים, וואָס די יידן שטייען אויס פון די דייטשן זיינען די חבלי־משיח, אַז די גאולה קומט באַלד, און ער האָט גע׳טענה׳ט: „איז דען נישט כדאי אַביסל צו ליידן איידער משיח וועט קומען?״

נאָך זייענדיק אין געטאָ פלעגט דער מאַטיסאַלקער רבי טרייסטן די יידן און זיי זאָגן:

„ווען מיר זעען אַ גרויס אויפגערודער, דאַרפן מיר וויסן, אַז משיח וועט באַלד קומען, אַז דאָס זיינען אַלץ די צייכנס פון חבלי משיח, אויב אָבער ער וועט, חלילה, נישט קומען, דאַרפן מיר זיך אויך מוסר נפש זיין פאַרן איבערשטן".

חסידים וואָס זיינען געפאָרן צוזאַמען מיטן מאַטיסאַלקער רבי'ן קיין אוישוויץ און זיינען געבליבן לעבן, גיבן איבער, אַז אין וואַגאָן האָט דער רבי געטרייסט די יידן. ער האָט געזאָגט, אַז עס קומט שוין אָן די צייט פון חבלי־משיח. מיר דאַרפן זיין גרייט אומצוקומען אויף קידוש־השם, אָבער די רשעים די דייטשן, דאַרף מען קיינמאָל נישט מוחל זיין, און אויב עס וועט בלייבן לעבן אַ ייד, דאַרף ער נקמה נעמען אין זיי. יידן זיינען טאַקע יידן און דאַרפן מקדש השם זיין ברבים, אויב דאָס איז דער רצון הבורא, אָבער אין די דייטשן דאַרף מען זיך נוקם זיין, זיי ווילן דאָך אומברענגען אַלע יידן, כדי עס זאָל, חס ושלום, נישט בלייבן קיין איין ייד, וואָס זאָל קענען אַקעגנגיין משיח'ן — דאַרף מען אין זיי נעמען נקמה.

דער מאַטיסאַלקער רבי איז אומגעקומען אויף קידוש־השם אין דער גאַז־קאַמער אין אוישוויץ, כ"ח אייר, תש"ד (1944).

דער מאַטיסאַלקער רבי ר' יחזקיה האָט געזאָגט ווידוי מיט גרויס התלהבות, איידער ער איז אַריין אין דער גאַז־קאַמער, וואו ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה, הי"ד.

דער מעזשיבעזשער רבי איז אומגעבראַכט געוואָרן אין טאַרנאָפּאָל

דער נאַצישער קאָמאַנדיר האָט אים געוואָלט באַפרייען, אויב דער יודנראַט וועט צושטעלן אַנדערע פינף־און־צוואַנציק יידן צו דערשיסן. — דער רבי לאָזט זיך נישט באַפרייען. — ער ווערט דערשאָסן צוזאַמען מיט זיין משפחה. — ליגט באַגראָבן אין אַ מאַסן־קבר.

דער מעזשיבעזשער רבי ר׳ אברהם יהושע־העשל האָט געוואוינט אין טאַרנאָפּאָל. ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט מזרח־גאַליציע, האָבן זיי אַרעס־טירט אַן עדה יידן און צווישן זיי אויך דעם מעזשיבעזשער רבי׳ן.



דער מעזשיבעזשער רבי, ר׳ אברהם יהושע־העשל, הי״ד

ד׳ ניסן, 1943 איז פאָרגעקומען די „גרויסע אַקציע“ אין טאַרנאָפּאָל.

דער נאַצישער קאָמאַנדיר האָט פאַרלאַנגט פאַרן באַפרייען דעם מעזשי־בעזשער רבי׳ן פינף־און־צוואַנציק אַנדערע יידן, זיי אומצוברענגען.

דער מעזשיבעזשער רבי האָט זיך דערוואוסט דערפון, האָט ער באַפוילן דעם „יודנראַט“ אַז ער וועט נישט אַרויסגיין פון תפיסה. ער האָט נישט געוואָלט ראַטעווען זיין נפש אויפן חשבון פון אַנדערע יידן.[1]

1) די ידיעה געקראָגן פון אברהם ווייסבראָד, ניו־יאָרק.

דער מעזשיבעזשער רבי ר׳ אברהם יהושע־העשל, פון טאַרנאָפּאָל, איז געווען אַ זון פון מעזשיבעזשער רבי׳ן ר׳ ישראל׳ניו, וואָס האָט גע־שטאַמט פון דער גזע פון אַלטן רבי׳ן ר׳ אברהם יהושע־העשל, דעם בעל „אוהב ישראל״.

דער רבי ר׳ ישראל׳ניו איז געווען אויך אַן אייניקל פון ריזשינער רבי׳ן און ער האָט געפירט זיין רביסטווע אויפן ריזשינער־סאַדיגורער דרך . . .

אין מעזשיבעזש פלעגן זיין רוסישע קאַזאַרמעס, און עס פלעגן דאָרט שטיין טויזנטער סאָלדאַטן. צווישן זיי איז תמיד געווען אַ טויזנט יידן. דערציילן חסידים, אַז דער רבי ר׳ ישראל׳ניו פלעגט פסח אויפשטעלן כשר׳ע יום־טוב׳דיקע קיכן און אַלע יידישע סאָלדאַטן האָבן אויפן רבי׳נס חשבון געגעסן פסח׳דיקע מאכלים.

דער רבי ר׳ ישראל׳ניו האָט זיך געפירט לויטן סאַדיגורער נוסח. ער האָט ווייניק גערעדט, נישט געזאָגט קיין תורה ביים טיש, בלויז ביים צווייטן טיש, פרייטיק־צונאַכטס, האָט ער געזאָגט אַ חסידיש וואָרט.

אָבער ער האָט געשריבן חידושי־תורה און אָנגעזאָגט זיינע קינדער, אַז זיי זאָלן די חידושי־תורה קיינמאָל נישט דרוקן . . .

⁂

דער מעזשיבעזשער רבישער הויף איז געווען אַ מלכות׳דיקער הויף. דאָרט זיינען געווען אַ סך זילבערנע חפצים און כתבי־יד׳ן.[2]

ווען דער רבי ר׳ ישראל׳ניו איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1912, איז זיין זון, ר׳ אברהם יהושע־העשל, וואָס איז געווען דער בכור און איז אינגאַנצן אַלט געווען 20 יאָר, געוואָרן רבי אין מעזשיבעזש.

דער דעמאָלטיקער יונגער רבי האָט געקראָגן סמיכה פון אַלטן באָיאַנער רבי׳ן, פון אַלטן טשאָרטקאָווער רבי׳ן און פון אַלטן סקווערער רבי׳ן, ר׳ דוד׳ל, וואָס איז געקומען קיין מעזשיבעזש מנחם־אבל זיין.

⁂

דער שלשלת־היחסין פון דער אָפּטער גזע גייט אַזוי:

דער אָפּטער רבי ר׳ אברהם יהושע־העשל, דער „אוהב ישראל״, זיין זון ר׳ יצחק־מאיר וואָס איז אַוועק פון מעזשיבעזש, האָט געשאַפן אַ רבי׳שן הויף אין זשינקאָוו.

2) ביי דעם היינטיקן מעזשיבעזשער רבי׳ן, וואָס וואוינט אין די בראָנקס (אַ ברו־דער פון דעם מעזשיבעזשער רבי׳ן, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם), זיינען נאָך פאַראַן עטלעכע חפצים, וואָס זיינען אים געבליבן בירושה, און וואָס ער האָט באַוויזן אַרויסצופירן פון רוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע.

ר׳ יצחק־מאיר׳ס זון, ר׳ משולם־זושע, האָט אויך געוואוינט אין זשינקאָוו. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרט״ו (1855). זיין זון ר׳ יהושע־העשל, גערופן ר׳ הערשעלע, איז אַוועק פון זשינקאָוו און האָט זיך באַזעצט אין מעזשיבעזש.

דער רבי ר׳ הערשעלע האָט מורא געהאַט צו וואוינען אין מעזשיבעזש, ווייל ס׳איז געווען אַ חסידישע מסורה, אַז די רביים וואָס וואוינען דאָרט זיינען נישט מאריך ימים. דער רבי ר׳ ברוכ׳ל האָט געלעבט אין מעזשיבעזש 12 יאָר, אויך דער רבי ר׳ אפרים, דער „דגל מחנה אפרים״, האָט דאָרט געלעבט 12 יאָר. האָט דער רבי ר׳ הערשעלע מורא געהאַט זיך אַריבערצוציען קיין מעזשיבעזש, אָבער דער סאַדיגורער רבי האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל נישט מורא האָבן, אַז ער וועט דאָרט זיין רב דרייסיק יאָר, אָבער נאָר מיט איין תנאי: ער זאָל נישט משנה זיין דעם נוסח פון אַלטן אַפּטער רבי׳ן, ווי למשל, שמיני עצרת נישט צו זיצן אין דער סוכה; צו מאַכן די הקפות לויטן אַלטן אַפּטער נוסח, און צו זאָגן ביים בענטשן די חנוכה־ליכטלעך זיבן מאָל „אנא בכוח״, מיטן אַלטן אַפּטער סקאַרבאָוון ניגון...

און דער רבי ר׳ הערשעלע, איז געווען רבי אין מעזשיבעזש דרייסיק יאָר. אויך זיין זון, דער רבי ר׳ אברהם יהושע־העשל, איז געבליבן וואוינען אין מעזשיבעזש ביז דעם יאָר 1922, ווען דער רבי איז אַוועק פון מעזשיבעזש קיין טאַרנאָפּאָל (מזרח־גאַליציע).

דער מעזשיבעזשער רבי האָט דערנאָך אַרויסגענומען פון רוסלאַנד זיין מוטער, די אַלטע מעזשיבעזשער רביצין, וועלכע האָט געהאַט צוויי איידעמס אין גאַליציע, דעם היינטיקן באָיאַנער רבי׳ן [3] און דעם סאַדיגורער־פּשעמישלער רבי׳ן. אויך האָט ער אַרויסגענומען זיין ברודער משה און זיינע צוויי שוועסטער.

די גאַנצע משפחה האָט געוואוינט ביים מעזשיבעזשער רבי׳ן אין טאַרנאָפּאָל.

∴

ווען די נאַציס האָבן אַרעסטירט דעם רבי׳ן צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפחה און דער רבי האָט זיך נישט געוואָלט לאָזן אויסלייזן, האָבן די דייטשן אים אַרויסגענומען צוזאַמען מיט אַן עדה יידן און זיי דערשאָסן.

דער מעזשיבעזשער רבי איז געגאַנגען פאָרויס מיט זיין מוטער און זיין יינגערן ברודער און זיין בת־יחידה ברכה.

און דער רבי האָט געזאָגט צו דער עדה יידן:

3) וואוינט היינט אין ניו־יאָרק.

„זייט שטאַרק, מיינע קינדער! דאָס איז אַ גזירה מן השמים, און מיר אַלע זיינען די שליחים מקדש־השם צו זיין ברבים . . .״

די עדה יידן מיטן רבי׳ן בראש האָט מען געפירט צום פאָרשטעטל פון טאַרנאָפּאָל־פּיעטריקאָוו און זיי דערשאָסן אויפן אָרט.

און דאָרט איז נאָך עד־היום דאָ דער מאַסן־קבר פון די יידישע קדושים.

אָט אַזוי איז דער מעזשיבעזשער רבי, ר׳ אברהם יהושע־העשל, צוזאַמען מיט זיין מוטער, ברודער און טאָכטער, אומגעקומען אויף קידוש־השם, הי״ד.[4])

4) איבערגעגעבן פון אַן עד־ראיה צוקערמאַן, וואָס האָט עס דערציילט אברהם וויסבראָד׳ן.

דער נאָוואָמינסקער רבי ר׳ יוסף פּערלאָוו האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אין בערגען־בעלזען

דער אָפּשטאַם פון דער נאָוואָמינסקער גזע. — דער ערשטער נאָוואָמינסקער רבי ר׳ יעקב. — זיין זון ר׳ אלתר שמעון ישראל. — ער האָט געוואוינט אין וואַרשע.

א צוויג פון דער רבי׳שער גזע פון קאַרלין־לעכאָוויטש־קוידענאָוו איז איבערגעפלאַנצט געוואָרן קיין פוילן דורך דעם רבי׳ן ר׳ יעקעלע פּערלאָוו פון נאָוואָמינסק.

דער נאָוואָמינסקער רבי, ר׳ יוסף פּערלאָוו, הי״ד

ווען מ׳איז אַריינגעקומען צו דעם פריערדיקן נאָוואָמינסקער רבי׳ן, ר׳ אלתר ישראל־שמעון פּערלאָוו, וועלכער האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואוינט אין וואַרשע, האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מ׳איז ביי אַ חסידי־שן רבי׳ן אין דער ליטע. דער נוסח איז געווען אַ קאַרלינער־לעכאָוויטשער און די ניגונים שבת ביי די טישן זיינען געווען קאַרלינער ניגונים.

געזונג געווען בלויז צו הערן דאָס תורה־ניגונ׳דל, וואָס דער נאָוואָ־מינסקער רבי פלעגט זינגען פאַר זיך אַליין, שטאַרק פאַר׳מות׳ט, איידער

ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן תורה פרייטיק־צו־נאַכטס ביים טיש און עס זאָל זיך דוכטן אַז איר זייט אין קאַרלין.

דער רבי, אַ קליינער, מיט אַ ווייסער באָרד האָט געברומט פאַר זיך דאָס קאַרלינער תורה־ניגונ׳דל: „מלאכים, שרפים ואופנים פרעגן, וואו איז גאָט? אוי ווי, וואָס ענטפערט מען זיי? לית אתר פנוי מיניה״ [1]

חסידים, וואָס זיינען געשטאַנען ביים טיש, האָבן געגלויבט אַז מלאכים און שרפים הערן דעם רבי׳ן זאָגן תורה . . .

אָדער ווען מ׳האָט געהערט דעם רבי׳ן זינגען דעם קאַרלינער זמר: „י־ה אכסוף״, וואָס דער גרויסער ר׳ אהרן קאַרלינער האָט מחבר געווען, האָט מען זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן, אַז מ׳געפינט זיך אין וואַרשע, וואו עס איז פאַרשפרייט דאָס חסידות פון לובלין, קאָזשעניץ, פשיסכע, קאָצק, גער און אַנדערע רביים, וואָס האָבן געשטאַמט פון די דאָזיקע אבות החסידות.

דער נאָוואָמינסקער רבי ר׳ אלתר ישראל־שמעון איז געווען אַ צדיק, וואָס האָט געהערט צו די פריערדיקע דורות און האָט זיך גאָרנישט אַריינגעפּאַסט אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע. ווען איר זייט אַריינגעקומען אין אַ פּראָסטן טאָג אין זיין דירה, אין האָרץ פון מסחר׳דיקן וואַרשע, זייט איר מיט איינמאָל אויסגעטאָן געוואָרן פון דער גאַנצער וואָכעדיקייט און עפּעס אַ הייליקע שטימונג האָט אַרומגענומען אייער גאַנצן גוף און נשמה. איר האָט באַר געדאַרפט אַריינקוקן אין דער האַלב־אָפענער טיר פון רבי׳נס חדר מיוחד און זען זיצן דעם נאָוואָמינסקער רבי׳ן מיט זיין הדרת׳דיק פּנים און לערנען פון אויסנווייניק זיינע שיעורים, וואָס ער האָט קובע געווען, און צווישן זיי די 23 פּרקים משניות, וואָס ער האָט יעדן טאָג געלערנט בעל־פּה, כדי יעדן חודש צו פאַרענדיקן אַלע ששה סדרי משנה, איר האָט זיך גלייך דערפילט אַזוי שפל׳דיק, אַזוי הכנעה׳דיק, וואָס איר געהערט נישט צו דער דאָזיקער רוחניות׳דיקער וועלט.

*

דער ערשטער וואָס האָט איבערגעפלאַנצט דאָס קאַרלינער־לעכאָוויטשער־קוידענאָווער חסידות קיין נאָוואָמינסק אין פּוילן, איז געווען דער רבי ר׳ יעקעלע פּערלאָוו. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תר״ז (1847) אין זאַוויכוואָסט. זיין פאָטער, ר׳ שמעון, וואָס איז געווען רב אין שטאָט, איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ שלמה־חיים פון קוידענאָוו, וועלכער איז געווען אַן אייניקל פון ערשטן לעכאָוויטשער רבי׳ן ר׳ מרדכי און פון ר׳ אשר פון סטאָלין.

1) אַ חסידישע מסורה איז, אַז דער קאַרלינער רבי ר׳ אהרן האָט דעם ניגון מיט די ווערטער מחבר געווען.

דער רבי ר׳ שלמה־חיים פון קוידענאָוו איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקנ״ז (1797) און נפטר געוואָרן י״ז אָב תרכ״ב (1862).

ר׳ שמעון איז יונג נפטר געוואָרן און זיין זון ר׳ יעקב, „דער עילוי״, איז אויפגעצויגן געוואָרן ביי זיין זיידן דעם קוידענאָווער רבי׳ן, ר׳ שלמה חיים פערלאָוו.[2]

דער קוידענאָווער רבי האָט זייער ליב געהאַט זיין אייניקל ר׳ יעקעלע׳ן. אין נאָוואָמינסקער רבי׳שן הויף איז פאַראַן אַ מסורה, אַז ווען ר׳ יעקעלע און זיין ברודער, דער בכור, ר׳ מרדכי, זייבען נאָך געווען יונג, האָט זייער מוטער געגעבן ר׳ מרדכי׳ן פינף קאָפּיקעס און ר׳ יעקעלע׳ן דריי קאָפּי־קעס. האָט ר׳ יעקעלע געפרעגט: „פאַרוואָס קומט מיר ווייניקער פון מיין ברודער?״ האָט די מוטער געענטפערט:



דער נאָוואָמינסקער רבי׳ ר׳ יעקב פערלאָוו

„וואָס פאַרגלייכסטו דיך צו דיין ברודער? ער קען דאָך מער לערנען פון דיר״.

האָט דאָס דערהערט דער קוידענאָווער רבי, זייער זיידע, ר׳ שלמה־חיים, האָט ער זיך געווענדעט צו זיין טאָכטער און ער האָט צו איר געזאָגט:

„ווייל דו האָסט פאַרמינערט די גרויסקייט פון מיין אייניקל, יעקעלע,

2) לויט ווי עס ווערט אָנגעגעבן אין ספר „דברי שלום״, זייט 17, פון רבי׳ן ר׳ שלום פון קוידענאָוו, שטאַמט דער פאַמיליע־נאָמען פערלאָוו פונעם נאָמען פון ר׳ שלמה חיים׳ס מוטער, וואָס האָט געהייסן פערל.

וועט זיין דיין עונש, אַז דו וועסט שטיין הינטער זיין טיר, ווען ער וועט זאָגן תורה פאַר די חסידים״ . . .

און די רביצין האָט אויף זיך גענומען דעם עונש. תמיד ווען דער רבי ר׳ יעקעלע האָט געזאָגט תורה אין בית־המדרש אין נאָוואָמינסק, איז זיין מוטער געשטאַנען אויף יענער זייט טיר און האָט זיך צוגעהערט צו דער תורה פון איר זון . . .

⁂

דער רבי ר׳ יעקעלע איז געווען אַ גרויסער מתמיד. אייגמאָל, ווען ער איז נאָך געווען זייער יונג, זיינען די חסידים אויפגעווען שבועות אַ גאַנצע נאַכט און געזאָגט „תיקון ליל שבועות״. מען האָט אַרומגעזוכט דעם קליי־נעם יעקעלע אין בית־המדרש און מען האָט אים אין ערגעץ נישט געפונען. ערשט אין דער פרי האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ער איז געזעסן אין אַ ווינקל אין פּאַליש און האָט אויסגעלערנט אַ גאַנצע מסכתא.

ווען ר׳ יעקעלע איז אַלט געווען פופצן יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון רבי׳ן ר׳ לייבוש פון פּראַסקוראָוו, וועלכער איז גע־ווען אַן אייניקל פון ר׳ יחיאל־מיכל, דער זלאָטשעווער מגיד.

דער רבי ר׳ לייבוש האָט געגעסן צוויי יאָר קעסט ביים רבי׳ן ר׳ אפרים פון סודילקאָוו, דעם בעל „דגל מחנה אפרים״. אַזוי, אַז דער רבי ר׳ יעקעלע נאָוואָמינסקער האָט געלערנט חסידות ביי די צוויי רביים: ביי זיין זיידן ר׳ שלמה־חיים פון קוידענאָוו און ביי זיין שווער ר׳ לייבוש פון פּראַסקוראָוו.

צוויי יאָר נאָך דער חתונה איז געבוירן געוואָרן ביים יונגן פּאָר־פּאָלק אַ טאָכטער. מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן גיטעלע. זי איז געווען די רביצין פון רבי׳ן ר׳ דוד־משה, דער זון פון ר׳ אהרן פון קוידענאָוו. ער איז געווען רב אין סאָלוויטיץ און איז יונג נפטר געוואָרן.[3]

אין יאָר תרכ״ה (1865), ווען ר׳ יעקעלע איז אַלט געווען 18 יאָר, איז ער געוואָרן רב אין סטראַשולאַ, ווייס־רוסלאַנד. דערנאָך האָט ער געוואוינט אַ שטיקל צייט אין אַצעסט, לעבן קישינעוו. ער פלעגט פאָרן אויף קבר־אָבות קיין פוילן, און ווען ער איז דורכגעפאָרן נעשכיז איז ער אַריין צום נעשכיזער רבי׳ן ר׳ יצחק׳ל, זיך פראַווען, ער זאָל האָבן אַ בן־זכר. האָט דער נעשכיזער רבי אים געזאָגט: „דאָ אין ווייס־רוסלאַנד וועסטו נישט האָבן קיין זכרים, פאָר צוריק קיין פוילן, דאָרט וועסטו זוכה זיין צו בנים זכרים״. און ר׳ יעקעלע האָט זיך צוגעהערט צו דער עצה פון נעשכיזער רבי׳ן און אין יאָר תרל״ג (1873) האָט דער רבי ר׳ יעקעלע זיך באַזעצט אין דעם שטעטל נאָוואָמינסק, לעבן וואַרשע.

3) „מגדולי התורה והחסידות״, אדמו״רי נסכיז, לכוביץ, קיידנוב, נובומינסק״ פון הרב א. י. בראָמבערג, ספר כ׳, הוצאת „מכון לחסידות״, ירושלים, תשכ״ג, זייט קכ״ז און ווייטער.

דער רבי ר׳ יעקעלע האָט געבויט אַ הויף אין נאָוואָמינסק. ער האָט אַריבערגעבראַכט זיין משפחה: זיין מוטער, די רביצין דבורה, זיין ברודער, דעם בחור ר׳ ישראל־אהרן, און זיין טאָכטער גיטל, וואָס איז יונגערהייט געוואָרן אַן אלמנה.

זיין ברודער, ר׳ ישראל־אהרנ׳עז, האָט ער חתונה געמאַכט מיט דער טאָכטער פון רבי׳ן ר׳ מאיר פון פשיסכע. די כלה איז געווען אַן אייניקל פון רבי׳ן ר׳ יעקב־דוד פון אַמשינאָוו. אַזוי אַרום איז דער „ליטווישער רבי״ געוואָרן פאַרבונדן מיט די רביים פון פוילן.

דער רבי ר׳ יעקעלע איז געפאָרן צו פאַרשידענע רביים אין פוילן און אויך צום „תהלים ייד״ (ר׳ יחיאל־מאיר) פון גאָסטינין. האָט דער גאָסטינינער רבי אים געגעבן אַן אָפּגעשפּראָכענעם זילבערנעם רובל, ער זאָל אים אַריינלייגן אין ווינקלשטיין פון בית־המדרש, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו בויען אין נאָוואָמינסק.

און די ברכה פון נעשכיזער רבי׳ן איז מקוים געוואָרן. אין יאָר תרל״ד (1874) איזביים רבי׳ן ר׳ יעקעלע געבוירן געוואָרן אַ צווילינג, זיין בכור ר׳ אלתר ישראל־שמעון און זיין טאָכטער רייזל, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט דעם רבי׳ן ר׳ משה־מרדכי העשל, דעם זון פון ר׳ אברהם־יהושע העשל פון מעזשיבעזש, און אַן אייניקל פון בעל „אוהב ישראל״ פון אַפּט.

אין יאָר תרל״ז (1877) איז ביים רבי׳ן ר׳ יעקעלע׳ן געבוירן געוואָרן נאָך אַ זון, ר׳ יהודה פערלאָוו, וועלכער איז געווען רב אין וולאָדאַווע און דערנאָך רבי אין ניו־יאָרק. אין יאָר תרמ״א (1881) איז אים געבוירן געוואָרן דער דריטער זון, ר׳ שלמה־חיים, וועלכער איז געווען רבי אין באַלעכאָוו.[4]

אין יאָר תרנ״ו (1896) האָט דער נאָוואָמינסקער רבי געגרינדעט אַ ישיבה אין שטאָט. דאָס איז געווען די ערשטע חסידישע ישיבה לויט דעם קאַרלינער־קוידענאָווער נוסח, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין פוילן.

דער נאָוואָמינסקער רבי האָט מיט זיין אייגענער גייסטיקער פּערזענלעכקייט צוגעצויגן חסידים אין פוילן. ער האָט נישט איבערגענומען קיין חסידים פון זיין פאָטער, נאָר האָט געקראָגן אַן עולם מיט זיין אייגענעם כוח.

איינער פון די רייכע נאָוואָמינסקער חסידים פון וואַרשע, ר׳ שלמה פּאַלמאַן, האָט געגעבן געלט אויפצובויען אַ גרויסן בנין פאַר דער ישיבה אין נאָוואָמינסק. אין דער ישיבה האָבן געלערנט אַ צווי הונדערט ישיבה־בחורים, אַ טייל פון זיי זיינען דערנאָך געוואָרן גרויסע רבנים אין פוילן. דער פאַרשטאָרבענער שריפטשטעלער און באַוואוסטער פּעדאַגאָג לייבוש

4) דער רבי ר׳ שלמה חיים פון באַלעכאָוו, האָט מחבר געווען דעם סידור „קהלת שלמה״, און אַ פּירוש אויף תהלים: „מקדש שלמה״.

לעהרער האָט מיר געזאָגט, אַז אויך ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן געלערנט אין דער נאָוואָמינסקער ישיבה.

דער רבי ר׳ יעקעלע איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די גדולי־התורה פון זיין דור. ער איז אויך געווען אין פריינטלעכע באַציאונגען מיט דעם גאון ר׳ יוסף־בער סאָלאָווייטשיק פון בריסק, וועלכער פלעגט קומען אויף זומער־דאַטשע קיין נאָוואָמינסק.

דער רבי ר׳ יעקב פלעגט דאַווענען מיט גרויס התלהבות. זיין זון, ר׳ שלמה־חיים, ברענגט אין זיין פירוש אויף תהלים, תורה׳ס און מאמרים פון זיין פאָטער. אין די דאָזיקע מאמרים איז דער רבי ר׳ יעקב מעורר די חסידים, אַז זיי זאָלן דאַווענען מיט גרויס התלהבות.

איינע פון רבי׳ן ר׳ יעקעלע׳ס תורה׳ס איז וועגן דער תפילה, וואָס מיר זאָגן: „תמידין כסדרן ומוספין כהלכתן״. „יעדער ייד דאַרף תמיד מקיים זיין די צוויי „תמידין״, ער דאַרף תמיד איגזינען האָבן „וחטאתי לנגדי תמיד״ און „שויתי ד׳ לנגדי תמיד״, און ווען דער מענטש איז מקיים די דאָזיקע צוויי „תמידין״ איז ער זוכה צו „מוספין כהלכתן״, אַז ער קען מוסיף זיין אין די דרכי עבודה, ער זאָל זיין אַ מוסיף והולך אין יידישקייט״.[5]

בנוגע די מצוות בין אָדם לחברו האָט דער רבי ר׳ יעקעלע מבאר געווען די משנה אין בכורות (פ״ו, מ״י): „עין אחת גדולה ועין אחת קטנה הרי זה מום״ (אויב אַ מענטש האָט איין אויג אַ גרויס און איין אויג אַ קליינס, איז ער אַ בעל־מום). מיינט מען, ווען אַ מענטש קוקט אויף זיך אַליין, — אויף זיינע מעלות, מיט אַ גרויס אויג און אויף זיינע חסרונות מיט אַ קליין אויג, איז ער א בעל־מום.

35 יאָר איז ר׳ יעקעלע געווען רבי אין נאָוואָמינסק און ער איז נסתלק געוואָרן אין יאָר תרס״ב (1902).

דער רבי ר׳ יעקעלע האָט איבערגעלאָזט דריי זין, רביים. דער עלטסטער זון, ר׳ אלתר ישראל־שמעון, איז געוואָרן דער ממלא מקומו אין נאָוואָמינסק. זיין צווייטער זון, ר׳ יהודה־לייב, איז געווען רב אין וולאָדאַווע, דערנאָך געוואוינט אין מינסק און אין יאָר 1924 איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק און געוואָרן רבי. אין יאָר תרצ״ג (1933) איז ער געווען אין ארץ־ישראל און געדרוקט דאָס ספר „לב אריה חדש״, צוויי חלקים אויף תורה.[6]

דעם נאָוואָמינסקער רבי׳נס דריטער זון, ר׳ שלמה־חיים פערלאָוו, איז געווען באַלעכאָווער רבי. אויך זיין איידעם, ר׳ משה־מרדכי העשל, איז געווען רבי.

⁂

5) „מקדש שלמה״, זייט 652.

6) זיין צווייט ספר „קול יהודה״ האָט ער אַרויסגעגעבן אין אַמעריקע אין יאָר תש״ו (1946). ער איז נפטר געוואָרן אין ניו־יאָרק י׳ אלול תשכ״א (1961).

ר׳ אלתר ישראל שמעון פערלאָוו (אי״ש) איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרל״ד (1874) אין נאָוואָמינסק. ער איז אויפגעצויגן געוואָרן אין הויז פון זיין פאָטער און האָט געלערנט אין פאָטער׳ס ישיבה. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון רבי׳ן ר׳ ברוך־מאיר טווערסקי פון אַזאַ־רעניץ, וועלכער איז געווען אַן אייניקל פון רבי׳ן ר׳ אהרן פון טשערנאָביל.

נאָך זיין חתונה האָט זיין שווער אים צוגעזאָגט עטלעכע יאָר קעסט, אָבער ווען עס איז געקומען שבועות האָט דער פאָטער זיינער פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל קומען קיין נאָוואָמינסק אויף שבועות צוזאַמען מיט זיין רביצין, פייגע־דינה, האָט ער מקיים געווען כיבוד־אב און איז געקומען. נאָך יום־טוב האָט דער פאָטער אים מער נישט געלאָזט צוריקפאָרן. האָט זיך


דער נאָוואָמינסקער רבי, ר׳ אלתר־שמעון פערלאָוו

אָנגעהויבן אַן אַמפּערניש צווישן פאָטער און שווער, וואו ער זאָל עסן קעסט. דער שווער האָט נישט געוואָלט צוריקשיקן די מלבושים און דאָס מעבל, און דער רבי ר׳ יעקב האָט נישט געלאָזט זיין זון צוריקפאָרן. דער סוף איז געווען, אַז דער רבי ר׳ יעקב האָט פאַר דעם פאַרפאַלק געמאַכט נייע מלבושים און געקויפט ניי מעבל און ער איז געבליבן זיצן אין נאָוואָמינסק.

דער רבי ר׳ יעקב האָט געמאַכט זיין זון ר׳ אלתר ישראל שמעון פאַר דעם מנהל פון דער ישיבה. ער פלעגט אַרומגיין פון כיתה צו כיתה פאַרהערן די ישיבה־בחורים און זאָרגן פאַר זיי צו באַשפּייזן און באַקליידן.

אין די לעצטע צוויי יאָר פאַר דער פטירה פון רבי׳ן ר׳ יעקעלע, האָט

ר' אלתר ישראל שמעון פאַרשריבן אַלע תורה'ס פון זיין פאָטער, וואָס ער האָט געזאָגט שבת ביי די טישן. איינמאָל איז ראש־השנה אויסגעפאַלן דאָנערשטיק און פרייטיק, האָט דער רבי געזאָגט דריי טעג נאָכאַנאַנד תורה ביי אַלע טישן. האָט ער געפרעגט זיין זון, צי ער וועט געדענקען נאָך ראש־השנה צו פאַרצייכענען אַלע תורה'ס, האָט דער זון איבערגעזאָגט פאַרן פאָטער אַלע תורה'ס, וואָס ער האָט געזאָגט ביי די טישן אַלע דריי טעג, וואָרט ביי וואָרט...

ווען דער ערשטער נאָוואָמינסקער רבי, ר' יעקעלע פערלאָוו, איז נפטר געוואָרן, אין יאָר תרס"ב (1902), איז זיין זון, ר' אלתר ישראל שמעון (אי"ש), געוואָרן דער ממלא מקומו. ער איז באַלד געוואָרן באַקאַנט אין גאַנץ פוילן מיט זיין עבודת הבורא און דרך אין חסידות.

דער סדר־היום פון נאָוואָמינסקער רבי'ן, ר' אלתר ישראל שמעון, איז געווען פול מיט תורה און תפילה.

דער רבי איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָג און גלייך געגאַנגען אין מקוה אַריין. ער האָט געהאַט זיין אייגענע מקוה. ער פלעגט שיקן רופן דעם רב פון שטאָט, ר' יחאל־מיכל ראַבינאָוויץ, אַ גדול בתורה און מחבר פון שו"ת ספר „גלי ים" („ים" איז די ראשי־תיבות: יחיאל מיכל), ער זאָל קומען זיך טובל'ען אין זיין מקוה, כדי ער זאָל קענען מיט אים שמועסן אין לערנען. נאָך דער מקוה האָט דער רבי אָנגעהויבן זיינע שיעורים אין משנה, וואָס דער רבי האָט געלערנט פון אויסוויניק. דער משמש זיינער איז געשטאַנען מיטן משניות אין דער האַנט און האָט נאָכקאָנטראָלירט צי דער רבי פאַרפעלט, חס־וחלילה, נישט קיין וואָרט. דער רבי פלעגט זאָגן, אַז זיין גאַנץ חיות קומט פון לערנען משניות, ווייל „משנה" האָט די אותיות פון „נשמה". יעדן חודש פלעגט דער רבי מאַכן אַ סיום משניות.

דער נאָוואָמינסקער רבי האָט אויך יעדן טאָג געלערנט ש"ס און פוסקים און זוהר און פאַרשידענע חסידישע און קבלה־ספרים.

דער רבי איז געווען שטאַרק באַליבט אין שטאָט. אַפילו דער שטאָט־רב ר' יחיאל־מיכל, וועלכער איז געווען אַ מתנגדישער רב און אַ גרויסער למדן, האָט פאַר אים גרויס דרך־ארץ געהאַט. דער נאָוואָמינסקער רב ר' יחיאל־מיכל ראַבינאָוויץ איז פריער געווען רב אין אַלט־קאָנסטאַנטין. ווען מען האָט אים פאָרגעשלאָגן דאָס רבנות אין נאָוואָמינסק, האָט ער עס נישט גלייך אָנגענומען, נאָר ער האָט פריער געשיקט קיין נאָוואָמינסק זיין שוחט אויסצוגעפינען צי די גאַנצע שטאָט איז מסכים ער זאָל ווערן רב. ער האָט אָנגעזאָגט דעם שוחט[6א], אַז אויב עס וועט זיך געפינען אַיין איד אין שטאָט, וואָס איז נישט מסכים ער זאָל ווערן רב, וויל ער נישט איבערנעמען דאָס כסא הרבנות. אַזאַ בעל מידות טובות איז געווען דער

6א) אַזוי גיט איבער זיין זון חיים רעיבינס פון ניו־יאָרק.

רב ר׳ יחיאל־מיכל און צווישן רב און רבי׳ן איז געווען אַ גרויס ידידות.

דער נאָוואָמינסקער רבי, ר׳ אלתר ישראל שמעון האָט געהאַט אַ מנהג, אַז ווען ער האָט זיך געוואַשן די הענט צו זאָגן „שאו ידיכם״ האָט ער דערנאָך געזאָגט די ווערטער „מלאו ידינו מברכותיך״ און דערנאָך געמאַכט די ברכה. האָט דער שטאָט־רב מיט אים געהאַט אַ הלכה׳שן וויכוח, צי עס הייסט נישט קיין הפסקה. זיי האָבן זיך מפלפל געווען אַ היפּשע צייט און דער רבי האָט דערנאָך געביטן דעם מנהג.



דער נאָוואָמינסקער רב, ר׳ יחיאל־מיכל ראַבינאָוויץ

אין נאָוואָמינסק זיינען געווען גערער, אַלעקסאַנדערער און פּאַריסאָווער חסידים, און אַלע זיינען געקומען צום רבי׳ן. אַפילו דער פייערדיקער גערער חסיד ר׳ משה מיכל׳ס איז געקומען צום רבינ׳ס טיש.

אין שטאָט איז געווען איינגעפירט, אַז ביי אַ ברית האָט מען מכבד געווען דעם רב מיט סנדקאות. זיינען געווען חסידים, וואָס האָבן מכבד געווען דעם רבי׳ן, האָט דער רבי קיינמאָל נישט געוואָלט אָננעמען דאָס סנדקאות ביז ער האָט פריער נישט געשיקט דעם משמש פרעגן דעם שטאָט־רב צי ער טרעט אים אָפּ דעם כבוד.

דער רב ר׳ יחיאל־מיכל איז געווען אַ גרויסער פאַסטער. ער האָט געפאַסט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. איינמאָל איז אויסגעפאַלן אַ ברית אין די טעג פון „בה״ב״ 7). האָט מען דעם רבי׳ן מכבד געווען מיט סנדקאות.

7) מאָנטיק, דאָנערשטיק און מאָנטיק אין די צוויי וואָכן נאָך פסח און סוכות, ווען פרומע יידן זיינען זיך נוהג צו פאַסטן.

האָט דער רבי געשיקט דעם שמש צום רב, ווי זיין מנהג איז געווען, אים פרעגן צי ער איז מסכים. רופט זיך אָן זיין רביצין: „אפשר וואָלסטו היינט יאָ אָנגענומען דאָס סנדקאות, וואָלסטו נישט געדאַרפט פאַסטן". האָט דער רב געענטפערט: „אַדרבה, טאָקע דערפאַר, וואָס היינט איז ביי מיר אַ תענית, וויל איך ניט זיין קיין סנדק"...

דער נאָוואָמינסקער רבי האָט געדאַוונט מיט גרויס התלהבות און געזונגען מיט גרויס געפיל. ער האָט געהאַט אַ מנהג צו דאַוונען אין די ימים־נוראים אַלע תפילות פאַרן עמוד. אַרום אים איז געשטאַנען אַ חסי־דישע קאַפעליע און אונטערגעהאַלטן.

חסידים דערציילן, אַז איינמאָל איז דער רבי געפאָרן פון וואַרשע אַהיים מיט דער באַן פון דער חתונה פון זיין ברודער׳ס טאָכטער.[8]) אין וואַגאָן איז אויך געפאָרן אַ מאָדערנער איד, האָט ער געזען ווי דער נאָוואָ־מינסקער רבי לערנט פון אויסווייניק משניות און דער גבאי שטייט לעבן אים מיט אַן אָפענעם משניות און הערט אים אויס.

דער „דייטש" האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דער רבי טוט און ער האָט געמיינט, אַז דער גבאי פאַרהערט דעם רבי׳ן. האָט ער געוואָלט אַרויסווייזן זיין באַהאַוונטקייט אין יידישע ענינים און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַרן רבי׳ן, אַז ער איז פון גאַליציע, אַז פריער איז ער געווען אַ באַאַמטער ביי דער עסטרייכישער רעגירונג[9]) און איצט איז ער אַ פוילישער באַאַמ־טער. און ער האָט געפרעגט דעם רבי׳ן צי דער רבי האָט געזען אין וואַרשע שפּילן דאָס העברעאישע טעאַטער „הבימה", וואָס איז דעמאָלט געקומען אויף אַ באַזוך קיין פּוילן.

דער „דייטש" האָט געפרעגט דעם רבי׳ן: „האָט דער הער ראַבינער אויך באַזוכט אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג?"

דער עולם־חסידים, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום דעם רבי׳ן, האָבן זיך צעשמייכלט, אָבער דער רבי האָט תמימות׳דיק געפרעגט: „צו וואָס דאַרף מען גיין זען די ׳הבימה׳? וואָס האָט מען דערפון, אַז מען זעט אַ פאָרשטעלונג?"

„עס איז גוט צו פאַרטרייבן די צייט" — האָט דער „דייטש" גע־ענטפערט.

ווען דער רבי האָט דאָס געהערט, האָט ער אים געזאָגט: „איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה. ווען דער רבי ר׳ שמעלקא איז אויפגענומען גע־וואָרן פאַר רב אין ניקלשבורג, מערן, האָט יעדער בעל־הבית אים געבראַכט

8) דער באָלעכאָווער רבי, ר׳ שלמה חיים פערלאָוו, האָט דעמאָלט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער מיט דעם זון פון פּיאַסעטשנער רבי׳ן, ר׳ קלמיש, וועלכער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם אין וואַרשע.

9) גאַליציע האָט ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געהערט צו עסטרייך.

אַ מתנה. האָט איין ייד אים געבראַכט אַ בורשטינענעם ליולקע־ציבעך. פרעגט דער רבי ר׳ שמעלקא דעם ייד:

— צו וואָס דאַרף מען אַ ליולקע־ציבעך?

— צו רייכערן — ענטפערט דער ייד.

— צוליב וואָס דאַרף מען רייכערן? — פרעגט ווייטער דער רבי ר׳ שמעלקא.

— צו פאַרטרייבן די צייט!

ווען דער רבי ר׳ שמעלקא האָט דערהערט דעם ענטפער פון דעם ייד, איז ער אויפגעשפרונגען פון זיין שטול און האָט געשריגן:

— מיר פעלט צייט עוסק צו זיין אין תורה און דו ברענגסט מיר אַ זאַך, כדי די צייט צו פאַרטרייבן!״...

דער „דייטש״ האָט שוין מער נישט גערעדט קיין וואָרט...

∴

דער נאָוואָמינסקער רבי איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען מיט זיינע שיעורים אין דער וואָכן. ווען אַ טאָג וואָלט געהאַט נישט 24 שעה, נאָר 48 שעה, וואָלט דאָס אויך פאַר אים נישט געווען גענוג.

יידן פלעגן, ביים געבן אים אַ קוויטל, זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ זייער לאַנג, און דער רבי איז געווען אַ מזג־טוב און האָט אַלץ אויסגעהערט און געגעבן זיין ברכה. דער רבי האָט יעדן איינעם אויפגענומען מיט גרויס ליבשאַפט. ער האָט קיינעם נישט געזאָגט קיין מוסר. אָבער מיט זיין גוטסקייט האָט ער מער גע׳פועל׳ט ווי מיט שטראָף־רייד.

און אויב אין דער וואָכן איז דער רבי געווען אַריינגעטאָן, ראשו ורובו אין תורה און עבודה, איז שבת ביים רבי׳ן תמיד געווען אַ בייע התגלות. ער האָט מיט זיין התנהגות שבת פאַרענטפערט די קשיא, וואָס זיין פאָטער האָט געפרעגט: „פאַרוואָס שטייט ׳לעשות את השבת לדורותם׳, וואָס עפּעס ׳לעשות׳? שבת איז דאָך דער עיקר נישט צו טאָן?״ נאָר ווער עס האָט געזען דעם נאָוואָמינסקער רבי׳ן שבת, זיין עבודה ביים דאַווענען, זיין פירן טיש, זיין זאָגן תורה, דער האָט פאַרשטאַנען דעם מיין פון פסוק. ער האָט טאַקע „געמאַכט דעם שבת לדורותם״... זיינע שבת׳דיקע תפילות האָבן געמאַכט אויפציטערן די דינסטע פעדעמלעך פון דער נשמה.

גאַנץ שבת האָט דער רבי גערעדט נאָר לשון־קודש און איידער ער האָט טועם געווען עפּעס אַ מאכל, האָט ער געזאָגט: „לכבוד שבת קודש, קדשנו במצוותיך, יהא רעוא קמיה דישרי על עמא מתיקא ודובשא״.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער נאָוואָמינסקער רבי, לויטן באַפעל פון דער רוסישער מיליטערישער מאַכט, געמוזט פאַרלאָזן נאָוואָמינסק, האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין וואַרשע. פון דעמאָלט אָן

האָט ער שוין געוואוינט אין וואַרשע. לויט ווי עס ווערט איבערגעגעבן [10], האָט דער נאָוואָמינסקער רבי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה נישט געהאַלטן מיט די דייטשן. ער האָט געזאָגט, אַז פון די דייטשן וועט קיין ישועה נישט אַרויסקומען. אַזוי האָט דער נאָוואָמינסקער געזען בנביאות, אַז די גרעסטע שונאים פון יידישן פאָלק זיינען די דייטשן.

פון נאָוואָמינסקער רבי'ן זיינען געבליבן אַ סך חידושי תורה אין כתב־יד, וואָס געפינען זיך ביים נאָוואָמינסקער רבינ'ס קינדער.

דער נאָוואָמינסקער רבי פלעגט זיך אַ סך מסגף זיין. די משפחה זיינע האָט זיך זייער געזאָרגט וועגן זיין געזונט און דער הויז־דאָקטאָר זיינער, דר. קאָניג, פלעגט זאָגן: „אומזיסט אַלע רפואות, וואָס איך פאַרשרייב דעם רבי'ן, ער איז זיך מקריב און שטעלט אין סכנה זיין געזונט".

דער רבי פלעגט עסן צוויי מאָל אַ טאָג, צוויי אַזיגער בייטאָג און ביינאַכט נאָך חצות, אָבער זייער אָפט האָט ער ביינאַכט מער נישט געוואָלט עסן. ער פלעגט זאָגן: „איך בין שוין זאַט פון די צרות, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט אַ גאַנצן טאָג פון די יידן".

איינמאָל — דערציילן חסידים — איז דער רבי זייער קראַנק געוואָרן. מען האָט גערופן אַ קאָנסיליום פון די גרעסטע פּראָפעסאָרן אין וואַרשע און זיי האָבן געזאָגט, אַז דער רבי מוז ענדערן זיין סדר־היום. אָבער פּראָפעסאָר פישל שניאורסאָן, דער גרויסער פּסיכיאַטאָר און שריפטשטעלער, וועלכער איז געווען אַ בן־בית ביים רבי'ן, האָט געזאָגט: „דער נאָוואָמינסקער רבי לעבט דער עיקר פון זיינע רוחניות'דיקע שפייזן. ער לעבט און שפייזט זיך פון זיינע שיעורים משניות, פון דער תורה און פון זיין דאַוונען. קיין פשוט'ער מענטש קען דאָס נישט משיג זיין. דעריבער דאַרף מען אים נישט שטערן אין זיין עבודה, נאָר אים געבן רפואות"...

* * *

דער נאָוואָמינסקער רבי איז נפטר געוואָרן י' טבת תרצ"ג (1933) אין עלטער פון זעכציק יאָר. טויזנטער מענטשן האָבן זיך באַטייליקט אין זיין לויה אין וואַרשע.

דער נאָוואָמינסקער רבי האָט איבערגעלאָזט פיר זין און אַכט טעכטער. זיינע דערוואַקסענע זין, זיינען נאָך ביים לעבן פון רבי'ן געפאָרן קיין אַמעריקע, און זיינע צוויי ייִנגערע זין זיינען געבליבן ביים רבי'ן.

נאָך דער פטירה פונעם נאָוואָמינסקער רבי'ן האָבן די חסידים געקרוינט פאַרן רבי'ן אין וואַרשע דעם נאָוואָמינסקער רבינ'ס דריטן זון ר' יוסף פערלאָוו, זייענדיק אַלט איינאונצוואַנציק זיבעצן יאָר.

10) אין ספר „אדמו"רי נסכיז, לכוביץ, קיידנוב, נובומינסק" פון הרב א. י. ברומברג.

ר׳ יאָסעלע איז געוואָרן רבי נאָך פאַר זיין חתונה. ער האָט שוין דעם ערשטן שבת ביים טיש געזאָגט תורה פאַר די חסידים. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ר׳ יאָסעלע חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון וואָלאָמינער רבי׳ן, וועלכער האָט געשטאַמט פון רבי׳ן ר׳ יחזקאלע קוזמירער.

דער רבי ר׳ יאָסעלע האָט אויסגעהאַלטן זיין מוטער, די אַלטע נאָוואָ־מינסקער רביצין פייגע־דינה, און זיין ייגגערן ברודער יעקעלע.

ווען די רוצחישע דייטשן האָבן פאַרכאַפּט וואַרשע און געשאַפן דעם געטאָ, איז דער נאָוואָמינסקער רבי ר׳ יאָסעלע אַריין אין געטאָ.

יידן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט, נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד, גיבן איבער, אַז ר׳ יאָסעלעס דירה איז געווען אַ לאַגער פאַר שפּייז פאַר אָרעמע יידן, און ערב־פּסח, אַ טאָג פאַרן געטאָ־אויפשטאַנד, האָבן יידן ביי אים באַהאַלטן מצות.

נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד איז ר׳ יאָסעלע געכאַפּט געוואָרן פון די טמאַדיקע דייטשן און פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ.

יידן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון אוישוויץ גיבן איבער, אַז ר׳ יאָסעלע האָט זיך געפונען אין בירקענאַו אינעם בלאָק נומער 22. ער איז צוגעטיילט געוואָרן צו היטן די אַרבעטס־כלים.

דער יידישער קאַפּאָ האָט געוואוסט ווער ר׳ יאָסעלע איז און ער האָט אים געשאַנעוועט. ר׳ יאָסעלע פלעגט לייגן תפילין אין טויטן־לאַגער, וואָס דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויס מסירת־נפש. אַ פּאָר תפילין האָבן זיך געפונען אין בלאָק פון אַן אונגאַרישן יידן, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן.

ר׳ יאָסעלע פלעגט זיך אָננעמען פאַר יידן, ווען דער קאַפּאָ האָט זיי געוואָלט שלאָגן.

די יידן האָבן ר׳ יאָסעלען שטאַרק פאַרערט. זיי האָבן געוואוסט, ווער ער איז. אויך די פּאָליאַקן, וואָס זיינען געווען אַרעסטאַנטן אין לאַגער, האָבן געוואוסט אַז ער איז אַ „ראַבין״ (רבי).

יום־כיפור ביינאַכט האָבן זיך צונויפגענומען יידן נעבן ר׳ יאָסעלע׳ס פּריטש און געזאָגט שטיל „כל־נדרי״.

ר׳ יאָסעלע איז געווען אין אוישוויץ ביז שמחת־תורה 1944, ווען די דייטשן האָבן אויפגעלייזט דעם לאַגער און געטריבן די טויזנטער יידן צופוס אין אַנדערע לאַגערן אַריין. טויזנטער מענטשן זיינען אויפן וועג אומגעקומען פון הונגער און קעלט.

דער נאָוואָמינסקער רבי ר׳ יאָסעלע האָט אויסגעהאַלטן דעם לאַנגן הונגער־מאַרש. ער איז אָנגעקומען אינעם טויטן־לאַגער בערגען־בעלזען. ער האָט אויסגעהאַלטן אַלע עינויים און האָט דערלעבט דעם 15טן אַפּריל 1945, די באַפרייאונג פון בערגען־בעלזען.

„הונגער און עפּידעמישע קראַנקייטן האָבן אויסגעלאָשן דאָס לעבן פון

טויזנטער יידן, וואָס זיינען אָקאָרשט באַפרייט געוואָרן דורך דער עלפטער פאַנצער־דיוויזיע[11]... דאָס ענגלישע מיליטער האָט אָנגעטראָפן אין לאַגער אַרום 58 טויזנט פרויען און מענער — נאָר אין איין טאָג האָבן דאָקטוירים פון ענגלישן רויטן־קרייץ פעסטגעשטעלט 1563 טויטן־פאַלן״... „די שרעקלעכע טיפוס־עפּידעמיע האָט נאָך דער באַפרייאונג פאַרשלונגען אַרום 28 טויזנט קרבנות״[12].

און צווישן די קרבנות, וואָס זיינען געשטאָרבן פון הונגער און טיפוס, איז אויך געווען דער נאָוואָמינסקער רבי ר׳ יאָסעלע פּערלאָוו.

צוויי וואָכן נאָך דער באַפרייאונג איז ר׳ יאָסעלע נפטר געוואָרן אין בערגען־בעלזען.

אַזוי איז אַכזריות׳דיק פאַרשניטן געוואָרן דורך די דייטשן די נאָוואָ־מינסקער רבישע דינאַסטיע. עס איז אומגעבראַכט געוואָרן דעם רבי׳ן ר׳ יאָסעלע׳ס ווייב און קינדער, זיין מוטער, די אַלטע נאָוואָמינסקער רביצין פייגע־דינה, און דעם רביג׳ס ברודער ר׳ יעקב פּערלאָוו, הי״ד.

11) יוסף ראָזענזאַפט אין זיין הקדמה (זייט 22) צום בוך: „אומקום און אויפ־קום״—בערגען־בעלזען, 1945—1965״, פאַרלאַג בערגען־בעלזען, וועלט־פאַרבאַנד פון די בערגען־בעלזענער, תל־אביב־ניו־יאָרק.

12) דאָרט, זייט 24.

דער סאָכאַטשאָווער רבי ר׳ דוד באָרנשטיין געשטאָרבן פון הונגער

דער דרך פון סאָכאַטשאָווער חסידות. — דער ערשטער סאָכאַטשאָווער רבי ר׳ אברהמ׳עלע. — זיין זון ר׳ שמואל, זיין אייניקל ר׳ דוד. — אין וואַרשעווער געטאָ.

דער סאָכאַטשאָווער רבי ר׳ דוד באָרנשטיין, איז אַ צוויי יאָר געזעסן אין וואַרשעווער געטאָ פאַרשטעלט אונטער אַ פאַלשן נאָמען, כדי די געשטאַפּאָ זאָל זיך פון אים נישט דערוויסן. די אכזריות׳דיקע האַק פון די דייטשן האָט זיך אָבער אַראָפּגעלאָזט אויף דעם סאָכאַטשאָווער רבי׳ן. ער איז אומגעקומען מיט זיין גאַנצער משפחה: זיין רביצין, זייערע זין, טעכטער, איידעמס און שנירן און אייניקלעך זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם און דער רבי אליין איז נפטר געוואָרן צוליב שווערע ליידן און הונגער.



דער סאָכאַטשאָווער רבי, ר׳ דוד באָרנשטיין, הי״ד

סאָכאַטשאָווער חסידות איז געווען אַ המשך פון קאָצקער שאַרפקייט און גאונ׳ישקייט.

דער סאָכאַטשאָווער רבי, ר׳ אברהמ׳עלע באָרנשטיין איז געווען אַן איידעם און תלמיד פון רבי׳ן ר׳ מענדעלע פון קאָצק.

דער סאָכאַטשאָווער רבי איז געווען אַ גאון און חריף, ער איז געווען מפורסם מיט זיינע ספרים „אבני נזר“ און „אגלי טל“, וואָס ווערן פאַר־רעכנט ווי יסודות׳דיקע ספרים אין הלכה.

ר׳ אברהמ׳על דער סאָכאַטשאָווער רבי האָט אין זיינע גאָר יונגע יאָרן גע׳שמ׳ט פאַר אַן עילוי. ווען ער איז אַלט געווען זעקס יאָר האָט מען שוין פון אים געוואוסט אין דער גאַנצער געגנט.

זיין פאָטער ר׳ נחום וואלף איז געווען רב אין ביאַלע און ער איז געווען אַ שאַרפער קאָצקער חסיד.

דער ביאַלער רב האָט זיין זון, דעם עילוי, מיטגענומען קיין קאָצק און דער קאָצקער רבי האָט אים גענומען פאַר אַ חתן.

צו פערצן יאָר האָט ר׳ אברהמ׳על חתונה געהאַט מיטן קאָצקער רבינס טאָכטער.

זיבן יאָר האָט ר׳ אברהמ׳על געגעסן קעסט אין קאָצק. דאָרט האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט דעם קאָצקער דרך אין חסידות. ער איז געזעסן יומם ולילה און געלערנט.

נאָך דער פּטירה פון קאָצקער רבי׳ן, איז ר׳ אברהמ׳על נאָך געבליבן זיצן אין קאָצק, אָבער ער האָט דערנאָך מסכים געווען צו ווערן רב אין פאַרצעוו, דערנאָך אין קרושנעוויץ, פון דאָרט איז ער אַריבער קיין נאָ־שעלסק און צום סוף איז ער געוואָרן רב אין סאָכאַטשאָוו.

דער סאָכאַטשאָווער גאון ר׳ אברהמ׳על האָט געפירט די קהלה אין קרושנעוויץ מיט אַ שטאַרקער האַנט. ער האָט נישט געבויגן דעם קאָפּ פאַר די ראשי־הקהל. ער האָט געזען, אַז אין די יידישע געוועלבער זאָלן זיין ריכטיקע וואָגן און ער האָט מקפיד געווען, אַז ווען מען האָט גערופן אַ יידן צו אַ דין־תורה, זאָל ער קומען און מקיים זיין דעם פסק־דין.

ער האָט אויך געשיצט די אלמנות און יתומים און האָט נישט צוגעלאָזט, אַז די תקיפים זאָלן זיי באַ׳עוול׳ען.

צוליב דעם האָט ער געהאַט אַ סך שונאים. שונאים וועלכע האָבן זיך אַפילו נישט אָפּגעשטעלט אים צו מסר׳ן, און אויסטראַכטן אויף אים בלבולים, און צוליב דעם האָט ער געמוזט פאַרלאָזן קרושנעוויץ. צוליב די זעלבע סיבות איז זיין ישיבה און בית־המדרש געשלאָסן געוואָרן אין נאָ־שעלסק, און ער האָט געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט און זיך באַזעצן אין סאָ־כאַטשאָוו. ער איז שוין דעמאָלט געווען אויף דער עלטער און שוואַך, און ער האָט שוין מער קיין כוח נישט געהאַט צו פירן דאָס רבנות ביד רמה.

דערפאַר, אָבער, האָט ער געפירט אַ גרויסע ישיבה און געשריבן תשובות צו אַלע גאונים פון זיין דור.

די חסידים און תלמידים פון סאָכאַטשאָווער רבי׳ן האָבן גע׳שמ׳ט פאַר גרויסע תלמידי חכמים.

דער דרך הלימוד פון סאָכאַטשאָווער רבי׳ן, איז נישט געווען לויטן

שטייגער אין פוילן, מען האָט נישט געזאָגט סתם אַ פּילפּול, אַ פּשט'ל אויף אַ סוגיה, נאָר מען האָט זיך פאַרטיפט אין אַן ענין, כדי מברר צו זיין אַ הלכה. מ'האָט געזוכט דעם אמת פון דער הלכה, דורך אַ חריפות'דיקן גאַנג.

די ישיבה אין סאָכאַטשאָוו איז אָבער נישט געווען לויטן אָנגענומענעם ליטווישן נוסח. דאָרט האָט מען נישט אויסגעהאַלטן דעם ישיבה־בחור מיט אַלע הצטרכות'ן. אויך זיינען שליחים נישט אַרומגעפאָרן זאַמלען געלט פאַר דער ישיבה.

יעדער ישיבה־בחור האָט אַליין געדאַרפט זאָרגן פאַר זיין חיונה. אין סאָכאַטשאָוו האָט מען בלויז געזאָרגט פאַר דער רחניות'דיקייט פונעם ישיבה־בחור.

די ישיבה־בחורים און יונגעלייט, וואָס האָבן געקראָגן אַ דערלויבעניש צו מעגן אַריינקומען הערן דעם סאָכאַטשאָווער רבי'ן זאָגן זיין שיעור, זיי־נען שוין אַליין געווען תלמידי־חכמים און האָבן שוין געקענט עטלעכע מסכתות פון אויסווייניק.

פון סאָכאַטשאָווער רבי'ן האָבן זיי געוואָלט הערן די חריפות'דיקע איינ־פאַלן פון זיין גאונ'ישן קאָפּ.

דער שיעור פון סאָכאַטשאָווער רבי'ן האָט געדויערט אַ 6־8 שעה אַ טאָג אָן איבעררייס.

און פון סאָכאַטשאָווער רבינס בית־המדרש זיינען אַרויס תלמידים, וואָס האָבן גע'שמ'ט אין פוילן.

דער סאָכאַטשאָווער רבי, איז נאָך דער פּטירה פון זיין שווער, דעם קאָצקער רבי'ן, געוואָרן אַ חסיד פון אַלטן גערער רבי'ן, ר' איטשע מאיר, דעם בעל „חידושי הרי"ם", וועלכער איז געווען אַ שוואָגער פון קאָצקער רבי'ן.

זיבן יאָר איז ר' אברהמ'עלע געפאָרן קיין גער. נאָך דער פּטירה פון גערער רבי'ן איז ר' אברהמ'עלע געוואָרן אַ חסיד פון רבי'ן ר' העניך פון אַלעקסאַנדער. ער איז צו אים געפאָרן אַ פיר יאָר און נאָך דער פּטירה פון אַלעקסאַנדערער רבי'ן, האָט ער אָנגעהויבן צו פאָרן צום אַלטן גערער רבינס אייניקל — ר' אריה לייב, דעם בעל „שפת אמת". אָבער די חסידים פון קאָצק, אַלעקסאַנדער און אַ טייל פון גער זיינען צוגעשטאַנען צו דעם גאון ר' אברהמ'עלע און אים מפציר געווען ער זאָל ווערן רבי.

ר' אברהמ'עלע האָט נאָך דעמאָלט געוואוינט אין קרושנעוויץ, און באַלד האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה אין גאַנץ פוילן, אַז דער גאון ר' אברהמ'עלע, דעם קאָצקער רבינס איידעם, איז געוואָרן רבי . . .

און, הגם, ס'רוב חסידים פון סאָכאַטשאָווער רבי'ן זיינען געווען רבנים און תלמידי־חכמים, זיינען קיין סאָכאַטשאָוו אויך געקומען סתם יידן און בעלי־מלאכות.

דאָס סאָכאַטשאָווער חסידות איז געווען אַ פּירוש אויפן קאָצקער דרך — אַ מין צונויפגיסונג פון חסידות און הלכה.

די סאָכאַטשאָווער שיטה אין חסידות איז געווען: קאָצק־גער און סאָ־כאַטשאָווער גאונ׳ישקייט.

„די מדרגות וואָס מען קאָן משיג זיין דורך דעם לימוד־התורה, קאָן מען נישט משיג זיין דורך קיין שום אַנדערער עבודה", האָט דער סאָכאַ־טשאָווער רבי ר׳ אברהמ׳על׳ע געזאָגט.

פערציק יאָר איז דער סאָכאַטשאָווער רבי געווען דער מנהיג הרוחני און נאָך זיין פּטירה אין יאָר תר״ע (1910), איז זיין זון, ר׳ שמואל, געוואָרן רבי, וועלכער איז באַקאַנט צווישן די חסידים מיטן נאָמען פון זיין ספר „שם משמואל".

דער רבי ר׳ שמואל האָט פאַרלאָזט סאָכאַטשאָוו און זיך באַזעצט אין זגערזש, נעבן לאָדזש.

אין דער דאָזיקער פאַבריק־שטאָט, זגערזש, האָט דער רבי ר׳ שמואל אויפגעשטעלט אַ חסידישן הויף.

אַ בן־יחיד איז ר׳ שמואל געווען. דער פאָטער זיינער, דער רבי ר׳ אברהמ׳על׳ע האָט קיין שום זאַך ניט געטאָן אָן זיין וויסן. ר׳ שמואל איז אויפגעצויגן געוואָרן אויפן דרך פון קאָצק־סאָכאַטשאָוו, און דעם חסידישן דרך האָט ער ממשיך געווען אַ 16 יאָר. ר׳ שמואל איז נפטר געוואָרן כ״ד טבת, תרפ״ו (1926).

∴

נאָך ר׳ שמואל׳ס פּטירה איז זיין עלטסטער זון, ר׳ דוד געוואָרן רבי.

דער סאָכאַטשאָווער רבי, ר׳ דוד, איז געבוירן געוואָרן אין ראש חודש אלול, תרל״ו (1876), אין נאַשעלסק.

ר׳ דוד האָט געלערנט אין דער ישיבה פון זיין זיידן ר׳ אברהמ׳על׳ע סאָכאַטשאָווער און דער זיידע האָט זיך געשפּיגלט אין אים. ער האָט געהאַט אַלע מעלות פון זיין זיידן און פאָטער. ער איז געווען אַ גרויסער מתמיד.

חסידים דערציילן, אַז איינמאָל, פּרייטיק צו־נאַכטס איז ר׳ דוד גע־זעסן און געלערנט ביי זיך אין שטוב, איז אויסגעגאַנגען דאָס ליכט, איז ער אַרויס אין דרויסן מיט דער גמרא אין דער האַנט, און האָט געלערנט ביים שיין פון עם גאַסן־לאָמפּ. ער האָט גאָרנישט געפילט, אַז עס איז אַ פראָסט אין גאַס. ער האָט זיך פאַרקילט און ער איז עטלעכע טעג געלעגן קראַנק אין בעט.

צו פערצן יאָר איז ר׳ דוד געוואָרן אַן איידעם פון אַ סאָכאַטשאָווער חסיד, פון זדונסקע־וואָליע, נעבן לאָדזש. זיין זיידע, דער סאָכאַטשאָווער רבי, האָט אים נישט געלאָזט אַוועקפאָרן און ער האָט געגעסן קעסט ביים סאָכאַטשאָווער זיידן אין הויף.

דריי און דרייסיק יאָר איז ר׳ דוד אַלט געווען, ווען דער אַלטער סאָכאַטשאָווער רבי איז נפטר געוואָרן. ער איז דערנאָך אַוועק פון סאָכאַטשאָוו און געוואָרן רב אין ווישעגראַד. ער האָט דאָרט אויפגעשטעלט אַ ישיבה, און געפירט די ישיבה אויפן דרך פון זיין זיידן און פאָטער.

צוליב דעם, וואָס ער האָט געפירט דאָס רבנות מיט אַ שטאַרקער האַנט, און ער האָט נישט געוואָלט חנפ׳ענען די בעלי־תקיפים, האָט ער געהאַט אַ מחלוקה אין שטאָט און געמוזט פאַרלאָזן ווישעגראַד. ער איז געוואָרן רב אין טאָמאַשאָוו.

אָבער לאַנג איז ער נישט געזעסן אין טאָמאַשאָוו. זיין פאָטער ר׳ שמואל איז נפטר געוואָרן און די חסידים האָבן אים געקרוינט פאַרן רבי׳ן.

ר׳ דוד האָט זיך באַזעצט אין פאַביאַניץ, נעבן לאָדזש. ער האָט געגרינדעט אַ גרויסע ישיבה אין לאָדזש אויפן נאָמען פון זיין זיידן, „בית אברהם״.

דער סאָכאַטשאָווער רבי ר׳ דוד איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון ישוב ארץ־ישראל. ער האָט זיינע חסידים מעורר געווען זיי זאָלן פאָרן קיין ארץ־ישראל. אין יאָר תרפ״ה (1925), האָט דער סאָכאַטשאָווער רבי ר׳ דוד צום ערשטן מאָל באַזוכט ארץ־ישראל און צום צווייטן מאָל אין יאָר תרצ״ה (1935). ער האָט נישט איינמאָל עפנטלעך אויסגעדריקט זיין צער, וואָס ער קאָן נישט וואוינען אין ארץ־ישראל, ווייל די חסידים לאָזן אים נישט אַוועקפאָרן פון פוילן . . .

דער רבי ר׳ דוד סאָכאַטשאָווער האָט זיך דערנאָך איבערגעצויגן פון פאַביאַניץ קיין לאָדזש און דאָרט האָט ער געוואוינט ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה.

⁂

אין ראש־השנה, 1939, זיינען די נאַציס אַריין קיין לאָדזש. באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן פייניקונגען אויף יידן. די דייטשן זיינען אַריין צום סאָכאַטשאָווער רבי׳ן אין הויז און האָבן אים געשלאָגן און אָפּגעשוירן זיין שיינע ווייסע באָרד.

דער סאָכאַטשאָווער רבי איז געבליבן זיצן אין לאָדזש צוזאַמען מיט דעם פערטל מיליאָן יידישע נפשות.

דער רבי ר׳ דוד איז ווייטער געזעסן און געלערנט, אָבער זיינע חסידים האָבן זיך דערוואוסט, אַז די נאַציס ווילן אים אומברענגען, האָבן זיי אים אָנגעטאָן אַנדערע מלבושים, אים געגעבן אַ פּאַפּיר אויף אַ פאַלשן נאָמען און האָבן אים אין געהיים איבערגעפירט קיין וואַרשע. דאָרט האָט דער רבי געוואוינט אין אַ דירה פון איינעם פון זיינע חסידים.

⁂

דער סאָכאַטשאָווער רבי האָט אין וואַרשעווער געטאָ צוערשט געאַר־בעט אין דער פירמע „קאָהען און העלער". מען האָט געהאָפּט אַז די וואָס אַרבעטן דאָרט וועלן קענען איבערלעבן דעם דייטשן גיהנום.

ר' אברהם הענדל, האָט זיך אָבער דערוואוסט פון פריץ שולצ'ן אַז די פירמע „קאָהען און העלער" וועט אינגיכן ליקווידירט ווערן דורך די דייטשן, האָט ער געשיקט דעם זון פון קאָזשעגלאָווער גאון צום סאָכאַטשאָ־ווער רבי'ן אים אַריבערצופירן אין איינעם פון שולצעס שעפּער. אין דעם זעלבן טאָג, ווען דער רבי איז אַריבערגעפירט געוואָרן, האָבן די דייטשן דערשאָסן אַלע יידן, וואָס האָבן געאַרבעט ביי „קאָהען און העלער"...

אָבער די הצלה איז נאָר געווען אויף אַ ווייל. דער סאָכאַטשאָווער רבי האָט געליטן פון דעם שלעכטן גערוך פון לעדער. ער איז געבליבן אַרבעטן ביז נאָך סוכות, תש"ב, און צוליב די שווערע ליידן און הונגער איז ער נפטר געוואָרן אין געטאָ און געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל אין וואַר־שע.[1]

פּרטים וועגן סאָכאַטשאָווער רבינס לעבן ווערט געבראַכט אין ספר „היכל קוצק", הוצאת „נצח", תל־אביב, 1959, זייטן 663־672. דאָרט ווערט דערציילט אַז דער סאָכאַטשאָווער רבי איז געלעגן באַהאַלטן אין אַ פּאַר־באַרגענעם חדר אויף דער גענשאַ גאַס נומער 67, און ער איז נפטר גע־וואָרן ח' כסלו תש"ב (1942). אין דער לוויה האָבן זיך באַטייליקט אַ היפּ־שער עולם. דער סאָכאַטשאָווער רבי איז געקומען צו קבורה אויפן גענשער בית־הקברות, נאָענט צום אוהל פון קבר פון ערשטן וואַרשעווער רב ר' שלמה זלמן, דעם בעל „חמדת שלמה".

אַזוי ווי מען האָט דעמאָלט נישט געקאָנט שטעלן אַ מצבה, ווייסט מען איצט נישט גענוי וואו דער קבר געפינט זיך.

דער סאָכאַטשאָווער רבי, ר' דוד באָרנשטיין, האָט געשריבן אַ סך חבורים, אָבער זיי זיינען אַלע פאַרניכטעט געוואָרן דורך די דייטשן. בלויז עטלעכע בלעטער פון זיין כתב־יד איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן און זיי זיי־נען געדרוקט געוואָרן דורך די סאָכאַטשאָווער חסידים אין ישראל, אונטערן נאָמען „חסד דוד".

⁂

אין ספר „היכל קוצק"[2], ווערט אויך געבראַכט אַז פאַר ראש השנה תש"א, האָט דער סאָכאַטשאָווער רבי אַרויסגעלאָזט אַ קול קורא, געדרוקט אויף סטענצל, מיט ווערטער פון התחזקות און התעוררות תשובה צו טאָן.

1) אברהם הענדל: אין זשורנאַל „בית יעקב", ניסן, תשכ"ג (1963).

2) זייט 670.

דער סאָקאָלאָווער רבי ר׳ יצחק־זעליק מאָרגנשטערן איז אָנהייב מלחמה נפטר געוואָרן אין אָטוואָצק

זיין זון, דער וועגראָווער רב, איז דערשטאָכן געוואָרן פון די דייטשן. אַנדערע רביים פון דער קאָצקער גזע, וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם.

דאָס דייטשן „ערן״־פאָלק, באַלד ביי זיין אַריינמאַרש קיין פוילן, אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט גלייך אָנגעהויבן צו פאַר־ווירקלעכן זיין טייוולאָנישן ציל — אומצוברענגען דאָס גאַנצע פוילישע יידנטום און די יידן אין דער גאַנצער וועלט.

דער סאָקאָלאָווער רבי, ר׳ יצחק־זעליק מאָרגענשטערן, הי״ד

כדי וואָס שנעלער דאָס צו דערגרייכן, האָבן די נאַציס זיך געיאָגט, קודם־כל, נאָך דער יידישער אינטעליגענץ און גייסטיקע און געזעלשאַפט־

לעכע פירער. זיי האָבן אומעטום, באַלד ביי זייער אַריינקומען, דעמאָראַ־ליזירט די יידישע פירערשאַפט, אַרעסטירט און גע׳הרג׳עט די יידישע אינטעליגענץ און די גייסטיקע מנהיגים.

דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט אַ בייזער כוונה, כדי לאָזן די יידישע פאָלקסמאַסן אויף הפקר, דעמאָראַליזירט, און דערנאָך וועט שוין לייכטער זיין זיי צו פירן, ווי פאַרלאָזענע שעפעלעך, אין די קרעמאַטאָריומס און זיי פאַרברענען.

זיינען צווישן די אומגליקלעכע ערשטע קרבנות פון די נאַצישע אכזרים אויך געווען רביים און רבנים, און צווישן זיי דער ווענגראָווער רב, ר׳ מנחם־מענדל מאָרגנשטערן, דער בכור פון סאָקאָלאָווער רבי׳ן, ר׳ יצחק־זעליק מאָרגנשטערן, וועלכער האָט געדאַרפט זיין דער יורש, דער גייסטי־קער מנהיג, נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער.

באַלד ווי די דייטשן זיינען אַריין קיין ווענגראָוו אין יום־כיפּור, האָבן זיי, אָן יעדער סיבה, דערשטאָכן דעם ווענגראָווער רב, ר׳ בנימין מאָר־גנשטערן, הי״ד.

∴

דער סאָקאָלאָווער רבי, ר׳ יצחק־זעליק מאָרגנשטערן, איז געווען אַן אור־אייניקל פון אַלטן קאָצקער רבי׳ן, ר׳ מענדעלע, און ער האָט געהאַט אַן אייגענע קאָצקער שיטה.

קאָצק אַליין האָט געהאַלטן, אַז קיין שום זאַך דאַרף נישט געטאָן ווערן לשם רגילות.

דער ייד וואָס האָט געדאַווענט היינט, ווייל ער האָט געדאַווענט נעכטן, איז אַ רשע נישט ערגער פון אים — האָט מען געלערנט אין קאָצק — מען דאַרף אויסקלאַפּן אַליין אַ נייעם וועג אין יידישקייט...

איז דער סאָקאָלאָווער רבי געווען אַ „קאָצקער", וואָס איז נישט גע־גאַנגען אין וועג פון קאָצקער אַליין, ווייל אויך די קאָצקער שיטה דאַרף נישט ווערן קיין רגילות, נאָר יעדער מנהיג דאַרף אים באַנייען אויף זיין אופן — האָט ער געזאָגט.

דער סאָקאָלאָווער רבי איז געבוירן געוואָרן אין קאָצק, אין יאָר תרכ״ד (1864), פינף יאָר נאָך דער פטירה פון אַלטן קאָצקער רבי׳ן ר׳ מענדעלע.

נאָך דער פטירה פון אַלטן קאָצקער רבי׳ן (נפטר געוואָרן כ״ב שבט, תרי״ט—1859) איז זיין זון ר׳ דוד געוואָרן רבי אין קאָצק. נאָך דער פטירה פון קאָצקער רבי׳ן ר׳ דוד (נפטר געוואָרן כ״ב תמוז, תרל״ג—1873), איז זיין זון ר׳ חיים־ישראל פילאָווער געוואָרן רבי; און נאָך דער פטירה פון ר׳ חיים־ישראל׳ן האָט ר׳ יצחק־זעליק מאָרגנשטערן איבערגענומען די קאָצקער חסידים און געוואָרן זייער גייסטיקער מנהיג.

דער סאָקאָלאָווער רבי האָט געלערנט ביי זיין זיידן, ר׳ דוד, אין קאָצק. ווען ער איז אַלט געווען אַכצן יאָר, האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער (חיה) פון גערער חסיד, למדן און עושר, ר׳ מרדכי שיינפעלד, פון פינטשעוו.

ר׳ יצחק־זעליק האָט געגעסן קעסט ביי זיין שווער און געזעסן און געלערנט. ער האָט געהאַט אַ שאַרפע תפיסה און ער האָט אויך געלערנט פרעמדע שפּראַכן.

אין יאָר תרנ״ד (1894), ווען ער איז אַלט געוואָרן דרייסיק יאָר, איז ער געוואָרן רב אין סאָקאָלאָוו, וואָס איז נאָענט צו שעדליץ. ער האָט דאָרט געגרינדעט אַ ישיבה „בית ישראל״, אויפן נאָמען פון זיין פאָטער, דער רבי ר׳ חיים־ישראל. דער סאָקאָלאָווער רבי האָט אַליין געזאָגט אַ שיעור פאַר די בחורים. ער איז געווען דער ראש־ישיבה און ער האָט געזאָרגט פאַר דעם אויסהאַלט פון די ישיבה־בחורים.

אין יאָר תרס״ה (1905) איז דער פּילאָווער רבי ר׳ חיים־ישראל נפטר געוואָרן, האָבן די חסידים געקרוינט זיין זון ר׳ יצחק־זעליקן פאַר דעם רבי׳ן.[1]

די מערסטע חסידים פון פּילאָווער רבי׳ן זיינען געפאָרן צום סאָקאָלאָווער רבי׳ן.

דער סאָקאָלאָווער רבי האָט אויך געהאַט אַ דרך, וואָס מען האָט עס נישט געזען ביי די פריערדיקע רביים, פון פּשיסכער און קאָצקער חדר: ער האָט פאַרשריבן רעצעפּטן. ער האָט, הפּנים, געקענט אַביסל לאַטיין. ער האָט געלייענט עטלעכע מעדיצינישע ביכער און ער האָט געהאַט אַ יוגנט־פריינט, וואָס האָט שטודירט אויף דער אוניווערזיטעט מעדיצין און איז דערנאָך געוואָרן באַקאַנט אין וואַרשע פאַר אַ ציוניסטישן עסקן, דר. זלמן ביכאָווסקי, און פון אים — האָבן די חסידים געזאָגט — האָט דער סאָקאָלאָווער רבי אין די יונגע יאָרן געלערנט די חכמה פון מעדיצין...

דער סאָקאָלאָווער רבי איז אויך געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן. ווען עס איז אין יאָר תר״ט (1909) פאַררופן געוואָרן דורך דעם צאַר אַ צוזאַמענפאָר פון די פירער פון אַלע יידישע קהילות, איז דער סאָקאָלאָווער רבי געפאָרן אַלס פאָרשטייער פון די פּוילישע יידן. דאָרט האָט ער זיך באַגעגנט מיט דעם בריסקער גאון ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק און מיט דעם ליובאַוויטשער רבי׳ן.

1) אויך זיינע ברידער זיינען געוואָרן רביים. זיין ברודער ר׳ הערש איז געוואָרן רבי אין לוקאָוו. זיין ברודער ר׳ משה איז געבליבן רבי אין פּילאָוו, און זיין דריטער ברודער, ר׳ יוסף, איז פון אָנפאַנג ניט געוואָרן קיין רבי, אָבער נאָך דער פּטירה פון ר׳ משה, איז ער אויך געוואָרן רבי אין פּילאָוו און איז באַטראַכט געוואָרן אַלס ממלא מקומו פון פּילאָווער רבי׳ן.

אין יאָר 1919 איז דער סאָקאָלאָווער רבי געוואָרן שטאַרק טעטיק אין דער ניי־געגרינדעטער אָרטאָדאָקסישער אָרגאַניזאַציע „שלומי אגודת יש־ראל" (דערנאָך גערופן געוואָרן „אגודת ישראל"). ער איז געווען ביי אַלע „כנסיות גדולות" פון דער אגודה און ער איז געווען דער זייל פון דער אגודה נאָכן גערער רבי'ן.

דער סאָקאָלאָווער רבי איז אויך געווען אַ שרייבער, אַ בעל־סגנון. יעדעס וואָרט — אַ בליץ, יעדער זאַץ אויסגעשמידט. זיינע מאמרים זיינען געווען דורכגעוועבט מיט הומאָר און געשפריצט מיט שאַרפקייט, באַזונדערס ווען ער האָט גערעדט צו דער יוגנט — צו די „צעירי אגודת ישראל". ער האָט אויך גוט געקענט לשון־קודש. פון סאָקאָלאָווער רבי'ן זיינען פאַר־עפנטלעכט געוואָרן חידושי־תורה, ביאורים און הערות אויף דריי סוגיות פון ש"ס אין „דגל התורה" און אין „הבאר".

דער סאָקאָלאָווער רבי איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון ישוב ארץ־ישראל. דאָס האָט ער גע'ירשנ'ט פון זיין פאָטער, דעם פּילאָווער רבי'ן, וועלכער איז שוין אין די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אַרויס מיט אַ גוואַלדיקן פּלאַן, צו אָרגאַניזירן אַ מאַסן עליה פון פרומע יידן פון פוילן קיין ארץ־ישראל.

אין אַ בריוו צום גערער רבי'ן, דעם בעל „שפת אמת", שרייבט דער פּילאָווער רבי, אַז ער וויל, אַז עס זאָלן פאָרן „לאלפים ולרבבות" (טויזנטער און צענער טויזנטער), „נישט כדי דאָרט צו לעבן פון כוללים, נאָר צו קויפן ערד און גיין אויף התישבות, ווערן ערד־אַרבעטער און טאָן אַנדערע מלאכות".

דער פּילאָווער רבי האָט אויסגעאַרבעט זיין פּלאַן מצד הלכה און פּראַק־טיש. ער האָט געזאַמלט געלט צווישן זיינע חסידים, צווישן די, וואָס ווילן אַליין פאָרן קיין ארץ־ישראל און צווישן די, וואָס ווילן העלפן, אַז אַנדערע זאָלן פאָרן. דער רבי האָט געהאַט אַ סך שטערונגען. די רבנים און רביים האָבן נישט געהאַלטן פון זיין פּלאַן, אויך די יידן גופא זיינען אין יענער צייט נאָך נישט געוואוינט געווען צו געבן געלט פאַר אַזעלכע צוועקן.

אָבער דער פּילאָווער רבי האָט זיך נישט געשראָקן פאַר די פאַרשי־דענע שטרויכלונגען. ער פלעגט נאָכזאָגן דאָס וואָרט פון זיין זיידן, דעם קאָצקער רבי'ן: „די וועלט זאָגט, אַז מען קען נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער, און איך זאָג, אַז מען קען נישט אַריבער מוז מען אַריבער! . . ."

דער פּילאָווער רבי האָט אויך נישט געטראָגן קיין שום שנאה צו די, וואָס האָבן אים געשטערט אין זיין פּלאַן. ער האָט געזאָגט, „איך האָב מתפּלל געווען איך זאָל ליב האָבן דעם קלענסטן יידן, ווי אַ צדיק".[2]

2) „אלה אזכרה", 1־טער באַנד, זייט 293.

דער פילאָווער רבי האָט זיין פלאַן וועגן באַזעצן רעליגיעזע יידן אין ארץ־ישראל אַרויסגעגעבן אין אַ ספר „שלום ירושלים״ [2].

און אָט זיינען עטלעכע אויסצוגן פון דעם דאָזיקן וויכטיקן ספר:

„ישוב ארץ־ישראל על ידי עם ישראל בסדר העולם יתנהג לפדות הארץ מידי האכזרים ויהיה פתח תקוה לצמיחת ישועה מעט מעט״ (דאָס באַזעצן ארץ־ישראל דורך די יידן, כדי אויסצולייזן דאָס לאַנד פון די אכזר׳ישע הענט, וועט זיין אַ טיר פון האָפענונג, אַז די ישועה וועט ביסלעכווייז קו־מען). דער פילאָווער רבי גיט איבער אין זיין ספר אַ וואָרט פון פשיסכער רבי׳ן, וואָס האָט געזאָגט, אַז „ווען דאָס לאַנד וועט אויסגעלייזט ווערן פון די טערקן, וועט קומען די ישועה אויף די יידן״ און דער פילאָווער רבי גיט צו: „אם הצדיקים הגדולים מהדורות הקודמים היו מייחלים שתבוא התשועה מצד השר מונטיפיורה שגם הוא לא היה אז עוסק בתורה ועבודה כל הימים, כידוע, ואנחנו, בדור יתום, אין לנו לראות ממי שתבוא הישועה, רק יפדה במהרה את ארצנו מידם, והיה מי שיהיה — רק משורש נשמתו של ישראל המה, יעזרם במהרה לידם ותקומה טובה תהיה לנו בעזרת השם יתברך״ (דאָרט זייט 7). אין יידיש מיינט עס אַזוי: „אויב די גרויסע צדיקים פון די פריערדיקע דורות האָבן געהאָפט, אַז עס זאָל קומען די ישועה פון שר משה מאָנטעפיאָרע, וועלכער איז אויך נישט עוסק געווען אין תורה גאַנצע טעג, ווי עס איז באַוואוסט, און מיר, אין דעם יתומ׳דיקן דור, דאַרפן נישט קוקן פון וועמען עס וועט קומען די ישועה, נאָר עס זאָל שנעל אויסגעלייזט ווערן אונדזער לאַנד פון זייערע הענט, זאָל עס זיין פון וועמען נישט איז — נאָר זיין שורש־נשמה זאָל זיין אַ יידישע, און זאָל דער איבערשטער שטאַרקן זייערע הענט, אַז דאָס לאַנד זאָל שנעל קומען אין זייערע הענט אַריין און עס וועט דערפון אונדז אַרויסקומען אַ טובה, מיטן אייבערשטנס הילף״ . . .

דער פילאָווער רבי רעדט אין זיין ספר אויך וועגן די, וואָס פאָרן קיין ארץ־ישראל און ער שרייבט: „אף שאינם כולם צדיקים . . . שאפילו מי שרחוק מתורה ומצוות וכמעט ששכח עיקר שבת, עדיין אמונת ישראל טמונה וגנוזה בלבם ובוערת בקרבם, להפקיר ממונם ולשים עין על ארץ אבותנו לפדותה מידי האכזרים״ (כאָטש נישט אַלע זיינען צדיקים . . . און עס זיינען פאַראַן אַפילו אַזעלכע וואָס זיינען ווייט פון דער תורה און מצוות, און האָבן פאַרגעסן דעם עיקר שבת, אָבער דאָך איז נאָך פאַרבאָרגן די אמונת ישראל אין זייערע הערצער און עס ברענט נאָך אין זיי, מפקיר צו זיין זייער געלט און אויסצולייזן דאָס לאַנד פון די אבות פון די אכזר׳ישע הענט . . .)

דער פילאָווער רבי האָט געזאַמלט אַ געוויסע סומע געלט צווישן די חסידים פאַר זיין פלאַן, אָבער עס איז נישט געווען גענוג, ער זאָל פאַר דעם

2) געדרוקט אין יאָר 1886, און נאָכאַמאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין יאָר 1925.

געלט קענען קויפן לאַנד אין ארץ־ישראל, איז אים איינגעפאַלן אַ פּלאַן, ער וועט צונעמען פאַר אַ שותף דעם באַראָן עדמאָנד בנימין ראָטשילד, דעם „נדיב הידוע" פון פּאַריז. דער פּילאָווער רבי האָט דאָס געלט געשיקט צום באַראָן און ער האָט אים געבעטן ער זאָל פון זיין זייט צולייגן וויפיל מען דאַרף און ער זאָל קויפן באָדן פאַר אים אין ארץ־ישראל.

אָבער דער באַראָן ראָטשילד איז דעמאָלט געווען פאַרוויקלט אין סכסוכים מיט די יידישע קאָלאָניסטן אין ארץ־ישראל. אויך זיינע יועצים אין פּאַריז האָבן נישט געהאַט קיין גאָר גוטע מיינונג וועגן די רעליגיעזע יידן, האָבן זיי אים געעצה׳ט, אַז ער זאָל אָפּשיקן דעם פּילאָווער רבי׳ן דאָס געלט.

דער פּילאָווער רבי האָט געזען, אַז ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן דורכפאַל מיט זיין פּלאַן, האָט ער דאָס געלט צוריק אָפּגעגעבן צו די מנדבים און פון זיין גרויסן פּלאַן, צו באַזעצן פרומע יידן פון פּוילן אין ארץ־ישראל, איז דעמאָלט גאָר נישט געוואָרן.

פון זיין פאָטער דעם פּילאָווער רבי׳ן, האָט דער סאָקאָלאָווער רבי געירשנ׳ט זיין חיבת ארץ־ישראל. ער האָט מעורר געווען די צעירי אגודת ישראל און די פּועלי אגודת ישראל זיי זאָלן פאָרן אויף הכשרה (צווישן די יאָרן 1930—1939), זיי זאָלן זיך צוגרייטן צו זיין גוטע ערד־אַרבעטער אין ארץ־ישראל.

דער סאָקאָלאָווער רבי אַליין האָט אין תרפ״ד (1924), באַזוכט ארץ־ישראל.

ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער געפאָרן קיין וואַרשע. ער איז איינגעשטאַנען אין הויז פון זיין חסיד, ר׳ שמואל אליהו וועלער, וועלכער האָט דעמאָלט געוואוינט אויף פּיינסקאַ גאַס, נומער 28. טויזנטער און טויזנטער חסידים זיינען געשטאַנען אין הויף, וואו דער רבי האָט געוואוינט, און געוואָלט געבן שלום־עליכם דעם רבי׳ן, און הערן וואָס ער דערציילט פון ארץ־ישראל. דער סאָקאָלאָווער רבי האָט געעפנט דאָס פענצטער און מיט גרויס התלהבות געשריגן: „יידן פאָרט קיין ארץ־ישראל, עס איז זייער אַ גוט לאַנד!"...

אין זיינע לעצטע יאָרן איז דער סאָקאָלאָווער רבי געווען קראַנק. ער איז, פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געפאָרן קיין אָטוואָצק נעבן וואַרשע. די ערשטע דייטשע באָמבעס זיינען געפאַלן אויף אָטוואָצק ערב שבת, דעם 1טן סעפּטעמבער, 1939, און מיט דריי וואָכן שפּעטער זיינען די נאַציס אריין קיין אָטוואָצק.

דעם סאָקאָלאָווער רבי׳ן איז שוין פון פריער געשען אַן אומגליק. די נאַציס האָבן יום־כיפור דערשטאָכן זיין זון, דעם ווענגראָווער רב, ר׳ מענדל. חסידים דערציילן, אַז כאָטש קיינער האָט דעם רבי׳ן נישט דערציילט וועגן דעם, האָט דער סאָקאָלאָווער רבי עס באַלד דערפילט און ער האָט יום־

כיפור פאַר נעילה אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין און געשריגן: „מיין זון, מיין זון, מען האָט אומגעבראַכט מיין זון!" . . .

דער סאָקאָלאָווער רבי איז פאַר גרויס צער שטאַרק קראַנק געוואָרן און ג׳ חשון, ת״ש (1939), איז ער אין עלטער פון 76 יאָר נפטר געוואָרן.

די חסידים האָבן מיט גרויס שוועריקייטן, אונטער דעם אכזריות׳דיקן נאַצישן רעזשים, געבראַכט דעם נפטר קיין וואַרשע און אים קובר געווען אויפן וואַרשעווער בית הקברות, נעבן קבר פון ר׳ אברהם מרדכי אַלטער, דעם זון פון אַלטן גערער רבי׳ן, דעם „חדושי הרי״ם" און פאָטער פון גערער רבי׳ן, דעם בעל „שפת אמת".

חסידים האַלטן דאָס פאַר אַ זכיה, וואָס דער סאָקאָלאָווער רבי איז נפטר געוואָרן אויף זיין אייגענעם בעט און געקומען צו קבר ישראל, אָבער אַ קרבן אויפן מזבח פון פוילישן יידנטום האָט ער געבראַכט זיין זון, דער וועגנגראָווער רב, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

∴

נאָך דער פטירה פון סאָקאָלאָווער רבי׳ן, האָבן די חסידים געקרוינט פאַרן רבי׳ן דעם סאָקאָלאָווער רבינס זון ר׳ בנימין פלטיאל.

ר׳ בנימין פלטיאל איז געבוירן געוואָרן בערך אין יאָר תרנ״ה (1895) אין פילאָוו. זיין הדרכה אין חסידות האָט ער געקראָגן פון זיין זיידן ר׳ חיים ישראל פון פילאָוו, דערנאָך פון זיין פאָטער, דעם סאָקאָלאָווער רבי׳ן.

אין יאָר תרע״ב (1912), בערך, האָט ער חתונה געהאַט מיט דבורה טובה, די טאָכטער פון רבי׳ן ר׳ יוסף פון אַמשינאָוו. ער האָט אַ פּאָר יאָר געגעסן קעסט ביי זיין שווער, דערנאָך איז ער צוריקגעקומען קיין סאָקאָלאָוו און געלעבט אין סאָקאָלאָווער הויף. דאָרט האָט ער אָנגעפירט מיט דעם סאָקאָלאָווער רבינ׳ס ישיבה צוזאַמען מיט זיין ברודער, ר׳ משה. ער איז אויך געווען זייער טעטיק אין דער אגודת ישראל־באַוועגונג.

אין יאָר תרצ״ב (1932) איז ר׳ בנימין פלטיאל געוואָרן רב אין סטעדרין, וואָס ליגט נישט ווייט פון סאָקאָלאָוו.

ר׳ בנימין פלטיאל האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין וואַרשע מיט דער האָפענונג, אַז אין וואַרשע וועט ער זיך קענען ראַטעווען פון די דייטשע מערדערישע הענט.

אָבער אין וואַרשעווער געטאָ האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן די אויס־זידלונגען.

טויזנטער און טויזנטער יידן זיינען יעדן טאָג געכאַפּט געוואָרן און גע־שיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע און אין אַנדערע טויטן־לאַגערן.

דער סאָקאָלאָווער רבי האָט זיך אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט אַנדערע טויזנטער יידן. אין וואַרשע איז געווען די „שולץ" שיך־פאַבריק. דאָרט, אין דער פאַבריק, האָבן געאַרבעט אַ גרויסע צאָל רביים און רבנים, וועלכע

זיינען אויף אַ שטיקל צייט אָפּגעראַטעוועט געוואָרן נישט געשיקט צו ווערן קיין טרעבלינקע פאַרברענט צו ווערן . . .

אָבער די רעטונג איז נאָר געווען אַ הצלת שעה, ווייל די דייטשן האָבן וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער פאַרקלענערט די צאָל יידן אין געטאָ. די דייטשע רוצחים האָבן געהאַט אַ פּלאַן צו ליקווידירן אַלע יידן פון געטאָ. און בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד איז דער סאָקאָלאָווער רבי צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע יידן געכאַפּט געוואָרן און געשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ.

לויט ווי יידן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט גיבן איבער, האָט דער סאָקאָלאָווער רבי ר׳ בנימין פלטיאל געלעבט אין אוישוויץ ביז אָנהויב יאָר תש״ה (1944). ער איז געשטאָרבן אין טויטן־לאַגער פון הונגער אוןליידן, גאָר נאָענט איידער די רוסן האָבן באַפרייט אוישוויץ.

. ˙ .

פון דער קאָצקער גזע איז אויך אומגעקומען אויף קידוש־השם דער רבי ר׳ משה דוד מאָרגנשטערן פון וולאָדאַווע, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ צבי הירש פון ליקאָווע, מחבר פון ספר „עטרת צבי״, געבוירן אין יאָר תרי״ח (1858), נפטר געוואָרן כ״ט שבט תר״פ (1920).

דער רבי ר׳ צבי הירש איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ חיים ישראל פון פּילאָוו. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר ת״ר (1840), נפטר געוואָרן י״ב סיון, תרס״ו (1896). ער האָט געוואָלט מיט אַ טויזנט חסידים פאָרן קיין ארץ־ישראל, אָבער פון זיין פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן. ער האָט זיך באַזעצט אין פּילאָוו און אויף דעם נאָמען פון דער דאָזיקער שטאָט ווערט ער אָנגערופן. ער האָט אַרויסגעגעבן דאָס ספר פון זיין פאָטער ר׳ דוד פון קאָצק מיטן נאָמען „אהבת דוד״ מיט זיין פּירוש „מנורה טהורה״.

דער רבי ר׳ דוד, קאָצקער רבי, איז געווען אַ זון פון קאָצקער רבי׳ן, ר׳ מנחם מענדל. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקס״ט (1809). ער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ צבי־הירש דישקעס פון אָפּאָטשנע. ער האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ גרויסן שאַרפן מוח און געגאַנגען אין דרך פון זיין פאָטער דעם קאָצקער רבי׳ן, ער האָט אָבער אַליין ניט געשריבן קיין ספרים, זיינע תורות ווערן געבראַכט אין די ספרים: „לקוטי חדשים״, „נפלאות חדשות״, און אין ספר „אהבת דוד״.

דער קאָצקער רבי ר׳ מענדעלע איז געווען דער באַגרינדער פון דער גרויסער קאָצקער רבישער דינאַסטיע. ער איז געווען אַ תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין, פונעם „ייד הקדוש״ פון פּשיסכע און פון רבי׳ן ר׳ שמחה בונם פון פּשיסכע.

. ˙ .

דער רבי ר׳ משה דוד איז געוואָרן רב אין וולאָדאַווע, נאָכדעם ווי זיין

פאַטער ר׳ צבי הירש איז געוואָרן רב אין קאָצק, נאָך דער פּטירה פון זיין פעטער ר׳ יוסף פון קאָצק.

ווען די דייטשן זיינען אַריין קיין פוילן האָבן די יידן אין וולאָדאַווע געהאַט דעם זעלבן ביטערן סוף, וואָס די יידן אין אַנדערע קהלות אין פוילן. צוערשט האָבן די דייטשן געשאַפן אַ געטאָ, געטריבן די יידן צו שקלאַפן־אַרבעט, דערנאָך האָבן די דייטשן געטריבן די יידן קיין סאָביבאָר און דאָרט זיי אומגעבראַכט און צווישן זיי איז אויך אומגעקומען אויף קידוש־השם ר׳ משה דוד פון וולאָדאַווע.

∴

פון דער קאָצקער גזע איז אויך אומגעקומען אויף קידוש־השם, דער רבי ר׳ אברהם באָרנשטיין פון קוטנע.

דער רבי ר׳ אברהם באָרנשטיין פון קוטנע איז געווען אַ זון פון סאָ־כאַטשאָווער רבי׳ן ר׳ שמואל באָרנשטיין, מחבר פון ספר „שם שמואל״. ער איז געבוירן געוואָרן אין סאָכאַטשאָוו, אין חודש חשון אין יאָר תרע״א (1911). ער איז געווען אַ שאַרפער קאָפּ און האָט אין די יונגע יאָרן גע־שמ׳ט פאַר אַן עילוי.

דער רבי ר׳ אברהם באָרנשטיין האָט חתונה געהאַט מיט רויזע מינדל, די טאָכטער פון רב ר׳ בונם דאַנציקער, דער זון פון רבי׳ן ר׳ שמואל הירש פון אַלעקסאַנדער, מחבר פון ספר „תפארת שמואל״. ער האָט עטלע־כע יאָר געגעסן קעסט ביי זיין שווער און אַ סך געלערנט. אין יאָר תרצ״ד (1934) איז ער אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ דיין אין קוטנע, בעת זיין שוואָגער, ר׳ יצחק יהודה טרונק, אַן אייניקל פון גאון ר׳ יהושע׳לע קוטנער, איז געווען אַ רב.

טראָץ דעם וואָס ר׳ אברהם באָרנשטיין איז נאָך געווען זייער יונג, איז ער געוואָרן שטאַרק באַליבט ביי דער קהילה, און אין יאָר תרצ״ט (1939), ווען זיין שוואָגער איז פּלוצלינג געשטאָרבן, איז ר׳ אברהם אויפ־גענומען געוואָרן פאַר רב אין קוטנע. ער האָט אויך געפירט חסידישע טישן און מען האָט געהאָפט, אַז ער וועט ווערן רבי. אָבער ער האָט לאַנג נישט אָנגעפירט מיט דעם רבנות, ווייל ווי נאָר עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה איז ער אַנטלאָפן מיט זיין משפחה קיין וואַרשע.

יידן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט גיבן איבער אַז די דייטשן האָבן אומ־געבראַכט דעם רבי׳ן ר׳ אברהם באָרנשטיין אין אלול תש״ב (1942), צו־זאַמען מיט זיין גאַנצער משפחה.

די סטאָלינער רביים ר׳ משה׳לע און ר׳ אהרעלע פערלאָוו אומגעקומען אויף קידוש־השם

דער רבי ר׳ משה פערלאָוו, איז אומגעקומען אין סטאָלין און דער רבי ר׳ אהרעלע אין וואַרשע. דער סטאָלינער רבי ר׳ משה האָט געזאָגט ווידוי מיט אַן עדה יידן, איידער מען האָט זיי געפירט צו דער שחיטה.

אין סטאָלין איז געווען אַ באַרימטע רבישע דינאַסטיע. דער שורש פון סטאָלינער חסידות איז געווען קאַרלין, נעבן פינסק.

דער באַגרינדער פון קאַרלינער חסידות איז געווען „ר׳ אהרן הגדול“ (דער גרויסער ר׳ אהרן), אַ תלמיד פון רבי׳ן ר׳ בער פון מעזריטש. וואָלין

דער סטאָלינער רבי, ר׳ משה פערלאָוו, הי״ד, אַלס יונגערמאַן

און ליטע זיינען דעמאָלט געווען אַזוי שטאַרק באַווירקט פון דער חסידישער שיטה, אַז די מתנגדים האָבן אין זייערע אָנפאַלן אויף די חסידים זיי אָנ־גערופן סתם „קאַרלינער“ אָדער „מעזריטשער“.

דער קאַרלינער הויף איז געגרינדעט געוואָרן בערך אין יאָר 1765, און האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין סטאָלין.

דער רבי „ר׳ אהרן הגדול“ איז נפטר געוואָרן י״ט סיון תקל״ב

(1772). נאָך זיין פּטירה איז געוואָרן רבי זיין תלמיד און חבר ר׳ שלמה פון קאַרלין, וועלכער האָט אין יאָר 1784 געמוזט אַנטלויפן פון קאַרלין קיין וולאַדימיר־וואָלינסק. ער איז אומגעקומען דורך אַ קאָזאַק אויף קידוש־השם אין יאָר 1792.

ווען ר׳ שלמה איז אַוועק פון קאַרלין האָט ער מיט זיך מיטגענומען זיין רבי׳ס — דעם גרויסן ר׳ אהרנ׳ס — זון, ר׳ אשר, און נאָך דער פּטירה פון ר׳ שלמה, איז ר׳ אָשר געוואָרן רבי (בערך אין יאָר 1794).

צוליב די רדיפות אויף חסידים אין קאַרלין האָט ר׳ אשר נישט גע־קענט וואוינען אין קאַרלין, האָט ער זיך באַזעצט אין סטאָלין, נעבן פּינסק. אָט אַזוי אַרום האָט זיך דאָס קאַרלינער חסידות אַריבערגעטראָגן קיין סטאָלין.

דערנאָך האָט ר׳ אָשר צוריק זיך אַריבערגעצויגן קיין קאַרלין, און נאָך זיין פּטירה, כ״ו תשרי תקפ״ז (1827), איז זיין זון, דער צווייטער ר׳ אהרן, געוואָרן רבי. דער צווייטער ר׳ אהרן האָט געפירט די רביסטווע אין משך פון אַ 50 יאָר. ער האָט אַרויסגעגעבן דאָס ספר „בית אהרן״, תורות פון אים און פון „גרויסן ר׳ אהרן״. דאָרט געפינט זיך דאָס באַרימטע חסידישע וואָרט, אַז „עצבות איז נישט קיין עבירה, אָבער עס איז גורם צו טמטום הלב, מער פון אַלע לאַ תעשה׳ס פון דער תורה״.

דער צווייטער ר׳ אהרן האָט נישט בלויז געלערנט, אַז מען דאַרף אויסמיידן עצבות, נאָר ער האָט געפאָדערט פון זיינע חסידים „שמחה״. אין זיין צייט זיינען געשאַפן געוואָרן די גרעסטע צאָל קאַרלינער נגונים.

דער צווייטער ר׳ אהרן איז אַרעסטירט געוואָרן און ער איז באַ־פרייט געוואָרן מיט אַ תנאי: ער זאָל באַלד פאַרלאָזן קאַרלין. האָט ער זיך איבערגעצויגן קיין סטאָלין (אין יאָר 1867).

דער צווייטער ר׳ אהרן איז נפטר געוואָרן י״ז סיוון תרל״ב (1872).

זיין זון, דער „צווייטער ר׳ אשר״, איז געוואָרן רבי. ער איז נפטר גע־וואָרן אַ יאָר שפּעטער נאָך זיין פאָטער׳ס פּטירה, ט״ו אב, תרל״ג (1873).

דער צווייטער ר׳ אָשר האָט איבערגעלאָזט אַ דריי־יאָריק קינד, וואָס האָט געהייסן ר׳ ישראל, און דאָס דריי־יאָריקע קינד ר׳ ישראל איז גע־קרוינט געוואָרן פאַר אַ רבי. ער איז געוואָרן באַקאַנט אין דער גאַנצער חסידישער וועלט מיטן נאָמען דער „ינוקא פון סטאָלין״ . . .

דער רבי ר׳ ישראל האָט געהאַט אַ גרויסן כוח אין נגינה.[1]

דער רבי ר׳ ישראל סטאָלינער איז געווען אַ האַרץ־קראַנקער. ער איז געפאָרן זיך היילן אין אַ דייטשן קוראָרט, האַמבורג. דאָרט איז ער נפטר געוואָרן דעם צווייטן טאָג ראש השנה אין יאָר תרפ״ב (1922).

1) וועגן דעם רבי׳ן ר׳ ישראל פון סטאָלין; האָט אַרויסגעגעבן אַ מאָנאָגראַפיע ע. בן־עזרא „הינוקא מסטולין״, ניו־יאָרק, 1941.

דער סטאָלינער רבי ר׳ ישראל האָט געהאַט זעקס קינדער און עס זיי־נען געווען חילוקי דעות ווער עס זאָל ווערן רבי.[2]

די קאַרלינער חסידים זיינען זיך צונויפגעקומען אין סטאָלין, זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אַן אסיפה, ווי אַזוי איינצוטיילן די גייסטיקע ירושה, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איין זון, ר׳ משה, זאָל בלייבן רבי אין סטאָלין; דער צווייטער זון, ר׳ אברהם אלימלך, זאָל זיך באַזעצן אין קאַרלין און זאָל דאָרט ווערן רבי; דער דריטער זון, ר׳ יוחנן, זאָל ווערן רבי אין לוצק, וואָלין, און דער פערטער זון, ר׳ יעקב, איז פאַרבעטן געוואָרן פון די סטאָ־לינער חסידים אין אַמעריקע ער זאָל קומען קיין אַמעריקע צו ווערן רבי.

דער סטאָלינער רבי, ר׳ ישראל פערלאָוו, (דער „ינוקא״)

אַזוי אַרום האָבן די קינדער פון סטאָלינער רבי׳ן זיך צעטיילט מיט דער רביסטווע. עס זיינען געווען באַזונדערע שטיבלעך אין געוויסע שטעט, ווי למשל, אין פינסק זיינען געווען צוויי שטיבלעך. איין שטיבל האָט גע־הייסן „דאָס סטאָלינער שטיבל״, דאָרט האָבן געדאַווגט די חסידים פון רבי׳ן ר׳ משה פון סטאָלין, און דאָס צווייטע שטיבל האָט געהייסן „דאָס קאַרלינער שטיבל״, דאָרט האָבן געדאַוונט די חסידים פון רבי׳ן ר׳ אלימלך פון קאַר־לין. אָבער דער רבי ר׳ יוחנן פון לוצק און דער רבי ר׳ יעקב אין אַמעריקע האָבן זיך גערופן „קאַרלינער־סטאָלינער רביים״.

נאָך אַ זון האָט דער רבי ר׳ ישראל געהאַט, ער האָט געהייסן ר׳ אָשר

2) י. בנימיני, „חלוף משמרות בחצר הרבי״, ספר זכרון, „סטאָלין״, זייט 176.

און איז געבליבן וואוינען אין סטאָלין. ער האָט געהאַט גרויסע מוזיקאַלישע פעאיקייטן און האָט געלערנט מוזיק אין דער בערלינער קאָנסערוואַטאָריע.[3]

אַ באַזונדער אָרט צווישן דעם „ינוקא׳ס" קינדער האָט פאַרנומען ר׳ אהרלע, וואָס האָט נישט געוואָלט ווערן קיין רבי. ער האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע און האָט געלעבט אַ צניעות׳דיק לעבן. זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט העלפן קראַנקע, אָרימעלייט און אומגליקלעכע. אין וואַרשע זיינען געווען סטאָלינער חסידים און זיי האָבן אים געקרוינט פאַר אַ רבי׳ן.

⁖

דער רבי ר׳ ישראל, דער „ינוקא", האָט זיך געפירט מעשה סוחר. ער איז נישט געגאַנגען אָנגעטאָן אין רבי׳שע מלבושים. ער האָט געפירט אַ רייך הויף. 50 יאָר איז ר׳ ישראל געווען רבי און נאָך זיין פטירה, ווען זיין זון ר׳ משה איז געוואָרן רבי אין סטאָלין, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו פירן ווי זיינע זיידעס, ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין רבי׳שע מלבושים לויטן אַלטן קאַרלינער חסידישן נוסח.

איינמאָל האָט אַ חסיד, אַ שטוב־מענטש, געפרעגט דעם רבי׳ן ר׳ משה: „פאַרוואָס, רבי, זענט איר זיך נישט נוהג אַזוי ווי אייער פאָטער האָט זיך נוהג געווען?"

האָט דער רבי געענטפערט:

— איך בין זיך נוהג פונקט ווי מיין טאַטע זצ״ל.

— מיר זעען דאָך, אַז אייערע מלבושים זיינען אַנדערש ווי די מלבושים וואָס אייער פאָטער האָט געטראָגן און אויך אייערע מעשים זיינען אַנדערש ווי די מעשים פון אייער פאָטער זצ״ל.

האָט דער רבי געענטפערט:

— איך בין זיך נוהג אַזוי ווי מיין טאַטע, דער טאַטע זצ״ל האָט קיינעם נישט נאָכגעמאַכט און אויך איך מאַך קיינעם נישט נאָך . . .

דער רבי ר׳ משה האָט צוגעצויגן די פשוט׳ע יידן פון זיין פאָטער׳ס חסידים, בעת די אַנדערע ברידער זיינע האָבן צוגענומען דעם לומד׳ישן און רייכן עולם.

חסידים האָבן געזאָגט, אַז דער סטאָלינער רבי ר׳ משה פרייט זיך מער מיט די אָרימע חסידים ווי מיט די רייכע חסידים.

נאָענט צו 20 יאָר האָט דער רבי ר׳ משה געפירט די רביסטווע אין סטאָלין.

דער דרך פון חסידות פון סטאָלינער רבי׳ן ר׳ משה איז געווען יראת שמים. ער פלעגט זאָגן: „לערנען און דאַווענען דאַרף מען דאָך, און אויב עס

3) ד״ר זאב ראַבינאָוויץ, „החסידות הליטאית", מוסד ביאַליק, ירושלים, 1961, זייט 155.

קומט אויס צו טאָן אַן אַנדערע זאַך, אַ רשות־זאַך, דאַרף מען זיך פרעגן: וואָס פאַר אַ יראת שמים וועט דערפון אַרויסקומען?״

דער רבי ר׳ משה פלעגט תמיד נאָכזאָגן דאָס וואָרט פון זיין זיידן, וועלכער האָט געטייטשט דעם פסוק „בכל עת יהיו בגדיך לבנים ושמן על ראשך אל יחסר״ (דיינע קליידער זאָלן תמיד זיין ווייס און עס זאָל נישט פעלן קיין בוימל אויף דיין קאָפּ), אַז דאָס מיינט אַזוי: ווען אַ מענטש וועט זיך כסדר פאָרשטעלן, אַז ער טראָגט נייע, ווייסע, טייערע מלבושים און אַ פלעשל בוימל איז אויף זיין קאָפּ, וועט ער יעדע רגע זיין פאָרזיכטיק, אַז ער זאָל נישט געבן קיין שאָקל מיטן קאָפּ, ווייל דער בוימל וועט זיך אויסגיסן און וועט פאַרפלעקן זיינע טייערע ווייסע נייע קליידער . . .[4])

דער רבי ר׳ משה איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ פנחס׳ל פון קאָנטיקוזעווע. ער האָט דאָרט אַ שטיקל צייט געגעסן קעסט און איז דערנאָך צוריקגעקומען קיין סטאָלין צו זיין פאָטער.

דער רבי ר׳ משה איז געווען מוסמך להוראה און ער האָט געהאַט אַלגעמיינעם וויסן. ער האָט געהאַט אַ גאָר וואַרימע באַציאונג צו דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון ארץ־ישראל. צוויי מאָל האָט דער רבי באַזוכט ארץ־ישראל, אין די יאָרן 1933 און 1937. ער האָט געהאַלטן, אַז ארץ־ישראל זאָל צעטיילט ווערן צווישן די יידן און אַראַבער, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען אויפן סדר היום, כדי מען זאָל קענען גלייך אין דעם יידישן טייל דערקלערן אַ פרייע עליה.[5]) ער האָט געוואוסט ווי צוצוציען די יוגנט און ער האָט געזאָרגט פאַר זייער דערציאונג. אין יאָר 1922 האָט ער געגרינדעט אַ ישיבה אין סטאָלין.

דאָס איז געווען אַ נייער דרך אין קאַרלינער חסידות, ווייל כאָטש קאַרלינער חסידות האָט געשטעקט אין דער ליטע, וואו ישיבות זיינען געווען איינגעפונדעוועט פון דורות, האָבן אָבער די רביים פון דער קאַרלינער גזע נישט געהאַלטן פון ישיבות. דער רבי ר׳ משה האָט געבראָכן דעם מנהג און ער האָט געגרינדעט אַ ישיבה און האָט איר אַ נאָמען געגעבן „בית ישראל״ אויפן נאָמען פון זיין פאָטער.

אין דער ישיבה „בית ישראל״ האָבן געלערנט אַ הונדערט בחורים און דער רבי ר׳ משה האָט געזאָרגט פאַר דעם אויפהאַלט פון דער ישיבה. די ישיבה האָט עקזיסטירט ביז צו דעם דריטן חורבן.

אין יאָר 1939, ווען די נאַציס זיינען באַפאַלן פוילן, איז סטאָלין מיט דער גאַנצער געגנט פאַרנומען געוואָרן דורך די סאָוועטן.

די סאָוועטישע מאַכט האָט צוגענומען ביים רבי׳ן זיין הויף און ווי אַ שאָטן האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין די סטאָלינער גאַסן. דערנאָך, ווען די

4) „אלה אזכרה״, כרך ה׳, זייט 48.

5) ד״ר ראַבינאָוויץ „החסידות הליטאית״.

נאַציס האָבן געמאַכט דעם איבערפאַל אויף סאָוועט רוסלאַנד, איז סטאָלין באַלד איינגענומען געוואָרן פון די דייטשן און דער סטאָלינער רבי האָט געליטן צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער קהילה אין סטאָלין.

וועגן רבי׳ן ר׳ משה׳ס זיין אין געטאָ אין סטאָלין און זיינע לעצטע טעג, דערוויסן מיר זיך פון אַן עד־ראיה.[6]

„עס זיינען דעמאָלט אָנגעקומען קיין סטאָלין יידישע פליטים פון די אַרומיקע שטעט. דער רבי ר׳ משה׳לע איז אַריין צוזאַמען מיט אַלע יידן אין געטאָ. ער האָט אַ סך געהאָלפן די אומגליקלעכע יידן מיט וואָס ער האָט געקענט. ער האָט שבת געזונגען דעם באַרימטן קאַרלינער ניגון אויף „יה אכסוף״, וואָס דער גרויסער ר׳ אהרן האָט מחבר געווען, און אַלע קאַרלינער חסידים האָבן מיטגעזונגען. און ער האָט באמת געגלויבט, אַז אין סטאָלין וועט קיין שום שלעכטס צו די יידן ניט געשען.

„אין יענע טעג זיינען אָנגעקומען אָפּגעהאַקטע ידיעות וועגן די מפלות וואָס די נאַציס כאַפּן ביי מאָסקווע און וויאַזמע. האָב איך אין איין אָוונט געטראָפן זיצן דעם רבי׳ן ר׳ משה׳לע צווישן אַ קרייז חסידים און ער האָט זיי אויפגעוויזן, אַז דער סוף פון דער נאַצישער הערשאַפט דערנענטערט זיך און ער האָט אויסגעלאָזט: ׳יידן, מיר וועלן נאָך דערלעבן עמלק׳ס מפלה און די ישועה איז שוין נאָענט׳...

„די יידן האָבן טאַקע דערלעבט עמלק־היטלער׳ס מפלה, די ישועה פאַר אונדז יידן איז געקומען. מיר האָבן געקראָגן אונדזער אייגן לאַנד, אָבער דער רבי ר׳ משה׳לע פערלאָוו האָט ביידע זאַכן, נעבעך, ניט דערלעבט.

„צום לעצטן מאָל האָב איך געזען דעם רבי׳ן ר׳ משה׳לע מיט זיין בני־בית אין מיטן דער נאַכט, — דערציילט דער עד־ראיה, — עס איז געווען אַ טאָג פאַר דער גרויסער שחיטה. קיינמאָל וועל איך נישט פאַרגעסן די דאָזיקע נאַכט. אינעם גאַנצן געטאָ האָט געהערשט אַ מורא׳דיקע פינצטערקייט. ׳עס־עס׳־וואַכן צוזאַמען מיט אוקראַאינישע פּאָליציאַנטן זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַרום דעם געטאָ און קיינער האָט נישט געקענט אַנטלויפן... די טויזנטער יידן זיינען אַרומגעלאָפן ווי מייז אין אַ קלאַטקע. פון דער טייל שטאָט וואָס איז געווען אויסערן געטאָ האָבן זיך כסדר געהערט שיסערייען. דאָס האַרץ איז צעגאַנגען פאַר שרעק. אַלע האָבן געוואוסט, אַז דער סוף דערנענטערט זיך. די יללות אין געטאָ זיינען דערגאַנגען עד לב השמים.

„עס זיינען געווען יידן וואָס האָבן געפּרואווט זיך באַהאַלטן אין געהיימע ערטער. צווישן זיי אויך איך און מיין משפחה. איידער מיר זיינען

6) בתיה קעמפינסקי־ליבערמאַן: די לעצטע טעג פון רבי׳ן ר׳ משה׳לע פערלאָוו, ספר „סטאָלין״, זייט 226, געדרוקט אויך אין דער זאַמלונג וועגן קאַרלינער חסידות „אור זרוע״.

אַרויף אין אונדזער באַהעלטעניש אין דער סוכה, בין איך מיט מיין מאַן אַריין צום רבי'ן.

„עס איז געווען נאָך האַלבער נאַכט. אינעם רבי'נס הויז האָט געהערשט פינצטערניש. אינעם אַריינגאַנג־צימער האָבן מיר געטראָפן די רביצין מיט איר שנור פּערעלע און אַ מורא'דיק געוויין האָט זיך אַרויסגעהערט פון רבינס חדר. די טיר איז געווען אָפן און מיר זיינען אַריינגעגאַנגען. דאָרט האָבן מיר געטראָפן שטיין דעם רבי'ן ר' משה'לע מיט זיין עלטסטן זון ר' נחום שלמה און אַ צאָל יידן. אַלע זיינען געווען אָנגעטאָן אין די טליתים. דער רבי איז צוגעגאַנגען צו דעם עמוד, ער האָט געזאָגט 'ווידוי' צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם, און דערנאָך האָט ער אויסגעשפּרייט זיינע הענט צום הימל און האָט אויסגעשריגן: 'אבינו מלכנו חמול עלינו ועל טפּינו' און דער רבי האָט אויסגעבראָכן אין יאָמערדיקן געוויין.

„מער האָב איך דעם רבי'ן נישט געזען . . .

„ערב ראש השנה אינדערפרי פון יאָר תש"ג (1942), ווען די נאַציס, ימח שמם, האָבן צונויפגעזאַמלט אַלע יידן פון סטאָלין אין מאַרק אַריין און זיי געפירט צו דער שחיטה, האָבן מיר אַרויסגעקוקט פון אונדזער באַהעלטעניש. מיר האָבן נישט געזען פירן דעם רבי'ן. אויך דערנאָך ווען מען האָט יעדן טאָג געפירט יידן צו שיסן, האָבן מיר נישט געזען צווישן זיי דעם רבי'ן. אָבער איינמאָל איז שנעל דורכגעפאָרן אַ וואָגן און אין אים זיינען געזעסן צווישן אַ הויפן דער'הרג'עטע יידן דריי יידן, האָט זיך אונדז אויסגעדוכט, אַז מיר האָבן געזען צווישן די דריי דעם רבי'ן.

„אין יאָר 1945 ווען איך האָב באַזוכט סטאָלין און איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי די גוים און אויך ביי די אוקראַאינישע פּאָליציאַנטן, וועלכע זיינען אָנוועזנד געווען בעת דער גרויסער שחיטה אין מאַרק־פּלאַץ, צי זיי האָבן דעמאָלט געזען דעם רבי'ן, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן דעם רבי'ן נישט געזען.

„אָבער אַנדערע האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז דער רבי ר' משה'לע האָט זיך באַהאַלטן צוזאַמען מיט זיין ברודער ר' אָשר'קע און זייער שוואָגער ר' יעקעלע, מיט זייערע משפּחות אין דער מקווה, וואָס איז געווען אינעם רבי'נס הויז, און דאָרט איז אויסגעבראָכן אַ פייער און אַלע זיינען פאַרברענט געוואָרן".[7])

ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט האָט דער רבי ר' ישראל דער „ינוקא" איבערגעלאָזט זעקס קינדער. צווישן זיי איז אויך געווען ר' אברהם אלימלך פּערלאָוו. ער איז אומגעקומען י"א חשון, תש"ג (1942) צוזאַמען מיט זיין ווייב און מיט זיינע צוויי זין און טעכטער.

7) וועגן רבי'ן ר' משה פון סטאָלין איז פאַראַן אין „אלה אזכרה", באַנד 5, זייטן 46־49.

אויך דעם רבי׳ן ר׳ משה׳לעס ברודער, ר׳ אהרן, וואָס האָט געוואוינט אין וואַרשע, איז אומגעקומען דורך די דייטשן.

וועגן זיין אומקומען על קידוש־השם ווערט אַזוי איבערגעגעבן.

דער רבי האָט געזען פון זיין באַהעלטעניש ווי אַן אוקראַאינער יאָגט זיך נאָך אַ שוואַנגערדיקער פרוי, וועלכע האָט נישט געקענט לויפן. די פרוי איז געפאַלן אין חלשות און זי האָט מפיל געווען.

אין זעלבן אויגנבליק איז אַרויסגעלאָפן פון זיין באַהעלטעניש דער סטאָלינער רבי, מיטן טלית־זאַק און פידעלע אונטערן אָרעם און ער האָט זיך געוואָרפן אויפן אוקראַאינער, וועלכער האָט געוואָלט הרג׳ענען די פרוי.

דער רבי האָט געפרואווט אַרויסרייסן די ביקס פון אוקראַאינער. באַלד האָט זיך געהערט אַ שאָס און דער סטאָלינער רבי ר׳ אהרן איז געפאַלן באַגיסנדיק זיך מיט בלוט.

ווען די דייטשע מערדער זיינען אַוועק, האָט דער עולם פון די באַהעלטענישן זיך אַרויסגעלאָזט אויפן הויף און פּרובירט ראַטעווען דעם רבי׳ן. עס איז אָבער שוין געווען צו שפּעט. צופיל בלוט איז אָפּגעלאָפן. דער רבי האָט גע׳גוסס׳ט און זיך געוואָרפן אין יסורים. דערנעבן איז געלעגן דעם רבי׳נס צעבראָכן פידעלע און טלית זאַק, וואָס איז געווען דורכגעווייקט אין בלוט״ . . .[8]

וועגן דעם אומקומען על קידוש־השם פון סטאָלינער רבי׳ן ר׳ אהר׳לע פערלאָוו האָט דער העברעאישער דיכטער ש. שלום פאַרעפנטלעכט אַ ליד אונטערן טיטול: „דודי ר׳ אהרלי״.[9]

„ערב טוב דודי ר׳ אהרלי״ הויבט זיך אָן דאָס ליד און אין דעם ליד דערציילט דער דיכטער ש. שלום דעם רבי׳ן, ר׳ אהרלי׳ן, וואָס עס איז געשען מיט די זעקס מיליאָן יידן און ער פרעגט אים צי אויך אויף יענער וועלט איז ער גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר יעדן יידן, אַזוי ווי ער האָט עס געטאָן אויף דער וועלט. און ער בעט אים ער זאָל אַרומגיין און זאָגן די בשורה די קדושים, אַז ישראל איז אויסגעלייזט געוואָרן . . .

8) לייב פיינגאָלד: „איך בין געבליבן לעבן״, „טאָג מאָרגן־זשורנאַל״ פון 20טן יאַנואַר 1956.

9) ש. שלום, „שירים״, תל־אביב, 1949, זייט 349, וועגן רבי׳ן ר׳ אהר׳עלע האָבן אויך געשריבן: ד״ר הלל זיידמאַן: „ר׳ אהרן פערלאָוו אין וואַרשעווער געטאָ״, אין ספר הזכרון „סטאָלין״, זייט 209; י. בן זכאי: „הכתר שנופץ״ אין „אור זרוע״, זייט 45; ד״ר ש. זך: „שמחת ר׳ אהרעלע״, אין „הצופה״, תל־אביב, ערב סוכות, 1951; ל. פיינגאָלד: „גלגול של ניגון״, אין „דבר״, תל־אביב, 1945. דער שרייבער גיט אָן דעם טאָג ווען ר׳ אהרעלע איז אומגעקמען: י״א אָב, תש״ב (דעם 28טן יולי, 1942). עס האָבן אויך וועגן אים געשריבן ד״ר ז. ראַבינאָוויטש אין „החסידות הליטאית״, זייטן 155־156.

דער סלאָנימער רבי ווען די נאַציס האָבן אומגעבראַכט אין אַן אַרבעטס־לאַגער

דער רבי האָט געאַרבעט אין אַ נאַצישן לאַגער ביי באַראַנאָוויטש אַלס סטאָליער. — ווי ער האָט זיך אָפּגעהיט ניט צו עסן חמץ אום פסח און טריפות אַ גאַנץ יאָר. — די דייטשע־מערדער האָבן אים אומגעבראַכט.

דער רבי ר׳ שלמה׳לע וויינבערג פון סלאָנים, איז פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט דורך די דייטשע מערדער אין אַרבעטס־לאַגער קאָלדיטשעווע, נעבן באַראַנאָוויטש. ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם ו׳ חשוון, תש״ד (1943).

דער סלאָנימער רבי, ר׳ שלמה־דוד־יהושע וויינבערג, הי״ד

דער רבי ר׳ שלמה׳לע איז געווען פון פאָטער׳ס צד אַן אור־אייניקל פון רבי׳ן ר׳ אברהם פון סלאָנים, וועלכער האָט געגרינדעט די סלאָנימער רבי׳שע דינאַסטיע.

דער סלאָנימער רבי ר׳ אברהם איז אָנגערופן געוואָרן אויפן נאָמען פון זיין ספר „יסוד העבודה״. ער האָט אויך מחבר געווען די ספרים: „חסד לאברהם״, „באר אברהם״ און אַנדערע ספרים.

דער סלאָנימער רבי ר׳ אברהם איז געווען אַ זון פון ר׳ יצחק־מתתיהו פון סלאָנים.

דער סלאָנימער רבי ר׳ אברהם איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקס״ד (1804). ער איז געווען אַ תלמיד פון רבי׳ן ר׳ משה פון קאָברין.

דער רבי ר׳ אברהם איז נפטר געוואָרן י׳ חשוון, תרמ״ד (1883).

נאָך דער פטירה פון סלאָנימער רבי׳ן ר׳ אברהם, איז זיין אייניקל ר׳ שמואל געוואָרן רבי.

דער רבי ר׳ שמואל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תר״י (1850) און איז נפטר געוואָרן י״ט שבט תרע״ו (1916).

נאָך זיין פטירה איז זיין זון ר׳ אברהם געוואָרן רבי און ווען ר׳ אברהם איז פלוצלינג נפטר געוואָרן א׳ אייר, תרצ״ג (1933), נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען פון אַ באַזוך אין ארץ־ישראל, איז זיין זון ר׳ שלמה׳לע געוואָרן רבי, ווען ער איז אינגאַנצן אַלט געווען 20 יאָר.

דער סלאָנימער רבי ר׳ שלמה׳לע איז פון זיין מוטערס צד געווען אַן אייניקל פון לאָמאַזער רבי׳ן צבי־הירש, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ דוד פון קאָצק, וועלכער איז געווען אַ זון פון אַלטן רבי׳ן ר׳ מענדעלע פון קאָצק.

דער לעצטער סלאָנימער רבי האָט געגעסן קעסט ביי זיין שווער דעם אַלעקסאַנדערער רבי׳ן ר׳ יצחק־מנחם דאַנציקער, צוויי יאָר צייט. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען קיין באַראַנאָוויטש און אָנגעהויבן צו פירן די ישיבה „תורת חסד״.

∴

סלאָנימער חסידות האָט געצויגן די יניקה פון קאַרלינער חסידות — פון רבי׳ן ר׳ שלמה פון קאַרלין, גערופן „דער קדוש פון קאַרלין״ (ער איז דערשטאָכן געוואָרן פון אַ קאָזאַק כ״ב תמוז תקנ״ב (1892); פון זיין תלמיד דעם רבי׳ן ר׳ מרדכי פון לעכעוויטש, גערופן דער „סבא קדישא פון לעכעוויטש״; פון זיין זון, דעם רבי׳ן ר׳ נח פון לעכעוויטש און פון זיין תלמיד, דער רבי ר׳ משה פון קאָברין.

די סלאָנימער רביים פלעגן נאָכזאָגן דאָס וואָרט פונעם „קדוש פון קאַרלין״, אַז „כדי צו טאָן אַ טובה אַ יידן, דאַרף מען זיין גרייט צו גיין אין אַ זומפּ ביז צום האַלדז״, און פון רבי׳ן ר׳ משה, אַז „אַ טאָג ווען מען האָט נישט געטאָן קיין טובה קיין יידן, ווערט דער טאָג נישט פאַררעכנט אין זיין לעבן״.

יידן פלעגן קומען צום סלאָנימער רבי׳ן זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן, אים דערציילן וועגן זייערע דאגות־פרנסה, צרות אין הויז, און יונגעלייט, וואָס האָבן באַדאַרפט גיין צום מיליטער, זיינען געקומען נעמען ביים רבי׳ן אַ ברכה. יעדער איינער — מיט זיין פעקל צרות און דער רבי האָט זיי אַלע געטרייסט און יעדער איז אַרויס פון רבי׳נס פּראָווע־שטיבל אַ דערלייכטערטער, מיט אַ פריילעך פנים, אַזוי ווי מען וואָלט פון אים אַראָפּגענומען אַ גרויסן עול, וואָס איז געלעגן אויף זייערע פּלייצעס.

חסידים דערציילן, אַז איינער פון די סלאָנימער רביים איז צוגעגאַנגען צו אַ יידן אין בית־המדרש און האָט צו אים געזאָגט: „איך בין אייך מקנא וואָס איר זיצט און לערנט". האָט דער ייד געקוקט מיט פאַרוואונדערטע אויגן, ווי ער וואָלט געפרעגט „און ווער לאָזט דעם רבי׳ן נישט זיצן און לערנען ?"

דער רבי האָט פאַרשטאַנען די פאַרוואונדערונג פון חסיד און ער האָט מיט אַ קרעכץ געזאָגט:

„ווי אַזוי קאָן איך זיך אָפּשליסן און לערנען, ווען איך ווייס, אַז יידן ווילן פאַר מיר אויסגיסן זייערע ביטערע הערצער און זיי גלויבן, אַז דער־מיט וועט זיי לייכטער ווערן ?"

די סלאָנימער רביים האָבן אָבער געהאַט באַשטימט שעורים צו לער־נען, זיי פלעגן לערנען ביינאַכט ביז פאַרטאָג ווען מען האָט קיינעם צום רבי׳ן נישט אַריינגעלאָזט.

∴

דער רבי ר׳ אברהם וויינבערג, וועלכער איז געוואָרן רבי אין באַראַ־נאָוויטש נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער, דער רבי ר׳ שמואל, איז געווען אַ גרויסער בעל־מנגן. אַ טייל פון זיינע תורות זיינען פאַרצייכנט געוואָרן דורך זיין תלמיד הרב ר׳ שלום בערעזאָווסקי און זיי זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די זאַמל־העפטן, וואָס די ישיבה „בית אברהם" אין ירושלים האָט אַרויסגעגעבן.

די תורות פון רבי׳ן ר׳ אברהם פון סלאָנים זיינען פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן אין די ספרים „בית אברהם", ירושלים, תשי״ח (1958) און „תורת אבות", ירושלים, תשכ״א (1961).

די סלאָנימער רביים זיינען תמיד אַרומגעפאָרן צו זאַמלען געלט פאַרן „כולל רייסין" — פאַרן אַלטן חסידישן ישוב אין ארץ־ישראל — וואָס עס האָט געגרינדעט דער רבי ר׳ מנחם־מענדל וויטעבסקער, דער מחבר פון „פרי הארץ" און תלמיד פון „גרויסן מגיד" פון מעזריטש.

דער פריערדיקער סלאָנימער רבי ר׳ אברהם האָט באַזוכט ארץ־ישראל אין יאָר 1929, ער האָט שטאַרק געליבט ארץ־ישראל און זיינע רייד האָבן מעורר געווען זיינע חסידים זיי זאָלן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. זיי האָבן געגרינדעט די ישיבה „בית אברהם" אין ירושלים און די „מנינים" (קלויזן) פון די סלאָנימער חסידים אין תל־אביב און בני־ברק.

∴

דער לעצטער סלאָנימער רבי ר׳ שלמה׳לע האָט געזאָרגט פאַר דער ישיבה „תורת חסד" אין סלאָנים און פאַר דער ישיבה „בית אברהם" אין ירושלים.

מען האָט דערציילט, אַז עס זיינען געמאַכט געוואָרן, דורך די חסידים, אַלע צוגרייטונגען דער רבי זאָל קענען אַנטלויפן, אָבער דעם לעצטן שבת, האָט דער סלאָנימער רבי געדאַוונט פאַרן עמוד. ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין און אַלע חסידים האָבן מיטגעוויינט, ווייל ער האָט ניט געקענט פאַרלאָזן די חסידים אין אַן עת צרה . . .

ווען די נאַציס זיינען אַריין קיין באַראַנאָוויטש און האָבן געשאַפן דעם געטאָ, איז דער רבי ר' שלמה'לע אַריין אין געטאָ. ער איז געגאַנגען אָנ־געטאָן אין זיינע חסידישע מלבושים און אַלע יידן האָבן זיך צו אים גע־ווענדט נאָך עצות און הילף.[1]

דער געטאָ איז אין חודש טבת, תש״ג (1943) ליקווידירט געוואָרן. דער סלאָנימער רבי איז איבערגעפירט געוואָרן אין דעם נאַצישן אַרבעטס־לאַגער נעבן באַראַנאָוויטש.

דער סלאָנימער רבי איז „שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט אַ שמייכל אויפן פנים און אין די אויגן, רואיק און געלאַסן, ליבלעך צו יעדן און באַשיידן.

אָט אַזוי שילדערט ד״ר ז. לעווינבוך דעם סלאָנימער רבי'ן, אינעם אַרבעטס־לאַגער.[2]

מיר קריגן אַ גענוי בילד, ווי אַזוי דער סלאָנימער רבי האָט געלעבט אין לאַגער און אַז דער סלאָנימער רבי האָט דאָרט געאַרבעט אַלס סטאָליאַר.

„יידן אין אַרבעטס־לאַגער האָבן אים אַרויסגעהאָלפן. ווען עס קומט אַריין אַ קאָנטראָל, נעמט דער רבי דעם הובל אין דער האַנט און פירט אי־בער די ברעטער, ער רוקט זיך קיינמאָל נישט אַרויס. ווען ער דערמאָנט זיך וועגן זיין אומגעבראַכטער פאַמיליע הייבט ער אָן שטיל אונטערצוזינגען אַ חסידיש זמר'ל.

„נאָך דער אַרבעט אין די באַראַקן האָט דער רבי אַרום זיך אַ גרופּע חסידים און פאַרערער.

„דריי מאָל אַ טאָג האָט דער רבי געדאַוונט. אינדערפרי האָט ער זיך מוסר־נפש געווען צו דאַווענען אין טלית און תפילין, כאָטש דאָס איז געווען אַ גרויסע סכנה, ווייל די רוצחים האָבן געקענט פּלוצים אַריינקומען״ . . .

אין די צייטן ווען ד״ר ז. לעווינבוך איז געווען אין אַרבעטס־לאַגער, האָט דער רבי קיינמאָל נישט געאַרבעט אום שבת און יום־טוב. דער רבי איז באַפרייט געוואָרן אין די דאָזיקע טעג אַלס קראַנקער. „עס קומען צו מיר יידן און בעטן, אַז איך זאָל אים נישט באַפרייען יעדן שבת, ווייל די מאַכט קען זיך אַרומזען, און אַלע קענען נאָך באַשטראָפט ווערן. איך באַ־

1) ב. מ.: „גדולי החסידות הסלונימאית ומנהיגיה בברנוביץ״, אינעם בוך: „ברנוביץ״, תל־אביב, 1953, זייט 268.
2) „אומקום פון באַראַנאָוויטשער יידנטום״, דאָרט, זייט 622.

רואיק זיי, אַז דער איינציקער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דעם בין איך און זיי דאַרפן נישט מורא האָבן״.

דער סלאָנימער רבי האָט אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געווען אין לאַגער נישט געגעסן קיין טריפות. צוערשט ליידט ער פון הונגער, אָבער שפּעטער ווערט איינגעאָרדנט לויט דער איניציאַטיוו פון ד״ר לעווינבוך, אַ דיעטישע קיך פאַר „מאַגן־קראַנקע״, פאַרשטענדלעך פאַר קריסטן אין דער ערשטער ריי. אויסער די ברויט־פּאָרציעס באַקומען די „דיעטעניקעס״ צוויי מאָל אין טאָג טיי אָדער קאַווע.

„פּסח צייט עסט דער רבי נישט קיין חמץ, זיינע ברויט־פּאָרציעס ווערן אָפּגענומען און אוועקגעלייגט אין אַ זייט. ווער עס וויל נעמט זיי צו. ער גיט עס קיינעם נישט, כדי נישט מאכיל חמץ צו זיין . . . זיין גאַנצע דערנערונג אין דער פּסח־וואָך באַשטייט פון געבאַקטע קאַרטאָפל און גע־באַקטע בוראַקעס, וועלכע ווערן אים צוגעשטעלט דורך זיינע חסידים.

„מען באַקומט אַביסל מעל און דערפון ווערן אויסגעבאַקן איניקע קליינע מצה׳לעך אין אַן אויוון, וואו דער קליינער חאַניעלע פּילשטשיק (איצט אין ישראל) פאַרנעמט זיך מיט איבערברענען קאַלך. דאָרט ווערן אויך געבאַקן די קאַרטאָפל מיט די בוראַקעס.

„אין פּורים וויל דער רבי גיין אַ טענצל, איז ווי מאַכט מען דאָס ?

„די קריסטלעכע קאַצעטניקעס געפינען זיך אין שכנות. זייער טיר גייט אַרויס אין יידישן באַראַק. פאַלט דער רבי אויף אַן אָריגינעלער המצאה: אין אָוונט פאַרן גיין שלאָפן לאָדט מען איין די קריסטן אין יידישן באַראַק און מען פאַרפירט אַ שמועס וועגן טענץ:

— ווער טאַנצט בעסער ? איר אָדער מיר ? — פרעגט מען זיי.

— באַווייזט וואָס איר קענט !

„די קריסטן הייבן אָן טאַנצן. זיי באַמיען זיך צו באַווייזן זייער קונסט״. נאָכדעם זאָגן זיי צו די יידן:

— און איצט באַווייזט, וואָס איר קענט !

„אויף דעם טאַקע האָט מען געוואַרט !

„איצט טאַנצט דער רבי מיט די חסידים ! . . .

„זיין ציל איז דערגרייכט געוואָרן״.

∴

דער סלאָנימער רבי האָט אין דאָזיקן גיהנום נישט פאַרלוירן זיין צלם־אלוקים. יעדעס מאָל, ווען די דייטשע רוצחים האָבן געשלאָגן אַ יידן האָט דער רבי זיך אַקעגנגעשטעלט, און דער רבי האָט דערפאַר געקראָגן טאָפּלט געשלאָגן . . .

מען דערציילט, איינמאָל איז דער רבי ר׳ משה קאָברינער דורכגעפאָרן טריסק און ער איז אַריין צום טריסקער מגיד. בעת זייער שמועס פרעגט

אים דער טריסקער מגיד: „זיינען געבליבן תורות פון אייערע עלטערן?"
— יאָ, — האָט געענטפערט דער רבי ר' משה קאָברינער.
— זיי זיינען שוין געדרוקט געוואָרן צי זיי זיינען נאָך אין כתב־יד?
— זיי זיינען געבליבן אין די הערצער פון די יידן! — האָט דער רבי ר' משה געענטפערט.

אויך די תורות פון רבי'ן ר' שלמה'לע פון סלאָנים זיינען געבליבן אין די הערצער פון די יידן.[3]

גרויס איז דער סלאָנימער רבי געווען אין די לעצטע מאָמענטן...

בעת דער אַקציע פון 4טן נאָוועמבער 1943 (ו' חשון, תש"ד), אין לאַגער קאָלדיטשעווע, איז דער סלאָנימער רבי ביי דער סעלעקציע אָוועקגעשטעלט געוואָרן צווישן די פאַראורטיילטע צום טויט.

„דער רבי איז רואיק. ער גייט אין דער ערשטער ריי שטאָלץ. ער גייט דערפילן די גרויסע מצוה אין זיין לעבן — די מצוה פון קידוש־השם.

„ער גייט, די אויגן געווענדט צום הימל, און מורמלט שטיקלעך תהלים..."

דער סלאָנימער רבי ר' שלמה'לע איז דעמאָלט צוזאַמען מיט אַכציק יידן אומגעקומען אויף קידוש־השם, און אַלע זיינען באַגראָבן געוואָרן אין איין ברודער־קבר.

דאָס זיינען געווען די לעצטע קרבנות.

די אַנדערע 95 יידן אין לאַגער זיינען דעם 22טן מערץ 1944 אין אַ שטורמדיקער נאַכט, מיט געווער אין די הענט אַנטלאָפן אין די נאָענטסטע וועלדער, זיך אָנגעשלאָסן אין די פּאַרטיזאַנישע מחנות און נקמה גענומען פאַר דאָס אומשולדיקע פאַרגאָסענע יידיש־בלוט פון זייערע משפחות.

∴

אין טאָג פון דער סעלעקציע האָט דער רבי געזאָגט צו איינעם פון זיינע מקורבים, פון די לאַגערניקעס אין קאָלדיטשעווע: „עס ווערט געבראַכט אין זוהר, אַז דער אייבערשטער פאַרבט זיינע מלבושים מיט דעם בלוט פון די מענטשן, וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם, וואָס דאַרף איך נאָך מער אויף דער וועלט? איז נאָך פאַראַן אַ גרעסערע פרייד ווי דאָס?"[4]

פּנחס מאָרדקאָווסקי פון אַרגענטינע, אויך אַ געוועזענער לאַגערניק אין קאָלדיטשעווע דערציילט:

„איך בין געשלאָפן מיטן סלאָנימער רבי'ן אויף איין נאַרע, די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, אַ פראָסטיקע, דער באַראַק איז געווען ניט קיין

3) ישראל שוואַרצמאַן: „בדרך".
4) איבערגעגעבן פון יוסף פוקסמאַן פון ברוקלין, ניו־יאָרק.

געהייצטער, דער רבי האָט נישט געקענט איינשלאָפן, עס האָט אים גע־טרייסלט פון קעלט. איך האָב דאַן גענומען מיין מאַנטל מיט וועלכן איך בין געווען איינגעוויקלט און צוגעדעקט דעם רבי׳ן. ער האָט זיך אָבער אַנטזאָגט צו נעמען מיין מאַנטל, מיטן אויסרייד: ׳איך בין נישט זיכער, צי ער איז ריין פון שעטנז׳, און איך האָב אים אַזאַ פאַרזיכערונג נישט געקענט געבן.

„אין עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך ביי אַ קריסטלעכן לאַגערניק געקויפט אַ קורטקע פאַר זיך און בין צוגעשטאַנען צום רבי׳ן, אַז ער זאָל נעמען פון מיר מיין מאַנטל. ער האָט מיר צוליב געטאָן, גענומען מיין מאַנטל, אים אויפגעטרענט, אַרויסגענומען די שטייף־לייוונט פון אינעווייניק און אים אָנגעטאָן און האָט אים געטראָגן ביזן לעצטן טאָג.

„אין טאָג פון דער סעלעקציע, ווען מען האָט די אָפּגעקליבענע צום טויט אָוועקגעפירט צו דער עקזעקוציע, האָב איך אויפן „אַפּיל״־פּלאַץ גע־פונען מיין מאַנטל. דער רבי, נישט זייענדיק זיכער, צי עס איז אין בגד עפּעס נישט געבליבן פון שעטנז, האָט אים איבערגעלאָזן אויפן פּלאַץ, נישט וועלנדיק אומקומען אויף קידוש־השם אין אַ בגד פון ספק־שעטנז.[5]

* * *

לייזער לידאָווסקי, איינער פון די אָרגאַניזירער פון פּאַרטיזאַנישן אונ־טערגרונט אין באַראַנאָוויטשער געטאָ דערציילט:

„אַ געזונטע שטעלונג צום ענין ווידערשטאַנד האָט געהאַט דער יונגער סלאָנימער רבי. ער האָט אַרויסגעוויזן אינטערעס אין דער קאַמפּס־אָרגאַ־ניזאַציע, געשטאַנען מיט אונדז אין קאָנטאַקט, און דורך דער פאַרמיטלונג פון אבא זאַקין געווען אינפאָרמירט וועגן גאַנג פון דער אַרבעט אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע״.[6]

אינזש. פּאָלאַנסקי פון וואַרשע, וועלכער איז געווען אַלס פּליט אין באַראַנאָוויטשער געטאָ דערציילט:

„אויף אָרלע גאַס איז געווען אַ גרויסער לאַנגער „סכראָן״, וואָס האָט גלייכצייטיק געדינט פאַר אַן אָרט צו לערנען שיסן. אויף דער זעלבער גאַס האָט זיך אויך געפונען אַ גרויסער געווער־סקלאַד. נאָך אַ געווער־סקלאַד פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז געווען אין „סכראָן״ פון סלאָני־מער רבי ר׳ שלמה ווייַנבערג״.[7]

אָט אַזוי האָט דער סלאָנימער רבי ר׳ שלמה מחזק געווען די יידן און זיי מעורר געווען צום ווידערשטאַנד, ביז ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

5) עדות דערקלערונג, אין ייוו״אָ־אַרכיוו.
6) „ספר ברנוביץ, תל־אביב, 1953.
7) אינעם בוך „אין קאַמף און אומקום״, ניו־יאָרק, 1964.

סטריער־סאַמבאָרער רבי איז אומגעקומען אויף קידוש השם צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפחה

ווי אַזוי ר׳ אורילע איז געוואָרן רבי — זיין זון ר׳ שלום הכהן יאַלעס איז נפטר געוואָרן אין ארץ־ישראל. — דעם רבי׳ן ר׳ שלומ׳ס זון, דער לעצטער סטריער־סאַמבאָרער רבי, איז אומגעבראַכט געוואָרן מיט זיין רביצין און זיינע פינף זין אויף קידוש־השם.

„איך ווייס נישט, צי איך וועל האָבן די זכיה איבערצולעבן דאָס גרויסע אומגליק, איך גלייב אָבער באמונה שלימה, אַז דער רשע וועט האָבן זיין ויסטן סוף״...



דער סטריער־סאַמבאָרער רבי, ר׳ ישעיה־אשר הכהן יאַלעס, הי״ד

אָט די דאָזיקע ווערטער האָט געשריבן דער סטריער־סאַמבאָרער רב און רבי, ר׳ ישעיה־אָשר הכהן יאַלעס, אין יאָר תש״ג (1943) צו זיין חסיד ישראל גוטווירט, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט פון נאַצישן גיהנום און האָט די דאָזיקע ווערטער איבערגעגעבן אין אַ בריוו וואָס ער האָט געשריבן מיט אַ 14 יאָר צוריק צו הרב אפרים הכהן יאַלעס, רב אין פילאַדעלפיע, וועלכער איז אַ ברודער פון דעם קדוש — דעם סטריער־סאַמבאָרער רבי׳ן.

דער סטריער־סאַמבאָרער רבי האָט נעבעך נישט געהאַט די זכיה אי־בערצולעבן היטלער הרשע׳ס גרויסע מפלה, ווייל ער איז מיט אַ יאָר שפּע־טער, אין 1944, אומגעקומען דורך די דייטשן רוצחים אויף קידוש־השם.

דער קדוש, דער רבי ר׳ ישעיה־אָשר הכהן, האָט פריער געמוזט אויס־טרינקען דעם גאַנצן כוס פון צער און יסורים, ביז ער איז אַליין אומגע־קומען.

צוערשט האָבן די דייטשע מערדער פאַר זיינע אויגן אומגעבראַכט זיינע צוויי דערוואַקסענע זין און אים אַליין האָבן זיי געלאָזט לעבן. די קריסט־לעכע גייסטלעכע האָבן זיך איינגעשטעלט פאַרן רבי׳ן, אַזוי באַליבט איז דער רבי געווען אויך צווישן די גוים, אָבער מיט אַ יאָר שפּעטער, ב׳ טבת, ח׳ דחנוכה, תש״ד (1944), ווען מען האָט געצונדן דאָס אַכטע חנוכה־ליכטל, האָבן די דייטשן דערשאָסן דעם רבי׳ן צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפּחה.

∴

דער רבי ר׳ ישעיה־אָשר הכהן יאָלעס, דער לעצטער אב״ד פון דער שטאָט סטרי און דער לעצטער רבי פון דער סאַמבאָרער־סטריער דינאַס־טיע, איז געווען אַ גדול בתורה. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ שאלות־ותשובות ספר „שמן הרא״ש״ (געדרוקט אין סטרי אין יאָר תרצ״ג). ער איז געווען זייער באַליבט ביי אַלע מענטשן, אויך ביי די בעלי־בתים, וואָס זיינען נישט געווען קיין חסידים. באַזונדערס האָט ער געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער יוגנט. ער האָט אויסגעגעבן אַ סך געלט פאַר די קינדער פון שטאָט און פאַר דער געגנט, זיי זאָלן לערנען אין די תלמוד־תורה׳ס. אין זיינע תורה׳ס האָט ער תמיד דערמאָנט זיין זיידן, דעם רבי׳ן ר׳ אורי׳לע סאַמ־באָרער, וועלכער איז געווען דער באַגרינדער פון דער סאַמבאָרער־סטריער רבי׳שער דינאַסטיע.

∴

דער רבי ר׳ אורי׳לע סאַמבאָרער (זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען יאָלעס) איז געבוירן געוואָרן אין לעמבערג אין יאָר תקצ״ג (1833). זיין פאָטער, ר׳ אפרים־הערש (צבי) איז געווען אַ חסיד פון רבי׳ן ר׳ אורי׳לע פון סטרעליסק, וואָס איז גערופן געוואָרן אין דער חסידישער וועלט — „דער שרף״.

ר׳ אפרים־הערש׳ן האָט מען גערופן סתם „ר׳ אפרים־הערש חסיד״. אַחוץ וואָס ער איז געווען אַ גרויסער גדול בתורה, איז ער אויך געווען אַ גרויסער מקובל, און ער האָט געהאַט יחוס־בריוו וואָס האָבן זיך געצויגן ביז צו די בעלי־התוספות.

דער רבי ר׳ אורי׳לע סאַמבאָרער האָט אין זיינע יונגע יאָרן גע׳שמ׳ט פאַר אַן עילוי. ער האָט אין לעמבערג געלערנט צוזאַמען מיט דעם גאון ר׳

יצחק שמעלקיש, דעם בעל שו״ת „בית יצחק״, און ביי דעם לעמבערגער רב און גאון־הדור, ר׳ יוסף־שאול נאַטאַנזאָן, דעם בעל־מחבר פון די באַרימטע שו״ת־ספרים „שואל ומשיב״ [1].

וועגן זיין גרויסער התמדה אין לערנען אין זיינע יונגע יאָרן ווערט דערציילט, אַז בשעת דעם אויפשטאַנד פון די פּאָליאַקן אין לעמבערג אין יאָר תר״ח (1848) האָט ר׳ אורי׳לע זיך פאַר גאָרנישט געשראָקן. כאָטש די קוילן זיינען געלאָפן איבער די קעפּ פון די מענטשן, איז ער געגאַנגען איבער דער גאַס מיטן טור יורה דעה אונטערן אָרעם צו לערנען דעם שיעור אין הויז פון בעל „שואל ומשיב״.

אין יאָר תר״י (1850), נאָך דעם ווי ער האָט געקראָגן די „הורמנא״ פון זיין רבי׳ן, דעם לעמבערגער גאון ר׳ יוסף־שאול נאַטאַנזאָן, האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון מורה־הוראה פון קאָמאַרנע, ר׳ שמשון טנא, וועלכער איז געוועזן פון דער גזע פון „טו״ז״ און „ב״ח״.

דער רבי ר׳ אורי׳לע סאַמבאָרער איז פון זיינע יונגע יאָרן אָן געוועזן אַ חסיד פון בעלזער רבי׳ן.

אויך ווען ר׳ אורי׳לע האָט געגעסן קעסט אין קאָמאַרנע איז ער געפאָרן קיין בעלז. און איינמאָל איז ר׳ אורי׳לע געקומען קיין בעלז אויף שבועות. האָט דער בעלזער רבי, ר׳ שלום רוקח, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען אַ סגי־נהור, דערפילט אַז ר׳ אורי׳לע איז אַריינגעקומען אין זיין חדר מיוחד, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און האָט מיט גרויס וואַרעמקייט אים געגעבן שלום. ווען דעם בעלזער רבי׳נס זון, דער ממלא־מקומו, ר׳ יהושע׳לע רוקח, האָט געפרעגט זיין פאָטער פאַרוואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל ליבשאַפט צו דעם יונגנמאַן פון קאָמאַרנע, האָט דער אַלטער בעלזער רבי געענטפערט:

„אורי׳לע האָט נעכטן אויפן וועג אַהער געהאַט גילוי אליהו, ער אַליין ווייסט דאָס נאָך נישט״...

מוצאי שבועות, ווען ר׳ אורי׳לע איז אַריין צום אַלטן בעלזער רבי׳ן זיך געזעגענען, האָט דער בעלזער רבי ביים לייענען דאָס קוויטל אים געפרעגט: „אורי׳לע, ווי גייט עס עפּעס אין פּרנסה?״

ר׳ אורי׳לע האָט געלעבט אין גרויס דחקות, ווייל זיין פאָטער און שווער זיינען שוין ביידע געווען אויפן עולם־האמת, און ער האָט זיך מפרנס געווען פון דעם, וואָס זיין ווייב שרה האָט געהאַנדלט אויפן מאַרק.

האָט ר׳ אורי׳לע אויף דער פראַגע פון בעלזער רבי׳ן בלויז געגעבן אַ שווערן קרעכץ.

„מיר האָבן בקבלה פון אונזערע רבי׳ס — האָט דער בעלזער רבי

1) אין ספר „שואל ומשיב״, מהדורא קמא, חלק שני, ווערט דערמאָנט דער רבי ר׳ אורי׳לע סאַמבאָרער מיט דער באַצייכענונג „תלמידי״ — מיין תלמיד.

געזאָגט — אַז אַ ייד וואָס איז זוכה צו גילוי אליהו, האָט נישט קיין זאָרג פאַר פרנסה. פאַר אַהיים לחיים ולשלום און מאַך דיר אַ מנין״.

דער בעלזער רבי האָט אים אויך אָנגעוואונטשן, אַז עס וועט ביי אים נאָך היי־יאָר געבוירן ווערן אַ בן־זכר, וואָס וועט זיין אַ חכם.

דער בעלזער רבי, ר׳ שלום רוקח, איז נסתלק געוואָרן אינעם זעלבן יאָר, כ״ז אלול, תרט״ו (1855), און כ״ה אדר ראשון, תרט״ז (1856) האָט ר׳ אורי׳לעס ווייב אים געבוירן אַ זון און ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן שלום, נאָכן בעלזער רבי׳ן [2]).

נאָך דער פטירה פון אַלטן בעלזער רבי׳ן איז ר׳ אורי׳לע געוואָרן אַ חסיד פון רבי׳ן ר׳ אברהמ׳טשע פון סטרעטין, וועלכער האָט אויך געלערנט און איז אויפגעצויגן געוואָרן ביים „שרף״.

אין בעלז האָט ר׳ אורי׳לע אין זיך איינגעזאַפּט יראת שמים, און אין סטרעטין — דעם סטרעליסקער דרך התפילה, עד כלות הנפש.

עס איז באַקאַנט אין דער חסידישער וועלט, אַז דער רבי ר׳ אורי׳לע סטרעליסקער פלעגט יעדן טאָג פאַרן דאַווענען זיך געזעגענען מיט זיין בני־בית, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז ווען ער וועט זאָגן „שמע ישראל״, וועט זיין זיין „יציאת נשמה״...

∴

נסמך געוואָרן צו זיין אַ רבי, איז ר׳ אורי׳לע סאַמבאָרער פון זיין רבי׳ן, ר׳ אברהמ׳טשע פון סטרעטין.

דאָס איז געווען אין זומער, תרכ״ד (1864). דער סטרעטינער רבי איז געזעסן אין זיין שטוב. אַרום אים איז געשטאַנען אַ רעדל חסידים, און צווישן זיי אַן אַלטער חסיד, אַ ישיש, וואָס איז נאָך געפאָרן צום „שרף״. דער סטרעטינער רבי האָט געשמועסט חסידות. האָט זיך דער אַלטער סטרע־ליסקער חסיד אָנגערופן: „פאַרוואָס פאַרצייטנס, נאָך דער הסתלקות פון בעש״ט, איז געוואָרן דער מנהיג אַ תלמיד, דער גרויסער מעזריטשער מגיד, נישט דעם בעש״ט׳ס זון; נאָך דער פטירה פון גרויסן מגיד, זיינען געוואָרן רביים זיינע תלמידים; נאָך דער פטירה פון זיין תלמיד, דעם רבי׳ן ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, איז געוואָרן רבי זיין תלמיד, דער „חוזה״ פון לובלין; נאָך דער פטירה פון „חוזה״ — זיינע תלמידים, און אפילו נאָך דער הסתלקות פון „שרף״ פון סטרעליסק איז געוואָרן רבי — אַ תלמיד. אָבער אין אונזער דור ווערט אַ זון דער רבי?״...

2) זיין ערשטן זון, דעם בכור, האָט ער נאָמען געגעבן יהודה־צבי, אויפן נאָ־מען פון אַלטן סטרעטינער רבי׳ן, וועלכער איז געווען דער ממלא־מקום פון סטרעליסקער רבי׳ן, דעם „שרף״, און דעם דריטן זון האָט ער אַ נאָמען געגעבן נחום, אויפן נאָמען פונעם טשערנאָבילער רבי׳ן, דעם בעל „מאור עינים״.

האָט דער סטרעטינער רבי זיך פאַרטראַכט און ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. פלוצלינג האָט ער דערזען ווי ר׳ אורי׳לע לויפט פון דער מקוה אין בית־המדרש אַריין דאַווענען מנחה, האָט ער געהייסן אים אַריינ־רופן. און ווי ר׳ אורי׳לע איז אַריינגעקומען, האָט ער אים געזעצט אויף אַ שטול נעבן זיך און האָט געזאָגט: „אורי׳לע, דו וועסט זיין רבי״.

און צו די חסידים האָט דער סטרעליסקער רבי געזאָגט: „לאָזט אייך שרייבן קוויטלעך און דערלאַנגט זיי צו ר׳ אורי׳לען. ער איז אַ רבי און ער וועט זיין אַ פועל ישועות״...

און אַזוי איז ר׳ אורי׳לע געוואָרן רבי.

די ערשטע צייט זיינען צו אים געפאָרן בלויז געציילטע חסידים, אָבער וואָס אַ יאָר האָבן זיינע מופתים מער גע׳שמ׳ט אין דער גאַנצער געגנט און די חסידים האָבן זיך כסדר געמערט און זיי זיינען געוואָרן אין די הונדערטער און טויזנטער.

דער רבי ר׳ אורי׳לע סאַמבאָרער פלעגט כמעט דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט געקראָגן אַוועקגעגעבן צו פאַרבאָרגענע אָרימעלייט און אין הויז האָט מען געלעבט אין גרויס דחקות.

וועגן סאַמבאָרער רבי׳נס מידה פון געבן צדקה דערציילן חסידים פאַר־שידענע מעשיות.

איין מעשה גייט אַזוי:

איינמאָל איז דער רבי געוואָרן אַ גרויסער בעל־חוב אויף אַ פיר טויזנט רייניש. ווען זיין חסיד, דער גביר ר׳ משה־איציק בראַנענגראָבער פון באָריסלאַוו, האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער פאַרבעטן דעם רבי׳ן אויף שבת קיין באָריסלאַוו, וואָס איז נאָענט צו דראָהאָביטש, און דער חסיד האָט שוין געזען, אַז מוצאי־שבת, ביים געזעגענען זיך, זאָלן קומען די גרויסע גבירים און געבן פעטע פדיונות, און אַזוי אַרום וועט דער רבי האָבן אָפּצו־צאָלן דעם חוב.

צווישן די אידן וואָס זיינען געקומען זיך געזעגענען איז אויך געווען אַ מלמד פון דער געגנט וואָס איז געקומען צום רבי׳ן אויף שבת און ביים געזעגענען האָט דער מלמד איינגעשריבן אין קוויטל, אַז ער האָט דריי דערוואַקסענע טעכטער און האָט נישט פאַר זיי קיין נדנים צו טאָן מיט זיי שידוכים. האָט דער רבי געזאָגט צו דעם גביר ר׳ משה־איציק:

„האָסט אַהער געבראַכט אַלע דיינע שותפים, גבירים, גיי־זשע און זע, אַז מען זאָל פאַר זיי אָנגרייטן אַ שיינע מלוה־מלכה״. און ווען דער גביר ר׳ משה־איציק איז אַרויס פון רבי׳נס פּראַווע־שטוב, האָט ער געזאָגט צום מלמד: „דאָ האָסטו די פיר טויזנט רייניש פאַר נדנים פאַר דיינע טעכטער, פאָר גלייך אַהיים און השם־יתברך וועט דיר צושיקן גוטע זיווגים״.

און ווען ר׳ משה־איציק איז צוריק אַריינגעקומען אין רבי׳נס פּראַווע־

שטוב, האָט ער געזען, אַז דער רבי האָט שוין אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט געהאַט פון די פדיונות, האָט ער געזאָגט:

„רבי, פון אייך וועט שוין קיין לייט נישט זיין"...

דער רבי ר׳ אורי׳לע איז די ערשטע צייט ווען ער איז געוואָרן רבי אין קאָמאַרנע, אויך געפאָרן אַלס חסיד צום סאַדיגורער רבי׳ן, ר׳ אברהם־יעקב, און אויף דער עצה פון סאַדיגורער רבי׳ן, האָט דער רבי ר׳ אורי׳לע זיך אַריבערגעצויגן אין יאָר תרל"ח (1878) פון קאָמאַרנע קיין סאַמבאָר.

דער דרך פון רבי׳ן ר׳ אורי׳לעס חסידות איז געווען — שמחה. ער איז תמיד אַליין געווען מלא שמחה און ווער עס איז צו אים אַריינגעקומען אַ פאַר׳דאגה׳טער, איז ארויס אַ פריילעכער און האָט אין זיך געפילט אַ שמחת־הנפש.

בפרט איז געווען די שמחה זייער גרויס אין שבת. דער רבי אַליין פלעגט יעדן ערב־שבת צוגרייטן די אייל־לעמפלעך לכבוד שבת און ער האָט געזאָגט: „אין שבת קודש פיל עך (איך) אַ טעם גן־עדן אויף דער וועלט. עך וויס נישט, צי עך וועל נאָך קריגן עפּעס אַ שכר פאַר שבת אויף יענער וועלט"...

גאַנץ יום־כפור איז דער סאַמבאָרער רבי געשטאַנען אויף די פיס, אַן ערך פון אַ 26 שעה. ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געלערנט די גמרא יומא און דעם סדר עבודת יום הכיפורים אין רמב"ם און אין רא"ש. ער האָט געהאַט ספּעציעלע שליחים, וואָס ער פלעגט זיי יום־כיפור בייַנאַכט שיקן צו פאַר־שידענע בעלי־בתים אין שטאָט, צו וועקן זיינע חסידים, זיי זאָלן אויפשטיין פאַרטאָג און קומען דאַווענען.

אַ גאַנץ יאָר האָט ער געהאַט שיעורים קבועים אין ש"ס און אין שולחן־ערוך.

דער סאמבאָרער רבי האָט געהאַט אַ שיין קול און ער פלעגט יום־כיפּור דאַווענען פאַרן עמוד. חסידים האָבן געזאָגט, אַז דער אופן פון זיין דאַווענען איז געווען ענלעך צום דאַווענען פונעם „שרף" פון סטרעליסק.

צוויי־און־דרייסיק יאָר איז דער רבי ר׳ אורי׳לע סאַמבאָרער געווען רבי. די לעצטע צוויי יאָר פאַר זיין פטירה האָט ער זייער שוואַך געזען, האָט ער צוגענומען אַ מלמד, אַ תלמיד־חכם, ער זאָל פאַר אים לערנען זיינע שיעורים קבועים.

שבת פרשת שקלים, ראש־חודש אדר שני, תר"ע (1910), איז דער רבי ר׳ אורי׳לע סאַמבאָרער נסתלק געוואָרן אויף זיין בעט איינגעוויקלט אין טלית, נאָכן זאָגן „כתר".

אַ טייל פון די תורות און מאמרים פון רבי׳ן ר׳ אורי׳לע סאַמבאָרער זיינען געדרוקט געוואָרן אינעם ספר׳ל: „אמרות טהורות" (לעמבערג, תר"ע —1910). אויך געפינען זיך עטלעכע מאמרים אין ספר הגדה של פסח

„שולחן הטהור", וואָס אַנטהאַלט מאמרים פון איין־און־ניינציק „צדיקים יסודי עולם".[3])

נאָך דער פּטירה פון סאַמבאָרער רבי'ן, איז זיין זון, דער סטריער רב, ר' שלום הכהן, געוואָרן רבי.[4]) אויך דעם רבי'נס בכור און דער יינגערער זון זיינען געוואָרן רביים.

דער סטריער־סאַמבאָרער רבי, ר' שלום הכהן יאָלעס, איז געווען דער פאָטער פון לעצטן סטריער־סאַמבאָרער רבי'ן, ר' ישעיה־אָשר, וועלכער איז אומגעקומען מיט זיין גאַנצער משפחה על קידוש־השם.

∴

צוערשט האָט ר' שלום ניט געוואָלט ווערן קיין רבי. אָבער ער האָט געקראָגן אַ בריוו פון באַיאַנער רבי'ן, פון י"ח אדר שני, אין וועלכן ער שרייבט אים: „והריני סומך ידי עליו שיתנהג באדמורי"ת בכל דרך אביו הרב הקדוש זצ"ל וכל תפילותיו שיתפלל בעד כל המסתופפים בצלו יתקבלו ברחמים וברצון לפני השם יתברך"... (איך בין אייך מסמיך, אַז איר זאָלט פירן די רבי'סטווע אַזוי ווי אייער פאָטער זצ"ל און אַלע אייערע תפילות, וואָס איר וועט מתפלל זיין פאַר די חסידים וואָס וועלן קומען צו אייך, זאָלן אָנגענומען ווערןביים אייבערשטן...).

און ווען דער סטריער רב ר' שלום האָט געקראָגן דעם דאָזיקן בריוו פון באַיאַנער רבי'ן, האָט ער מסכים געווען צו ווערן רבי און אַ גרויסע צאָל חסידים האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן צום סטריער־סאַמבאָרער רבי'ן, וואָס האָט אין זיך פאַראייניקט חסידות און גאונ'ישקייט.

עס איז מקובל ביי די חסידים, אַז אַזאַ סמיכה־בריוו האָט געגעבן דער ריזשינער רבי ר' ישראל'טשע בלויז איין מאָל אין זיין לעבן, און איין מאָל אין זיין לעבן האָט געגעבן דעם ריזשינער רבי'נס זון, דער סאַדיגורער רבי, ר' אברהם־יעקב, און איין מאָל אין זיין לעבן האָט געגעבן זיין זון, ר' יצחק, דער באַיאַנער רבי.

און דער סטריער־סאַמבאָרער רבי איז געוואָרן אַ רבי פון הונדערטער און הונדערטער חסידים.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אַנטלאָפן פון סטרי, און ווען ער איז נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן אויף אַ באַזוך קיין ארץ־ישראל.

דער סטריער־סאַמבאָרער רבי האָט דעמאָלט באַשטימט זיינע צוויי זין,

3) געדרוקט געוואָרן דורך הרב בן־ציון הלוי, דער מחבר פון ספר „חוקת הפסח הקצר", לעמבערג, תרס"ט (1909).

4) דער דיכטער קלמן הייזלער האָט געשריבן אַ פּאָעמע: „דער סאַמבאָרער רבי ר' אורי'לע".

זיי זאָלן אָנפירן מיט זיין רבנות אין שטאָט, בעת ער וועט זיין אין ארץ־ישראל. ער האָט באַשטימט זיין זון, דעם בכור ר׳ ישעיה־אָשר, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, ער זאָל האָבן די השגחה אויף די חינוך־און צדקה־ענינים אין שטאָט, און זיין צווייטן זון, הרב ר׳ אפרים הכהן יאָלעס, היינט רב אין פילאַדעלפיע — ער זאָל אָנפירן מיט די ענינים פון גטין און קדושין אין שטאָט.

און נאָך פסח פון יאָר תרפ״ה (1925) איז דער סטריער־סאַמבאָרער רבי געפאָרן קיין ארץ־ישראל און ער איז אָנגעקומען אין דער וואָך פון פסח שני קיין יפו.

צו דעם האַפן אין יפו זיינען אים אַנטקעגנגעקומען הונדערטער חסידים און ישיבה־לייט פון ירושלים.

ערב שבת, י״ד אייר, ווען דער סטריער־סאַמבאָרער רבי איז געגאַנגען צו דער כותל מערבי דאַווענען קבלת־שבת, זיינען אויפן גאַנצן וועג אין די געסלעך, וואָס פירן אַראָפּ צו דער כותל־מערבי, געשטאַנען אין ביידע זייטן הונדערטער און הונדערטער חסידים און סתם־יידן מקבל־פנים צו זיין דעם רבי׳ן.

דער סטריער־סאַמבאָרער רבי איז אויף ל״ג בעומר געפאָרן קיין מירון מתפלל צו זיין אויף רבי שמעון בר יוחאי׳ס קבר. מען האָט אים דאָרט צוגעטיילט גרויס כבוד און מען האָט אים מכבד געווען מיט דער ערשטער „הדלקה״ אויפן קבר...

דער סטריער־סאַמבאָרער רבי איז ניט לאַנג געווען אין ארץ־ישראל. ער איז דאָרט קראַנק געוואָרן און דאָנערשטיק, פרשת ואתחנן, י׳ מנחם־אב, תרפ״ה (1925) איז דער סטריער־סאַמבאָרער רבי נפטר געוואָרן.

די לויה איז פאַרגעקומען פרייטיק אינדערפרי און צו דער לויה זיינען געקומען טויזנטער חסידים און ישיבה־לייט. ער איז נקבר געוואָרן אין ירושלים אויפן הר־הזיתים נעבן דעם קבר פון גאון און דעם בעל „תורת חסד״ פון לובלין, וועמען ער האָט די זכיה געהאַט משמש צו זיין בעת ער איז אין דער יוגנט געווען צוזאַמען מיט אים אין קור־אָרט קאַרלסבאַד.

דער סטריער־סאַמבאָרער רבי ר׳ שלום האָט אין פאַרשידענע תורות גערעדט וועגן ענין חיבת הארץ. ער האָט אין אַ תורה געזאָגט:

„אין חוץ לארץ טאָר אַ ייד ניט רעדן קיין שום שלעכט וואָרט אויף ארץ־ישראל. ווי קאָן מען בכלל רעדן שלעכטס אויף אַ לאַנד, וואָס השם יתברך רופט עס אָן „ארץ חמדה״? אַז מען איז אַ תושב אין ארץ־ישראל און מעןליידט די יסורי־ארץ־ישראל, האָט מען אַ רעכט און אַ פליכט צו קריטיקירן די יעניקע, וואָס פירן זיך ניט על־פי התורה. אָבער אַז אַליין ליידט מען ניט די יסורי־ארץ־ישראל, ווייל מען איז נאָך אין חוץ־לארץ, טאָר מען גאָר ניט רעדן קיין שלעכטס אויף ארץ־ישראל״...

אין אַ בריוו וואָס דער סטריער־סאַמבאָרער רבי ר׳ שלום האָט געשריבן צו זיינע חסידים עטלעכע טעג פאַר זיין פּטירה, ווערט געזאָגט:
„ואם אזכה בעזרת השי״ת לחיות ולראות אתכם, אז אספר לכם מן תוקף קדושת הארץ כי נורא״ — (ווען איך וועל די זכיה האָבן צו לעבן און אייך צו זען, וועל איך אייך דערציילן פון דער גרויסער הייליקייט פון ארץ־ישראל...).

און אָט די אהבת ארץ־ישראל האָט גע׳ירש׳נט זיין זון, דער לעצטער סטריער־סאַמבאָרער רבי ר׳ ישעיה־אשר, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

אין דעם ספר „שו״ת שמן הרא״ש״, וואָס דער לעצטער סטריער־סאַמבאָרער רבי האָט אַרויסגעגעבן (סטרי, תרצ״ג), איז צוגעדרוקט געוואָרן אַ קונטרס, „שפתי שלום״, פיר תשובות פון זיין פאָטער, ר׳ שלום. אויך איז דאָרט צוגעדרוקט געוואָרן אַ קונטרס, „כתבי אליעזר״, אין הלכה־ענינים פון דעם לעצטן סטריער־סאַמבאָרער רבי׳נס ברודער, הרב אפרים־אליעזר יאָלעס, רב אין פילאַדעלפיע.

דער לעצטער סטריער־סאַמבאָרער רבי איז געוועזן אַן איידעם פון ר׳ ישראל רוקח, וואָס האָט געשטאַמט פון דער בעלזער גזע און איז געוועזן רב אין באָריסלאַוו.

דער קדוש, ר׳ ישעיה־אָשר יאָלעס, האָט געהאַט פינף זין: משולם־אורי (געוועזן אַ תלמיד אין דער ישיבה חכמי לובלין); אלתר־יצחק, אַ תלמיד אין דער ישיבה פון בעלזער רבי׳ן; משה־אליהו, אַ תלמיד פון גאון, דעם בעל „כבוד הלבנון״ אין דראָהאָביטש; און די צוויי ייִנגערע זין: שלום און אלעזר־דוב וואָס האָבן געלערנט ביים פאָטער.

∴

די יידן אין דער שטאָט סטרי האָבן געליטן פון די דייטשע מערדער ווי נאָר די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט, גלייך ווי אַלע אַנדערע יידישע קהילות.

סטרי האָט אָבער איין טרייסט: ניט אַלע יידן האָבן זיך געלאָזט אַרייננאַרן ווי פאַרלוירענע שעפּסעלעך געפירט צו ווערן צו דער שחיטה. אין סטרי זיינען געווען יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געקעמפט אין די סטריער וועלדער און געבראַכט גרויס שאָדן די דייטשן.

דער פּאַרטיזאַנישער באַטאַליאָן אין די סטריער וועלדער איז געוואָרן אָנגעפירט פון דעם אוקראַינער סטאַש באַבי. אין מאַי, 1943, האָט דער פּאַרטיזאַנער באַטאַליאָן געציילט אַ צוויי הונדערט קעמפער.

אַ גרויסע צאָל יידן פון סטרי און אומגעגנט האָבן זיך אָנגעשלאָסן אינעם פּאַרטיזאַנער־באַטאַליאָן, וועלכער האָט געקעמפט קעגן די דייטשן.

די דייטשן האָבן זיך געפילט מורא׳דיק שלעכט וואָס אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע קעמפט קעגן זיי.

האָבן די דייטשן גענומען נקמה אין די יידן, וואָס זיינען געווען אָפּגע־שלאָסן אין געטאָ.

און אין אָקטאָבער, 1943 האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט די פּאַרטי־זאַנער־באַזע אין וואַלד מיט קאַנאָנען און עראָפּלאַנען.

די דייטשן האָבן פאַרפירט אַן אָפענע שלאַכט. זעקס־און־זעכציק פּאַרטיזאַנער זיינען געפאַלן אין איין טאָג, אין נאָוועמבער, 1943.

פון די פופציק פּאַרטיזאַנער, וואָס זיינען געבליבן לעבן, און צווישן זיי אַ צאָל יידן, זיינען אַ טייל אַריבער די אונגאַרישע גרעניץ און די אַנדערע האָבן זיך באַהאַלטן טיף אין וואַלד און די דייטשן האָבן זיי ניט געקאָנט געפינען.

די דייטשן זיינען געווען פאַרביטערט וואָס פּאַרטיזאַנער, און בפרט יידן, האָבן די „חוצפּה" מיט זיי צו קעמפן מיט געווער, האָבן זיי זייער גאַנצן צאָרן אויסגעגאָסן אויף די יידן אין סטריער געטאָ.

און די ערשטע קרבנות זיינען תמיד געווען די יידישע אינטעליגענץ. די דייטשן האָבן קודם־כל געוואָלט פאַרניכטן די יידישע גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע פירער, כדי די יידישע מאַסן זאָלן ווערן דיסאָרגאַניזירט און דערנאָך וועט שוין זיין לייכטער זיי אומצוברענגען.

⁂

די יידן אין סטריער געטאָ האָבן געליטן גרויס דחקות. עס איז ממש געווען שווער דעם טאָג איבערצולעבן.

דער סטריער־סאַמבאָרער רב און רבי ר׳ ישעיה־אשר הכהן יאָלעס האָט געהאַט מיט זיך צוויי דערוואַקסענע זין, משולם־אורי און אלתר־יצחק. האָבן די צוויי זין זיך מוסר־נפש געווען פאַר די יידן אין געטאָ. זיי פלעגן אין געהיים זיך אַרויסכאַפּן מחוץ לגעטאָ און ברענגען פאַרבאָרגענערהייט שפּייז פאַר די יידן.

בפרט האָבן די צוויי זין זיך באַמיט צו ברענגען עסן פאַר די קינדער פון געטאָ. געווען קינדער, וואָס זיינען שוין געווען איינגאַנצן אויף הפקר. די עלטערן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן און די קינדער האָבן זיך בעת דער אַקציע אויסבאַהאַלטן אין באַהעלטענישן און נאָך דער „שחיטה" זיי־נען זיי אַרויס פון די פאַרבאָרגענע ערטער, אָבער זיי זיינען שוין געווען קיילעכדיקע יתומים און קיינער האָט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט. די צוויי זין פון סטריער־סאַמבאָרער רבי׳ן און אַנדערע יונגעלייט האָבן איינגע־שטעלט זייערע לעבנס און געבראַכט אין געהיים שפּייז פאַר די דאָזיקע קינדער.

עס זיינען אויך געווען יידן, וואָס זיינען געזעסן אין געטאָ אין בונקערס. זיי האָבן ניט געוואָלט אַרויסגיין אַרבעטן, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז סוף־כל־סוף וועלן די דייטשן זיי כאַפּן און זיי אַוועקשיקן אין די טויטן־לאַגערן. זיינען די דאָזיקע יידן געזעסן אין די בונקערס אין געהיים.

די ערשטע צייט האָט מען געגעסן פון דעם שפּייז, וואָס מען האָט געהאַט אָנגעגרייט אין די בונקערס, אָבער וואָס אַ טאָג איז די לאַגע געוואָרן געפערלעכער. די יידן האָבן ניט געוואָלט אַרויס פון די בונקערס, מען זאָל זיך פון זיי ניט דערוויסן[5]). האָבן זיי געליטן הונגער און אַ טייל פון זיי זיינען געשטאָרבן אין די בונקערס פאַר הונגער. האָבן אויף זיך גענומען די צוויי זין פון סטריער־סאָמבאָרער רבי׳ן, די קדושים משולם־אורי און אלתר־יצחק, און האָבן זיי געבראַכט אין געהיים עסן. זיי האָבן יאָ געוואוסט וואו די יידן ליגן אין די בונקערס און זיי האָבן זיי בסוד באַשפּייזט.

און ווען די דייטשן האָבן אָנגעפירט די שלאַכט מיט די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער אַרום סטרי, זיינען זיי אַריינגעקומען נאָך זייער „נצחון" אין געטאָ און געכאַפּט סתם־יידן און אַ פאַרוואָס דערשאָסן . . .

און גראָד האָבן זיי באַגעגנט די צוויי זין פון סטריער רבי׳ן. זיי האָבן ביי זיי געפונען זעקלעך שפּייז, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז דאָס ברענגען די צוויי זין די שפּייז צו די פאַרבאָרגענע יידן אין די בונקערס.

האָבן די דייטשן אויפן אָרט דערשאָסן דעם סטריער רבי׳נס צוויי זין.

און נאָך דעם ווי דעם סטריער רבי׳נס צוויי זין זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם, האָט דער פאָטער זייערער, דער סטריער־סאָמבאָרער רבי, ר׳ ישעיה־אָשר הכהן, איבערגענומען די עבודה פון זיינע קינדער און ער האָט געהאָלפן די יידן אין די בונקערס, זיי פאַרזאָרגן מיט שפּייז און אויך געזאָרגט פאַר די יתומים־קינדער אין געטאָ...

און אויך דער סטריער־סאָמבאָרער רבי איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

⁂

אין אַ בריוו פון מר. ישראל גוטווירט צו מיר ווערט דערציילט:

„די גאַנצע צייט פון אומגליק — ווערט געזאָגט אין בריוו — איז דער רבי געשטאַנען אויף דער וואַך און מיט מסירת־נפש געהאָלפן און געליני־דערט די ליידן און יסורים פון אַלע אַרומיקע, געטרייסט און דערמוטיקט יעדן איינעם. טראָץ דעם וואָס עס האָבן אים שוין געפעלט זיינע טייערע צוויי זין, וואָס די דייטשן האָבן דער־שאָסן, איז ער געווען פול מיט גלויבן אין דער ליכטיקער צוקונפט...

5) ליידער זיינען געווען יידישע אָרדענונגס־דינסטלער, וואָס פלעגן איבערגעבן די יידן, וואָס מען האָט געפונען אין די בונקערס, צו די דייטשע רוצחים.

„אין איינעם פון זיינע לעצטע בריוו פון יאָר תש״ג (1943), שרייבט מיר דער רבי בזה הלשון — ווערט ווייטער געזאָגט אינעם בריוו — איך ווייס נישט, צי איך וועל האָבן דעם זכות איבערצולעבן דאָס גרויסע אומ־גליק; איך גלויב אָבער באמונה שלימה, אַז דער רשע (היטלער) וועט האָבן זיין וויסטן סוף״.

און ב׳ טבת, ח׳ דחנוכה, תש״ד (1944), בעת דער ליקווידאַציע פון דער גאַנצער סטריער געטאָ, איז אויך דער סטריער־סאַמבאָרער רבי, ר׳ ישעיה־אשר הכהן יאָלעס, געכאַפּט געוואָרן.

און דער לעבן־געבליבענער ייד, ר׳ ישראל גוטווירט, שרייבט, אַז „אַ ייד, וואָס איז על־פי נס לעבן־געבליבן, האָט מיר דערציילט, אַז ווען דער רבי איז שוין געשטאַנען אויף דעם פּלאַץ צום שיסן, האָט ער אויסגערופן: ׳יידן, לאָמיר אויף זיך מקבל זיין באהבה גאָט׳ס גזר׳!...״

און מיט די ווערטער פון „שמע ישראל״ איז דער סטריער־סאַמבאָרער רבי אומגעקומען אויף קידוש־השם.

צוזאַמען מיטן לעצטן סטריער רבי׳ן איז אויך אומגעקומען זיין פרוי, די רביצין מירעלע, און זייערע אַנדערע דריי זין: משה־אליהו, שלום און אלעזר־דוב, הי״ד.

דעם סטריער־סאַמבאָרער רבי׳נס ברודער, הרב ר׳ אפרים הכהן יאָלעס, איז היינט דער הויפּט פון אָרטאָדאָקסישן ראַבינאַט אין פילאַ־דעלפיע.

סטריקאָווער־קינאָוער רבי אומגעקומען
אין אַן אַרבעטס־לאַגער

דער אָפּשטאַם פון דער סטריקאָווער רבישער דינאַסטיע. — דער רבי האָט געוואוינט אין זגערזש. — זיין ישיבה „בית אהרן״.

דער סטריקאָווער רבי, ר׳ יעקב־יצחק דן לאַנדוי, גערופן דער „רבי פון קינאָוו״, איז אומגעקומען אויף קידוש־השם אין וואַרשעווער געטאָ.



דער סטריקאָווער־קינאָווער רבי, ר׳ יעקב־יצחק דן לאנדוי, הי״ד

דריי יאָר איידער די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן איז ר׳ יעקב יצחק דן לאַנדוי געוואָרן רבי אויפן אָרט פון זיין פאָטער, דער סטריקאָווער רבי ר׳ מנחם מענדיל לאַנדוי.

די סטריקאָווער דינאַסטיע שטאַמט פון רבי׳ן ר׳ בעריש ביאַלער, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ אברהמ׳עלע טשעכאַנאָווער.

דער רבי ר׳ בעריש ביאַלער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תק״פ (1820). דער פאָטער האָט אים אַ נאָמען געגעבן בעריש נאָך זיין זיידן ר׳ בעריש פון קוטנע, וועלכער איז געווען פאַררעכנט פאַר איינעם פון די ל״ו צדיקים.

וועגן דעם דאָזיקן ר׳ בעריש דערציילט מען פלאַים־דיקע מעשיות. צווישן אַנדערע, אַז ער האָט פּערציק יאָר געפאַסט און זיך מורא׳דיק מסגף געווען. ער האָט זיך אונטערגעלייגט אַ שטיין צוקאָפּנס פערציק יאָר רצופים און פאַר זיין פּטירה האָט ער אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל פון דעם שטיין מאַכן אַ מצבה אויף זיין קבר.

ר׳ אברהמ׳עלע טשעכאַנאָווער איז געווען אַ רבי, וואָס האָט געדאַוונט „נוסח אשכנז״. נאָך זיין פּטירה ה׳ אדר, תרל״ה (1875) איז זיין זון ר׳ בעריש געוואָרן רבי אין ביאַלע.

דער רבי ר׳ בעריש ביאַלער איז געווען אַ חסיד פון אַלטן וואָרקער רבי׳ן. (מ׳רופט עס אויך ווארקע).

דאָס ערשטע מאָל האָט ר׳ בעריש ביאַלער געזען דעם אַלטן וואָרקער רבי׳ן, ר׳ יצחק וואָרקער אויף אַ ברית, וואָס דער רבי ר׳ פייוועלע גריצער, דער פאָטער פון דעם ערשטן אַלעקסאַנדערער רבי׳ן ר׳ יחיאל, האָט גע־מאַכט. דער רבי ר׳ פייוול האָט פאַרבעטן אויף סנדקאות דעם וואָרקער רבי׳ן און דאָרט איז אויך געווען ר׳ בעריש ביאַלער, האָט דער וואָרקער רבי אים שטאַרק מקרב געווען, און פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן זיין חסיד.

חסידים דערציילן, אַז איינמאָל, ווען ר׳ בעריש ביאַלער איז געווען אין וואָרקע, איז דאָרט געווען אַ גרויס געדראַנג ביים טיש. האָט דער וואָר־קער רבי זיך געווענדט צו די חסידים און האָט געזאָגט: „ביי מתן תורה האָט יעדער איינער געוואוסט וואו זיין אָרט איז, און דאָ שטופּן יונגעלייט אָוועק זקנים!״

ווען די חסידים האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן און געמאַכט פלאַץ פאַר די אַלטע חסידים. צווישן די יונגעלייט איז אויך געווען ר׳ בעריש ביאַלער. האָט דער וואָרקער רבי צו אים געזאָגט:

„דיך, בעריש, האָב איך נישט געמיינט. דו געהערסט שוין צו די זקנים, ווייל ווער ווערט אָנגערופן אַ זקן? דער וואָס האָט חכמה, ווי עס שטייט „זקן זה שקנה חכמה״ . . .

אויך זיין פאָטער, דער רבי ר׳ אברהמ׳עלע טשעכאַנאָווער, האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן און האָט אים גערופן „מיין וואונדערלעכער זון״ [1]).

און נאָך ביים לעבן פון זיין פאָטער האָט ר׳ בעריש ביאַלער אָנגע־הויבן צו פירן רבי׳סטווע.

איינמאָל איז ר׳ בעריש ביאַלער געקומען מיט אַ גרויסן עולם חסידים צו זיין פאָטער קיין טשעכאַנאָוו. דער דרך פון דעם רבי׳ן ר׳ בעריש ביאַלער איז געווען אַנדערש פון זיין פאָטערס דרך. דער פאָטער זיינער איז גע־ווען אַ מין „מתנגדישער רבי״, ער האָט געדאַוונט „נוסח אשכנז״, און ער

1) „ארזי הלבנון״ פון הרב דוד ווייסבראָד (הלחמי), זייט 199.

האָט זעלטן ווען געזאָגט תורה שבתביים טיש. אָבער דער זון זיינער האָט געפירט טישן יעדן טאָג אין דער וואָך מיט אַן עולם חסידים און ער האָט געזאָגט ביי אַלע טישן תורה.

און ווען ר׳ בעריש ביאַלער איז געקומען מיט זיינע חסידים צו זיין פאָטער קיין טשעכאַנאָוו, האָט ער זיך נוהג געווען אַזוי ווי ביי זיך אין דער היים, געפירט טישן אין דער וואָכן, האָבן די טשעכאַנאָווער חסידים גע׳חוזק׳ט דערפון און האָבן דערציילט דעם טשעכאַנאָווער רבי׳ן פון זיין זונ׳ס דרך. ווי ר׳ אברהמ׳על טשעכאַנאָווער האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט צו זיין משמש, אַז ער זאָל שטעלן אין זיין נאָמען עטלעכע פלעשער וויין ביי זיין זונ׳ס טיש, וואָס ער פראַוועט אין דער וואָכן.

נאָך דער פטירה פון וואָרקער רבי׳ן איז ר׳ בעריש געפאָרן צום אַלטן וואָרקער רבינ׳ס זון, ר׳ מנחם מענדיל, גערופן: דער „מיטעלער וואָר־קער רבי״.

חסידים דערציילן, אַז איינמאָל איז ר׳ בעריש געזעסן ביים טיש פון ר׳ מענדעלע וואָרקער. עס איז דעמאָלט געווען זייער שטיל אין בית המדרש, דער רבי האָט געקוקט אויף די חסידים און אויף ר׳ בעריש ביאַלער און האָט געשוויגן.

נאָכן בענטשן האָט ר׳ בעריש ביאַלער געזאָגט:

„דער רבי האָט היינט געפירט אַ טיש, וואָס איז געווען אַ יוצא מן הכלל. ער האָט כסדר געקוקט אויף מיר און בודק געווען יעדעס אבר, וואָס איך פאַרמאָג. איך האָב געמיינט, אַז אַלע מיינע אָדערן וועלן מיר פּלאַצן, אָבער איך האָב אויסגעהאַלטן, איך האָב אים ׳געענטפערט׳ אויף אַלע שאלות!״...

נאָך דער פטירה פון רבי׳ן ר׳ מענדעלע וואָרקער[2]) האָבן די חסידים אויסגעקליבן ר׳ בעריש ביאַלער ער זאָל ווערן זייער רבי. עס זיינען צו אים געפאָרן אַ סך וואָרקער חסידים און צווישן זיי די רביים: ר׳ יחיאל פון אַלעקסאַנדער און זיין זון דער בעל „ישמח ישראל״, ר׳ שמעון פון סקרעניעוויץ און ר׳ יעקב פון בענדערזשין.

אָבער דער ביאַלער רבי האָט נישט מאריך ימים געווען. ער האָט געפירט די רבי׳סטווע בלויז אַכט יאָר און אין עלטער פון 56 יאָר איז ער נפטר געוואָרן (כ״ה סיון תרל״ו—1876).

דער רבי ר׳ בעריש האָט איבערגעלאָזט פינף קינדער און אַלע זיינען געוואָרן רביים. זיין עלטסטער זון, ר׳ שמחה בונם, איז געווען רבי אין ביאַלע. זיין צווייטער זון, ר׳ יעקב יצחק, איז געווען רבי אין מלאַווע. זיין דריטער זון, ר׳ יקותיאל, איז געווען רבי אין ווענגראָוו. זיין פערטער זון, ר׳ אהרן צבי, איז געווען רבי אין ביאַלע, און זיין פינפטער זון, ר׳ מנחם מענדיל, איז געווען רבי אין סטריקאָוו.

2) נפטר געוואָרן ט״ז סיוון, תרכ״ח (1868).

אָבער באַלד נאָך דער פּטירה פון רבי׳ן ר׳ בעריש ביאַלער האָט זיך דער עולם איבערגעטראָגן צום רבי׳ן ר׳ יחיאל קיין אַלעקסאַנדער. אויך די קינדער פון ר׳ בעריש זיינען געפאָרן צום אַלעקסאַנדערער רבי׳ן.

ערשט נאָך דער פּטירה פון דעם אַלעקסאַנדערער רבי׳ן, האָבן די חסידים געקרוינט דעם פערטן זון פון ביאַלער רבי׳ן, ר׳ אהרן צבי, פאַר זייער רבי׳ן.

אָבער אויך דער רבי ר׳ אהרן צבי האָט נישט מאריך ימים געווען. ער איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און איז געבראַכט געוואָרן קיין וואַרשע צו דאָקטוירים און דאָרט איז ער נפטר געוואָרן ז׳ סיוון, תר״ע (1910) און איז אויך דאָרט געקומען צו קבורה.

נאָך דער פּטירה פון ר׳ אהרן צבי ביאַלער האָבן די חסידים געמאַכט פאַר זייער רבי׳ן ר׳ אהרנ׳ס יינגערן ברודער ר׳ מנחם מענדיל, און די אַלעקסאַנדערער חסידים, וואָס זיינען געפאָרן צום רבי׳ן ר׳ אהרן צבי ביאַלער, האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן צו ר׳ מנחם מענדיל סטריקאָווער.

איידער ר׳ מענדעלע סטריקאָווער איז געוואָרן רבי, האָט ער געפירט גרויסע מסחרים אין זיין וואוין־אָרט זדונסקע־וואָליע, וואָס איז נאָענט צו לאָדזש, אָבער די מערסטע צייט פלעגט ער פאַרברענגען אין אַלעקסאַנדער און שמועסן חסידות מיט די שאַרפע מוחות אין אַלעקסאַנדער.

ווען ער איז געקרוינט געוואָרן פאַר אַ רבי׳ן האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין סטריקאָוו, וואו עס האָט געוואוינט זיין פעטער, דער רבי ר׳ וואָלף סטריקאָווער. דערנאָך האָט ער זיך אַריבערגעקליבן קיין זגערזש, לעבן לאָדזש, אָבער ער איז שוין געבליבן ביים נאָמען „דער סטריקאָווער רבי״.

דער סטריקאָווער רבי, ר׳ מנחם מענדיל, האָט צוויי מאָל באַזוכט ארץ ישראל. ער האָט מעורר געווען זיינע חסידים זיי זאָלן קויפן נחלאות אין ארץ ישראל און ער האָט געהערט צו דער „מועצת גדולי התורה״ און געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון דער „אגודת ישראל״.

דער סטריקאָווער רבי איז נפטר געוואָרן י״ט שבט, תרצ״ו (1936)

און זיין ממלא מקום איז געוואָרן זיין זון דער רבי ר׳ יעקב יצחק דן לאַנדוי, וועלכער איז געוואָרן אָנגערופן „דער קינאָווער רבי״.

דער קינאָווער רבי האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס שטעטל קינאָוו, כאָטש דאָרט האָבן געוואוינט בלויז אַ פּאָר מנינים יידן, ווייל דאָס שטעטל איז געווען נאָענט צו אָסטראָווצע, וואו עס האָט געוואוינט דער גאון און רבי ר׳ מאיר יחיאל הלוי. ערשט ווען עס איז אויסגעבראָכן אַ שריפה אין קינאָוו און דאָס שטעטל איז אָפּגעברענט געוואָרן, האָט ר׳ יעקב יצחק זיך אַריבערגעצויגן קיין זגערזש, דאָרט וואו זיין פאָטער האָט געוואוינט.

דער קינאָווער רבי האָט אין זגערזש געגרינדעט אַ ישיבה מיטן נאָמען

„בית אהרן", וואו עס האָבן געלערנט עטלעכע צענדליק בחורים־עילויים. דער רבי אליין האָט פאַר זיי געזאָגט אַ שיעור.

די ישיבה „בית אהרן" האָט אַרויסגעגעבן אַ תורה־זשורנאַל טאָקע מיטן נאָמען „בית אהרן", וואו די בעסערע ישיבה־בחורים האָבן פאַר־עפנטלעכט זייערע חידושי תורה.

איינמאָל, דערציילן די חסידים, איז צו אים געקומען אַ יידישער באַנקיר פון לאָדזש, שוין אָנגעטאָן אין אייראָפּעאישע בגדים. האָט דער רבי אים נישט געוואָלט געזעגענען. עס האָט נישט געהאָלפן דעם באַנקיר׳ס פאַרענטפערן זיך, אַז ער מוז טראָגן מאָדערנע קליידער, ווייל זיין מסחר פאָדערט עס. דער רבי האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם: „קיין „דייטש" וועט מיין שוועל נישט באַטרעטן!" [3]

דער קינאָווער רבי איז געווען אַ גרויסער עסקן אין דער אגודת ישראל באַוועגונג און ער האָט זיך באַטייליקט אין דער דריטער „כנסיה הגדולה" פון דער אגודת ישראל אין מאַריענבאַד.

∴

ווי נאָר די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן זיינען די דייטשן אַריין קיין זגערזש און פאַרכאַפּט דעם רבינ׳ס הויז און דעם בנין פון דער ישיבה „בית אהרן".

דער רבי אַליין מיט זיין בני בית און אַ סך חסידים זיינען אַנטלאָפן קיין וואַרשע.

אַ סך יידן האָבן דעמאָלט געמיינט אַז אין וואַרשע וועלן זיי זיין מער געזיכערט. דאָס, וואָס די דייטשע מערדער דערלויבן זיך צו טאָן אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך, וועלן זיי נישט טאָן אין וואַרשע . . .

דער קינאָווער רבי איז אַריין אין וואַרשעווער געטאָ. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער געהיימער אָרגאַניזאַציע „עזרת תורה", וואָס האָט גע־געבן הילף צו די אַנטלאָפענע רבנים און תלמידי חכמים אין וואַרשע.

ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן די „אַקציעס" אין וואַרשע און טויזנטער יידן זיינען געכאַפּט געוואָרן און פאַרשיקט געוואָרן מכלומר׳שט אין די אַרבעטס־לאַגערן, וואו זיי זיינען אַלע אומגעקומען אין די גאַז־אויוונס, האָבן די סטריקאָווער חסידים אויסגעפּועל׳ט, אַז זייער רבי זאָל אַרבעטן אין דעם שאָפּ, וואו מען האָט אויסגעאַרבעט מיליטערישע מונדירן פאַר דער דייטשער אַרמיי.

די ערשטע צייט איז דאָס געווען אַ מיטל זיך אַרויסצודרייען פון די אַקציעס, אָבער דערנאָך האָבן די דייטשן אָנגעהויבן צו שיקן אין די

3) מיטן וואָרט „דייטש" האָט דער רבי געמיינט אַ חסיד, וואָס קליידט זיך אין דייטשע מלבושים.

טויטן־לאַגערן אויך די, וואָס האָבן געאַרבעט אין די שעפּער. האָבן די חסידים אַריינגעפירט דעם סטריקאָווער רבי׳ן מיט זיין רביצין אין אַ בונקער. דאָס איז געווען דעם צווייטן טאָג פּסח.

„די טעג, וואָס דער סטריקאָווער־קינאָווער רבי איז מיט אונדז געווען אין בונקער וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן [4]. ער האָט די גאַנצע צייט אונדז אַלעמען מחזק געווען און אונדז מבטיח געווען, אַז די ישועה איז נאָענט. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט דערויף אַ רמז על פּי קבלה, ווייל די ראשי תיבות פון „רוב גאונך תהרוס קמיך" איז בגימטריא תש"ג (1943).[5])

גאַנץ פּסח האָט דער רבי זיך געשפּייזט מיט „מאַנטשקע" (צעריבענע צוקער), ווייל קיין אַנדערע שפּייז, וואָס זאָל זיין כשר לפּסח, האָבן די יידן אין בונקער נישט געהאַט. און דאָך איז דער רבי כסדר געווען מלא שמחה.

דער סטריקאָווער־קינאָווער רבי האָט אַריינגעבראַכט אין בונקער אַ קליינע ספר תורה און פון דער דאָזיקער ספר תורה האָט מען געלייענט אין יום־טוב.

ערשט ערב שביעי של פּסח איז אויך דער רביג׳ס געמיט געבראָכן געוואָרן.

ידיעות זיינען אָנגעקומען אין בונקער אַריין וועגן די שחיטות, וואָס די דייטשן פירן דורך אין „קליינעם געטאָ". אַלע האָבן געוואוסט, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף.

און ווען דער רבי האָט געמאַכט קידוש און ער האָט געזאָגט די ווערטער: „אשר בחר בנו מכל עם ורוממנו מכל לשון", האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט.

די יידן אין בונקער האָבן געבעטן דעם סטריקאָווער רבי׳ן ער זאָל זיך לאָזן אָפּשערן די באָרד מחמת סכנה, אָבער דער רבי האָט זיך נישט צוגעהערט דערצו . . .

און שביעי של פּסח אין דער פרי איז דער בונקער אַנטדעקט געוואָרן פון די נאַציס און אַלע יידן זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן פון בונקער און געשיקט געוואָרן קיין לובלין. דאָרט איז געמאַכט געוואָרן אַ סעלעקציע. אַ טייל זיינען געשיקט געוואָרן אין דעם טויטן־לאַגער קיין מיידאַנעק פאַרברענט צו ווערן, און אַ טייל זיינען געשיקט געוואָרן צוריק קיין וואַרשע צו אַרבעטן אין שולצ׳עס פאַבריק.

אויך דער סטריקאָווער רבי איז מיט אַ גרופּע אַרבעטער געשיקט

4) דערציילט יעקב קאַץ, אין „אלה אזכרה", באַנד 4, זייט 96. ער איז געווען צוזאַמען מיטן סטריקאָווער־קינאָווער רבי׳ן אין בונקער.

5) אין דעם יאָר האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן היטלער׳ס מפּלה, אָבער דער סטריקאָווער רבי האָט נישט זוכה געווען דאָס צו זען.

געוואָרן צוריק קיין וואַרשע אין שולצ׳ס פאַבריק אַריין, אָבער פון דאָרט זיינען אַלע דערנאָך איבערגעשיקט געוואָרן אין אַרבעטס־לאַגער אין טראַווניקי.

אין חודש חשון תש״ד (1943) האָבן די דייטשע „עס־עס״ לייט איבער־גענומען די אויפזיכט איבערן אַרבעטס־לאַגער און זיי האָבן גלייך אָנגעהויבן צו פאַרניכטן די טויזנטער יידן, וואָס זיינען דאָרט געווען.

אין דעם דאָזיקן אַרבעטס־לאַגער איז אויך אומגעקומען אויף קידוש השם דער סטריקאָווער־קינאָווער רבי, ר׳ יעקב יצחק דן לאַנדוי, צוזאַ־מען מיט זיין זון ר׳ טוביה, אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ אברהם סלאָנימער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן און בעל מידות טובות.

דער ספינקער רבי איז אומגעקומען אין אוישוויץ

דער ערשטער ספינקער רבי ר׳ יוסף מאיר ווייס. — זיין זון, ר׳ יצחק־אייזיק, איז אומגעבראַכט געוואָרן אין אוישוויץ צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפחה, איין און דרייסיק נפשות.

ספינקער חסידות אין אונגאַרן האָט זיך אויסגעשפרייט איבער זיבן־בירגען, קאַרפּאַטן־רוסלאַנד, טראַנסילוואַניע און מאַרמאַראָש.

ספינקער חסידות איז געווען אַ צונויפמישונג פון נסתר און נגלה, פון קבלה און לומדות.

דער ספינקער רבי, ר׳ יצחק־אייזיק ווייס, הי״ד

פון איין צד האָט ספינקע געצויגן די גייסטיקע יניקה פון זידיטשויוו, פון דעם צווייטן צד, שלימות אין לערנען — די שיטה פון סאַנז, און דערצו נאָך — די ברענענדיקע עבודה פון בעלז...

מיט דריי הויפּט־מידות האָט זיך אויסגעצייכנט ספינקער חסידות: מיט אהבת התורה, אהבת השם און אהבת ישראל.

זיבעציק יאָר האָט אָנגעהאַלטן דאָס ספינקער חסידות אין אונגאַרן, ביז דער לעצטער רבי ר׳ יצחק־אייזיק ווייס איז געבראַכט געוואָרן אַ קרבן

אויף דער גרויסער עקידה, צוזאַמען מיט איין און דרייסיק נפשות פון זיין משפחה אין דעם איווון, וואָס די דייטשן האָבן טאָג און נאַכט געברענט אין אוישוויץ.

געבליבן איז אַ פונק פון דעם גרויסן פייער פון ספינקער חסידות.

אַן אייניקל פון ספינקער רבי׳ן, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, האָט זיך געראַטעוועט על־פי־נס און איז ממשיך דעם גאָלדענעם פאָדעם — דאָס איז דער היינטיקער ספינקער רבי, ר׳ יעקב־יוסף ווייס שליט״א, וועלכער וואוינט אין ברוקלין, ניו־יאָרק.

∴

דער שורש פון דער ספינקער דינאַסטיע שטאַמט פון קאַליווער רבי׳ן, ר׳ יצחק־אייזיק טויב [1], דער וואונדערלעכער צדיק, וואָס אַרום אים האָבן זיך געוועבט מעשיות, אַז ער איז אין די יונגע יאָרן געווען אַ פאַסטעך. דער קאַליווער רבי איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט חסידות קיין אונגאַרן. ער האָט גע׳שמ׳ט מיט זיינע ניגונים, וואָס ער פלעגט הערן זינגען פון אונגאַרישע פאַסטעכער. ער האָט אין זיי אַריינגע־בלאָזן אַ חסידישן אָטעם און זיי מקדש געווען און זיי זיינען געוואָרן חסידישע ניגונים, מיט יידישע און אונגאַרישע ווערטער.

צווישן די קאַליווער חסידים איז אויך געווען דער קאַליווער שוחט ר׳ שמואל־הערש, וועלכער איז יונג געשטאָרבן. ער האָט איבערגעלאָזט אַ יתום, אברהם, וועלכער האָט זיך אויפגעצויגן אין קאַליווער רבינ׳ס הויף.

דער קאַליווער רבי האָט אויפגעצויגן ר׳ אברהמ׳ען און ווען ער איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ מיידל פון מונקאַטש.

ר׳ אברהם האָט געהאַט דריי קינדער: ר׳ שמואל־הערש, ר׳ יצחק־אייזיק און ר׳ מרדכי.

אויף דער עלטער האָט ר׳ אברהם פאַרלאָזט מונקאַטש און איז געפאָרן קיין טבריה צוזאַמען מיט זיין ייִנגסטן זון ר׳ מרדכי. אין מונקאַטש זיינען געבליבן זיינע צוויי זין, דער בכור ר׳ שמואל־הערש, וואָס מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן נאָך זיין זיידן, און ר׳ יצחק־אייזיק, וואָס האָט געהייסן נאָכן קאַליווער רבי׳ן.

די צוויי ברידער ר׳ שמואל־הערש און ר׳ יצחק־אייזיק זיינען געפאָרן צו פאַרשיידענע רביים אין גאַליציע, צום רבי׳ן ר׳ שלום רוקח, קיין בעלז; צום רבי׳ן ר׳ הערש־אלימלך שפּיראָ קיין דינעוו און דער עיקר קיין זידיטשויב. צוערשט זיינען זיי געפאָרן צום רבי׳ן ר׳ יהודה־הערש פון ראַזלי און דערנאָך צום רבי׳ן ר׳ אייזיקל זידיטשויווער.

1) געבוירן אין יאָר תק״ד (1744), נפטר געוואָרן ז׳ אדר, תקפ״ח (1828), געווען אַ תלמיד פון רבי׳ן ר׳ שמעלקא פון ניקלשבורג.

ר׳ שמואל־הערש איז געווען אַ גרויסער בעל־מקובל און דער ראָזלער רבי ר׳ יהודה־הערש האָט אים געגעבן איבערצוקוקן דעם כתב־יד פון זיין חיבור אין קבלה און חסידות, דעם „דעת קדושים״.

ר׳ שמואל־הערש איז געווען אַן איידעם פון ר׳ צבי־הערש פון מונ־קאַטש, וועלכער איז געווען איינער פון די גדולי התורה פון שטאָט. צו זיין חתונה איז געקומען צופאָרן צו זיין מסדר קידושין דער דינעווער רבי ר׳ הערש־אלימלך, דער בעל „בני יששכר״.

אין יאָר תקצ״ח (1838) האָט דאָס פּאָרפּאָלק געהאַט אַ קינד און מען האָט עס אַ נאָמען געגעבן יוסף־מאיר.

ר׳ יוסף־מאיר איז געוואַקסן אַן עילוי. דער פאָטער האָט אים מיט־גענומען צו פאַרשיידענע רביים און דער בעלזער רבי האָט אים גערופן: „דער שיינער מוח״...

דער פאָטער זיינער, דער ראש בית־דין פון מונקאַטש, ר׳ שמואל־הערש, האָט געשיקט ר׳ יוסף־מאיר לערנען אין דער ישיבה פון זיין ברודער ר׳ יצחק־אייזיק, וואָס האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ גדול בתורה און האָט אַרויס־געגעבן דעם ספר „בית יצחק״. ווען דער „עילוי״ ר׳ יוסף־מאיר איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, איז ער געפאָרן לערנען אין דער ישיבה פון גאון מהר״ם אַש אין אונגוואַר. דערנאָך האָט ער געלערנט אין דער ישיבה פון רבי׳ן ר׳ שמעלקע פון הוסט.

צו זעכצן יאָר האָט דער „עילוי״ ר׳ יוסף־מאיר חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון גביר ר׳ מרדכי פון באַרשע, וועלכער האָט געשטאַמט פון דער גזע פון רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל פּרעמישלאַנער. ר׳ יוסף־מאיר האָט גע־געסן קעסט און געזעסן און געלערנט. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז זיין פרוי געשטאָרבן, און ער האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט קיין מונקאַטש.

אין יאָר תרל״ג (1873), ווען דער זידיטשויווער רבי ר׳ אייזיקל איז נפטר געוואָרן [2]) האָבן אַ טייל פון זידיטשויווער חסידים פון דער סביבה אַרום ספּינקע געקרוינט ר׳ יוסף־מאיר׳ן פאַר אַ רבי׳ן.

אַזוי איז געגרינדעט געוואָרן די גרויסע ספּינקער דינאַסטיע, וואָס האַלט אָן ביזן היינטיקן טאָג.

∴

דער ספּינקער רבי ר׳ יוסף־מאיר ווייס האָט זיך נוהג געווען אין דאַ־ווענען לויטן נוסח זידיטשויוו. ער פלעגט זאָגן תורה ביי די טישן און דער־ציילן מעשיות פּרייטיק־צו־נאַכטס ביים „צווייטן טיש״, גערופן דער „פּירות־טיש״.

נאָך איידער דער ספּינקער רבי איז נתגלה געוואָרן האָט ער געשריבן חדושי תורה אויף תורה און מועדים און ער האָט עס אַ נאָמען געגעבן

2) ר׳ יצחק־אייזיק איז נפטר געוואָרן ט׳ סיוון תרל״ג (1873).

„אמרי יוסף". ער האָט געשריבן אַ פּירוש אויף די ספרי קבלה און ער האָט אַ סך עוסק געווען אין שרייבן חיבורים.

דער ספּינקער רבי ר' יוסף־מאיר האָט תמיד געהאַט אַ משמש אַ יונגנ־מאַן, וואָס איז נישט געווען קיין איבערגעשפּיצטער, כדי דער משמש זאָל נישט פאַרשטיין זיין דרך אין יידישקייט.

איינמאָל ביינאַכט, נאָך חצות, זעט דער משמש ווי דער רבי שפּרייט אויס אַ ליילעך אויף דער ערד און קלאָגט און וויינט.[3] האָט דער משמש נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס דער רבי וויינט, איז ער צוגעגאַנגען צום רבי'ן און אים געפרעגט:

— פאַרוואָס וויינט דער רבי, וואָס פעלט אייך? געלט האָט איר, אַ הויז האָט איר, איז פאַרוואָס וויינט איר?

ענטפערט אים דער רבי:

— איך וויין, ווייל איך בין נישט ראוי צו דעם אַלעם . . .

דער ספּינקער רבי פלעגט זיך באַנוצן מיט אייגענע תפילות, וואָס ער האָט מחבר געווען און ער פלעגט זיי מתפלל זיין ביינאַכט און פאַרטאָג, איידער ער האָט זיך געשטעלט דאַווענען.

די תפילה זייגע האָט זיך אָנגעהויבן: „רבונו־של־עולם, היינט איז דער און דער טאָג, אַזאַ טאָג איז נישט געווען פון זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן און וועט שוין אויך מער נישט זיין. היינט איז אַזאַ טאָג, אַז אַפילו אַזאַ שפּל'דיקע בריאה ווי איך קאָן זיך שטעלן דאַווענען. בעט איך דיך, רבונו־של־עולם, אַז דו זאָלסט רחמנות האָבן אויף מיר און צוהערן מיין תפילה" . . .

דערנאָך פלעגט ער אין דער תפילה אויסרעכענען אַלע רביים פון זיין דור און ערשט דערנאָך האָט ער זיך געשטעלט דאַווענען לויטן זידיטשויער נוסח און געדאַוונט האָט ער מיט אַזאַ התלהבות, אַז אָפט פלעגט אים באַכן דאַווענען גיין בלוט פון האַלדז . . .

דער ספּינקער רבי איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה. איינמאָל איז צו אים געקומען אַן אָרעמאַן און דער ספּינקער רבי האָט נישט געהאַט קיין גראָשן אים צו געבן אַ נדבה, האָט ער דערפון גרויס צער געהאַט. האָט אים זיין זון, זיין ממלא מקומו, ר' יצחק־אייזיק, געטרייסט, אַז זיין מחשבה איז דאָך געווען אַ גוטע, און מיר ווייסן, אַז מחשבה טובה איז דער אייבערשטער מצרף למעשה, איז דאָך גלייך ווי ער וואָלט מקיים געווען די מצוה פון געבן צדקה.

זאָגט צו אים דער ספּינקער רבי:

„אמת, דאָס איז גוט פאַר דעם, וואָס וויל בלויז מקיים זיין אַ מצוה, אָבער וואָס וועט דער אָרעמאַן האָבן דערפון? איך וויל דאָך, אַז דער אָרעמאַן

3) ער האָט אָפּגעריכט חצות.

זאָל האָבן עטלעכע מטבעות צו קויפן שפּייז פאַר זיין הויזגעזינט, און ווי אַזוי וועט ער געבן צו עסן זיין ווייב און קינדער, ווען איך וועל מיט דער מחשבה אַליין האָבן מקיים געווען די מצוה?...״

∴

דאָס ספינקער חסידות האָט זיך פאַרשפּרייט אין גאַנץ אונגאַרן. עס זיינען געקומען חסידים, וואָס זיינען געווען ״יושבים״ און עס זיינען אויך געקומען מקובלים און גאונים. צווישן זיי, זיין ברודער דער גאון ר׳ יצחק־אייזיק, דער בעל ״בית יצחק״. קיין ספינקע איז אויך געפאָרן דער בער־זשאַנער גאון, ר׳ שלום־מרדכי הכהן שוואַדראָן, דער ״מהרש״ם״...

דער ספינקער רבי האָט אויפגעשטעלט אַ גרויס בית־המדרש אין הויף. אין ראש השנה תרס״ג (1902) האָט דער ספינקער רבי שוין געדאַוונט אינעם נייעם בית־המדרש.

און אין יאָר תרס״ט (1809) איז דער ספינקער רבי, אַ זקן פון צוויי און זיבעציק יאָר שטאַרק קראַנק געוואָרן און אינעם זעלבן יאָר ו׳ אייר איז דער ספינקער רבי נסתלק געוואָרן...

∴

נאָך דער פּטירה פון אַלטן ספינקער רבי׳ן ר׳ יוסף־מאיר, האָבן די חסידים געקרוינט פאַר זייער רבי׳ן זיין זון, ר׳ יצחק־אייזיק ווייס, וועלכער ווערט אָנגערופן אויפן נאָמען פון זיין ספר ״חקל יצחק״...

דער רבי ר׳ יצחק־אייזיק איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרל״ה (1875). חסידים דערציילן, אַז ער איז אויסגעבעטן געוואָרן ביים זידיטשויווער רבי׳ן.

דער רבי ר׳ יצחק־אייזיק איז געווען אַ גרויסער מתמיד.

חסידים זאָגן אַז דער פאָטער זיינער האָט אים געלערנט לייענען אַ קוויטל. און ווען דער אַלטער ספינקער רבי, דער בעל ״אמרי יוסף״, איז שוין געווען קראַנק האָט ער געהייסן די חסידים, זיי זאָלן זיך פּראַווען ביי זיין זון, ר׳ יצחק־אייזיק.

דער רבי ר׳ יצחק־אייזיק שרייבט אַליין אין זיין הקדמה צום ספר פון זיין פאָטער ״אמרי יוסף״, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן: ״... בעתים הללו החל אדמו״ר זצ״ל הכ״מ למסור לי עניניו והבנתי שפניו מועדות לילך לעולם העליון וכמה פעמים ללמדנו קבלת הפתקין וכוונת ברכת הכהנים...״ (אין יענער צייט האָט מיין פאָטער זצ״ל אָנגעהויבן מיר איבערצוגעבן זיינע ענינים און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער גרייט זיך אויף יענער וועלט און אַ סך מאָל האָט ער מיך געלערנט ווי צו נעמען קוויטלעך און די כוונה פון ברכת כהנים).

דער ספינקער רבי האָט געשריבן חדושי־תורה אין נגלה און אין

נסתר, אָבער ער פלעגט זיי אַליין פאַרברענען. דאָך האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַ סך כתב־יד'ן, וואָס זיינען דורך די דייטשן פאַרניכטעט געוואָרן. עס איז אָבער געבליבן איין כתב־יד, וואָס זיין אייניקל דער הייַנטיקער ספּינקער רבי, ר' יעקב־יוסף, האָט עס אַרויסגעגעבן.

דער רבי ר' יצחק־אייזיק איז געגאַנגען אין דרך פון זיין פאָטער, ער האָט ממשיך געווען דעם נוסח פון זידיטשויווער רבי'ן, ער האָט אין זיין חסידישן הויף געגרינדעט אַ ישיבה מיטן נאָמען „בית יוסף" און ער אַליין האָט יעדן טאָג געזאָגט אַ שיעור פאַר די תלמידים.

זייער אָפט ווען ער האָט זיך פאַר'מוח'ט, פלעגט ער זאָגן: „הייליקער באַשעפער, האָב אויף מיר רחמנות, איך וויל דיך דינען". אָדער: „טאַטע לעבן, האָב אויף מיר רחמנות, איך וויל דאָך דיך דינען" . . .

און בשעת'ן געזעגענען די חסידים, פלעגט ער בלויז ווינטשן: „אַ ישועה פון הימל". אַזוי פלעגט אויך בענטשן דער זידיטשויווער רבי.[4]

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער ספּינקער רבי אַוועק קיין בודאַפּעסט, דערנאָך האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין מונקאַטש.

נאָך דער מלחמה איז די שטאָט ספּינקע אַריבער צו די רומענער, דער ספּינקער רבי האָט אויסגעבויט אַן אייגענעם הויף מיט אַ בית־מדרש אין סעליש.

בלויז צוויי מאָל אַ יאָר איז דער רבי ר' יצחק־אייזיק געפאָרן קיין ספּינקע — שבת פאַר ו' אייר, ווען עס פאַלט אויס די יאָרצייט נאָך זיין פאָטער דעם בעל „אמרי יוסף", און שבת פאַר ערב ראש חודש שבט, ווען עס איז די יאָרצייט נאָך זיין מוטער.

אויף די צוויי שבתים פלעגן הונדערטער חסידים פון דער גאַנצער געגנט קומען צום רבי'ן אויף שבת.

דער ספּינקער רבי האָט אויפגעשטעלט אַ ישיבה אין סעליש, גערופן „בית יוסף", דאָרט האָבן געלערנט עטלעכע הונדערט בחורים.

אויך זיין זון, ר' נפתלי־צבי, וואָס איז געווען רב אין בילקע, איז געווען ראש־ישיבה אין סעליש. דערנאָך האָט ער אַליין אויפגעשטעלט אַ ישיבה אין בילקע.

∴

ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, האָט די אונגאַרישע רעגירונג גלייך אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן יידן, דערמיט האָט זי געוואָלט נושא־חן זיין ביי די היטלעריסטן.

די אונגאַרישע רעגירונג האָט קודם־כל פאַרמאַכט די ישיבות און צעטריבן די ישיבה־בחורים.

סעליש איז געווען אַ פּופּציק קילאָמעטער פון דער פּוילישער גרעניץ.

4) געבראַכט אין קונטרס „חסידות ספינקא ואדמו"ריה", ירושלים, זייט 7 און 10.

אין פוילן און אין גאַליציע האָבן שוין געברענט די נאַצישע קאַלך־אויוונס. יידן האָבן געזוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן זיך צו ראַטעווען.

געווען יידן וואָס האָבן אַוועקגעגעבן גויים בריליאַנטן און גאָלד זיי זאָלן זיי פירן צו דער אונגאַרישער גרעניץ. געווען יחידים וואָס האָבן זיך אויף אַזאַ אופן דערשלאָגן צו דער גרעניץ. אָבער דאָרט, אין אונגאַרן, זיינען זיי געכאַפּט געוואָרן פון דער אונגאַרישער זשאַנדאַרמעריע. האָבן יידן אין אונגאַרן זיך מוסר־נפש געווען צו ראַטעווען די יידן פון גאַליציע, זיי באַ־האַלטן און זיי פאַרשאַפט אונגאַרישע פאַלשע פּאַפּירן.

דער ספּינקער רבי האָט אויך געהייסן אויסבויען אונטער זיין פּראַוועס־שטוב אַ בונקער און דאָרט האָט ער באַהאַלטן יידן פון גאַליציע, וואָס זיי־נען אַנטלאָפן פון דייטשן גיהנום.

די אונגאַרן האָבן נאָך דעמאָלט נישט אומגעבראַכט אונגאַרישע יידן, אָבער אַ באַפעל איז אַרויס, אַז ווער עס וועט באַהאַלטן ביי זיך אַנטלאָפענע פּוילישע יידן, דער וועט אַרעסטירט ווערן. האָט דער ספּינקער רבי נישט געקוקט אויף דעם באַפעל און ער האָט ווייטער באַהאַלטן ביי זיך אַנטלאָ־פענע יידן.

אין בונקער פלעגן די יידן אָפּזיין עטלעכע טעג, ביז זיי זיינען געקומען צו זיך, אינצווישן האָט מען פאַר זיי צוגעגרייט פאַלשע פּאַפּירן און מען האָט זיי געשיקט מיט דער באַן, אין אַ שלאָף־וואַגאָן קיין בודאַפּעסט.

די געראַטעוועטע יידן האָבן געמוזט פאָרן אין שלאָף־וואַגאָנען, כאָטש עס האָט געקאָסט זייער טייער, ווייל די יידן האָבן געהאַט געמאַכטע אונ־גאַרישע פּאַפּירן און ווען אַן אונגאַרישער זשאַנדאַר האָט זיי געפרעגט עפּעס אַ וואָרט אין אונגאַריש האָבן זיי נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, האָט ער גלייך געקענט אויסגעפינען, אַז זיי פאָרן אויף פאַלשע דאָקומענטן. אָבער אַז זיי זיינען געפאָרן אין שלאָף־וואַגאָנען האָט מען זיי נישט געטשעפּעט און זיי זיינען בשלום אָנגעקומען קיין בודאַפּעסט און דאָרט האָבן זיי זיך שוין געקאָנט אויסבאַהאַלטן פון די דייטשע און אונגאַרישע זשאַנדאַרן.

איינמאָל האָט די אונגאַרישע זשאַנדאַרמעריע געכאַפּט אַ ייד, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן ביי דעם ספּינקער רבי׳ן אין הויף, האָט די אונגאַרישע פּאָליציי אַרעסטירט דעם ספּינקער רבי׳ן. דער ספּינקער רבי האָט אָבער גע׳טענה׳ט, אַז ער ווייסט נישט ווער עס קומט צו אים, ער איז אַ רבי און צו אים קומען אַ סך יידן. ער פרעגט זיך נישט אויף „פּאַספּאָרטן״.

נאָך צוויי טעג זיצן אין תפיסה איז דער ספּינקער רבי באַפרייט גע־וואָרן, אָבער די פּאָליציי האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז דער ספּינקער רבי זאָל יעדע נאַכט פאַרמאַכן דעם טויער פון זיין הויף, אַזוי אַרום וועט קיין פרעמדער ייד נישט קאָנען אַריינקומען.

די יידן וואָס זיינען אַנטלאָפן פון גאַליציע פלעגן תמיד אָנקומען ביי־נאַכט, און האָבן שוין געהאַט דעם אַדרעס פון ספּינקער רבי׳ן. ווען מ׳וואָלט

געווען פֿאַרשלאָסן דעם טויער, וואָלטן כמעט אַלע גאַליציאַנער יידן געווען געכאַפּט געוואָרן. האָט דער ספּינקער רבי געזאָגט זיינע חסידים, מען זאָל צענעמען דעם טויער פון זיין הויף און די יידן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דייטשן גיהנום האָבן ווייטער געפונען אַ מקום מקלט ביים ספּינקער רבי׳ן אין הויף . . .

אַט אַזוי האָט דער ספּינקער רבי כסדר געלעבט אין סכנה אין סעליש ביז עס איז געקומען דער טאָג פון דעם 22טן מערץ 1944, ווען די נאַציס האָבן איבערגענומען די מאַכט אין אונגאַרן און זיי האָבן גלייך אָנגעהויבן איינצופירן אַנטי־יידישע געזעצן אַזוי ווי אין פוילן און גאַליציע.

די יידן אין דער וועלט האָבן געוואוסט, אַז דער גורל פון די אונגאַרישע יידן איז אַ פאַר׳חתמ׳עטער, האָבן די ספּינקער חסידים אין ישראל געשיקט אַ סערטיפיקאַט צום ספּינקער רבי׳ן, ער זאָל קענען אַרויספאָרן קיין ארץ־ישראל.[5]

ספּינקער חסידים גיבן איבער, אַז אַנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אָנגעקומען אַ וויזע פון ענגלאַנד פאַרן ספּינקער רבי׳ן, אָבער דער ספּינקער רבי האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיינע חסידים.

∴

די דייטשע מערדער מיט זייערע אונגאַרישע אַרויסהעלפער האָבן אסרו־חג פסח, 1944, געמאַכט אַ געטאָ אין סעליש. זיי האָבן צונויפגעטריבן די יידן פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך און זיי געבראַכט אין געטאָ אַריין. אין סעלישער געטאָ זיינען געווען פון צען ביז צוועלף טויזנט יידן.

ספּינקער חסידים האָבן זיך מוסר־נפש געווען און האָבן אַריינגעבראַכט עסן פאַרן רבי׳ן און זיין משפחה.

ס׳זיינען אויך געווען יידישע פּאַרטיזאַנער, און זיי האָבן געוואָלט אַרויסראַטעווען דעם ספּינקער רבי׳ן, אָבער דער ספּינקער רבי האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן די יידן אין געטאָ.

דריי טראַנספּאָרטן מיט אומגליקלעכע יידן האָבן די דייטשע רוצחים געשיקט פון סעלישער געטאָ קיין אוישוויץ צו פאַרברענען.

דער ספּינקער רבי ר׳ יצחק־אייזיק איז אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ מיט דעם דריטן טראַנספּאָרט אין ראש חודש סיון.

אינעם דריטן טראַנספּאָרט זיינען געווען אַ צוויי טויזנט יידן און צוזאַ־

5) אויך זיין זונ׳ס איידעם, הרב ישכר־בער בערגמאַן פון ניו־יאָרק, האָט אַרויס־געשיקט פאַפּירן פון אַמעריקע צו זיין שווער, ר׳ נפתלי־צבי, דער בילקער רב, וועלכער איז געווען דעם קאַגעריוער רבי׳נס איידעם, און צום ספּינקער רבי׳ן, זיי זאָלן קענען אַרויספאָרן אין אַן אַנדער לאַנד אַריין. אָבער דער ספּינקער רבי, וועלכער איז שוין דע־מאָלט געווען אַ בן־שבעים, האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיינע חסידים, איז אויך זיין זון, דער בילקער רבי, געבליבן מיטן פאָטער.

מען מיטן ספינקער רבי׳ן זיינען פאַרשיקט געוואָרן זיין עלטסטער זון ר׳ ישראל־חיים מיט זיין גאַנצער משפחה, זיין רביצין און קינדער און אייניקלעך, צוזאַמען ניין נפשות.

עס זיינען אויך אומגעקומען אויף קידוש־השם:

דעם ספינקער רבינס טאָכטער שיינדל, די קראָלער רביצין און די פרוי פון רב ר׳ אברהם־אַביש האָראָוויץ, אַ זון פון רבי׳ן ר׳ נפתלי האָראָוויץ פון מעליץ, גאַליציע [6]) מיט זייערע זיבן קינדער.

דער בילקער רב ר׳ נפתלי־צבי מיט זיין רביצין שיינדל און זייער בן־יחיד.

לויט ווי עס גיט איבער יהודה רעזמיווש [7]) איז דער ספינקער רבי געגאַנגען מיט שמחה צו דער עקידה. די מענטשן וואָס האָבן אים באַגלייט האָבן דערציילט, אַז ער האָט אויפן גאַנצן וועג געזונגען „וטהר לבנו לעבדך באמת״.

אַ ייד פון סעליש, וואָס איז צוזאַמען געפאָרן מיטן רבין, איז צוגעלאָפן אין וואַגאָן צום רבי׳ן און האָט אים מיט גרויס געוויין געבעטן: „רבי, זייט מתפלל עס זאָל געשען אַ נס, ווייל מיר פאָרן אַקעגן דעם טויט״.

דער ספינקער רבי איז שוין געווען זייער אָפּגעשוואַכט, האָט ער אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דעם יידנס פּלייצע און האָט אים געטרייסט:

— האָב נישט קיין מורא, מיר גייען אַקעגן משיח׳ן . . .

האָט דער ייד אויסגעבראָכן נאָך אין אַ גרעסער געוויין.

— יאָ — האָט דער ספינקער רבי ווייטער געזאָגט — משיח זיצט געשמידט אין קייטן אין רוים און מיר דאַרפן אים אויסלייזן!...

ווען דער ספינקער רבי איז אָנגעקומען קיין אוישוויץ מיט זיין גאַנצער משפחה און נאָך טויזנטער יידן, האָט דער באַרימטער רשע, דר. מענגעלע געמאַכט אַ סעלעקציע, די געזונטע און יונגע זיינען געגאַנגען רעכטס, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז זיי וועלן בלייבן לעבן, און די זקנים, די שוואַכע, פרויען און קינדער זיינען געשטעלט געוואָרן לינקס, דאָס האָט געמיינט, אין גאַז־קאַמער אַריין פאַרברענט צו ווערן . . .

דער ספינקער רבי מיט זיין גאַנצער משפחה זיינען געשטעלט געוואָרן לינקס . . .

דאָס איז געווען מאָנטיק, י״ג סיון, תש״ד (1944).

ספינקער חסידים דערציילן אין נאָמען פון ר׳ משה׳לע אָרשיווער, וועלכער איז אויך געשטעלט געוואָרן לינקס און איז מיטגעגאַנגען מיטן ספינקער רבי׳ן, ביז מען האָט אים אַריינגעפירט אין גאַז־קאַמער, אַז דער

6) ער האָט צוערשט אָנגעפירט מיט דער ישיבה אין ספינקע, דערנאָך האָט ער געעפנט אַ ישיבה אין קראָלי.

7) אין קונטרס: „חסידות ספינקא ואדמו״ריה״, זייטן 32־33.

רבי האָט אויפן גאַנצן וועג ביז צו דער לעצטער רגע געשריגן: „אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה" . . .[8]

אין דעם זעלבן טאָג זיינען עטלעכע טויזנט יידן פאַרברענט געוואָרן „אויפן מזבח" . . . און מיט זיי צוזאַמען דער ספינקער רבי ר' יצחק־אייזיק, מיט זיינע קינדער און אייניקלעך, צוזאַמען איין־און־דרייסיק נפשות, הי"ד.

געראַטעוועט האָט זיך, ווי דורך אַ נס, בלויז דעם ספינקער רבי'נס אייניקל, ר' יעקב־יוסף ווייס, דער היינטיקער ספינקער רבי און אַ זון פון אַלטן ספינקער רבי'נס עלטסטן זון, ר' ישראל־חיים, הי"ד. ער איז גלייך ווי ער איז באַפרייט געוואָרן פון טויטן־לאַגער געפאָרן קיין סעליש און האָט אונטער קופּעס שנייי געפונען פאַרשידענע בלעטער פון אַ גרויסן חיבור פון אַ כתב־יד, וואָס זיין זיידע האָט געשריבן. ער האָט די בלעטער צונויפגעזאַמלט, זיי מגיה געווען און אין יאָר תשי"ב (1952) אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק דאָס ספר „חקל יצחק" פון זיין זיידן. אין דער הקדמה שרייבט דער היינטיקער ספינקער רבי, אַז ער האָט אַ נאָמען געגעבן דעם ספר „חקל יצחק", ווייל „חקל" איז בגימטריה „אייזיק".

דער ספינקער רבי, ר' יצחק־אייזיק פלעגט תמיד, איידער ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן תורה, זאָגן: „ווי אַזוי דערלויבט זיך אַזאַ שפּל/דיקע בריאה ווי איך בין, צו זאָגן תורה צו אַזאַ הייליק פאָלק?"

אין ספר „חקל יצחק" (חלק ראשון, דף פ"ד) איז זיך מתנצל דער ספינקער רבי ר' יצחק אייזיק און זאָגט, אַז ער האָט זיך אָנגענומען מיט כוח צו פאַרשרייבן די חידושי־תורה, וואָס ער האָט מחדש געווען, און אויב ער האָט געגרייזט, וועט דער אייבערשטער מיט זיין גוטסקייט אים מוחל זיין . . .[9]

8) „אַ פייער זאָל תמיד ברענען אויפן מזבח און זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן" — (ויקרא ו', ו').

9) וועגן דעם ספינקער רבי'ן ר' יוסף־מאיר ווייס איז דערשינען אַ ספר „בית ספינקה" פון יהודה־לייב לעווין, ירושלים תשי"ט (1959), אויף זייטן 151־153, וועגן אומקום אויף קידוש־השם פון זיין זון ר' יצחק אייזיק.

דער פּיאַסעטשנער רבי האָט פאַרלוירן זיין איינציקן זון און אַליין אומגעקומען אויף קידוש השם

דער פּיאַסעטשנער רבי ר׳ קלונימוס־קלמן שפּירא. — ער האָט געאַרבעט ווי אַ שוסטער אין וואַרשעווער געטאָ. — זיינע כתבים זיינען נאָך דער מלחמה אויסגעגראָבן געוואָרן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

אויף די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ האָבן אַרבעטער, וועלכע האָבן געגראָבן אַ פונדאַמענט פאַר אַ נייעם בנין, זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פּאָר בלעכענע פּושקעס. זיי האָבן די פּושקעס געעפנט און האָבן דערזען, אַז דאָרט געפינען זיך מאַנוסקריפּטן געשריבן אין יידישע אותיות. די אַרבעטער האָבן



דער פּיאַסעטשנער רבי, ר׳ קלונימוס־קלמן שפּירא, הי״ד

דאָס געוועזן דעם אַרבעטס אויפזעער, און ער האָט זיי געהייסן די פּושקעס מיט די מאַנוסקריפּטן אַוועקגעטראָגן אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט. פּראָפעסאָר בער מאַרק, אָנפירער פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, האָט אַריינגעקוקט אין די כתב־יד׳ן און האָט דערזען, אַז זיי זיינען חסידישע

תורות, געשריבן פון אַ רבי׳ן, אָדער רביים אין געטאָ און האָבן די לעצטע טעג פאַר זייער „אויסזידלונג״, די כתב־יד׳ן באַגראָבן.

פּראָפעסאָר בער מאַרק האָט דאָן די כתבי־יד׳ן גענוי דורכשטודירט און ער האָט צווישן זיי געפונען אַ בריוול פון אַ רבי׳ן, וואָס האָט די כתב־יד׳ן באַגראָבן.

דער רבי וואָס האָט געשריבן די חדושי תורה איז געווען דער רבי ר׳ קלונימוס קלמיש שפּירא, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

און אָט וואָס עס שטייט אין בריוול:

„אויפמערקזאַם ! ! !

„ב״ה. איך האָב דעם כבוד מיר צו ערלויבען צו בעטהען דעם געעהרטען הערר, וואָס וועט געפונען מיינע פאָלגענדע כתבים: „הכשרת האברכים״, „מבא השערים״ (פון חובת האברכים), „צו זרוז״, „חדושי תורה״ און די תורות פון די יאָרן ת״ש, תש״א און תש״ב, זאָגיטינס זיך מטריח צו זיין זייא איבער צושיקן קיין ארץ ישראל, אויף דער פאָלגענדע אַדרעס: „הרב ישעי׳ שפּירא, תל אביב, פּאַלעסטינא (פלשתינה)״. אויף דעם דאָזיקען בריף מיט צו שיקן. אַז השי״ת וועט זיך מרחם זיין, איך וועל מיט די איבערגעבליבענע יודען איבערלעבען די מלחמה, בעהט איך מוחל זיין דאָס אַלעס מיר צוריקצוגעבן, אָדער דעם וואַרשער ראַבינאַט פיר קלונמוס, וד׳ ירחם עלינו שארית ישראל די בכל אתר ואתר ויצילנו ויחיינו ויושיענו כהרף עין.

„מיט טיעף הארציגעס דאַנק, „קלונמוס״.

דערנאָך איז געפונען געוואָרן אַ בריוו, געשריבן אין לשון־קודש, דאַטירט: „אור ליום ב׳ וארא, כ״ו טבת תש״ג לפ״ק״ (1943).

דער דאָזיקער בריוו איז אַדרעסירט צו „לכבוד הרב הנכבד ר׳ ישעיה שפירא שליט״א, לכבוד ידידי המפואר ר׳ אבנר בינענטאהל נ״י, לכבוד ידידי הנאמן ר׳ אלימלך בן פורת נ״י ולכבוד אוהבי אחי ורעי הנצמדים בלבי מאש שיחיו״ . . .

פּראָפ. בער מאַרק האָט אויסגעפונען, אַז דער כתב־יד איז פון פּיאַסעטשנער רבי׳ן, און אַזוי ווי ער האָט געקראָגן אַ בקשה פון אַ וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוציע אין מדינת ישראל, אַז אויב אין זיין ארכיוו געפינען זיך כתב־יד׳ן פון פּיאַסעטשנער רבי׳ן, זאָל ער זיי איבערשיקן, האָט פּראָפעסאָר מאַרק די בקשה דערפילט און האָט פון זיי געמאַכט פאָטאָסטאַטן און זיי אַוועקגעשיקט קיין ירושלים.

דער פּיאַסעטשנער רבי איז אומגעקומען אויף קידוש השם; ר׳ ישעיה־לע שפירא איז נפטר געוואָרן אין ישראל, ערב שבועות, תש״ה (1945), האָבן די פּיאַסעטשנער חסידים צוזאַמען מיט ר׳ ישעיה׳לע שפּירא׳ס זון

ר׳ אלימלך, צונויפגענומען די כתב־יד׳ן — די תורות, וואָס דער פּיאַסעטש־נער רבי האָט געזאָגט אין געטאָ — און זיי אַרויסגעגעבן אין אַ ספר אונטערן נאָמען „אש קודש״,[1] מיט אַן הקדמה פון פּיאַסעטשנער חסיד ברוך דובדבני און אַ ביאָגראַפיע פון פּיאַסעטשנער רבי׳ן פון ר׳ אהרן סאָרסקי.

דער פּיאַסעטשנער רבי האָט אין זיין בריוול געבעטן אַז דער וואָס וועט געפינען זיין כתב־יד עס איבערצוגעבן דעם רבי׳ן ר׳ ישעיה׳לע שפּירא אין ישראל. ער האָט נישט דערמאָנט זיין שוואָגער דעם קאָזשעניצער רבי׳ן ר׳ ישראל האָפּשטיין, וועלכער האָט געוואוינט אין ברוקלין, ניו־יאָרק,[1א)] ווייל דעמאָלט, האַרט פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, האָט דער קאָזשעניצער רבי געוואוינט אין פּאַריז, און דער פּיאַסעטשנער רבי האָט נישט געוואוסט וואָס מיט אים איז געשען. ער האָט מורא געהאַט, אַז זיין שוואָגער טיילט דעם זעלבן ביטערן גורל וואָס ער אַליין. אָבער קיין ארץ ישראל, איז דער פּיאַסעטשנער רבי געווען זיכער, וועלן די דייטשע מערדער נישט דערגרייכן. דעריבער האָט ער געבעטן מען זאָל זיין כתב־יד איבערגעבן צו ר׳ ישעיה׳לע שפּירא אין תל־אביב. דער קאָזשעניצער רבי האָט זיך טאַקע ווי דורך אַ נס געראַטעוועט פון פּאַריז און אָנגעקומען בשלום קיין אַמעריקע.

אין דעם העברעאישן בריוו, וואָס מיר גיבן בלויז טיילן פון אים אין יידיש, שרייבט דער פּיאַסעטשנער רבי צו הרב ר׳ ישעיה׳לע שפּיראָ און צו די אַנדערע ידידים זיינע, אַז דעם קונטרס „הכשרת האברכים״ האָט ער אָנגעהויבן צו דרוקן פאַר דער מלחמה, אָבער צוליב דער מלחמה איז דאָס דרוקן אָפּגעשטעלט געוואָרן און ער בעט, אַז מען זאָל אַרויסגעבן זיינע תורות פון די יאָרן ת״ש, תש״א און תש״ב.

„ווען איך האָב אָנגעהויבן צו דרוקן דעם קונטרס „הכשרת האברכים״, — שרייבט דער פּיאַסעטשנער רבי, — האָב איך בלויז אָנגעגעבן אַ דער־מאָנונג מיין זוגתי הצדיקת ז״ל, ווייל מיין מאַמע און מיין זון (ר׳ אלימלך בן ציון) דער קדוש און מיין שנור האָבן נאָך געלעבט, און עס איז מיר גוט געווען, אָבער איצט, צו מיין גרויס באַדויערן און צו מיין גרויסער בראָך, האָב איך פאַרלוירן, צוליב מיינע פילע זינד, דאָס איינציקע וואָס עס איז מיר טייער געווען, און מיינע אויגן זיינען מיר, לא עליכם, פאַרפינצטערט גע־וואָרן. דעריבער בעט איך אייך איר זאָלט אַזוי גוט זיין און אָפּדרוקן די אזכרות וואָס איך פאַרצייכן דאָ.

„דער אייבערשטער זאָל זיך דערבאַרעמען און ער זאָל זאָגן, אַז עס

1) „אש קודש״, אמרות טהורות משנות השואה ת״ש, תש״א, תש״ב שנאמרו בשבתות ויו״ט בגיטו ורשא הדוויה, ירושלים תש״ך (1960). אַרויסגעגעבן פון „ועד חסידי פּיאַסצנה״, אָנגעפירט פון מחברס ברודערס זון ר׳ אלימלך, דער זון פון ר׳ ישעיה שפּיראָ.

1א) נפטר געוואָרן פאַראַיאָרן, 1966.

איז שוין געגוג צו די יידישע צרות און צו מיינע צרות און ער זאָל מיר צוריקברענגען מיין טאָכטער רעכיל יהודית, וואָס איז צוגעכאַפּט געוואָרן ב׳ אלול, ו׳ שופטים, תש״ב.

„אויך זאָלט איר אַזוי גוט זיין און אָפּדרוקן דעם נאָמען פון מיין פאָטער זצ״ל און דעם נאָמען פון מיין שווער זצ״ל״.[2]

דעם פּיאַסעטשנער רבי׳נס שנור, דעם קדוש ר׳ אלימלך בן ציונ׳ס ווייב, גיטל, די טאָכטער פון רבי׳ן ר׳ שלמה חיים פון באַלעכאָוו, איז גע־שטאַנען ביים שפּיטאָל פון איר פאַרוואונדעטן מאַן, און זי איז גע׳הרג׳עט געוואָרן דינסטיק, י״ג תשרי, ת״ש (1939).[3]

∴

דער פּיאַסעטשנער רבי ר׳ קלונימוס קלמן שפּירא, איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ אלימלך פון גראָדזשיסק, פון דער קאָזשעניצער רבי׳שער גזע. ער איז געבוירן געוואָרן, ט״ו אייר תרמ״ט (1889). ער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ ירחמיאל משה פון קאָזשעניץ. ווען ער איז אַלט געווען 19 יאָר איז ער געוואָרן רבי.

פּיאַסעטשנע איז געווען אַ קליין שטעטל, נעבן וואַרשע, דאָרט האָט דער רבי געהאַט זיין הויף, אָבער ער האָט מער געוואוינט אין וואַרשע ווי אין פּיאַסעטשנע, און ער איז אָנגערופן געוואָרן — אויפן נאָמען פון זיין „רעזידענץ״־שטאָט, „דער פּיאַסעטשנער רבי״ . . .

דער פּיאַסעטשנער רבי האָט געשריבן גוט העברעאיש. ער האָט מחבר געווען ספרים וועגן יידישער דערציאונג אויף אַ מאָדערנעם אופן. ער האָט אויך געהאַט אַ נייגונג צו מעדיצין, און ווען עס איז צו אים גע־קומען אַ ייד מיט אַ קוויטל און זיך באַקלאָגט, אַז ער איז קראַנק און געבעטן

2) ר׳ ירחמיאל משה האָפּשטיין פון קאָזשעניץ.

דער רבי ר׳ ירחמיאל משה האָפּשטיין פון קאָזשעניץ, אַ זון פון רבי׳ן ר׳ יחיאל יעקב פון קאָזשעניץ. געבוירן י׳ אלול תר״ך (1860), נפטר געוואָרן י״ג אלול תרס״ח (1908).

אינעם ספר „אש קודש״ געפינט זיך אַ בלעטל מיט דער אזכרה פון אַלע נעמען וואָס דער פּיאַסעטשנער רבי האָט אויסגערעכנט און עס זיינען צוגעגעבן געוואָרן די וואָס זיינען דערנאָך צוזאַמען מיט אים אומגעקומען. אין דער אזכרה ווערט דערמאָנט דעם פּיאַסעטשנער רבי׳נס מוטער, חנה ברכה, די טאָכטער פון כענטשינער רבי׳ן ר׳ חיים שמואל הלוי (זי איז נפטר געוואָרן כ׳ מרחשוון, ת״ש (1940). דעם פּיאַסעטשנער רבינ׳ס ווייב, חיה מרים, די טאָכטער פון קאָזשעניצער רבי׳ן ר׳ ירחמיאל משה. (די קאָזשעניצער רבי׳צין איז נפטר געוואָרן י׳ תמוז, תרצ״ז—1937).

3) דעם פּיאַסעטשנער רבי׳נס זון ר׳ אלימלך בן־ציון איז שווער פאַרוואונדעט גע־וואָרן פון די נאַציס י״ב תשרי (1940) און ער איז נפטר געוואָרן ט״ז תשרי, דעם צווייטן טאָג סוכות. ער האָט איבערגעלאָזט חדושי תורה אויף דער גמרא שבת.

דעם רבי׳ן, ער זאָל פאַר אים מתפלל זיין, האָט דער רבי אים געגעבן אַ ברכה, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער אים אויך אויסגעפרעגט אויף זיין קראַנקייט און אים פאַרשריבן אַ מעדיצין.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט דער פיאַ־סעטשנער רבי זיך געפונען אין וואַרשע. די חסידים האָבן אים געבעטן, ער זאָל פאַרלאָזן וואַרשע און אַוועקפאָרן אין אַ מער זיכערן אָרט. אָבער ער האָט נישט געוואָלט הערן דערפון. ער האָט געוואָלט בלייבן מיט זיינע חסידים.

עס איז געווען אַ פּלאַן, ער זאָל פאָרן צו זיין פעטער, דעם סטאָלינער רבי׳ן. סטאָלין האָט זיך דעמאָלט נאָך געפונען אונטער סאָוויעט־רוסלאַנד און עס איז דאָרט געווען זיכערער ווי אונטער די נאַציס.[4]

אָבער דער ענטפער פון רבי׳ן איז געווען: „איך וועל מיינע חסידים אין דער איצטיקער שווערער צייט נישט פאַרלאָזן. דאָרטן וואו עס געפינען זיך מיינע חסידים, דאָרטן מוז איך אויך זיין. איך וועל נישט מסכים זיין אַליין זיך צו ראַטעווען און מיינע חסידים איבערלאָזן אויף הפקר!״[5]

און באַלד אין אָנהייב פון דער מלחמה האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן איוב׳ס צרות אויפן פיאַסעטשנער רבי׳נס קאָפּ.

הארט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער פיאַסעטשנער רבי פאַרלוירן זיין רביצין, חיה מרים.

דער פיאַסעטשנער רבי האָט געהאַט אַ בן יחיד, ר׳ אלימלך בן־ציון, וועלכער האָט געהייסן נאָך זיין באַרימטן זיידן, דעם אַלטן גראָדזשיסקער רבי׳ן, ר׳ אלימלך שפּירא. דער בן יחיד איז געווען דעם רבי׳נס אויג אין קאָפּ. דער רבי אַליין האָט מיט אים געלערנט חסידות און קבלה. ער האָט פון אים געהאַט אַ סך נחת, ווייל ער איז געוואָקסן אַ גרויסער תלמיד־חכם און אַ פיינער איידעלער מענטש מיט הויכע מעלות.

אין אָנפאַנג פון דער מלחמה האָט דער פיאַסעטשנער רבי געוואוינט אין וואַרשע אויף דזשעלנע נומער 5. דאָרט אין זיין אייגענער דירה האָט דער רבי דורכגעמאַכט די שרעקלעכע גרוילקייטן.

די נאַציס האָבן באָמבאַרדירט וואַרשע און עס איז געקומען דער שווערער בלוטיקער מאָנטיק נאָך יום כיפור. אַ האָגל פון באָמבעס פון עראָפּלאַנען האָבן זיך געשאָטן איבער וואַרשע. די דייטשן האָבן זיך אַראָפּ־געלאָזט מיט זייערע עראָפּלאַנען אַזוי נידעריק, אַז זיי האָבן מיט זייערע שטאָלענע פליגלען כמעט אָנגעקלאַפּט אין די דעכער פון די הייזער, און זיי האָבן פאַרזייט טויט, זיי האָבן געוואָרפן פאַרשידענע באָמבעס; אויפרייס־

4) ווען די נאַציס זיינען דערנאָך אַריין קיין סטאָלין, האָבן זיי אומגעבראַכט די גאַנצע יידישע קהילה צוזאַמען מיטן סטאָלינער רבי׳ן.

5) לאַזאַר קאַהאַן, „אַ בריוו פון ליטע״, „פאָרווערטס״, דעם 30־טן מערץ, 1940.

באַמבעס און צינד־באַמבעס, וואָס האָבן פאַרברענט די הייזער מיט אַלע איינוואוינער. דערצו נאָך האָבן די ריזיקע דייטשע האַרמאַטן, וואָס די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט אַרום וואַרשע, געעפנט זייערע שטאָלענע פּיסקעס און געשאָסן אין שטאָט אַריין, אָן אַ באַשטימטן ציל, גלאַט אַזוי צו טרעפן וועמען עס וועט זיך לאָזן.

דאָס איז געווען אַ טייל פון דער „פּסיכאָלאָגישער" אַטאַקע, וואָס די נאַציס האָבן מיט זייער „בליץ־קריג" געמאַכט אין וואַרשע. טויזנטער און טויזנטער מענטשן זיינען אין יענעם טאָג פאַרוואונדעט געוואָרן און אומגעקומען פון די דייטשע באַמבעס.

און אויך דעם פּיאַסעטשנער רבי׳נס בן־יחיד, ר׳ אלימלך בן־ציון, איז יענעם שוואַרצן מאָנטיק פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער האַנט פון אַ דייטשן שראַפּנעל. קיין דאָקטאָר איז דעמאָלט נישט געווען צו קריגן. אויך קיין מעדיצינישע הילף איז נישט געווען. דער רבי האָט געזען, אַז זיין זון גייט אָפּ אין בלוט, האָט ער אים גענומען אויף זיינע הענט און איז מיט אים געלאָפן אונטער אַ האָגל פון קוילן פון איין שפּיטאָל אין צווייטן. אָבער יעדער שפּיטאָל איז שוין געווען פול מיט פאַרוואונדעטע, ביז דעם רבי׳ן איז ענדלעך געלונגען אַריינצוברענגען זיין זון אין שפּיטאָל פון „רויטן קרייץ" אויף בלאָנדע נומער 11.

ווען דער רבי האָט געבראַכט זיין זון אין שפּיטאָל איז שוין געווען פאַרנאַכט. דער רבי, מיט עטלעכע חסידים האָבן באַשלאָסן, אַז זיי וועלן וואַרטן ביים טויער פון שפּיטאָל צו הערן ווי דעם רבי׳נס בן יחיד פילט זיך.

ביים טויער פון שפּיטאָל איז אויך געבליבן שטיין דעם רבי׳נס שנור און שוועגערין, חנה האָפּשטיין, וואָס איז פאַרן קריג צו אים געקומען צו גאַסט פון ארץ־ישראל.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געוואַרט אין טויער אין שרעק און אין שוידער. אַ שרעקלעכע וואָך־נאַכט איז דאָס געווען. די חסידים האָבן געזאָגט תהלים, מתפלל געווען פאַרן רבי׳נס בן יחיד.

פאַרטאָג איז אַראָפּגעקומען אַ דינער פון שפּיטאָל און מודיע געווען, אַז דער מצב האָט זיך פאַרערגערט און מען דאַרף האָבן אַ דאָקטאָר.

איז דער רבי מיט עטלעכע חסידים געלאָפן צו אַ שפּיטאָל־דאָקטאָר אהיים . . .

און ווען דער פּיאַסעטשנער רבי איז צוריקגעקומען מיטן דאָקטאָר האָט ער דערהערט פון זיין נייעם אומגליק, אַז זיין שנור און שוועגערין זיינען אומגעקומען פון אַ דייטשער באָמבע.

דינסטיק איז איינגעאָרדנט געוואָרן די לויות, און דעם רבי׳נס בן־יחיד האָט זיך דעם גאַנצן דינסטיקדיקן טאָג געמאַטערט אין גרויסע יסורים און מיטוואָך אין דער פרי איז אויך דעם רבי׳נס בן יחיד נפטר געוואָרן.

ווען דעם רבי׳נס אַלטע מאַמע, די אלמנה פון אַלטן גראָדזשיסקער

רבי׳ן, חנה שפּירא, האָט דערהערט וועגן אומקום פון איר אייניקל, מיט זיין ווייב און די באָענטע, האָט איר האַרץ דאָס מער נישט געקענט אויס־האַלטן און די עטלעכע און אַכציק יאָריקע רבי׳צין האָט געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַקע און זי איז געשטאָרבן . . .

אַזוי האָט דער פיאַסעטשנער רבי אין משך פון עטלעכע טעג, באַלד אין אָנהייב פון דער מלחמה, פאַרלוירן זיין בן יחיד, זיין מאַמע, זיין שנור און זיין שוועגערין. קיינער פון די אומגעקומענע און געשטאָרבענע האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין קדיש, האָט דער רבי פאַר זיי אַלע געזאָגט קדיש . . .

דער פיאַסעטשנער רבי האָט זיך אָבער אַליין מחזק געווען. ער האָט אַ שטיקל צייט נאָך געפירט טישן אין וואַרשעווער געטאָ, און דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע „אויסזידלונגען״.

דער פיאַסעטשנער רבי האָט געאַרבעט אין דער שיך פאַבריק וואָס איז אָנגערופן געוואָרן „שולצ׳ס שופּ״, דער אָנפירער פון דער פאַבריק איז געווען ר׳ אברהם הענדל, אַ פרומער ייד פון לאָדזש, דאָרט האָבן געאַרבעט די רביים: ר׳ משה בצלאל — דעם גערער רבי׳נס ברודער, דער סאָסנאָוויצער רבי און אַ צאָל אַנדערע רביים.[6]

אַלע רביים האָבן געאַרבעט אין דער פאַבריק אַלס שוסטערס, און דעם פיאַסעטשנער רבי׳נס אַרבעט איז געווען אויסצוקערן די פאַבריק און אַרויס־צוגעבן זוילן צו די „שוסטערס״. די רביים האָבן געאַרבעט אונטער פאַר־שטעלטע נעמען.

אַ גאַנצן טאָג זיינען די „שוסטערס״ געזעסן און געלערנט, נאָר ווען עס איז אַריינגעקומען אַ נאַצישער אויפזעער, איז מען צוגעלאָפן צום שוס־טער־בענקעלע און מען האָט געקלאַפּט אַ פלעקל אין אַ זויל . . .

און ווען עס איז געקומען די גרויסע „אויסזידלונג״ פון וואַרשעווער געטאָ אין די טויטן־לאַגערן, איז אויך דער פיאַסעטשנער רבי געשיקט גע־וואָרן צוזאַמען מיט די צענדליקער טויזנטער יידן און ער איז דאָרט אומ־געקומען אויף קידוש השם . . .

∴

אינעם ספר „אש קודש״ — אין די מאמרים און תורה׳ס פון פיאַסעטש־נער רבי׳ן זעען מיר, אַז דעם רבי׳נס הויפּט־מאָטיוו אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען צו טרייסטן יידן, זיי מחזק צו זיין, האָפן און האָבן בטחון אַז די ישועה קאָן קומען יעדער רגע, אַזוי לאָזט טאַקע אויס דער פיאַסעטשנער רבי זיין בריוו, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין די כתבים, וואָס ער האָט

6) וועגן פיאַסעטשנער רבי׳נס אַרבעט אין דער „שולצ׳ס שופּ״ און אַנדערע רביים, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט, האָט אברהם הענדל פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין זשור־נאַל „בית יעקב״, ירושלים, ניסן תשכ״ג (1963).

באַגראַבן: „דברי אוהבכם ורעכם המגעגע אליכם, הנשבר והנרצץ מצרותי ומצרות ישראל העמוקים עד תהום וגבוהים עד שמי השמים והמצפה לישועת ד׳ כהרף עין״ (דאָס זיינען די רייד פון דעם, וואָס האָט אייך ליב, אייער ברודער און פריינט, וואָס בענקט נאָך אייך, וואָס איז צעבראָכן פון מיינע צרות און פון די צרות פון די יידן, וואָס זיינען טיף ביז צום אָפּגרונט און הויך ביז צו די העכסטע הימלען און וואָס האָפט אויף דעם אייבערשטנ׳ס ישועה וואָס קאָן קומען ווי מיטן פינטל פון אויג) . . .

אָבער דער פּיאַסעטשנער רבי האָט אַמאָל אַליין געזאָגט שאַרפע רייד כלפּי מעלה.

יעדן טאָג זיינען געכאַפּט געוואָרן טויזנטער יידן אין וואַרשעווער געטאָ און זיי זיינען געשיקט געוואָרן פאַרגאַזט צו ווערן אין די טויטן־לאַגערן. און איינמאָל האָבן די נאַציס געכאַפּט הונדערטער קינדער אויף די וואַרשע־ווער גאַסן און האָבן זיי איינגעפּאַקט אין וואַגאָנען זיי אומצוברענגען. דעמאָלט האָט דער פּיאַסעטשנער רבי שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן און ער האָט איבערגעריסן זיין אַרבעט און אויסגעשריגן: „ווי אַזוי האַלט זיך נאָך די וועלט און ווערט נישט פאַרוואַנדלט אין אַ תוהו ובוהו? ווען עס זיינען געהרג׳עט געוואָרן די עשרה הרוגי מלכות, האָבן די מלאכים ביטער געוויינט ׳זו תורה וזו שכרה?׳ (דאָס איז די תורה און דאָס איז איר שכר?). און איצט ווערן געשאָכטן אומשולדיקע קינדער, ריינע מלאכים און אויך קדושי ישראל ווערן געהרג׳עט און געשאָכטן, בלויז דערפאַר ווייל זיי זיינען יידן. זיי זיינען גרעסער פון מלאכים. דער גאַנצער חלל פון דער וועלט איז אָנגעפילט פון זייער מורא׳דיקן געשריי, וואָס ברעכט דורך אייזערנע ווענט: ראַטעוועט, ראַטעוועט! שרייען זיי. זו תורה וזו שכרה? און די וועלט קערט זיך נישט איבער און שטייט ווי זי איז געשטאַנען, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר נישט געשען! . . .״

דאָס איז געווען איינע פון די ביטערע אויסגעשרייען פון פּיאַסעטשנער רבי׳ן.

אָבער בדרך־כלל האָט דער פּיאַסעטשנער רבי דערשטיקט אין זיך דעם ווייטיק און ער האָט געטרייסט די יידן און זיי מחזק געווען . . .

אָט איז פאַראַן אַ תורה פון יאָר תש״א (1941) אויף פּסח,[7] אַז די יידן דאַרפן זיין אין שמחה, כדי זיי זאָלן קענען דערלעבן די ישועה . . .

אויך אַז דער מענטש דאַרף האָבן בטחון אין די גרויסע יסורים.[8]

און מיט אַ יאָר שפּעטער, אין אַ תורה אויף פּרשת זכר, זאָגט דער פּיאַסעטשנער רבי, אַז „מ׳דאַרף זיך צוגרייטן צו גיין אויף מסירת הנפש. כאָטש דאָס איז זייער שווער, די יסורים זיינען גרויס צו קענען איבערטראָגן,

7) „אש קודש״, זייט 97.
8) דאָרט, זייט 100. אין דער תורה אויף שביעי של פּסח.

אָבער ווען מיר זעען ווי אַ סך יידן ווערן פאַרברענט לעבעדיקערהייט, דאַרפן מיר אויך עומד בנסיון זיין און האָבן מסירת הנפש" . . .

אין אַ תורה אין פרשת מסעי רעדט דער פיאַסעטשנער רבי אַרום די מאוימ׳דיקע צייט פון וואַרשעווער געטאָ און פון די יידן אין פוילן, און ער האַלט, אַז דאָס איז די חבלי משיח, אַז נאָכדעם וועט קומען די גאולה פאַר די יידן.

דער פיאַסעטשנער רבי דערמאָנט אין פאַרשידענע תורות רבי עקיבא, אַזוי ווי ער וואָלט זיך צוזאַמען מיט די יידן צוגעגרייט צו קידוש השם.

„עס איז מקובל פון מהר״ם פון ראָטענבערג, אַז דער וואָס קומט אום אויף קידוש השם פילט גאָר נישט קיין יסורים, — זאָגט דער פיאַסעטשנער רבי, — דעריבער דאַרף יעדער ייד זיין גרייט אויף דעם נסיון פון קידוש השם. רבי עקיבא האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים, אַז זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיך מצטער געווען אויפן פסוק ׳בכל נפשך׳, אַז ווען עס וועט קומען די רגע אומצוקומען אויף קידוש השם, צי וועט ער זיין גרייט דערצו, און דעריבער האָט רבי עקיבא געזאָגט, אַז ׳אשריכם ישראל, לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם׳ (וואויל איז אייך יידן, פאַר וועמען רייניקט איר אייך און ווער רייניקט אייך), און רבי עקיבא איז אומגעקומען אויף קידוש השם, ׳ויצאה נשמתו באחד׳... (און זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען ביי ׳אחד׳). און איצט — זאָגט דער פיאַסעטשנער רבי — אַז די גזירות זיינען אויף אַלע יידן, שעפן די יידן פון דעם אַליין זייער אמונה און התחזקות, זאָל יעדער איינער גוט טראַכטן ביי זיך אין האַרצן און ער וועט זען, אַז נישט ווייל מיר האָבן גע׳גזל׳ט, אָדער ווייל מיר האָבן געטאָן שלעכטס צו מענטשן, ווערן מיר גע׳רודפ׳ט, עס איז נישט גענוג פאַר אונדזערע שונאים אויסצולעשן דעם פונק פון יידישקייט אין אונדז, נאָר זיי ווילן איינגאַנצן פאַרניכטן אונדזער גוף און נשמה, און דערפאַר דאַרפן מיר זיך איצט שטאַרקן מיר זאָלן נישט פילן די פיזישע ליידן" . . .

אין אַן אַנדער תורה זאָגט דער פיאַסעטשנער רבי: „צי האָט אַ מלאך אַמאָל געפילט דעם צער פון אַ יידן ווען ער ווערט געשלאָגן? אָדער זיין בושה ווען ער ווערט גע׳רודפ׳ט און מען איז אים מבזה? אָדער זיין שרעק און זיין צעבראָכנקייט ווען ער האָט נישט קיין שפייז?"

דער פיאַסעטשנער רבי בעט די יידן זיי זאָלן האָבן אהבת ישראל, איינער זאָל זיך מוסר נפש זיין פאַרן אַנדערן און ער ברענגט אין אַ תורה אַ וואָרט פון זיין פאָטער, דעם גראָדזשיסקער רבי, אַז עס איז גרעסער די מצוה פון דעם, וואָס איז זיך מוסר נפש פאַר יידן ווי פון דעם, וואָס איז זיך מוסר נפש פאַר דעם אייבערשטן, און ער ברענגט אַ משל, אַז דער וואָס ווייזט אַרויס מסירת־נפש צו אַ בן־מלך איז גרעסער פון דעם וואָס איז זיך מוסר נפש פאַרן מלך אַליין, ווייל דערמיט וואָס ער ווייזט אַרויס זיין מסירת־נפש פאַרן בן־מלך, דערקענט מען ערשט זיין ליבע צו דעם מלך אַליין . . .

„דעריבער דאַרף מען מציל זיין די שארית ישראל, זיך טיילן מיט אַ ביסן ברויט מיט יעדן יידן און זען אים צו דערהאַלטן ביים לעבן".

אַזעלכע ווערטער זיינען אין יענער שוידערלעכער צייט, אין וואַרשע־ווער געטאָ געווען גאָר וויכטיק און ווער ווייסט וויפיל יידן זיינען געבליבן לעבן טאַקע אַ דאַנק דעם וואָס איין ייד האָט זיך מוסר נפש געווען פאַרן צווייטן . . .

דער פיאַסעטשנער רבי איז פאַרשלעפּט געוואָרן דורך די נאַציס אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דער געגנט פון לובלין און ד׳ חשוון תש״ד (1943) איז דער פיאַסעטשנער רבי ר׳ קלונימוס קלמיש שפירא אומגע־קומען אויף קידוש השם. ער איז אומגעבראַכט געוואָרן אין איינעם פון די נאַצישע גאַז־אויוונס אין אַ טויטן־לאַגער.

פילצער רבי אומגעקומען אויף קידוש־השם אין טרעבלינקע

זיין פאָטער, דער ערשטער פילצער רבי, איז געווען אַ שוואָגער פון גערער רבי'ן, דעם בעל „שפת אמת". — דער רבי מיט זיין גאַנצער משפחה זיינען אומגעקומען פון די דייטשע מערדער.

איינער פון די אדמורי"ם פון דער גערער גזע, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך דעם דייטשן מערדער־פאָלק, איז געווען דער פילצער רבי, ר' חנוך־גד יוסטמאַן.

דער פילצער רב, ר' חנוך־גד יוסטמאַן, הי"ד

דער פילצער רבי ר' חנוך־גד איז געבוירן געוואָרן אין גער אין יאָר תרמ"ד (1884). ער איז געווען דער יינגסטער זון פון רבי'ן ר' פנחס מנחם־מענדל יוסטמאַן,[1] וועלכער איז געווען אַ שוואָגער פון צווייטן גערער רבי'ן, ר' פנחס מנחם־מענדל האָט געוואוינט אין גער און דאָרט איז ער גע־ דעם בעל „שפת אמת".

1) נפטר געוואָרן אין יאָר תרפ"א (1921).

זעסן און געלערנט און געווען אַ חסיד פון זיין שוואָגער, דעם גערער רבי׳ן ר׳ יהודה־לייב, דעם בעל „שפת אמת״.

ווען דער גערער רבי, ר׳ יהודה־לייב, דער בעל שפת אמת״, איז נפטר געוואָרן,[2] האָבן אַ צאָל חסידים געקרוינט ר׳ פנחס מנחם־מענדלען פאַר אַ רבי׳ן. דעמאָלט האָט ער פאַרלאָזט גער און האָט זיך אַריבערגעצויגן אין דעם קליינעם שטעטל פילץ, לעבן קעלץ.

און כאָטש גער האָט נישט גורס געווען, אַז די רביסטווע זאָל צעטיילט ווערן, און די מערסטע חסידים פון „שפת אמת״ האָבן געקרוינט דעם זון פון „שפת אמת״, ר׳ אברהם־מרדכי׳ן, פאַרן רבי׳ן, דאָך זיינען אויך הונדער־טער חסידים געפאָרן צו דעם פילצער רבי׳ן, אַזוי, אַז פילץ איז געוואָרן אַ צענטער פון חסידות.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער פילצער רבי זיך אַריבער־געצויגן קיין וויערשאָוו און דערנאָך איז ער אַריבער קיין טשענסטאָכאָוו.

די חסידים האָבן אים אויפגעשטעלט אַ גרויסן בית המדרש און אַ הויז.

י׳ כסלו, תרפ״א (1920) איז דער פילצער רבי, ר׳ פנחס מנחם־מענדל, נפטר געוואָרן און זיין זון, ר׳ חנוך־גד, איז געוואָרן רבי.

דער רבי ר׳ פנחס מנחם־מענדל האָט מחבר געווען דאָס ספר „שפתי צדיק״ אויף תורה.

אַ שטיקל צייט האָט דער פילצער רבי, ר׳ חנוך־גד, געוואוינט אין טשענסטאָכאָוו. דערנאָך האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין וועלון. ער איז דאָרטן אויך געוואָרן רב פון שטאָט.

אין זיין פאָטער׳ס בית המדרש אין טשענסטאָכאָוו האָט דער רבי ר׳ חנוך־גד אויפגעשטעלט אַ ישיבה. ער האָט די ישיבה אָנגערופן מיטן נאָמען פון זיין פאָטער׳ס ספר „ישיבת שפתי צדיק״.

די ישיבה „שפתי צדיק״ איז געשטאַנען אונטער דער השגחה פון פיל־צער רבי׳ן ר׳ חנוך־גד. הונדערטער בחורים האָבן געלערנט אין דער דאָ־זיקער ישיבה.

און אַזוי ווי דער פאָטער זיינער, האָט אויך דער רבי ר׳ חנוך־גד גע־לערנט די חסידים, אַז זיי זאָלן מקיים זיין די מצוה פון צדקה.

„אונדזער גאַנץ חיות — האָט דער פריערדיקער פילצער רבי ר׳ פנחס מנחם געזאָגט, — קומט פון דער מצוה פון צדקה. בלויז אין דעם זכות לעבן מיר. דאַרפן מיר זייער בכבוד האַלטן די דאָזיקע מצוה.

דער פילצער רבי האָט צווישן זיינע חסידים אויך געהאַט אַ סך עשירים, האָט ער זיי גאַר שטאַרק מעורר געווען זיי זאָלן געבן אַ סך צדקה, צו העלפן די אָרימע יידן פון זייערע שטעט און שטעטלעך.

איינמאָל האָט אַ חסיד אים געפרעגט:

2) ה׳ שבט, תרס״ה (1905).

— רבי, די חז״ל זאָגן דאָך, אַז מען זאָל נישט געבן קיין צדקה מער פון אַ פינפטל פון פאַרמעגן, און איר הייסט אָװעקגעבן כמעט אַלץ, װאָס מען פאַרמאָגט?

האָט דער פילצער רבי געענטפערט:

— איך װעל אייך נאָכזאָגן אַ װאָרט פון רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל פּרעמישלאַנער. ר׳ מאיר׳ל פּרעמישלאַנער האָט געזאָגט: בימי התנאים והאמוראים זיינען געװען גרױסע צדיקים. ביי זיי האָבן זיך געװאַלגערט פּעק מיט מצות אין אַלע זייערע קעשענעס. עבירות האָבן זיי כמעט גאָרנישט געהאַט. איז פאַר זיי גענוג געװען, זיי זאָלן געבן צדקה נישט מער װי אַ „חומש״, אַ פינפטל, װי די גמרא זאָגט: „המבזבז אל יבזבז יותר מחומש״.[3]) אָבער אין אונדזער דור האָבן מיר אַ סך חטאים, דאַרפן מיר אָװעקגעבן אַפילו די לעצטע פּעדערן פון אונדזערע קישנס פאַר צדקה...

דער פילצער רבי ר׳ חנוך־גד איז געװען אַ גרױסער עני. װען עס איז געקומען צו אים אַ ייד מיט אַ כתב־יד און אים געבעטן ער זאָל אים געבן זיין הסכמה אויפן חיבור, האָט ער געזאָגט: „װער בין איך, איך זאָל געבן אַ הסכמה?״

∴

באַענט צו צװאַנציק יאָר האָט דער פילצער רבי געפירט זיין רבנות און רביסטװע אין װעלון. און אין דעם ביטערן פּריטיק, װען די דייטשן זיינען באַפאַלן פּוילן, האָבן זיי באַלד, זעקס אַזייגער אין דער פרי, געװאָרפן די ערשטע באָמבע אויף דער שטאָט װעלון, װאָס ליגט באַענט צו דער דייטשער גרענעץ, און צענדליקער יידן זיינען גע׳הרג׳עט געװאָרן.

מען איז געװען זיכער, אַז יעדע רגע װעלן די דייטשן פאַרכאַפּן די שטאָט. די פּוילישע פּאָליציי און רעגירונגס־באַאַמטע זיינען געװען צע־טומלט, זיי האָבן געכאַפּט װאָס זיי האָבן געקענט און שנעל אַנטלאָפן פון שטאָט.

אויך די יידן פון װעלון האָבן שנעל פאַרלאָזט די שטאָט.

עס איז געװען אַ טרויעריק בילד צו זען װי דער רבי גייט, בראש פון דער עדה יידן, בלויז מיטן טלית און תפילין־זעקל אין דער האַנט, אויפן װעג, װאָס פירט טיף אין לאַנד אַריין.

די יידן האָבן אַלץ איבערגעלאָזט אויף הפקר אין שטאָט און געװאָלט ראַטעװען בלויז זייערע גופים. אָבער די דייטשע עראָפּלאַנען האָבן זיי נאָכגעיאָגט און געװאָרפן באָמבעס אויף די מאַסן װאַנדערער, װאָס האָבן אָנגעפילט די װעגן. אַ סך זיינען גע׳הרג׳עט געװאָרן, און די לעבן־געבלי־בענע יידן זיינען װייטער געגאַנגען, זיי האָבן געהאַט בלויז איין ציל, צו

3) כתובות, דף נ׳, עמוד א׳.

אַנטלויפֿן פֿון שונא — פֿון די נאַצישע מערדער. אָבער די דייטשן האָבן זיי איבערגעיאָגט.

דאָס דייטשע מיליטער האָט געמאַכט אַ בליץ־קריג און שוין זיינען זיי געווען מיט זייערע געפּאַנצערטע טאַנקען פֿאַראויס פֿון די וואַנדערנדיקע יידן און האָבן פֿאַר זיי אָפּגעשניטן דעם וועג.

און אין עטלעכע טעג איז כמעט גאַנץ פּוילן פֿאַרנומען געוואָרן פֿון די דייטשע מערדער.

די יידן פֿון וועלון האָבן אָבער נישט געוואָלט מער צוריקגיין אין זייער היים־שטעטל. זיי האָבן זיך געשלעפּט אויף די וועגן ביז זיי זיינען אָנגעקומען קיין לאָדזש. זיי האָבן געגלויבט, אַז דאָרט, אין לאָדזש, אַן עיר ואם בישראל, וועלן זיי זיין זיכערער, זיי וועלן זיין מיט אַזוי פֿיל יידן צוזאַמען, און די דייטשן וועלן דאָך נישט אויס׳הרג׳ענען צענדליקער טויזנטער יידן . . .

דעמאָלט האָט מען נאָך נישט געגלויבט, אַז היטלער וועט פֿאַרווירקלעכן אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן אין זיין „מיין קאַמף״, אַז ער וועט פֿאַרטיליקן אַלע יידן אין אַלע לענדער, וואָס ער וועט פֿאַרכאַפּן. זיין ציל איז דאָך געווען „ענדגילטיק צו לייזן די יידן־פֿראַגע״ מיט דעם, וואָס ער וועט אומברענגען דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק.

⁂

דער פּילצער רבי ר׳ חנוך־גד האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אַ שטיקל צייט אין לאָדזש און דערנאָך איז ער אַוועק קיין טשענסטאָכאָוו, דאָרט וואו זיין פֿאָטער האָט געוואוינט, און וואו דער רבי ר׳ חנוך־גד האָט אויפֿגעשטעלט די ישיבה „שפתי צדיק״.

דער רבי האָט געלעבט אין טשענסטאָכאָווער געטאָ און ווען עס איז געקומען די גרויסע „אויסזידלונג״ און כמעט אַלע יידן זיינען דורך די דייטשן געטריבן געוואָרן אין די טויטן־לאַגערן, איז דער רבי געגאַנגען, אָנגעלענט אויף זיין עלטסטן זון, ר׳ יהושע־העשל יחזקיהו, איבער די גאַסן פֿון טשענסטאָכאָוו מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און געמורמלט אַ תפילה. די נאַציס האָבן געשלאָגן דעם רבי׳ן און געוואָלט אים צווינגען אויסצוטאָן דעם טלית קטן,[4] — גיט איבער אַן עד־ראיה, אָבער ער האָט מיט אַלע כוחות נישט געלאָזט פֿון זיך אַראָפּרייסן דעם טלית קטן.

ערב סוכות תש״ג (1942) איז דער רבי געבראַכט געוואָרן קיין טרעבלינקע און דאָרט איז ער צוזאַמען מיט טויזנטער יידן אומגעקומען אויף קידוש־השם.

4) „אלה אזכרה״, באַנד 6, זייט 234.

אויך זיינע קינדער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן, ימח שמם.

זיין עלטסטער זון, ר׳ יהושע־העשיל חזקיה, איז געווען איינער פון די רבנים אין לאָדזש. דער צווייטער זון, ר׳ אריה־לייב, איז נפטר געוואָרן אין לאָדזש אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. זיין דריטער זון, ר׳ אברהם־בונם, איז געשיקט געוואָרן פון וואַרשעווער געטאָ אין איינעם פון די טויטן־לאַגערן און דאָרטן אומגעקומען אויף קידוש־השם. זיין פערטער זון, ר׳ דוד־אליהו, איז געווען צוזאַמען מיט זיין פאָטער אין טשענסטאָכאָווער געטאָ און געשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין פאָטער קיין טרעבלינקע. דריי פון זיינע איידעמס: ר׳ שלום־ערליך, ר׳ ישראל ראָטענשטרויך, ר׳ אברהם־משה ליפשיץ, זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם. געבליבן לעבן זיינען בלויז די אַנדערע צוויי איידעמס: הרב ר׳ בנימין־אליעזר באָזשיקאָווסקי און הרב ר׳ בנימין־אליעזר ווערדיגער.

דער קאָברינער רבי איז אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט דער עדה יידן אין קאָברין

דער אָפּשטאַם פון דער קאָברינער רבישער גזע. — דער לעצטער קאָברי־
נער רבי איז געגאַנגען בראש פון אַן עדה יידן צו דער שחיטה.

אויך קאָברין האָט געבראַכט איר גרויסן קרבן אויפן מזבח פון די זעקס מיליאָן יידישע קדושים. ווען די דייטשן האָבן געפירט צו פאַרניכטונג די גרויסע עדה יידן פון שטאָט איז דער לעצטער קאָברינער רבי, ר׳ משה־אהרן ראַבינאָוויטש, געגאַנגען בראש פון דער עדה און זיינע לעפצן האָבן געשעפּטשעט תפילות.

די יידן אין קאָברין האָבן באַלד אַ טאָג נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן דערקלערט מלחמה דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, שוין דערפילט דעם גרויסן אומגליק וואָס רוקט זיך אויף זיי אָן.

דעם 22־טן יוני 1941 האָט די דייטשע ראַדיאָ סטאַנציע אין בערלין געמאָלדן, אַז עס איז דערקלערט געוואָרן מלחמה דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, און דעם 23־טן יוני זיינען די דייטשן שוין געווען אין קאָברין, און די ערשטע זאַך וואָס די רוצחים האָבן געטאָן איז געווען: זיי האָבן אַריינגעגאָסן בענזין אין דעם קאָברינער רבינס בית המדרש און אים אונטערגעצונדן און צוזאַמען מיטן רבינס בית המדרש זיינען אויך פאַרברענט געוואָרן עטלעכע אַרומיקע הייזער . . . [1]

יעדע שטאָט האָט געהאַט אויסצושטיין פאַרשיידענע פּייניקונגען פון די דייטשע מערדער, אָבער קאָברין האָט געהאַט אַ דייטשן סאַדיסט וואָס האָט זיך פשוט נישט געקענט אָנזעטיקן מיטן יידישן בלוט.

אַזוי דערציילט אַן עדות־ראיה, אַז איינמאָל האָט דער קאָמאַנדיר מיטן נאָמען פאַנצער פאַרלאַנגט פון דעם „יודנראַט", אַז מען זאָל אים צושטעלן דריי הונדערט משוגעים, ווען נישט וועט ער באַפעלן די „עס־עס"־לייט זיי זאָלן כאַפּן דריי הונדערט יידן און זיי דערשיסן. דער „יודנראַט" האָט צונויפגענומען די עטלעכע משוגעים וואָס זיינען געווען אין שטעטל און גענומען סתם יידן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די דייטשן וועלן כאַפּן

1) ספר קוברין, מגילת חיים וחורבן, תל־אביב, 1951, זייט 301 און ווייטער.

מענטשן פון זייערע משפּחות, און דער „יודנראַט" האָט די 300 יידן איבער־געגעבן דעם קאָמאַנדיר און די דייטשן האָבן זיי דערשאָסן . . .

אַ צווייט מאָל האָט דער קאָמאַנדיר אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די יידן זאָלן אים צושטעלן פערצן גילדענע קעץ, זיי מוזן האָבן אַ געלע פעל, ווען נישט וועט ער דערשיסן פערצן יידן.

די נאַציס זיינען געווען זיכער, אַז די יידן וועלן דאָס נישט קענען באַ־וויזן אין משך פון איין טאָג. אָבער די יידן האָבן זיך געלאָזט קאָסטן אַ סך געלט און זיי האָבן צוגעשטעלט דעם קאָמאַנדיר די 14 קעץ. איז דער קאָמאַנדיר אַריינגעפאַלן אין אַ מוראדיקן כעס און ער האָט געגעבן אַ באַ־פעל די „עס־עס"־לייט, אַז זיי זאָלן אַ „הוליע טאָן" אין געטאָ, און די נאַציס האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין געטאָ און דערשאָסן אַ גרויסע צאָל יידן . . .

אַן אַנדערש מאָל האָט דער קאָמאַנדיר פאַנצער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די מאַמעס זאָלן ברענגען די קינדער אינמיטן מאַרק אַריין, וואו עס איז געשטאַנען אַ גרויסער קעסל, מען זאָל באָדן די קינדער.

די יידישע מאַמעס האָבן נעבעך געבראַכט זייערע קינדער ביז פינף יאָר אַלט. די נאַצישע קראַנקן־שוועסטער זיינען געשטאַנען אין זייערע ווייסע פאַרטוכער און זיי האָבן זאָרגפעלטיק צוגענומען די קינדער פון די מאַמעס הענט, זיי אויסגעטאָן נאַקעט און פאַר די אויגן פון די דייטשע אָפיצירן האָבן די „באַרמהאַרציקע" קראַנקן־שוועסטער איינס נאָך איינס אַריינגעוואָרפן די קינדער אין דעם קעסל זודיקן וואַסער און די דייטשע אָפיצירן האָבן געקוואָלן פאַר שמחה . . .

און אין דעם טאָג פון דער גרויסער שחיטה איז אויך אומגעקומען דער קאָברינער רבי, ר' משה־אהרן ראַבינאָוויטש, מיט זיין גאַנצער משפּחה.

∴

דער רבי ר' משה־אהרן קאָברינער האָט געשטאַמט פון דער קאָברי־נער רבי'שע דינאַסטיע וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון זיין עלטער־עלטער זיידן, ר' משה (משה'קע) קאָברינער.

ר' משה קאָברינער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקמ"ד (1784) אין אַ ליטוויש דאָרף פּייסק, נאָענט צו האָראָדנע, וואָס ליגט צווישן אַמדור און סלאָנים און וואָס איז נישט ווייט פון קאָברין.

זיין פאָטער ר' ישראל איז געווען אַ בעקער און אַן איש תמים, אַ בעל־מידות און גרויסער בעל־צדקה. כאָטש ער איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן, פלעגט ער זיך טיילן מיטן לעצטן ביסן ברויט מיט אַלע ארחי ופרחי'ס וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דורך זיין דאָרף. פּרנסה האָט ער געצויגן בדחקות פון דער בעקעריי, וואָס ר' ישראל'ס ווייב האָט געפירט.

צו דרייצן יאָר האָט ר' משה חתונה געהאַט, און אַזוי ווי עס האָט אים

פון ייִנגווייז אָן געצויגן צום דרך החסידות, איז ער אַוועק לערנען תורה און חסידות ביים אַלטן לעכעוויטשער רבי׳ן ר׳ מרדכי, וועלכער איז געווען אַן אייניקל פון „בעל הלבוש״.[2])

ווען דער לעכעוויטשער רבי איז נפטר געוואָרן (י״ג שבט, תק״ע—1810), איז ר׳ משה קאָברינער געוואָרן אַ חסיד פון לעכעוויטשער רבי׳נס זון, ר׳ נח. ערשט נאָך דער הסתלקות פון רבי׳ן ר׳ נח לעכעוויטשער (ח׳ תשרי, תקצ״ג—1832), האָט אַ גרויסער עולם חסידים שטאַרק מפציר גע־ווען ר׳ משה׳קען, ער זאָל ווערן זייער מנהיג רוחני, און ר׳ משה האָט מסכים געווען צו ווערן רבי אין קאָברין.

דער רבי ר׳ משה קאָברינער האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ גרויסן עניו. חסידים דערציילן, אַז איינמאָל איז צו אים געקומען אַ וואורקער חסיד, האָט אים דער רבי געפרעגט: צו וואָס האָט איר זיך געדאַרפט שלעפּן אַזש קיין קאָברין?

האָט דער חסיד געענטפערט: „איך האָב געהערט פון מיין רבי׳ן, ר׳ יצחק׳ל וואורקער, אַז עס איז אַ מצוה צו קענען דעם צדיק פון קאָברין, ווייל ער איז אַ „דובר אמת בלבבו״ (ער זאָגט בלויז אמת).

זאָגט צו אים דער קאָברינער רבי:

„דער שקר איז אַזוי גרויס, אַז ער קאָן אָפּנאַרן אַפילו הייליקע יידן און גרויסע צדיקים!״

צווישן דעם רבי׳ן ר׳ משה קאָברינער׳ס טויזנטער חסידים זיינען געווען: דער רבי ר׳ אברהמ׳על פון סלאָנים, דער בעל „יסוד העבודה״, וואָס האָט געגרינדעט אַ רבי׳שע דינאַסטיע אין סלאָנים; דער רבי ר׳ יהושע פון אָסטראָווצע, אַ זון פון לענטשנער רבי׳ן; דער קאָברינער רב, ר׳ מאיר מארים; דער פּיעטריקאָווער רב, ר׳ ברוך־צבי, און אַ צאָל אַנדערע גרויסע רבנים און תלמידי חכמים.

אין אַ בריוו וואָס דער רבי ר׳ משה קאָברינער האָט געשריבן צו זיין תלמיד ר׳ מאיר מארים,[3]) שרייבט ער אים אין לשון־קודש, אַז ער זאָל נישט לאָזן מבלבל זיין דעם מוח מיט רעדן מיט מענטשן, ווייל עס איז נישט ווערט דאָס גאַנצע געלט פון דער וועלט פאַר איין שעה וואָס אַ ייד האָט אין ישוב הדעת, און ער זאָל גאָרנישט נאָכטראַכטן וואָס עס וועט זיין מאָרגן, נאָר ער זאָל דאַנקען דעם אייבערשטן פאַר יעדן טאָג.[4])

2) ער האָט טאַקע געהאַט דעם נאָמען פון בעל הלבוש און ער פלעגט זיך חתמ׳ע־נען אַזוי ווי דער בעל הלבוש, „מרדכי יפה״.

3) געדרוקט אין ספר „אמרות טהורות״.

4) אין לשון־קודש גייט דער בריוו אַזוי: „ולא יבלבל את מוחו מדברת בני אדם, כי הון העולם אינו שוה לשעה אחת שאיש ישראל עומד בישוב הדעת ובדעה מיושבת . . . ולא יהרהר מה יהי׳ למחר כלל, רק הלכה כהלל שאמר ברוך ד׳ יום יום״ . . .

דער קאָברינער רב האָט זיך אונטערגעשריבן אויפן בריוו: „משה במוהר"י פאַליר".

וועגן דעם פאַמיליע־נאָמען „פאַליר" האָט אַ רבי געזאָגט, אַז דערפאַר הייסט ער פאַליר, ווייל ער „פאַלעוועט (אויף פויליש: ברענט) מיט יראת שמים און עבודת ה' פיר־און־צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, יעדע מינוט און יעדע רגע"...

אגב, זיינע אייניקלעך, די צוויי ברידער ר' נח־נפתלי און ר' מרדכי־חיים, האָבן געביטן דעם פאַמיליע־נאָמען פון פאַליר אויף פאַלעווסקי, און די קינדער פון רבי'ן ר' נח־נפתלי האָבן ווידער געביטן דעם פאַמיליע־נאָמען פון פאַלעווסקי אויף ראַבינאָוויטש. די סיבה איז נישט באַקאַנט.

דער רבי ר' משה האָט זיינע תורות נישט געוואָלט פאַרשרייבן. אַמאָל האָט אים אַ רבי געפרעגט פאַרוואָס ער פאַרצייכנט נישט זיינע תורות און דרוקט זיי נישט אין אַ ספר, האָט ר' משה קאָברינער געענטפערט: „אונד־זערע תורות האָבן מיר אָנגעשריבן אויף די הערצער פון די חסידים".

ערשט שפּעטער, נאָך ר' משה'ס פּטירה, האָט אַ קאָברינער חסיד אַרויסגעגעבן אַ ספר „אמרות טהורות" און „מאמרים טהורים" — געקלי־בענע תורות, ווערטער און פּערל, וואָס די חסידים האָבן געדענקט און פאַרשריבן פון רבי'ן ר' משה און פון זיין אייניקל, דעם רבי'ן ר' נח־נפתלי.

אויך האָט אַ סלאָנימער חסיד פון בריסק אַרויסגעגעבן אַ ספר „אור ישרים", וואָס נעמט אַרום די הנהגות פון די „ארבעה מטיבי לכת" — פון ביידע לעכוויטשער רביים, פון ר' משה קאָברינער און פון ר' אברהמ'ע־לע פון סלאָנים.

קנאַפּע פינף־און־צוואַנציק יאָר האָט דער רבי ר' משה געפירט זיין נשיאות, און כ"ט ניסן אין יאָר תרי"ח (1858) איז דער רבי ר' משה קאָב־רינער נסתלק געוואָרן.[5]

חסידים דערציילן, אַז פאַר דער פּטירה איז צוגעגאַנגען צום בעט דער פּיעטריקאָווער רב, ר' ברוך־צבי, האָט ער געהערט ווי דער רבי ר' משה זאָגט: „אלקי נשמה שנתת בי טהורה היא"...

דער רבי ר' משה קאָברינער האָט פאַר זיין פּטירה אָנגעזאָגט זיינע חסידים, אַז מען זאָל אויף זיין מצבה נישט שרייבן קיין שום טיטול, נאָר אַז ער איז געווען אַן „אוהב ישראל".

דער קאָברינער רבי ר' משה פלעגט זיינע תורות דורכפלעכטן מיט משלים. אַזוי האָט דער רבי ר' משה קאָברינער געזאָגט וועגן עניו פון

5) וועגן רבי'ן ר' משה קאָברינער שרייבט דער שרייבער ח. טשעמערינסקי, אין זיין „עירתי מוטילי", „רשומות", כרך ב', זייט 44.

עונג שבת אַ משל פון אַ בן־מלך וואָס איז געווען געפאַנגען אין מרחקים. איינמאָל האָט ער געקראָגן אַ בריוו פון פאָטער דעם מלך. האָט ער געוואָלט פאַר גרויס שמחה טאַנצן. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז די מענטשן אַרום פילן נישט קיין שמחה. וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט זיי געגעבן צו טרינקען י״ש, האָבן זיי צוזאַמען מיט אים געטאַנצט. אָבער זייער שמחה איז געווען צוליבן בראָנפן און זיין שמחה איז געווען צוליב דעם בריוו פון זיין פאָטער דעם מלך. דאָס זעלבע איז אויך מיט דער נשמה און גוף. די נשמה וויל זיך פרייען אום שבת צוליב דעם תענוג־רוחני, דער גוף איז אָבער פון חומר, פאַרשטייט ער דאָס נישט. וואָס טוט די נשמה? זי גיט דעם גוף צו עסן גוטע מאכלים אום שבת און דערנאָך פרייען זיי זיך שוין ביידע צוזאַמען („אמרות טהורות״, עונג שבת).

„קדושים תהיו״, פאַרוואָס שטייט בלשון רבים — ווייל סוף־כל־סוף וועט יעדער ייד זיין הייליק, ווייל „כי קדוש אני ד׳״ — וואָרים אַלע נשמות פון די יידן זיינען אַ „חלק אלקי ממעל״ . . . (דאָרט, פרשת קדושים).

אַלע מעשיות און מופתים וואָס מען דערציילט וועגן בעש״ט דאַרף מען גלויבן, אַז ווען אַפילו זיי זיינען ניט געווען בפועל, זיינען זיי געווען בכוח, אַז דער בעש״ט האָט זיי געקענט באַווייזן (דאָרט, התקשרות הצדיקים).

איינמאָל ערב ראש השנה איז דער רבי ר׳ משה אַרויסגעפאַלן אויף די קוויטלעך וואָס זיינען געלעגן אויפן טיש און ער האָט אָנגעהויבן צו וויינען: „רבונו־של־עולם, דו ווייסט דאָך ווי זינדיק איך בין, פון דיר איז דאָך גאָרנישט פאַרהוילן, נאָר וואָס טוט מען נעבעך מיטן עולם, זיי מיינען דאָך, אַז איך בין עפּעס, לכן בעט איך דיר, פאַרשעם מיך נישט, זיי זיינען גאָרנישט שולדיק דערמיט וואָס זיי נאַרן זיך אָפּ!״... (דאָרט, עניני ראש השנה).

∴

נאָך דער פטירה פון רבי׳ן ר׳ משה האָבן די חסידים געקרוינט פאַרן רבי׳ן זיין אייניקל ר׳ נח־נפתלי, אַ זון פון ר׳ ישראל־יעקב, אַ זון פון רבי׳ן ר׳ משה קאָברינער.

דער רבי ר׳ נח־נפתלי איז געווען באַוואוסט אַלס „ר׳ נח׳קע קאָבריי־נער״.

דער רבי ר׳ נח׳קע איז געגאַנגען אין דרך פון זיין זיידן. ער האָט אַמאָל געזאָגט: „ווען עס זאָל זיך ווענדן אין מיר, אַז יידן זאָלן האָבן פּרנסה בשפע, וואָלט איך מיר געלאָזט אָפּהאַקן אַלע אברים אַבי עס זאָל אַרויס־קומען אַ טובה אַ יידן אין גשמיות״ . . . (דאָרט, מאמרים טהורים).

ר׳ נח׳קע האָט אויך אָנגעפירט מיט דעם „כולל רייסין״ אין טבריה, וואָס איז צו אים איבערגעגאַנגען בירושה פון זיין זיידן, ר׳ משה קאָברינער.

אין ספר „מאמרים טהורים" [6]) איז פאַראַן אַן אינטערעסאַנטער בריוו (מכתב ב') וואָס דער רבי ר' נח'קע האָט געשריבן צו זיינע כולל־לייט אין ארץ־ישראל וועגן „קדושת ארץ־ישראל".

דער רבי ר' נח'קע פלעגט זאָגן, עס שטייט „וחנותי את אשר אחון ורחמתי את אשר ארחם". פאַרוואָס שטייט צוויי מאָל דאָס לשון חנינה און צוויי מאָל דאָס לשון רחמים? נאָר דערמיט לאָזט מען אונדז הערן די גוטס־קייט פון אייבערשטן, אַז ער איז גרייט צו פאַרגעבן אַפילו אַזאַ מענטשן וואָס ער האָט אים שוין איינמאָל מוחל געווען און דער מענטש האָט ווידער געזינדיקט, איז ער גרייט זיך מרחם צו זיין אויף דעם חוטא . . .[7])

דער רבי ר' נח'קע איז נפטר געוואָרן כ"ו אב, תרמ"ט (1889) אין קאַמען, וואו ער איז געווען אויף שבת און דאָרט געקומען צו קבורה.

נאָך דער פטירה פון רבי'ן ר' נח'קע איז געוואָרן זיין עלטסטער זון ר' דוד־שלמה רבי אין קאָברין. דעם רבי'ן ר' נח'קעס צווייטער זון ר' אהרן איז געוואָרן רבי אין דאָמאַטשעווע, נעבן בריסק דליטא.

דער רבי ר' דוד־שלמה איז נפטר געוואָרן אָנהייב יאָר תרע"ט (1918).[8])

די קאָברינער חסידים אין אַמעריקע האָבן פאַרבעטן דעם אידעם פון רבי'ן, ר' דוד־שלמה, ר' ברוך־יוסף ז"ק, וואָס האָט געוואוינט אין ארץ־ישראל, ער זאָל קומען קיין אַמעריקע און זיי האָבן אים דאָרט געקרוינט פאַר אַ רבי'ן. ער האָט מחבר געווען ספרים, צווישן זיי דאָס ספר „ברכת יוסף" (דערשינען אין ניו־יאָרק, 1919), וואָס אַנטהאַלט דרוש אין חסידישן גייסט אויף די פרשיות פון דער וואָך.

צווישן די חסידים אין אַמעריקע איז ער געווען באַקאַנט אַלס „דער קאָברינער רבי". ער איז נפטר געוואָרן ט"ו סיון, תש"ט (1949).

נאָך דער פטירה פון קאָברינער רבי'ן ר' דוד־שלמה, איז געוואָרן רבי אין קאָברין זיין זון ר' משה־אהרן ראַבינאָוויטש. דער לעצטער קאָברינער רבי איז אומגעקומען אויף קידוש־השם אין קאָברין, צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפחה.

דער רבי ר' אהרן־משה איז געבוירן געוואָרן בערך אין יאָר תר"מ (1880), און נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער איז ער געוואָרן רבי.

דער קאָברינער רבי ר' אהרן־משה האָט זיך משדך געווען מיטן בעלזער רבי'ן און מיטן שעדליצער־לאָמאַזער רבי'ן.

6) געדרוקט אין וואַרשע אין יאָר 1910.

7) דער העברעאישער שריפטשטעלער יהודה־לייב לעווין־יהל"ל אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע „זכרון בספר", געדרוקט אין זשיטאָמיר 1910, שילדערט זיין שוואָגער דעם רבי'ן ר' נח'קע קאָברינער.

8) זע: „החסידות הליטאית" פון זאב רבינוביץ, הוצאת מוסד ביאַליק, ירושלים, 1961, זייט 138.

זיין זון, ר׳ זיידל, איז געווען רב אין קוידענאָוו.

אין „ספר קוברין״ [9] זייגען פאַראַן פרטים וועגן אים און אויך אַ בילד פון רבי׳ן ר׳ אהרן־משה׳ן.

דער טאָג, ווען דער קאָברינער רבי ר׳ אהרן־משה איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, צוזאַמען מיט דער עדה קדושה קאָברין, איז נישט באַקאַנט.

9) זייטן 266־267.

דער קאָזשעניצער רבי ר׳ אהרעלע

דער מאָדנער דרך פון קאָזשעניצער רבי׳ן, פאַרשידענע ווערסיעס וועגן זיין אומקום. — ער האָט געצויגן זיין יחוס פונעם קאָזשעניצער מגיד.

אין אייגנאַרטיקן דרך אין חסידות האָט געהאַט דער קאָזשעניצער רבי ר׳ אהרן יחיאל האָפשטיין, וועלכער האָט די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געוואוינט אין אָטוואָצק, נעבן וואַרשע.

גערופן האָט מען אים צוליב ליבשאַפט, פאַרצויגן, „ר׳ אהרעלע״.

געוואוינט האָט דער רבי ר׳ אהרעלע פריער אין קאָזשעניץ, וואו ער האָט געפירט די רבי׳סטווע ביד רמה, און פלוצלינג האָט ער געמאַכט אַ

דער קאָזשעניצער רבי, ר׳ אהרעלע האָפשטיין הי״ד

שינוי אין זיין הנהגה, ער האָט פאַרלאָזט די שטאָט און האָט אָנגעהויבן צו וואַנדערן פון אָרט צו אָרט, האָט מער ניט מקרב געווען די אנשים נכבדים, נאָר דעם המון־עם. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו חבר׳ן מיטן פשוט׳ן פאָלק און צום סוף האָט ער זיך באַזעצט אין אָטוואָצק, וואו ער האָט געהאַט זיין אייגענעם הויף . . .

דער רבי ר׳ אהרעלע קאָזשעניצער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרמ״ט (1889). מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן ר׳ אהרן יחיאל אויף די נעמען פון

זיינע צוויי זיידעס פון זיין שטאַם; דעם רבי׳ן ר׳ אהרן פון קאַרלין און דעם רבי׳ן ר׳ יחיאל יעקב פון קאָזשעניץ.

דער קאָזשעניצער רבי ר׳ אהרעלע האָפשטיין איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ ירחמיאל משה פון קאָזשעניץ, פון דער גזע פון קאָזשעניצער מגיד, און פון די רביים: פון מאָגעלניצע, גראָדזשיסק, פון רבי׳ן ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, פון אָפטער רבי׳ן, פון טשערנאָבילער רבי׳ן און פון רבי׳ן ר׳ אהרן קאַרלינער.

עטלעכע חדשים שפּעטער נאָך דעם ווי ר׳ אהרעלע איז געבוירן גע־וואָרן, איז נפטר געוואָרן דער רבי ר׳ אלימלך פון גראָדזשיסק און אַ צאָל חסידים האָבן געקרוינט זיין פאָטער ר׳ ירחמיאל משה׳ן פאַרן רבי׳ן אין קאָזשעניץ, און ווידער איז די אַלטע חסיד׳ישע שטאָט קאָזשעניץ באַלעבט געוואָרן פון הונדערטער און הונדערטער חסידים, וואָס פלעגן קומען אויף שבת און יום־טוב צום רבי׳ן.

∴

די קאָזשעניצער דינאַסטיע האָט געשאַפן דער קאָזשעניצער מגיד ר׳ ישראל, וואָס איז געווען איינער פון די דריי פייערדיקע זיילן פון חסידות אין פוילן, וואָס זיינען אָנגערופן געוואָרן: די דריי אָבות פון חסידות.

די אַנדערע צוויי זיינען געווען, דער רבי ר׳ יעקב יצחק הארוויץ, גערופן דער „חוזה" פון לובלין, און דער רבי ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו.

נאָך דער פטירה פון קאָזשעניצער מגיד, אין יאָר תקע״ה (1815), איז זיין זון, ר׳ משה אליקום בריעה געוואָרן רבי. די חסידים האָבן נישט געהאַלטן, אַז ר׳ משה איז ראוי צו זיין רבי, אָבער דער „חוזה" פון לובלין האָט באַפוילן די קאָזשעניצער חסידים, אַז ר׳ משה זאָל ווערן דער ממלא מקומו פון פאָטער.

און באַלד האָט ר׳ משה זיך אַנטפּלעקט פאַר אַ גרויסער פערזענלעכ־קייט, וואָס איז געגאַנגען אין דרך פון קאָזשעניץ.

פערצן יאָר איז ר׳ משה געווען רבי, און נאָך זיין הסתלקות איז זיין זון ר׳ אלעזר געוואָרן רבי.

דער רבי ר׳ אלעזר איז נפטר געוואָרן כ״ו כסלו תרכ״ב (1862). נאָך דער הסתלקות פון רבי׳ן ר׳ אלעזר, איז זיין זון ר׳ ירחמיאל משה געוואָרן רבי.

דער רבי ר׳ ירחמיאל משה האָט ממשיך געווען דעם קאָזשעניצער דרך אין חסידות. זיין בכור ר׳ אהרעלע האָט שוין פון די יונגע יאָרן אָן גע־שמ׳ט פאַר אַן עילוי.

דער קאָזשעניצער מגיד איז געווען אַ גרויסער גאון און אַ גרויסער בעל מקובל. ער האָט מחבר געווען אַ צאָל ספרים, צווישן זיי: „עבודת ישראל", אויף תורה; „נזר ישראל", אויפן זוהר; „תהלות ישראל", אויף

תהלים; „שארית ישראל", און אַ ספּעציעל ספר אויף די כתבי מהר"ל: „גבורת ישראל".

דער קאָזשעניצער מגיד, וועמען מען האָט גערופן „דער קליינער בעל שם", איז געווען אַ זון פון ר' שבתי איינבינדער. ער איז געווען אַ חסיד פון מעזריטשער מגיד און ער פלעגט אָפט זאָגן תפילות אויף יידיש. ער האָט אויך גערעדט מיט משלים. כדי צו פאַרשטיין וואָס חסידות האָט געטאָן פאַרן פּשוט'ן מענטשן, האָט דער קאָזשעניצער מגיד געזאָגט:

„ווען מען פרעגט אַ פּראָסטן יידן, נישט קיין חסיד, וואו איז גאָט? וועט ער ענטפערן, אין הימל. ווען מען פרעגט די זעלבע פראַגע אַ יידן וואָס קען לערנען, וועט ער אָנהויבן צו רעכענען: פון דער ערד צום הימל איז ת"ק פרסה, פינף הונדערט מייל. פון איין הימל צום צווייטן איז ווידער ת"ק פרסה... און ער וועט אַזוי רעכענען און רעכענען ביז ער וועט אויס־רעכענען ווי ווייט דער כסא הכבוד איז פון דער ערד. פרעגט מען ווידער די זעלבע פראַגע אַ מקובל, וועט ער אייך אויסרעכענען די אַלע אויבערשטע וועלטן, ביז ער וועט קומען צום כסא הכבוד. ער וועט אַריינ'חשבונ'ען די צען ספירות, די פיר וועלטן און דערנאָך ערשט וועט ער זאָגן וואו דער אין־סוף איז... אָבער אַז מען פרעגט אַ פּראָסטן יידן אַ חסיד: וואו איז גאָט, ענטפערט ער גלייך: „גאָט איז אומעטום"...

אויך דעם קאָזשעניצער מגיד'ס זון, ר' משה אליקום בריעה, האָט מחבר געווען אַ צאָל ספרים, ווי: „באר משה", „דעת משה", „קהלת משה", „בינת משה", „מטה משה", „פרקי משה", „תפלה למשה" און „ויחל משה".

∴

דער רבי ר' משה איז געווען אַ תלמיד פון רבי'ן ר' זושא פון אַנע־פּאָליע, און אין זיינע ספרים ברענגט ער אַ סך תורות פון זיין רבי'ן. ער איז פריער געווען מגיד אין אָסטראָווצע און נאָך דער פּטירה פון קאָזשעניצער מגיד איז ער געוואָרן רבי אין קאָזשעניץ.

צווישן זיינע תורות געפינען מיר, אַז „דער עיקר איז, אַז דער מענטש זאָל האָבן ריינע כוונות בשעת די תפילות. דעריבער האָבן די חז"ל גע־זאָגט, אַז די חסידים הראשונים האָבן געוואַרט פאַרן דאַווענען אַ שעה, כדי זיי זאָלן דאַווענען מיט האַרץ, וואָרים, ווי אַזוי דערלויבט זיך גאָר אַ ייד צו זאָגן ביים דאַווענען 'ברוך אתה'? — ווי אַזוי וואָגט ער צו רעדן צום אייבערשטן בלשון 'דו'? ווער האָט אים דערלויבט אַזוי צו רעדן? וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער צום אייבערשטן? וואָס פאַר אַ חבר איז ער מיט אים? נאָר אויב איינער איז פריער מקיים די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך', מעג ער זאָגן 'אתה', ווייל דער עיקר פריינט איז דאָך דער איי־בערשטער, און ווען מען איז זיך פאַרן דאַווענען מתבדק מיטן אייבערשטן,

מיט ריינע כוונות, דעמאָלט מעג מען דערנאָך ביים דאַווענען רעדן צום איבערשטן בלשון ׳דו׳...״ (באר משה, פרשת בשלח).

דער רבי ר׳ משה ברענגט אויך אין אַ תורה אַ מעשה וואָס האָט זיך פאַרלאָפן בימי הבעש״ט, וואָס באַווייזט, אַז חסידות האָט געהאַלטן, אַז דער עיקר איז די כוונה.

ר׳ משה האָט דערציילט אַז:

איינמאָל איז געווען אַ יאָר פון טריקעניש, עס האָט נישט גערעגנט. האָט מען גוזר־תענית געווען. האָט דער בעש״ט געזען ווי אַ ייד אַן עם־הארץ שטייט און דאַוונט און ביי קריאת שמע וויינט ער גאָר שטאַרק ביים פסוק „ועצר את השמים ולא יהיה מטר״.

נאָכן דאַווענען האָט דער בעש״ט אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געוויינט ביי דעם דאָזיקן פסוק. האָט דער ייד אים געענטפערט, אַז ער האָט מכוון געווען אַזוי: „ועצר את השמים״ — דער איבערשטער זאָל אויסקוועטשן די הימלען (דאָס וואָרט „עצר״ האָט דער עם הארץ גע־טייטשט „אויסקוועטשן״, ווי עס מיינט „עצירת הזיתים״, דאָס אויסקוועטשן פון די איילבירטן), ולא יהיה מטר — אַזוי אַז עס וועט מער נישט זיין קיין רעגן אין די הימלען, וועט רעגענען אויף דער ערד . . .

און צוליב דעם דאָזיקן טייטש פון עם־הארץ האָט אָנגעהויבן צו רע־גענען. האָט דער רבי ר׳ משה געזאָגט ביי דער תורה: ׳לאָמיר אויך טייטשן שמיני עצרת, דאָס וואָרט ׳שמיני׳ פון לשון ׳שמנוניות׳, פעטקייט — עס זאָל קומען אַ גרויסע שפע אויף דער וועלט; דאָס מיינט שמיני עצרת — דער איבערשטער זאָל אויסקוועטשן די שפע פון הימל און זי אַראָפּ־געבן צו די יידן״ . . . („באר משה״, אויף שמיני עצרת).

אין ספר „דעת משה״ (פרשת ויגש) ווערט געבראַכט, אַז „מיין פאָטער (דער מגיד) איז אַמאָל געווען אין בראָד, איז ער דורכגעגאַנגען אַ הויז און האָט זיך אָפּגעשטעלט. האָט מען אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט זיך גראָד ביי אָט דעם הויז אָפּגעשטעלט, האָט ער געענטפערט, אַז ער קאָן נישט סובל זיין דעם ריח הטומאה וואָס גייט אַרויס פון דעם דאָזיקן הויז. נאָך אַ חקירה ודרישה האָט מען אויסגעפונען, אַז די געגנער פון חסידים האָבן אַמאָל פאַרברענט דאָס ספר ׳תולדות יעקב יוסף׳ אויפן אָרט וואו דאָס דאָזיקע הויז שטייט, דעריבער גייט פון דעם אָרט אַרויס אַ ריח הטומאה״...

∴

דער רבי ר׳ משה איז נפטר געוואָרן י״ב אלול תקפ״ח (1828) און זיין ממלא מקומו איז געוואָרן זיין זון ר׳ אלעזר.

פון אים זיינען פאַרבליבן תורות און חסיד׳ישע ווערטער אין פאַר־שידענע ספרים. אַזוי ווערט פון אים געבראַכט, אַז אין זיינע יונגע יאָרן

איז ער געווען ביים ראָפּשיצער רבי׳ן. איינמאָל זיינען זיי צוגעגאַנגען צום פענצטער אַרויסקוקן, האָבן זיי געזען, אַז די פענצטער זיינען פאַרהאָנגען מיט פאָרהענגלעך, האָט דער רבי ר׳ אלעזר זיך שטאַרק פאַרוואונדערט. פרעגט אים דער ראָפּשיצער רבי, ר׳ נפתלי הירש האָראָוויץ, וואָס ער וואונדערט זיך אַזוי? זאָגט דער רבי ר׳ אלעזר: „ממה נפשך, וויל מען אַרויסקוקן דורכן פענצטער, צוליב וואָס זיינען די פאָרהענגלעך? וויל מען ווידער נישט אַרויסקוקן, צוליב וואָס דאַרף מען די שויבן?״

— נו, וואָס וועט איר טאַקע דערויף ענטפערן? — האָט דער ראָפּשיצער רבי געפרעגט.

— דער ענטפער איז, אַז ווען מען וויל אַריינקוקן אין זיין אייגענעם האַרצן, פאַררוקט מען דאָס פאָרהענגל . . . (ספרן של צדיקים).

נאָך דער פּטירה פון קאָזשעניצער רבי׳ן ר׳ אלעזר איז זיין זון ר׳ יחיאל יעקב געוואָרן רבי.

ר׳ יחיאל יעקב איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ אלימלך פון גראָדזשיסק, אַ זון פון רבי׳ן ר׳ חיים מאיר יחיאל פון מאָגעלניצע און אַן אייניקל פון קאָזשעניצער מגיד.

דער קאָזשעניצער רבי ר׳ אהרעלע, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש השם, איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ ירחמיאל משה, און אַן אייניקל פון רבי׳ן ר׳ יעקב יחיאל׳ן.

דער קאָזשעניצער רבי ר׳ ירחמיאל משה איז נפטר געוואָרן י״ג אלול תרס״ח (1908) אין עלטער פון 49 יאָר. ער איז געווען דעמאָלט אין קשאָנאָוו (מערב־גאַליציע).

די קאָזשעניצער חסידים האָבן זיך דאַן געשפּאָלטן, אַ טייל האָבן געקרוינט פאַר אַ רבי׳ן דעם זון ר׳ אהרעלע, און אַ טייל — ר׳ ירחמיאל משה׳ס איידעם, ר׳ קלונימוס קלמן פון פּיאָסעטשנע.

אויך ר׳ ירחמיאל משה׳ס צוויי אַנדערע זין, ר׳ אשר אלימלך און ר׳ ישראל־אלעזר[1] זיינען געוואָרן רביים.

נאָך עטלעכע יאָר פירן רבי׳סטווע, האָט דער רבי ר׳ אהרן יחיאל אָנגעהויבן צו גיין אויף אַ מאָדנעם דרך. ער האָט מרחק געווען די אַלטע חסידים, די לומדים, שיינע יידן און רייכע לייט, און האָט זיך אָנגעהויבן צו חבר׳ן מיט פּשוט׳ע מענטשן, בעלי־מלאכות און האָרעפּאַשניקעס. ער האָט

1) ר׳ אשר אלימלך איז נפטר געוואָרן אין פּאַריז, א׳ אדר, תרצ״ו (1936). חסידים האָבן אויף אים געזאָגט, אַז ער האָט די צורה פונעם קאָזשעניצער מגיד ר׳ ישראל. ער איז געווען מפורסם פאַר אַ מזג־טוב. ער האָט געליטן אַ סך יסורים פון זיינע חולאת׳ן. חסידים זאָגן אַז ביים הסתלקות, בשעת אַן אָפּעראַציע אין פּאַריז, האָט ער געזונגען „אין כאלוקינו״. דער רבי ר׳ ישראל אלעזר איז אַן איידעם פון זלאַטאָפּאָלער רבי׳ן ר׳ מרדכי. ער האָט געגרינדעט אין ארץ־ישראל די חסידישע קאָלאָניע „כפר חסידים״. האָט געוואוינט אין ניו־יאָרק און נפטר געוואָרן אין יאָר תשכ״ו.

אַנגעהויבן וואַנדערן. ער האָט פאַרלאָזט קאָזשעניץ, זיך באַזעצט אין לאָדזש, דערנאָך אין וואַרשע און צום סוף געגרינדעט אַ רבי׳שן הויף אין אָטוואָצק.

דעם קאָזשעניצער רבי׳נס הויף איז געוואָרן אַ מקום מקלט פאַר קראַנקע יידן און אָרימעלייט.

יעדער אָרימאַן האָט געוואוסט, אַז ביים קאָזשעניצער רבי׳ן וועט ער קענען עסן אַ וואַרימען מאַלצייט און קריגן אַ וואַרים געלעגער.

איך געדענק ווי איך בין אין אָנהייב פון די 30קער יאָרן געווען ביים קאָזשעניצער רבי׳ן אין אָטוואָצק צוזאַמען מיט מנחם קיפּניס פון „היינט״. ער איז דעמאָלט מיט מיר געפאָרן קיין אָטוואָצק צו זאַמלען חסידישע ניגונים. זיינען מיר אַריין צום קאָזשעניצער רבי׳ן. עס איז געווען פּורים. דאָס בית מדרש איז געווען פול מיט יידישע בעלי מלאכות און פלייצע־טרעגער פון וואַרשע און אַ סך אָרימעלייט. דער רבי איז געזעסן ביים טיש און געגעבן אַ באַפעל אַ „חסיד״, אַ פּשוט׳ן יידן, ער זאָל זינגען „שושנת יעקב״. דער עולם האָט אונטערגעהאַלטן, דער רבי האָט אַריינגעוואָרפן יידישע ווערטלעך ביים זינגען און עס איז געווען ששון ושמחה . . .

אַ סך פון די פריערדיקע קאָזשעניצער חסידים, האָבן נישט געקאָנט סובל זיין דעם מאָדנעם דרך פון קאָזשעניצער רבי׳ן ר׳ אהרעלע, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן צו אַנדערע רביים.

דער רבי ר׳ אהרעלע האָט אָבער זיך ווייטער געפירט אויף זיין דרך. ער פלעגט אָפט שפּילן אויף זיין פידל, און חסידים האָבן געזאָגט אַז מיט זיין פידעלע דינט ער גאָט.

ווען דער קאָזשעניצער רבי איז געקומען קיין וואַרשע איז ער איינגע־שטאַנען ביי אַ חסיד אויף נאָוואָליפּקע גאַס און דער גרויסער הויף איז געווען פול מיט יידישע טרעגערס און בעלי־מלאכות.

דער רבי האָט ביים טיש געוואָרפן עפּל די חסידים, דאָס איז געווען אַזאַ שפּיל ביי אים מיט די פּשוט׳ע יידן, און ער פלעגט אַ מאָל געבן אַ בעל־עגלה אַ שמיץ מיט אַ בייטשל, און דער חסיד, וואָס האָט געכאַפּט דעם שמיץ, איז געווען זיכער אַז ער וועט געהאָלפן ווערן.

דער רבי פלעגט נאָכן טיש אין אַ וואָכעדיקן טאָג צונויפנעמען דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט געקראָגן פון חסידים און עס וואַרפן צו יידישע אָרעמעלייט, וואָס האָבן באַלאַגערט זיין אכסניה.

דער רבי ר׳ אהרעלע האָט אָפּגעג׳גט זיין ווייב און איז געבליבן אַ גרוש אָן קינדער.

חסידים האָבן דערציילט אויסטערלישע מופתים פון רבי׳ן ר׳ אהרעלע און אַלטע קאָזשעניצער חסידים וועלכע זיינען געבליבן געטריי דעם רבי׳ן ר׳ אהרעלע האָבן געזאָגט אַז מיט זיין דרך ציט ער צו פּראָסטאַקעס און מאַכט זיי פאַר בעלי־חשיבות.

∴

צוואַנציק יאָר איז דער רבי ר׳ אהרעלע געווען רבי. ווען די דייטשן זיינען איבערגעפאַלן פוילן, איז ער אַוועק פון אָטוואָצק קיין וואַרשע.

די ערשטע צייט אין וואַרשע אונטער די נאַציס, האָט דער קאָזשעניצער רבי באַזאָרגט די יידן מיט שפּייז. ווען ס׳איז שוין געווען אַ געפאַר אַרויסצוגיין אין גאַס, פלעגט דער קאָזשעניצער רבי אונטער אַ האָגל־קוילן אַרומלויפן איבער די גאַסן און זוכן שפּייז פאַר די אָרעמע יידן. קיין געלט האָט אים נישט געפעלט. די רייכע יידן האָבן אים געגעבן געלט וויפל ער האָט געוואָלט. ער אַליין פלעגט כסדר הונגערן און נאָר געזאָרגט אַז די אָרעמע יידן זאָלן האָבן אַ ביסן ברויט.[2])

ווען און וואו דער קאָזשעניצער רבי ר׳ אהרעלע איז נפטר געוואָרן, זיינ׳ען פאַראַן פאַרשידענע ווערסיעס. לויט איין ווערסיע [3]) איז איינמאָל ר׳ אהרעלע געזעסן ביי דער אָפענער גמרא אין בית המדרש און ער האָט אַ זאָג געטאָן: „איך וויל מער נישט לעבן!״ און אין דער זעלבער רגע איז זיין נשמה אויסגעגאַנגען.

דאָס איז געווען אַ נאַכט פאַר ערב יום־כפור, תש״ג (1943), ווען עס האָבן זיך פאַרשטאַרקט די דייטשע שחיטות אויף יידן אין וואַרשע.

די געטרייע חסידים זיינע, וועלכע האָבן אים נישט פאַרלאָזט אויף קיין איין רגע, האָבן זיך געאיילט אים צו ברענגען צו קבר ישראל.

און אינמיטן דער נאַכט, אויף אַ סודות׳פולן אופן, איז דער רבי ר׳ אהרעלע געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל אויפן וואַרשעווער בית־הקברות.

בנימין אָרענשטיין, איינער פון די שארית הפליטה, שרייבט אין זיין בוך „חורבן אָטוואָצק, פאַלעניץ, קאַרטשעוו״ [4])‚ אַז דער קאָזשעניצער רבי איז נפטר געוואָרן אין געטאָ מיט אַ נאַטירלעכן טויט.

דער מחבר שילדערט [5]) אַ טיש ביים רבי׳ן אין וואַרשע, ווי דער המון־עם האָט זיך געשטופּט ביים רבי׳נס טיש . . .

אַן אימפּרעסיאָניסטישע שילדערונג פון קאָזשעניצער רבי׳ן ר׳ אהר׳על, זיין שפּילן, זיין וואַרפן עפל האָט פאַרעפנטלעכט דער דיכטער יעקב גלאַטשטיין אין „מאָרגן זשורנאַל״ אין יאָר 1934.

אַן אַנדערע ווערסיע וועגן אומקום פון קאָזשעניצער רבי׳ן, גיט אַן יצחק גאָכנאַרט, פון ס. פּאולאָ, בראַזיל, אין זיין באַלאַדע „ביים טויט נאָך גרעסער״ — צום אָנדענק פון דעם קאָזשעניצער רבי׳ן ר׳ אהרעלע — אומגעבראַכט דורך די נאַציס״ [6]). ער דערציילט אין דער באַלאַדע אַז די נאַציס

2) ״אלה אזכרה״, 3־טער באַנד, זייט 81.

3) געבראַכט אין „אלה אזכרה״, 3־טער באַנד, זייט 81.

4) אַרויסגעגעבן פון דער „פאַרוואַלטונג פון אָטוואָצקער, פאַלעניצער און קאַרטשעווער לאַנדסלייט אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד, 1948.

5) זייטן 45־48.

6) „דער פוילישער ייד״, פאַרבאַנד פון פוילישע יידן, ריאָ, נומער 3, יאַנואַר, 1952, זייטן 18־19.

האָבן געוואָלט צווינגען דעם רבי׳ן אין וואַרשעווער געטאָ, ער זאָל פאַר זיי שפּילן. דער רבי האָט צעבראָכן די פידל. די נאַצים שלעפּן דעם רבי׳ן דורך די וואַרשעווער גאַסן, צוגעבונדן צו רעדער, „צעשמעטערט דעם גוף, בלוט גיסט זיך פון די וואונדן" . . .

אָבער לויט משה בארוכאָוויטש אין „יזכור־בוך" פון דער זשעליכאָ־ווער יידישער קהילה[7]) איז דער קאָזשעניצער רבי געשיקט געוואָרן פון זיינע חסידים פון וואַרשע קיין זשעליכאָוו, אַ סך יידן האָבן דעמאָלט גע־גלויבט אַז זשעליכאָוו וועט ניצל ווערן, ווייל די אכזריות פון די דייטשן זיינען אין זשעליכאָוו געווען קלענערע אין פאַרגלייך צו אַנדערע שטעט.

„דער קאָזשעניצער רבי האָט אַריינגעבראַכט אַ געוויסע הימלעכקייט אין שטאָט. דער עולם האָט באַזוכט זיינע טישן, וואָס ער האָט געפּראַוועט לויט זיין סדר. הגם אַ פאַר־שיין איז געווען זייער שווער צו באַקומען, זיינען פאָרט אַ סך חסידים דעמאָלט געקומען צום רבי׳ן.

„ערב ראש השנה איז דער רבי קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. ער האָט פאַרלאַנגט אַז דער עולם זאָל ביי אים דאַווענען. מ׳האָט טאַקע ביי אים געדאַוונט די צוויי טעג ראש־השנה. מ׳האָט כסדר געזאָגט תהלים אין זיין שטוב. דער מצב איז געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער. ער האָט אָפטמאָל פאַר־לוירן זיין באַוואוסטזיין. מ׳האָט באַלד מודיע געווען זיינע חסידים אין וואַרשע און הגם דאָס געטאָ אין וואַרשע איז דעמאָלט געווען געשלאָסן, האָבן פאָרט זיינע חסידים אַלץ געטאָן, געקומען צו אים און מיטגעבראַכט צוויי גרויסע דאָקטוירים, אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן.

„דער רבי איז נפטר געוואָרן.

„מ׳האָט אָנגעהויבן זיך מישב צו זיין, וואו מען זאָל דעם רבי׳ן קובר זיין. טייל האָבן געהאַלטן, אַז מ׳זאָל אים נעמען קיין קאָזשעניץ, וואו עס רוען זיינע עלטערן. אָבער די זשעליכאָווער בעלי־בתים האָבן קעגן דעם פּראָטעסטירט און פאַרלאַנגט אַז מ׳זאָל נישט אַרויסגעבן דעם נפטר. מ׳האָט געזעצט אַ בית־דין של רביים, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אַ פּסק אַז מ׳זאָל דעם נפטר נישט אַרויספירן, נאָר ברענגען צו קבורה אין זשעליכאָוו. אין דער לוויה האָבן זיך באַטייליקט כמעט אַלע יידן, וואָס האָבן דעמאָלט גע־וואוינט אין זשעליכאָוו.[8])

פון דער אויספירלעכער שילדערונג פון דעם קאָזשעניצער רבי׳נס זיין אין זשעליכאָוו, זיין קראַנק ווערן דאָרט אויף טיפוס און זיין לוויה, דאַרף מען אָננעמען אַז דער רבי ר׳ אהרעלע איז נפטר געוואָרן אין זשע־לעכאָוו און דאָרט געקומען צו קבורה.

7) שיקאַגאָ, 1954, זייט 222.

8) אויפן זעלבן עמוד זיינען פאַראַן צוויי פאָטאָגראַפיעס מיט די אונטערשריפטן:
א) „צוגרייטונגען צום לוויה־צוג פון קאָזשעניצער רבי׳ן זצ״ל אין זשעליכאָווער געטאָ";
ב) „די לוויה פון קאָזשעניצער רבי׳ן זצ״ל אין זשעליכאָווער געטאָ".

דער קאַלאַשיצער רבי ר׳ חנה האַלבערשטאַם אומגעקומען אין פריסטיק מיט זיין גאַנצער משפחה

ער איז געווען אַן אייניקל פון רבי׳ן ר׳ יחזקאל׳ע האַלבערשטאַם פון שינעווע. — ער איז פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אין ריישע. — אין דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אַנטלאָפן קיין פריסטיק. — טאָג־בוך פון אַ יידן שילדערט דעם קאַלאַשיצער רבי׳ן אין פריסטיק.

צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה האָבן רביים פון פאַר־שידענע שטעטלעך אויפגעשטעלט זייערע רבי׳שע הויפן אין ריישע (זשע־שאָוו), מערב־גאַליציע.

איינער פון די רביים, וואָס האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה גע־וואוינט אין ריישע, איז געווען דער קאַלאַשיצער רבי, ר׳ חנה האַלבערשטאַם.

דער רבי ר׳ חנה האַלבערשטאַם איז געווען אַן אור־אייניקל פון סאַנזער רבי׳ן ר׳ חיים האַלבערשטאַם.

זיין פאָטער, ר׳ מנחם־מענדל האַלבערשטאַם, איז געווען רב אין פריס־טיק, אין דער זעלבער שטאָט וואו ס׳איז אַמאָל געווען רב דער רבי ר׳ מענדעלע, וואָס האָט דערנאָך געוואוינט אין רימאַנאָוו און איז באַקאַנט אין דער חסידישער וועלט אַלס דער רבי ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער.

דער רבי ר׳ מנחם־מענדל האַלבערשטאַם, דער פריסטיקער רבי, איז געווען אַ זון פון רב און רבי׳ן ר׳ אריה־לייבוש האַלבערשטאַם פון דוקלע, וועלכער איז געווען דער זון פון רבי׳ן ר׳ דוד פון קשאַנאָוו, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ חיים האַלבערשטאַם פון סאַנז, גערופן אויפן נאָמען פון זיין ספר „דברי חיים״.

אויך פון זיין מוטערס צד איז דער קאַלאַשיצער רבי געווען אַ סאַנזער אייניקל.

זיין מוטער, פייגע־ביילע, איז געווען אַ טאָכטער פון שינעווער רבי׳ן, ר׳ יחזקאל׳ע האַלבערשטאַם, דער בעל „דברי יחזקאל״, וועלכער איז געווען אַ זון פון סאַנזער רבי׳ן ר׳ חיים האַלבערשטאַם.

חסידים דערציילן, אַז ווען דעם שינעווער רבי׳נס טאָכטער, פייגע־ביילע, איז געווען מעוברת מיט דעם קאַלאַשיצער רבי׳ן, איז זי אַריין צו איר פאָטער און האָט פאַר אים געוויינט, ער זאָל פאַר איר מתפלל זיין, זי

זאָל האָבן אַ זרע של קיימא, ווייל עס האָט זיך איר פריער נישט געפירט מיט קינדער.

האָט דער פאָטער אירער, דער שינעווער רבי, געזאָגט: „ווײַן נישט, טאָכטער מיינע, דאָס קינד וועט אויסוואַקסן אַ צדיק".

דער קאָלאָשיצער רבי איז געבוירן געוואָרן ו' תמוז, תרמ"ד (1884).

דער שינעווער רבי איז דעמאָלט געווען אין קוראָרט קרעניץ, האָט ער געשריבן צו זיין איידעם ר' מנחם מענדל קיין פריסטיק, אַז מען זאָל דעם קינד אַ נאָמען געבן ח נ ה.

חסידים דערציילן פאַרשיידענע מעשיות וועגן דער גרויסקייט פון קאָלאָשיצער רבי'ן.

אַזוי ווערט דערציילט, אַז ווען דער קאָלאָשיצער רבי איז אַלט געווען דריי יאָר האָט ער געזען, אַז דער שינעווער רבי טוט זיך אָן ראש השנה פאַר תקיעת שופר דעם קיטל, האָט דאָס קינד געזאָגט צו דער מוטער:

„דער זיידע גרייט זיך צום סדר"...

און דער שינעווער רבי האָט דערנאָך געזאָגט, אַז דער סוד פון תקיעת שופר און עסן כרפס ביים סדר האָבן דעם זעלבן שורש על פי קבלה.

דער שינעווער רבי האָט געזאָגט אויפן קאָלאָשיצער רבי'ן, דערציילן חסידים, אַז מען האָט אים געזאָגט אין הימל, אַז זיין אייניקל חנה, וועט אויסוואַקסן אַן אדם גדול.

חסידים דערציילן, אַז ווען דער קאָלאָשיצער רבי איז אינגאַנצן אַלט געווען אַ דרייסיק יאָר איז ער געפאָרן קיין ליזשענסק אויפן קבר פון רבי'ן ר' אלימלך. האָט אַ חסיד אים געטראָפן ליגן אויסגעצויגן אויפן רבי'ן ר' אלימלכ'ס קבר איינער אַליין אין „אוהל" און ער האָט געשריגן:

„דער אייבערשטער זאָל מיר העלפן, איך זאָל זוכה זיין אומצוקומען אויף קידוש השם".

און דאָס איז געווען אַ סך, אַ סך יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

לויט דער חסידישער מסורה האָט דער שינעווער רבי אַליין געקרוינט זיין אייניקל פאַר אַ רבי'ן. איינמאָל איז דער שינעווער רבי קראַנק געוואָרן, האָט ער צוגערופן זיין אייניקל, דעם קאָלאָשיצער רבי'ן, און האָט פאַר אים אויפגעמישט דעם סידור פון אר"י הקדוש און האָט אים געוויזן מיטן פינגער אויפן „יהי רצון", וואָס איז צוגעדרוקט צו דער ברכה „רפאנו" פון דער שמונה עשרה, און האָט אים געזאָגט: „זיי מתפלל פאַר מיר".

⁂

דער קאָלאָשיצער רבי האָט גע'שמ'ט אין גאַליציע פאַר אַן איש אמת און פאַר אַן אוהב ישראל.

איינמאָל האָט דער קאַלאַשיצער רבי זיך אויפגעשטעלט ערב יום כיפור ביי דער סעודה המפסקת און האָט אָנגעהויבן צו שרייען מיט גרויס התלהבות: „מיט אהבת ישראל קען מען גיין הויך, הויך עד אין סוף".

דער קאַלאַשיצער רבי האָט תמיד נאָכגעזאָגט דאָס וואָרט פון זיין על־טער־זיידן, דעם סאַנזער רבי'ן:

„איך האָב נישט קיין מורא פאַר קיין שום מענטש, אַפילו נישט פאַר קיין מלאך. איך האָב בלויז מורא פאַר אַ קרעכץ פון אַן אָרימאַן!"

דער קאַלאַשיצער רבי האָט אַרויסגעגעבן בחייו צוויי קונטרסים: „קונטרס בינה ודעת", והוא „קונטרס דברי שמשא", פון גאון ר' חזקיה די סילוא, דעם בעל „פרי חדש", מיטן קונטרס „בין השמשות" פון קאַלאַ־שיצער רבי'ן (געדרוקט אין קראָקע אין יאָר 1927).

דאָס צווייטע ספר איז „קונטרס תורת מקוה" (געדרוקט אין ריישע אין יאָר 1937).

די דאָזיקע צוויי קונטרסים זיינען איצט נאָך אַמאָל איבערגעדרוקט געוואָרן (פאָטאָ־אָפסעט) צוזאַמען מיט אַ קונטרס „דברי חנה", תורה'ס וואָס זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן פון הרב ר' יחזקאל שרגא וואגשאל (ניו־יאָרק, תשי"ב—1952).

אין „מצבת קודש" גיט־אָן דער מחבר, אַז עס זיינען אומגעבראַכט גע־וואָרן דורך די דייטשן ימ"ש דער קאַלאַשיצער רבי מיט זיין מוטער; זיין פרוי פעסיל, וועלכע איז געווען אַ טאָכטער פון רבי'ן ר' משה האַלבער־שטאַם פון באַרידאָוו, מיט זייערע קינדער: ר' משה־אהרן, וועלכער איז געווען יונגער רב אין קאַלאַשיץ, צוזאַמען מיט זיין פרוי און זעקס קינדער; ר' דוד אריה לייבוש פון פריסטיק מיט זיין פרוי און פיר קינדער; ר' ברוך מיט זיין פרוי און קינדער; ר' שלום מיט זיין פרוי; דער בחור יקותיאל יהודא; די טעכטער שרה און מרים ברכה.

אויך זוערן אויסגערעכנט דעם קאַלאַשיצער רבינ'ס ברידער און שוועסטער מיט זייערע קינדער, וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם — צוזאַמען מער ווי זיבעציק נפשות, וואָס זיינען אומגעבראַכט גע־וואָרן דורך די דייטשן אויף קידוש־השם, הי"ד.

לויט ווי עס ווערט אָנגעגעבן אין דער הקדמה, רעכנט מען, אַז דער קאַלאַשיצער רבי איז אומגעקומען דורך די דייטשע רוצחים, ימח שמם, יום ב' דחול המועד סוכות, תש"ג (1942).

עס ווערט אָבער נישט אָנגעגעבן אין וועלכער שטאָט דער קאַלאַשיצער רבי איז אומגעבראַכט געוואָרן און וואו ער האָט זיך געפונען ווען די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט פוילן.

אָבער אין מיין רשות געפינט זיך, אין כתב־יד, אַ זעלטענער טאָג־בוך, וואָס עס האָט געפירט ר' שלמה שמידט פון פריסטיק פונעם טאָג ווען די

באַציס זיינען אַריין קיין פריסטיק ביז דעם טאָג ווען כמעט אַלע יידן פון די פיר הונדערט משפּחות זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן.

בלויז יחידים האָבן זיך געראַטעוועט דורך אַ נס און צווישן זיי אויך ר׳ שלמה שמידט מיט זיין פרוי און טאָכטער, פרוי חיה ראַפּאָפּאָרט.

ר׳ שלמה שמידט איז געווען דער פירער פון דער מזרחי אין פריסטיק און ער איז געווען אַ מיטגליד פון קהילה־ראַט (ער איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק אין ניו־יאָרק). זיין טאָכטער, מרס. ראַפּאַפּאָרט, האָט מיר געבראַכט דעם טאָג־בוך, וואָס איז אַ וויכטיקער היסטאָרישער דאָקו־מענט און דאָרט האָבן מיר געפונען ידיעות וועגן קאָלאָשיצער רבי׳ן, ר׳ חנה האַלבערשטאַם, וועלכער איז אין אָנהויב פון דער מלחמה אַנטלאָפן פון ריישע קיין פריסטיק, וואו זיין פאָטער און ברודער זיינען געווען רבנים.

ר׳ שלמה שמידט שרייבט:

„דעם 5־טן סעפּטעמבער 1940. הרב ר׳ חנה האַלבערשטאַם, דער קאָ־לאָשיצער רבי, קומט צופאָרן פון ריישע. איך גיי צו אים הערן נייעס און פאַרוואָס ער איז אַהער געקומען.

„דער קאָלאָשיצער רבי דערציילט מיר, אַז ער האָט געמוזט אַוועק פון ריישע, ווייל ער האָט מער נישט געקענט צוקוקן די צרות, וואָס די דייטשן טוען דאָרט אָן די יידן. די דייטשן נעמען־צו ביסלעכווייז די יידישע פאַר־מעגנס, וואָס מען האָט באַהאַלטן צו האָבן פון וואָס צו לעבן. מען וואַרפט אַרויס פון די וואוינונגען. מען נעמט־צו דאָס מעבל, ואחרי ככלות הכל, שלעפּט מען יעדן טאָג טויזנטער יידן צו דער אַרבעט הונגעריק, באָרוועס און נאַקעט. און לאַ־די וואָס מען צאָלט נישט פאַר דער אַרבעט, מוטשעט מען די יידן און מען פייניקט זיי. האָב איך זיך מיישב געווען, אַזוי ווי העלפן קען איך נישט, צו וואָס זאָל איך דאָרט זיצן, איך וועל ליבער זיין אין פריסטיק, אַ קליין שטעטל, און איך האָב אויך געהערט, אַז דאָ פּיי־ניקט מען נישט אַזוי שטאַרק די יידן. הגם צרות פעלן דאָ אויך נישט, אָבער צו די צרות פון די ריישער יידן קומט עס נישט. עס גייט איצט צו די ימים טובים, און דאַוונען מיט אַ מנין דאָרט איז דאָך אוממעגלעך. דאָ וועל איך קענען האָבן יעדן טאָג אַ מקוה, יעדן טאָג אַ מנין און לערנען במנוחה״.

אָבער אויך אין דעם שטעטל פריסטיק האָבן די דייטשן אָנגעהויבן מוראדיק צו פּייניקן יידן.

מיט אַ חודש שפּעטער, דעם 5־טן אָקטאָבער 1940, פאַרצייכנט שמידט אין זיין טאָג־בוך, אַז „דאָס שטאָטישע בית־המדרש, דער בית הכנסת, איז פאַרשלאָסן״. די דייטשן האָבן דאָרטן זייער פיל יידן דערשאָסן, האָבן די יידן מורא אַריינצוגיין. מען מאַכט מנינים, טייל אין פּריוואַטע וואוינונגען און טייל אין די קלויזן, וואָס זיינען אין די הינטערגעסלעך.

„ווען עס איז געקומען ערב יום־כיפּור האָט קהל ׳אויסגע׳פּועל׳ט׳ ביי דעם דייטשן טרופּן־פירער האנצעלדאָרף און ביים בורא אָנפירער ראַדעל,

אַז די יידן וועלן צושטעלן הונדערט מענטשן צו דער אַרבעט אַנשטאָט פּופּציק, כדי מען זאָל קאָנען פאַרענדיקן די אַרבעט ערב יום כיפור 12 אַזייגער בייטאָג מען זאָל קענען גיין צו כל־נדרי. אָבער 10 אַזייגער זיינען אָנגעקומען פרישע צען וואַגאָנען מיט אייזערנע שטאַנגען און דער דייטשער אָנפירער האָט די יידן ניט געלאָזט אַוועקגיין ביז די יידן וועלן נישט אויס־לאָדענען די וואַגאָנען. איז ר׳ שלמה שמידט אַוועק צום קאָלאָשיצער רבי׳ן זוכן יידן צו דער אַרבעט, און ר׳ שלמה שמידט שרייבט:

„איך קום אַריין צום קאָלאָשיצער רבי׳ן. דער רבי זיצט מיט אַן עולם ביים טיש אין מיטן דער סעודה המפסקת. איך מאַך אַ געוואַלד: היתכן? יידן וועלן נאָך, חלילה, מוזן אַרבעטן אין יום כיפור אויב יעדער ייד אַן אויסנאַם וועט נישט קומען העלפן אויסלאָדענען די וואַגאָנען אייזן.

„דער קאָלאָשיצער רבי זאָגט, אַז איך בין גערעכט, און ער הייסט זיינע אייגענע קינדער גיין צו דער אַרבעט.

„און אַז דער עולם האָט געזען, אַז דעם רבינ׳ס קינדער גייען צו דער אַרבעט, זיינען אַלע שוין געגאַנגען”.

אָבער די דייטשן האָבן די יידן ניט באַפרייט — דערציילט ווייטער שמידט אין טאָג־בוך — און ווען די יידן וואָלטן געווען אַנטלאָפן פון דער אַרבעט, האָט דער דייטשער אָנפירער געהאַט אַ באַפעל צו דערשיסן יעדן יידן וואָס וועט אַנטלויפן.

אויך יום־כיפור האָבן די יידן געמוזט אַרבעטן, און ווען שמידט איז געקומען צום דאַווענען האָט מען שוין געהאַלטן ביים מוסף. און ר׳ שלמה שמידש דערציילט ווייטער:

„דער קאָלאָשיצער רבי פרעגט אונדז וואָס מען הערט. מיר דערציילן וועגן אַלעם און אויך אין וואָס פאַר אַ סכנה די שטאָט איז געווען. דער קאָלאָשיצער רבי זאָגט: איר קענט זיכער זיין, אַז מיט אייער נישט־דאַ־ווענען האָט איר מער אויפגעטאָן ווי די יידן, וואָס האָבן געדאַוונט פון אינדערפרי אָן!”

דעם 4־טן מערץ 1941 פאַרשרייבט מר. שמידט אין זיין טאָג־בוך, אַז דער שטורעם־פירער ערווין קלאָסן קומט צו אים און פרעגט אים וויפיל עס האָט געקאָסט אַ ספר תורה פאַר דער מלחמה. מר. שמידט זאָגט אים: פינף הונדערט זלאָטעס. זאָגט ער, אַז אויב מר. שמידט וועט אים געבן פינף טויזנט זלאָטעס וועט ער צוריקגעבן קהל צוויי ספרי תורה, וואָס ער האָט צוגענומען ביי יוסף ענגעלהאַרד. „איך זאָג אים, אַז קהל איז אָרים, מיר האָבן נישט אַזוי פיל געלט. פון דער שול גיי איך צום קאָלאָשיצער רבי׳ן, איך דערצייל אים, אַז פאַר 5,000 זלאָטעס זאָגט דער שטורעם־פירער, וועט ער אָפּגעבן די ספרי תורה. דער רבי זאָגט, אַז על פי דין איז מען מחויב אויסצולייזן ספרי־תורה, אָבער אין דעם פאַל טאָר מען דאָס נישט טאָן. ווייל ווען מען גיט אים אויסלייז־געלט, וואָלט ער ווידער צוגענומען

אַנדערע ספרי תורה און ווידער פאַרלאַנגט געלט. אַזוי וואָלט ער געפּרעסט געלט ביי יידן. איז גלייכער נישט צו געבן".

ר' שלמה שמידט האָט אין זיין טאָג־בוך נאָך פאַרצייכענונגען וועגן קאָלאָשיצער רבי'ן און זיינע קינדער.

פאַר דער פאַרניכטונג פון די יידן אין פּריסטיק, האָט דער קאָלאָשיצער רבי זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער אין אַ קאַרטאָפל־פעלד הינטער דער שטאָט. די דייטשן האָבן אַנטדעקט דעם בונקער און דער קאָלאָשיצער רבי איז אומגעקומען אויף קידוש השם צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה יידן אין פּריסטיק.

דער קאַמאַרנער רבי איז אומגעקומען אויף קידוש השם

דער רבי ר׳ ברוך איז געווען דער לעצטער רבי פון דער קאַמאַרנער גזע.
ער איז דערשאָסן געוואָרן אויפן קאַמאַרנער בית־הקברות.

דער קאַמאַרנער רבישער הויף איז געווען איינער פון די באַרימטע רבי׳שע גזע׳ס אין גאַליציע.

דער גרינדער פון דער קאַמאַרנער דינאַסטיע איז געווען דער רבי ר׳ אַלעקסאַנדער־סענדער ספרין, וועלכער איז געווען איינער פון די פינף זין פון דעם פאַרבאַרגענעם צדיק ר׳ יצחק־אייזיק אייכענשטיין פון דעם דאָרף סאַפרין.

דער קאַמאַרנער רבי, ר׳ ברוך סאפרין, הי״ד

דער ערשטער קאַמאַרנער רבי איז געווען אַ תלמיד פון „חוזה" פון לובלין. מען האָט וועגן אים דערציילט, אַז ווען ער איז אַלט געווען זיבן יאָר האָט ער שוין געקענט אַלע דריי מסכתות — בבא קמא, בבא מציעא און בבא בתרא פון אויסענווייניק.

דער ערשטער קאַמאַרנער רבי איז געווען אַ גרויסער מקובל. חסידים האָבן געזאָגט, אַז ער האָט אין זיין לעבן דורכגעלערנט זיבן מאָל גאַנץ ש״ס.

דער קאָמאַרנער רבי איז נפטר געוואָרן ווען ער איז אַלט געווען אַכט־און־פערציק יאָר. ער איז געפאָרן אויף אַ שבת קיין אוהעל, אונגאַרן, איז דאָרט קראַנק געוואָרן און נפטר געוואָרן כ״א אב, תקע״ח (1818).

לויט ווי עס ווערט געבראַכט אין דער הקדמה צום ספר „זכרון דברים״, וואָס זיין זון ר׳ יצחק־אייזיק האָט אַרויסגעגעבן, האָט דער זידיטשויווער רבי, דער רבי ר׳ הערשעלע זידיטשויווער, געזאָגט אַז דער „חוזה״ פון לובלין איז אים געקומען צו חלום און האָט אים געזאָגט, אַז יעדן פרייטיק נאָך האַלבן טאָג גייט־אויף אַ פייער פון קבר פון קאָמאַרנער רבי׳ן, וואָס דערגרייכט ביזן הימל אַריין.

אין דער זעלבער הקדמה ווערט אויך געבראַכט, אַז די מסירת־נפש פון זיין פאָטער איז געווען ענלעך צו דער מסירת־נפש פון רבי עקיבא...

נאָך דער פטירה פון ערשטן קאָמאַרנער רבי׳ן איז זיין זון ר׳ יצחק־אייזיק יחיאל סאַפרין געוואָרן רבי.

∴

דער קאָמאַרנער רבי, וועלכן מען האָט גערופן „ר׳ אייזיקל קאָמאַרנער״, איז געווען אַ גרויסער מקובל. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל ספרים אויף קבלה, צווישן זיי „ספר זוהר חי״, „עשירית האיפה״ אויף תורת כהנים און „היכל הברכה״ אויף דער מסורה. אויך איז אַרויס פון אים אַ ספר „מגילת סתרים״, זיינע חלומות וואָס ער האָט פאַרשריבן.

ר׳ אייזיקל קאָמאַרנער איז נפטר געוואָרן י׳ אייר, תרל״ד (1874). אויף זיין אָרט איז געוואָרן רבי זיין זון ר׳ אליעזר, דער מחבר פון די ספרים: „דמשק אליעזר״ אויפן זוהר, „אור עינים״, „בן ביתי״ און „זקן ביתי״ אויף פרקי־אבות.

דער בעל „דמשק אליעזר״ איז געגאַנגען אין דרך פון זיין פאָטער און זיידע. ער איז געווען אַ גרויסער בעל־מקובל און מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בעל־מופת. ער איז נפטר געוואָרן כ״ד אייר, תרנ״ח (1898).

אויף זיין מצבה האָט ער געהייסן אויפשרייבן בלויז „איש יהודי״ [1].

נאָך דער פטירה פון בעל „דמשק אליעזר״ איז זיין זון, ר׳ יעקב־משה, געוואָרן רבי אין קאָמאַרנע.

1) אַזוי ווי די מערסטע מצבות אויף די יידישע בית־עלמינ׳ס אין פוילן זיינען פאַרניכטעט געוואָרן דורך די דייטשן, איז וויכטיק צו פאַרצייכענען די אויפשריפט אויף דער מצבה: „פ״נ איש יהודי אליעזר־צבי, בעל המחבר דמשק אליעזר, פירוש על הזוהר הקדוש; ספר ראש בית, פירוש על תקוני זוהר; ספר בן ביתי, על התורה ועל חמש מגילות; ספר בן ביתי, על התהלים; ספר זקן ביתי, על פרקי אבות; ספר אור עינים, ארבעה חלקים; ספר זקן ביתי, על סיום הש״ס; בן רבנו יצחק יהודא יחיאל, הרב דפה זצללה״ה״.

דער רבי ר׳ יעקב־משה האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ גרויסן בעל־מופת. ער האָט געהאַט טויזנטער און טויזנטער חסידים אין גאַליציע און אין אונ־גאַרן. זיין פעטער, דער רבי ר׳ אייזיקל זידיטשויווער, האָט אויף אים געזאָגט, אַז ר׳ יעקב־משה האָט אַ גרויסע נשמה און ווען ער זאָל אפילו וואוינען אין אַ וואַלד, וועלן אים נאָכלויפן טויזנטער יידן...

דער רבי ר׳ יעקב־משה האָט מחבר־געווען די ספרים: „שמחת יעקב״, „מחשבת יעקב״ און „ישועות יעקב״.

דער בעל „שמחת יעקב״ האָט געהאַט אַ מנהג, אַז יעדן פרייטיק פאַרנאַכט צו מנחה האָט ער געזאָגט מיטן עולם חסידים „הודו לד׳ כי טוב״ פסוק בפסוק. ער האָט געזאָגט איין פסוק מיט גרויס מתיקות און די חסידים האָבן נאָכגעזאָגט דעם פסוק.

דער בעל „שמחת־יעקב״ איז געווען אַ גרויסער בעל־בכי. האָט אים דער טריסקער מגיד געבענטשט, אַז ווען ער וועט וועלן זאָל ער האָבן טרערן. און מיט זיין געוויין — האָבן חסידים געזאָגט — האָט ער צוגע־צויגן דעם פשוטן יידן ער זאָל תשובה טאָן.

דער קאָמאַרנער רבי ר׳ יעקב־משה האָט שטאַרק ליב געהאַט ארץ־ישראל. ער האָט געהאַט אַ מנהג אַז דעם ערשטן פדיון, וואָס ער האָט געקראָגן יעדן טאָג אינדערפרי, האָט ער אַוועקגעגעבן פאַר ארץ־ישראל.

דער בעל „שמחת־יעקב״ איז נפטר געוואָרן ט״ו תמוז, תרפ״ט (1929) און זיין ממלא־מקומו איז געוואָרן זיין זון ר׳ שלום, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון ר׳ ישראל פערלאָוו, דער בעל „ינוקא״ פון סטאָלין.

בלויז אַכט יאָר האָט ר׳ שלום געפירט די רבי׳סטווע. ער איז נפטר געוואָרן כ״ו אדר, תרצ״ג (1933) [2].

נאָך דער פטירה פון רבי׳ן ר׳ שלום איז זיין זון ר׳ ברוך געוואָרן רבי. ר׳ ברוך קאָמאַרנער איז געווען אַן איידעם פון הרב ר׳ אליהו ראָמבאַך פון אָשוויענטשים (אוישוויץ). דער רבי ר׳ ברוך איז אינגאַנצן אַלט געווען 23 יאָר ווען זיין פאָטער איז נפטר געוואָרן. בעת דער קראַנקהייט פון זיין פאָטער האָט ער אים צוגערופן צו זיין בעט און האָט געזאָגט צו די חסידים אַז ער וויל אַז ר׳ ברוך זאָל ווערן רבי.

דער רבי ר׳ ברוך איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרע״ג (1913) אין סטאָלין, אין הויז פון זיין מוטערס פאָטער ר׳ ישראל פערלאָוו, דער „ינוקא״. ביז אַכט יאָר איז ר׳ ברוך אויפגעצויגן געוואָרן אין סטאָלינער הויף. אין יאָר תרפ״ב (1922), נאָך דער פטירה פון זיין זיידן, ר׳ ישראל פערלאָוו, איז ער מיט זיין פאָטער ר׳ שלום און מוטער חוה אַריבער קיין קאָמאַרנע צו זיין זיידן, דעם רבי׳ן ר׳ יעקב־משה.

2) וועגן ר׳ שלום קאָמאַרנער איז פאַראַן אַ ליד אין דעם בוך: „קאָמאַרנער יידן, נעבעך״, פון קלמן הייזלער.

ר׳ ברוך האָט זיין גאַנץ לעבן געוואָלט זיך דערווייטערן פון דער רבי׳סטווע. ער האָט געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל. ער האָט געבעטן ר׳ ישעיה׳לע שפּירא, דעם רבי־חלוץ, ער זאָל זיך פאַר אים משתדל זיין צו קריגן פאַר אים אַ סערטיפיקאַט [3].

.·.

ר׳ ברוך האָט געהאַט אַ דרך אין לערנען ווי אַ „מתנגד״. ער האָט געלערנט „נגלה״, ש״ס און פוסקים, און מיט קבלה האָט ער זיך נישט שטאַרק אָפּגעגעבן. נאָך דער פּטירה פון זיין פאָטער האָבן די חסידים מקיים געווען די צוואה פון רבי׳ן ר׳ שלום און זיי האָבן געקרוינט ר׳ ברוכ׳ן פאַר דעם רבי׳ן.

באַלד ווי ר׳ ברוך איז געוואָרן רבי, האָט ער געגרינדעט אַ ישיבה אין קאָמאַרנע מיטן נאָמען „בנין שלום״, אויפן נאָמען פון זיין פאָטער. דאָס אליין איז געווען אַ חידוש אין קאָמאַרנער דרך אין חסידות, אָבער אויך אין דעם האָט דער רבי ר׳ ברוך קאָמאַרנער זיך געפירט אַנדערש ווי זיינע עלטערן, די פריערדיקע קאָמאַרנער רביים.

דער קאָמאַרנער רבי ר׳ ברוך האָט יעדן טאָג געזאָגט אַ שיעור אין דער ישיבה און ער האָט געזאָרגט פאַר דעם אויפהאַלט פון די ישיבה־בחורים. דער לעצטער קאָמאַרנער רבי ר׳ ברוך האָט אויך יעדן טאָג געלייגט „שימושא רבה״ תפילין.

דער קאָמאַרנער רבי האָט געהאַט אַ סך חסידים פון אונגאַרן, און נאָך דער פּטירה פון מונקאַטשער רבי׳ן ר׳ חיים־אלעזר שפּירא זצ״ל זיינען אַ סך מונקאַטשער חסידים געפאָרן צום קאָמאַרנער רבי׳ן.

.·.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן זיינען באַפאַלן מזרח־גאַליציע, האָט זיך באַלד אָנגעהויבן די פאַרניכטונג פון די אידן.

די אונגאַרישע חסידים האָבן געקראָגן פאַרן קאָמאַרנער רבי׳ן אַ דער־לויבעניש פון דער אונגאַרישער רעגירונג, ער זאָל מעגן קומען קיין אונ־גאַרן. זיי האָבן געהאָפט, אַז דאָרט וועט זיי געלינגען אים צו ראַטעווען. אָבער אַזוי ווי די דערלויבעניש איז געווען בלויז פאַר אים אַליין, און נישט פאַר זיין מוטער, האָט ער נישט געוואָלט איבערלאָזן די מוטער אין גאַליציע און ער איז געבליבן מיט איר אין קאָמאַרנע.

3) „בית קומרנא״, פון הרב ברוך ישר (שליכטער), ירושלים, תשכ״ה (1965), זייט 126.

די נאַציישע פאַרפאָלגונגען אויף די יידן אין שטאָט איז געוואָרן שטאַרקער פון טאָג־צו־טאָג.

דער קאַמאַרנער רבי האָט געהאַט אַ סך גאָלדענע און זילבערנע חפצים, האָט ער אַלץ אויספאַרקויפט און דאָס געלט צעטיילט צווישן די יידן. די מקורבים זיינע האָבן געפּרוּווט אים אָפּהאַלטן פון אויספאַרקויפן די אַלע טייערע חפצים, האָט דער רבי זיי געזאָגט: „אויב די וועלט וועט בלייבן וועלט", וועל איך מיר קויפן אַנדערע כלים. אויב, ווידער, די וועלט וועט חרוב ווערן, וואָס דאַרף איך האָבן די אַלע חפצים?" [4]).

די דייטשע רוצחים מיט זייערע אוקראַינישע אַרויסהעלפער האָבן ערב שבת חשון געכאַפּט הונדערטער יידן, צווישן זיי אויך דעם רבי'נס ברודער ר' שלמה, הרב ר' אפרים לאַנגערנויער און אַנדערע, זיי אַרויס־געפירט נעבן וואַלד בערעזניק, זיי אויסגעשטעלט נאַקעט נעבן אַ גרויסן גרוב און זיי דערשאָסן, זייערע גופים אַריינגעוואָרפן אין גרוב אַריין און דעם גרוב פאַרשאָטן.

דער מצב איז געוואָרן שווערער פון טאָג־צו־טאָג. עס איז אָנגעקומען אַ שליח מיוחד פון ווילנע, וואָס האָט נאָך דעמאָלט געהערט צו דער זעלבסטשטענדיקער ליטע, מיט אַ ליטווישן פּאַספּאָרט פאַרן רבי'ן, אָבער דער רבי האָט נישט געוואָלט אָנעקפאָרן.

אין חודש כסלו, תש"ג, ווען דער געטאָ אין קאַמאַרנע איז ליקווי־דירט געוואָרן, איז דער רבי אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין סאַמבאָר.

צווישן די ערשטע קרבנות אין סאַמבאָר איז געווען זיין מוטער חוה'לע, זיין רביצין שיינדל, און זייערע קינדער: שלום — פינף יאָר אַלט, און יעקב־משה — דריי יאָר אַלט; אויך דעם רבי'נס שוועגערין, ר' שלמה'ס ווייב יענטל, די טאָכטער פון רבי'ן ר' משה־ליב פון טריסק, און איר קליינע טאָכטער.

דער קאַמאַרנער רבי האָט נאָך געפּרוּווט אָנהאַלטן זיין חסידישן דרך אין סאַמבאָרער געטאָ. ער האָט שבת געפירט אַ רבי'שן טיש און האָט יעדן טאָג געלערנט זיינע שיעורים. דאָס האָט געגעבן אַ סך התחז־קות די הונדערטער יידן, וואָס זיינען אָפּגעשלאָסן געוואָרן אין געטאָ.

דער קאַמאַרנער רבי האָט אָבער דערפילט, אַז עס רוקן זיך אָן מורא'דיקע טעג אויף יידן, האָט ער איינמאָל אין אַ פרימאָרגן אַריינגע־רופן זיינע חסידים און האָט זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן אַנטלויפן פון געטאָ אין די וועלדער אַריין. אַ גרויסע צאָל יידן אין סאַמבאָר האָבן זיך צוגעהערט צו די רייד פון קאַמאַרנער רבי'ן און זיי זיינען אַנטלאָפן אין די וועלדער אַריין און אַ דאַנק דעם זיינען זיי טאַקע געבליבן לעבן. אָבער די מערסטע

4) „ארזי הלבנון" פון הרב דוד וויסבראד (הלחמי), זייט 109.

יידן האָבן נישט געהאַט קיין מוט צו לעבן אַ פּאַרטיזאַנער־לעבן און זיי זיינען געבליבן אין געטאָ.

די יידן וואָס זיינען אַוועק אין די וועלדער האָבן געבעטן דעם קאָ־מאַרנער רבי׳ן ער זאָל מיט זיי מיטגיין, אָבער דער קאָמאַרנער רבי האָט זיי געענטפערט, אַז „כל זמן עס וועט בלייבן איין ייד אין געטאָ וועל איך בלייבן מיט אים!״...

די דייטשן האָבן אָנגעהויבן יעדן טאָג צו הרג׳ענען די יידן אין סאַמבאָר.

. .
.

וועגן אומקום פון לעצטן קאָמאַרנער רבי׳ן ר׳ ברוך ווערט איבערגע־געבן, אַז אין סאַמבאָר האָט געוואוינט אַ רבי, וועמען מ׳האָט גערופן רבי ר׳ אלטער; ער איז געווען אַן אייניקל פון די רביים פון זידיטשויוו און קאָמאַרנע. ווען דער רבי ר׳ ברוך האָט זיך געפונען אין סאַמבאָר, פלעגט דער רבי ר׳ אַלטער אַריינקומען צו אים. איינמאָל האָבן די דייטשע „עס־עס״־לייט געכאַפּט ר׳ אַלטער׳ן און אים דערשאָסן.[5]

און דעם צווייטן טאָג שבועות, תש״ג (1943) האָבן די נאַציס אַרויס־גענומען דעם קאָמאַרנער רבי׳ן ר׳ ברוך, האָבן אים צוגעפירט צום קבר פון רבי׳ן ר׳ אַלטער, האָבן צוריק געעפנט דעם קבר און אַוועקגעשטעלט נעבן דעם אָפענעם קבר דעם רבי׳ן ר׳ ברוך, און — אין דער רגע האָט אַ דייטש דערשאָסן דעם רבי׳ן ר׳ ברוך און זיין גוף איז אַריינגעפאַלן אין קבר פון רבי׳ן ר׳ אַלטער.

. .
.

ווען די דייטשע רוצחים האָבן יעדן טאָג אומגעבראַכט הונדערטער יידן אין סאַמבאָר, האָט אַ ייד געפרעגט דעם רבי׳ן, ווי אַזוי קען דער רבי ווייטער אָנגיין מיט זיין דרך, ווען ער זעט וואָס ס׳טוט זיך אַרום?

האָט דער רבי געענטפערט: ביי תפילת נעילה יום־כיפור זאָגן מיר „אתה הבדלת אנוש מראש ותכירהו לעמוד לפניך״ — אין די דאָזיקע פּאַרכטיקע טעג איז דער גוף אָפּגעטיילט פון קאָפּ, ווייל דער מוח קען נישט משיג זיין וואָס ס׳קומט פאָר, און דאָך „ותכירהו לעמוד לפניך״ — דער סאָלדאַט וואָס שטייט אויף דער וואַך פאַרן מלך, גיט נישט קיין וואונק מיט אַן אויג, ווען אפילו אַ שלאַנג וויקלט זיך פאַר זיינע פיס. מען דאַרף שטיין פאַרן מלך, ווען אפילו דער מח שפאַלט זיך פון נישט קענען תופס זיין וואָס ס׳געשעט מיט אונז יידן...

5) מ׳האָט דעם רבי׳ן קובר־געווען אין סאַמבאָר.

חסידים דערציילן, אַז מיט אַ פּאָר טעג פריער, איידער דער קאָמאַר־נער רבי איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, האָט ער געזאָגט:

„נאָך דעם ווי ס'זיינען פאַרברענט געוואָרן נדב און אביהוא, האָט משה רבינו געטרייסט זיין ברודער אהרן און האָט צו אים געזאָגט: „הוא אשר דיבר ד' לאמר בקרובי אש אקדש ועל פני כל העם אכבד"[6]. ווען משה האָט געהערט פון גרויסן אומגליק, וואָס עס האָט געטראָפן צו אהרנ'ען, האָט ער געוואוסט, אַז דאָס פאָלק וועט זיך חידוש'ן און נישט קענען פאַר־שטיין פאַרוואָס עס איז געשען אַזאַ אומגליק צו אהרנ'ען, האָט ער געזאָגט: 'בקרובי' — די וואָס זיינען נאָענט צום אייבערשטן און פאַרשטייען דעם סוד פאַרוואָס אהרנ'ס קינדער זיינען פאַרברענט געוואָרן, 'אקדש' — זיי וועלן מקדש זיין דעם אייבערשטן; אָבער 'על כל פני העם', די פשוטע יידן, וואָס פאַרשטייען ניט דעם אייבערשטענס דרכים — 'אכבד' (פון לשון כבד — שווער) וועט זיין שווער צו געבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס עס איז געשען אַזאַ גרויסער אומגליק צו אהרנ'ען. אויך איצט, אין דער מורא־דיקער צייט, זיינען פאַראַן מענטשן וואָס געהערן צו 'קרובים', און זיי פרעגן קיין שום קשיות נישט אויף דעם אייבערשטנס דרכים, און זיי וועלן מקדש השם זיין ברבים"...

און דער קאָמאַרנער רבי איז געווען איינער פון די „קרובים", און ער האָט מקדש השם געווען, און די גאָלדענע קייט פון דער קאָמאַרנער די־נאַסטיע איז איבערגעריסן געוואָרן...[7])

6) ויקרא י', ג' — דאָס איז וואָס גאָט האָט גערעדט אַזוי צו זאָגן: דורך מיינע נאָענטע וועל איך געהייליקט ווערן און פאַרן גאַנצן פאָלק וועל איך געערלעכט ווערן.

7) פון דער קאָמאַרנער גזע איז געבליבן אַ רבי, ר' חיים־יעקב סאַפרין, וועלכער האָט געוואוינט אין ניו־יאָרק און הייַנט וואוינט ער אין ירושלים.

דער קאָסאָניער רבי, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש השם אין אוישוויץ

דער קאָסאָניער רבי, ר׳ ישראל צבי הלוי ראָטנבערג, האָט געשטאַמט פון דער גזע פון רבי׳ן ר׳ הערשעלע זידיטשאָווער. — דער רבי האָט אויסגע־האַלטן די בחורים וואָס האָבן געלערנט אין זיין ישיבה. דער רבי איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין משפחה אין די גאַז־קאַמערן אין אוישוויץ.

דער רבי ר׳ ישראל צבי הלוי ראָטנבערג פון קאָסאָני, אונגאַרן, האָט געצויגן זיין יחוס פון רבי׳ן ר׳ הערשעלע סאַפרין פון זידיטשאָוו, וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין.

דער קאָסאָניער רבי, ר׳ ישראל־צבי הלוי ראָטנבערג, הי״ד

דער זידיטשאָווער רבי ר׳ הערשעלע איז געווען אַ גרויסער בעל־מקובל. ער איז דער מחבר פון די באַרימטע ספרים „עטרת צבי״ אויפן זוהר, „סור מרע ועשה טוב״, „פרי קודש חלולים״, „בית ישראל״ און אַנדערע ספרים.

דער רבי ר׳ צבי הירש פון זידיטשאָוו איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקכ״ג (1763) און איז נפטר געוואָרן י״א תמוז תקצ״א (1831). ער האָט נישט געהאַט קיין זין און זיינע איידעמס און ברידער׳ס קינדער האָבן

איבערגענומען די רבי'סטווע פון אים און געוואָרן רביים אין פאַרשידענע שטעט אין גאַליציע, ווי: זידיטשאָוו, ראָזדאָל, קאָמאַרנע, סאַמבאָר, דאָלינע און זיין איידעם ר' יוסף איז געוואָרן רבי אין קאָזיווע, און דאָרט האָט ער פאַרשפרייט די תורה פון זיין שווער, דעם רבי'ן ר' הערשעלע זידיטשאָווער.

ר' יוסף האָט נישט געוואָלט האָבן קיין פרסום און אַזוי אויך זיין זון, ר' צבי הירש, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון רב ר' שמואל פון העליטש.

אין יאָר תרי"ג (1853) איז געבוירן געוואָרן אין הויז פון ר' צבי הירש אַ זון, וואָס מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן יהוסף, און ער האָט אויפגע־שיינט ווי אַ שטערן אויף די אונגאַרישע הימלען. ער איז געווען אַן איש נפלא, אַ גאון און אַ צדיק. צו פופצן יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון רב ר' משולם פייש הלוי פון טאַש. די חתונה איז געווען ח' אלול תרכ"ח (1868).

ר' משולם פייש איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקפ"א (1821) און נפטר געוואָרן כ"ח אייר, תרל"ה (1875). אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געלערנט אין אַ גימנאַזיע און דערנאָך אין אַ ישיבה פון מהר"ם א"ש און אין דער ישיבה פון ר' מאיר פערלס. דאָרט איז ער צוגעצויגן געוואָרן צו דער חסידישער שיטה. ער איז געפאָרן צו אַ סך רביים און דער עיקר צו דעם רבי'ן ר' דוד שפּירא פון דינעוו. ער איז דערנאָך געוואָרן רבי אין טאַש און טויזנטער חסידים זיינען צו אים געפאָרן.

דער רבי ר' יהוסף ראָטענבערג, דער איידעם פון טאַשער רב, איז גע־ווען אַ תלמיד פון רבי'ן ר' חיים האַלבערשטאַם פון סאַנז און פון רבי'ן ר' יקותיאל טייטלבוים פון סיגעט. נאָך דער פטירה פון זיין שווער איז ער געוואָרן רבי אין טאַש. פון דאָרט איז ער אַריבער קיין נירמאָדאַ און דער־נאָך האָט ער זיך אין יאָר תרנ"ד (1894) אַריבערגעצויגן קיין דעברעצין. און ראש חודש אלול תרנ"ז (1897) איז ער אַריבער קיין קאָסאָני. דאָרט האָט ער אויפגעשטעלט אַ רבי'ש הויף און האָט געפירט רבי'סטווע פופצן יאָר.

ר' יהוסף ראָטענבערג איז געווען אַ גאון אין נגלה און אין נסתר. ער איז אַלט געווען 59 יאָר ווען ער איז נפטר געוואָרן (כ"ג חשוון, תרע"ב — 1911). ער האָט מחבר געווען אַ צאָל ספרים. אָבער געדרוקט געוואָרן זיינען בלויז די ספרים „בני שלשים" אויף תורה און מועדים און דאָס ספר „ויצבר יוסף".

נאָך זיין פטירה איז זיין זון, דער בכור ר' חיים שלמה, געוואָרן רבי אין קאָסאָני.

ר' חיים שלמה איז געווען אַן איידעם פון רבי'ן ר' אָשר ישעיהו פון קאַלבעסעוו. ער איז צוערשט געווען רב אין ניראַדאַני, דאָרט האָט ער גע־וואוינט 15 יאָר און דערנאָך איז ער אַריבער קיין קאָסאָני. ער האָט אָבער

נישט מאריך ימים געווען און ו׳ טבת, תר״פ (1920), אַן אַכט יאָר נאָך דער פּטירה פון זיין פאָטער, איז ער נסתלק געוואָרן.

די קאָסאָניער חסידים האָבן דערנאָך געקרוינט פאַר א רבי׳ן דעם ייִנגערן זון פון ר׳ יהוספן, ר׳ ישראל צבי, וועלכער איז געווען אַן אײדעם פון זיין ברודער דעם בכור, ר׳ חיים שלמה.[1]

ר׳ ישראל צבי איז געווען אַ בורח מן הכבוד און ער האָט נישט גע־וואָלט ווערן קיין רבי. ער איז געפאָרן צום בעלזער רבי׳ן, ר׳ ישכר דוב רוקח, זיך שואל עצה זיין, צי ער זאָל ווערן רבי. דער בעלזער רבי האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל איבערנעמען די רבי׳סטווע פון זיין ברודער און שווער.

און אַזוי איז ר׳ ישראל צבי געוואָרן רבי אין קאָסאָני און געפירט די רבי׳סטווע ביז ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם.

נאָכדעם ווי זיין ערשטע פרוי, די טאָכטער פון זיין ברודער, איז גע־שטאָרבן, האָט דער קאָסאָניער רבי נאָך אַמאָל חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון ראַצפירטער רבי׳ן, ר׳ שלום אליעזר האַלבערשטאַם,[2] אַ זון פון סאַנזער רבי׳ן, ר׳ חיים האַלבערשטאַם. זיין טאָכטער אָדל, איז געווען די אלמנה פון גלינער רבי׳ן.

דער רבי ר׳ ישראל צבי איז געווען אַ גרויסער למדן און מקובל. ער איז יומם ולילה געזעסן און געלערנט און ער האָט אויך גע׳שמ׳ט פאַר אַ גרויסן בעל צדקה. ער האָט אַ סך געפאַסט. ער פלעגט זאָגן: „מיר זיינען געבאָטן געוואָרן, אַז מיר זאָלן אָפּהיטן אונדזער גוף, ווי ס׳שטייט ׳ונשמרתם מאד לנפשותיכם׳, אָבער עס איז נישטאָ קיין געבאָט אַז מיר זאָלן אים ליב האָבן, עס איז נישט פאַראַן קיין רמז אין דער תורה, אַז מיר דאַרפן ליב האָבן דעם גוף״ . . .

און כאָטש דער קאָסאָניער רבי איז געווען אַ גרויסער בעל מקובל, האָט ער אָבער זיינע תורות געזאָגט אַזוי, אַז יעדער פשוט׳ער ייד האָט זיי געקענט פאַרשטיין.

אַזוי איז דאָס קליינע שטעטל קאָסאָני געווען אַ צענטער פון חסידות, ביז דעם יאָר תש״א (1941), ווען די אונגאַרישע רעגירונג האָט אַרויסגע־געבן אַ באַפעל צונויפצונעמען אַלע יידן, וועלכע האָבן נישט קיין בירגער־רעכט, און זיי צו שיקן קיין אוקראַינע, וואו עס זיינען דאַן פאָרגעקומען די שלאַכטן צווישן דער נאַצישער און רויטער אַרמיי.

עס זיינען דעמאָלט צונויפגענומען געוואָרן פערציק טויזנט יידן און צווישן זיי איז אויך געווען דער רב ר׳ יודא צבי אייכנשטיין, רב אין דובּ־ראַני, דער אײדעם פון קאָסאָניער רבי׳ן, צוזאַמען מיט זיין בני בית, און

1) דער רבי ר׳ חיים־שלמה האָט מחבר געווען אַ ספר אין חסידות „שמיעה טובה״.
2) אויך אומגעקומען אויף קידוש־השם. וועגן אים שרייבן מיר באַזונדער.

אַלע פערציק טויזנט יידן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן, הי״ד.

דער קאָסאָניער רבי האָט שטאַרק געליטן, ווען ער האָט זיך דער־וואוסט, אַז פערציק טויזנט יידישע נפשות זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם און מיט זיי זיין איידעם, זיין טאָכטער און זייערע קינדער.

אין אונגאַרן האָבן די דייטשן נאָך געלאָזט די יידן וואוינען אויף זייערע ערטער, נאָר מען האָט אָנגעהויבן צוצונעמען ביי זיי די פרנסות. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו מערן די איבערפאַלן אויף יידן, מען האָט זיי באַראַבעוועט און געשלאָגן.

די אונגארישע רעגירונג האָט די יידן נישט גענומען צום מיליטער, אָבער מען האָט די יידן געשיקט אין „אַרבעטס־לאַגערן״, וואָס זיינען אין דער אמת׳ן געווען פאַרניכטונגס־לאַגערן.

יידן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַהאַלטן, כדי נישט געשיקט צו ווערן אין די אַרבעטס־לאַגערן. די דאָזיקע יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, האָבן געקראָגן אַ נאָמען „טמיר ונעלם״.[3]

צווישן די באַהאַלטענע יידן איז אויך געווען אַ צאָל יידן, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן קיין אוקראַינע און זיי זיינען אַנטלאָפן פון וועג און צו־ריק געקומען קיין אונגאַרן. אַ סך פון זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין קאָסאָניער רבי׳נס הויז.

אין דעם רבי׳נס הויף האָבן זיי זיך געפילט זיכערער.

דער קאָסאָניער רבי האָט אויסבאַהאַלטן די „טמיר ונעלמ׳ניקעס״ און זיי אויסגעהאַלטן מיט שפייז און קליידער. ער האָט געזאָרגט פאַר זיי ווי אַ טאַטע פאַר זיינע קינדער.

אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך אויסגעהאַלטן די ישיבה־בחורים, וואָס האָבן געלערנט אין זיין ישיבה „עטרת צבי״. נישט געקוקט אויף דעם שוידערלעכן מצב, וואָס האָט געהערשט אין גאַס, זיינען די ישיבה־בחורים געזעסן און געלערנט, און דער קאָסאָניער רבי האָט זיי געשפייזט און געקליידט.

דער קאָסאָניער רבי האָט אין יענער ביטערער צייט אַריינגעגעבן התחזקות אין די הערצער פון טויזנטער יידן, וואָס האָבן נישט געוואוסט, וואו צו אַנטלויפן און ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען. דער, וואָס האָט זיך גע־קענט ראַטעווען, דעם האָט דער רבי געהייסן אַנטלויפן, און די, וואָס זיינען אַריינגעכאַפט געוואָרן ווי אין אַ פאַסטקע, האָט זיי דער רבי צוגעגרייט צו גיין אויף קידוש השם.

3) אין דעם וואָקאַבולאַר פון די יידן אין געטאָ, וואָס עס האָט צונויפגעזאַמלט נחמן בלומענטאַל, האָב איך דעם דאָזיקן אויסדרוק נישט געפונען, דאָס איז מסתמא גע־ווען אַ ספּעציפיש וואָרט, וואָס איז באַנוצט געוואָרן בלויז פון די אונגאַרישע יידן.

עס זיינען געקומען אין רבי׳נס הויף אַריין אַפילו אַזעלכע יידן, וואָס זיינען געווען ווייט פון חסידות, נאָר זיי האָבן אין די לעצטע טעג פאַרן אומקום געזוכט אַ רעטונג ביים רבי׳ן.

און דער שוידערלעכער טאָג איז געקומען.

דאָס איז געווען אסרו חג פסח, תש״ד (1944). די נאַצישע סאָלדאַטן האָבן אַרומגערינגלט דאָס שטעטל קאָסאָני און אַרויסגענומען אַלע יידן פון די הייזער און זיי אַוועקגעפירט אין דער יידישער געטאָ אין בערעגסאַס.

דער מצב אין געטאָ איז געווען שוידערלעך. דער הונגער איז געווען נישט איבערצוטראָגן. דערצו נאָך האָבן די דייטשן יעדן טאָג געשלאָגן די יידן מכות רצח. אויך דער קאָסאָניער רבי איז געשלאָגן געוואָרן, בלויז דער־פאַר, ווייל ער האָט געפרעגט דעם אָפיציר פון די „עס־עס״־לייט, צי ער מעג איבערלאָזן דאָס זייגערל ביי זיך. (דער רבי האָט געוואָלט האָבן דאָס זייגערל, כדי ער זאָל וויסן דעם „זמן תפילה״).

אין בערעגסאַסער געטאָ האָבן זיך די יידן פון קאָסאָני געפונען אַ חודש צייט, דערנאָך זיינען זיי אַלע געשיקט געוואָרן אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען אין דעם טויטן־לאַגער אוישוויץ, דאָרט פאַרגאַזט צו ווערן.

ווען מען האָט די יידן פון בערעגסאַסער געטאָ געטריבן אין די וואַגאָ־נען אַריין איז פאַראויס געגאַנגען דער קאָסאָניער רבי, ר׳ ישראל צבי ראָטענבערג, צוזאַמען מיט זיין בני בית. ער איז געגאַנגען זיין לעצטן וועג צוזאַמען מיט זיין יינגסטן זון, ר׳ אַלטער חיים שלמה, און די גאַנצע משפחה פון רבי׳ן.

צוזאַמען מיטן רבי׳ן זיינען אַריינגעטריבן געוואָרן אין די טויטן־וואַגאָ־נען טויזנטער יידן און אַ סך חסידים פון קאָסאָניער רבי׳ן.

די קאָסאָניער חסידים זיינען נישט אָפּגעטראָטן פון רבי׳ן. זיי האָבן געוואָלט זיין אין דעם וואַגאָן, וואו דער רבי איז געווען.

און ווי נאָר דער רבי איז אָנגעקומען צוזאַמען מיט די טויזנטער חסידים קיין אוישוויץ זיינען זיי אַלע געטריבן געוואָרן אין „באָד״ אַריין. דאָרט האָט יעדער איינער געקראָגן אַ שטיקל זייף, וואָס איז, אגב, געווען בלויז אַ שטיינדל, און אַ האַנטוך. די יידן האָבן זיך אויסגעטאָן נאַקעט, זיי האָבן אַלע מלבושים צונויפגעלייגט אין אַ פעקל און באַלד זיינען זיי אַריינגע־טריבן געוואָרן אין אַ צווייטער קאַמער אַריין און דאָרט זיינען זיי פאַר־גאַזט געוואָרן. זייערע גופים זיינען דערנאָך פאַרברענט געוואָרן אין די ברען־אויוונס און דאָס הייליקע אַש איז אַרויסגעפירט געוואָרן דורך אַ צווייטער טיר, און ווידער זיינען אַנדערע טויזנטער יידן אַריינגעטריבן געוואָרן ווי שאָף אין די גאַז־קאַמערן אַריין צו נעמען, מכלומרשט, אַ „באָד״ . . .

און אַזוי איז ג׳ סיון תש״ד (1944) דער קאָסאָניער רבי צוזאַמען מיט

זיין גאַנצער משפחה און זיינע טויזנטער חסידים אומגעקומען אויף קידוש השם אין אוישוויץ, הי״ד.

∴

זיינע חידושי תורה זיינען געדרוקט געוואָרן אין ספר „אור מלא״, וואָס זיינען פאַרבליבן אין כתב־יד און וואָס זיינען פאַרשריבן געוואָרן פון איי־נעם פון זיינע איבערגעגעבענע חסידים. אויך געפינען זיך אין דעם דאָזיקן ספר, תורה׳ס פון קאָסאָניער רבי׳ן, וואָס די חסידים האָבן געדענקט און דערנאָך פאַרצייכנט.[4])

אין דער הקדמה צום ספר „אור מלא״, ווערט אָנגעגעבן אַז צוזאַמען מיטן רבי׳ן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן זיין רבי׳צין אדל, דעם רבינס עלטסטע טאָכטער אלטע רחמה, מיט איר מאַן יודא צבי אייכנשטיין, רב אין דאָבראָני, צוזאַמען מיט זייערע פיר טעכטער. זיי אַלע זיינען אומגעקומען אין קאַמענעץ פאָדאָלסק אין אלול תש״א (1941), אויך דעם רבינס יינגערע טאָכטער צפורה־יענטל, די רבי׳צין פון ר׳ חנינא יום־טוב ליפא טייטל־בוים, רב אין נירבאַטיר, מיט אירע דריי קינדער און דעם רבי׳נס זון אלתר חיים שלמה הלוי.

4) ספר „אור מלא״, ברוקלין, 1958.

דער לעצטער קאָסעווער רבי ר׳ חיים האַגער איז אומגעקומען אין אַ פאַרמאַכטן וואַגאָן

אַנדערע רביים פון דער קאָסעווער רבי׳שער גזע וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם. — דער לאָיעווער רבי.

דער רבי ר׳ חיים האַגער פון קאָסעוו איז געווען דער לעצטער אדמו״ר פון דער קאָסעווער גזע. ער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ משה פון קאָסעוו, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ שמשון, אַ זון פון רבי׳ן ר׳ חיים פון קאָסעוו, דער גרינדער פון דער קאָסעווער רבי׳שער דינאַסטיע.

ר׳ חיים איז געוואָרן רבי אין קאָסעוו אין יאָר תרפ״ה (1925), נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער, דעם רבי׳ן ר׳ משה האַגער.

אין יאָר תרצ״ח (1938) האָט דער רבי ר׳ חיים האַגער באַזוכט ארץ־ישראל. ער האָט געפּלאַנט זיך דאָרט צו באַזעצן. אָבער צוליב פאַרשידענע סיבות איז ער צוריקגעפאָרן אַהיים, און באַלד דערנאָך זיינען די נאַציס באַפאַלן פוילן.

פון יאָר 1940 ביז אויגוסט, 1942 איז דער קאָסעווער רבי געווען אין קאָלאָמיי.

אין יאַנואַר, 1942 האָבן די נאַציס גע׳הרג׳עט זיין רביצין און אין יולי, 1942 האָבן די חסידים געבעטן דעם רבי׳ן ער זאָל צוריקפאָרן קיין קאָסעוו, ווייל דאָרט איז געווען אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן קיין אונגאַרן.

דער רבי האָט מסכים געווען, און אין אויגוסט, 1942 איז דער רבי אַריבער קיין קאָסעוו מיט זיין משפחה.

דעם 7טן אויגוסט האָבן די נאַציס געמאַכט אַן אַקציע אין קאָסעוו, אָבער דער רבי איז ניצול געוואָרן, ווייל ער איז געווען באַהאַלטן אין אַ בונקער.

דאָס ליגן כסדר אין אַ בונקער אונטער דער ערד האָט זייער שלעכט געווירקט אויפן רבי׳נס געזונט. האָט דער רבי, נאָך דער אַקציע, פאַרלאַנגט אַז מען זאָל אים צוריק אַריבערפירן קיין קאָלאָמיי.

די חסידים האָבן געבעטן דעם רבי׳ן ער זאָל בלייבן נאָך אַ פּאָר טעג אין קאָסעוו, ווייל עס וועלן אָנקומען די שמוגלערס פון אונגאַרן, וועלן זיי אַריבערפירן דעם רבי׳ן קיין אונגאַרן. אָבער דער רבי האָט נישט געוואָלט בלייבן און ער איז צוריק אַריבער קיין קאָלאָמיי.

אין עטלעכע טעג אַרום זיינען אָנגעקומען די אונגאַרן, וואָס האָבן גע־

דאַרפט אַריבערפירן דעם רבין איבער דער גרענעץ, אָבער דער רבי איז שוין נישט געווען.

די יידן, וואָס האָבן באַצאָלט אַ גרויסע סומע געלט די גרענעץ־שמוג־לערס, האָבן זיי געבעטן זיי זאָלן פאַרבלייבן נאָך אַ צוויי־דריי טעג אין קאָסעוו ביז מען וועט צוריקבררענגען דעם רבין פון קאָלאָמיי, אָבער די אונ־גאַרן האָבן ניט געוואָלט בלייבן. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן נאָך אַמאָל קומען דעם 12טן סעפּטעמבער.

חסידים האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן און זיינען ערב שבת, דעם 9טן סעפּטעמבער, אַוועק קיין קאָלאָמיי כדי צוריקצוברענגען דעם רבי׳ן קיין קאָסעוו.

דער רבי האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן די שטאָט אין שבת. איז אָפּגע־מאַכט געוואָרן, אַז זונטיק, 3 אַזייגער פאַרטאָג, וועט דער רבי אַרויס בסוד פון קאָלאָמיי צוזאַמען מיט זיין משפחה. אָבער מוצאי־שבת האָבן די דייטשן דורכגעפירט די גרויסע אַקציע אין קאָלאָמייער געטאָ. עס איז פאַרכאַפּט געוואָרן דער רבי מיט זיין משפחה צוזאַמען מיט אַ צען טויזנט יידן.

די דייטשע מערדער האָבן דעם רבי׳ן מיט זיינע קינדער און טויזנטער יידן אַריינגעשטופּט אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען און די צוגן זיינען אָפּגעגאַנ־גען קיין לעמבערג.

די זין פון ר׳ יהושע גערטנער׳ס ברודער פון קאָסעוו זיינען געווען אין דעם „טויטן־צוג״. זיי זיינען אַראָפּגעשפרונגען פון לויפנדיקן צוג און אַזוי אַרום האָבן זיי זיך געראַטעוועט.

זיי האָבן געבעטן דעם רבי׳נס זון, ר׳ אַלטערל, ער זאָל אויך שפּרינ־גען פון צוג, אָבער ער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן זיין פאָטער — דעם רבי׳ן ר׳ חיים.

דער רבי ר׳ חיים קאָסעווער האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן די ענג־שאַפט אין וואַגאָן אָן ברויט און אָן וואַסער, און דעם 12טן סעפּטעמבער, 1942, צווישן 11־12 ביינאַכט, ווען דער טויטן־צוג איז געשטאַנען אין לעמבערג, האָט דער רבי אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה אינעם פאַר־מאַכטן וואַגאָן.

דעם רבי׳נס טאָכטער, חוה, וואָס איז געווען די כלה פונעם אנטעניער רבי׳נס זון, איז אומגעבראַכט געוואָרן פון די דייטשן, ימח שמם, אין קאָלאָמיי [1].

∴

פון דער קאָסאָווער רבי׳שער דינאַסטיע, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם אין סיביר, איז געווען דער לאַיעווער רבי, ר׳ חיים־יצחק,

1) יצחק אלפסי, „תפארת שבמלכות״, זייט 135־136.

וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי׳ן ר׳ אברהם־יהושע־העשל פון טשוד־נאָוו, אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ יעקב פון דעלעטין, אַ זון פון רבי׳ן ר׳ פנחס־יוסף, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ חיים קאָסעווער.

דער לאַיעווער רבי, ר׳ חיים־יצחק העשיל, איז געבוירן געוואָרן בערך אין יאָר תרמ״ו (1886) אין לאַיעוו. ער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ ישעיה׳לע האַלבערשטאַם פון קראָקע, וועלכער איז געווען אַ זון פון סאַנזער רבי׳ן ר׳ חיים האַלבער׳שטאַם, דער בעל „דברי חיים״.

אין יאָר תרפ״ג (1923) האָט דער לאַיעווער רבי זיך אַריבערגעצויגן קיין קיעוו. ער האָט בסוד געפירט רביסטווע און האָט אפילו געמאַכט אַ כשרע מקוה אין זיין הויז. דער רבי איז צוליב דעם פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר.

אַלע פרואוון פון די חסידים צו באַפרייען דעם רבי׳ן האָבן זיך נישט איינגעגעבן. דער רבי איז סוף ימיו פאַרשפאַרט געוואָרן אין תפיסה און איז נפטר געוואָרן אין קאַלטן סיביר כ״ד ניסן, תש״ג (1943). ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל.

דער קאַרלינער רבי ר׳ אברהם אלימלך איז אומגעקומען אויף קידוש־השם

דער רבי ר׳ אברהם־אלימלך פערלאָוו, איז אַ וואָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה צוריקגעקומען פון ארץ־ישראל קיין פוילן.

די דייטשע מאַסן־שחיטות אויף יידן האָבן זיך אָנגעהויבן אין מיטן 1942 און די גרעסטע פאַרניכטונגען זיינען פאָרגעקומען אין 1943.

דער קאַרלינער רבי, ר׳ אברהם־אלימלך פערלאָוו, הי״ד

די ערשטע קרבנות פון די נאַציס זיינען געווען די יידן וואָס האָבן זיך געפונען אין די געביטן פון דער סאָוועטישער טעריטאָריע און די שטחים פון פוילן וואָס זיינען פאַרנומען געוואָרן אין אָנהייב פון דער מלחמה דורך די סאָוועטן.

צוערשט האָבן די נאַציס גענומען מאָרדן די גייסטיקע מנהיגים און געזעלשאַפטלעכע פירער. די כוונה איז געווען: קודם־כל צונעמען די וואָרט־פירער פון יידישן פאָלק און דערנאָך וועט מען קענען לייכטער אומ־ברענגען די יידישע פאָלקס־מאַסן...

איינער פון די קרבנות וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם איז געווען דער קאַרלינער רבי, ר׳ אברהם־אלימלך פערלאָוו.

דער קאַרלינער רבי איז געווען אַ זון פונעם „ינוקא" ר' ישראל פּער־לאָוו פון סטאָלין־קאַרלין. ער איז געווען זיין פינפטער זון, און לויט ווי די חסידים דערציילן, האָט דער פאָטער ר' ישראל אים נאָך אין ר' אברהם־אלימלכ'ס יונגע יאָרן באַשטימט צו ווערן זיין גייסטיקער יורש.

חסידים האָבן אויך געהאַלטן, אַז דער רבי ר' ישראל פּערלאָוו האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה אַז זיין זון ר' אברהם־אלימלך זאָל נאָך זיין פּטירה ווערן רבי.

ר' אברהם־אלימלך איז געווען אַן איידעם פון דעם זלאָטאָפּאָלער רבי'ן, ר' מרדכי טווערסקי. ער האָט דאָרט געגעסן קעסט עטלעכע יאָר, דערנאָך איז ער צוריקגעקומען צו זיין פאָטער אין הויף און מען האָט אים שוין גערופן „ר' אברהם־אלימלך זלאָטאָפּאָלער"...

אין יאָר תרפ"א (1921) איז דער סטאָלינער רבי קראַנק געוואָרן. ער איז געפאָרן קיין בערלין זיך היילן און האָט מיטגענומען זיינע קינדער, צווישן זיי אויך ר' אברהם־אלימלכ'ן. דעם צווייטן טאָג ראש־השנה, תרפ"ב (1922) איז דער סטאָלינער רבי ר' ישראל נפטר געוואָרן.

די חסידים האָבן געוואָלט מאַכן זיין זון ר' אברהם־אלימלך פאַר רבי'ן, אָבער ער האָט נישט געוואָלט ווערן קיין רבי.

זיינען די ראשי־החסידים געפאָרן צום זלאָטאָפּאָלער רבי'ן בעטן, אַז ער זאָל פועל'ן ביי זיין איידעם ער זאָל ווערן אַ מנהיג.

חסידים האָבן אויך געשיקט דעם אַלטן סטאָלינער חסיד ר' חיים־מענדל קיין טשאָרטקאָוו צום אַלטן טשאָרטקאָווער רבי'ן, ער זאָל פועל'ן ביי ר' אברהם־אלימלכ'ן ער זאָל ווערן רבי.

ר' חיים־מענדל איז אַריין אין רבי'נס חדר מיוחד, און באַלד נאָכן געבן שלום־עליכם, הרב ר' חיים־מענדל איבערגעגעבן דעם טשאָרטקאָווער רבי'ן אַ בריוו פון די אַלטע סטאָלין־קאַרלינער חסידים. דער טשאָרטקאָ־ווער רבי האָט געעפנט דעם בריוו, אים דורכגעלייענט און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

„וואָס? ער וויל נישט? מיר וועלן אים שרייבן אַ בריוו, וועט ער שוין וועלן"... און מער האָט דער טשאָרטקאָווער רבי נישט גערעדט.

מוצאי־שבת נאָך הבדלה האָט דער טשאָרטקאָווער רבי אַליין מיט זיין האַנט געשריבן אַ בריוו צו ר' אברהם־אלימלכ'ן אַז ער זאָל ווערן רבי.

נאָכדעם ווי ר' אברהם־אלימלך האָט געקראָגן די בריוו פון זיין שווער, דעם זלאָטאָפּאָלער רבי'ן און אויך פון אַנדערע רביים, האָט ער מסכים־געווען צו ווערן דער גייסטיקער מנהיג פון די חסידים. און כדי אויסצומיידן אַ מחלוקה אין סטאָלינער הויף, איז זיין ברודער ר' משה געוואָרן רבי אין סטאָלין און ר' אברהם־אלימלך האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין קאַרלין.

.·.

ר׳ אברהם־אלימלך איז אַלט געווען דרייסיק יאָר ווען ער איז געוואָרן רבי. ער האָט צוגעצויגן אַ סך חסידים, בפרט די קאַרלינער־סטאָלינער חסידים אין ארץ־ישראל.

דער קאַרלינער רבי האָט פיר מאָל באַזוכט ארץ־ישראל. ער האָט געשטיצט די חסידים אין ארץ־ישראל.

די קאַרלינער חסידים אין ירושלים, צפת און טבריה זיינען אָפטמאָל געפאָרן קיין סטאָלין צו די סטאָלינער־קאַרלינער רביים און די סטאָלינער קאַרלינער חסידים פון חוץ־לארץ זיינען, אויף דער עלטער, געפאָרן קיין ארץ־ישראל.

אויף ווי ווייט קאַרלינער חסידים האָבן ליב ארץ־ישראל קען מען זען פון אָט דער מעשה:

דער רבי ר׳ ישראל, דער „ינוקא״, האָט געהאַט אַ גבאי וואָס האָט געהייסן ר׳ ישראל־בנימין גלאָבערמאַן. דער גבאי איז פריער געווען משמש בקודש ביי די פריערדיקע רביים — ביי ר׳ אהרן פון קאַרלין און ביי זיין זון ר׳ אשר. און ווען ר׳ אשר איז נפטר געוואָרן, איז ר׳ ישראל דאַן אַלט געווען בלויז דריי יאָר. מ׳האָט אים גערופן דער „ינוקא״. האָבן די חסידים באַשטימט, אַז דער גבאי ר׳ ישראל־בנימין זאָל ווערן דער דערציער פון דעם „ינוקא״ און ער זאָל זיין זיין רעכטע האַנט...

אַלע זיינע יאָרן האָט דער גבאי משמש געווען דעם „ינוקא״ ר׳ ישראל. און ווען ר׳ ישראל איז נפטר געוואָרן אין בערלין, און זיין זון ר׳ אברהם־אלימלך פערלאָוו איז געוואָרן רבי אין קאַרלין, איז דער גבאי ר׳ ישראל־בנימין געוואָרן גבאי אויך ביי ר׳ אברהם־אלימלכ׳ן.

דער גבאי ר׳ ישראל־בנימין איז שוין דעמאָלט אַלט געווען קרוב צו הונדערט יאָר. ער האָט שוין געהאַט משמש־געווען פיר רביים פון דער קאַרלינער דינאַסטיע — דעם צווייטן, ר׳ אהרן פון קאַרלין, זיין זון ר׳ אשר, זיין זון ר׳ ישראל דער „ינוקא״ און זיין זון ר׳ אברהם־אלימלך.

אין יאָר תרפ״ד (1924) האָט ר׳ ישראל־בנימין באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

„מיין טאַטע איז שוין דעמאָלט אַלט געווען אַ הונדערט יאָר״, דערציילט זיין זון יוחנן־בן־זכאי אין דעם קונטרס „אור זרוע״, וואָס די קאַרלינער־סטאָלינער חסידים האָבן אַרויסגעגעבן אין תל־אביב [1]. „איך האָב דאָנערשטיק, סוף חודש אלול, געקראָגן אַ טעלעגראַם, אַז דער פאָטער מיינער קומט צו־פאָרן מיט דער שיף „קאָנסטיטוציע״. איך בין געווען זייער איבערראַשט. איין קלייניקייט! דער טאַטע וואָס איז הונדערט יאָר אַלט קומט קיין ארץ־ישראל... איך בין אַרויסגעפאָרן קיין חיפה אים מקבל־

1) קונטרס „אור זרוע״, תל־אביב, תשי״ב (1952), זייט 43.

פנים־זיין, אָבער צו מיין גרויס באַדויערן האָב איך אים נישט געפונען. אין דער „לשכת עליה" (יידישע אימיגראַציע־ביוראָ) האָב איך זיך דער־וואוסט, אַז ער האָט אויף מיר געוואַרט דריי טעג, און דאָנערשטיק אינדער־פרי איז ער אַרויסגעפאָרן קיין ירושלים...

„ווי אַ ווינט בין איך באַלד פרייטיק גאַנץ פרי געלאָפן קיין ירושלים. איך בין אָנגעקומען אַ מידער און אַ פאַרמאַטערטער פרייטיק נאָכמיטאָג קיין ירושלים. וואו זאָל איך אים געפינען? דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, איך זאָל אים זוכן אין דער אַלטער שטאָט צווישן די קאַרלינער־סטאָלינער חסי־דים. איך בין אַריין אין דער אַלטער שטאָט און געגאַנגען פון הויז צו הויז. די חסידים־שטיבלעך זיינען געווען פאַרמאַכט. איך האָב זיך אַרומ־געבלאָנקעט אין רחוב היהודים, אין רחוב חב"ד און האָב קיינעם פון די קאַרלינער־סטאָלינער חסידים נישט געפונען.

„וואָס איז מיט זיי געשען? וואו זיינען אַלע קאַרלינער־סטאָלינער חסי־דים אַהינגעקומען?

„צום סוף האָב איך זיך דערוואוסט, אַז עס איז אַ מנהג ביי די קאַרלי־נער־סטאָלינער חסידים, ערב שבת פאַר ראש־השנה, צו פאָרן קיין חברון און דאָרט האַלטן שבת אין דער שטאָט פון אונזערע אבות, וואו עס געפינט זיך די מערת־המכפלה...

„די קאַרלינער־סטאָלינער חסידים פאָרן אַרויס אויף דעם דאָזיקן שבת פון ירושלים קיין חברון, מיט זייערע ווייבער און קינדער. נו, זאָל דער אַלטער קאַרלינער־סטאָלינער חסיד, וואָס איז שוין אַלט הונדערט יאָר און האָט זוכה געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, נישט גלייך נאָך זיין אָנקו־מען אין הייליקן לאַנד אַריין עולה זיין מיט די קאַרלינער־סטאָלינער חסי־דים קיין חברון?

„איז מיין פאָטער, באַלד נאָך זיין אָנקומען קיין ירושלים, פרייטיק אינדערפרי, אַרויסגעפאָרן מיט די חסידים קיין חברון...

„דערווייל איז שוין געוואָרן פאַרנאַכט און עס איז נישט מעגלעך געווען צו קומען קיין חברון פאַר ליכט־בענטשן. בין איך שוין, באין ברירה, געבליבן שבת אין ירושלים.

„זונטיק פאַרטאָג בין איך אַרויסגעפאָרן קיין חברון. אין דער אכסניא „אשל אברהם" האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די חסידים דאַווענען שחרית ביי דער מערת־המכפלה.

„ווען איך בין אַהין געקומען, האָב איך געטראָפן שטיין אַ „מנין" חסידים איינגעוויקלט אין טליתים. זיי זיינען געשטאַנען אויף די זיבן שטיגן וואָס פירן צו דער מערת המכפלה (מער ווי די זיבן שטיגן האָבן די יידן נישט געטאָרט גיין) און זיי דאַווענען דאָרט מיט גרויס כוונה. צווישן זיי האָט זיך אַרויסגעזען אַ זקן, וואָס איז געווען העכער פון זיי אַלעמען —

דאָס איז געווען מיין טאַטע. ער איז געשטאַנען אויסגעצויגן מיט די ברילן אויפן שטערן, אַ תהלים׳ל אין דער האַנט און זיינע לעפצן האָבן געמורמלט. ווען איך האָב זיך צו אים דערנענטערט, האָט ער נישט אויפגעהערט צו זאָגן תהלים, נאָר ער האָט מיך אַרומגענומען און האָט געמאַכט אַ ברכה ׳שהחיינו׳ און ער האָט מיר גלייך געגעבן דאָס תהלים׳ל אין דער האַנט אַריין איך זאָל אויך זאָגן תהלים צוזאַמען מיט אַלע קאַרלינער חסידים״.

∴

דער רבי ר׳ אברהם־אלימלך פּערלאָוו איז האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אין ארץ־ישראל.

דאָס איז געווען אין זומער, 1939. וואָלקנס האָבן זיך שוין געהאַט פאַרצויגן איבער די אייראָפּעאישע הימלען; מען האָט געפילט, אַז עס וועט אָנקומען אַ שטורעם. די חסידים האָבן געבעטן דעם רבי׳ן ער זאָל בלייבן אין ארץ־ישראל, אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט צוהערן צו זיי. אויך ער האָט געפילט, אַז עס קומען אָן שווערע צייטן אויף די יידן אין פּוילן און טאָקע דערפאַר האָט ער געוואָלט זיין מיט זיינע חסידים צוזאַמען.

איבער צוואַנציק יאָר איז דער רבי ר׳ אברהם־אלימלך געווען דער גייסטיקער מנהיג. איבער אַכצן יאָר איז ער געווען רבי אין קאַרלין. און ווען עס דראָט אַ סכנה די יידן און זיינע חסידים אין פּוילן זאָל ער זיי פאַרלאָזן?

איז דער רבי ר׳ אברהם־אלימלך, אַ וואָך פאַרן אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָנגעקומען קיין פּוילן און ער איז געפאָרן קיין קאַרלין...

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה האָט ער גאָר שטאַרק געליטן, בפרט ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען די געגנט און די שטאָט קאַרלין.

נישט איינמאָל האָבן די חסידים אים געוואָלט ראַטעווען, אָבער דער רבי האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין עדה...

ווען די נאַציס האָבן געשאַפן אַ געטאָ אין פּינסק־קאַרלין, האָט דער רבי געזוכט מיט אַלע מיטלען צו לינדערן די נויט פון די יידן.

י״ד מרחשון, תש״ג (1942) האָבן די נאַציס ליקווידירט די געטאָ. זיי האָבן געפירט די יידן צו דער גרויסער מאַסן־שחיטה און אין דער שפּיץ פון די טויזנטער חסידים איז געגאַנגען אויף קידוש־השם דער רבי ר׳ אברהם־אלימלך, וואָס האָט מקדש־השם געווען ברבים, צוזאַמען מיט אַ גרויסער צאָל פון זיינע חסידים און זיין בני־בית.

דער קוידענאַווער רבי ר׳ אַלטערקע פּערלאָוו איז אומגעקומען אויף קידוש־השם אין ווילנע

דער קוידענאָווער רבי איז אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט פינף טויזנט ייִדן פון ווילנער געטאָ. — די קוידענאָווער רבי׳שע גזע. — זיין רביצין און די פרומע פרויען אָרגאַניזאַציע אינעם ווילנער געטאָ.

די ייִדן אין ווילנע האָבן בעת די גיהנום׳דיקע יאָרן, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האָבן דאָרט געהערשט, אַרויסגעוויזן גייס־טיקע און פיזישע גבורה.

דער קוידענאָווער רבי, ר׳ אַלטערקע פּערלאָוו, הי״ד

געוועזן העלדן אין ווילנער געטאָ, וואָס וועלן בלייבן ווי סימבאָלן פאַר אַלע קומענדיקע דורות; העלדן וואָס האָבן מקריב געווען זייער אייגן לעבן, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון אַנדערע.

צוויי מענטשן, אַ רב און רבי, האָבן געדאַרפט וואַרפן גורל צווישן זיך ווער עס זאָל בלייבן לעבן און ווער עס זאָל גיין קיין „פּאָנאַר". דער רבי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון גורל לטובת דעם רב און דער רב האָט דאָס זעלבע געטאָן לטובת דעם רבי׳ן.

דער רבי איז געווען דער קוידענאָווער רבי ר׳ שלום־אַלטער (אַלטער־קע) פּערלאָוו, און דער רב — ר׳ ראובן כהן.

וועגן דעם גרויסן מסירת־נפש׳דיקן פאַל פון קוידענאָווער רבי׳ן גיט איבער אַן עד־ראיה וואָס האָט געלעבט אין ווילנער געטאָ [1].

אָט וואָס ער דערציילט:

„אין יוני, 1941, ווען די דייטשן זיינען באַפאַלן די סאָוועטישע ליטע, איז דער קוידענאָווער רבי, ר׳ אַלטערקע פערלאָוו, און זיין רביצין פערעלע, געווען אין ווילנע.

„אין חודש אויגוסט, ווען די דייטשע מאַכט האָט אַרויפגעלייגט אויף דער יידישער באַפעלקערונג אַ קאָנטריבוציע פון פינף מיליאָן סאָוועטישע רובל, האָט דער קוידענאָווער רבי געהאָלפן זאַמלען די דאָזיקע סומע.

„די מיטגלידער פון ערשטן ׳יודנראַט׳, אַדוואָקאַט שבתי מילקאַנאָ־וויצקי און הרב יוסף שוב, וועלכע האָבן געקענט דעם קוידענאָווער רבי׳ן פערזענלעך, האָבן אים צוגעצויגן אין דער הצלה־אַרבעט פון די קאָנטרי־בוציע־זאַמלונגען.

„אין דער דאָזיקער וויכטיקער אַרבעט איז דער רבי ר׳ אַלטערקע גע־ווען זייער טיכטיק און ענערגיש.

„דער קוידענאָווער רבי האָט געהאַט אין ווילנע, אויף דער דייטשער גאַס, אַ קוידענאָווער שטיבל, וואו ס׳האָבן געדאַוונט קוידענאָווער חסי־דים, שיינע בעלי־בתים אין שטאָט. אַ צאָל יידן פליטים פון פוילן האָבן זיך ביים אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן זיינען איבערגעפאַלן פוילן, זיך אויפגעהאַלטן אין קוידענאָווער שטיבל אין וויל־נע, צווישן זיי דער מאָדזשיצער רבי ר׳ שאול טויב. פון דאָרט זיינען זיי דורך יאַפּאַן אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע.

„די ווילנער יידן האָבן ניט געקענט צונויפזאַמלען די פולע סומע פון פינף מיליאָן רובל, און די דייטשן האָבן אויך בלויז געזוכט אַ תירוץ כדי צו קענען פייניקן די יידן. האָבן די דייטשן אַרעסטירט אַ גרעסערע צאָל מיטגלידער פון ערשטן ׳יודנראַט׳ און נאָך אַ גרעסערע צאָל פון די חשובע יידן אין ווילנע. זיי זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער טרויעריק־באַרימ־טער לוקישער תפיסה, פון וואַנען זיי זיינען שוין מער ניט צוריקגעקומען.

„אין סעפטעמבער, 1941, ווען די ווילנער יידן זיינען אַריינגעשטופּט געוואָרן אין צוויי געטאָס, איז דער קוידענאָווער רבי ר׳ אַלטערקע און זיין רביצין געווען צווישן די אַריינגעשפּאַרטע אין דער אַזוי־גערופענער ׳גרעסערער געטאָ׳.

„אין דער ׳גרעסערער געטאָ׳ איז נאָכאַמאָל געשאַפן געוואָרן, אויפן באַפעל פון דער דייטשער מאַכט אַ נייער ׳יודנראַט׳.

„אינעם דאָזיקן נייעם ׳יודנראַט׳ איז אויך אַריין דער אַדוואָקאַט שבתי מילקאַנאָוויצקי, וועלכער האָט גוט געקענט דעם קוידענאָווער רבי׳ן. האָט

1) דער שרייבער און חורבן־פאָרשער יוסף פוקסמאַן פון ברוקלין, ניו־יאָרק.

ער דעם רבי׳ן צוגעטיילט צום אַרבעטס־אַמט, וואָס דאָס האָט אים געגעבן אַ שטיקל פאַרזיכערונג צו בלייבן לעבן.

„דער קוידענאָווער רבי ר׳ אַלטערקע איז געוואָרן אַ ׳באַאמטער׳ פון דער אַרבעטס־ביוראָ. ער איז געווען דער געהילף צו הרב ר׳ ראובן כהן, געוועזענער רעדאַקטאָר פון דעם רבנישן וואָכנבלאַט ׳דאָס וואָרט׳. זיין אַר־בעט איז געווען צו קאָנטראָלירן די קאַרטאָטעק פון די אַרבעטס־פּאַיקע מענער און פרויען אין געטאָ.

„אַלס ׳באַאמטער׳ האָט דער קוידענאָווער רבי געקראָגן אַן ׳ארבעטס־באַשטעטיקונג׳, אָדער דעם אַזוי־גערופענעם ׳שיין׳.

„אַזאַ מין ׳שיין׳ האָט געגעבן דעם רבי׳ן און דער רביצין ׳שוץ׳ און זיכערקייט. און אין חודש אָקטאָבער, 1941, האָט יעדער אַרבעטס־אָפּטייּ־לונג באַקומען אַ געוויסע צאָל אַזוי־גערופענע ׳געלע שיינען׳, וועלכע האָבן פאַרביטן די פריערדיקע ׳ווייסע שיינען׳.

„דאָס איז אויך געווען אַ פּאָרטל פון דער דייטשער מערדערישער מאַכט צו פאַרניכטן וואָס מער יידן. ווייל די צאָל ׳געלע שיינען׳ איז געווען וויינקער פון דער צאָל אַרבעטס־באַשעפטיקטע. און דער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין ׳געלן שיין׳, דער האָט געוואוסט, אַז זיין גורל איז אַ פאַר־חתמ׳עטער, אַז ער וועט געשיקט ווערן קיין פּאָנאַר.

„הרב ראובן כהן און דער רבי ר׳ אַלטערקע האָבן געקראָגן בלויז איין ׳געלן שיין׳, און זיי האָבן געדאַרפט וואַרפן גורל צווישן זיך, צו וועמען דער ׳געלער שיין׳ זאָל געהערן. מיט אַנדערע ווערטער: ווער עס זאָל בלייבן לעבן און ווער עס זאָל גיין קיין פּאָנאַר.

„דער רבי ר׳ אַלטערקע פערלאָוו האָט אָבער ניט געוואָלט מען זאָל וואַרפן גורל. ער האָט זיך אַליין אָפּגעזאָגט פון דער ׳שיין׳ לטובת דעם רב ר׳ ראובן כהן.

„דער קוידענאָווער רבי האָט געזאָגט, אַז אויב אפילו מען וועט וואַרפן גורל און ער וועט געווינען דעם ׳שיין׳, וועט ער אים ניט אָננעמען, ווייל ער וויל ניט האָבן אויף זיין געוויסן, אַז מיטן אויסלייזן זיין לעבן איז אַ צווייטער ייד אומגעקומען.

„אָבער אויך ר׳ ראובן כהן האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אָננעמען דעם ׳שיין׳ לטובת דעם קוידענאָווער רבי׳ן. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז ביידע זאָלן ׳פאַרלירן׳. אָבער עס האָט זיך אַריינגעמישט אַדוואָקאַט שבתי מילקאנאָוויצקי און ער האָט געוואָרפן דעם בלינדן גורל און דעם ׳געלן שיין׳ האָט געוואונען דער קוידענאָווער רבי [2].

„און באַלד האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן זייערע רוצחישע

2) ר׳ ראובן כהן האָט זיך באַהאַלטן אין אַ „מלינה״. ער איז אַריין אין דער צאָל פון די גליקלעכע יידן, וואָס האָבן געקראָגן דעם „געלן שיין״ אין ווילנער געטאָ...

מעשים. ס'איז געקומען דער טרויעריקער און בלוטיקער 24־טער אָקטאָ־בער, 1941 — די אַקציע פון די 'געלע שיינען'.

„די דייטשע מערדער האָבן צונויפגעטריבן פינף טויזנט יידן, ניט־באַזיצער פון די 'געלע שיינען' און זיי אַרויסגעפירט צום טויט. זיי זיינען אַלע אומגעקומען אויף קידוש־השם אין די גרויסע ברודער־קברים אין פאָנאַר.

„און אין דער נאַכט ערב דער בלוטיקער אַקציע, ווען דער רבי ר' אַלטערקע מיט זיין 'געלן לעבנס־שיין', צוזאַמען מיט זיין רביצין, וועלכע האָט געהאַט אַ 'בלויע קאַרטע', זיינען שוין געווען גרייט מיט זייער פעק־קעלע אַרויסצוגיין צום געטאָ־טויער מחוץ לגעטאָ, זיינען געקומען צוויי געטאָ־פּאָליציאַנטן מיט אַ באַפעל פון 'יודנראַט' מיטגליד און צוגענומען ביים רבי'ן זיין 'געלן לעבנס־שיין' און ביי דער רביצין איר בלויע קאַרטע. זיי זיינען שוין שפעטער פון געטאָ־טויער אַרויס ניט מיט די געראַטעוועטע, נאָר מיט די צום טויט־פאַר'משפט'ע פינף טויזנט קדושים קיין פאָנאַר".

⁂

דער קוידענאָווער רבי ר' אַלטערקע פערלאָוו האָט געשטאַמט פון דער באַוואוסטער קוידענאָווער רבי'שער דינאַסטיע, וועמעס באַגרינדער עס איז געווען דער רבי ר' שלמה־חיים פערלאָוו.

קוידענאָוו איז געווען אַ המשך פון דער רבישער דינאַסטיע פון לע־כעוויטש און פון קאַרלין־סטאָלין.

דער רבי ר שלמה־חיים איז געווען אַ זון פון ר' אהרן, וואָס איז נפטר געוואָרן נאָך ביים לעבן פון זיין פאָטער ר' מרדכי פון לעכעוויטש. די מוטער פון רבי'ן ר' שלמה־חיים איז געווען די טאָכטער פון רבי'ן אשר פון סטאָלין, דער זון פון גרויסן ר' אהרן פון קאַרלין. ר' שלמה־חיים האָט זיך אויפגעצויגן אין הויף פון זיין זיידן, דעם רבי'ן ר' מרדכי פון לעכע־וויטש. צו דרייצן יאָר איז ער געוואָרן אַן איידעם פון ר' שלמה פון קאַרלין. און ווען דער רבי ר' נח, דער צווייטער רבי פון לעכעוויטש, איז נפטר גע־וואָרן (ח' תשרי, תקצ"ג—1832) זיינען די חסידים געבליבן אָן אַ רבי'ן, ווייל ר' נח האָט ניט געהאַט קיין זין, נאָר בלויז איין טאָכטער, וועלכע איז אויך געשטאָרבן בעת זיין לעבן. האָבן די חסידים זיך געווענדט צו ר' שלמה־חיים, וואָס איז געווען אַ ברודער־און־זון פון דעם רבי'ן ר' נח פון לעכעוויטש, ער זאָל ווערן זייער מנהיג.

ר' שלמה־חיים, וועלכער איז געווען רב אין טוראָוו, האָט אָנגענומען דאָס נשיאות און ער האָט זיך באַזעצט אין קוידענאָוו.

אַזוי אַרום איז קוידענאָוו געוואָרן דער המשך פון חסידות פון לעכע־וויטש.

דאָס חסידות אין קוידענאָוו איז טאַקע געווען אַ המשך פון דרך פון חסידות פון לעכעוויטש, קאַרלין און סטאָלין, אָבער דער רבי ר׳ שלמה־חיים האָט צוגעגעבן צו זייער חסידות זיין אייגענעם דרך אין חסידות און נגינה.

אין קוידענאָוו האָט מען געזונגען די אַלע סקאַרבאָווע ניגונים פון קארלין־סטאָלין און לעכעוויטש, אָבער ס׳זיינען צוגעקומען אייגענע ניגונים, וואָס דער קוידענאָווער רבי האָט געזונגען.

אין קוידענאָוו זיינען די זמירות אין שבת געווען אַ מין עבודה.

אין דעם סידור „אור הישר״, פון נוסח קוידענאָוו, איז צום סוף פון סידור צוגעדרוקט געוואָרן אַ „קונטרס המנהגים״ פון אַלטן קוידענאָווער רבי׳ן. דאָרט ווערט אָנגעגעבן וועלכע זמירות מען זאָל זינגען ביי יעדן טיש.

פאַרשטייט זיך, אַז דעם חשוב׳סטן אָרט צווישן די שבת׳דיקע זמירות פאַרנעמט דער זמר „י־ה אכסוף״, וואָס עס האָט מחבר געווען דער גרויסער ר׳ אהרן פון קאַרלין. דער דאָזיקער זמר ווערט געזונגען מיט ספּעציעלע סקאַרבאָווע ניגונים. און איינער פון די קוידענאָווער רביים, דער בראָהי־נער ר׳ שלום פּערלאָוו, האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן פּירוש אויף דעם דאָזיקן ניגון.[3]

דער קוידענאָווער רבי ר׳ שלמה־חיים איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון זיבעציק יאָר, י״ז אב, תרכ״ב (1862).

נאָך דער פּטירה פון ערשטן קוידענאָווער רבי׳ן, ר׳ שלמה־חיים פּער־לאָוו, איז געוואָרן רבי זיין זון ר׳ ברוך־מרדכי, וועלכער האָט געפירט די רבי׳סטווע בלויז ניין יאָר. ער איז נפטר געוואָרן דעם צווייטן טאָג ראש־השנה, תרל״א (1870).

דער רבי ר׳ ברוך־מרדכי האָט געהאַט צוויי זין, דעם בכור ר׳ אהרן (געבוירן געוואָרן אין יאָר תקצ״ט—1839), און ר׳ שלום, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן די ספרים פון די קוידענאָווער רביים. ער האָט אויך גע־שריבן אַ פּירוש אויפן זמר „י־ה אכסוף״, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט.

דער רבי ר׳ אהרן קוידענאָווער איז געווען אַ גדול בתורה און אַ גרוי־סער בעל־מנגן. ער האָט געהאַט טויזנטער חסידים. ער איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 58 יאָר, כ״ו אלול, תרנ״ז (1897).

נאָך דער פּטירה פון ר׳ אהרן קוידענאָווער איז זיין זון ר׳ נחמיה גע־וואָרן רבי.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער קוידענאָווער רבי ר׳ נחמיה

3) „עטרת שלום״, פירוש וביאור הזמר „י־ה אכסוף״ של ר׳ אהרן הגדול מקרלין, מאת ר׳ שלום פרלוב, ווארשע, תרנ״ה (1895).

זיך באַזעצט אין באַראַנאָוויטש. אַזוי אַרום האָט זיך דער קוידענאָווער הויף אַריבערגעקליבן קיין באַראַנאָוויטש.

דער קוידענאָווער רבי ר׳ נחמיה איז נפטר געוואָרן כ״א תמוז, תרפ״ו (1926), און זיין ממלא־מקום איז געוואָרן זיין זון, דער רבי ר׳ שלום־אלטער (מען האָט אים גערופן ר׳ אַלטערקע), וועלכער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם מיט זיין רביצין פערעלע אין ווילנע, בעת דער בלוטי־קער אַקציע פון 21טן אָקטאָבער, 1941, צוזאַמען מיט פינף טויזנט קדושים.

ר׳ אהרן פערלאָוו

דער קוידענאָווער רבי ר׳ אַלטערקע איז געווען דער נשיא פון „כולל חסידי קוידענאָוו״ אין ארץ־ישראל. דאָס נשיאות איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור נאָך פון די צייטן פון רבי׳ן ר׳ מרדכי לעכעוויטשער, וועלכער איז געווען דער ערשטער נשיא פון „כולל חסידי רייסין דארץ־ישראל״.

די קוידענאָווער חסידים האָבן געהאַט זייערע שטיבלעך אין ירושלים, טבריה און אין אַנדערע מקומות, וואו זיי האָבן געדאַוונט „נוסח קוידענאָוו״ מיט אַלע סקאַרבאָווע ניגונים.

∴

ווי אַזוי דער לעצטער קוידענאָווער רבי, דער קדוש ר׳ אַלטערקע, האָט זיך געגרייט צו גיין אויף קידוש־השם ווערט איבערגעגעבן אין אַ גבית־עדות [4]:

4) פון יוסף פוקסמאַן פון ברוקלין, ניו־יאָרק.

„הרב ר׳ ראובן כהן, וועלכער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ „מלינה״ און אַזוי אַרום זיך געראַטעוועט פון דער „אַקציע״, האָט דערציילט, אַז דער קוידענעווער רבי איז אַ גאַנצן חודש פאַר דער „אַקציע״ געווען זייער דער־שלאָגן. אויך איך האָב דאָס געזען, ווייל איך פלעג דעם רבי׳ן זייער אָפט זען אין געטאָ און מיט אים שמועסן. מיר זיינען דאָך אין ווילנער געטאָ ביידע געווען ׳פליטים׳ פון באַראַנאָוויטש. און וויפל מאָל איך פלעג זיך טרעפן מיטן רבי׳ן, הי״ד, פלעגט ער מיט מיר, און אויך מיט אַנדערע, רעדן וועגן דער הויכער מדרגה פון קידוש־השם...



דער קיידענאָווער רבי ר׳ נחמיה פערלאָוו

„דער קוידענאָווער רבי האָט אָפטמאָל דערציילט די חסידישע מעשה פון די ׳זאַסלאַווער קדושים׳, וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם און זייערע נשמות זיינען געקומען בעטן צום בעש״ט אַ תיקון, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיין ריינע מחשבות בעת זייער אומקום אויף קידוש־השם...

„דער קוידענאָווער רבי פלעגט אָפט רעדן וועגן די מדרגות פון קידוש־השם. ער האָט גערעדט וועגן דעם קידוש־השם פון רבי עקיבא. און איינ־מאָל האָט ער דערציילט וועגן מהר״ם פון רוטענבערג, וועלכער האָט גע־זאָגט, אַז ווען אַ ייד נעמט אויף זיך באהבה אומצוקומען אויף קידוש־השם, איז כאָטש ער איז על־פּי־נס געראַטעוועט געוואָרן און געבליבן לעבן, איז ער שוין אין דער זעלבער הויכער מדרגה ווי יענער, וועלכער איז בפועל ממש אומגעקומען אויף קידוש־השם — אַלע האָבן אויף יענער וועלט דעם זעלבן שכר...

„און לויט ווי עס האָט איבערגעגעבן משה קושניר, דער גבאי פון חסידישן מנין אין ווילנער געטאָ, וועלכער האָט געזען דעם קוידענאָווער רבי'ן שוין נאָך דעם ווי די צוויי 'יודנראַט'־שליחים האָבן ביי אים געהאָט צוגענומען דעם 'געלן שיין', איז דער רבי ניט געווען קיין דערשלאָגענער. פאַרקערט: אַ מוטיקער. און ווען דער רבי האָט זיך מיט אים געזעגנט, האָט ער צו אים געזאָגט דעם מאמר: 'דרך שאדם רוצה לילך בה, מוליכין אותו' (מכות דף י', עמוד ב'). 'איך האָב געוואָלט גיין מיט אַלע יידן, גיי איך מיט זיי און איך וועל זיין מיט זיי צוזאַמען!'"...

∴

וועגן אומקום פון דער קוידענאָווער רביצין פערעלע, די רביצין פון רבי'ן ר' אַלטערקע פערלאָוו, גיט איבער דער היסטאָריקער פון דריטן חורבן, ד"ר מאַרק דוואָזשעצקי[5]. ער שרייבט:

„איידער ס'איז געשאַפן געוואָרן די געטאָ, האָב איך געוואוינט אין ווילנע, אין שכנות פון רבי'ן ר' אַלטער פערלאָוו און זיין פרוי די רביצין. מיר פלעגן אָפט קומען איינער צום אַנדערן.

„דערנאָך, ווען עס איז געשאַפן געוואָרן די געטאָ אין ווילנע, האָט מען אין געטאָ געטראַכט, אַז עס איז פאַראַן אַ האָפענונגס־טיר, ווען מען וועט אַנטלויפן פון דער פאַרשאָלטענער און שרעקלעכער געטאָ אין אַן אַנדערער געטאָ אַריין.

„מיר האָבן צוגעגרייט אַ בשותפות'דיק אַנטלויפן צו דער געטאָ אין באַראַנאָוויטש, וואו מיר האָבן געהאַט קרובים.

„אַ פויערישע פור איז געשטאַנען גרייט אונז איבערצופירן אַהין.

„אָבער אין דער נאַכט פון אַנטלויפן האָט אונז די קוידענאָווער רביצין פערעלע פערלאָוו געלאָזט וויסן, אַז זי קען נישט פאַרלאָזן די ווילנער געטאָ, ווייל זי האָט באַהאַלטן אויף אַ געהיים אָרט אַ קמיע פון בעל־שם־טוב, און זי האָט נישט דעם גייסטיקן מוט איבערצולאָזן אויף הפקר די דאָזיקע קמיע.

„און צומאָרגנס אין דער פרי איז אויסגעבראָכן די 'אַקציע' אין געטאָ, און פון דעמאָלט אָן האָב איך דעם רבי'ן און די רביצין פערלאָוו מער נישט געזען"...

∴

די קוידענאָווער רביצין פערעלע פערלאָוו איז געווען די טאָכטער פון שעדליצער־ביאַלער רבי'ן, ר' ירחמיאל־צבי־הירש ראַבינאָוויטש.[6] אויך

5) אין זיין אַרבעט: „החיים הדתיים בגיטו ווילנא" (דאָס רעליגיעזע לעבן אין ווילנער געטאָ), „סיני", ירושלים, כרך מ"ז.

6) געווען אַ זון פון רבי'ן ר' יצחק־יעקב פון ביאַלע, אַ זון פון רבי'ן ר' נתן־דוד פון שידלאָווצע, אַ זון פון ר' ירחמיאל־צבי, וועלכער איז געווען אַ זון פון „ייד הקדוש" פון פשיסכע.

האָט די קוידענאָווער רביצין געשטאַמט פון דער גזע פון רבי׳ן יהושע פון אָסטראָווע און פון רבי׳ן ר׳ שלמה־לייב פון לענטשנע.

וועגן דער חתונה פון קוידענאָווער רבי׳ן ר׳ אַלטערקע מיט פּערעלען גיט איבער דעם קוידענאָווער רבי׳נס שוואָגער, הרב ר׳ נפתלי גליקסמאַן [7]

„די חתונה פון ר׳ אַלטערקע פּערלאָוו איז פאָרגעקומען אין לאָדזש, אין יאָר 1929, אין הויף פון דער כלה׳ס שטיף־פאָטער, דער פּאַביאַניצער רבי ר׳ עמנואל וועלטפרייד. פיל רביים זיינען געקומען צו דער חתונה — רביים וואָס זיינען כמעט אַלע אומגעקומען אויף קידוש־השם.

„אין דעם שבת וואָס מען האָט מיך אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר, צוזאַמען מיט מיין רביצין און קינד, און דער זאַמל־פּונקט איז געווען מחוץ־לעיר, האָט מיין שוואָגער, דער רבי ר׳ אַלטערקע, הי״ד, אונז געשיקט פאַרשידענע זאַכן דורך זיין חסיד, הרב ר׳ יעקב מאַכלעס, וועלכער געפינט זיך היינט אין ניו־יאָרק, מיט דעם פאָלגנדיקן זאָג:

„האָט ניט קיין מורא, גאָט איז מיט אייך, און הלוואי מיר זאָלן אייך ניט מקנא זיין!״...

.·.

די קוידאַנער רביצין פּערעלע איז געווען איינע פון די ערשטע, וואָס האָט געהאָלפן גרינדן דעם „וויבערישן בית־המדרש״ אין ווילנער געטאָ, וואָס דאָס איז געווען אַ פרומע פרויען־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון דער באַרימטער „פייגעלע דעם רב׳ס״, אַ טאָכטער פון הרב י. בייגעל פון טראָכנבראָד (וואָלין).

דער „ווייבערישער בית־המדרש״ האָט זיך פריער געפונען אין הויז אויף שפּיטאַלנע גאַס נומער 9, אין דער דירה פון חסידישן שוחט ר׳ אהרן ידידאָוויטש, הי״ד. שפּעטער איז דער „ווייבערישער בית־המדרש״ איבערגעטראָגן געוואָרן אין דער דירה פון דער רביצין רייז, פון לוצק, און נאָך שפּעטער אין דער יאַטקאָווער קלויז [8]).

דער „ווייבערישער בית־המדרש״ איז געגרינדעט געוואָרן פון „פייגעלע דעם רב׳ס״, נאָכדעם ווי די יידן זיינען אין חודש סעפּטעמבער, 1941 איינגעשפּאַרט געוואָרן אין די ווענט פון דער ענגער געטאָ.

„פייגעלע דעם רב׳ס״ האָט מיט אַ גרופּע „בית־יעקב״־מיידלעך און „בית־יעקב״־לערערינס פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אָרגאַניזירט די רעליגיעזע מיידלעך און פרויען אין ווילנער געטאָ. די אויפגאַבע פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען: יעדן טאָג זיך צונויפצוקומען אויף דער שפּיטאַלנע גאַס נומער 9 וואו מען האָט געדאַוונט און געזאָגט תהלים בצי־

7) ר׳ נפתלי־צבי גליקסמאַן, היינטיקער סאָסנאָוויצער־קוידענאָווער רבי, אין די בראָנקס, ניו־יאָרק.

8) איבערגעגעבן פון יוסף פוקסמאַן.

בור. אָנגעפירט מיטן דאַווענען און מיטן תהלים־זאָגן האָט „פייגעלע דעם רב׳ס״.

די ערשטע פרומע מיידלעך און פרויען וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דער פרומער פרויען־אָרגאַניזאַציע, זיינען געווען: רייזל אָרליאַנסקי פון בריסק, שושנה סטאַראָבינעץ פון מיר, לאה רייז און אירס אַ שוועסטער פון לוצק, ברײַנדל פון פּינסק, רישל פון דערעוונע, ברכה און איר שוועסטער פון ביאַליסטאָק, מלכה׳לע פון פּאָלאַנקע, בערקאָוויטש פון לוצק, רוט פון פראַנקפורט אַם מיין, די רביצין שוב פון ווילנע מיט איר טאָכטער, די רביצין בערעק מיט איר טאָכטער, די רביצין בערקאָוויטש, די רביצין עפּ־שטיין, די רביצין פּערעלע פּערלאָוו פון קוידענאָוו־באַראַנאָוויטש, די רבי־צין דערעצין, די רביצין לעוויטאַן פון ראַקישקי און פיל אַנדערע.

די דאָזיקע פרומע פרויען־אָרגאַניזאַציע פלעגט אין „ווייבערישן בית־המדרש״ יעדן שבת לערנען די פּרשה פון דער וואָך מיט רש״י און אויך אַנדערע מפרשים, פּרקי אבות, דינים פון שולחן ערוך און אויך פאַרשי־דענע אויסצוגן פון מוסר־ספרים. פאַרשטייט זיך, אַלץ אין יידיש.

די פּאָפּולאַריטעט פון דער דאָזיקער פרומער פרויען־אָרגאַניזאַציע איז מיט יעדן טאָג געוואַקסן אין געטאָ. די צאָל צוהערערינס צו איר תורה און מוסר־דרשות איז געוואַקסן.

די דירה פון שוחט ידידאָוויטש, וואו דער „ווייבערישער בית־המדרש״ האָט זיך פריער געפונען איז געוואָרן צו־קליין אַריינצונעמען אַזאַ גרויסע צאָל פרויען.

איז דער „ווייבערישער בית־המדרש״ אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער יאַטקע־גאַס, אין הויז פון דער רביצין רייז פון לוצק. מיט דער צייט איז אויך דער פּלאַץ פאַרן „ווייבערישן בית־המדרש״ קליין געוואָרן. דאַן איז, אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון די רבנים לאַנדוי און יאַקובסאָן, די פּאָלקס־קיך אויף דער דייטשער גאַס געשטעלט געוואָרן אין רשות פון דער פרומער פרויען־אָרגאַניזאַציע.

דאָס דאַווענען, דאָס לערנען, די תורה־און מוסר־דרשות און דאָס תהלים־זאָגן איז געווען נאָר פאַר פרויען.

ס׳זיינען אָבער באַקאַנט אייניקע פאַלן [9], ווען „פייגעלע דעם רב׳ס״ האָט איינגעלאַדן אויך מענער אַלס לערער און דרשנים. איינער פון זיי איז געווען ר׳ יעקב זעלווין פון די גדולי־המוסר אין פאַר־מלחמה׳דיקן פּוילן.

אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „שבת — דער ווינקלשטיין און פונדאַ־מענט פון אידישקייט״, איז פאַר די רעליגיעזע פרויען געהאַלטן געוואָרן פון דעם יונגן רעליגיעזן דיכטער און קדוש חיים סעמיאַטיצקי, הי״ד.

9) איבערגעגעבן פון יוסף פוקסמאַן.

מיט אַ מוסר־דרשה איז דאָרט אַרויסגעטראָטן יאָסל ביאַליסטאָקער. אויך שלום שוב האָט געהאַלטן פאַר די פרומע פרויען אַ רעפעראַט וועגן קידוש־השם. די מענער־רעדנער זיינען תמיד פאַרגעשטעלט געוואָרן דורך „פייגעלע דעם רב'ס".

בעת די צוזאַמענטרעפן אין דער פאָלקס־קיך, אויף דער דייטשער גאַס נומער 31, זיינען די ווענט פון ווייבערישן בית־המדרש געווען באַפּוצט מיט גרויסע גע'כתיבה'טע לאָזונגען, געשריבן פון אַ סופר.

אייניקע פון זיי זיינען געווען:

„אין הדורות נגאלים אלא בשכר נשים צדקניות שיש בדור" (ילקוט רות, סוף רמ"ז, תר"י) — די דורות ווערן נישט אויסגעלייזט, נאָר אין זכות פון די נשים צדקניות וואָס זיינען אינעם דור; „בזכות נשים צדקניות שהיו באותו הדור נגאלו ישראל ממצרים" (סוטה דף י"א, עמוד ב') — אין זכות פון די נשים צדקניות וואָס זיינען געווען אין יענעם דור זיינען די יידן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים; „לא חרבה ירושלים אלא בשביל שחללו את השבת" (שבת דף קי"ט, עמוד ב') — ירושלים איז נישט חרוב געוואָרן, נאָר וויילן די יידן האָבן מחלל שבת געווען; „קדושים תהיו" — זייט הייליק; „היט שבת, און דער שבת וועט אייך היטן".

„איך האָב געהאַט אין מיין באַזיץ געשריבענע דברי תורה — שרייבט יוסף פוקסמאַן — פון 'פייגעלע דעם רב'ס', וועלכע זיינען געווען מיט דער הסכמה און אונטערשריפט פון ר' יעקב לוצקער, הי"ד (זעלווין). איין מאַנוסקריפט האָט געהאַט דעם טיטול: „ויבא אברהם לספוד לשרה ולב־כותה", אויף דער פרשה חיי שרה. דער צווייטער מאַנוסקריפט האָט געהאַט דעם טיטול: „ויצב יעקב מצבה על קבורתה", אויף דער פרשה וישלח. ביידע מאַנוסקריפּטן געפינען זיך אין היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע.

„אַן אַנדערן מאַנוסקריפּט מיטן טיטול: 'כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה', האָב איך איבערגעגעבן דעם ווילנער רב נאָכדעם ווי ווילנע איז באַפרייט געוואָרן פון די דייטשן".

אַ סך פון די מיידלעך, פייגעלע'ס חסידיסטעס, האָבן שטענדיק מיט זיך געטראָגן קליינע סידורים'לעך.

אויך די קוידענעווער רביצין פערעלע פערלאָוו האָט תמיד מיט זיך געטראָגן אַזאַ קליין סידור'ל.

אויף די אינעווייניקסטע טאָוולען איז געווען אויפגעשריבן דאָס פאָל־גנדיקע:

„השמים ושמי השמים, הארץ וכל אשר עליה לא נבראו אלא למען ולצורך האדם" (די הימלען און די ערד און אַלץ וואָס עס איז פאַראַן אויף דער ערד זיינען באַשאַפן געוואָרן בלויז פאַר דעם מענטשן). שפּעטער איז געקומען: 'אליך ד' נפשי אשא', און דאַן איז געקומען די ברכה וואָס מען דאַרף מאַכן ווען מען קומט אום אויף קידוש־השם:

„ברוך אתה ד׳ אלוקינו מלך העולם אשר קדשנו במצוותיו וצונו לקדש שמו ושם ישראל ברבים״...

און ווען די דייטשן האָבן געכאַפּט די רביצין פּערעלע פּערלאָוו, האָט זי מסתמא מיטגענומען מיט זיך דאָס דאָזיקע סידור׳ל און געמאַכט די ברכה אויף קידוש־השם...

„דער גרעסטער טייל פון די מיידלעך פון פייגעלע׳ס פרומען קרייז — שרייבט יוסף פוקסמאַן — האָט נישט געאַרבעט אויף די דייטשע פּלאַ־צוווקעס, כדי נישט מחלל שבת צו זיין. זיי האָבן געאַרבעט אין געטאָ און געוואָרן ׳באַשיצט׳ מיט די אַזוי־גערופענע שוץ־שיינען. קיין איינע פון זיי האָט ניט געהאַט קיין ׳געלן׳ שיין, וועלכער האָט ׳געזיכערט׳ דאָס לעבן פון זיין באַזיצער.

„אַ סך פון די מיידלעך זיינען געווען צוגעשריבן אַלס פיקטיווע פרויען צו מענער, וועלכע האָבן געהאַט ׳שיינען׳. זיי האָבן אָבער געוואוינט באַ־זונדער, הגם לויט די געטאָ־רעגולאַציעס האָבן אַזעלכע ׳פּאָרפעלקער׳ גע־דאַרפט וואוינען אין איין דירה...

„מיטן אויסנאַם פון איין מיידל, ברײַנדל פון פינסק, האָבן זיך אַלע פייגעלע׳ס מיידלעך געראַטעוועט פון אַלע שחיטות ביז צום טאָג פון דער געטאָ־ליקווידאַציע״.

אין אַ שיינעם, ליכטיקן זומער־טאָג, אין חודש סעפּטעמבער, 1943, איז געכאַפּט געוואָרן פייגעלע דעם רב׳ס מיט דעם גרעסטן טייל פון אירע מיידלעך דורך די דייטשע מערדער, ימח שמם. זיי זיינען געטריבן גע־וואָרן אונטער די באַגנעטן פון די דייטשע, אוקראַינישע און ליטווישע באַנדיטן צום סעלעקציע־פּלאַץ אויף ראָסע אין ווילנע. אַ טייל פון זיי איז זייער גורל געווען „לינקס״. פייגעלע דעם רב׳ס מיט דעם גרעסטן טייל פון אירע נשמה־חבר׳טעס זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן „רעכטס״, וואָס דאָס האָט באַדייט — לעבן...

אין פאַרמאַכטע און פאַרשלאָסענע וואַגאָנעס, ווי בהמות, זיינען זיי אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין ריגע.

אין חודש יולי, 1944, ווען די אָפענסיווע פון די סאָוועטישע אַרמייען האָט דערגרייכט לעטלאַנד, איז די גרעסטע צאָל פאַרשפּאַרטע אין די צוואַנ־ציק לעטלענדישע אַרבעטס־און צוואַנגס־לאַגערן איבערגעפירט געוואָרן אין דעם טרויעריק־באַרימטן לאַגער שטוטהאָף, לעבן דאַנציג.

אַהין איז אויך אַריבערגעפירט געוואָרן „פייגעלע דעם רב׳ס״ פון טראַ־כנבראָד, צוזאַמען מיט אַ סך פון אירע חבר׳טעס. נאָר צוויי פון זיי האָבן זיך געראַטעוועט: די רביצין בערקאָוויטש און איר טאָכטער, וועלכע גע־פינען זיך איצט אין ישראל. אַלע אַנדערע זיינען אומגעקומען.

„פייגעלע דעם רב׳ס״ איז קורץ פאַר דער באַפרייאונג געשטאָרבן פון פלעק־טיפוס.

דער קרימילאָווער רבי ר׳ נתן נחום ראַבינאָוויץ אומגעבראַכט געוואָרן אין טרעבלינקע

דער רבי האָט געאַרבעט אין דער שולץ־פאַבריק אַלס שוסטער. — נאָענט צו פופציק יאָר איז ער געווען רבי. — אויך זיין גאַנצע משפחה איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

דער רבי ר׳ נתן־נחום הכהן ראַבינאָוויטש פון קרימילאָוו איז געווען איי־נער פון די עלטסטע רביים אין פוילן, בישט בלויז אין יאָרן, נאָר אויך אין פירן די רביסטווע. ער איז נאָענט צו פופציק יאָר געווען רבי.



יער קרימילאָווער רבי, ר׳ נתן־נחום הכהן ראַבינאָוויץ, הי״ד

דער קרימילאָווער רבי איז נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט פוילן, אַוועק פון זאַוויערטשע קיין אָטוואָצק, פון דאָרט קיין וואַרשע און פון וואַרשע איז דער רבי געשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע, וואו ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

⁂

דער קרימילאָווער רבי איז געווען אַן אייניקל פון רבי׳ן ר׳ שלמה פון ראַדאָמסק, דער גרינדער פון דער ראַדאָמסקער רבישער גזע.

דער רבי ר׳ שלמה׳לע ראַדאָמסקער[1]) איז געווען אַ תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין, פון די רביים ר׳ מאיר פון אַפּט, פון ר׳ ישעיהו פון פּזשעדבאָרזש און פון ר׳ בער פון ראַדאָשיץ.

ר׳ שלמה איז געוואָרן רב אין ראַדאָמסק, און ווען דער רבי ר׳ משה פון לעלאָוו האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, האָבן זיינע חסידים אים געפרעגט: „רבי, אויף וועמען לאָזט איר אונדז איבער?״

האָט דער רבי ר׳ משה געענטפערט:

„פאָרט צו ר׳ שלמה פון ראַדאָמסק, ער איז גרעסער פון מיר!״

און ר׳ שלמה איז געוואָרן רבי, ער האָט צוגעצויגן אַ סך חסידים אין פּוילן. ער איז געווען אַ גרויסער בעל־מנגן, אַליין פאַרפאַסט ניגונים און מחבר געווען דאָס ספר „תפארת שלמה״ אויף תורה,[2]) און ער ווערט אָנגערופן אויפן נאָמען פון ספר דער בעל „תפארת שלמה״.

נאָך דער פּטירה פון בעל „תפארת שלמה״ איז זיין זון ר׳ אברהם־יששכר, אין עלטער פון דריי־און־צוואַנציק יאָר, געוואָרן רבי אין ראַדאָמסק.[3])

דער רבי ר׳ אברהם ראַדאָמסקער האָט איבערגעלאָזט פינף קינדער, צוויי פון זיי זיינען געוואָרן גרויסע רביים: זיין זון ר׳ יחזקאל[4]) איז געוואָרן רבי אין ראַדאָמסק, און זיין צווייטער זון ר׳ נתן־נחום איז געוואָרן רבי אין קרימילאָוו (בענדינער קרייז).

דער רבי ר׳ נתן־נחום איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרל״ג (1873). נאָך ביים פאָטערס לעבן, ווען ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר, איז ער געוואָרן רב אין קרימילאָוו. ער איז געפאָרן צו פאַרשידענע רביים פון זיין דור, צום טשאָרטקאָווער רבי׳ן ר׳ משה,[5]) און צום שינאָווער רבי׳ן ר׳ יחזקאל האַלבערשטאַם, דעם סאַנדזער רבי׳ס זון.

ווען זיין פאָטער, דער ראַדאָמסקער רבי ר׳ אברהם־יששכר, איז נפטר געוואָרן, האָט ר׳ נתן־נחום פאַרלאָזט קרימילאָוו און זיך אַריבערגעצויגן קיין זאַווירטשע, און דאָרט אויפגעשטעלט זיין רבי׳שן הויף. ער איז אָבער זיין גאַנץ לעבן אָנגערופן געוואָרן דער „קרימילאָווער רבי״.

1) געבוירן אין יאָר תקס״ג (1903), נפטר געוואָרן ערב ראש חודש ניסן, תרכ״ו (1866), געווען אַ זון פון ר׳ דוב־צבי פון שטעטל וולאָשטשאָווע.

2) דאָס ספר „תפארת שלמה״ איז נאָכאַמאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין תל־אביב אין יאָר תשכ״ב (1962), דורכן „איגוד חסידי ראַדאָמסק״.

3) געבוירן אין יאָר תר״ג (1843), נפטר געוואָרן ד׳ אב תרנ״ב (1892). זיין ספר איז „חסד לאברהם״.

4) נפטר געוואָרן י״ח חשוון, תרע״א (1911). זיין ספר איז „כנסת יחזקאל״.

5) איינעם פון זיינע קינדער האָט ער אַ נאָמען געגעבן דוד־משה נאָכן טשאָרטקאָווער רבי׳ן ר׳ דוד־משה. איז געווען דעם לעצטן ראַדאָמסקער רבי׳ס איידעם און איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

די קרימילאָווער חסידים האָבן אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך געגרינדעט אייגענע „שטיבלעך". ער האָט אויך געהאַט חסידים אין אויבער־שלעזיע, וואָס האָט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געהערט צו דייטשלאַנד.

דער קרימילאָווער רבי האָט אין זאַוויערטשע געגרינדעט אַ ישיבה אויפן נאָמען פון זיין פאָטער'ס ספר „חסד לאברהם".

ישיבות מיטן נאָמען „חסד לאברהם" זיינען דערנאָך אויך געגרינדעט געוואָרן אין אַנדערע שטעט אין פוילן, און דער קרימילאָווער רבי האָט געזאָרגט פאַר די דאָזיקע ישיבות, האָט זיי אויסגעהאַלטן.

דער קרימילאָווער רבי האָט געהאַט קינדער בני־תורה און ער האָט זיך משדך געווען מיט פאַרשידענע רביים אין פוילן. זיין עלטסטער זון ר' שלמה־אלימלך, זאַוויערטשער רב, איז געווען אַן איידעם פון זיין פאָטער'ס ברודער, דעם ראַדאָמסקער רבי'ן ר' יחזקאל. זיין צווייטער זון ר' אברהם־יששכר־מאיר, איז געווען אַן איידעם פון אַלעקסאַנדערער רבי'ן ר' שמואל־צבי דאַנציגער, דעם בעל „תפארת שמואל"; זיין דריטער זון ר' יעקב־יחזקאל, איז געווען אַן איידעם פון אַלעקסאַנדערער רבי'ן, ר' יצחק־מנחם דאַנציגער.

זיין פערטער זון ר' דוד־משה איז געווען אַן איידעם פון לעצטן ראַדאָמסקער רבי'ן ר' שלמה־חנוך, ער איז געווען דער ראש־ישיבה פון דער ראַדאָמסקער ישיבה „כתר תורה"

דעם קרימילאָווער רבי'נס עלטסטער איידעם איז געווען ר' ישעיהו ענגלראַד, רב אין סאָסנאָוויץ; זיין צווייטער איידעם איז געווען ר' ישעיה שפּיראָ, אַ זון פון רבי'ן ר' אלימלך פון גראָדזשיסק.[6] זיין דריטער איידעם איז געווען ר' דוב־בער קאַליש, רב אין לוויוויטש, אַ זון פון רבי'ן ר' שמעון פון סקערניעוויץ, זיין פערטער איידעם איז געווען דער רבי ר' חנוך־העניך באָרנשטיין, זון פון סאָכאַטשאָווער רבי'ן ר' שמואל, דעם בעל „שם שמואל", וועלכער איז נאָכן „דריטן חורבן" געוואָרן סאָכאַטשאָווער רבי אין ירושלים. זיין פינפטער איידעם איז געווען ר' יעקב־הלוי האַלשטאַק, ראש בית־דין פון אָסטראָווצע, אַ זון פון לעצטן אָסטראָווצער רבי'ן ר' יחזקאלע, זיין ייִנגסטער איידעם איז געווען ר' אַלטער ירחמיאל־יהודה־מאיר, אַ זון פון אָפּאָטשנער רבי'ן.

דעם קרימילאָווער רבי'נס אַלע קינדער, אַ חוץ די צוויי איידעמס ר' ישעיה'לע שפּיראָ און ר' חנוך־העניך באָרנשטיין, זיינען מיט זייערע משפחות אומגעקומען אויף קידוש־השם.

6) ער האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל און ווערט אָנגערופן דער „חלוצישער רבי".

ווען די דייטשע האָרדעס האָבן פאַרכאַפּט פּוילן איז דער קרימילאָווער רבי אַוועק פון זאַוויערטשע קיין אָטוואָצק. דאָרט האָבן זיך געפונען זיינע קינדער, אָבער ער האָט נישט געקאָנט בלייבן אין אָטוואָצק און ער איז אַריבער קיין וואַרשע. אין וואַרשעווער געטאָ האָט דער קרימילאָווער רבי געוואוינט אויף פּאַוויע גאַס. ער האָט ווייטער אָנגעהאַלטן זיינע לימודים און יידן־חסידים זיינען צו אים געקומען קריגן התחזקות אין דער מאוימ־דיקער צייט.

אַן עד־ראיה, ר׳ יואל פון וולאָדאווע, אַ קרימילאָווער חסיד, וואָס האָט געוואוינט אין וואַרשע, גיט איבער אַז די קרימילאָווער חסידים אין זאַג־לעמביע, וועלכע האָבן נישט געליטן אַזוי שטאַרק פון הונגער, האָבן גע־שיקט צום רבי׳ן פּעקלעך שפּייז, האָט דער רבי די שפּייז צעטיילט צווישן די יידן אין וואַרשעווער געטאָ [7].

ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסן־דעפּאָרטאַציעס פון וואַרשעווער געטאָ אין די טויטן־לאַגערן, האָבן די חסידים אַריינגעגעבן דעם קרימי־לאָווער רבי׳ן אין שולץ׳ס שיך־פאַבריק, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון רעליגיעזן יידן ר׳ אברהם הענדל.

ר׳ אברהם הענדל דערציילט [8] וועגן קרימילאָווער רבי׳ן ווי אַזוי ער האָט געאַרבעט אין שולץ׳ס פאַבריק:

„דער דייטש פּאָול פון דאַנציג, אַ סאַדיסט און מערדער, וועלכער איז געווען פריץ שולץ׳ס שאָפער, האָט זיך איינמאָל אַריינגעגנב׳עט אין מיטן דער נאַכט אין איינעם פון מיינע שעפער, וואו עס האָט געאַרבעט דער קרימילאָווער רבי אַלס ׳סאָרטירער פון לעדער־אָפּפאַל׳, און ער האָט אים געטראָפן, אָנשטאָט אויסצוסאָרטירן דעם לעדער־אָפּפאַל, גאָר זיצן אויף דער ערד מיט אַן אָפענעם זוהר און לערנען מיט גרויס כוונה, אַזוי אַז ער האָט גאָרנישט באַמערקט אַז דער סאַדיסט פּאָול איז אַריינגעקומען.

„דער מערדער פּאָול האָט באַלד צוגעשטעלט דעם קרימילאָווער רבי׳ן צו דער וואַנט און האָט צונויפגערופן אַלע יידישע אַרבעטער פון שאַפּ צו זען ווי ער שיסט דעם רבי׳ן פאַר ׳סאַבאָטאַזשעווען ביי דער אַרבעט׳...

„איך בין גלייך אַרויסגערופן געוואָרן פון מיין היים. איך בין אַראָפּ־געשפרונגען פון בעט און אין אַ רגע בין איך שוין געווען אין שאַפּ. איך האָב אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער פון פּאָול׳ס האַנט, און אַזוי ווי פּאָול האָט נאָך מורא געהאַט פאַר מיר, האָט ער גאָרניט געזאָגט. איך האָב אים צוריקגעגעבן דעם רעוואָלווער און ער האָט זיך אָפּגעטראָגן פון שאַפּ. אָט אויף אַזאַ אופן איז דער קרימילאָווער רבי דעמאָלט אָפּגעראַטעוועט גע־

7) אלה אזכרה, באַנד 5, זייט 100.
8) אינעם זשורנאַל „בית יעקב״, ניסן, תשכ״ג (1963).

וואָרן פון אַ זיכערן טויט. ער איז אָבער באַלד קראַנק געוואָרן פון דעם דאַזיקן אומגליקלעכן פאַל.

„דאָס איז געווען אַ זעקס חדשים פאַר פסח, און אינעם פסח פון געטאָ־אויפשטאַנד, בעת יידן האָבן פון איין זייט העלדיש געקעמפט קעגן די דייטשע רוצחים, האָבן די יידן אין דער זעלבער צייט אויך געקעמפט נישט צו פאַרגעסן קיין יידישקייט און נישט מוותר צו זיין אויף אַ קוצו של יוד.

„דעם לעצטן פסח, ווען מען האָט זיך צוגעגרייט צום אויפשטאַנד, האָט דער פיאַסעטשנער רבי געזעצט אַ ספּעציעלן בית־דין מתיר צו זיין 'קטניות' (בעבלעך) בשעת הדחק אין פסח...

„און ערב פסח, אין מיטן פון דער צוגרייטונג צום געטאָ־אויפשטאַנד, איז צו מיר אַריינגעקומען אין ביוראָ פון שאָפּ דער סאָקאָלאָווער רבי, ר' בנימין מאָרגענשטערן, וועלכער האָט גע'ירש'נט די שטול פון זיין פאָטער אין געטאָ, מיט אַ געשריי, אַז מען מוז אים ראַטעווען: 'איך האָב נעכטן געמאַכט אַ סך שטר־מכירות אין געטאָ, און איצט דאַרף איך האָבן אַ גוי אים צו פאַרקויפן דעם חמץ, אָבער אַלע גויים קומען היינט עפּעס בכלל נישט אין געטאָ אַריין!'

„און וואָס האָב איך געטאָן? איך האָב איבערגעקויפט איינעם פון די פוילישע שאָפערן, אַ שונא ישראל, אַ פּאָליאַק מיטן נאָמען סטאַנסקי, און ער האָט פאַר אַ שיבוש אָפּגעקויפט דאָס גאַנצע חמץ אין געטאָ. און די יידן זיינען פאַר דעם לעצטן פסח אין געטאָ, פאַרן אויפשטאַנד, געגאַנגען צו אַ ברונעם שעפּן 'מים שלנו' פאַר די מצות, וואָס זיי האָבן געבאַקן.

„דער דייטשער פאַבריקאַנט, דער באַזיצער פון מיינע שעפּער, פריץ שולץ, האָט מיר נאָך מיט עטלעכע טעג פאַר פסח בסוד געזאָגט, אַז 'די יודן וועלן עטוואָס ערלעבן'. איך האָב דאָס איבערגעגעבן די, וואָס האָבן עס געדאַרפט וויסן. אָבער דאָס האָט גאָרנישט משפּיע געווען אויף די יידן, וואָס האָבן זיך געגרייט צו באַקן מצות כדת וכדין. מען האָט גע־כשר'ט אַן אויוון צו באַקן מצות און מען האָט אַנטדעקט אַ טיפן ברונעם, וואָס מען האָט געדאַרפט אַראָפּנידערן צו אים גאָר אַ סך שטיגן, און אַלע זיינען געקומען מקיים צו זיין די מצוה פון שעפּן 'מים שלנו'. צווישן זיי זיינען געווען: דער קרימילאָווער רבי, ר' נתן־נחום, דער פיאַסעטשנער רבי, דער סאָקאָלאָווער רבי, דער סטריקאָווער רבי, דער אַלטער סאָסנאָווי־צער רבי, ביידע ברידער פון אַלעקסאַנדערער רבי'ן, דער שוואָגער פון ראַדאָמסקער רבי'ן, הרב ר' דוד האַלבערשטאַם, זון פון ר' סיני, זשמיגראָ־דער רבי, און אַנדערע. אַלע זיינען געקומען שעפּן 'מים שלנו' און גע־זאָגט 'הלל' מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם".

מיר האָבן נישט קיין גענויע ידיעות, ווי אַזוי און וואו דער קרימי־לאָווער רבי איז אומגעבראַכט געוואָרן. לויט ווי עס ווערט אָנגעגעבן אין

סוף פון ספר „תפארת שלמה" [9]), איז דער קרימילאָווער רבי אַרויסגע־שיקט געוואָרן פון וואַרשע ערב ראש חודש אייר, תש"ג (1943) אין טויטן־לאַגער טרעבלינקע און דאָרט איז ער פאַרברענט געוואָרן אויף קידוש־השם.

⁘

דעם קרימילאָווער רבי׳נס זון, ר׳ שלמה־אלימלך, זאַוויערטשער רב, איז פאַרשיקט געוואָרן אין טויטן־לאַגער אוישוויץ.

חיים־יהושע ניימאַן, אַ פּליט פון די טויטן־לאַגערן אוישוויץ און בור־כנוואַלד [10]), גיט איבער אין אַ שריפטלעכער גבית־עדות וועגן זאַוויער־טשער רב, אַז ער האָט מיט אים צוזאַמען געאַרבעט אין אַ „שניידער־ווערק־שטאַט" אין טויטן־לאַגער אוישוויץ:

„דער זאַוויערטשער רב האָט געטראָגן אַ שמאָל טלית׳ל. ער האָט מיר געזאָגט אַז ער וויל יוצא זיין פאַר אַ טלית גדול און טלית־קטן. ער האָט געלעבט מיט גרויס בטחון. ער האָט אונז תמיד געזאָגט ווען עס פאַלט אויס אַ יידישער יום־טוב. מיר האָבן געקראָגן געשלאָגן, ווייל מיר האָבן געדאַוונט מיט מנין.

„פסח אין יאָר 1943 האָבן מיר אָפּגעריכט דעם סדר. דער זאַוויער־טשער רב האָט מיט אונז געזאָגט די הגדה, און די פּאַדלאָגע איז געווען נאַס פון טרערן. מיר האָבן אַלע זייער ליב געהאַט דעם זאַוויערטשער רב. ווען מיר האָבן אים געפרעגט צי מען מעג עסן די מאכלים וואָס זיינען נישט כשר, האָט ער אונז מתיר געווען צוליב פקוח־נפש.

⁘

ר׳ שלמה־אלימלך ראַבינאָוויץ, איז געווען פריער רב אין קרימילאָוו, דאַן אין קאַמינסק און צום סוף אין זאַוויערטשע. ער איז געווען אַן איידעם פון זיין פעטער, דעם רבי׳ן ר׳ יחזקאל פון ראַדאָמסק, מחבר פון ספר „כנסת יחזקאל", אַ ברודער פון זיין פאָטער, דעם קרימילאָווער רבי׳ן ר׳ נתן־נחום.

זיין פאָטער און שווער זיינען געווען די זין פון ראַדאָמסקער רבי׳ן, ר׳ אברהם־יששכר ראַבינאָוויץ, מחבר פון ספר „חסד לאברהם". [11])

דער ראַדאָמסקער רבי, ר׳ אברהם־יששכר (נפטר געוואָרן ח"י חשון, תרע"א (1910), איז געווען אַ זון פון ערשטן ראַדאָמסקער רבי׳ן ר׳ שלמה

9) צווייטע אויסגאַבע געדרוקט אין תל־אביב, תשכ"ב (1962), זייט 375.

10) וואוינט אין פילאַדעלפיע.

11) ווי אַזוי דער לעצטער ראַדאָמסקער רבי, ר׳ שלמה־חנוך ראַבינאָוויטש, איז אומגעבראַכט געוואָרן, שרייבן מיר אין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

הכהן ראַבינאָוויץ, דער מחבר פון ספר „תפארת שלמה", וועלכער איז געווען דער גרינדער פון דער ראַדאָמסקער רבי׳שער דינאַסטיע. ער איז נפטר געוואָרן ערב ראש־חודש ניסן, תרכ״ו (1866).

וועגן אומקום פון זאַוויערטשער רב, ר׳ שלמה־אלימלך, האָבן מיר בלויז געוואוסט, אַז ער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן אין טויטן־לאַגער אוישוויץ, דריי חדשים פאַר דער באַפרייאונג פון לאַגער דורך דער רויטער אַרמיי.[12])

מיר האָבן אָבער אַ גבית־עדות פון דעם יידן מר. אַלעקס טורנער פון שיקאַגאָ, איל., איינער פון די שארית הפליטה וועלכער גיט אָן פּרטים וועגן חורבן פון זאַוויערטשע און ווי אַזוי דער זאַוויערטשער רב ר׳ שלמה־אלימלך ראַבינאָוויץ איז אומגעקומען על קידוש־השם אויפן וועג פון אויש־וויץ קיין בוכענוואַלד. מר. אַלעקס טורנער דערציילט:

„דעם 25טן אויגוסט, 1943 איז געקומען ׳חורבן זאַוויערטשע׳. דאָס גאַנצע שטעטל, אַן ערך 5,000 יידן — אנשים, נשים וטף — זיינען געגאַנ־גען זייער לעצטן וועג. נאָכן אָנקומען אין אוישוויץ און נאָך דער סעלעקציע זיינען איבערגעבליבן ציטווייליק ביים לעבן אַן ערך 300 מענער.

„נאָכן אויסטאָן אונז נאַקעט און צונעמען פון אונז אַלץ וואָס יעדער האָט געהאַט מיט זיך, און נאָכן געבן אונז נומערן זיינען מיר ענדלעך אָפּגע־שיקט געוואָרן קיין בירקענוי.

„אָנקומענדיק אין בירקענוי און אַרומקוקנדיק זיך ווער ס׳זיינען די ציטווייליק פאַרבליבענע, האָבן מיר געזען אַז אויך אונזער מרא דאתרא, הרב הגאון ר׳ שלמה־אלימלך ראַבינאָוויטש, השם ינקם דמו, איז אויך דאָ מיט אונז. ס׳איז געקומען מיטאָג־צייט און אַלע זאַוויערטשער זיינען געווען נאָך אַ לאַנגן תענית. ענדלעך האָט מען פאַר אונז געבראַכט אַ פאַס מיט זופּ.

„אונזער שטעטל, ווי אַלע שטעטלעך אין פּוילן, האָט געהאַט גאַר־גאַר פרומע יידן, אויך פרייערע עלעמענטן און גאָר לינקע. די פרומע יידן האָבן זיך צוזאַמענגענומען אין אַ גרופּע און האָבן אַרויסגעטראָגן דעם פּסק נישט צו עסן קיין טרפות, יהרג ואל יעבר.

„אונזער רב ז״ל האָט זיך צוגעהערט צו זייערע אויספירן. ער האָט נישט געפירט מיט זיי קיין דיסקוסיע, נאָר גלייך ווי מ׳האָט אָנגעפאַנגען אויסצו־טיילן דאָס עסן, איז ער געווען פון די ערשטע וואָס האָט גענומען די זופּ און פאַר אַלעמען אין די אויגן געגעסן. דער מוסר־השכל האָט אַלע פרומע גלייך באַוואויזן אויך אַזוי צו טאָן.

„פון בירקענוי זיינען כסדר אַוועק טראַנספּאָרטן מיט יידן צו אַרבעטן אין פאַרשידענע לאַגערן. איינמאָל איז אַוועק אַ טראַנספּאָרט שניידער. און־

12) זע „ספר האדמורי״ם" פון יצחק אלפסי, הוצאת „אריאל", תל־אביב, תשכ״א, זייט 92.

זער רב האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס שניידער און עס איז אים געלונגען מיטצוגיין מיט די שניידער. בכלל איז ער געווען אַ חביב על הבריות, באַ־ליבט ביי אַלעמען.

„דער שניידער־שאַפּ האָט זיך געפונען אין אוישוויץ. אַז עס איז גע־קומען צו שניידעריי, האָט אונזער רב גאָרנישט געקענט טאָן. די ריכטיקע שניידער האָבן דאַן מיטן רב געמאַכט אַן אָפּמאַך: דער רב זאָל אין שאַפּ, אָנשטאָט שניידעריי, לערנען אַ בלאַט גמרא. דערפאַר וועלן זיי, די שניידער, מאַכן פאַר אים די אַרבעט וואָס ער האָט געדאַרפט טאָן. דער גוטער גורל האָט געוואָלט, אַז אויך איך בין אַ פּאָר חדשים שפּעטער אָנגעקומען אין לאַגער אוישוויץ. און לויט אַן עצה פון אונזער רב ז״ל, בין איך אָנגעקומען אין אַ וואָפן־פאַבריק, און אַ דאַנק דעם בין איך געבליבן לעבן.

„מיר האָבן געאַרבעט זיבן טעג אַ וואָך. נאָר אין די זונטיקס האָבן מיר געהאַט פריי אַ פּאָר שעה נאָכמיטאָג. יעדן זונטיק נאָכמיטאָג פלעג איך גיין זען אונזער רב. ער אַליין איז געווען זייער דערדריקט. ער האָט שוין געוואוסט, אַז זיין פרוי איז אומגעקומען אין די גאַז־אויוונס. ער האָט גע־האַט אַ בן־יחיד אין וואַרשעווער געטאָ. זיין פאָטער, דער קרימילאָווער רבי, איז אויך געווען אין וואַרשעווער געטאָ, און די ידיעות פון וואַרשע זיי־נען געווען גאָר טרויעריקע. אַז איך בין צו אים געקומען אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג, זיינען שטענדיק ביי אים געווען אַ צען־פופצן יידן. ער האָט שטענדיק געזאָגט אַ וואָרט תורה. ער האָט אַלעמען מחזק געווען, פאַר יעדן געהאַט אַ גוט וואָרט. זיין הויפּט־געדאַנק האָט זיך אַרומגעדרייט: יידן, זייט זיך נישט מייאש!

„ערב פּסח, 1944 בין איך אַריין צו אים ווינטשן אַ גוטן יום־טוב. נעמט ער און גיט מיר אַ קליין מצה׳לע און זאָגט מיר: ׳קענסט עס עסן, איך האָב עס אַליין געבאַקן׳. שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז פּאַר פּסח פלעגט ער אין דער נאַכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפן, באַקן די מצות אויף אַ קליינטשיקן אייזערנעם אייוועלע.

„דעם פּסח, 1944 האָט דער רב אין אוישוויץ אָפּגעהיטן מיט מצה און קאַרטאָפל. עס דאַרף פאַרצייכנט ווערן אַז זייער אַ סך האָבן די שניידער פון שאַפּ אים צוגעהאָלפן.

„ראש־השנה, 1944, ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט און מיר אַלע זיינען געווען אינעם בלאָק, רופט זיך אָן דער זאַוויערטשער רב: לאָמיר דאַווענען מעריב. אַלע האָבן מסכים געווען. דער רב איז געווען דער שליח־ציבור. נאָכן דאַווענען ווינטשט איינער דעם אַנדערן אַ בעסער יאָר ווי דאָס לעצטע. אונזער בלאָק־עלטסטער איז געווען אַ ייד. אויב אַזוי, פאַרשטייט אונזער רב אַריינצוגיין צו אים אין זיין חדר און אים ווינטשן. דער בלאָק־עלטסטער איז געווען אַ גראָבער יונג, אַ מיאוס׳ער כאַראַקטער. אויפן רב׳ס ווינטשן

איז זיין ענטפער געווען: ׳וואָס דענקט איר, רבי, איר זענט דאָ אַהער געקומען לעבן?׳ און נאָך אַנדערע זלזולים.

„עטלעכע יידן האָבן זיך אָנגענומען מיט כוח און פאַרטיידיקט דעם רב׳ס כבוד, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען מיין ברודער הערי. אויך ער איז אַן ׳עוד מוצל מאש׳.

„ערב יום־כיפור, 1944 זיינען זיך אין אוישוויץ צוזאַמענגעקומען אַ דריי הונדערט יידן אין אַ קעלער און דער זאַוויערטשער רב האָט געזאָגט ׳כל־נדרי׳ און אויך געדאַוונט מעריב. דער רב האָט דאָס אַלץ איינגעאָרדנט מיט דער הילף פון זיינע שניידערס. בשעת ׳כל־נדרי׳ זיינען געשטאַנען שומרים אין דרויסן און געהיט צי עס קומט נישט די געשטאַפּאָ. ביי ׳כל־נדרי׳ אין אוישוויץ און אונזער רב אַלס שליח־ציבור, האָב איך זיך דערמאָנט ווי עס האָט אויסגעזען עטלעכע יאָר צוריק אין דער זאַוויערטשער שול. הרב רבי אלימלך ראַבינאָוויטש הי״ד, אַרומגערינגלט פון די פּני פון שטעטל — ציוניסטן, אגודיסטן, בונדיסטן, אויך אַסימילירטע יידן. זיין הדרת־פּנים האָט געשיינט. יונגע פרויען האָבן זיך געוואונטשן צו האָבן זין זאָלן זיין געראָטן אינעם זאַוויערטשער רב. ער איז געווען אויך רעספּעקטירט פון דער קריסטלעכער וועלט. זעקס יאָר זיינען אַוועק זינט יענעם יום־כיפור אין אונזער שטעטל. און וואָס איז געוואָרן פון זאַוויערטשע און די אַלע יידישע שטעטלעך אין פוילן, אַ חורבה, אַ באַרג אַש, אַ בית־הקברות. פּנה הודה, פּנה זיוה, פּנה הדרה. וואו איז אַהינגעקומען די יידישע יוגנט, פאַר וועמען ארץ־ישראל איז געווען דער עמוד־האש? החלוץ, הרצליה, השומר־הצעיר, בני־עקיבא, שומר־הדתי, טרומפּעלדאָר, בית־יעקב, הפּועל־המזרחי, פּועלי אגודת־ישראל און אַ יוגנט דערצויגן פון תרבות־שולן — אַלץ פאַרשוואונדן!

„סוף 1944 און אָנהייב 1945, האָט זיך די רוסישע אַרמיי וואָס מער דערנענטערט צו אוישוויץ און מיר, אויך דער זאַוויערטשער רב, האָבן זוכה געווען צו זען ׳חורבן אוישוויץ׳. אוישוויץ, וואָס האָט פאַרפייניקט מיליאָנען מענטשן, האָבן מיר, אַ קליינע גרופּע, דערלעבט צו זען ווי אוישוויץ לייזט זיך אויף.

„דער זאַוויערטשער רב איז אַוועקגעשיקט געוואָרן מיט אַנדערע קאַצעטלער קיין בוכנוואַלד. דער וועג איז געווען דער שווערסטער. געשטאַפּאָ האָט די רעשטלעך געזוכט צו פאַרפייניקן דורך הונגער, קעלט און גיין צו־פוס.

„דער זאַוויערטשער רב, הגאון רבי שלמה־אלימלך ראַבינאָוויטש, השם ינקום דמו, האָט די לעצטע פּייניקונגען נישט געקענט איבערטראָגן און האָט אויסגעהויכט זיין גרויסע נשמה אין בוכנוואַלד קורץ פאַר דער באַפרייאונג״.

דער ראַדאָמסקער רבי אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ

זיין שטאַלצער ענטפער צו די פייניקער. — דער שורש פון דער ראַדאָמסקער דינאַסטיע. — אויך זיין שוואָגער, דער רבי ר׳ משה׳לע טווערסקי פון קראָס, איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

צווישן די קדושים, וואָס זיינען אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ, איז אויך געווען דער ראַדאָמסקער רבי, ר׳ שלמה־חנוך הכהן ראַבינאָוויטש, וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין ווייב, זיין איינציקער טאָכטער און זיין איידעם ר׳ דוד־משה ראַבינאָוויטש, אַ זון פון זיין פעטער, דער קרימילאָווער רבי. דער ראַדאָמסקער רבי איז געשטאָרבן ווי אַ קדוש און ווי אַ העלד.

דער ראַדאָמסקער רבי, ר׳ שלמה־חנוך ראַבינאָוויטש, הי״ד

די נאַצישע געשטאַפּאָ־אַגענטן האָבן זיך אַריינגעריסן אין זיין וואוי־נונג אין וואַרשעווער געטאָ און האָבן אים אויפגעפאָדערט ער זאָל מיט זיי מיטגיין. געוואוסט האָט יעדער ייד אין געטאָ, אַז ווען די נאַצים נעמען מיט זיך מיט, דער דערלעבט שוין מער נישט צו זען די ליכטיקע

שיין פון דער וועלט. זיי פאַרשלעפּן זייער קרבן אין אַ טויטן־לאַגער, וואו עס זיינען אַנגעגרייט גאַז־וואַגאָנען און דאָרט ווערן די יידן דערשטיקט. האָט דער ראַדאָמסקער רבי זיך אָפּגעזאָגט צו פאָלגן דעם באַפעל פון די נאַצישע אַגענטן און ער האָט שטאָלץ און ווירדיק געענטפערט:

„איך ווייס, אַז איר זענט מיך געקומען הרג'ענען, בין איך גרייט צו שטאַרבן ביי מיר אין שטוב, און נישט ערגעץ אין אַ גאַז־וואַגאָן! . . . "

און ווי נאָר דער ראַדאָמסקער רבי האָט פאַרענדיקט דעם „אחד" פון „שמע ישראל", האָט אַ נאַצישע קויל דורכגעלעכערט זיין מוח און צוזאַמען מיט אים זיינען אויפן אָרט אומגעבראַכט געוואָרן זיין גאַנץ בני־בית: זיין פרוי, טאָכטער און איידעם.

*

מיטן אומקום פון ראַדאָמסקער רבי'ן איז אונטערגעגאַנגען אַ גאַנצע רבישע דינאַסטיע. די נאַצישע קויל, וואָס האָט דורכגעלעכערט דעם מוח פון ראַדאָמסקער רבי'ן, האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט פון לעצטן זכר פון דער גרויסער רבישער גזע, וועלכע ציט זיך פון ערשטן ראַדאָמסקער רבי'ן, ר' שלמה ראַדאָמסקער, באַקאַנט אין דער חסידישער וועלט מיטן נאָמען פון חסידישן ספר „תפארת שלמה".

טויזנטער און טויזנטער חסידים האָט דער לעצטער ראַדאָמסקער רבי געהאַט אין פוילן און אין גאַליציע. זייער שטאַרק האָבן זיך אָנגעזען די ראַדאָמסקער חסידישע בחורים, ווייל אין אַ גאַנצער ריי שטעט האָט דער ראַדאָמסקער רבי געגרינדעט ישיבות, אין וועלכע עס האָבן געלערנט אַרום אַ צוויי טויזנט בחורים. די ראַדאָמסקער ישיבות זיינען געווען אין די שטעט: ראַדאָמסק, בענדין, סאָסנאָוויצע, קראָקע, לאָדזש, פּיעטריקאָוו, קזשאַנאָוו און אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע שטעט.

אַ מאָדנער רבי איז דער ראַדאָמסקער געווען. ער איז געווען אי אַ רבי און אי אַ סוחר. ער איז נישט געווען סתם אַ סוחר, נאָר אַ מיליאָנער, וועלכער האָט זיך גערעכנט צווישן די געציילטע יידישע מיליאָנערן אין פוילן. און צווישן די רביים איז ער זיכער געווען דער גרעסטער מיליאָנער.

אַז רביים זאָלן פירן מסחרים איז אין די לעצטע פופציק יאָר נישט געווען קיין נייעס אין פוילן. עס זיינען געווען אַנדערע רביים, וועלכע זיינען געווען שותפים צו גרויסע האַנדלס־אונטערנעמונגען, אָבער אָפיציעל האָט עס געהייסן, אַז אַ חסיד וויל דעם רבי'ן האָבן פאַר אַ שותף אין זיין מסחר, כדי ער זאָל זיין זיכער, אַז מיטן רבי'נס ברכה וועט ער מצליח זיין אין האַנדל.

דער ראַדאָמסקער רבי איז נישט בלויז געווען אַ שותף צו אַנדערע סוחרים, נאָר ער האָט אַליין געפירט גרויסע געשעפטן. ער האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל הייזער אין פוילן, און פאַרן יאָר 1933, איידער היטלער איז

געקומען צו דער מאַכט, האָט ער אויך געהאַט אַ סך הייזער אין בערלין און אין דער זעלבער צייט איז דער ראַדאָמסקער רבי געזעסן יומם ולילה על התורה והעבודה. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די ישיבות, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט אין פאַרשידענע שטעט אין פוילן און גאַליציע, און די מסחרים האָבן געפירט זיינע געטרייע חסידים.

אויף יעדן שבת און יום־טוב פלעגן קומען קיין סאָסנאָווצע, וואו דער רבי האָט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געוואוינט, טויזנטער חסידים פון אַלע שטעט פון פוילן און גאַליציע. דער רבי פלעגט פירן די רבי׳סטווע אויף דעם אַלטן ראַדאָמסקער שטייגער: מיט זאָגן תורה, זינגען זמירות, טיילן שיריים און פראַווען טישן.

ווי אַזוי האָבן זיינע חסידים געקוקט אויף אַזאַ מין פירעכץ?

די חסידים האָבן געהאַלטן, אַז דער רבי גיט אויס אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן אויף אויפהאַלטן די ישיבות אין די פאַרשידענע שטעט, און דערפאַר וואָס ער אַליין איז אַ סוחר, דאַרף ער נישט אָנקומען צו די חסי־דים נאָך געלט. דאָס גיט אים אַ מעגלעכקייט אַז ער זאָל קענען זיין זעלבסטשטענדיק.

אַ סך געלט האָט דער רבי אויסגעגעבן אויף זיין פּריוואַטער ביבליאָ־טעק. נאָך דעם גערער רבי׳ן האָט דער ראַדאָמסקער רבי געהאַט די גרעסטע פּריוואַטע ביבליאָטעק אין פוילן. דער ראַדאָמסקער רבי פלעגט יעדעס יאָר אויסגעגעבן טויזנטער זלאָטיס אויף איינקויפן אַלטע כתב־יד׳ן און אַלטע דרוקן.

דער לעצטער ראַדאָמסקער רבי איז געווען אַן אור־אייניקל פון רבי׳ן ר׳ שלמה׳לע, דער גרינדער פון דער ראַדאָמסקער דינאַסטיע.

אין זיינע יונגע יאָרן איז ר׳ שלמה ראַדאָמסקער געווען אַ ייד אַ סוחר, דערנאָך איז ער געוואָרן רב אין ראַדאָמסק און דאַן רבי.

דער רבי שלמה ראַדאָמסקער האָט גלייך באַקומען אַ שם פאַר אַ גרויסן צדיק. הונדערטער חסידים זיינען צו אים געפאָרן און אויך אַ סך רביים זיינען געווען זיינע טיש־זיצערס. חסידים דערציילן, אַז ווען דער רבי ר׳ משה לעליווער — דער זון פון ר׳ דוד׳ל לעליווער — האָט עולה־געווען קיין ארץ־ישראל, איז ער קודם כל געפאָרן צום רבי׳ן ר׳ שלמה ראַדאָמס־קער זיך געזעגענען. דער רבי ר׳ משה לעליווער האָט געבעטן ביים גע־זעגענען זיך מיטן רבי׳ן ר׳ שלמה ראַדאָמסקער, ער זאָל אים בענטשן פאַרן אָפּפאָרן. האָבן די לעליווער חסידים געפרעגט זייער רבי׳ן:

— רבי, ביי וועמען לאָזט איר אונז איבער?

— ביים רבי׳ן ר׳ שלמה ראַדאָמסקער — האָט ר׳ משה לעליווער גע־ענטפערט.

דער רבי ר׳ שלמה ראַדאָמסקער איז אויך געווען אַ גרויסער בעל־

מנגן. ער האָט געהאַט אַ וואונדער־שיין קול נגינה. ער האָט אַליין גע־דאַוונט פאַרן עמוד יעדן שבת און יעדן יום־טוב.

און פלוצלינג, ווען דער ראַדאָמסקער רבי איז שוין געווען באַקאַנט אין גאַנץ פוילן פאַר אַ גרויסן רבי׳ן, האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן צו אַ צווייטן רבי׳ן, ווי אַ פשוטער חסיד. ער האָט זיך אויסגעקליבן פאַר זיין רבי׳ן — דעם רבי׳ן ר׳ חיים האַלבערשטאַם פון סאַנז.

די גאַנצע חסידישע וועלט איז דעמאָלט אויפגעשטורעמט געוואָרן. עפעס אַ קלייניקייט! אַ רבי פון הונדערטער און הונדערטער חסידים פאַרלאָזט זיין שטול און ווערט גאָר אַליין אַ חסיד. דערצו נאָך האָט דער ראַדאָמסקער רבי אויסגעקליבן צו פאָרן קיין סאַנז אויף שבועות, אויף אַ יום־טוב ווען צו אים אַליין קומען אַ סך חסידים.

און חסידים דערציילן, אַז איידער דער ראַדאָמסקער רבי איז אָפּגע־פאָרן קיין סאַנז, האָט אים זיין זון, ר׳ אברהמ׳עלע, זיין שפּעטערדיקער ממלא־מקומו, געפרעגט:

— טאַטע, ווי קענסטו איבערלאָזן אַזוי פיל חסידים אין אַזאַ הייליקן יום־טוב שבועות? ווי קענסטו מצער זיין אַזוי פיל הונדערטער יראים ושלמים?

— מיין קינד — האָט דער רבי ר׳ שלמה אים געענטפערט — מען ווערט אַלט, און איך וואָלט נאָך געוואָלט פילן דעם טעם פון קבלת־התורה, וואָס יידן האָבן געפילט, ווען זיי זיינען געשטאַנען ביים באַרג סיני, און דאָס קען מען נאָר דערפילן ווען מען איז ביים הייליקן סאַנזער רבי׳ן.

און דער זון זיינער, ר׳ אברהמ׳עלע, האָט שוין מער נישט געפרעגט. הונדערטער חסידים זיינען אויף יענעם שבועות אָנגעקומען קיין ראַדאָמסק, זיי האָבן געדאַוונט אין ראַדאָמסקער בית־המדרש, אָבער אָן דעם רבי׳ן זייערן. דער רבי ר׳ שלמה איז געווען אין סאַנז.

דער ראַדאָמסקער רבי איז נפטר געוואָרן אין אַ דאָנערשטיק ביינאַכט, ערב ראש־חודש ניסן, נאָך חצות, אין יאָר תרכ״ו (1866). חסידים דער־ציילן, אַז מיט אַ וואָך פריער איז נפטר געוואָרן דער גערער רבי, ר׳ איטשע־מאיר (דער „חידושי הרי״ם״). האָט דער ראַדאָמסקער רבי זיך אויסגעפרעגט ביי זיינס אַ חסיד וועגן דער לויה פון גערער רבי׳ן.

אין דעם זעלבן דאָנערשטיק ביינאַכט זיינען קיין ראַדאָמסק אָנגעקו־מען צוויי רביים, דער רבי ר׳ צמח פון שידלאָווצע און דער רבי ר׳ אהרן פון קראָקע, דער זון פון בעל „מאור ושמש״. האָט דער ראַדאָמסקער רבי מיט זיי פאַרבראַכט ביים שלום עליכם געבן אַ צוויי שעה און האָט מיט זיי געשמועסט וועגן דער פטירה פון גערער רבי׳ן, און ער האָט געפרעגט:

„ווער וועט היינטיקן שבת מקבל־שבת זיין פאַרן עמוד אין גן־עדן?״

און ראַדאָמסקער חסידים האַלטן טאַקע, אַז דער אַלטער ראַדאָמסקער

רבי איז דער בעל־תפילה שבת פאַרן עמוד אין גן־עדן ביזן היינטיקן טאָג.

אויך זיין זון, דער רבי ר׳ אברהמ׳עלע (ישכר), וועלכער איז געוואָרן רבי נאָך דער פּטירה פון ר׳ שלמה ראַדאָמסקער, האָט געהאַט אַ סך חסידים אין פּוילן און גאַליציע. פון אים איז פאַרבליבן אַ ספר אויף תורה „חסד לאברהם״. ער איז נפטר געוואָרן ד׳ אב, תרנ״ב (1892). זיין זון, ר׳ יחזקאל, האָט איבערגענומען דעם כסא־מלוכה פון זיין פאָטער ר׳ אברהם. אויך ער האָט מחבר געווען אַ ספר אויף תורה: „כנסת ישראל״. ער איז נפטר געוואָרן ח״י חשון, תרע״ג (1912) און זיין זון ר׳ שלמה־חנוך איז געוואָרן רבי.

דער לעצטער ראַדאָמסקער רבי ר׳ שלמה־חנוך איז געוואָרן רבי ווען ער איז אַלט געווען 29 יאָר. ער איז געגאַנגען אין די דרכים פון זיין עלטער־זיידן דעם בעל „תפארת שלמה״ און געפאָרן צום טשאָרטקאָווער רבי׳ן.

דעם ראַדאָמסקער רבינ׳ס איידעם, ר׳ דוד־משה, האָט חתונה געהאַט מיט דעם ראַדאָמסקער רבי׳נס איינציקער טאָכטער אין יאָר 1928. ער איז געווען אַ גדול בתורה. ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן געלערנט ביים טשעבינער גאון, הרב דוב־בעריש ווײַדענפעלד, וועלכער האָט געוואוינט אין ירושלים. ער האָט מחבר געווען חידושי־תורה אויף די מסכתות זבחים, חולין, מנחות און יומא. געדרוקט געוואָרן זיינען בלויז חידושים אויף דער מסכת זבחים מיטן נאָמען „זבחי כהן״. אָבער צוליב אַ טעם, וואָס איז אונדז נישט באַקאַנט, האָט ר׳ דוד־משה זיין ספר נישט פאַרשפּרייט, אַזוי אַז עס איז היינט אַ יקר־המציאות. אָבער די תלמידים פון דער ישיבה „כתר תורה״ פלעגן פאַרשרייבן די חידושים, וואָס ר׳ דוד־משה האָט געזאָגט בעת זיין לערנען אַ שיעור אין דער ישיבה, און זיי האָבן די חידושים אָפּגעדרוקט אין דעם תורה־זשורנאַל „כתר תורה״, וואָס די ישיבה־בחורים האָבן אַרויסגעגעבן.[1])

∴

ווען די דייטשן האָבן געמאַכט דעם איבערפאַל אויף פּוילן אין יאָר 1939, איז דער ראַדאָמסקער רבי געווען אין דעם וואַרעם־באָד קריניץ, גאַליציע. ער איז מער נישט אַהיימגעפאָרן קיין סאָסנאָוויץ, וואו ער האָט געוואוינט, נאָר ער איז געפאָרן קיין לאָדזש.

אין לאָדזש איז דער ראַדאָמסקער רבי געווען ביז חנוכה, ת״ש (1940).

די חסידים האָבן געוואָלט אַרויסראַטעווען דעם רבי׳ן פון פּוילן. עס זיינען געווען מעגלעכקייטן צו קריגן אַן עראָפּלאַן, וואָס זאָל אַרויספירן דעם

1) אַ טייל פון זיינע חידושים האָט אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק דער ראַדאָמסקער חסיד ר׳ יחזקאל בעסער אין אַ ספר מיטן נאָמען „שבחי כהן״.

ראַדאָמסקער רבי׳ן פון פוילן קיין איטאַליע. אָבער ווי חסידים גיבן אי־בער, האָט דער רבי געענטפערט, אַז ער וויל בלייבן מיט די יידן אין פוילן.

ווען די לאַגע אין לאָדזש איז געוואָרן שווערער פאַרן רבי׳ן, האָבן די חסידים אַריבערגעפירט דעם רבי׳ן מיט זיין בני־בית קיין וואַרשע.

געהאָפט האָט מען, אַז אין וואַרשע, צווישן אַזאַ קיבוץ יידן, וועט דער רבי זיך קענען אויסבאַהאַלטן.

דער ראַדאָמסקער רבי האָט אין וואַרשע געוואוינט אין דער דירה פון זיין חסיד ר׳ נתן־פנחס ערליך, אויף דער נאָוואָליפקי גאַס נומער 30.

די ערשטע צייט האָט דער ראַדאָמסקער רבי נאָך געפירט יעדן שבת טישן אין וואַרשע, אָבער די דייטשן האָבן שוין אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן זייער טייוולאָנישן פּלאַן, אומצוברענגען אַלע יידן אין וואַרשע און אין גאַנץ פוילן.

דער מצב פון ראַדאָמסקער רבי׳ן איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווע־רער. קיין שום ייד האָט נישט געקאָנט בלייבן אין וואַרשעווער געטאָ ער זאָל נישט אַרבעטן פאַר די דייטשן.

האָט מען דעם ראַדאָמסקער רבי׳ן פאַרשריבן, אַז ער איז אָנגע־שטעלט אין דער חברה „חסד של אמת" ביי מאָטל פינקערט, אויף דער גזשיבאָווסקא גאַס.

דער ראַדאָמסקער רבי האָט געמוזט טראָגן אַ היטעלע פון דער חברה „חסד של אמת", וואָס איז אין יענער צייט נעבעך געוואָרן זייער טעטיק אין וואַרשע. דאָס טויטן־קעטשל איז געפאָרן איבער אַלע גאַסן, און ווי דער ראַדאָמסקער רבי האָט געזאָגט, איז „וואַרשע געוואָרן אַ פאַבריק פון טויטע".

דעם ראַדאָמסקער רבי׳נס איידעם, ר׳ משה־דוד, האָט מען פאַרשריבן אין דער שוך־פאַבריק „שולץ" פון אברהם הענדל און יעקב ראַדאַנסקי, און געהאָפט אַז ער וועט בלייבן לעבן. אָבער [2]) שבת, י״ח אב, תש״ב (1942) האָבן די דייטשן זיך אַריינגעריסן אין דעם הויז פון דער נאָוואָליפקי גאַס נומער 10 און דערשאָסן אַ גרויסע צאָל יידן.

דער דאָזיקער שבת ווערט אָנגערופן ביי די יידן „דער שוואַרצער שבת".

פיר אַזייגער נאָכמיטאָג זיינען אָנגעקומען דייטשע סאָלדאַטן. זיי האָבן אַרומגערינגלט דאָס גאַנצע הויז אויף דער נאָוואָליפקי גאַס, האָבן אַרויס־גענומען מיט געוואַלט הונדערט און פופציק יידן און זיי אינעם הויף דער־שאָסן. די דייטשן זיינען אַריין אין ראַדאָמסקער רבי׳נס שטוב און אים געצוואונגען אַראָפּגיין. דער רבי איז געבליבן זיצן אויף זיין שטול און די

2) איבערגעגעבן פון ד״ר הלל זיידמאַן אין „אלה אזכרה", באַנד 2, זייטן 236־245.

דייטשן האָבן אים אויפן אָרט דערשאָסן. צווישן די קדושים איז אויך גע־וועזן די רביצין אסתר, זיין טאָכטער רייזל און זיין איידעם ר׳ דוד־משה — אַלע זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם.

דער ראַדאָמסקער רבי איז נקבר געוואָרן אינעם אוהל פון נאָוואָמינס־קער רבי׳ן אויפן וואַרשעווער בית־עולם.

אַזוי איז פאַרשניטן געוואָרן די ראַדאָמסקער דינאַסטיע, וואָס האָט זיך געצויגן פיר דורות.

∴

אויך דעם ראַדאָמסקער רבי׳נס שוואָגער, דער רבי ר׳ משה׳לע טווער־סקי פון קראָס, וועלכער איז געווען אַ זון פון דעם רבי׳ן ר׳ אהרעלע טווער־סקי, איז אומגעקומען דורך די דייטשן על קידוש־השם, צוזאַמען מיט זיין רביצין פריידעלע און זיין איינציקע טאָכטער צביה.

דער קראָסנער רבי, ר׳ משה׳לע טווערסקי, הי״ד
(דעם ראַדאָמסקער רבי׳נס שוואָגער)

צוערשט האָט זיך דער קראָסנער רבי ר׳ משה׳לע געראַטעוועט קיין לעמבערג, צוזאַמען מיט זיין מוטער רויזעלע ע״ה, וועלכע איז געווען אַ טאָכטער פון אַלטן ראָזוואַדאָווער רבי׳ן ר׳ משה׳לע האָראָוויץ זצ״ל. דאָרט זיינען אויך געווען אירע טעכטער, סימקע און מרים מיט איר מאַן, דער רבי ר׳ נפתלי האָראָוויץ פון ראָזוואַדאָוו, מיט זייערע קינדער. דערנאָך ווען די מוטער רויזעלע איז נפטר געוואָרן אין לעמבערג, האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין קראָס און אַלע זיינען דאָרט אומגעקומען אויף קידוש־השם.

ראַדאָשיצער רבי'נס ברודער אַ פירער פון פּאַרטיזאַנער

דער ראַדאָשיצער רבי ר' קלמיש פינקלער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, זיינע ברידער זיינען געווען פּאַרטיזאַנער.

דער רבי קלמיש פינקלער פון ראַדאָשיץ, איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער קהילה אין ראַדאָשיץ.

דעם רבי'נ'ס ברידער: ר' יצחק, ר' אברהם און ר' בערל זיינען געוואָרן פּאַרטיזאַנער און געקעמפט קעגן דער דייטשער ברוינער ערן־ראַסע מיט געווער אין די הענט.



דער רבי ר' חיים־אשר פינקלער, אַ זון פון רבי'ן ר' אליעזר־דוד פון ראַדאָשיץ

דער גרינדער פון דער ראַדאָשיצער רבישער דינאַסטיע איז געווען ר' ישכר בער, וואָס האָט גע'שמ'ט אין דער חסידישער וועלט פאַר אַ בעל־מופת און מען האָט אים גערופן „סבא קדישא".

דער רבי ר' ישכר־בער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקכ"ה (1765). ער איז געווען אַ תלמיד פון „חוזה" פון לובלין, פון קאָזשעניצער מגיד. ער איז נפטר געוואָרן י"א סיון תר"ג (1843).

דור נאָך דור האָט זיך געצויגן די רבישע דינאַסטיע אין ראַדאָשיץ. דער פאָטער פון דעם קאָמאַנדיר פון די פּאַרטיזאַנער איז געווען דער רבי ר׳ ישראל־יוסף פינקלער, דער זון פון רבי׳ן ר׳ אליעזר־דוד, דער זון פון רבי׳ן ר׳ הלל, וואָס איז געווען אַן אײדעם פון „סבא קדישא״.

דער רבי ר׳ ישראל־יוסף פינקלער, איז נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער ר׳ אליעזר־דוד, כ״ב אדר תרפ״ז (1927), געוואָרן רב און רבי אין ראַדאָשיץ.

דער רבי ר׳ ישראל־יוסף האָט זיך נוהג געווען ווי אַ רב און רבי, ער האָט שבת הגדול און שבת תשובה געזאָגט אַ דרשה אין שול, אַזוי ווי די רבנים זיינען זיך נוהג און ער האָט אין דער וואָכן גענומען קוויטלעך און שבת געפּראַוועט טישן.

דער ראַדאָשיצער רבי, ר׳ ישראל־יוסף, איז געווען אַ גרויסער בקי אין אַלע מקצועות התורה און ער האָט גערעדט עטלעכע שפּראַכן. ער איז געווען אַ קענער אין וועלטלעכע וויסנשאַפטן, ער האָט גערעדט גאָר גוט רוסיש און ער האָט געקראָגן אַ מעדאַל פון גובערנאַטאָר אין ראַדאָם [1].

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די רוסישע רעגירונג אַרויס־געגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן מוזן אין משך פון פיר־און־צוואַנציק שעה פאַרלאָזן די שטאָט. די פּאַליאַקן האָבן נישט געוואָלט פאַרדינגען די יידן קיין פורן. זיי האָבן געוואָלט, אַז די יידן זאָלן פאַרלאָזן די שטאָט צופוס, וועלן די פּאַליאַקן דערנאָך קענען צורויבן דאָס גאַנצע יידישע פאַרמעגן.

ר׳ ישראל־יוסף איז געפאָרן צום גובערנאַטאָר קיין ראַדאָם, און ער האָט ביי אים אויסגעפּועל׳ט, אַז די גזירה זאָל אָפּגעלייגט ווערן אויף עטלעכע טעג. אינצווישן האָט דער רבי זיך פאַרשטענדיקט מיטן קינצקער רב, ר׳ יואב־יהושע, דער מחבר פון ספר „חלקת יואב״, און דער קינצקער רב האָט געשיקט אַ צאָל פורן קיין ראַדאָשיץ און די יידן האָבן געקענט אַרויספליייגן אויף זייערע פורן אַ טייל פון זייער פאַרמעגן . . .

דער רוסישער קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמיי, וואָס האָט געוואָלט שלעכטס טאָן די יידן, איז געווען אין כעס אויף דעם ראַדאָשיצער רבי׳ן, וואָס האָט צעשטערט זיין פּלאַן און חדשים לאַנג האָט דער ראַדאָשיצער רבי זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן פון אים . . .

דער ראַדאָשיצער רבי איז געווען אַ גרויסער בעל־מנגן און בעל־תפילה. ער האָט פאַרפאַסט אַ צאָל ניגונים. ער פלעגט אַליין דאַווענען פאַרן עמוד מיט גרויס התלהבות און זיין דאַווענען מוסף ראש־השנה האָט געדויערט מער פון אַ פיר שעה. אַ חסידישע מסורה איז פאַראַן, אַז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן קאָזאַקן געכאַפּט דעם ראַדאָשיצער רבי׳ן און האָבן אים געוואָלט הרג׳ענען, אָבער דער ראַדאָשיצער רבי

1) יצחק אלפסי: הסבא הקדוש, הוצאת „סיני״, תל־אביב, 1957, זייטן 152־153.

האָט אָנגעהויבן צו זינגען און ווי די קאָזאַקן האָבן דערהערט זיין זיס קול, זיינען זייערע הערצער אָנגעפילט געוואָרן מיט רחמנות און זיי האָבן אים באַפרייט...

דער ראַדאָשיצער רבי האָט געלאָזט זיינע קינדער לערנען העברעאיש און אַנדערע שפּראַכן און זיין זון אברהם האָט געענדיקט אַ יידישע גימנאַזיע אין קיעלץ, טראָגנדיק חסידישע מלבושים.

דער ראַדאָשיצער רבי ר׳ ישראל יוסף איז נפטר געוואָרן דאָנערשטיק, כ״ב תמוז תרצ״ג (1933) און איז נקבר געוואָרן פרייטיק כ״ג תמוז אין ראַדאָשיץ.

זיין זון ר׳ קלמיש איז דערנאָך געוואָרן רב און רבי אין ראַדאָשיץ.

די רביצין פון אַלטן ראַדאָשיצער רבי׳ן, חוה, איז געווען אַן אייניקל פון דעם באַרימטן גביר ר׳ יעקב טענענוואָרצעל. זי איז געשטאָרבן (כ״ו כסלו תש״ג — 1943) צוויי וואָכן פאַר דער נאַצישער „אויסזידלונג״ פון אַלע יידן אין ראַדאָשיץ. זי האָט זוכה געווען צו קומען צו קבר ישראל און באַערדיקט צו ווערן נעבן דעם אוהל פון די צדיקי ראַדאָשיץ.

ר׳ יעקב טענענוואָרצעל האָט מיט אַ זעכציק יאָר צוריק גענומען זיין גאַנץ פאַרמעגן און געפאָרן קיין ירושלים און דאָרט האָט ער אין „מאה שערים״ אויפגעשטעלט, בחינם, הייזער פאַר רבנים און ישיבה־לייט.

די רביצין חוה איז געשטאָרבן פון טיפוס. זי האָט אַריינגענומען אַן עלנט מיידל, וואָס האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין ראַדאָשיצער געטאָ, וואָס איז געווען קראַנק אויף טיפוס. די רביצין האָט זיך אָנגעשטעקט פון דעם מיידל און זי איז פון דעם געשטאָרבן.

דער רבי ר׳ קלמיש פינקלער איז געגאַנגען אויף קידוש־השם אין פייער צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער קהילה פון ראַדאָשיץ.

∴

די דריי ברידער פון רבי׳ן ר׳ קלמיש: ר׳ יצחק, ר׳ אברהם און ר׳ בערל, זיינען געווען פּאַרטיזאַנער. ר׳ יצחק פינקלער איז אומגעקומען אין וואַלד שוין ביים סוף פון דער מלחמה (כ״ח שבט). זיין ברודער, אברהם פינקלער, איז פאַר דער נאַצישער אינוואַזיע אין פּוילן באַשטימט געוואָרן אַלס איינציקער יידישער פאַרשטייער אין דעם קרייז שול־ראַט און קיעלצער קרייז און אַלס געשוואוירענער איבערזעצער פון עטלעכע שפּראַכן ביי דעם העכסטן געריכט אין לאָדזש. ער איז דערנאָך באַשטימט געוואָרן אַלס לערער פאַר יידישער רעליגיע אין די שידלאָוצער מלוכה־שולן.

ווען די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט פּוילן, איז אברהם פינקלערן געלונגען איבערצוקויפן דעם נאַצישן פירער דר. העכט און אַרויסצוראַטעווען 400 יידישע יוגנטלעכע, וואָס האָבן געאַרבעט אין יאַנושעוו נעבן לובלין.

אברהם פינקלער האָט דערנאָך, צוזאַמען מיט זיינע צוויי ברידער

יצחק און בערל, באַוויזן צו אַנטלויפן מיט געווער אין די הענט פון דער אַמוניציע־פאַבריק אין סטאַכאָוויצע, וואו זיי האָבן געאַרבעט. ער איז דער־נאָך געוואָרן קאָמאַנדיר פון אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין די לאָזיצקער וועלדער. זיין לאָזונג איז געווען: „שטאַרבן פריי, ווען מיר וועלן שטיין מיטן געווער אין די הענט און קעמפן קעגן דעם שונא"...

פאַרן אַנטלויפן פון לאַגער האָט אברהם פינקלער איבערגעלאָזט אַ בריוו אויף דעם שרייב־טיש אין דער אַמוניציע־פאַבריק, וואו ער האָט געאַרבעט אַלס סטאַטיסטיקער. דער בריוו איז געווען אַ וואָרענונגס־בריוו צו דעם הויפּט־שטורעמפירער פון דער געסטאַפּאָ — באַומגאַרטען. אין בריוו האָט אברהם פינקלער געשריבן, אַז ער אַליין איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אַנטלויפן און מען זאָל אין קיינעם נישט נעמען קיין נקמה (די נאַציס פלעגן דעמאָלט שיסן דריי יידן פאַר יעדן אַנטלאָפענעם), און אויב זיי וועלן זיך נישט רעכענען מיט דעם בריוו, געפינט ער זיך מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער אין דעם דערביאיקן וואַלד און זיי וועלן ביינאַכט מאַכן אַן איבערפאַל אויף באַומגאַרטען'ס הויז און אים אַליין הרג'ענען, ווייל זיי האָבן שוין נישט וואָס צו פאַרלירן...

אינדערפרי ביים אַפּעל איז שוין געווען די גאַנצע געסטאַפּאָ און די יידן האָבן געמיינט, אַז מען וועט אויסקלייבן אַ צאָל קרבנות זיי צו דער־שיסן, אָבער דער הויפּט־שטורעמפירער האָט געלייענט דעם באַפעל, אַז „די ברידער פינקלער מיט זייערע חברים זיינען שוין געכאַפּט געוואָרן אין וואַלד און זיי זיינען דערשאָסן געוואָרן".

די יידן האָבן אָבער נישט געגלויבט דעם שטורעמפירער, ווייל מען האָט די דערשאָסענע יידן נישט געבראַכט אין לאַגער אַריין אַלס אַ וואָרענונג.

אברהם פינקלער, צוזאַמען מיט זיינע ברידער און אַ גרופּע פּאַרטי־זאַנער האָבן געקעמפט אין די וועלדער.

אברהם פינקלערן, וואָס איז געווען דער קאָמאַנדיר פון אַ יידישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, איז געלונגען צו דערלעבן די דייטשע מפלה.

ראַדזינער רבי רופט צום אויפשטאַנד און ווערט דערפאַר דערשאָסן פון די דייטשן

די ראַדזינער רבי׳שע גזע. — דער לעצטער רבי ר׳ שמואל שלמה ליינער, איז אַנטלאָפן פון ראַדזין קיין וולאָדאַווע. — ער רופט די יידן אונטערצוציגדן די געטאָ און צו אַנטליפן אין די וועלדער. — איז אומגעקומען אויף קידוש השם.

דער ראַדזינער רבי ר׳ שמואל שלמה ליינער, איז געווען איינער פון די געציילטע רביים, וואָס האָט גערופן צום אַקטיוון ווידערשטאַנד קעגן די דייטשע רוצחים, און האָט געהייסן די יידן פון וולאָדאַווע, וואוהין ער איז אַנטלאָפן מיט זיין משפחה, צו אַנטליפן אין די וועלדער, זיך צו באַוואָפענען, און נישט אויספאָלגן די באַפעלן פון די יידן־ראַטלער.

ראַדזינער חסידות איז געווען אַן אייגנאַרטיק חסידות אין פוילן.

אַ ראַדזינער חסיד דערקענט מען נאָך היינט מיט דעם תכלת, דעם בלויען פאָדעם, וואָס ער טראָגט אין די ציצית.

דער גרינדער פון דער ראַדזינער דינאַסטיע איז געווען דער רבי ר׳ מרדכי־יוסף פון איזשביצע, דער מחבר פון ספר „מי השילוח״.

דער איזשביצער רבי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקס״א (1801). ער איז געווען אַ תלמיד־מובהק פון רבי׳ן ר׳ שמחה בונם פון פשיסכע. דערנאָך איז ער געפאָרן צום קאָצקער רבי׳ן ר׳ מענדעלע. אין יאָר ת״ר (1840), האָט ער פאַרלאָזט קאָצק און האָט אַליין אָנגעהויבן צו פירן רבי׳סטווע.

דער איזשביצער רבי ר׳ מרדכי יוסף איז נפטר געוואָרן א׳ טבת תרי״ד (1854).

נאָך דעם איזשביצער רבי׳נ׳ס פטירה איז זיין זון, ר׳ יעקב געוואָרן רבי, צוערשט אין איזשביצע, דערנאָך אין ראַדזין און דאָרט געגרינדעט די רבי׳שע דינאַסטיע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז צום דריטן חורבן. דער ראַדזינער רבי ר׳ יעקב ליינער האָט מחבר געווען דאָס ספר „בית יעקב״, אויף בראשית און שמות און אויף דער הגדה של פסח.

דער ראַדזינער רבי, ר׳ יעקב איז נפטר געוואָרן ט״ו אב, תרל״ח (1878) און זיין זון ר׳ גרשון (חנוך) העניך איז געוואָרן רבי.

דער רבי ר׳ גרשון העניך איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקצ״ט (1839) און ער איז נפטר געוואָרן ד׳ טבת, תרנ״א (1891). צוויי און צוואַנציק יאָר האָט ער געפירט רבי׳סטווע. ער האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ גאון און ער האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער יידישער וועלט, מיט זיין איינפירן „תכלת״ און מיט זיין מחבר זיין „סדרי טהרות״ אויף די מסכתות „כלים״ און

„אוהלות" אויף וועלכע עס זיינען געווען בלויז משניות און ער האָט צוגע־שטעלט גמראות.

דער רבי ר' גרשון העניך האָט אויך מחבר געווען די ספרים: „יסוד ישרים", „תפארת החנוכי", „עשר מלין דחסידתא", „דלתות העיר", „מנחת תורה" און „ארחות חיים".

ווען דער ראַדזינער רבי האָט אויסגעזוכט דעם „חלזון" און געמאַכט „תכלת", האָט ער אַרויסגעגעבן די ספרים „פתיל תכלת", „עין תכלת" און „שפוני טמוני חיל".

נאָך דער פּטירה פון רבי'ן ר' גרשון העניך, איז זיין זון ר' מרדכי יוסף אלעזר געוואָרן רבי.

ר' מרדכי יוסף אלעזר ליינער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרל"ג (1873). ער האָט געוואוינט אין וואַרשע. ער איז דאָרט נפטר געוואָרן כ"ז שבט, תרפ"ט (1929). ער האָט מחבר געווען דאָס ספר „תפארת יוסף".

נאָך זיין פּטירה, איז זיין זון, ר' שמואל שלמה ליינער געוואָרן רבי.

דער ראַדזינער רבי, ר' שמואל־שלמה ליינער, הי"ד (צווייטער פון לינקס)

דער ראַדזינער רבי ר׳ שמואל איז געבוירן געוואָרן ח״י שבט, תרס״ט (1909). ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר, ווען ער איז געוואָרן רבי. ביז צו זיין חתונה האָט ער געלערנט אין דעם ראַדזינער חסידים־שטיבל אין וואַרשע. אַנהייב פון יאָר תרפ״ח (1928) האָט ער חתונה געהאַט מיט שפרה מירל, די טאָכטער פון רבי׳ן ר׳ יוסף קאַליש פון אַמשענאָוו.

ר׳ שמואל שלמה האָט געגעסן קעסט אין אַמשענאָוו ביז זיין פאָטער׳ס פטירה.

ווען ער איז געוואָרן רבי האָט ער זיך אַריבערגעצויגן פון וואַרשע קיין ראַדזין.

דער לעצטער ראַדזינער רבי איז געגאַנגען זיין אייגענעם דרך אין חסידות, ער האָט נישט געטראָגן קיין קאַפּעליוש ווי די רביים אין פּוילן פלעגן טראָגן, נאָר אַ פּויליש היטעלע, אַזוי ווי אַלע פּשוט׳ע יידן אין פּוילן האָבן געטראָגן. אַז מען האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער איז משנה דעם דרך פון זיינע עלטערן און פון די אַנדערע רביים און טראָגט נישט קיין קאַפּעליוש, האָט ער געענטפערט: „אַ קאַפּעליוש קאָן מען דרייען אין אַלע זייטן, אָבער אַ יידיש היטעלע מיט אַ דאַשעק פון פאָרנט מוז מען אָנטאָן גלייך, מען קאָן מיט אים נישט דרייען אין אַלע זייטן״ . . .

דערמיט האָט דער ראַדזינער רבי מרמז געווען אַז ער האָט אויסגעקליבן זיין אייגענעם דרך און וועט פון אים נישט אָפּווייכן אין דער זייט.

דער ראַדזינער רבי ר׳ שמואל שלמה האָט דערפאַר אויך פאַרלאָזט זיין רחבות׳דיקע דירה אין וואַרשע און האָט זיך אַריבערגעצויגן אין דעם קליי־נעם שטעטל ראַדזין.

אין ראַדזין האָט דער רבי געגרינדעט אַ ישיבה מיטן נאָמען „יסוד ישרים״, אויפן נאָמען פון איינעם פון די ספרים פון זיין זיידן דעם „בעל התכלת״.

אויך אין דער ישיבה, האָט דער רבי איינגעפירט זיין נייעם דרך. די ישיבה־בחורים האָבן נישט געגעסן קיין „טעג״ ביי פאַרשידענע בעלי בתים אין שטאָט, נאָר געהאַט אַן אייגענע קיך, וואו זיי האָבן געגעסן צוזאַמען.

דער רבי האָט אָפּגעטיילט עטלעכע צימערן פון זיין הויז פאַר די ישיבה־בחורים צו שלאָפן. דער רבי האָט אַליין באַזוכט די קיך און פאַרזוכט פון די געקאָכטע מאכלים, איידער מען האָט געגעבן צו עסן די ישיבה־בחורים.

אַלץ איז געווען אונטער דעם רבינס השגחה, און אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן אין דער ישיבה געלערנט איבער צוויי הונדערט בחורים, צווישן זיי עלויים און גדולי התורה.

זומער 1939 האָט מען אָנגעהויבן צו רעדן אַז היטלער־דייטשלאַנד וויל אָנצינדן די וועלט, און ער וועט מאַכן אַן איבערפאַל אויף פּוילן, האָט דער רבי געהייסן פאַרמאַכן די ישיבה. דער רבי איז אַריין אין בית־המדרש און האָט מיט צער געזאָגט די ישיבה בחורים אַז ס׳קומט אָן אַ שווערע צייט און

ער האָט געהייסן די ישיבה־בחורים אַהיימפֿאָרן, יעדער איינער צו זיין וואוין־אָרט, צו זיין מיט זיינע עלטערן צוזאַמען.

און אינעם זעלבן יאָר האָט היטלער אָנגעצונדן די וועלט. דייטשלאַנד איז איבערגעפֿאַלן פּוילן, באַלד זיינען געוועזן טויזנטער יידישע פּליטים, וואָס זיינען אַנטלאָפֿן פֿון די דייטשע רוצחים. מ׳האָט זיך דערוואוסט אַז אין רבי׳נס הויז אין ראַדזין קאָן מען „איבערכאַפּן דעם אָטעם״ . . .

דעם ראַדזינער רבי׳נס הויז איז געוואָרן אַ מקום־מקלט פֿאַר די אַנטלאָפֿענע יידן. דאָ האָט מען באַקומען אַביסל וואַרעם געקעכץ, אַ געלעגער, עפּעס געלט, וויטער צו לויפֿן.

פּונקט אַזוי, ווי דער רבי האָט פֿריער אַליין געזאָרגט פֿאַר די ישיבה־בחורים, האָט ער איצט געזאָרגט פֿאַר די יידישע פּליטים, ער האָט געזען זיי זאָלן האָבן וואו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן און אַ וואַרעם געקעכץ.

די נאַציס האָבן זיך דערוואוסט אַז דער רבי העלפֿט די אַנטלאָפֿענע יידן, האָבן זיי אים געוואָלט אַרעסטירן, דער רבי האָט דערפֿילט די גרויסע סכנה און ער איז אַנטלאָפֿן פֿאַרשטעלטערהייט קיין וולאָדאַווע צוזאַמען מיט זיין רבי׳צין און זייערע פֿינף קינדער.

אין וולאָדאַווע איז שוין געווען איינגעפֿירט אַ יידישער געטאָ און עס האָט פֿונקציאָנירט אַ יודנראַט. דער רבי האָט דערזען אַז יידן האָבן אָנגענומען מיט רעזיגנאַציע די ליידן. זיי פֿירן אויס די באַפֿעלן פֿון די יודנראַט־לער: יעדן טאָג גייען אַרויס פֿון געטאָ מחנות יידן צו דער אַרבעט, און פֿאַרנאַכט קומען נישט אַלע צוריק.

דער רבי האָט דערזען אַז די יודנראַטלער פֿירן אויס בלינד די באַפֿעלן פֿון די נאַציס און זיינען נישט־ווילנדיק דער אויספֿיר־אַפּאַראַט פֿון די דייטשן אומצוברענגען די יידן, האָט דער רבי געשריגן צו די יודנראַטלער, די מכלומרשטע פֿירער פֿון דער קהילה: זעט צו וואָס פֿאַראַ אָפּגרונט איר האָט געבראַכט; איר פֿירט דאָך פּשוט די יידן צו דער שחיטה. וועמען נאַרט איר אָפּ ווען איר שיקט די יידן צו דער אַרבעט, וואו זיינען זיי, די וואָס פֿעלן יעדן טאָג? איר זאָגט אַז זיי ווערן געשיקט קיין סאָביבאָר דאָרט צו אַרבעטן, האָט איר אויסגעפֿאָרשט וואָס מיט זיי געשעט דאָרט, ווייסט איר נישט אַז סאָביבאָר איז אַ פֿאַרניכטונגס־לאַגער פֿאַר יידן? ווייסט איר נישט, אַז אין סאָביבאָר האָבן די דייטשן אויפֿגעשטעלט גאַז־קאַמערן און ברען־אויוונס, אַז סאָביבאָר איז געוואָרן דער בית־הקברות פֿאַר אונדז אַלעמען? אויך פֿאַר איך, איר „פֿאַרשטייער״ פֿון דער קהילה, אויך פֿאַר אייך אַלע, אָן אויס־נאָם! פֿאַר וואָס מאַכט איר דעם אָנשטעל ווי איר וואָלט געווען נאַאיווע מענטשן, ווי איר וואָלט גאָר נישט געוואוסט דערפֿון? און אויב איר טראַכט אַז דערמיט וואָס איר שיקט אַנדערע, וועט איר זיך אַליין ראַטעווען, זאָג איך אייך אַז אויפֿן חשבון פֿון אַנדערע יידן, וועט איר נישט ניצול ווערן! ביי די דייטשע מנובלים זיינען נישט פֿאַראַן קיין מיוחסים! נאָך דעם ווי איר

וועט אָפּטאָן די טמא׳דיקע אַרבעט, וועט איר אויך געטויט ווערן דורך די רוצחים, איר וועט נידערן אין אָפּגרונט אַריין ווי משוגענע הינט, אָן אַ שמץ פון האָפענונג אייערע נשמות זאָלן האָבן אַ תיקון, אָן אַ שטראַל פון טרייסט אין אייערע לעצטע רגע׳ס! דער אונטערשייד צווישן אייך און אונדזערע ברידער וועט נאָר זיין אין איין טאָג; לוינט זיך דאָס אייך? [1]

אָט אַזעלכע הארבע רייד האָט דער ראַדזינער רבי גערעדט טאָג און נאַכט צו די יודנראַטלער.

— וואָס זאָלן מיר טאָן? — האָבן די יודנראַטלער געפרעגט דעם רבי׳ן.

— קודם כל — האָט דער רבי געדונערט — דאַרפט איר דערציילן די יידן דעם ביטערן אמת, אַז מיר אַלע זיינען פאַרלוירענע, סיי ווען מיר גייען צו דער אַרבעט, סיי ווען מיר וועלן נישט גיין, סיי ווען מיר וועלן געבן אויסלייז־געלט און אָנפילן אייערע קאַסעס מיט געלט און סיי ווען מיר וועלן נישט געבן. אַזוי צי אַזוי וועלן מיר אַלע אומגעבראַכט ווערן, אָדער באַ־גראָבן ווערן לעבעדיקערהייט, און ווען די יידן וועלן וויסן אַז ס׳איז שוין מער נישטאָ קיין האָפענונג, וועלן זיי אַנטלויפן אין די וועלדער אַריין, און אַ סך וועלן זיך ראַטעווען, און אויך איר וועט געראַטעוועט ווערן צווישן פאָלק.

ווען די יודנראַטלער האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי ברוגזע און פאַר־זאָרגטע פאַרלאָזט דעם רבי׳ן.

אָבער ווען דער רבי האָט געזען אַז מיט די יודנראַטלער קאָן ער גאָר נישט דערגרייכן, האָט ער זיך געווענדט דירעקט צו די יידן אין געטאָ.

„גייט מער נישט צו דער אַרבעט! — האָט דער רבי געשריגן — צאָלט נישט קיין שום שטייער צו דעם יודנראַט, גיט מיר פּופּציק יידן, איך וועל זיך שטעלן אין דער שפּיץ פון זיי, מיר וועלן אונטערצינדן די געטאָ און מיר וועלן צווינגען אַלע יידן צו אַנטלויפן אין וואַלד אַריין. אפשר וועט זיך פון דאַנען דאָס פייער פאַרשפּרייטן אין אַלע שטעט אין פּוילן און עס וועט קומען די שעה פון אויפשטאַנד!" [2]

דער ראַדזינער רבי האָט געוואוסט אַז זיין רוף צו פאַרברענען די געטאָ אין וולאָדאַווע און צום אויפשטאַנד, וועט אָנקומען צו די נאַציס. ער האָט געוואוסט אַז זיין לעבן איז אין סכנה, אָבער ער האָט זיך נישט גע־קאָנט העלפן, ער האָט געמוזט וואָרענען די יידן אין וולאָדאַווע וועגן גרויסן אומגליק וואָס קומט אויף זיי און אויפן גאַנצן יידישן פאָלק אין פּוילן! . . .

דער ראַדזינער רבי האָט געוואָרט, אַז עס זאָלן קומען די פופציק יידן, וואָס זאָלן גיין מיט אים אונטערצינדן די געטאָ אין וולאָדאַווע.

1) געבראַכט אין „אלה אזכרה" — 5־טער באַנד, זייט 287, איבערגעגעבן פון יעקב ליינער.

2) דאָרט.

דער רבי איז געוואָר געוואָרן, אַז די דייטשע „עס־עס"־לייט האָבן באַ־שלאָסן צו ליקווידירן די געטאָ, האָט דער רבי אויסגערופן אַ תענית אויף דריי טעג.

דאָס איז געווען כ"ד אייר, תש"ב (1942).

די דייטשן האָבן זיך דערוואוסט אַז דער ראַדזינער רבי געפינט זיך אין געטאָ און זיי האָבן אָנגעהויבן אים אַרומצוזוכן, כדי אים צו אַרעסטירן.

און אין דעם זעלבן אינדערפרי, כ"ד אייר, האָט דער רבי זיך אויפגע־הויבן פאַרטאָג, נישט ווי זיין סדר איז געווען, ער האָט גלייך זיך געשטעלט דאַווענען מיט אַ מנין פון זיינע איבערגעגעבענע יידן.

נאָכן דאַווענען האָט דער רבי געגעבן די לעצטע אָנווייזונגען וועגן תענית און וואוהין צו אַנטלויפן אין די וועלדער אַריין, צו די פּאַרטיזאַנער. און אין מיטן רעדן האָט זיך אַריינגעריסן די געשטאַפּאָ און האָבן אים אַרעסטירט. ווען דער רבי איז געפירט געוואָרן איבער די גאַסן פון געטאָ, האָט ער געשטאַרקט די יידן און זיי געזאָגט: „זייט נישט פאַר'יאוש'ט, האַלט אָן דעם תענית, טוט תפילה, אַנטלויפט אין די וועלדער אַריין און דער אייבערשטער זאָל גיין פאַראויס פאַר אייך און אייך העלפן!"

און ווי טראַגיש איז דער גורל פון אַ מענטשן? דער רבי איז פאַר־שפאַרט געוואָרן אין ראַדזינער חסידים־שטיבל אין וולאָדאַווע, וואָס די נאַציס האָבן עס פאַרוואַנדלט אין אַ תפיסה־קאַמער. דאָרט, אין געוועזענעם ראַדזינער חסידים־שטיבל, האָט דער רבי פאַרבראַכט זיינע לעצטע שעה'ן, און ערב שבועות [3] האָבן די דייטשן אַרויסגעטריבן אַלע יידן פון געטאָ צום מאַרק־פּלאַץ, זיי זאָלן זען ווי די דייטשן הענגען דעם רבי'ן.

און ווען אַלע יידן פון וולאָדאַווע, מענער, פרויען און קינדער, זיינען געווען פאַרזאַמלט אויפן מאַרק־פּלאַץ, האָבן די דייטשן געהאָנגען דעם ראַ־דזינער רבי'ן. איידער די פּעטליע איז אַריבערגעוואָרפן געוואָרן איבער דעם רבי'נס האַלדז, האָט זיך דערהערט דאָס געשריי „שמע ישראל" . . . די דייטשע רוצחים האָבן צוגעשפּילעט אַ פּאַפּיר צום רבי'נס גוף, אַז ווער עס וועט אַראָפּנעמען דעם רבי'ן פון דער תליה, וועט ווערן אויפגעהאָנגען אויפן זעלבן פּלאַץ . . .

אָבער נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָבן עטלעכע יונגעלייט איינגע־שטעלט זייער לעבן און אַראָפּגענומען דעם רבי'נס גוף פון דער תליה און אים געבראַכט צו קבר ישראל.

∴

3) יעקב ליינער גיט אָן אין „אלה אזכרה", זייט 228, אַז דאָס איז געווען ערב ראש חודש סיון מיטאָג־צייט. אָבער ש. ז. שרגאי, דער אָנפירער פון דער עליה אָפּטייל פון „סוכנות" אין ירושלים, אַ ראַדזינער חסיד, האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דאָס איז געווען ערב שבועות.

דער רוף פון ראַדזינער רבי׳ן צו ווידערשטאַנד און אויפשטאַנד און זיין אומקום אויף קידוש השם האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער צווישן יידן, וואו די טרויעריקע ידיעה האָט דערגרייכט.

ערשט מיט אַ יאָר שפּעטער איז דעם ראַדזינער רבי׳נס רוף צום אויפשטאַנד פאַרווירקלעכט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ אין דער ערשטער סדר־נאַכט . . .

⁂

קיין וואַרשע איז די טרויעריקע ידיעה וועגן ראַדזינער רבי׳נס אומקום אויף קידוש השם אָנגעקומען סוף מאַי 1942. אַ נאָטיץ וועגן דעם איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער אונטערערדישער צייטונג „ידיעות״ [4]. דורך די „ידיעות״ האָבן זיך דערוואוסט די יידן אין וואַרשעווער געטאָ.

דער העברעאישער לערער אין וואַרשע, חיים א. קאַפּלאַן, וועלכער האָט געפירט אַ טאָג־בוך פון טאָג, ווען די דייטשן זיינען באַפאַלן פּוילן, פאַרצייכנט אין זיין טאָג־בוך פון 3־טן יוני, 1942, אַז דער ראַדזינער רבי איז אומגעבראַכט געוואָרן פון די דייטשן און אַז אַלע יידן פון וולאָדאַווע זיינען פאַרניכטעט געוואָרן.[5]

דער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן איז אָנגערעגט געוואָרן פון רבי׳נס העלדישקייט, פון רבי׳נס מוט און פון זיין רוף צו אַקטיוון ווידערשטאַנד און דער דיכטער האָט געשאַפן די פּאָעמע „דאָס ליד וועגן ראַדזינער״. אינעם ליד האָט דער דיכטער אַריינגעוועבט לעגענדעס, וואָס האָבן זיך געשאַפן אַרום דעם רבי׳נס אומקום און וועגן זיין העלדישקייט.[5א]

אינעם „ליד וועגן ראַדזינער״ פאַרשטעלט זיך דער רבי פאַר אַ גוי, ער נעמט מיט זיך מיט אַ טאָרבע מיט געלט און ער לאָזט זיך גיין צו דער טויטן־באַן, וואָס שטייט ערגעץ אויף ווייטע רעלסן, אין דעם צוג געפינען זיך פאַרטריבענע לובלינער יידן, וואָס האָבן שוין אויסגעהויכט זייערע נשמות, אָדער זיינען שוין האַלב־טויט. דער פאַרשטעלטער רבי רופט אויס אַז ער וועט געבן אויסליז־געלט פאַר יעדן טויטן יידן און טאָפּלט פאַר יעדן לעבעדיקן יידן.

4) נומער 5, 2־טן יוני, 1942.

5) דער העברעאישער טאָג־בוך „מגילת יסורין״ איז דערשינען אין פאַרלאַג „עם עובד״ און „יד ושם״ אין תל־אביב. דער טאָג־בוך איז אויך דערשינען אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון פּראָפ. אברהם י. כץ, „סקראָלס אָוו עגאָני״, מעקמילען פאַרלאַג, ניו־יאָרק, זייט 28.

5א) פאַרעפנטלעכט געוואָרן צוזאַמען מיט זיינע פּאָעמעס „דאָס ליד פון פּונעם אויסגע׳הרג׳עטן יידישן פאָלק״, פון פאַרלאַג „קיבוץ המאוחד״, „בית לוחמי הגיטאות״, 1964. „דאָס ליד וועגן ראַדזינער״ אַנטהאַלט 45 זייטן. אַן אויסצוג פונעם „ליד וועגן ראַדזינער״, איז אויך אָפּגעדרוקט אין „ספר רדזין״ — יזכור־בוך, תל־אביב, 1957. „דאָס ליד וועגן ראַדזינער״, איז אויך דערשינען אין העברעאישער איבערזעצונג.

די גויים גיבן זיך אַ לאָז צו באַקומען געלט־באַלוינונג. אַזוי אַרום האָט דער רבי צונויפגעזאַמלט אַ גרויסע צאָל טויטע קערפּערס פון קדושים און אַ קליינע צאָל געראַטעוועטע יידן, וואָס האָבן שוין געהאַלטן ביים אויסגיין. [6]

דער רבי גראָבט אויס אַ קבר, ער זאָגט קדיש באָך זיי און אין אַ זייט שטייט דער רבונו של עולם . . . און וויינט . . .

דער רבי קערט זיך אום קיין וולאָדאַווע, די חסידים ווילן אים אַריבערפירן קיין וואַרשע, אָבער ער זאָגט זיך אָפּ צו פאַרלאָזן די שטאָט. ער זאַמלט צונויף די יידן אין שול און איז גוזר תענית.

דאָס „ליד וועגן ראַדזינער" הייבט זיך אָן מיט דער שורה:

„כ'וועל זינגען אייך אַ העלדן־ליד".

דער דיכטער שילדערט מיט גרויס פּאַטאָס די העלדישקייט פון ראַדזינער רבי'ן, ווי אַזוי די דייטשן האָבן אים אַרומגעזוכט און ווי דער רבי גייט אויף קידוש השם.

די לעצטע שורות פון דער פּאָעמע זיינען ווי די דייטשן האָבן:

„גערופן דעם רבי'ן אויף אַ פאַרהער
און ער איז אַהיים ניט געקומען מער".
און דער רבי זאָגט צו דער רבי'צין:
„ווי רבי עקיבא — למען השם
וויין ניט! — אַך, ווען איך בין זוכה צו דעם . . .
פאַר מיינע יידן, פאַר גאָט . . . אַזאַ גליק . . .
און ער איז אַוועק, ניט געקומען
מער צוריק" . . .

∴

לעגענדעס וועגן דער העלדישקייט פון ראַדזינער רבי'ן האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן אַלע יידן אין דער וועלט.

אַזוי האָט זיך געשאַפן אַ לעגענדע, אַז ווען די געשטאַפּאָ האָט פאַר־

6) די זעלבע לעגענדע ווערט דערציילט וועגן שמואל זביטקעווער פון פראַגע, נעבן וואַרשע, וועלכער איז געווען אַ ליוועראַנט פאַר דעם פוילישן מיליטער, בעת דעם קאָשטשושקאָ־אויפשטאַנד אין יאָר 1794 און בעת דער פּראַגער־הריגה, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מיט צוויי פעסער געלט: אין איין פאַס גאָלדענע רענדלעך און אין צווייטן — זילבערנע מטבעות, און ער האָט געלאָזט וויסן די קאָזאַקן, אַז פאַר יעדן לעבעדיקן יידן, וועט דער קאָזאַק באַקומען דריי גילדענע רענדלעך און פאַר יעדן טויטן יידן, בלויז איין זילבערנע מטבע. האָבן די קאָזאַקן זיך באַמיט צו ברענגען צו ר' שמואל זביטקעווער'ן, וואָס מער לעבעדיקע יידן און אויך די גע'הרג'עטע יידן האָבן די קאָזאַקן צונויפגענומען. אַזוי אַרום האָט ר' שמואל זביטקעווער געראַטעוועט דאָס לעבן פון הונדערטער יידן און די אומגעקומענע האָט ער געבראַכט צו קבר ישראל. זע: „די חסידישע וועלט", פון מנשה אונגער, ניו־יאָרק, 1985, פאַרלאַג „חסידות", זייטן 113־114.

שטאַרקט דאָס זוכן פון רבי׳ן אין געטאָ, איז אַריין אַ ייד אין געשטאַפּאָ (מען האָט געזאָגט אַז דאָס איז געווען דעם רבי׳נס משמש) און ער האָט צו זיי געזאָגט: „איר זוכט דעם רבי׳ן? איך בין דער רבי!״ . . .

דער ייד איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן . . .[7]

אויך דער שרייבער לייב ראָכמאַן פון ישראל, איינער פון דער שארית הפליטה, האָט פאַרעפנטלעכט אַ סקיצע: „די גאָלדענע קייט״, אין ספר „רדזין—יזכור־בוך״ [8]) וועגן אומקום פונעם ראַדזינער רבי׳ן.

אין דער סקיצע שילדערט ראָכמאַן ווי דער ראַדזינער רבי רופט די יידן אין ראַדזין „צו גיין אין די וועלדער צו די פאַרטיזאַנער, שטעלן אַ ווי־דערשטאַנד״. די געשטאַפּאָ זוכט דעם רבי׳ן, דער רבי אַנטלויפט קיין וולאָ־דאַווע, דאָרט ווערט ער ווידער געזוכט, זיין שמש טוט זיך איבער אין רבי׳נס מלבושים און גייט אין דער געשטאַפּאָ און זיי האָבן אים דערשאָסן. דער רבי האָט נישט געוואוסט דערפון.

די דייטשע מערדער האָבן זיך דערנאָך דערוואוסט אַז דער רבי לעבט, און זיי זוכן אים ווייטער. „דער רבי ר׳ שלמה האָט זיך איבערגעגעבן אין די טמא־הענט, אַ ביקס קויל האָט געגעבן צו וויסן, אַז אַוועק צו זיינע אבות איז דער לעצטער פון דער גאָלדענער קייט, ליינער״...

אין אַ ליד פון אריה לאָזער: „וועגן משה׳לעך, שלמה׳לעך און אַ לעבן וואָס איז פאַרביי״ געדרוקט אין ספר רדזין (ז״ז 321־325) ווערט דערציילט וועגן ראַדזינער רבי׳ן וועלכער „האָט אין וולאָדאַווע געגעבן אַ באַפעל, זיך לאָזן אין וואַלד, מיט וואָפן אין האַנט״.

דער היסטאָריקער נחמן בלומענטאַל, דערציילט אין בוך „וואַרשעווער יידן״ [9]), אַז דער ראַדזינער רבי האָט גערופן „צו אַקטיוון ווידערשטאַנד, אַוועקגיין אין די וועלדער, אַריינטרעטן אין פאַרטיזאַנער גרופּעס. די דייטשן האָבן זיך דערוואוסט וועגן דער טעטיקייט פונעם רבי׳ן, זיי זיינען אַריין אין רבי׳נס שטוב, זיין שמש ר׳ משה האָט זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ, פאַרשטעלנדיק זיך פאַרן רבי׳ן״.

דעם רבי׳נס ווייב און מוטער זיינען דערנאָך אַריין אין וואַרשעווער געטאָ און דאָרט אומגעקומען...

הרב איסר פרנקל (פרענקל), אין זיין ספר „יחידי סגולה״ [10]) שרייבט אַז „דער ראַדזינער רבי איז געווען אין לובלין, און אַז ער האָט אויסגע־רופן אַ תענית ציבור אין לובלין. ביינאַכט זיינען אויסגעבראָכן פייערן אין

7) פון אַ בריוו צו מיר פון רעוו. י. גאָלדשטיין פון וויניפּעג, קאַנאַדע.

8) תל־אביב 1957, זייטן 123־126, געווען פריער געדרוקט אין „אונדזער וועג״, פּאַריז, פעברואַר 15, 1946, זייטן 6־7.

9) בוענאָס־איירעס, 1959, זייטן 120־125.

10) „יחידי סגולה״, תל־אביב, תשט״ו, 1955, זייטן 203־207.

די לאַגערן, מען האָט געשאָסן אויף די דייטשן. אין דער בהלה און מהומה האָבן הונדערטער יידן געקאָנט אַנטלויפן. די דייטשן האָבן פאַרשטאַנען אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוואָפנטער אויפשטאַנד. זיי האָבן געענטפערט מיט פייער. דער אויפשטאַנד איז דורכגעפאַלן, די דייטשן זיינען געווען שטאַרקער . . . דעמאָלט האָט דער רבי באַשלאָסן אַרויס דער לעצטער אין די וועלדער. דער רבי האָט צוגעגרייט אַ פּלאַן צו מאַכן אַ נייעם אויפשטאַנד, אַ האַרצלאָזער מענטש האָט דאָס איבערגעגעבן די דייטשן, די דייטשן האָבן געזוכט דעם רבי׳ן, אין דער לעצטער רגע איז דעם רבי׳ן געלונגען צו אַנטלויפן קיין וולאָדאַווע.

„די דייטשן האָבן אויך דאָרט געזוכט דעם רבי׳ן און אַ משמש פון רבי׳ן האָט זיך איבערגעגעבן די דייטשן, זאָגנדיק זיי אַז ער איז דער רבי. ער האָט זיך פריער טובל געווען אין מקוה, אָנגעטאָן אַ קיטל און טלית און אַוועק צו דער געשטאַפּאָ. די דייטשן האָבן דערשאָסן דעם רבי׳ן״...

און הרב איסר פרנקל דערציילט ווייטער ווי אַזוי די נאַציס האָבן דערנאָך געכאַפּט דעם ראַדזינער רבי׳ן און האָבן אים אומגעבראַכט אויף קידוש השם . . .

דער ראָוונער רבי אומגעקומען אַלס פּאַרטיזאַנער אין וואַלד

ער האָט געשטאַמט פון דער ברעזנער גזע. — דעם ברעזענער רבי'נס צוויי זין רביים זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם.

די גרעסטע צאָל רביים וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם דורך די דייטשע מערדער, זיינען געכאַפּט געוואָרן פון די דייטשן אין די געטאָס.

די סיבה איז געווען אַ גאַנץ פּשוט'ע, די רביים האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן די יידן; זיי האָבן אויך זיך נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן ביי קריסטן אויסער דער געטאָ, ווייל זיי האָבן ניט געקאָנט די פּוילישע שפּראַך און קיין פּאָליאַק וואָלט אויך נישט איינגעשטעלט זיין לעבן צו באַהאַלטן אַ רבי'ן.

געווען בלויז איינצלנע פאַלן, וואָס רביים זיינען אַוועק אין די וועלדער און געוואָרן פּאַרטיזאַנער. אַ פּאַרטיזאַן איז געווען דער ראָוונער רבי, ר' אהרן פּעטשעניק.

דער ראָוונער רבי ר' אהרן איז געווען דער עלטסטער זון פון רבי'ן ר' איציקל דער צווייטער, פון ברעזנע, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבי'ן ר' שמואל (שמואל'קע) פון ברעזנע.

דער רבי ר' איציקל דער צווייטער איז נאָך דער פּטירה פון זיין פאָ־טער, ר' שמואל'קע (נפטר געוואָרן י"א טבת, תרע"ח—1917) געוואָרן רבי אין ברעזנע.

דער ברעזענער רבי, ר' איציקל דער צווייטער, איז געווען אַ הויכער מיט אַ שוואַרצער באָרד, דורכגעצויגן מיט גרויע פּאָסן. ער האָט געהאַט אַ הדרת־פּנים, גרויסע ברעמען און שוואַרצע דורכדרינגענדיקע אויגן. ער איז געווען זייער באַליבט ביי זיינע חסידים און אויך די קריסטן אין דער סביבה האָבן אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד.

אין ברעזענער הויף פלעגט מען זינגען אַ סך חסידישע ניגונים.

געזונגען האָט מען סקאַרבאָווע ניגונים פון רבי'ן ר' מעכעלע, דער זלאָטשאָווער מגיד, און פון רבי'ן ר' דוד, דער מגיד פון סטעפּען. און אַזוי ווי די גזע האָט אויך געצויגן דעם יחוס פון טשערנאָבילער מגיד, האָט מען אויך געזונגען טשערנאָבילער און קאַרלינער ניגונים.

דער רבי האָט געהאַט אַן אייגענעם בעל־מנגן, ר' יצחק יאָסל, וועלכער פלעגט זינגען ביים רבי'נס טישן און דער עיקר ביי שלוש־סעודות.

ר׳ יצחק יאָסל האָט אויך געדאַוונט אין דעם רבי׳נס בית המדרש פאַרן עמוד און ווען דער רבי האָט חתונה געמאַכט אַ קינד, האָט ר׳ יצחק יאָסל פאַר־פאַסט ספּעציעלע חתונה־ניגונים׳לעך, וואָס מען האָט זיי געזונגען פאַר דער חופה און ביי די שבע־ברכות, ווען דער רבי האָט געטאַנצט דאָס מצוה־טענצל מיט דער כלה.

שמחת תורה האָט דער ברעזענער רבי געהאַט אַ מנהג אַז מען האָט מכבד געווען מיט הקפות פאַרשידענע יידן.

דעם רבי׳נס גבאי, ר׳ חיים ברוך, פלעגט שטיין ביים רבי׳נס שטול און אויסרופן וועמען מען איז מכבד מיט אַ הקפה און ביי איין הקפה האָט דער גבאי אויסגערופן „מען איז מכבד אַלע יידן מיט כבוד התורה״. דעמאָלט האָבן אַלע יידן וואָס זיינען געווען אין שול גענומען ספרי תורות און גע־טאַנצט צוזאַמען מיט זייערע קינדער און מיטן רבי׳ן ביז פאַרטאָג . . .

דער ברעזענער רבי, ר׳ איציקל, האָט געהאַט די זכיה וואָס ער האָט נישט דערלעבט דאָס גרויסע אומגליק וואָס איז געקומען אויפן יידישן פאָלק — די פאַרניכטונג פון זעקס מיליאָן יידן דורך די דייטשע רוצחים.

אַ קורצע צייט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דער ברעזענער רבי נפטר געוואָרן (כ״ג סיון, תרצ״ט—1939).

חסידים דערציילן, אַז דריי טעג פאַר זיין פטירה האָט דער רבי גע־זאָגט צו זיינע מקורבים:

„איך זע, אַז אַ גרויסער שטורעם רוקט זיך אָן אויף אונדז. דער שטור־רעם וועט פאַרכאַפּן פוילן און אויך אויף אונדז וועט קומען אַ גרויסער און שווערער וואָלקן וואָס וועט פאַרטונקלען דאָס ליכט פון מיטן טאָג. ווער עס וועט זוכה זיין איבערצולעבן דעם שטורעם, דער וועט דערנאָך זען דאָס ליכט לייכטן צווייטמאָל אַזוי גרויס. אָבער איך וועל שוין דאָס נישט דער־לעבן צו זען. איך וועל זיך פון אייך אָפּשיידן אום שבת״ . . .

דער רבי איז באַלד דערנאָך געוואָרן אַ חולה מסוכן.

פרייטיק־צו־נאַכטס, נאָך קבלת שבת, זיינען צו אים געקומען אַלע בעלי־בתים פון ברעזענע, אים „גוט־שבת״ ביטן, און אים ווינטשן אַ רפואה שלימה.

צען אַזייגער ביינאַכט איז דער רבי אַרויס אויפן גאַניק פון זיין הויז. ער האָט געזען ווי די שטאָטישע בעלי־בתים גייען שפּאַצירן אין גאַס נאָך דער שבת׳דיקער סעודה, האָט דער רבי געזאָגט:

„אַ שיינער שבת היינט! און איך דאַרף זיך פון אייך אָפּשיידן. אָבער אַזוי דאַרף זיין! איך בין צוויי און זיבעציק יאָר אַלט. עס איז גוט, ווען אַ מענטש האָט לכל הפּחות עפּעס מעשים טובים וואָס ער קען זיי מיטנעמען אויף יענער וועלט. עס אַרט מיך גאָרנישט וואָס איך דאַרף פאַרלאָזן די וועלט, איך האָב בלויז גרויס צער פון דער גרויסער צרה וואָס קומט אָן

אויף אונדז יידן, און קיינער וועט אונדז ניט קענען העלפן, נאָר בלויז אונדזער פאָטער אין הימל״ . . .[1]

.·.

דער רבי ר׳ איציקל דער צווייטער, האָט איבערגעלאָזט צוויי זין און צוויי טעכטער.

איין זון, ר׳ אהרעלע פעטשעניק (געבוירן אין יאָר 1889) האָט זיך באַזעצט אין ראָוונע אין יאָר 1937, בעת זיין פאָטער האָט נאָך געלעבט.

דער רבי ר׳ אהרעלע פעטשעניק איז געווען אַן איידעם פון דעם סאַמבאָרער רבי׳ן. ער האָט אין ראָוונע געהאַט אַן אייגענעם הויף מיט אַן אייגן בית המדרש. ער האָט געהאַט אַ סך חסידים וואָס זיינען אריבער צו אים, נאָכדעם ווי זיין פעטער, ר׳ מאיר׳קע איז נפטר געוואָרן.

דעם רבי׳ן ר׳ אהרעלע האָט מען גערופן „דער ראָוונער רבי״. ער איז געווען זייער אַ גוטער מענטש, אַ מזג־טוב און ער איז געווען שטאַרק באַליבט ביי די חסידים. ער האָט געהאַט אַן אַנגענעמע שטימע און פלעגט האַרציק און מתיקות׳דיק זינגען. ער פלעגט זיין דער בעל־תפילה ביי זיין פאָטער אין ברעזנע און דערנאָך, נאָך זיין פאָטערס פטירה, האָט ער אַליין געדאַוונט פאַרן עמוד.

דער רבי ר׳ אהרעלע פלעגט אַליין פאַרפאַסן חסידי׳שע ניגונים און זיי זינגען מיט די חסידים.

געהאָפט האָט דער רבי ר׳ אהרעלע צו פאָרן קיין ארץ ישראל און דאָרט זיך צו באַזעצן, אָבער באַלד נאָך זיין פאָטער׳ס פטירה איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה און אויך ראָוונע איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די דייטשע רוצחים.

.·.

דער רבי ר׳ אהרעלע האָט געוואוינט אַ שטיקל צייט אין ראָוונער געטאָ און דערנאָך האָט ער באַשלאָסן אַוועק צו די פאַרטיזאַנער איז די וועלדער.

צוזאַמען מיט זיין פרוי און צוויי קינדער איז דער רבי אַוועק אין די וועלדער אַרום ראָוונע און געוואָרן אַ פאַרטיזאַנער.

דער ראָוונער רבי פלעגט תמיד זאָגן: „אַן דעם פאָלק ישראל וויל איך נישט און קאָן נישט לעבן״ . . .

ווייל געמיינט האָט מען אין די וועלדער, אַז די דייטשע מערדער וועלן, חס־ושלום, אומברענגען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק . . .

דער ראָוונער רבי האָט געלעבט אין וואַלד ווי אַ פאַרטיזאַן מיט אַ

1) מ. ש. גשורי׳ס „הניגון והריקוד בחסידות״, חלק ג׳, זייט 417.

ביקס אין האַנט און האָט געפירט אַ קאַמף קעגן די נאַצישע מערדער, אָבער ער האָט נישט געקענט איבערטראָגן די קעלטן, דעם הונגער און דעם גרויסן צער, און זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען אין וואַלד.

זיינע טעכטער, צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער, האָבן אים קובר געווען אונטער אַ בוים אין וואַלד.

אַ יידישער פּאַרטיזאַנער האָט געזאָגט קדיש און געשטעלט אַ ברעטל, אַ צייכן, אַז דאָ איז דער קבר פון דעם ראָוונער רבי׳ן, ר׳ אהרן פּעטשעניק.

זיין רבי׳צין, פייגע, מיט אירע צוויי טעכטער, יענטע חדוה און בלהה, זיינען געבליבן לעבן און וואוינען אין תל־אביב.

אָט אַזוי האָט דער ראָוונער רבי באַוויזן צו קעמפן קעגן די נאַציס אין וואַלד, און זיין באַגער צו וואוינען אין ארץ־ישראל איז האַלב מקויים גע־וואָרן, זיין רבי׳צין מיט זיינע צוויי טעכטער זיינען געבליבן לעבן און וואוינען אין מדינת ישראל . . .

⁘

די ברעזענער רבי׳שע דינאַסטיע האָט געהאַט נאָך אַן אָפּצווייג, דעם רבי׳ן ר׳ חיימ׳קע טויבמאַן, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ איציקל.

דער רבי ר׳ חיימ׳קע טויבמאַן האָט אויך געוואוינט אין ברעזענע. ער איז געווען אַ רבי פון הונדערטער חסידים. ער פלעגט יעדן פאַרנאַכט מתבודד זיין אין וואַלד און ביינאַכט פלעגט ער אָפּריכטן חצות.

איינע פון זיינע טעכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ זון פון אַ רבי׳ן פון בעסאַראַביע.

צו דער חתונה זיינען געקומען טויזנטער חסידים און מ׳האָט די חתונה גערופן „די גרויסע חתונה״.

אין ברעזענער הויף פלעגט מען אויך זינגען אַ ניגון מיט יידישע ווער־טער: „אין כאלוקינו — נישטאָ אַזאַ גאָט ווי אונדזער גאָט״ . . .

ווען דער רבי ר׳ חיימ׳קע איז געוואָרן אַ בן שבעים, האָט ער דערפילט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע, פלעגט ער זאָגן צו זיינע חסידים די זעלבע ווערטער וואָס זיין זיידע האָט געזאָגט, אַז „ער גייט אַקעגן דעם וואָס דאַרף קומען, ווי צו אַ טאַנץ״ . . .

און ווען דער רבי ר׳ חיים איז נפטר געוואָרן, האָבן זיינע ביידע זין געפירט בשותפות די רבי׳סטווע.

ביידע ברידער, ר׳ אהרן און ר׳ גדליה, פלעגן פירן דעם טיש שבת. זיי פלעגן ביידע זאָגן תורה און ביידע צוזאַמען זיינען געפאָרן צו די חסידים אויף אַ שבת אין אַן אַנדערער שטאָט אַריין מיט צוויי גבאים.

נאָך דער פּטירה פון ר׳ אהרעלען איז זיין זון, ר׳ חיימ׳ל טויבמאַן געוואָרן רבי.

אויך ר׳ חיימ׳ל איז צוזאַמען מיט זיין משפחה אומגעקומען אויף קידוש השם דורך די דייטשע רוצחים.

ר׳ אהרעלעס ברודער, ר׳ גדליה׳ל, איז געווען אַ גרויסער למדן. חסידים פלעגן צו אים קומען מיט גרויסע דין־תורה׳ס און שאלות אין הלכה.

ווען די נאַציס זיינען אַריין קיין ברעזענע, איז אויך דער רבי ר׳ גדליה טויבמאַן אומגעקומען אויף קידוש השם.

דער רבי ר׳ גדליה טויבמאַן האָט איבערגעלאָזט אַ טאָכטער, פנינה ראַבינאָוויטש, וועלכע וואוינט אין תל־אביב.

דער ראַצפּירטער רבי ר׳ שלום־אליעזר האַלבערשטאַם איז אין עלטער פון 82 יאָר דערשאָסן געוואָרן פון די דייטשן

דער ראַצפּירטער רבי איז געווען אַ זון פון סאַנזער רבי׳ן ר׳ חיים האַלבערשטאַם. ער איז אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין משפחה.

דער רבי ר׳ שלום־אליעזר האַלבערשטאַם פון ראַצפּירט, אונגאַרן, איז געווען אַ זון פון סאַנדזער רבי׳ן ר׳ חיים האַלבערשטאַם, מחבר פון די ספרים „דברי חיים״ אויף שאלות ותשובות און אויף תורה.

דער ראַצפּירטער רבי, ר׳ שלום־אליעזר האַלבערשטאַם, הי״ד

זיבעציק יאָר איז דער סאַנדזער רבי אַלט געווען, ווען אין יאָר תרכ״ב (1862) איז געבוירן געוואָרן זיין זון ר׳ שלום־אליעזר.

דער סאַנדזער רבי האָט אַ נאָמען געגעבן זיין זון שלום־אליעזר — שלום — אויפן נאָמען פון בעלזער רבי׳ן, ר׳ שלום רוקח, און אליעזר — אויפן נאָמען פון זיין מחותן ר׳ אליעזר האָראָוויץ פון דזשיקאָוו, וועלכער

איז געווען אַ זון פון ראָפּשיצער רבי׳ן, ר׳ נפתלי־צבי האָראָוויץ, וועמענס תלמיד דער סאַנדזער רבי איז געווען.

ווען ר׳ שלום־אליעזר איז אַלט געוואָרן 14 יאָר איז זיין פּאָטער, דער סאַנדזער רבי, נסתלק געוואָרן (כ״ה ניסן, תרל״ו—1876), אין עלטער פון 84 יאָר.

דער סאַנדזער רבי, ר׳ חיים האַלבערשטאַם, האָט איבערגעלאָזט פיר קליינע יתומים, און צווישן זיי איז אויך געווען ר׳ שלום־אליעזר. זיי האָבן זיך אַלע אויפגעצויגן ביי זייער מוטער און ביי די ברידער, וועלכע זיינען געוואָרן באַרימטע רביים אין גאַליציע.

ר׳ שלום־אליעזר האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון זיין שוואָגער, דער האָרנאָסטייפּלער רבי, ר׳ מרדכי־דוב (מאָטעלע) טווערסקי, וועלכער האָט געשטאַמט פון דער טשערנאָבילער דינאַסטיע און איז געווען באַקאַנט פאַר אַ גרויסן פּוסק. זיינע ספרים זיינען „עמק שאלה״ און „חיבור לטהרה״.

נאָך דער חתונה האָט ר׳ שלום־אליעזר געוואוינט אין טאַרנע, מערב־גאַליציע. און נאָכדעם ווי עס איז נפטר געוואָרן אין ראַצפירט דער רבי ר׳ הערצקע, אין יאָר תרנ״ח (1898), וועלכער איז געווען אַ חסיד פון סאַנ־דזער רבי׳ן, האָט זיך ר׳ שלום־אליעזר אַריבערגעקליבן קיין ראַצפירט און איז דאָרט געוואָרן דער רבי פון די אַלטע סאַנדזער חסידים.

דער רבי ר׳ שלום־אליעזר איז פון דעמאָלט אָן שוין אָנגערופן געוואָרן דער „ראַצפירטער רבי״.

מיט דער צייט האָט דער רבי ר׳ שלום־אליעזר צוגעצויגן אַן אייגענעם עולם חסידים. דער סאַנדזער רבי האָט געהאַט אַ סך חסידים אין אונגאַרן און יעדער ייד האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר דעם סאַנדזער רבי׳נס קינד.

אַ מנהג איז געווען אין אונגאַרן, אַז אין טאָג פון יאָרצייט פון קאַליווער רבי׳ן, ר׳ יצחק־אייזיק טויב[1], וועלכער האָט אַריינגעפירט דאָס חסידות קיין אונגאַרן, זיינען געקומען טויזנטער חסידים מתפלל צו זיין אויף זיין קבר. פלעגן קומען אויף שבת פאַרן יאָרצייט חסידים מיט זייערע רביים קיין ראַצפירט, האַלטן שבת ביים רבי׳ן ר׳ שלום־אליעזר, און אַ טאָג פאַרן יאָרצייט אַרויספאָרן צוזאַמען מיטן ראַצפירטער רבי׳ן קיין קאַליוו.

דער רבי ר׳ שלום־אליעזר האַלבערשטאַם האָט געהאַט צוויי זין און פיר איידעמס, און ער האָט זיך משדך געווען מיט די גרעסטע רביים פון זיין דור.

זיין עלטסטער זון, ר׳ חיים, איז געווען דיין אין סאַטמאַר; זיין צוויי־

1) געבוירן אין יאָר תק״ד (1744), נפטר געוואָרן ז׳ אדר תקפ״ח (1828).

טער זון, ר׳ משולם־זושא, איז געווען די רעכטע האַנט פון רבי׳ן אין ראַצפּירט. די איידעמס זיינען געווען: ר׳ בן־ציון האַלבערשטאַם פון באָ־באָוו; זיין צווייטער איידעם רבי ר׳ חיים־צבי האַלבערשטאַם פון סיגעט, מחבר פון ספר „עצי חיים״; זיין דריטער איידעם — רבי ר׳ ישראל־צבי ראָטענבערג פון קאַסאָני; און זיין יינגסטער איידעם — דער רבי ר׳ מנחם־מענדל פון ביסטריץ.

∴

דער ראַצפּירטער רבי האָט אַריינגעפירט דאָס סאַנדזער חסידות קיין אונגאַרן. ער האָט געירש׳נט דאָס התלהבות און דאָס מסירות־נפש׳דיקייט צו העלפן אַ יידן פון זיין פאָטער, דעם אַלטן סאַנדזער רבי׳ן.

ווען דער ראַצפּירטער רבי האָט זיך געשטעלט דאַווענען פאַרן עמוד פרייטיק פאַרנאַכט צו קבלת־שבת האָבן די ווענט געציטערט.

דער רבי פלעגט גאַנץ סוכות זיצן אין דער סוכה. עס האָט געמעגט רעגענען מיט צעבערס, איז ער נישט אַרויסגעגאַנגען פון דער סוכה.

דער ראַצפּירטער רבי האָט געזאָגט יעדן שבת תורה ביי די טישן, אָבער אין אַ יום־טוב האָט ער געזאָגט תורה פון דעם ספר „דברי חיים״ פון זיין פאָטער און פון ספר „זרע קודש״ פון ראָפּשיצער רבי׳ן.

פרייטיק־צו־נאַכטס איז דער ראַצפּירטער רבי געזעסן ביים טיש ביז פאַרטאָג. נאָך דעם „ערשטן טיש״, ווען מען האָט געבענטשט, האָט זיך אָנ־געהויבן דער „צווייטער טיש״, אַזוי ווי עס איז געווען דער מנהג ביי די רביים פון דער ראָפּשיצער גזע. דער רבי פלעגט דערציילן מעשיות פון „חוזה״ פון לובלין, וועלכער איז געווען דער רבי פון ראָפּשיצער רבי׳ן; פון רבי׳ן ר׳ אלימלך פון לידזשענסק, פון זיין פאָטער דעם סאַנזער רבי׳ן, און פון זיין שווער, דעם האָרנאָסטייפּלער רבי׳ן. אויב ס׳איז אין משך פון וואָך אויסגעפאַלן אַ יאָרצייט פון אַ רבי׳ן, האָט ער דערציילט מעשיות פון דאָ־זיקן רבי׳ן. ביים „צווייטן טיש״ האָט מען געגעסן הערינג און געטרונקען צו־ביסלעך משקה און מען האָט געטאַנצט מיט גרויס התלהבות ביז אין גרויען טאָג אַריין.

דער ראַצפּירטער רבי פלעגט פון צייט־צו־צייט אַרויספאָרן אין די פאַרשידענע שטעט אין אונגאַרן. ער פלעגט אויך קומען כמעט יעדעס יאָר צום יאָרצייט פון זיין פאָטער, דעם סאַנדזער רבי׳ן, וואָס פאַלט אויס צוויי טעג נאָך פסח.

צום יאָרצייט קיין סאַנדז פלעגן קומען טויזנטער חסידים פון גאַליציע און אונגאַרן.

אין דעם טאָג פון יאָרצייט זיינען אַלע גאַסן אין סאַנדז געווען פול מיט יידן.

דאָרפס־יידן פלעגן קומען צום יאָרצייט קיין סאַנדז צו דינגען מלמדים

אָדער בחורים פאַר באַהעלפערס פאַר זייערע קינדער אין די דערפער. מען פלעגט אין דעם טאָג אויך דינגען יידישע דינסטן פאַר רייכע יידישע הייזער אין די פאַרשידענע שטעט אין גאַליציע, און אין דעם טאָג זיינען אויך געשלאָסן געוואָרן שידוכים.

ווען אַ ייד האָט געוואָלט טאָן אַ שידוך מיט זיינס אַ טאָכטער, האָט מען אָפּגעלייגט דאָס פאַרהערן דעם חתן ביז צום סאַנדזער יאָרצייט. דאָרט, אין סאַנדז, זיינען שוין געווען באַרימטע „פאַרהערערס", וואָס האָבן פאַרהערט דעם חתן און האָבן געזאָגט מבינות דעם פאָטער פון דער כלה, צי דער חתן איז אַ לערנער... די „לאַנד־שדכנים" זיינען געקומען קיין סאַנדז אויף דער יאָרצייט און שליסן שידוכים צווישן רייכע מחותנים.

צום יאָרצייט זיינען געקומען דעם סאַנדזער רבי'נס אייניקלעך, וואָס האָבן זיך געציילט אין די הונדערטער, און די קינדער פון אַלטן סאַנדזער רבי'ן, וואָס האָבן נאָך געלעבט, און צווישן זיי איז אויך געקומען דער ראַצפירטער רבי, וועלכער איז געקומען מיט זיין גאַנצער משפחה — מיט אַלע זיינע קינדער און אײדעמס — וועלכע זיינען שוין אַליין געווען רביים און געהאַט הונדערטער און הונדערטער חסידים.

.·.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער אַלטער בעלזער רבי, ר' ישכר־בער רוקח, אַנטלאָפן קיין ראַצפירט און צוזאַמען מיט אים זיינען אויך אַנטלאָפן אַ סך חסידים. האָט דער בעלזער רבי שטאַרק נוהג־כבוד געווען אין ראַצפירטער רבי'ן און ער האָט געהייסן זיינע חסידים זיי זאָלן זיך גוזעגענען אויך ביים ראַצפירטער רבי'ן.

דער ראַצפירטער רבי איז פאַרערט געוואָרן אויך פון די אונגאַרן [2]. צו דער חתונה פון זיין טאָכטער מיט דעם סיגעטער רבי'ן, דעם בעל „עצי חיים", זיינען געקומען אַ צאָל אונגאַרישע באַאַמטע פון דער שטאָט און פון דער סביבה אָפּצוגעבן כבוד דעם ראַצפירטער רבי'ן.

מער ווי פערציק יאָר איז ר' שלום־אליעזר געווען רבי אין ראַצפירט.

.·.

ווען די נאַציס זיינען אַריין קיין אונגאַרן, האָבן די אונגאַרן אָנגעהויבן צו נעמען יידן אין די אַרבעטס־לאַגערן און זיי געשיקט מיט דער אונגאַרישער אַרמיי, וואָס האָט געקעמפט צוזאַמען מיט די נאַציס אויפן סאָוועטישן פראָנט. זיינען אַ סך יידן געקומען צום ראַצפירטער רבי'ן זיך שואל־עצה זיין ווי אַזוי ניט געשיקט צו ווערן אויפן רוסישן פראָנט. פאַרשידענע

2) זע „אלה אזכרה", באַנד 5, זייט 184.

מעשיות ווערן דערציילט ווי אַזוי דער רבי האָט מיט זיינע עצות און ברכות מציל געווען יידן פון די אַרבעטס־לאַגערן.

דער ראַצפּירטער רבי האָט נישט געוואָלט אַרויסווייזן זיין כח אין לערנען. כאָטש מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גדול בתורה, האָט ער קיינ־מאָל נישט געוואָלט ענטפערן אויף אַ שאלה להלכה. ער האָט בלויז געגעבן איין הסכמה אויף דעם ספר „חדש וחושב" אויף תורה פון ר' משה טויב פון נאגראד־קאלא.

די נאַציס האָבן אָנגעהויבן וואָס אַמאָל מער צו מאַטערן די יידן אין אונגאַרן. זייער פּלאַן איז געווען אומצוברענגען אויך דאָס גאַנצע אונגאַ־רישע יידנטום, צוזאַמען מיטן גאַנצן יידישן פאָלק.

די צרות האָבן זיך געמערט פון טאָג־צו־טאָג. יידן זיינען געקומען פון די פאַרשידענע קלענערע שטעטלעך קיין ראַצפּירט צו זיין מיטן רבי'ן צו־זאַמען. אַ סך יידן האָבן מתרעם געווען כלפּי מעלה און אויסגעגאָסן זייער ביטער האַרץ, וואָס אויף די יידן האָט זיך אויסגעלאָזט דער גאַנצער צאָרן. אָבער דער ראַצפּירטער רבי האָט געזאָגט, אַז זיין פאָטער, דער סאַנדזער רבי, האָט אַמאָל געזאָגט, אַז מען טאָר קיינמאָל, אַפילו אויף אַ רגע, נישט פרעגן קיין קשיא אויפן איבערשטן. אַי, מיר זעען, אַז דער בעל „הכוזרי" און דער בעל „העיקרים" און אַנדערע האָבן אין זייערע ספרים יאָ געפרעגט קשיות — איז דאָס געווען בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן געהאַט פון פריער צוגעגרייט גוטע תירוצים האָבן זיי געמעגט פרעגן קשיות, און דורך דער קשיא האָבן זיי בעסער מסביר־געווען זייערע רייד וועגן דער הנהגה פון רבונו־של־עולם . . .

∴

אין יאָר תש"ג (1943) ווען די נאַציס האָבן אָנגעהויבן צו כאַפּן יידן און זיי געשיקט קיין אוישוויץ פאַרגאַזט צו ווערן, זיינען אַ סך יונגע בחורים אַנטלאָפן קיין ראַצפּירט און האָבן זיך באַהאַלטן אין רבי'נס בית־המדרש.

די נאַציס האָבן אָפט געמאַכט איבערפאַלן אויפן רבי'נס הויף, בפרט אין די ימים־טובים, אָבער עס איז תמיד דורכגעגאַנגען בשלום. זיי האָבן די באַהאַלטענע יידן נישט געפונען.

אין סוכות פון יאָר תש"ד (1944) זיינען אין גאַנץ אונגאַרן געווען בלויז דריי אתרוגים פאַר אַלע יידן פון לאַנד. האָט מען די אתרוגים צע־טיילט אויף אַזאַ אופן:

איין אתרוג האָט געקראָגן דער רבי ר' שלום־אליעזר אין ראַצפּירט; איין אתרוג האָט באַקומען דער סאַטמאַרער רבי, און איין אתרוג האָט מען געגעבן דער יידישער קהילה אין בודאַפּעסט.

זיינען דעמאָלט אויף סוכות געקומען הונדערטער יידן קיין ראַצפּירט, כדי צו קענען מקיים זיין די מצוה פון בענטשן אתרוג. עס זיינען אויך

געקומען אַ גרויסע צאָל רביים מיט זייערע חסידים, רבנים און ראשי ישיבות מיט זייערע ישיבה־בחורים, כדי צו קענען מקיים זיין די מצוה פון ארבעה מינים.

אין סאַנדז איז אַ מנהג, וואָס שטאַמט פון ראָפּשיץ, אַז דער רבי בענטשט אתרוג ערשט פאַר הלל, אָבער דאָס מאָל האָט דער רבי ר׳ שלום־אליעזר משנה געווען זיין אַנגענומענעם מנהג און ער האָט געבענטשט אתרוג פאַר־טאָג, כדי ער זאָל קענען געבן אַ מעגלעכקייט, אַז אויך אַנדערע יידן זאָלן קענען מקיים זיין די מצוה. דער אתרוג איז דורך אַ גוי, וואָס איז געדונגען געוואָרן ערב יום־טוב, געשיקט געוואָרן צו די אַרומיקע שטעטלעך, דעברע־ציין, נירעדהאַז און אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך, כדי די יידן דאָרט זאָלן אויך קענען מקיים זיין די מצוה פון בענטשן אתרוג.

נאָענט צו פסח אין יאָר תש״ד (1944) האָבן די נאַציס קאָנצענטרירט אַלע יידן אין אונגאַרן אין די געטאָס, כדי עס זאָל דערנאָך לייכטער זיין זיי צו פירן אין די טויטן־לאַגערן.

דער רבי ר׳ שלום־אליעזר איז אין יענער צייט געשיקט געוואָרן מיט זיין בני־בית אין נירעדהאַזער געטאָ אַריין. פון דאָרט איז דער רבי צוזאַ־מען מיט אַ צאָל אַנגעזעענע יידן געשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער וואַריו־לאַפּאָש.

די נאַציס האָבן מורא׳דיק געפּייניקט דעם ראַצפערטער רבי׳ן.

דערנאָך איז ער מיט זיין רביצין געשיקט געוואָרן אין דעם קאָנצענ־טראַציע־לאַגער שימאָ־פּוסטאָ. דאָרט איז זיין רביצין שרה געשטאָרבן אין עלטער פון 85 יאָר.[3]

עטלעכע טעג פאַר שבועות האָבן די נאַציס אַרויסגעפירט אין פאַר־מאַכטע וואַגאָנען אַלע יידן קיין אוישוויץ. אין שפּיץ פון דער מחנה יידן איז געגאַנגען דער רבי ר׳ שלום־אליעזר מיט זיין זון, ר׳ משולם־זושא, זיינע איידעמס און זיינע אייניקלעך.

די נאַציס האָבן פריער דערשאָסן זיין זון, ר׳ משולם זושא, און ווען זיי האָבן אַרויסגעפירט דעם רבי׳ן ר׳ שלום־אליעזר, וואָס איז אַלט געווען 82 יאָר, איז צו אים צוגעגאַנגען דער אָפיציר פון די „עס־עס״ און האָט צו אים געזאָגט:

„דיינע לעפצן שעפּטשען נאָך אַלץ תפילות, דו גלויבסט נאָך אַלץ, אַז דיין גאָט וועט דיר העלפן, זעסטו נישט דעם מצב פון די יידן. איר ווערט געפירט גע׳הרג׳עט צו ווערן און קיינער העלפט אייך נישט. גלויבסטו נאָך אַלץ, אַז עס איז פאַראַן אַ יידישער גאָט?״

האָט דער רבי ר׳ שלום־אליעזר מיט גרויס התלהבות געענטפערט:

3) נאָך דער מלחמה האָט מען אויסגעגראָבן איר קבר און איבערגעפירט אירע ביינער קיין נירעדהאַז.

„מיט מיין גאַנצער נשמה און מיט מיין גאַנצן האַרץ גלויב איך, אַז עס איז פאַראַן אַ בורא עולם און עס איז פאַראַן אַ השגחה עליונה".

און דער זקן פון די רביים, ר' שלום־אליעזר, האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן זיינע רייד ווען אַ קויל פון די דייטשע מערדער האָט דורכגע־לעכערט זיין האַרץ.

זיין גוף איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַן אָפענעם גרוב, וואו עס זיי־נען געלעגן הונדערטער דערשאָסענע יידן, און ער איז באַגראָבן געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע קדושים, וואָס זיינען אין דעם טאָג אומגעקומען אויף קידוש־השם.

דער שידלאָווער רבי איז אומגעבראַכט געוואָרן אין מאַטהאַוזען

דער שידלאָווער רבי ר׳ אלימלך־אריה הכהן ראַבינאָוויטש, איז געווען אַ ברודער פון לעצטן ראַדאָמסקער רבי׳ן. — ער איז געווען אין אַרבעטס־לאַגער אין פּלאַשעוו, נעבן קראָקע. — פון דאָרט איז דער רבי פאַרשיקט געוואָרן קיין מאַטהאוזען, און דאָרט אומגעקומען אויף קידוש־השם.

„אויב אַ ייד איז אומגעבראַכט געוואָרן דערפאַר וואָס ער איז אַ ייד, און ווען ער זאָל נישט זיין אַ ייד, וואָלט ער געבליבן לעבן — מיינט דאָס, אַז ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם״, אַזוי שרייבט דער רמב״ם אין זיין „אגרת תימן״.

זיינען דערפאַר אַלע זעקס מיליאָן יידן וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן — קדושים. וואָלטן מיר געדאַרפט פאַראייביקן יעדן יחיד, שרייבן וועגן זיין אומקום אויף קידוש־השם, דורך די דייטשן, אָבער לײדער האָבן מיר נישט קיין ידיעות וועגן יעדן יחיד באַזונדער.

די יידן וואָס זיינען געבליבן לעבן, וואָס זיינען אַרויס פון די פייער־אויוונס, די יידן וואָס זיינען געווען פאַרטיזאַנער אין די וועלדער און זיינען געבליבן לעבן, און יידן וועלכע האָבן זיך גראַטעוועט על־פי־נס פון די פאַרשידענע דייטשע קאָנצענטראַציע־ און טויטן־לאַגערן, האָבן צו דערציילן וועגן זייערע אייגענע נאָענטע און אַ טייל פון זיי טוען דאָס טאַקע, און זיי האָבן אויך פאַרצייכנט אין זכרון וועגן אומקום פון די גייסטיקע מנהיגים, ווי זיי האָבן זיך געהאַלטן אין די לעצטע רגע׳ס פון זייער לעבן, וואָס זיי האָבן געזאָגט און ווי אַזוי זיי זיינען אומגעקומען.

דעריבער האָבן מיר מער ידיעות וועגן די רעליגיעזע מנהיגים, וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם, ווי וועגן אַנדערע יידן.

מיר קענען אָבער נישט וויסן גענוי פון יעדן גייסטיקן מנהיג ווי אַזוי ער איז אומגעבראַכט געוואָרן, מוז דאָס דאָזיקע העראָאישע קאַפּיטל פון אונדזער גרויסער טראַגעדיע, געשריבן ווערן מיט דער מיטהילף פון יחידים גבית עדות, פון פּליטים, וואָס זיי וויסן פון די רביים, מיט וועלכע זיי זיינען געווען אין „טאָל פון טויט״.

מיר האָבן געקראָגן ידיעות וועגן דעם שידלאָווער רב און רבי׳ן ר׳ אלימלך־אריה הכהן ראַבינאָוויטש, וועלכער איז געווען דער ברודער פון ראַדאָמסקער רבי׳ן ר׳ שלמה־חנוך הכהן, הי״ד.[1]

1) איבערגעגעבן פון מר. יהושע שטיינפעלד, מערידען, קאָנג., פאַרייניקטע שטאַטן.

דער רבי ר׳ אלימלך־אריה הכהן ראַבינאָוויטש, דעם ראַדאָמסקער רבי׳נס ברודער, איז געווען אַן איידעם פון שידלאָווער רב און רבי׳ן ר׳ יעקב־יצחק בידערמאַן, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ משה׳לע האַלבערשטאַם פון שינאָווע, גאַליציע.

דעם רבי׳ן ר׳ אלימלך־אריה ראַבינאָוויטשעס ווייב האָט געהייסן רחל׳ע, אָדער ראַכטשע ווי מען האָט זי גערופן, זי איז געווען די אייך־און־איינציקע טאָכטער פון שידלאָווער רב.

ווען דער שידלאָווער רב האָט זיך איבערגעצויגן פון שידלאָווע קיין איוואַנצק, האָט ער איבערגעגעבן דאָס שידלאָווער רבנות צו זיין איידעם ר׳ אלימלך־אריה הכהן.

מר. יהושע שטיינפעלד דערציילט:

„איך בין געווען אַ תלמיד פון שידלאָווער רב און רבי׳ן ר׳ אלימלך־אריה הכהן ראַבינאָוויטש פאַר פיל יאָרן, פון זינט ער האָט חתונה געהאַט מיט דעם שידלאָווער רב׳ס טאָכטער. מיר זיינען ביידע דערצויגן געוואָרן צוזאַמען און איך האָב געלערנט צוזאַמען מיט אים. ער איז געווען אַ גרויסער אוהב ישראל. פאַר אַ ייד איז ער תמיד גרייט געווען זיך מקריב צו זיין. ער האָט געהאַט פיר קינדער. זיי האָבן ממש נישט געקוקט אויף דער וועלט, נאָר יומם ולילה געזעסן און געלערנט".

די נעמען פון די קינדער זיינען געווען: חיים, נאָך דעם רבי׳ן ר׳ חיים האַלבערשטאַם פון סאַנדז; יחזקאל — נאָכן ראַדאָמסקער רבי׳ן דעם בעל „כנסת יחזקאל" אַלטער, ווייל די קינדער פון דער ראַדאָמסקער דינאַסטיע האָבן געלעבט בלויז ביז פופציק אָדער צוויי־און־פופציק יאָר, האָט מען פאַר אַ סגולה דאָס קינד אַ נאָמען געגעבן אַלטער, און מאיר — נאָכן רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל אַפּטער, דער פאָטער פון שידלאָווער רבי׳ן.

∴

ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט פוילן, איז דער אַלטער שידלאָווער רבי צוריקגעקומען פון איוואַנצק קיין שידלאָוו, צו זיין צוזאַמען מיט זיין איידעם. ער איז נפטר געוואָרן אין שידלאָוו, כדרך כל אדם, און דאָרט נקבר געוואָרן.

דעם שידלאָווער רבינס זין פלעגן פאָרן צו זייער פעטער, דעם ראַדאָמסקער רבי׳ן, צו לערנען ביי דעם ראַדאָמסקער רבי׳נס איידעם, ר׳ משה׳לע קרימילעווער, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער ראַדאָמסקער ישיבה „כתר תורה".

דעם שידלאָווער רבי׳נס זון האָט חתונה געהאַט מיט דעם וואָידיסלאַווער רב׳ס טאָכטער, מען האָט אים גערופן דער פינטשעווער רבי, ער איז געווען פון דער גזע פון רבי׳ן ר׳ בער פון ראַדאָשיץ.

„אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה בין איך געווען אין מיין היים אין כמיעלניק, אַ צען מייל פון שידלאָוו.

„אין יאָר 1942, נאָך סוכות, האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ גזירה אויסצוזידלען די יידן אין דער גאַנצער געגנט. איך האָב באַשלאָסן זיך צו באַהאַלטן. דער רבי האָט געטראַכט וועגן מיר, אַזוי ווי וועגן זיינע אייגענע קינדער און איך האָב געטראַכט וועגן רבי׳ן אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען מיינע אייגענע עלטערן, וואָס איך האָב שוין דעמאָלט נישט געהאַט.

„ווען מען האָט אַרויסגעטריבן אַלע יידן פון שידלאָוו, האָט זיך דער־רבי באַהאַלטן ביי אַ פּויער.

„עס האָט שוין דעמאָלט געפעלט די אַלטע רביצין, זיין שוויגער. די דייטשן האָבן זי געכאַפּט און געפירט קיין סטאַשעוו, נישט ווייט פון שידלאָוו, און דאָרט זי דערשאָסן אין שפּיטאָל. זי האָט אַביסל געלאָמט, וואָס דאָס איז איר פאַרבליבן ווען זי איז אַמאָל געהאַט געפאַלן.

„די רביצין איז געווען פון די אמת׳ע נשים צדקניות. זי האָט גע־טראָגן אַ טלית־קטן. זי האָט יעדן טאָג נאָכן דאַווענען אויסגעזאָגט גאַנץ תהילים און זי האָט אַ סך געפאַסט.

„איידער די דייטשן האָבן זי דערשאָסן, האָט זי צוגערופן דעם עלטסטן פון די ׳עס־עס׳־לייט — זי האָט גערעדט דייטש, וואָס זי האָט נאָך גע־קענט פון אירע יונגע יאָרן פון שינאָווע, גאַליציע, וואָס האָט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געהערט צו עסטרייך, און זי האָט אים געפרעגט:

„׳ווייסטו ווער איך בין? איך בין די טאָכטער פון רבי׳ן ר׳ משה׳לע שינאָווער, וואָס די וועלט האָט מיט אים געציטערט, און דו גייסט זיין טאָכ־טער אומברענגען? איך וועל מקדש השם זיין, — האָט זי געזאָגט, — אָבער איר וועט האָבן אַ ווינסטן סוף׳...

„און דער נאַצישער ׳עס־עס׳־מאַן האָט זי דערשאָסן...

⁖

„דער שידלאָווער רבי איז געזעסן אַ שטיקל צייט באַהאַלטן ביי אַ פּויער. דער פּויער האָט אָבער חרטה געקראָגן, כאָטש ער האָט פאַר דעם באַהאַלטן געקראָגן גוט באַצאָלט, און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט דעם רבי׳ן אַרויסגעוואָרפן . . .

„דער רבי האָט נישט געקאָנט לאַנג זיין אויף דער פריי. יעדן טאָג איז ער געווען אין גרויס סכנה.

„איך האָב איינמאָל געקראָגן אַ בריוול דורך אַ שליח מיוחד:

„׳קום און נעם אונדז קיין כמיעלניק. מיר וועלן פאָרן קיין קראָקע׳.

„דער ראַדאָמסקער רבי האָט געהאַט אַ סך חסידים אין יענער געגנט און אין קראָקע, און איינער פון זיי האָט געהאַט אַ באַרשטן־פאַבריק, האָט מען אויסגעאַרבעט פאַלשע פּאַפּירן פאַרן רבי׳ן און פאַר מיר און איך

האָב געדאַרפט דינגען אַ לאַסט־אויטאָ און אַרויסנעמען דעם רבי׳ן פון שידלאָוו ביינאַכט, אולי ירחם, אפשר וועט עס מיר געלינגען און דער־נאָך נעמען דעם לאַסט־אויטאָ און פאָרן קיין קראָקע.

„די פּאַפּירן זיינען געווען גוט געמאַכט, אָבער זיי זיינען נישט גע־ווען גילטיק אויף דער כמיעלניקער טעריטאָריע.

„אויב מען וועט אונדז פרעגן אויף פּאַפּירן און מען וועט דאָך זי־כער פרעגן, איז מיין אויפגאַבע געווען: איבערצוקויפן די ׳עס־עס׳־לייט, אַזוי לאַנג ביז מיר וועלן אָנקומען אויף דעם באָדן וואָס געהער צו קראָקע און דאָרט זיינען אונדזערע פּאַפּירן שוין אינגאַנצן כשר׳ע . . .

„איך האָב שוין געהאַט אַלץ איינגעאָרדנט און ווי מיר האָבן געהאַלטן ביים אַריינשטייגן אין לאַסט־אויטאָ, האָט מיין טאָכטער, וואָס איז מיר נאָך געבליבן, ווייל מיין פרוי און קינדער האָט מען שוין געהאַט אַוועק־גענומען, חרטה געקראָגן און נישט געוואָלט פאָרן.

„די טאָכטער האָט מיך געבעטן: ׳טאַטע בלייב מיט מיר!׳ און אַזוי ווי איך האָב איינגעזען, אַז אין דער איצטיקער מורא׳דיקער צייט איז נישט פאַראַן צו פאָלגן דעם שכל הישר, ווייל די מלחמה אַליין איז קעגן שכל הישר, האָב איך באַשלאָסן, אַז איך וועל טאָן אַזוי ווי מיין טאָכטער בעט מיך און איך וועל בלייבן.

„איך האָב אָבער מקיים געווען מיין צוזאָג צום רבי׳ן און האָב דעם רבי׳ן מיט זיינע קינדער אַריבערגעפירט איבער דער גרענעץ, אויף דעם אָרט, וואו איך האָב געהאַט אָפּגעקויפט די דייטשע וואַך. דער רבי איז אָנגעקומען קיין פּלאַשעוו, נעבן קראָקע און איך בין צוריקגעפאָרן.

„דער שידלאָווער רבי האָט אין פּלאַשעוו געאַרבעט אין אַ פאַבריק. דאָרט זיינען געווען צוויי לאַגערן, לאַגער איינס און לאַגער צוויי. איך האָב איך משך פון אַ יאָר צייט פון אים כסדר געקראָגן בריוו.

„דערנאָך האָב איך מער קיין בריוו פון אים נישט באַקומען.

„איך האָב זיך דערנאָך דערוואוסט, אַז זיינע צוויי קינדער האָט מען געשיקט פאַרברענט צו ווערן קיין אוישוויץ, און דעם רבי׳ן געשיקט קיין מאַטהאַוזען. איך בין שוין דאָרט געווען אַ „תושב״, האָב איך זיך כסדר נאָכגעפרעגט אויפן רבי׳ן מיט זיין משפחה.

„ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט בין איך אַרומגעפאָרן אין די פאַרשידענע לאַגערן זוכן דעם רבי׳ן, אָבער, ליידער, האָב איך דעם רבי׳ן נישט געפונען.

„איך האָב דערנאָך זיך צונויפגעטראָפן מיט אַ בחור פון קראָקע, און ער איז אויך געווען מיטן שידלאָווער רבי׳ן אי אין פּלאַשעוו און אי אין מאַטהאַוזען, האָט ער מיר דערציילט, אַז דאָרטן, אין מאַטהאַוזען איז דער שידלאָווער רבי, ר׳ אלימלך־אריה הכהן ראַבינאָוויטש, אומגעבראַכט גע־וואָרן אויף קידוש־השם צוזאַמען מיט אַנדערע טויזנטער יידן, הי״ד״.

זוך־צעטל פון רביים

אַלגעמיינער זוך־צעטל

ספרים, ביכער
און
פעריאָדיקס

זוך-צעטל פון רביים

א

אוהעלער רבי, ר׳ ברכיה טייטלבוים, 75
אוהעלער רבי, ר׳ משה טייטלבוים, 133, 222, 231
אוסטילער רבי, ר׳ פינעלע טווערסקי, 1—5, 81
אופאלער רבי, ר׳ אליעזר בראַנדוויין, 191
אָזאַרעניצער רבי, ר׳ ברוך מאיר טווערסקי, 7
אָזאַרעניצער רבי, ר׳ יצחק טווערסקי, 6—11
איזשביצער רבי, ר׳ גרשון־העניך, 400, 401
איזשביצער רבי, ר׳ יעקב ליינער, 400
איזשביצער רבי, ר׳ מרדכי־יוסף ליינער, 229, 400
איזשביצער רבי, ר׳ מרדכי־יוסף אלעזר ליינער, 401
אָליקער רבי, ר׳ אברהם לאַנדאַ, 12
אָליקער רבי, ר׳ יוסף־דוד לאַנדאַ, 12
אָליקער רבי, ר׳ הערש־לייב לאַנדאַ, 12
אָליקער רבי, ר׳ אלתר־יוסף דוד לאַנדאַ, 12—16
אָליקער רבי, ר׳ מרדכי לאַנדאַ, 12
אַלעסקער רבי, ר׳ ישראל אשכנזי, 7
אַלעקסאַנדערער רבי, ר׳ חנוך־העניך הכהן, 92
אַלעקסאַנדערער רבי ר׳ יחיאל דאַנציקער, 18, 295, 297
אַלעקסאַנדערער רבי, ר׳ יצחק־מנחם מענדל דאַנציקער, 17—22, 276
אַלעקסאַנדערער רבי, ר׳ ירחמיאל־ישראל יצחק, 18, 19
אַלעקסאַנדערער רבי, ר׳ שמואל־צבי דאַנציקער, 19
אַמשינאָווער רבי, ר׳ יעקב קאַליש, 39
אַמשינאָווער רבי, ר׳ מנחם־מענדל קאַליש, 39, 41, 144
אַנטעניער רבי, ר׳ חיים האַגער, 13, 23, 24, 118, 189
אַנטעניער רבי, ר׳ ישראל־שלום יוסף האַגער, 23—30
אַנעפּאָליער רבי, ר׳ זישע, 335
אָסטראָהער רבי, ר׳ יעקב ספרד, 194
אָסטראָווצער רבי, ר׳ מאיר־יחיאל הלוי האַלמ־שטאָק, 31, 175
אָסטראָווצער רבי, ר׳ יחזקאלע האַלמשטאָק, 31—38
אַפּאָלער רבי, ר׳ ירמיהו קאַליש, 39—42
אַפּטער רבי, ר אברהם־יהושע העשל, 69, 235

ב

באַבאָווער רבי, ר׳ בן־ציון האַלבערשטאַם, 43—52, 417
באַבאָווער רבי, ר׳ שלמה האַלבערשטאַם, דער ערשטער, 45, 47, 48
באַבאָווער רבי, ר׳ שלמה האַלבערשטאַם, 51, 52
באַיאַנער רבי, ר׳ יצחק פרידמאַן, 54, 59
באַיאַנער רבי אין טשערנאָוויץ, ר׳ מאָטעלע פרידמאַן, 129
באַיאַנער רבי, ר׳ מרדכי־שלמה פרידמאַן, 55
באַיאַנער רבי, ר׳ ישראל פרידמאַן אין לייפּ־ציק, 55
באַיאַנער רבי, ר׳ משה׳ניו פרידמאַן אין קראָ־קע, 28, 58, 62
באַלעכאָווער רבי, ר׳ שלמה־חיים פערלאָוו, 189, 242, 243, 314
באַראַנאָווער רבי, ר׳ ישראל האַראָוויץ, 113
באַרדיוער רבי, ר׳ יצחק׳ל האַלבערשטאַם, 75
באַרשער רבי, ר׳ אלטער־מנחם מענדל האַגער, 63—67
באַרשער רבי, ר׳ פּנחס׳ל האַגער, 63, 64, 135
בוהושער רבי, ר׳ יצחק פרידמאַן, 24
בוקאָווסקער רבי, ר׳ אַלטער־ראובן שפּיראַ, 68—71, 78
בוקאָווסקער רבי, ר׳ דוד שפּיראָ, 70
בוקאָווסקער רבי, ר׳ מאיר־יהודה שפּיראָ, 69, 74, 78
בורשטינער רבי, ר׳ נחום בראַנדווין, 191
בורשטינער רבי, ר׳ נחום בראַנדווין, 191
ביאַלאָבורזיגער רבי, ר׳ שרגא־יאיר ראַבינאָ־וויץ, 25

ביאַלער רבי, ר׳ אהרן־צבי לאַנדוי, 296, 297
ביאַלער רבי, ר׳ בעריש לאַנדוי, 18, 294, 295, 296
ביאַלער רבי, ר׳ נחום וואָלף, 253
ביאַלער רבי, ר׳ שמחה־בונם, 296
בילקער רבי, ר׳ נפתלי־צבי ווייס, 308
ביסטריצער רבי, ר׳ מנחם־מענדל, 417
בלאָזשעווער רבי, ר׳ הערש (צבי) אלימלך שפּירא, 69, 72, 73
בלאָזשעווער רבי, ר׳ ישראל׳טשע שפּירא, 57, 75, 76, 160
בלאָזשעווער רבי, ר׳ מאיר׳טשע שפּירא, 72—78
בעלזער רבי, ר׳ אהרעלע רוקח, 79, 200
בעלזער רבי, ר׳ בערעלע רוקח, 83
בעלזער רבי, ר׳ יהושע רוקח, 3, 80
בעלזער רבי, ר׳ ישכר־דוב־בער רוקח, 1, 3, 83, 86, 418
בעלזער רבי, ר׳ שלום רוקח, 3, 284, 285, 415
בערגסאַזער רבי, ר׳ אהרעלע ראָטה, 74
ברעזענער רבי, ר׳ אברהם־שמואל פּעטשעניק, 86, 87
ברעזענער רבי, ר׳ גדליה טויבמאַן, 414
ברעזענער רבי, ר׳ חיים טויבמאַן, 413
ברעזענער רבי ר׳ יוסף פּעטשעניק, 86
בעזענער רבי, ר׳ יצחק (איציקל) פּעטשעניק, 85, 86, 87
ברעזענער רבי, ר׳ איציקל פּעטשעניק (דער צווייטער), 410, 411, 412
ברעזענער רבי, ר׳ מעכעלע פּעטשעניק, 85, 86, 90
ברעזענער רבי, ר׳ נחום־יהושע הלוי פּעטשע־ניק, 84—90
ברעזענער רבי, ר׳ שמואל פּעטשעניק, 410

ג

גאָרליצער רבי, ר׳ ברוך האַלבערשטאַם, 48, 199
גוואָזדיצער רבי, ר׳ יוסף פרידמאַן, 24
גערער רבי, ר׳ אברהם־מרדכי אַלטער, 92, 93, 94, 332
גערער רבי, ר׳ איטשע־מאיר אַלטער, 91, 254, 292
גערער רבי, ר׳ יהודה־לייב אַלטער, 92, 261, 321, 322
גערער רבי׳נס ברודער, ר׳ משה־בצלאל אַל־טער, 17, 90—97, 317
גראָדזשיסקער רבי, ר׳ אלימלך שפּירא, 32, 106, 107, 334, 337
גראָדזשיסקער רבי, ר׳ אליעזר האָראָוויץ אין טארנע, 98—102
גראָדזשיסקער רבי, ר׳ חיים־מאיר יחיאל שפּירא, 106
גראָדזשיסקער רבי, ר׳ ישראל שפּירא, 103—110
גריצער רבי, ר׳ עזרא־זעליק, קאָזשעניצער מגידס איידעם, 104
גריצער רבי, ר׳ שרגא־פייוול, 18

ד

דאָמאַטשעווער רבי, ר׳ אהרן ראַבינאָוויץ, 331
דאָמבראָווער רבי, ר׳ מרדכי־דוד אונגער, 158
דזשיקאָווער רבי, ר׳ אַלטער האָראָוויץ, 111—116
דזשיקאָווער רבי, ר׳ אליעזר האָראָוויץ, 45, 46, 48, 98, 112, 113, 415
דזשיקאָווער רבי, ר׳ יהושע׳לע האָראָוויץ, 80, 114, 187
דזשיקאָווער רבי, ר׳ מאיר׳ל האָראָוויץ, 26, 114, 132, 158, 161
דינאָווער רבי, ר׳ דוד שפּירא, 69, 73
דינאָווער רבי, ר׳ הערש (צבי) אלימלך שפּירא, 68, 73
דינאָווער רבי, ר׳ ישעיהו־נפתלי הערץ שפּירא, 69, 73
דינאָווער רבי, ר׳ שמואל שפּירא, 69
דיקלער רבי, ר׳ אברהם־לייביש האַלבערשטאַם, 341
דעלעטינער רבי, ר׳ יעקב, 68
דעמביצער רבי, ר׳ הירש־אלימלך האָראָוויץ, 76
דעמביצער רבי, ר׳ ראובן האָראָוויץ, 113
דעמביצער־טאַרנער רבי, ר׳ ישראל־יוסף אונ־גער, 163

ה

האַדאַסער רבי, ר׳ אהרן־יהושע פיש, 232
האָראָדענקער רבי, ר׳ יחיאל־מיכל האַגער, 25, 29, 117, 130
האָראָדענקער רבי, ר׳ שמואל־אבא האַגער, 26

הוסיאַטינער רבי, ר׳ ישראל פרידמאַן, 25, 28, 58
הוסיאַטינער רבי, ר׳ מרדכי־שרגא פרידמאַן, 28, 58, 59

ו

וואורקער רבי, ר׳ יצחק, 21, 39, 40, 290
וואורקער רבי, ר׳ ישראל־יצחק קאַליש, 40
וואורקער רבי, ר׳ מענדעלע (מנחם־מענדל קאַליש, 214, 215, 217, 185, 296
וואַלאַמינער רבי, ר׳ ירחמיאל, 145
וואַרשעווער רבי, ר׳ משה־מרדכי העשל, 242, 243
ווידאמער רבי, ר׳ יעקעלע, 185
ווענגראָווער רבי, ר׳ יקותיאל לאַנדוי, 296
וויזשניצער רבי, ר׳ אליעזר האַגער, 132, 136
וויזשניצער רבי, ר׳ ברוכ׳ל האַגער, 23, 24, 29, 63, 117
וויזשניצער רבי, ר׳ חיים־מאיר האַגער, 123, 136
וויזשניצער רבי, ר׳ ישראל׳טשע האַגער, 24, 63, 115, 131, 132
וויעלאָפּאָלער רבי, ר׳ מאיר פרענקל, 201
ווישיווער רבי, ר׳ ברוכ׳ל האַגער, 131—141
ווישיווער רבי, ר׳ מאיר האַגער, 138
ווישיווער רבי, ר׳ מענדעלע האַגער, 131, 132, 133, 134, 135, 136, 137
ווישקאָווער־ראַדזימינער רבי, ר׳ יעקב־אריה מאָרגנשטערן, 142—148
וולאַדאָווער רבי, ר׳ משה־דוד מאָרגנשטערן, 265

ז

זאַוויכוואַסטער רבי, ר׳ חיים־הערש, 170
זאלאַשיצער רבי, ר׳ אברהם־מרדכי קלינגבערג, 149, 150
זאלאַשיצער רבי, ר׳ שם קלינגבערג, 149—152
זאַלעשטשיקער רבי, ר׳ שרגא־פייוויש האַגער, 118
זאַריקער רבי, ר׳ דוד־אהרן טווערסקי, 196
זוואַלינער רבי, ר׳ חיים־ירחמיאל טויב, 153—157
זוואַלינער רבי, ר׳ משה־אהרן טויב, 154, 155
זוואַלינער רבי, ר׳ שמואל־אליהו טויב, 154
זידיטשויווער רבי, ר׳ אייזיקל, 302, 303
זידיטשויווער רבי, ר׳ הערשעלע, 69, 354, 355
זלאָטאָפּאָלער רבי, ר׳ דוד טווערסקי, 27
זלאָטאָפּאָלער רבי, ר׳ מרדכי טווערסקי, 364
זלאָטשעווער מגיד, ר׳ יחיאל־מיכל, 12, 69, 84
זשאַבנער רבי, ר׳ אלעזר אונגער, 101, 158—165
זשאַבנער רבי, ר׳ יעקב־יצחק אונגער, 158, 160
זשאַבנער רבי, ר׳ ישראל אונגער, 162
זשאַבנער רבי, ר׳ שלום־דוד אונגער, 76, 98, 114, 160, 161
זשיכלינער רבי, ר׳ משה־נתנאל זשיכלינסקי, 170, 172
זשיכלינער רבי, ר׳ מנחם־ידידיה זשיכלינסקי, 170, 171
זשיכלינער רבי, ר׳ סעדיה־חנוך זשיכלינסקי, 166—178
זשיכלינער רבי, ר׳ שמואל־אבא, 167, 170, 172, 177
זשינקאָווער רבי, ר׳ אברהם־יהושע העשל, 29
זשינקאָווער רבי, ר׳ יצחק־מאיר העשל, 235
זשינקאָווער רבי, ר׳ משולם־זושע העשל, 236
זשעליכאָווער רבי, ר׳ אברהם־שלום גאָלדבערג, 179—182
זשעליכאָווער רבי, ר׳ יהושע גאָלדבערג, 179
זשעליכאָווער רבי, ר׳ יעקעלע גאָלדבערג, 179

ט

טאַלנער רבי, ר׳ דוד טווערסקי, 1, 194
טאָמאַשאָווער רבי, ר׳ הערשעלע, 143
טאָמאַשאָווער־לאָדזשער רבי, ר׳ שלמה־זלמן וועלטפרייד, 183—188
טאַשער רבי, ר׳ יהוסף ראָטנבערג, 355
טיסמעניצער רבי, ר׳ יצחק, 27
טלומאַטשער רבי, ר׳ אלימלך לאַם, 190
טלומאַטשער רבי, ר׳ יצחק האַגער, 25, 27
טריסקער מגיד, ר׳ אברהם טווערסקי, 1, 194, 279, 280
טריסקער רבי, ר׳ יעקב־לייבעניו טווערסקי, 196
טריסקער רבי, ר׳ נחום טווערסקי, 193—197
טשאָרטקאָווער רבי, ר׳ דוד־משה פרידמאַן, 13, 86

טשודנאָווער רבי, ר׳ אברהם־יהושע העשל, 68, 362
טשיכויווער רבי, ר׳ ישעיה׳לע האַלבערשטאַם, 198—201, 362
טשעכאַנאָווער רבי, ר׳ אברהמעלע, 294, 295
טשערנאָבילער רבי, ר׳ אהרן טווערסקי, 1, 7, 55, 85, 86
טשערנאָבילער רבי, ר׳ מאָטעלע טווערסקי, 55, 193
טשערנאָבילער רבי, ר׳ נחום טווערסקי, 55, 193
טשערנאָוויצער רבי, ר׳ אהרן האַגער, 25, 29
טשערנאָוויצער רבי, ר׳ מנחם־נחום פרידמאַן, 28, 29, 55, 59
טשערנאָוויצער־באָיאַנער רבי ר׳ אהרן פריד־מאַן, 117, 120, 121, 122, 128
טשערקאסער רבי, ר׳ יעקב־ישראל טווערסקי, 1
יאַוואָרניקער רבי, ר׳ יהודה׳לע טייטלבוים, 75

כ

כענטשינער רבי, ר׳ אליעזר, 203
כענטשינער רבי, ר׳ חיים־שמואל, 202, 203
כענטשינער רבי, ר׳ יהושע־העשל הלוי האַראָוויץ, 202—205
כענטשינער רבי, ר׳ שלום, 203

ל

לאַיעווער רבי, ר׳ חיים־יצחק העשל, 361, 362
לאַמאַזער רבי, ר׳ הערשעלע מאָרגנשטערן, 142, 276
לאַמאַזער־שעדליצער רבי, ר׳ אברהם־פנחס מאָרגנשטערן, 146, 147, 148
לאַנצוטער רבי, ר׳ אליעזר שפּיראָ, 69, 73
לובלינער רבי, ר׳ אברהמ׳לע אייגער, 39, 206
לובלינער „חוזה“, ר׳ יעקב־יצחק האָראָוויץ, 68, 73, 183, 184, 185, 334
לובלינער רבי, ר׳ ישראל האָראָוויץ, 185, 186
לובלינער רבי, ר׳ עזריאל אייגער, 206, 209
לובלינער רבי, ר׳ שלמה׳לע אייגער, 207—209
לובלינער־טריסקער רבי, ר׳ משה־מרדכי טווערסקי, 196, 210—213
לוויטשער־סקערניעוויצער רבי, ר׳ דוב־בער קאַליש, 214—220
לוצקער רבי, ר׳ הערש־לייבעניו, 15, 16
לוצקער רבי, ר׳ יוחנן פּערלאָוו, 269
ליזשענסקער רבי, ר׳ אלימלך, 104
ליסקער רבי, ר׳ הירש (צבי) פרידלענדער, 221—223
ליסקער רבי, ר׳ חיים פרידלענדער, 223, 224
ליקיווער רבי, ר׳ יוסף־אהרן מאָרגנשטערן, 226—229
ליקיווער רבי, ר׳ צבי (הערש) מאָרגנשטערן, 226, 260, 265
לעכאָוויטשער רבי, ר׳ מרדכי, 239, 276
לעכאָוויטשער רבי, ר׳ נח, 276, 328
לעלעווער רבי, ר׳ משה, 184, 381, 391

מ

מאָגלניצער רבי, ר׳ חיים־מאיר יחיאל, 104, 105
מאָדזשיצער רבי, ר׳ שמואל־ידידיה טויב, 153
מאָטיסלאָווער רבי, ר׳ יחזקיה פּיש, 230—233
מאַקאַראָווער רבי, ר׳ נחום טווערסקי, 1, 7
מעזשיבעזשער רבי, ר׳ אברהם־יהושע העשל, 234—237
מעזשיבעזשער רבי, ר׳ יהושע העשל, 236
מעזשיבעזשער רבי, ר׳ ישראל׳ניו העשל, 235
מעזריטשער מגיד, ר׳ דוב־בער, 193, 267
מישקאָלצער רב, ר׳ יעקב גאָטליב, 135
מעליצער רבי, ר׳ נפתלי האָראָוויץ, 31

נ

נאָוואָמינסקער רבי, ר׳ יהודה־לייב פּערלאָוו, 242, 243
נאָוואָמינסקער רבי, ר׳ יוסף פּערלאָוו, 238—251
נאָוואָמינסקער רבי, ר׳ אלתר־ישראל שמעון פּערלאָוו, 238, 243, 244, 245
נאָוואָמינסקער רבי, ר׳ יעקעלע פּערלאָוו, 238, 240, 241, 242, 243, 244
ניישטאָטער רבי, ר׳ יאָסעלע, 184, 202
נעשכיזער רבי, ר׳ יצחק׳ל, 241
נעשכיזער רבי, ר׳ מרדכי, 136

ס

סאַדיגורער רבי, ר׳ אברהם־מרדכי פרידמאַן, 54

סאַדיגורער רבי, ר' ישראל פרידמאַן, 54
סאַדיגורער רבי, ר' שלום־יוסף פרידמאַן, 24, 59
סאַטמאַרער רבי, ר' יואליש טייטלבוים, 100
סאָכאַטשאָווער רבי, ר' אברהם באָרנשטיין, 18, 252
סאָכאַטשאָווער רבי, ר' דוד באָרנשטיין, 252—257
סאָכאַטשאָווער רבי, ר' שמואל באָרנשטיין, 255, 256, 266
סאַמבאָרער רבי, ר' אורי'לע, 283, 285, 287
סאַמבאָרער רבי, ר' אַלטער, 352
סאַנדזער רבי, ר' אהרן האַלבערשטאַם, 199
סאַנדזער רבי, ר' חיים האַלבערשטאַם, 45, 46, 69, 112, 198, 200, 341, 343, 392, 415, 416
סאַנדזער רבי'נס זון, ר' מאיר־נתן האַלבערשטאַם, 45, 46, 47
סאָסנאָוויצער־קוידענאָווער רבי, ר' נפתלי גליקסמאַן, 376
סאָקאָלאָווער רבי, ר' בנימין־פלתיאל מאָרגנשטערן, 384
סאָקאָלאָווער רבי, ר' יהודא אונגער, 114
סאָקאָלאָווער רבי, ר' יצחק־זעליק מאָרגנשטערן, 258—265
סטאָלינער רבי, ר' אהרן פערלאָוו אין וואַרשע, 374
סטאָלינער רבי, ר' אשר פערלאָוו, 107, 196, 239
סטאָלינער רבי, ר' אשר פערלאָוו (דער צווייטער) 268, 364
סטאָלינער רבי, ר' יעקב פערלאָוו, 269
סטאָלינער רבי, ר' ישראל פערלאָוו, 268, 269, 270, 273, 349
סטאָלינער רבי, ר' משה'ניו פערלאָוו, 267—274
סטוטשינער רבי, ר' יהודה'לע האָראָוויץ, 76
סטעפינער מגיד, ר' דוד הלוי, 84, 85
סיגעטער רבי, ר' חיים בן־ציון האַגער, 66
סיגעטער רבי, ר' חנניא־ליפא טייטלבוים, 70
סיגעטער רבי, ר' יצחק־מאיר האַגער, 66
סלאָנימער רבי, ר' אברהם ווייַנבערג, 275, 276, 277, 300
סלאָנימער רבי, ר' שלמה'לע ווייַנבערג, 275—281
סלאָנימער רבי, ר' שמואל ווייַנבערג, 13, 276
סטריער־סאַמבאָרער רבי, ר' ישעיה־אשר הכהן יאָלעס, 282—293
סטריער־סאַמבאָרער רבי, ר' שלום הכהן יאָלעס, 288, 289
סטריקאָווער רבי, ר' מנחם־מענדל לאַנדוי, 294, 297
סטריקאָווער רבי, ר' פישעלע (אפרים) שפּיראָ, 167, 168, 169
סטריקאָווער־קינאָווער רבי, ר' יעקב־יצחק דן לאַנדוי, 294—300
סטרעטינער רבי, ר' אברהמ'עלע, 12, 285, 286
סטרעליסקער רבי, ר' אורי'לע, 3, 283, 284, 285
ספּינקער רבי, ר' יוסף־מאיר ווייס, 303, 304
ספּינקער רבי, ר' יצחק־אייזיק ווייס, 301—310
סקוהלער רבי, ר' שמואל רוקח, 63, 80
סקווערער רבי, ר' יצחק טווערסקי, 1
סקערניעוויצער רבי, ר' ישראל־יצחק קאַליש, 219, 220
סקערניעוויצער רבי, ר' שמעון קאַליש, 214, 215

פּ

פּיאַסעטשנער רבי, ר' קלונימוס־קלמן שפּיראָ, 17, 107, 310—320, 337, 384
פּאַקשעוויניצער רבי, ר' יחיאל האָראָוויץ, 26
פּשעבאָרזשער רבי, ר' ישעיה'לע, 183
פּשעבאָרזשער רבי, ר' עמנואל וועלטפריינד, 185
פּילאָווער רבי, ר' חיים־ישראל, 259, 260, 261, 262, 265
פּילאָווער רבי, ר' יוסף מאָרגנשטערן, 260
פּילאָווער רבי, ר' משה מאָרגנשטערן, 260
פּילצער רבי, ר' חנוך גד יוסטמאַן, 321—335
פּילצער רבי, ר' מנחם־מענדל יוסטמאַן, 321, 322
פּלאָנטשער רבי, ר' אברהם־חיים האָראָוויץ, 98
פּראָסקוראָווער רבי, ר' לייבוש, 241

פרעמישלאַנער רבי, ר׳ מאיר׳ל, 222, 223
פשיסכער רבי, ר׳ אשר׳ל, 32
פשיסכער רבי, ר׳ שמחה־בונם, 143
פשיסכער רבי, ר׳ יעקב־יצחק, דער „יוד הקדוש״, 183, 184
פשעוואָרסקער רבי, ר׳ משה, 52
פשעמישלער רבי, ר׳ דוד׳ל טייטלבוים, 75
פשעצלאָווער רבי, אין רייש, ר׳ דוד האָראָוויץ, 99

פ

פעלשטינער רבי, ר׳ אהרן, 12
פעלשטינער רבי, ר׳ הערש־לייב לאַנדאַ, 12, 13
פריסטיקער רבי, ר׳ מנחם־מענדל האַלבערשטאַם, 341, 342

ק

קאַברינער רבי, ר׳ ברוך־יוסף ז״ק, 331
קאַברינער רבי, ר׳ דוד־שלמה, 331
קאַברינער רבי, ר׳ משה, 327, 276, 279
קאַברינער רבי, ר׳ משה־אהרן ראַבינאָוויטש, 332—326
קאַברינער רבי, ר׳ נח־נפתלי, 330
קאָוולער־טריסקער רבי, ר׳ וועלוועלע טווערסקי, 196, 212
קאַזשעניצער רבי, ר׳ אהרן האַפּשטיין, 180, 340—333
קאַזשעניצער רבי, ר׳ אלעזר האַפּשטיין, 334, 336
קאַזשעניצער רבי, ר׳ אשר־אלימלך האַפּשטיין, 337
קאַזשעניצער רבי, ר׳ יחיאל־יעקב האַפּשטיין, 337, 341
קאַזשעניצער מגיד, ר׳ ישראל, 104, 313
קאַזשעניצער רבי, ר׳ ישראל־אלעזר האַפּשטיין, 337
קאַזשעניצער רבי, ר׳ ירחמיאל־משה האַפּשטיין, 314, 334
קאַזשעניצער רבי, ר׳ משה־אליקום־בריעה, 334, 335, 336
קאַלאַשיצער רבי, ר׳ חנה האַלבערשטאַם, 341 —346
קאַלבעסאָווער רבי, ר׳ אשר־ישעיהו, 355
קאַליוואַר רבי, ר׳ יצחק־אייזיק טויב, 230, 231, 302
קאַמאַרנער רבי, ר׳ אייזיקל סאַפרין, 149, 348
קאַמאַרנער רבי, ר׳ אליעזר־צבי סאַפרין, 150
קאַמאַרנער רבי, ר׳ אלכסנדר־סענדער סאַפרין 347
קאַמאַרנער רבי, ר׳ ברוך סאַפרין, 347—352
קאַמאַרנער רבי, ר׳ חיים־יעקב סאַפרין, 353
קאַמאַרנער רבי, ר׳ יעקב־משה סאַפרין, 348, 349
קאַמאַרנער רבי, ר׳ שלום סאַפרין, 349
קאַמינקער רבי, ר׳ יהושע, 47
קאָנטיקוזעווער רבי, ר׳ פנחס׳ל, 271
קאָסאָווער רבי, ר׳ חיים האַגער, 23, 26, 69, 360
קאָסאָווער רבי, ר׳ חיים האַגער (דער צווייטער), 360—362
קאָסאָווער רבי, ר׳ מנחם־מענדל האַגער, 131, 132, 136
קאָסאָווער רבי, ר׳ משה האַגער, 360
קאָסאָווער רבי, ר׳ שמשון האַגער, 360
קאָסאָניער רבי, ר׳ חיים־שלמה ראַטנבערג, 355
קאָסאָניער רבי, ר׳ ישראל־צבי הלוי ראַטנבערג, 359—354
קאָצקער רבי, ר׳ דוד מאָרגנשטערן, 143, 226, 259, 260, 265
קאָצקער רבי, ר׳ מענדעלע, 91, 94, 226, 227, 242, 252, 253, 259, 265
קאָריסטישעווער רבי, ר׳ משה, 1
קאַרלינער רבי, ר׳ אברהם־אלימלך פערלאָוו, 269, 267—263
קאַרלינער רבי, ר׳ אהרן „הגדול״, 54, 193, 267, 239
קאַרלינער רבי, ר׳ אהרן, דער צווייטער, 268
קאַרלינער רבי, ר׳ משה, 268
קאַרלינער רבי, ר׳ שלמה „הקדוש״, 268, 276
קוזמירער רבי, ר׳ יחזקאל, 153
קוזמירער רבי, ר׳ מאַטעלע טווערסקי, 196
קוטנער רבי, ר׳ אברהם מאָרגנשטערן, 266
קוידענאָווער רבי, ר׳ אַלטערקע פערלאָוו, 368 —379
קוידענאָווער רבי, ר׳ ברוך־מרדכי פערלאָוו, 372

קוידענאָווער רבי, ר׳ נחמיה פערלאָוו, 372, 373
קוידענאָווער רבי, ר׳ שלמה־חיים פערלאָוו, 239, 240, 371, 372
קינצקער רבי, ר׳ פנחס׳ל ראַבינאָוויטש, 145, 187
קראָסנער רבי, ר׳ אהרעלע טווערסקי, 165
קראָסנער רבי, ר׳ משה׳לע טווערסקי, 395
קרימילאָווער רבי, ר׳ נתן־נחום ראַבינאָוויטש, 21, 380—388
קשאַנאָווער רבי, ר׳ דוד האַלבערשטאַם, 199, 341

ר

ראַדאָמסקער רבי, ר׳ אברהם־מרדכי ראַבינאָוויטש, 381, 392, 393
ראַדאָמסקער רבי, ר׳ יחזקאל ראַבינאָוויטש, 381
ראַדאָמסקער רבי, ר׳ שלמה ראַבינאָוויטש, 380, 391, 392
ראַדאָמסקער רבי, ר׳ שלמה־חנוך הכהן ראַבינאָוויטש, 389—395, 422
ראַדאָשיצער רבי, ר׳ (ישכר) בער, 396
ראַדאָשיצער רבי, ר׳ ישראל־יוסף פינקלער, 397
ראַדאָשיצער רבי, ר׳ קלמיש פינקלער, 396—399
ראַדזימינער רבי, ר׳ אהרן־מנחם מענדל גוטערמאַן, 144, 148
ראַדזימינער רבי, ר׳ יעקב־אריה, 19, 143
ראַדזינער רבי, ר׳ שמואל־שלמה ליינער, 229, 400—408
ראָוונער רבי, ר׳ אהרן פעטשעניק, 410, 414
ראָזוואַדאָווער רבי, ר׳ אפרים האָראָוויץ, 75, 76
ראָזוואַדאָווער רבי, ר׳ הערשעלע האָראָוויץ, 25, 75, 76
ראָזוואַדאָווער רבי, ר׳ משה האָראָוויץ, 69, 74, 88, 113, 114
ראָזוואַדאָווער רבי, ר׳ משה׳לע האָראָוויץ, 101
ראָזלער רבי, ר׳ יהודה הירש, 02, 303
ראַכמיסטריווקער רבי, ר׳ יוחנ׳טשע טווערסקי, 1, 2
ראַכמיסטריווקער רבי, ר׳ מאָטעלע (מרדכי) טווערסקי, 1, 2
ראַכמיסטריווקער רבי, ר׳ נחום טווערסקי, 2
ראָספשער רבי, ר׳ אברהם־משה וועלטפרייד, 186
ראָספשער רבי, ר׳ עמנואל וועלטפרייד, 187
ראָפשיצער רבי, ר׳ נפתלי־צבי האָראָוויץ, 31, 69, 112, 337, 416
ראַצפירטער רבי, ר׳ שלום־אליעזר האַלבערשטאַם, 199, 415—421
ריבעטיטשער רבי, ר׳ אליעזר שפּיראָ, 75, 77, 78
ריבעטיטשער רבי, ר׳ יהושע שפּיראָ, 72, 75
ריזשינער רבי, ר׳ ישראל פרידמאַן, 12, 24, 28, 54, 58, 113, 194
ריישער רבי, ר׳ מנשה׳לע האָראָוויץ, 75
רימאַנאָווער רבי, ר׳ מענדעלע, 68, 73, 334
ריקיער רבי, ר׳ אלימלך גאָלדבערג, 179, 180

ש

שאָצער רבי, ר׳ יצחק־מאיר האַגער, 30
שאָצער רבי, ר׳ משה האַגער, 29
שילדאָוצער רבי, ר׳ צמח, 392
שידלאָוצער רבי, ר׳ אלימלך־אריה הכהן ראַבינאָוויטש, 422—425
שינאָווער רבי, ר׳ יחזקאל האַלבערשטאַם, 199, 341, 342

אַלגעמיינער זוך-צעטל

א

ר׳ אברהם־יצחק פון צובין, דעם אַלטן אָס־טראָוועצער רבי׳נס פאָטער, 32
הרב ר׳ אהרן שמש, 89
אָדעלע אונגער, זשאַבנער רביצין, 165
גיטעלע אונגער, זשאַבנער רבי׳נס טאָכטער, 165
חיה׳טשע אונגער, זשאַבנער רביצין, 167
לאה׳טשע אונגער, זשאַבנער רבי׳נס טאָכטער, 165
מלכה׳לע אונגער, זשאַבנער רבי׳נס טאָכטער, 165
אָזאַרעניצער רביצין, מלכה־פריידע, 7
אָזאַרעניצער רבי׳נס טאָכטער חנה׳לע, 9, 11
הרב ר׳ יצחק־אייזיק איטינגא, לעמבערגער רב, 23, 48
חיים־ישראל אייז, 61
הרב מנחם־צבי אייכנשטיין, רב הכולל פון סט. לואיס, 212
איטשע איינהאָרן, זשאַבנער רבי׳נס גבאי, 160, 162, 163
איטשע־מאיר אַלטער, ר׳ משה־בצלאל׳ס (דעם גערער רבי׳נס ברודער) עלטסטער זון, 95
מאיר אַלטער, גערער רבי׳נס זון, 95
הרב ר׳ מנחם־מענדל אַלטער, קאַלישער רב, 93
הרב ר׳ נחמיה אַלטער, רב אין לאָדזש, דעם גערער רבי׳נס זון, 93, 95
אָליקער רב, ר׳ משה ראָטנבערג, 15, 212
אָליקער רבי׳נס טאָכטער, מלכה, 15
אַמשינאָווערס רביצין, איטע־טויבע קאַליש, 146
אַנטאָנאָווקער רב, ר׳ יצחק׳ל פעטשעניק, 89
אַנטאָנאָווקער רביצין, בת־שבע, 89
אַנטאָנאָווקער רבי׳נס טאָכטער, פריידל פעטשעניק, 89
אַנטעניער רביצין, דבורה־לאה, 26
אַנטעניער רבי׳נס טאָכטער, פעסיע־לאה, 26, 27
אַנטעניער רבי׳נס טאָכטער צפורה, 26
אָסטראָווצער רביצין, ביילע־מרים, 36
אָסטראָווצער רבי׳נס זון, ר׳ יעקב, 36
בנימין אָרנשטיין (פון דער שארית־הפליטה), 339
הרב ר׳ לייבוש אַלפערט, וואָסלאָווער רב, 64, 65
יצחק אַלפסי, 212, 219, 361, 386, 397
דוד אַפּלבוים (פון דער שארית־הפליטה), 35
אָשוויענטשימער רב, הרב ר׳ אליהו ראָמבאָך, 349

ב

באָבאָווער רבי׳נס זון, ר׳ חיים־יהושע האַל־בערשטאַם, 51
באָבאָווער רבי׳נס זון ר׳ משה־אהרן האַלבער־שטאַם, 44
באָבאָווער רבי׳נס איידעם, ר׳ שלמה רובין, 44
באָבאָווער רבי׳נס איידעם, ר׳ משה סטעמפּל, 44
באָיאַנער רביצין, מרים, 59
באַרדיוער רב, ר׳ משה האַלבערשטאַם, 48
משה באַרוכאָוויטש (פון דער שארית־הפליטה), 340
אַלטער בוימגאַרטן, 20
שואל׳קע בוימגאַרטן, 20
בוקאָווסקער רביצין, בינע שפּיראָ, 70
בוקאָווסקער רבי׳נס זון, ר׳ הערש (צבי) אלימלך שפּיראָ, 71
בוקאָווסקער רבי׳נס זון, ר׳ משה שפּיראָ, 71
בוקאָווסקער רבי׳נס טאָכטער, רחל־מינע פּרע־סער, 71
בורשטינער רבי׳נס זון, ר׳ יצחק בראַנדוויין, 191
בורשטינער רבי׳נס זון, ר׳ משה בראַנדווייַן, 191
יעקב מאיר בידערמאַן, גערער רבי׳נס איידעם, 93, 95
אסתר בידערמאַן, די רביצין פון ר׳ יעקב בידערמאַן, 95
חיים־נחמן ביאַליק, 41
בילגורייער רב, ר׳ מאָטעלע רוקח (בעלזער רבי׳נס ברודער) 83, 201

אַלגעמיינער זוך־צעטל

ר׳ יוסף־לייב פון ביעלאַצערקאָוו, 167, 168
ד״ר מ. בייגיל, 87
אבנר בינענטאַהל, 312
ד״ר שלמה ביקל, 130
אלימלך בן־פורת, 312
ר׳ בנימין, 41
י. בנימיני, 269
הרב ישכר־בער בערגמאַן, 308
בלאָזשעווער רביצין, פערל, 76, 160
בלאָזשעווער רבינס טאָכטער, מינדעלע ראַפּאָפּאָרט, 76
בלאָזשעווער רבי״נס איידעם שואל ראַפּאָפּאָרט, 76
בלאָזשעווער רבי״נס זון, ר׳ יוסף שפּיראָ, 75
בלענדאָווער רבי, ר׳ יעקב־צבי, 106
בעלזער רביצין, מלכה רוקח, 81
נחמן בלומענטאַהל, 408
י. בן־זכאי, 274
בעלזער רבי״נס ברודער, ר׳ יהושעלע רוקח, 81
בעלזער רבי״נס ברודער, ר׳ שלום רוקח, 83
בעלזער רבי״נס זון, ר׳ משה׳לע רוקח, 80
בעלזער רבי״נס איידעם, ר׳ ישעיה־זישא, 81
בעלזער רבי״נס איידעם, ר׳ ישראל, 81
בעלזער רבי״נס איידעם, ר׳ משה־אליקים בריעה, 81
בעלזער רבי״נס איידעם, ר׳ שמואל פרענקעל, 81
בענדינער רב, ר׳ חנוך־הערש הכהן (דעם גערער רבי״נס איידעם), 93
יחזקאל בעסער, 393
מאַקס בראָד, 90
הרב י. א. בראַמבערג, 241, 249
בריסקער רב, ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק, 243
בריסקער רב, ר׳ יוסף־בער סאָלאָווייטשיק, 243
ברעזשניצער רב, ר׳ משה, 89
ברעזנער רביצין, הינדע־פערל פעטשעניק, 85

ג

יצחק גאכנאַכט, 339, 340
י. גאָלדשטיין, 408
ישראל גוטווירט (פון דער שארית־הפליטה), 282, 292
שאול גינזבורג, 194
הרב ר׳ שמואל־שמעלקא גינצלער, ווישיווער רב, 132
ישראל גלאָבערמאַן, סטאָלינער רבי״נס גבאי, 365, 366
יעקב גלאַטשטיין, 339
געכניער רב, ר׳ יחזקאל ווייצמאַן, 138
מנחם געלערנטער, 192
הרב ר׳ שמחה געלערנטער, קלימענטאָווער רב, 229
גערער רבי״נס עלטסטער זון, ר׳ מאיר אַלטער, 95
גערער רבי״נס זון, ר׳ נחמיה אַלטער (רב אין לאָדזש), 93, 95
גערער רבי״נס איידעם, ר׳ יעקב־מאיר בידערמאַן, 93, 95
גערער רבי״נס משמש, ר׳ בונם לייבל, 95
ר׳ יהושע גערסטעל פון לעמבערג, 52
גראָדזשיסקער רבי״נס זון, ר׳ דוד האָראָוויץ, 100
גראָדזשיסקער רבי״נס זון, ר׳ משה האָראָוויץ, 100
הערשל גרינבערג (פון דער שארית־הפליטה), 8
הרב ר׳ אליעזר־דוד גרינוואַלד, ווישיווער רב, 133
מ. ש. גשורי, 153, 156, 412

ד

יחיאל דאַנציקער, גראָדזשיסקער רבי״נס איידעם, 21
דאָמבראָוויצער רב, ר׳ יעקב זאַלצמאַן, 89
דזשיקאָווער רבי, ר׳ מענדעלע האָראָוויץ, 116
דזשיקאָווער רבי״נס טאָכטער, דבורה האָראָוויץ, 116
ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי, 375

ה

הרב ר׳ אברהם־יהושע העשל (פון דער שארית הפליטה), 118, 120, 121
בלומע־חנה האַגער, האָראָדענקער רביצין, 129
הרב ברוך האַגער, האָראָדענקער רבי״נס זון, 128
מענדעלע האַגער, ווישיווער רבי״נס זון, 141
מרים האַגער, ווישיווער רביצין, 141

אַלגעמיינער זוך־צעטל

צפורה האַגער־ווייס, ווישיוער רבי׳נס טאָכ־טער, 141
שיינדעלע האַגער, ווישיוער רביצין, 141
הרב ר׳ יצחק־דוד הכהן, זשיכלינער רב, 179, 180
הרב ר׳ דוד האַלבערשטאַם פון סאָסנאָוועצ (ראַדאָמסקער רבי׳נס איידעם), 18, 384
חיים־יהושע האַלבערשטאַם, באָבאָווער רבי׳נס זון, 51
הרב ר׳ יחזקאל האַלבערשטאַם, טשיכוויווער רבי׳נס זון, 44
הרב ר׳ משה האַלבערשטאַם, בארדיווער רב, 44
משה־אהרן האַלבערשטאַם, באָבאָווער רבי׳נס זון, 44
ביילע־מרים האַלמשטאַק, אָסטראָווצער רביצין, 36
יעקב האַלמשטאַק, אָסטראָווצער רבי׳נס זון, 36
הרב ר׳ מלך האַלמשטאַק, נאַשעלסקער רב, 36
הרב חנוך־הערש הכהן (גערער רבי׳נס איידעם), 93
האָראָדענקער רבי׳נס זון, ר׳ ברוך האַגער, 128
האָראָדענקער רביצין, בלומע־חנה האַגער, 129
הרב ר׳ אברהם־אבא האָראָוויץ, קראָלער רב, 309
אַלטע־חיה האָראָוויץ, ראָזוואַדאָווער רביצין, 245
גנענדל האָראָוויץ, ראָזוואַדאָווער רביצין, 25
דבורה האָראָוויץ, דזשיקאָווער רבי׳נס טאָכטער, 116
דוד האָראָוויץ, גראָדזשיסקער רבי׳נס זון, 100
הרב ר׳ טוביה האָראָוויץ, סאָניקער רב, 75
הרב ר׳ מענדעלע האָראָוויץ, דזשיקאָווער רב, 116
משה האָראָוויץ, גראָדזשיסקער רבי׳נס זון, 100
הרב ר׳ עזריאל האָראָוויץ, לובלינער רב, 184
האַרמיליוער רב, ר׳ יעקב ווידנפעלד, 23
קלמן הייזלער, 288, 349
הרב ר׳ חיים־משה העכטמאַן, 89
אברהם הענדל (פון דער שארית־הפליטה), 257, 317, 383
הרב ר׳ יצחק־אייזיק הלוי הערצאָג, רב הראשי פון מדינת ישראל, 109, 110
הערשעלע דישקעס פון אפּאָטשנע, 142
הרב ר׳ ראובן הכהן, פון ווילנע, 369, 370, 374

ו

ר׳ חיים־יצחק וואַלגעלערנטער (אָסטראָווער רבי׳נס תלמיד), 37, 38
וואָסלאָווער רב, ר׳ לייבוש־בער אַלפּערט, 64, 65
יעקב וואַפּיאַנסקי, אַליקער חזן, 16
הרב ר׳ חיים־אליעזר וואַקס, קאַלישער רב, 18
וויזשניצער רבי׳נס טאָכטער, שיינדעלע, 129
הרב ר׳ חיים ווידענפעלד, האַרמילינער רב, 23
הרב ר׳ יואב־יהושע ווינגאַרטן, קינצקער רב, 155
פּראָפ. דוד ווייס, 135, 141
אברהם וויסבראָד (פון ניו־יאָרק), 234
הרב ר׳ דוד וויסבראָד־הלחמי, 19, 251, 296
י. מ. ווייסנבערג, 179
הרב ר׳ יחזקאל וויצמאַן, געכניער רב, 192
ר׳ יוסף יום־טוב ווירצבורגער, 64, 65
יואל וולאַדאָווע (פון דער שארית־הפליטה), 383
ווישיוער רב, ר׳ אליעזר־דוד גרינוואַלד, 133
ווישיוער רב, ר׳ חנוך זינדל, 132
ווישיוער רב, ר׳ יוסף יוספא, 132
ווישיוער רב, ר׳ שמואל־שמעלקא גינצלער, 132
ווישיוער רביצין, מרים האַגער, 141
ווישיוער רביצין, שיינדעלע האַגער, 141
ווישיוער רבי׳נס זון, ר׳ מענדעלע האַגער, 141
ווישיוער רבי׳נס טאָכטער, צפורה האַגער־ווייס, 141
ווישקאָווער רב, ר׳ דוד־שלמה מאָרגנשטערן, 145
ליפּמאַן וועלצער, 26
וועגראָווער רב, ר׳ מנחם־מענדל מאָרגנשטערן, 259, 263

ז

זאַוויכוואָסטער רב, ר׳ שמעון פּערלאָוו, 233
זאַווירטשער רב, ר׳ שלמה־אלימלך ראַבינאָוויטש, 382, 385

אַלגעמיינער נאָמען־צעטל

ר׳ שמעון זיידע, באַיאַנער רבי׳נס קוויטל־שרייבער 56
זאַלאָשיצער רבי׳נס ברודער, ר׳ זיידע־משה חיים קלינגבערג, 152
זאַלאָשיצער רבי׳נס זון, ר׳ משה קלינגבערג, 151
הרב ר׳ יעקב זאַלצמאַן, דאָמבראָוויצער רב, 89
שמואל זביטקיווער, 407
זוואָלינער רבי׳נס זון, ר׳ פנחס־אליהו לייב, 157
זוואָלינער רבי׳נס זון, ר׳ שמואל־יצחק טויב, 157
זוואָלינער רבי׳נס איידעם, ר׳ אלימלך ליפשיץ, 157
זוואָלינער רבי׳נס איידעם, ר׳ בן־ציון סאָקאָלאָווער, 157
ד״ר הלל זיידמאַן, 274, 394
ד״ר ש. זך, 274
זשאַבנער רביצין, אַדעלע אונגער, 165
זשאַבנער רביצין, חיה־טשע אונגער, 167
זשאַבנער רבי׳נס טאָכטער, גיטעלע אונגער, 165
זשאַבנער רבי׳נס טאָכטער, לאה־טשע אונגער, 165
זשאַבנער רבי׳נס טאָכטער, מלכה־לע אונגער, 165
זשאַבנער רבי׳נס גבאי, ר׳ איטשע איינהאָרן, 160, 161, 162, 163
זשיכלינער רב, ר׳ יצחק־דוד הכהן, 179, 180
זשיכלינער רבי׳נס ברודער, ר׳ יהושע זשיכלינסקי, 178
זשיכלינער רבי׳נס זון, ר׳ מאיר זשיכלינסקי, 178
זשיכלינער רבי׳נס זון, ר׳ משה־נתנאל זשיכלינסקי, 178
יהושע זשיכלינסקי, זשיכלינער רבי׳נס ברודער, 178
מאיר זשיכלינסקי, זשיכלינער רבי׳נס זון, 178
משה־נתנאל זשיכלינסקי, זשיכלינער רבי׳נס זון, 178

ט

הרב ר׳ אברהם טווערסקי, 112, 197
הרב ר׳ אהרן טווערסקי, 7, 8, 11
אהרן טווערסקי, לובלינער־טריסקער רבי׳נס זון, 112
ר׳ משה טויב (פון כפר עטא), 153
פנחס־אליהו טויב, זוואָלינער רבי׳נס זון, 151
שמואל־יצחק טויב, פוואָלינער רבי׳נס זון, 155
ר׳ משולם איגרא פון טיסמעניץ, 132
יוסף־חיים טיסער, 78
אַלעקס טורנער (פון דער שארית־הפליטה), 386
הרב ר׳ יהושע׳לע טרונק, קיטנער רב, 18
הרב ר׳ יצחק־יהודה טרונק, 266
טשיכוויוער רבי׳נס זון, ר׳ יחזקאל האַלבערשטאַם, 44
ח. טשעמערינסקי, 329

י

ר׳ פסח יאַוואָרניקער, 73
ר׳ ישעיה־זושא, בעלזער רבי׳נס איידעם, 18
הרב ר׳ יהושע־העשל חזקיה יוסטמאַן (איינער פון די רבנים אין לאָדזש), 324
הרב ר׳ אפרים הכהן יאָלעס, אין פילאַדעלפיע, 289, 293
הרב ר׳ ברוך ישר (שליכער), 350
יהודה־לייב לעווי, יהל״ל, 331

כ

פראָפ. אברהם י. כ״ץ, 406

ל

חיים לאַם, פון טלומאַטש, 191, 192
מ. לובלין (פון דער שארית־הפליטה), 145
לובלינער רב, ר׳ מאיר שפּירא, 4, 60
לובלינער רב, ר׳ עזריאל האָראָוויץ, דער „אייזערנער קאָפּ״, 184
לובלינער־טריסקער רבי׳נס זון, ר׳ אברהם טווערסקי, 112
לובלינער־טריסקער רבי׳נס זון, ר׳ אברהם טווערסקי, 112
ר׳ יעקב פון ליסע, 18
ר׳ מרדכי ליסקאָווסקי (באָיאַנער רבי׳נס גבאי), 56
אלימלך ליפשיץ, 108
יהודה־לייב לעווין, 310

ד״ר ז. לעווינבוך (פון דער שארית־הפליטה), 278, 279
איטשע לעזער, פון לעמבערג, 44
לעמבערגער רב, ר׳ יצחק־אהרן איטינגא, 23, 48
לעמבערגער רב, ר׳ יצחק שמעלקעס, 24, 48
לעמבערגער רב, ר׳ יוסף־שאול נאַטאַנזאָן, 284

מ

מאָדזשיצער רבי׳נס איידעם, ר׳ יחיאל דאַנ־ציקער, 21
מענדל מאַן, 89
פּראָפ. בער מאַרק, 312
ד״ר אהרן מאַרקוס, 27, 60
ישראל מאַרקוס, 61
אהרן מגיד, 138
אלימלך־יהודה מאָרגנשטערן, ראַדאָמסקער רבי׳נס זון, 145
בנימין מאָרגנשטערן, ראַדזימינער רבי׳נס זון, 145
הרב ר׳ בינמין־פּלטיאל מאָרגנשטערן, סטוד־רינער רב, 264, 165
הרב ר׳ ישראל־יצחק מאָרגנשטערן, סעראָצ־קער רב, 145
הרב ר׳ מרדכי מאָרגנשטערן, סקאַרזשינסקער רב, 145
הרב ר׳ משה מאָרגנשטערן, ראַדזימינער רבי׳נס זון, 145
הרב ר׳ מנחם־מענדל מאָרגנשטערן, ווענגראָ־ווער רב, 259, 263
הרב ר׳ דוד מאָרגנשטערן, 145
הרב ר׳ משה אליקים בריעה, בעלזער רבי׳נס איידעם, 81

נ

נאָוואָמינסקער רב, ר׳ יחיאל־מיכל ראַבינאָ־וויטש, 245, 246
הרב ר׳ יוסף־שאול נאַטאַנזאָן, לעמבערגער רב, 284
נאַשעלסקער רב, ר׳ מלך האַלמשטאָק, 36
חיים־יהושע ניימאַן (פון דער שארית־הפליטה), 385

ס

הרב ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק, בריסקער רב, 243
הרב ר׳ יוסף־בער סאָלאָווייטשיק, בריסקער רב, 243
סאָניקער רב, ר׳ טוביה האַראָוויץ, 75
חיה׳לע סאַפּרין, קאָמאַרנער רביצין, 351
מענדעלע סאַפּרין, קאָמאַרנער רבי׳נס זון, 20
שיינדל סאַפּרין, קאָמאַרנער רביצין, 351
סאַרנער רב, ר׳ יוסף פּעטשעניק, 87
סאַרנער רב, ר׳ אהרן קינצע, 89
פּראָפ. דוב סדן, 192
סטאָלינער רבי׳נס זון, ר׳ אשר פּערלאָוו, 270
סטאָלינער רבי׳נס גבאי, ר׳ ישראל גלאָבער־מאַן, 365, 366
בן־ציון סאָקאָלאָווער, זוואָלינער רבי׳נס איידעם, 157
סיגעטער רב, ר׳ מנחם שטיין, 132
סטעדרינער רב, ר׳ בנימין־פּלטיאל מאָרגנ־שטערן (סאָקאָלאָווער רבי׳נס זון), 264, 265
משה סטעמפּל, באָבאָווער רבי׳נס איידעם, 44
סעראָווער רב, ר׳ משה־יצחק, 89
סעראָצקער רב, ר׳ ישראל־יצחק מאָרגנשטערן, 145
סקאַרזשינסקער רב, ר׳ מרדכי מאָרגענשטערן, 145
סקערניעוויצער רבי׳נס זון, ר׳ אברהם, 219
מרדכי עבערשטיין (פון דער שארית־הפליטה), 101, 164, 165

פ

אינזשיניר לייזער פּאָלאַנסקי (פון דער שארית־הפליטה), 281
פּיאַסעטשנער רבי׳נס זון, ר׳ אלימלך בן־ציון שפּיראָ, 314, 316
יצחק פּאַרבער, 20
יוסף פוקסמאַן, 280, 369, 373, 376, 377
פייגעלע דעם רב׳ס, 377, 379
לייב פיינגאָלד (פון דער שארית־הפליטה), 274
משה פיינקינד, 104, 169, 183
מאַקס פייער (פון דער שארית־הפליטה), 25, 192

אברהם פינקלער, ראַדאָשיצער רבי׳נס זון, 396, 398, 399
בערל פינקלער, ראַדאָשיצער רבי׳נס זון, 396, 398
יצחק פינקלער, ראַדאָשיצער רבי׳נס זון, 396, 398
משה פישמאַן, 181
משה פלעשער (פון דער שארית־הפליטה), 25
הרב ר׳ אהרן פּעטשעניק, ברעזענער רבי׳נס זון, 95
הינדע פּעטשעניק, ברעזענער רביצין, 85
הרב ר׳ יוסף פּעטשעניק, סאַרנער רב, 87
יצחק פּעטשעניק, אַנטאָנאָווקער רב, 89
פריידל פּעטשעניק, אַנטאָנאָווקער רבי׳נס טאָכ־טער, 89
אשר פּערלאָוו, סטאָלינער רבי׳נס זון, 270
פּערעלע פּערלאָוו, קוידענאָווער רביצין, 375, 376
הרב ר׳ שמעון פּערלאָוו, זאַוויכוואָסטער רב, 233
פּערעלע, קאָזשעניצער מגיד׳ס טאָכטער, 104
רחל־מינע פּרעסער, בוקאָווסקער רבי׳נס טאָכ־טער, 71
אהרן פרידנטאַל (פון דער שארית־הפליטה), 35
הרב ר׳ איסר פּרענקל, 408, 409

צ

סאָלאָמאָן צאָם, 13
מ. צוקערמאַן, 212
אסתר־לאה ציקלער, 174

ק

קאָברינער רבי׳נס טאָכטער, שבע׳לע, 83
לאַזאַר קאַהאַן, 315
קאָזשעניצער מגיד׳ס טאָכטער, פּערעלע, 104
איטע־טויבע קאַליש, אַמשינאָווער רביצין, 146
קאַלישער רב, ר׳ חיים־אליעזר וואַקס, 18
קאַלישער רב, ר׳ מנחם־מענדל אַלטער, 93
קאָמאַרנער רביצין, חיה׳לע סאַפּרין, 351
קאָמאַרנער רביצין, שיינדל סאַפּרין, 351
קאָמאַרנער רבי׳נס זון, ר׳ מענדעלע סאַפּרין, 20
יצחק קאַצענעלסאָן, 406, 407
ר׳ צבי־הירש פון קוזמיר, 153, 154
קוטנער רב, ר׳ יהושע׳לע, 18
קוטנער רב, ר׳ יצחק־יהודה טרונק, 266
קוידענאָווער רביצין, פּערעלע פּערלאָוו, 375, 376
אברהם קופּערמאַן, 194, 195
קלימענטאָווער רב, ר׳ שמחה געלערנטער, 229
בתיה קעמפּינסקי־ליבערמאַן (פון דער שארית־הפליטה), 272, 273
הרב ר׳ יהושע קעניגסבערג (פון דער שארית־הפליטה), 187, 188
הרב ר׳ אהרן קינצע, סאַרנער רב, 89
קינצער רב, ר׳ יואב־יהושע ווײנגאַרטן, 155
ר׳ זיידע משה־חיים קלינגבערג, זאַלאָשיצער רבינס ברודער, 152
הרב ר׳ משה קלינגבערג, זאַלאָשיצער רבי׳נס זון, 151
קראָלער רב, ר׳ אברהם־אביש האָראָוויץ, 309
קרימילאָווער רבי׳נס זון, ר׳ אברהם ראַבינאָ־וויטש, 21
קרימילאָווער רבי׳נס זון, ר׳ דוד־משה ראַבי־נאָוויטש, 387, 389, 393

ר

ד״ר זאב ראַבינאָוויטש, 87, 270, 271, 274, 331
אברהם ראַבינאָוויץ, קרימילאָווער רבי׳נס זון, 21
רחל׳ע ראַבינאָוויטש, שידלאָווער רביצין, 423
ראַדאָשיצער רבי׳נס זון, ר׳ אברהם פינקלער, 396, 398, 399
הרב יחיאל־מיכל ראַבינאָוויטש, נאָוואָמינסקער רב, 245, 246
הרב ר׳ שלמה־אלימלך ראַבינאָוויטש, 382, 385
ראַדאָשיצער רבי׳נס זון, בערל פינקלער, 396, 398
ראַדאָשיצער רבי׳נס זון, יצחק פינקלער, 396, 398
ראַדזימינער רבי׳נס זון, ר׳ אלימלך־יהודה מאָרגנשטערן, 145
ראַדזימינער רבי׳נס זון, ר׳ בנימין מאָרגנ־שטערן, 145
ראַדזימינער רבי׳נס זון, ר׳ משה מאָרגנשטערן, 145
ראָזוואַדאָווער רבינס טאָכטער, גנענדל, 25

אַלגעמיינער זוך־צעטל

ראָזוואַדאָווער רביצין, אלטע־חיה האָראָוויץ, 100
ראָזוואַדאָווער רביצין, מרים האָראָוויץ, 395
יוסף ראָזנזאַפט, 251
הרב ר׳ אפרים־אשר הלוי ראָטנבערג, 11
הרב ר׳ שלמה ראָטנבערג, אָליקער רב, 15
לייב ראָכמאַן, 408
הרב ר׳ אליהו ראָמבאַך, אָשוויענטשימער רב, 349
אהרן ראַפּאָפּאָרט, 18
יעקב־שמחה ראַפּאָפּאָרט, 18
שואל ראַפּאָפּאָרט, בלאָזשעווער רבי׳נס איי־דעם, 76
ראַצפירטער רבי׳נס זון, ר׳ משולם־זישע האַלבערשטאַם, 417, 420
רובאַשאָווער רב, ר׳ יוחנן (בעלזער רבי׳נס שוואָגער), 18
שלמה רובין, באָבאָווער רבי׳נס איידעם, 76
ר׳ יהושע רוקח, בעלזער רבי׳נס ברודער, 81
מלכה רוקח, בעלזער רביצין, 18
משה׳לע רוקח, בעלזער רבי׳נס זון, 80
הרב ר׳ שלום רוקח, בעלזער רבי׳נס ברודער, 80
ריבעטיטשער רבי׳נס טאָכטער, חנה׳לע האַל־בערשטאַם, 77
ריקער רב, ר׳ אשר־אלימלך שפּיראָ, 75
חיים רעיבינס, 245

ש

שלום שוואַרצבאָרד, 43
ישראל שוואַרצמאַן, 280
הרב ר׳ מנחם שטיין, סיגיטער רב, 132
ד״ר שמעון שטיין, 7, 9
יהושע שטיינפעלד (פון דער שארית־הפליטה), 422, 423, 424, 425
שידלאָווער רביצין, רחל׳ע (ראָכטשע) ראָבי־נאָוויץ, 423
ר׳ מרדכי שיינפעלד (פון פינטשעוו, סאָקאָלאָ־ווער רבי׳נס שווער), 260
ש. שלום, 274
שלמה שמידט, 343, 344, 345, 346
נ. שמן, 31
הרב ר׳ יצחק שמעלקעס, לעמבערגער רב, 24, 48
פּראָפ. פישל שניאורסאָן, 429
ד״ר יוסף שעכטמאַן, 122, 130
ר׳ אלימלך שפּיראָ, 20, 312
הרב ר׳ אלימלך בן־ציון שפּיראָ, פּיאַסעטש־נער רבי׳נס זון, 314, 316
בינע שפּיראָ, בוקאָווסקער רביצין, 70
הרב ר׳ הירש־אלימלך שפּיראָ, בוקאָווסקער רבי׳נס זון, 71
יוסף שפּיראָ, בלאָזשעווער רבי׳נס (ר׳ מאיר־טשעס) זון, 75
הרב ר׳ ישעיה שפּיראָ, 90, 312, 313, 350
הרב ר׳ מאיר שפּיראָ, לובלינער רב, 4, 60
משה שפּיראָ, 44
פּערל שפּיראָ, בלאָזשעווער רביצין, 76, 160
ש. ז. שרגאי, 406

ספרים, ביכער און פעריאָדיקס

א

אהלי שם, 151
אומקום און אויפקום, בערגען־בעלזען, 1945־1965, 151
אונזער וואָרט, 16
אונזער וועג, 408
אור המאיר, 4
אור למאיר, 74
אור מלא, 359
אור זרוע, 274, 365
אור חיים, 19
אור תורה, 32, 33
אלה אזכרה, 3, 60, 156, 175, 187, 200, 219, 261, 271, 273, 299, 338, 383, 394, 404, 418
אמונת ישראל, 107, 110
אמרי אלימלך, 106
אמרי נועם, 26, 132
אמת ליעקב, 106
אנציקלופדיה של גלויות, 211
ארזי הלבנון, 19, 199, 351
אש קודש, 313, 314, 317, 318

ב

באר מים חיים, 13
בדרך, 280
בית יעקב (זשורנאַל), 21, 35, 383
ספר בית ספינקה, 310
ספר בית קומרנה, 350
בית שלמה (שו״ת), 132
ספר ברנוביץ, 278

ג

גדולת מרדכי, 12
גוטע יידן אין פוילן, 104, 169, 183

ד

דאָס ליד פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק, 406
דבר אלימלך, 106
דברי חן, 83
דברי חנה, 343
דברי חיים, 45, 47
דברי שלום, 240
דגל תורה (זשורנאַל), 138
דער פוילישער ייד, 340
דברי משה, 28, 62
די חסידישע וועלט, 407
דרכנו, 129

ה

ספר האדמורי״ם, 201, 219, 386
החסידות הליטאית, 87, 270, 271, 274, 331
ספר היחוס מטשרנוביל, 212
ספר היכל קוצק, 257
היסטאָרישע ווערק, 194
הניגון והריקוד בחסידות, 412
הסבא הקדוש, 397
הפתרון הסופי, 125
הצופה (טאָג־צייטונג), 274
ספר הרבי מקוצק וששים גבורים סביב לו, 145, 148

ו

וואַרשעווער יידן, 408

ז

זכרון מאיר (קונטרס), 18
זכרון ספר, 331
יזכור־בוך זשעליכאָוו, 181
יזכור־בוך פון דער זשעליכאָווער יידישער קהילה, 349

ח

חובת תלמידים, 17
חוות דעת, 18
ספר חורבן אָטוואָצק, פאלעניץ, קארטשעוו, 339

ספרים, ביכער און פעריאָדיקס

חלקת יואב, 155
חסידות ספינקה ואדמו״ריה, 306, 309
חקל יצחק, 310

ט

טל חיים, 25

י

יד שלום (שו״ת), 162
ידיעות (אונטערערדישע צייטונג אין וואַרשע־
וער געטאָ), 406
ייוו״א־בלעטער, 122, 127
יחידי סגולה, 408
ישע״י ח״י, 25
ישמח ישראל, 18, 19, 21

ל

להבת אש, 170, 177

מ

מאיר עיני חכמים, 37
מאָרגן־זשורנאַל, 36, 108, 274, 339
מגדולי התורה והחסידות, אדמו״רי נסכיז,
לכוביץ, קוידנוב, נובומינסק, 241, 249
מגילת יסורין, 406
מגן אברהם, 194
מחשבת הקודש, 62
מלחמת מצוה, 48
מראה יחזקאל, 60
משיב נפש, 132, 133

נ

ספר נגינה וחסידות בבית קוזמיר, 153, 156
נימוקי חיים, 25
נפש חיה, 19
נפש חיים, 26
נפש ישע״י, 26

ס

סיני (זשורנאַל), 375
ספר זכרון סטאלין, 269, 272, 274

ע

עטרת יהושע, 115, 187
עלי עונג שבת, 41
עסייען פון יידישן טרויער, 130
עקדת יצחק, 21
ערים ואמהות בישראל, 192

פּ

פרי יהושע, 212
פשיסכע און קאָצק, 228

פֿ

פאָרווערטס, 315

צ

צבי לצדיק, 75, 77, 78
צמח צדק, 131

ק

קדושת ציון, 51
קדשי יחזקאל, 37
ספר קוברין, 326, 332
קרן לדוד, 133
קרן יהושע, 72, 75

ר

ספר רדזין (יזכור־בוך), 408
רשומות, 329

ש

שבחי כהן, 393
שואל ומשיב (שו״ת), 284
ספר שירים (פון ש. שלום), 274
שם שמעון (תורה־זשורנאַל) 215

ת

תורת כהן, 144
תפארת שבמלכות, 64, 135, 361
תפארת שמואל, 19, 20

דאָס בוך „ספר קדושים“ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן
מיט דער הילף פון פאָלגנדיקע פריינט:

קאַראַקאַס, ווענעזועלאַ

דוד און מרים ווייס
יעקב און סאָפיאַ מישקין
ד"ר לעאָ וויזנפעלד
פייוול און אריה בירנבוים
ט. דאַך
משה דים
אברהם הירשביין
עזרא הירשביין
זאָלטאַן גאַספּאַר
ווילי יעגערמאַן
מרדכי מאַרקוס
ראובן מרגלית
קלמן פרעשל־מעלצער
שלמה ניוואַש
ניסן שפּירא־ניוואַש
מרדכי פייערמאַן
מ. פריילין
בצלאל קעסלער
יצחק־אייזיק קאַרפעל
לייב שניידערמאַן

מעקסיקאָ

די קהלה „נדחי ישראל“
מרדכי קאָראָנאָ
שמשון פעלדמאַן
הערשל (צבי) און שרה יונגסטער
זייוול און גוטשע ביעלאַק
בנימין צמח
אברהם טשעלמינסקי
פרוי טשעלמינסקי
לעאָן און פּאָלאַ ביאַליק
משה אַלבין און פרוי
פסח סיגעל און פרוי
שרה און חנה טראָטנער
באָריס סיגאַל און פרוי
אברהם און פייגע גערסאָן
יוסף גערסאָן
ישעיהו ברוסי
יצחק־מאיר וויסבראָד
הירש גאָלדבראָד
קלמן לאַנדאָ
אליהו זאַקס און פרוי
מאַקס און טערעסאַ גאָלדשמיד
יעקב פלאַשנער

ניו־יאָרק

סעם שפּיגל
י. פעלד
נתן ווארשע
יעקב בראַון